STEVEN SPIELBERG
DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 18977

VENESUELA

Simon Guberek

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-18977-4

D:\YIDDISH\TITLES\9780657189778T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT
(413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT
NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET,
AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

שמעון גובערעק

ווענעסועלאַ

אַ יידישער
מוסטער-ישוב
אויפן לאַטיין-
אַמעריקאַנער
קאָנטינענט

שמעון גובערק

☆

װענעסועלאַ

שמעון גובערעק

שמעון גובערניק

ווענעסועלאַ

אַ יידישער מוסטער־ישוב
אויפֿן
לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט

פֿאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אביב 1978 — תשל"ט

SIMON GUBEREK

VENEZUELA

A MUSTER-ISCHUW OIFN LATAIN-AMERIKANER KONTINENT

Copyright by Simón Guberek

Apartado Aéreo 80192
Bogotá 6
Colombia

©

Impreso en Israel
Printed en Israel

Este libro se terminó de imprimir el veinticinco de setiembre de 1978 en los Talleres Gráficos DFUS "OR" BEAM, Sderoth Har-Zión 104, Teléfono 822481. Tel-Aviv — Israel

דער געזעלשאַפטלעכער בוך־קאָמיטעט:

יעקב און סאָפיאַ מישקין

יוסף און סורצע לערנער

אירווינג קריס

קלאַראַ און לעאָן שניידערמאַן

הילאַ אַספעלד

ד״ר לעאָן קלאַר

רעבעקאַ עפּעלבוים

ד״ר לעאָן וויזענפעלד

ווילי יעגערמאַן

זאָלטאַן גאַספּאַר

סאַמועל קולאַ־ראַזענבלאַט

סאַמועל מעלער

הערש קליינערמאַן

ראַקעל שמעלצער־קערן

ד״ר ראובן מערענפעלד

העלאַ און מאַקסימאַ שלעזינגער

קאַפּל גרושקע

און

מאַקס (מרדכי) פריילין

אַרײַנפֿירוואָרט

דער דערפֿאָלג פֿון מיין ערשט בוך „אַ ייד אין קאָלאָמביע", וואָס איז, אין דער שפּאַנישער איבערזעצונג, דערשינען אונטערן נאָמען: „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד", האָט געהאַט אַ גוטן אָפּקלאַנג אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, און נישט קיין אַנדערער ווי אַלבערטאָ ליעראַס קאַמאַרגאָ, צוויי מאָל פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק, איינפֿלוסרייכער פּאָליטיקער און רעדאַקטאָר פֿון „וויסיאָן" — די העכסטע ליטעראַריש־פּובליציסטישע טריבונע אויפֿן קאָנטינענט — האָט געשריבן, אַז יידן האָבן נישט נאָר „געזען וואַקסן" דאָס לאַנד, נאָר זיי האָבן זייער פֿיל בייגעטראָגן פֿאַרן וווּקס; זיי זענען נישט געווען קיין פּאַסיווע צושויער, נאָר אַקטיווע בויער פֿון ווילשטאַנד און פּראָגרעס פֿון לאַנד, אין וועלכן זיי האָבן דורכגעפֿירט „אַ פֿרידלעכע יידישע רעוואָלוציע", און מיט זייער פֿלייס, אויסדויער און אונטערנעמערישן גייסט, פֿיל בייגעטראָגן פֿאַר דער סאָציאַלער און אינדוסטריעלער אַנט־וויקלונג פֿון די פֿעלקער, צווישן וועלכע זיי לעבן.

איך האָב אין דעם בוך מיט אויפֿריכטיקער באַשיידנקייט דערציילט וועגן מיינע „גרינע" יאָרן, ווען מיט אַ פּעקל אויפֿן פּלייצע האָב איך יאָרן־לאַנג אויסגעטראָטן אַלע גאַסן און וועגן פֿון לאַנד, און נאָכדעם געשאַפֿן אַ קליין וואַרשטאַטל פֿון וועלכן עס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אַ פֿאַבריק... און ליעראַס קאַמאַרגאָ, דער הומאַניסט און ליבעראַל, האָט פֿון דעם געמאַכט דעם אויספֿיר, אַז די יידן האָבן מיט זייער פּעדלערײַ־סיסטעם אונטערגעיאָגט דעם פּראָצעס פֿון אַן **עקאָנאָמישער רעוואָלוציע**, וואָס האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַ טיפֿע איבערקערעניש אין דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סטרוקטור פֿון דער דעמאָלטיקער קאָלאָמביע. ער האָט דעם אויפֿטו פֿון יחיד אידענטיפֿיצירט מיטן כלל, און האָט דערהויבן די חשיבות פֿון די יידישע ישובים, וואָס האָבן דורכגעפֿירט „פֿרידלעכע רעוואָלוציעס" אין די לענדער פֿון אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

האָט די לאַטיין־אַמעריקאַנער אָפּטיילונג פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס צוגעטיילט דעם אוהב ישראל אַ „פּרעמיע פֿאַר מענטשן־

רעכט״, און אויפן באַערונגס־אַקט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין באָגאָטאַ, איז בייגעווען דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, און די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן פון דער פּאָליטישער און אינטעלעקטועלער וועלט, ווו מיין באַשיידן בוך איז געווען דער הויפּט־מחותן...

דאָס האָט מיך סטימולירט פאַרזעצן מיין שליחות פון אַ כראָניקער אָדער היסטאָריקער, פון יידישן לעבן אויפן קאָנטי־נענט, און איך האָב זיך גענומען צו פאַרפילן די בלויזן און דער־מאָנען אויך די אַלע מענטשן, וועלכע זענען נישט אַריין אין ערשטן בוך. און אַזוי איז געבוירן געוואָרן נאָך אַ בוך „אַ יידיש אינדזעלע אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט״, וואָס איז אַ דירעקטע פאָרזעצונג „פון אַ ייד אין קאָלאָמביע״.

און אויך דאָס צווייטע בוך האָט מצליח געווען, און געהאַט גוטע אָפּרופן אין דער יידישער פּרעסע, טיילן פון וועלכן וועלן, האָפנטלעך, איבערזעצט ווערן אין שפּאַניש. דער דערפאָלג פון די ערשטע צוויי ביכער, איז פאַר מיר געווען נישט נאָר אַ סטימול, נאָר איך האָב עס געפילט ווי אַ הייליקן פליכט, פאַרזעצן מיין אַרבעט פון דערציילן וועגן יידישן לעבן און גוטע יידישע מענטשן אין די נייע ישובים אויף דער אַמעריקאַנער ערד. כל הרבה לספר הרי זה משובח, געלויבט איז דער, וואָס דערציילט וועגן לעבן פון יידישן פאָלק אין זיינע וואַנדערונגען צווישן די פעלקער פון דער וועלט. וווהין דער גורל זאָל נישט האָבן פאַרטראָגן די יידן, האָבן זיי באַגליקט די פעלקער מיט אַ „פרידלעכער יידישער רעוואָלוציע״, און זיי זענען **געבליבן יידן.** און דאָס וויל איך דערווייזן מיט „לעבעדיקע פאַקטן״ פון מיין אייגענער דערפאַרונג, אַזוי אין קאָלאָמביע ווי אין ווענעסועלאַ, וואָס איז מיין צווייטע יידישע היים, ווו איך בין זייער אַן אָפטער גאַסט, און האָב דאָרט געזען שיינע יידישע מעשים און אויך גוטע יידישע מענטשן. דאָס איז די הויפּט־טעמע פון מיין דריט בוך.

איך וויל ביי דער געלעגנהייט האַרציק בעטן די אַלע, וועלכע איך האָב נישט דערמאָנט אין דעם בוך — און וועלכע האָבן פאַרדינט זייער פּערזענלעכקייט זאָל פאַראייביקט ווערן צווישן טאָוולען, — זיי זאָלן עס נישט אָננעמען פאַר אומגוט. אויף אַרומצונעמען אַלץ און אַלעמען, וואָלט איך געדאַרפט זיצן כאָטש אַ יאָר צייט אין קאַראַקאַס און פאַרטאָפּלען די צאָל בלעטער פון דעם ספר, וואָס איז פאַר מיר פיזיש און מאַטעריעל געווען אומ־

מעגלעך. דאָך האָף איך, אויך פאַר וועגעסועלאַ צו קאָנען געבן אַ „פאָרזעצונג", דער ישוב האָט עס כשר פאַרדינט. אָבער אויך פון דעם בוך וועט דער גוטער לייענער און טרייער ייד זיך איבערצייגן, **אַז אויך אים און יעדן יידן** האָב איך אין זינען געהאַט ביים שרייבן די געשיכטע פון זיין ישוב, וואָס איז אַ שאַפונג נישט נאָר פון יחידים נאָר פון גאַנצן יידישן כלל, פאַר וועלכן יעדער איינער, האָט לויט זיינע מעגלעכקייטן, בייגעטראָגן זיין חלק. און גלייכ־צייטיק וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקן דאַנק די אַלע, וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע שיין.

דער מחבר.

דאָס לאַנד

די צווייטע אומאָפּהענגיקייט פון אַ נאַציע
די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע

אַריינפיר

ווי נאָר אונדזער עראָפּלאַן באַרירט דעם וועגעסועלער באָדן אינעם לופטפּאָרט פון מייקעטיאַ, וואַרפט זיך דעם רייזנדער אין די אויגן דער בנין און איינריכטונגען פונעם לופטפּאָרט: אַן אינטערנאַציאָנאַלער פאַרקער־סטאַנציע פון גרויסן פאַרנעם, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גרינטלעכע ענדערונג אינעם געאָגראַפישן אויסזען פון דער דאָזיקער באַרגיקער געגנט. נישט לאַנג צוריק, האָט מען אָט דאָ, ווו עס גלאַנצן איצט אונטער דער טראָפּישער זון ברייטע און צעצויגענע שאָסייען, געקענט זען נאָר נאַקעטע, וויסטע שטחים לאַנד.

נישט ווילנדיק גיט זיך אַ טראַכט, אַז דער ים איז שוין דאָ געבעך אַרויס פון דער מאָדע. די פאַרשיידענע ים־ראָיאָנען, וואָס טראָגן די נעמען פון אַמאָליקע געוואַגטע שיפס־קאַפּיטאַנען און ים־רויבער, ווי דרייק, מאָרגאַן און ווערנאָן, וועלכע האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער געשפּילט אַן ערשט־ראַנגיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון דעם פאַרקער צווישן דעם דאָזיקן לאַנד און אַנדערע געביטן פון דער נייער און אַלטער וועלט, זענען שוין ווייזט־אויס געוואָרן אַוועקגעשטופּט אויף צווייטראַנגיקע, פאַרקלענערטע פּאָזיציעס. איצט ווערט זייער הייזעריקער געברום אַריבערגעוויגן דורכן שאַרפן פייף פון די אַוויאַן־מאָטאָרן און דורך דעם כאַראַקטעריסטישן פייף פון די לופט־אַפּאַראַטן בעת זיי פאָרן איבער די אַספאַלטירטע שאָסייען, פאָרן אָפּפליִען אָדער ביים לאַנדן. דאָס אַלץ זעט אויס ווי אַן אָנזאָג אויף נייע צייטן, אַ סימן פון דעם וואָס דאָס דאָזיקע יונגע לאַנד וועט נאָך דער־גרייכן אונטערן אימפּולס פון זיין פאַרשנעלערטן מאַטעריעלן פּראָגרעס.

מייקעטיאַ ליגט קוים צוויי קילאָמעטער די וויט פון לאַ גוּאַיראַ, דער וויכטיקסטער ים־פּאָרט פון לאַנד, און איצטער איז די דיסטאַנץ פון דאָרטן ביז קאַראַקאַס נישט מער ווי 17 ק"מ, אָנשטאָט די פריִערדיקע 32, וואָס עס האָט זיך געצויגן דער אַלטער שאָסיי, וועלכער האָט זיך געשלענגלט דורך די בערג־שיפּועים אַלץ נענטער צו דער הויפּטשטאָט, די באַהאַלטענע הינטער דער בערגקייט, אויף אַ הייך פון טויזנט מעטער. אַזוי אַרום, אַז

נישט נאָר דורך פאַרשיידענע שטחים פּאָרט מען דורך, נאָר אויך דורך פאַרשיידענע קלימאַטן. אונטן, ביים ים־ברעג, הערשט אַ כּסדרדיקע היץ, וואָס לאָזט זיך כּמעט קיין מאָל נישט אַראָפּ אונטער די 35 גראַד צעלסיוס. ס׳איז גענוג אָבער אָפּצופאָרן אַ שטיק וועג פון דאָרטן אין דער ריכטונג צו דער הויפּטשטאָט, שפּירט מען באַלד אַז די לופט ווערט מילדער און איינגענעמער. די אומגעגנט פון קאַראַקאַס ווערט כּמעט דאָס גאַנצע יאָר אָפּגעפרישט און געלופטערט דורך די אָוונט־ווינטעלעך וואָס דער ים ווייט אָן, מיט זיין ריזיקן פּעכער, אויף די באַרג־אַרויפגענג.

✡

ביז מיט גאָר נישט אַזוי לאַנג צוריק, איז ווענעסועלאַ געווען אַ לאַנד אָן אינדוסטריעס. פּאַקטיש, האָט עס זיך אויסגעהאַלטן בלויז און נאָר פון דער נאַפט־פּראָדוקציע פון מאַראַקאַיבאַ, און דאָרט איז געווען דער איינ־טערעסאַנטסטער צוציונג־פּונקט צו וועלכן עס האָבן געקוקט אַלע אַרבעטס־כּוחות און פון וועלכן ס׳האָבן זיך געשפּייזט די אָפיציעלע קרייזן אין לאַנד. אַלץ פלעגט קומען פון דרויסן, פון אויסלאַנד: אַפילו די געוויינטלעכסטע געברויך־אַרטיקלען, ווי שפּייזן און אַנדערע, וואָס די אויסלענדישע גרויס־אינדוסטריע האָט צוגעשטעלט אין אירע גרויסאַרטיקע פּאַקונגען, און אַפילו די קליידונג, דאָס אָנטועכץ.

היינט האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט. דער ערשטער גורם פון דעם דאָזיקן נס איז געווען דער סטימול מצד דער מלוכה. צווייטנס, די אינוועסטיציעס פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל. און אויפן דריטן פּלאַץ, הלמאי זאָל מען דאָס נישט דערמאָנען, די טעטיקייט פון דער אימיגרירטער באַפעלקערונג. אין דער אימיגראַציע דאַרף מען אונטערשיידן צווישן צוויי קלאָר־אָפּגעטיילטע איינוואַנדערונגס־כוואַליעס: די ערשטע, האָט גענומען באַזעצן זיך אין לאַנד, אַרום די דרייסיקער יאָרן, און וואָרצלט אין אים עד־היום — די יידישע גרופּע. דאָס איז אַ קאָלעקטיוויטעט, וואָס האָט ווירקלעך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער אינדוסטריאַליזאַציע, בפרט אין דער אַנטוויקלונג פון קליינער מאַנופאַקטור, וואָס האָט היפּש אויסגעברייטערט דעם אַרבעטסמאַרק און געגעבן באַשעפטיקונג פאַר טויזנטער ווענעסועלער בירגער, פון וועלכע אַ סך האָבן, אַ דאַנק דער געוווּנענער דערפאַרונג, פאַרגרעסערט זייער פּראָדוציר־פעיִקייט און געוואָרן ספּעציאַליסטן פון פאַרשיידענע פאַכן און טעכנישע באַרופן. די צווייטע אימיגראַציע־שטרעמונג איז געווען אַ רעזול־טאַט פון דער מלוכהשער איינוואַנדערונג־פּאָליטיק, וואָס האָט אויף אַלע מעגלעכע אופנים אויפגעוועקט אין לאַנד אַ ריי נייע, פריִער גאָר אומבאַ־קאַנטע טעטיקייטן. געוועזן מאָמענטן ווען קאַראַקאַס איז ממש איבערגעפּולט

געוואָרן מיט אויסלענדער מארבע פינות העולם, פון אַלע עקן וועלט, באַ־זיצערס פון די פאַרשיידנסטע פראָפעסיעס, פאַכן און באַרופן. אין די קיאָסקן און גאַסן־געשטעלן האָט מען דעמאָלט געקענט זען כל־המינים צייטונגען און זשורנאַלן אויף פיר צי פינף שפּראַכן. צייטנווייז האָט קאַראַקאַס גע־ברויזט פון אויסלענדער. היות ס׳האָט נישט עקסיסטירט דער סטימול פון אַ גוטער אימיגראַציע־פּאָליטיק, וואָס זאָל זיי אָריענטירן צו די לאַנד־געגנטן ווו זייער טעטיקייט איז אפשר געווען נייטיקער, און אפשר עקאָנאָמיש אויך פּרוכטיקער, האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט אין דער הויפּטשטאָט און געצויגן חיונה פון פאַרשיידענערליי ביזנעס.

וואָס שייך אויסלענדישע אינוועסטירערס, איז דאָס גלייך געוואָרן אַן ענין פון גרויסן פאַרנעם. בעיקר די נאָרד־אַמעריקאַנער, האָבן מיט זייער שאַרפן פינאַנציעלן חוש דערזען אין ווענעסועלאַ אַ צוזאָגנדיק לאַנד צו אינוועסטירן זייערע קאַפּיטאַלן אין אַ ריי צווייגן פון אינדוסטריע און פון העכערן האַנדל.

די מלוכה האָט דערביי געהאַלטן אין האַנט דעם דיריזשאָרן־שטעקעלע און האָט אָנגעפירט, מיט אירע אויסערגעוויינטלעכע רעסורסן, מיטן עקאָנאָ־מישן אָרקעסטער, אויסצופירן די דאָזיקע אימפּאָזאַנטע אינדוסטריאַליזיר־סימפאָניע. ס׳געדענקט זיך נאָך גוט יענע לאַנד־אויסשטעלונג וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין יאָר 1953, אין דער געגנט „על סילענסיאָ״, אין אַ ריזיקן אונטערערדישן דריי־גאָרנדיקן געביי. דאָס האָט פאַרגעשטעלט אַן איבעררראַשנדיקן באַלאַנס פון אַלץ וואָס דער ווענעסועלער פלייס און אַרבעטזאַמקייט האָט דעמאָלט פּראָדוצירט אין די פאַבריקן, ווי אויך פון אַ וועלט מיט פּראָיעקטן און פּלענער, און פון די נאַטירלעכע עשירותן פונעם לאַנד. דאָך, איז יענע אויסשטעלונג פון מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק נישט מער ווי אַן ערשטע, נאָך טונקעלע פאַרטאָג־שיין, אין פאַרגלייך מיט דער גלענצנדיקער, ראַשיקער, אַקטועלער אַנטוויקלונג אויף אַלע געביטן און אָפּצווייגן פון דער אינדוסטריעלער טעטיקייט.

✡

לאַנגע יאָרן האָט די לאַנדווירטשאַפט — אַגריקולטור און נאָך מער די פיצוכט — מיט זיך פאָרגעשטעלט די שוואַכע זייט אין דער פּאַנאָראַמע פון די אויפטועָן פאַרן פאָרשריט פון ווענעסועלאַ. קודם־כל, איז דער היגער פעלד־איינוווינער אַנדערש, פון מענטשלעכן קוקווינקל, ווי די ערד־אַרבע־טערשאַפט פון אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער פעלקער. צווייטנס, האָט דער לאַנד־אַרבעטער טאַקע געהאַט אַ ביז גאָר באַגרענעצטן שטח צו צעפירן די הענט, און ווי געצויגן דורך אַ מאַגנעט, האָט ער אַ גאַנץ לעבן געהאַלטן

אין איין אַרויפצוקוקן צו מאַראַקאַיבאַ, דעם צענטער פון די גוטע געהאַלטן, ווו ער האָט געחלומט אַ מאָל צו קענען באַפרידיקן זיינע טיפסטע ווילטאָג־ווונטשן.

די לאַנדווירטשאַפט האָט דעמאָלט געשמאַכט אין געציילטע, איזאָלירטע פונקטן, אָן פאַרבינדונגס־וועגן און אָן קיין שום צוטריט צו ברייטערע מערק. זעלבפאַרשטענדלעך, האָט די אויסלענדישע אינדוסטריע אויסגעפילט דעם בלויז, מיט אירע מעכטיקע צושטעל־מעגלעכקייטן. גרינסן, קאַרטאָפל, אייער, עופות, פלייש, תבואות — אַלצדינג איז אַהער אָנגעקומען מיט אַ כּסדרדיקן שטראָם, איבערהויפּט דורך דער אינדוסטריע פון איינגעפּאַקטע שפּייזן, פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

היינט האָט זיך די דאָזיקע פּאַנאָראַמע געענדערט צום גוטן אַ דאַנק דער אַגראַר־רעפאָרם. איצט הייבט מען אָן בויען, אויף אַ פעסטן יסוד, די גרונט־פּאָזיציעס פון אַן אמתדיקער לאַנדווירטשאַפט, וואָס האָט שוין גע־נומען באַזאָרגן דעם אינעווייניקסטן געברויך פון שפּייז־פּראָדוקטן און אויך די רוישטאָף־באַדערפענישן פון דער לאַנד־אינדוסטריע.

דורך די אַלע וועגן, אונטער דעמאָקראַטישע רעגירונגען וואָס רע־פּרעזענטירן באמת איר פאָלק, שפּאַנט ווענעסועלאַ מיט אַ פעסטן טראָט אויפן וועג צו דערגרייכן די צווייטע — די עקאָנאָמישע — אומאָפּהענגיקייט פון דער נאַציע.

דאָס הייליקטום פונעם פּאַטערלאַנד

דאָס דאָזיקע לאַנד איז רייך, נישט נאָר אַ דאַנק זיינע נאַפט־רעזערוון, נאָר אויך צוליב זיינע פיל נאַטירלעכע און היסטאָרישע צוציונגס־פונקטן. פון די לעצטע, קען זיך קיין איינער נישט גלייכן מיטן קאַראַבאָבאָ־פעלד, וואָס ליגט אויף אַ מרחק פון 193 ק״מ פון דער הויפּטשטאָט. פּונקט ווי באַליוואַרס העראָאישע געשטאַלט איז דורך די יאָרן כּסדר אויסגעוואַקסן, און זיין נאָמען פאַרקלינגט היינט צו טאָג די גאַנצע לענג און ברייט פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט; אויף דעם אייגענעם שטייגער, איז דאָס קאַ־ראַבאָבאָ־פעלד, ווו ס׳האָט זיך אָפּגעשפּילט די שלאַכט מיט וועלכער דער באַפרייער האָט געחתמעט די אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סימבאָליש אָרט, און נאָך העכער — אין אַן אמתן הייליקטום, ווו נישט נאָר די קינדער פון ווענעסועלאַ, נאָר אויך די אויסלענדישע געסט, שטעלן זיך אָפּ מיט יראת־הכבוד, וואָס דערגייט שיר נישט צו מיסטישער פאַרטיפונג.

מען פילט בחוש אַז עפּעס אַ מעכטיקע מאַגנעטישע קראַפט ציט־צו דעם דורכפאָרער און פירט אים אָפּצוגעבן דאָרט דעם פאַרדינטן כּבוד

דעם אָנדענק פון די אַלע, װעלכע האָבן דערמעגלעכט דעם אויפקום פון דער דאָזיקער נאַציע, װאָס פירט שוין העכער אַ יאָרהונדערט איר אומ־אָפּהענגיק לעבן, און װאָס איר צוקונפט באַנייט זיך מיט יעדן פריש־אויפגעקומענעם דור, מיט אַן אויסערגעװיינטלעכן כּוח. דאָ געפינט זיך דער סימבאָל פון אַ דינאַמישער געזעלשאַפט, װאָס האָט באַשלאָסן זיך אָפּצורייסן פון דער פרימיטיװער אָפּגעשטאַנענקייט, און לאָזט זיך איצט מיט זיכערן טראָט איבער די װעגן, װאָס די נייע כּוחות פון דער מאָדערנער װעלט װייזן איצט אָן.

װי ס'איז אַלעמען באַקאַנט, זענען די לענדער פון דעם דאָזיקן װעלט־טייל יאָרהונדערטער לאַנג געלעגן אין אַ מין לעטאַרגיע, נישט געקוקט אויף זייער אָפּשיידן זיך פון דער שפּאַנישער קרוין. ערשט מיטן אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט האָבן זיי זיך גענומען אויסטשוכען און אַ טראַכט טאָן װעגן זייער אייגענעם גורל. װענעסועלאַ איז געבליבן צװישן די פּאַר־שפּעטיקסטע אויף דעם געביט, אָפּהענגענדיק אויסשליסלעך פון דער נאַפט־עקספּלואַטאַציע, װאָס אויך זי איז געלעגן אין אויסלענדישע הענט. אָבער פּלוצלינג, אין זייער אַ קורצן צייט־אָפּשניט, האָבן די דערגרייכונגען פון איר ראַשיקן פּראָגרעס זי אַרויסגעריסן פון יענעם פאַרשלומערטן צושטאַנד און האָבן איר געגעבן אַ שטויס פאָרויס אויף אַלע געביטן: עקאָנאָמיע, געזעלשאַפט, פּאָליטיק און קולטור, ביז זי איז פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אַ מוסטער־מדינה צװישן די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, װעלכע פילן זיך פאַראייניקט דורך איין בשותּפותדיקן גורל.

ס'איז העכסט װיכטיק זיך צוצוקוקן צו דער דאָזיקער װענעסועלער דערשיינונג, דװקא אין צייטן װען די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער מאַר־שירן פאָרויס אויפן װעג פון פולשטענדיקער אינטעגראַציע צװישן זייערע אַלע זיך אַנטװיקלענדיקע פאַקטאָרן. עס גייט אין אַן אומגעהייער גרויסער אַרבעט פון האַרמאָניזירן אַ ריזיקן עקאָנאָמיש־פּאָליטישן און גייסטיקן איינס. דורכצופירן אַזאַ אויפגאַבע, דאַרפן די שטאַרקערע זיין גרייט צו פירן די שװאַכערע פאַר דער האַנט, ביז זיי אַרויפצופירן אויפן ריכטיקן װעג און זיי אַװעקשטעלן אויף די אייגענע פיס, אויסגעגלייכטע מיט אַלע־מען. װען די דאָזיקע גראַנדיעזע היסטאָרישע עובֿדה זאָל זיך איינגעבן װי זי איז שוין פּלאַנירט, װעלן דאָס די צוקונפטיקע דורות דערמאָנען װי „די צװייטע אומאָפּהענגיקייט” פון דער דאָזיקער רייכער און פּאָטענ־ציעל מעכטיקער גרופּע ברידערלעכע פעלקער.

☆

די אויטאָסטראַדע װאָס פירט פון קאַראַקאַס צום ים־ברעג מאַכט אויפן

ערשטן בליק דעם איינדרוק, מיט איר ציכטיקער, ערלעכער שיינקייט, פֿון אַ געטאָקט שפּילעכל, אַ פֿיין קינסטלעריש צאַצקעלע, אין וועלכן קליינע קינדער שפּיגלען זיך. אָבער דאָס איז נישט מער ווי דער ערשטער רושם. אין דער אמתן, איז דאָס אַ ריזן־ווערק פֿון קאָנטינענטאַלן פֿאַרנעם. און כאָטש דער עלטערער דור קען זיך נאָך פֿון דעם נישט אָפּוואונדערן, איז עס היינט צו טאָג נישט מער ווי איינער פֿון די געוויינטלעכע אויפֿטוען, צווישן די גאָר אַ סך וואָס דאָס לאַנד האָט געזען אויפֿקומען ממש ווי אַ יש־מאַין, ווי באַשאַפֿענע פֿון גאָרנישט, אַ דאַנק דער דיסציפּלינירטער מענטשלעכער אָנשטרענגונג.

די דאָזיקע צעקאַרבטע לאַנדשאַפֿט, פֿול מיט בערג און אָפּגרונטן, וואָס איז ביז נעכטן געשטאַנען ווי אַ מכשול נישט איבערצוקומען פֿאַר דעם מאָדערנעם אויטאָ־פֿאַרקער, איז ענדלעך באַזיגט געוואָרן דורך דעם שמאָלן פּאַס אַספֿאַלט וואָס שפּרייזט איבער די טאָלן, לעכערט דורך די אינגעווייד פֿון בערג און פֿעלדזן מיט געוועאָגטע טונעלן, און איז געוואָרן די אַקס פֿאַר דער גיכער, כּסדרדיקער באַוועגונג צווישן דער הויפּטשטאָט און דעם קאַריבישן ים, פֿאַרבינדנדיק די שטאָט קאַראַקאַס מיט דער דרויסנדיקער וועלט.

☆

איך בין דאָ נישט אויסן אויסצורעכענען אַ צעטל פֿון די וווּנדערטפֿולע אויפֿגאַבעס, וואָס דער גורל האָט אַרויפֿגעלייגט אויף דער דאָזיקער אומה, און וואָס זי האָט פֿאַרשטאַנען דורכצופֿירן מיט אַ וווּנדערלעכער פֿעיִקייט פֿאָרויסצוזען די צוקונפֿט. אַזאַ רשימה וואָלט זיך געצויגן אָן אַ סוף. ס׳איז אָבער אויך קיין יושר נישט צו פֿאַרשווייגן גרויסע דערגרייכונגען וואָס וואַרפֿן זיך אין די אויגן, און פֿון וועלכע מען איז אַליין געווען אַן עדות. אַ שטייגער, דאָס פֿאַרבעסערן די וווינונגס־באַדינגונגען פֿון דעם אָרעמערן קלאַס. ווער געדענקט עס נישט, אויב ער קען נאָר ווענעסועלאַ, יענע טרויעריק־באַרימטע „ברעטלעך־שטאָט״? איך געדענק זי אַקוראַט: שטחים געדיכט באַשטעלטע מיט כאַטעס וואָס דאַכלאָזע מענטשן פֿלעגן איבער נאַכט אויפֿשטעלן. דאָס איז פֿאַרשוווּנדן. די „סיודאַד טאַבליטאַס״ איז געווען אַ שוועסטער פֿון די „פֿאַוועלאַס״ אין ריאָ־דע זשאַנייראָ, פֿון די אַרגענטינער „ווייזשאַס מיסעקיאַ״ און פֿון די אַלע אַנדערע אָרעמקייט־געגנטן, וואָס גאַרטלען אַרום די באַרימטסטע און פּאַרגעשריטנסטע כּרכים פֿון דער מאָדערנער וועלט, און בעיקר פֿון אַמעריקע. דאָרט האָט אַ גרויסער חלק פֿון דער באַפֿעלקערונג געלעבט אין דער שרעקלעכסטער ענגשאַפֿט, ממש ווי הערינג אין אַ פֿאַס, און ביי אונטערמענטשלעכע באַדינגונגען אין יעדן

הינזיכט. דעם דאָזיקן פלעק פאַר דער מענטשלעכער ווערדע האָבן טראַק־טאָרן און מאַשינען אָפּגעראַמט, און איצט זעט מען שטיין אויף זייער אָרט מאָדערנע בלאָק־בנינים, וועלכע פאַרזיכערן באַקוועמלעכקייטן, — נישט מער ווי באַשיידענע טאַקע — אָבער געזונטע און ריינע (?) אַרויסצוציִען זייערע באַוווינערס פונעם פאַריער־שטאַנד, זיי געבן דעם סטאַטוס פון גלייכע בירגערס און זיי געבן אויף דעם אופן די נייטיקע דערמוטיקונג אָנצוגיין מיט זייער זעלבסט־דערציונג.

דאָס איז אָבער געווען נישט מער ווי אַן אָנהייב פון די אָנשטרענגונגען צו לייזן די דירה־פּראָבלעם, וואָס איז איצטער איינע פון די אָנגעווייטיקט־סטע פראַגעס פון דער מאָדערנער וועלט. אויב מען זאָגט אַז „די זון לייכט פאַר אַלעמען", האָבן אין קאַראַקאַס דורות־לאַנג געלעבט אַ היפּש ביסל אויסנאַמען פון דעם דאָזיקן פּאָפּולערן זאַג. נישט ווינציקער ווי אַ דריטל פון דער שטאָט־באַפעלקערונג איז געבוירן־געוואָרן און פאַרבראַכט די קינדער־יאָרן, די יוגנט און אָפט אויך מאָל ס'גאַנצע לעבן, אין די שטיבלעך אויף די „סעררא̈ס", אויף די אומהיימלעכע באַרגוועגנט אַרום דער שטאָט, וווּ דאָס לעבן איז קיין מאָל נישט זיכער. די רעגנס און ווינטן שווענקען דאָרט אַראָפּ דעם שיכט ערד פון די באַרגיקע פעלדזן. דערפאַר איז גענוג דער הימל זאָל זיך אָנכמאַרען און דער שטורעם זאָל זיך אָנצייכענען אויפן וויטן האָריזאָנט, און שוין לויפן די באַרג־איינוווינער זוכן שוץ קעגן דער צעכעסטער נאַטור־סטיכיע, וואָס קען אַ ליאַדע מינוט אַראָפּשווענקען און מיטרייסן די בידנע שטיבלעך, פאַרשניידן לעבנס און צעשטערן פאַרמעגנס. אַזוי האָט געטראָפן יאָר־איין יאָר־אויס, דורות־לאַנג.

אָבער דער נייער דור האָט פאַרשטאַנען אַז איבערלאָזן די זאַכן אין אַזאַ צושטאַנד וואָלט געמיינט צוריק זיך אונטערוואַרפן דער קללה פון נאַכלעסיקייט, פון וועלכער דאָס לאַנד האָט זיך מיט גרויסער מי אַרויס־געריסן, נאָך לאַנגע יאָרן פאַרדרעמלטער צוריקגעשטאַנענקייט. האָבן זיך טאַקע די טראַקטאָרן ווידער גענומען צו דער מלאָכה פון אָפּראַמען די אָרעמאַנסקע שטיבלעך פון די בערג, מיטן זעלביקן אימפּעט ווי אַ פייער פאַרצערט די טרוקענע גראָזן אויף די זומערדיקע פעלדער. און ווידער האָבן מיר בייגעוווינט אַ נס: קאַראַקאַסער אָרעמשאַפט וווינט שוין אַצינד אין נייע דעפּאַרטאַמענטן. אויס קבצנים־קוואַרטאַלן, אויס יאָר־יערלעכע קאַטאַסטראָפעס אין די באַרגיקע געגנטן.

און דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אָן פויקן און טאַצן. פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונג זענען טאַקע אַ נאָרמאַלער באַשטאַנדטייל פון דער מאָ־דערנער וועלט; מען קען אַפילו זאָגן, אַז זיי זענען אַ נאַטירלעכע קאָנ־סעקווענץ פון דער מאָדערנער עקאָנאָמישער אָרדענונג. אָבער אין מלוכה־

מאַסשטאַב איז פּראָפּאַגאַנדע אָפּט מאָל קרום באַניצט געוואָרן, און דאָס לאַנד ווענעסועלאַ גופא האָט געהאַט פון דעם געגוג ביישפּילן אין דער נישט וויטער פאַרגאַנגענהייט. דערפאַר איז לויבווערטיק וואָס דער דאָזיקער אומגעהייער גרויסער אויפטו איז דורכגעפירט געוואָרן אָן פּירסום און אָן זוכן דערביי פּרעסטיזש און פּאָליטישע פאָרצוגן פאַר איין פּאַרטיי אָדער גרופּע. און דער לוין פאַר דעם איז, וואָס טויזנטער פאַמיליעס טראָגן היינט אין האַרצן, מיט ליבשאַפט און פאַרהייליקונג, די נעמען פון די היינטיקע בויערס.

די איינוווינערס פון קאַראַקאַס באַוווּנדערן די ענדערונגען וואָס זייער שטאָט האָט דורכגעמאַכט. ווען זיי וואַרפן אַ בליק אויף די שלאַנקע בלאָקגעביידעס וואָס באַצירן די איצט אויסגעגלייכטע בערגלעך, טראַכטן זיי מיט שטאָלץ, אַז די דאָזיקע בנינים האָבן דערגרייכט אַ טאָפּעלן ציל: זיי דינען ווי אַ בכבודיקע וווינונג פאַר די ברייטע פאָלקסשיכטן, און זיי דינען גלייכצייטיק ווי אַ מאָנומענט וואָס סימבאָליזירט דעם איצטיקן שטאַפּל אין דער דינאַמישער אַנטוויקלונג פון ווענעסועלאַ.

☆

געווען אַ צייט ווען ווענעסועלאַ איז געווען אין דער גאַנצער וועלט דאָס לאַנד מיט די גרעסטע מעגלעכקייטן אויפצונעמען אימיגראַנטן. מען האָט דאָ אין זינען געהאַט, אַז דער מענטשן־קאַפּיטאַל איז דער ערשטער גורם פאַרן פּראָגרעס פון אַ לאַנד אויף אַלע געביטן. די צאָלרייכע איינוואַנדערערס וואָס האָבן אַהער געשטראָמט האָבן געזאָלט, לויט זייערע פעיִקייטן, פאַכן און פּראָפעסיעס, געבן אַ באַטייטנדיקן בייטראָג פאַר דער גרויסקייט פון דעם לאַנד. די רעגירונג האָט געגעבן כל־מיני פאַרלייכטערונגען און געטאָן אַל־דאָס מעגלעכע, כדי דער ניי־אָנגעקומענער פון נאָענט אָדער פון ווייט, זאָל זיך פילן וואָס אַ מאָל ווייניקער פרעמד אין דער מדינה פון באָליוואַרס יורשים. די געזעצלעכע פאָרמאַליטעטן זענען דערפירט געוואָרן צו דער גרעסטער איינפאַכקייט, איינצושפּאָרן צייט דעם אימיגראַנט. פון אומעטום איז מען דעם „גרינעם" אַנטקעגנגעקומען מיט אויסדרוקן פון סימפּאַטיע און אינטערעס, כדי וואָס שנעלער צו מילדערן זיין עלנט און דאָס געפיל פון אָפּגעריסנקייט, וואָס באַגלייט געוויינטלעך אַ מענטשן לאַנגע יאָרן נאָך דעם ווי ער באַזעצט זיך אין אַ נייער סביבה. דער וועכנטלעכער און חודשלעכער צושטראָם פון נייע מענטשן איז געוואָרן אַזוי אינטענסיוו, אַז די וועלט האָט זיך אַזש געוואונדערט. צום באַדויערן, איז די פּאָליטיק פון צוציִען אימיגראַנטן איינע פון די שווערסטע, פאַרפלאָנטערטסטע און אויך קאָסטבאַרסטע אויפגאַבעס וואָס אַ מלוכה קען

אויף זיך נעמען. בעיקר איז קשה אַריינצופּאַסן די צוגעקומענע מענטשן דווקא דאָרט ווו דאָס לאַנד דאַרף זיי האָבן, און ווו מען קען פון זיי דער־וואַרטן גרעסערע נוצן. דערפאַר האָט מען נאָך עטלעכע יאָר געמוזט אָפּ־שטעלן יענעם שטראָם, און ס׳האָט זיך אַפילו אָנגעהויבן אַ געוויסער צוריק־פלוס. דאָס וואָס האָט געזאָלט זיין אַן אמתע ישועה פאַרן אָרטיקן פאַרשריט, איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין עם אָנהייב פון אַ פּראָבלעם.

פאַרשטענדלעך, נישט אַלץ איז פאַרלוירן געגאַנגען, און אַ היפשע מאַסע איינגעוואַנדערטע איז פאַרבליבן אין לאַנד, כאָטש מען ווייסט נישט צי מען האָט זיי ווי געהעריק אויסגעניצט צום גוטן. דאָס אַלץ ווערט גע־זאָגט נישט לגנאי וועגן דער אימיגראַציע, נאָך וועלכער עס דאַרשטן די דאָזיקע פעלקער, בפרט אויב זיי האָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט נישט גענאָסן פון דער ברכה וואָס זי שטעלט־פאַר פאַר דער עקאָנאָמישער, סאָציאַלער און גייסטיקער געשטאַלטיקונג פון אַ נאַציע. אָבער ס׳איז וויכטיק זיך עפּעס אָפּצולערנען פון דער ווענעסועלער דערפאַרונג, נישט געקוקט אויף אירע שוואַכע זייטן, און אפשר טאַקע צוליב אירע שוואַכע זייטן, ווייל אַזוי אַרום וועט מען אויסמיידן די זעלביקע פעלערן, ווען עס וועט אויף ס׳ניי נייטיק ווערן צו פאַרגרעסערן די אַרבעטנדיקע און שעפערישע כוחות פון לאַנד מיט נייע מענטשן־קאָנטינגענטן.

☆

איך ווייס גוט, אַז די אַגראַר־רעפאָרם אין ווענעסועלאַ איז אַ וויט־גייענדיקע אויפגאַבע, ווייל דאָ איז נישט געגאַנגען סתם אין איינטיילן יושרדיקער די ערד צווישן אַ שוין עקסיסטירנדיקן פּויערים־קלאַס, נאָר ס׳האָט זיך געפאָדערט אויפצובויען, דערציִען, שאַפן דעם נייטיקן באַוווסט־זיין — מיט איין וואָרט — אויסשמידן אין גאַנצן די ערד־אַרבעטערשאַפט, וואָס האָט פריִער אין לאַנד כמעט נישט עקסיסטירט. כ׳בין אָבער קיין מאָל נישט געווען געגוג לאַנג אין ווענעסועלאַ, אַז איך זאָל קענען וועגן דעם דערציילן עפּעס ממשותדיקס. כ׳קען נאָר זאָגן, אַז דאָס איז איינער פון די פאַקטאָרן וואָס ברענגען אַריין אַ שיין אין דער היסטאָרישער עוואָלוציע פון די זיך־אַנטוויקלענדיקע לענדער, און אַז אַלץ וואָס ווערט געטאָן אין אָט דער ריכטונג מיינט פאָרזעצן און באַפעסטיקן די אַרבעט פון די גרינ־דערס פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, וועלכע האָבן דורך זייער העלדישן קאַמף דערוואָרבן פּאָליטישע פרייהייט, און דורך דעם גרונטגעפעסטיקט די נצחונות אויפן געביט פון עקאָנאָמישער פרייהייט אין אונדזער צייט.

ביים אָנהייב פון דעם דאָזיקן צווייטן פּונקט האָב איך דערמאָנט דאָס קאַראַבאַבאַ־פעלד, ווו מען באַערט דעם אָנדענק פון באַפרייער סימאָן באָלי־

וואַר, און וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ הייליקטום פונעם ווענעסועלער פאָטערלאַנד. נישט אומזיסט האָב איך אויסגעקליבן דעם דאָזיקן סימבאָל ווי אַ קעפל אויף צו באַשרייבן פאַרשיידענע טעמעס אין דער היינטיקער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד. איך מיין, אַז פון אָט דעם סימבאָלישן שטיקל באָדן דאַרפן די זין און טעכטער פון ווענעסועלאַ שעפן דעם כוח וואָס איז זיי נייטיק צו פאַרווירקלעכן דאָס גרויסע, וווּנדערלעכע פאָטערלאַנד, וואָס שיילט זיך איצט ביסלעכווייז אַרויס פון די נעפּלען פונעם מאָרגן. דאָס וועט זיין דער בעסטער מאָנומענט צום אָנדענק פון סימאָן באָליוואַר.

☆

די פאָרליגנדיקע נאָטיצן און מחשבות וועגן ווענעסועלאַ וואָלטן נישט געהאַט קיין וויכטיקערן באַטייט ווי גלאַט איינדרוקן פון אַ רייזנדער אָדער פון אַ ציטווייליקן תושב, ווען איך זאָל נישט אונטערשטרייכן וואָס זיי מיינען פאַר מיר, דעם קאָלאָמביאַנער ייד, וואָס עפּנט מיט די דאָזיקע שורות אַ בוך וועגן דעם ברודער־ישוב אין ווענעסועלאַ. איך מיין, אַז פּונקט ווי די יידישע קהילות אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט פילן זיך אינטים פאַרבונדן אין זייערע פּראָבלעמען, שטרעבונגען און פאַרמעסטן, אַזוי פילן אויך די פעלקער פון לאַטיין־אַמעריקע אַז זיי זענען פאַרברידערט דורך אַ געמיינזאַמער פאַרגאַנגענהייט, אַן איינהייטלעכער קולטור, און אַ צוזאָגנדיקן בשותּפותדיקן גורל. בפרט נאָך אין די איצטיקע צייטן, ווען ס׳ווערט וואָס אַ מאָל אַלץ קלאָרער, אַז דער פּראָגרעס אין נאַציאָנאַלן מאַסשטאַב האָט זייער ענגע גרענעצן, און אַז מען מוז אויסברייטערן דאָס פעלד פאַר דער אַנטוויקלונג דורך אַ וואַקסנדיקער צוזאַמענאַרבעט און אינטעגראַציע אויף אַלע געביטן פון זייער ווירטשאַפט און קולטור. דאָס איז באַזונדערס ריכטיק אינעם פאַל פון אונדזערע שכנותדיקע מדינות, קאָלאָמביע און ווענעסועלאַ. ביידע לענדער, אינטעגרירטע אין קאָנקרעטע פּלענער, וועלן קענען דערהייבן דעם לעבנסניוואָ פון זייער איינוווינערשאַפט צו אַ גאָר הויכער מדרגה, און איבערראַשן די וועלט מיט אַ ביישפּיל פון פרוכטבאַרער ברידערלעכקייט לטובת דער מענטשהייט.

קאַראַקאַס דער ים־פּאָרט

אַ מאָל איז קאַראַקאַס געווען אַ מיטללענדישע שטאָט. היינט איז זי אַ גרויסשטאָט מיט רייכע פאָרשטעט ביים ברעג פון קאַריבישן ים.

ווי איז פאָרגעקומען אַזאַ נס? דאָס איז דער רעזולטאַט פון אַ ווערק,

אין וועלכן מען האָט אָנגעווענדט די נייסטע מיטלען פון דער ציוויל־אינזשע־ניעריע, און וואָס איז איינס פון די ווונדער פון דער אַקטועלער טעכניק. דער אויפטו האָט אַ נאָמען: אויטאָסטראַדע קאַראַקאַס־לאַ גואירא, וואָס פאָרט אויך פאַרביי מייקעטיאַ און מאַקוטאַ.

דאָס ווערק איז נישט קיין ריזיקס. דאָך, איז דאָס איינס פון די וויכטיקסטע צווישן די אַלע וואָס דער מענטש האָט אויפגעבויט אין ווענע־סועלאַ, ווייל עס האָט אויסגעברייטערט דעם פאַרנעם און אויסשפּרייט פון דער שטאָט אויף אַזאַ אופן, וואָס פריער האָט מען וועגן דעם אפילו נישט געקענט חלומען.

פיר יאָר האָט זיך געצויגן דער אויפבוי. זייער ווינציק צייט, אין פאַרגלייך מיט די פיל יאָרצענדלינגער אין וועלכע די הויפּטשטאָט איז געלעגן איינגעשרומפּן אין אירע ענגע גרענעצן, הינטער די בערג. ס׳האָט אָפּגעקאָסט 238 מיליאָן באָליוואַרס, אַן אומגעהייערער סכום, וואָס מען האָט שוין אָבער לאַנג צוריק פאַרדינט דורך די אומצייליקע נוצן וואָס די עצם־עקסיסטענץ פון אַזאַ פאַרבינדונג ברענגט פאַרן לאַנד אויף אַלע געביטן פון זיין לעבן. דאָס לאַנד האָט זיך, הייסט עס, אויסגעשלאָגן די אינוועסטיציע, און ציט שוין גרויסע רווחים פון דער אויטאָסטראַדע, וואָס לויט יודעי־חן זאָגן, איז זי — אַ חוץ דעם אַ מאָל מעכטיקן און היינט שוין פאַרעלטערטן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל — דאָס חשובסטע אינזשעניעריע־ווערק וואָס מען האָט ווען עס איז דורכגעפירט אין לאַטיין־אַמעריקע.

דאָס איז נישט קיין קאָלאָסאַל געביי, אויפן שטייגער ווי ס׳פלעגן פאַר־צייטנס לאָזן אויפשטעלן די עגיפּטישע פּרעהס. די אויטאָסטראַדע, וואָס האָט פאַרטראָטן דעם אַלטן 30 קילאָמעטערדיקן שאָסיי, האַלט אַליין 17 ק״מ. דערפאַר איז די ברייט פונעם נייעם וועג 23 מעטער, קעגן נאָר 7 מיט אַ האַלבן פון אַמאָליקן. כ׳וועל נישט מאריך זיין מיט אַנדערע אינזשעניערישע ציפערן וואָס פאַרגלייכן די הייך, משופּעדיקייט־גראַד, צאָל אומדרייען וכדומה אַזעלכע דאַטן פון אַלטן און פון נייעם פאַרבינדונגס־וועג. זאָל געגוג זיין אָנצוגעבן, אַז ווי אַ רעזולטאַט פון די אַלע אַריינגעפירטע אויסבעסערונגען, האָט דער שנעלקייט־דורכשניט פון דער דאָזיקער נסיעה זיך אַ רוק געטאָן, פון 25 ק״מ אַ שעה, צו 60 און אפילו 80 ק״מ; דאָס הייסט, אַז דאָס גאַנצע פאָרן ווערט דערליידיקט אין וואָסערע 15 מינוט. נו זאָגט אַליין, צי מעג מען נישט זאָגן, ׳אַז קאַראַקאַס איז דורך דעם פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ים־פּאָרט?

☆

די שטאָט געפינט זיך אויף אַ הייך פון טויזנט מעטער איבער דעם ים־

פלאַך. דאָך, פילט מען כמעט נישט דעם באַרג־אַראָפּ ווען מען פֿאָרט מיט דער אויטאָסטראַדע. ווען נישט וואָס די ווייזערס פון אויטאָ באַשטעטיקן עס, און וואָס מיר זעען זיך אָן מיט דער בייטנדיקער לאַנדשאַפט וואָס אין וועג, וואָלט מען זיך גאָר נישט געגלויבט, אַז געציילטע מינוטן אויפן האַנטזייגער קלעקן דורכצומאַכן דעם דאָזיקן גרויסן אונטערשייד אין דער הייך און אין דיסטאַנץ.

דער פֿאַרקער לויפט איןביידע ריכטונגען איבער צוויי אכטהאַלבן מעטערדיקע שפּאַלירן פון צעמענט מיט אַ שיכט אַספאַלט. אין יעדן שפּאַליר צוויי קאַנאַלן: לינקס, פאַר לייכטע אויטאָס וואָס לויפן מיט אַ גיכקייט פון אַרום 80 ק״מ אַ שעה, און רעכטס פאַר אָמניבוסן, לאַסט־אויטאָס און סתּם וועגענער וואָס באַוועגן זיך אַרום 60 ק״מ אַ שעה. ווער עס וויל זיך אָפּשטעלן, אָדער מוז עפּעס פאַרריכטן אין דער מאַשין, האָט דערצו די נייטיקע ראַנדן. צווישן די צוויי גרויסע וועגענער־שטראָמען וואָס ציִען זיך אַהין און צוריק, שפּרייט זיך אויס אַ גרינער פּאַס, איבער וועלכן עס הייבן זיך די סלופּעס מיט שטאַרקע, טאָפּעלע מערקור־לאָמפּן. די באַלייכטונג איז נישט ערגער ווי אויף אַ צענטראַלן בולוואַר אין אַ גרויסער שטאָט, אַזוי אַרום אַז עס פֿאָרט זיך פונקט אַזוי גרינג ביי טאָג ווי ביי נאַכט.

פון די אינטערעסאַנטסטע דערגרייכונגען איז בלי־ספק דער אופן ווי ס׳זענען אויסגענוצט געוואָרן די נאַטירלעכע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, כדי אויסצופילן די פאַרשיידענע ניוואָען פון דער אויטאָסטראַדע. דאָס מיינט נישט אַז די אינזשעניערן האָבן זיך בלויז פאַרלאָזט אויף דער מוטער נאַטור און נאָכגעטאָן בלויז דאָס, וואָס זי האָט זיי דערלויבט. בשום אופן נישט. געוויסע ערטער ווו מען האָט אויסגעפילט אויף אַ קינסטלעכן אופן ניוואָ־אונטערשיידן פון ביז 45 מעטער אין דער טיף. מען האָט נישט געזשאַ־לעוועט קיין מיטלען, ביז מען איז בייגעקומען די שווערע באַדינגונגען פונעם באַרגיקן באָדן.

נאָך אינטערעסאַנטער, ווי אַ באַווייז פון מענטשלעכן טאַלאַנט צו באַהערשן די נאַטור און זיך מיט איר צו באַניצן, איז די טונעלן־סיסטעם פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער קאָנסטרוקציע. כדי קאַראַקאַס און די דרויסנדיקע וועלט זאָלן סוף־כל־סוף פאַרבונדן ווערן, איז נייטיק געווען אויסצוגראָבן צוויי טונעלן אינעם האַרץ פון די פעלדזן: איינעם פון 1.800 מעטער די לענג, און דעם צווייטן פון 460 מעטער. ביידע זענען טאָפּעלע, און צווישן זיי צעשיידט אַ פעלדזיקע וואַנט וואָס האַלט 11 מעטער די טיף. ביידע טונעלן פאַרמאָגן מערקור־באַלייכטונג, עלעקטרישע לופטערונג־סיסטעם, קאָנטראָל פון גיפטיקע גאַזן און פּאָסטנס פאַר מעדיצינישער און מעכאַ־נישער הילף אין אַקצידענטן־פאַלן.

אויף צו באַוווּנדערן די טונעלן, מוז מען אַריינפאָרן אין די אינגעווייידן פון פעלדז. פון דרויסן שאַצט מען זיי נישט אָפּ. דערפאַר איז מעגלעך צו באַקומען גלייך אונטערן פרייען הימל דעם אימפּאָזאַנטן ספּעקטאַקל פון די „וויאַדוקטן", די בריקן וואָס איבער זיי פאָרט זיך ווייטער די אויטאָסטראַדע, היפּערנדיק טיפע טאָלן און אָפּגרונטן צווישן די פעלדזן. מיר דאַכט זיך אַז ס׳איז נישט שייך צו באַוואָרפן מיין געדולדיקן לייענער מיט די אָן אַ שיעור ציפערן און דאַטן וואָס די שטאָלצע וועגעסועלער תושבים האָבן מיר געהייסן פאַרצייכענען וועגן אָט די ריזיקע בריקן. ס׳וועט גענוג זיין צו באַטאָנען, אַז דער גרעסטער פון אָט די „וויאַדוקטן" האַלט 302 מעטער די לענג און ווערט באַטראַכט פאַרן פינפטן אין דער גאַנצער וועלט לויט דער גרייס. אַנדערע האַלטן 238 און 200 מעטער די לענג.

לענג־אויס דעם גאַנצן וועג, צי דאָס איז דער נאָרמאַלער אויטאָסטראַדע שאָסיי, צי אין די טונעלן אָדער אויף די בריקן, מערקט זיך אַ רחבות אַזאַ, און אַ זאָרג פאַר זיכערקייט און באַקוועמלעכקייט, געפּאָרט מיט דער גרעס־טער זאָרג פאַר עסטעטישער שיינקייט. ביים אָנהייב און ביים אויסלאָז פון דער אויטאָסטראַדע שטייען די אָמטן וואָס מאָנען־אויף וועגאָפּצאָל ביי אַלע אויטאָס, לויט זייער גרייס און קאַטעגאָריע. דער באַניצער צאָלט מיט פאַרגעניגן, מיטן געפיל, אַז דאָס קומט ער דער מלוכה פאַר איר כסדר־דיקער וואַכזאַמקייט און טעטיקייט פאַרן פּראָגרעס פון וועגעסועלאַ.

☆

טאָמער איז דאָס אַלץ ווינציק געווען, קומען נאָך צו די „קאַקטעטישע" המצאות, דורך וועלכע מען ברענגט דערצו, אַז די נאַטור זאָל קענען אַרויסווייזן אירע חנען דווקא דורך דער שאַפונג פון מענטשלעכע הענט. אָט זעען מיר, אַז כדי אויסצומיידן אייגוואַלגערונגען, וואָס טרעפן אָפּט אין די געווייינטלעכע שאָסייען צוליב דער אָפּשווענקונג פונעם באָדן, האָבן די ספּעציאַליסטן קאַנאַליזירט אַלע וואַסערשטראָמען וואָס פליסן־אַראָפּ פון באַרג. דאָס האָט אגב דערלויבט צו באַדעקן מיט אַ פרישן שיכט געוויקסן די נאַקעטע ווענט פון די דורכגעהאַקטע בערג. איצט שפּראָצט אומעטום דאָס גרינס פון קאַנטראָלירטן געפלאַנץ, מיט דער גאַנצער פּראַכט פון דער נאַטור, כאָטש דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון מענטשנס באַשלוס. און דאָס איז נאָך אַן עלעמענט פון שיינקייט אין דער לאַנדשאַפט, וואָס גיסט זיך אַריין אין דער אַלגעמיינער עסטעטיק פון דער סביבה.

☆

דער לייענער מעג האַלטן אַז איך בין פֿאַרקראָכן אין אַ ים מיט פּרטים וועגן דער אויטאָסטראַדע, וועלכע האָט ביי מיר אַרויסגערופֿן אַזאַ ענטוזיאַס־טישן אָפּקלאַנג. איך זאָג אים, אַז מיין גאַנצע באַשרייבונג גיט ערשט אַ מאָגערן באַגריף פֿון דעם אַלעם וואָס מען זעט זיך אָן פֿאָרנדיק אויף דעם דאָזיקן מאָדערנעם ווונדערוועג, סיי אַהין, סיי צוריק.

נאָר, ווי שוין געזאָגט: נישט אינעם פֿיזישן ווערק גייט עס, נאָר אינעם אויפֿטו פֿון דער מענטשלעכער מחשבה און נאָך מער, פֿון דעם מענטשנס פֿאַנטאַזיע, וואָס האָט געהאַט די העזה צו פֿאַרטראַכטן אַזאַ פּלאַן און דעם אויסדויער עס אויסצוואַרעמען און פֿאַרווירקלעכן: ענדערן דעם סדר־העולם און מאַכן דווקא פֿון קאַראַקאַס אַ ים־פּאָרט, אויף צו־להכעיס די בערג, וואָס האָבן זי פֿון תמיד אָן געהאַלטן איינגעשלאָסן אין אַ רינג פֿון פֿיינטלעכע פֿעלדזן. דאָס וואָס פֿריערדיקע דורות האָבן זיך נישט דערוועגט צו חלומען, איז היינט שוין דערגאַנגען און געוואָרן וואָר.

דאָך, ווי גרויס און אימפּעטיק עס איז נישט די היינטיקע אַנטוויקלונג פֿון דער שטאָט קאַראַקאַס, איז דאָס נאָר אָן אָנזאָג פֿון די גרויסע ווערק וואָס מען וועט דורכפֿירן אין דער צוקונפֿט. די זומער־פּלעצער פֿון מאַקוטאַ, צוויי ק״מ ווייט פֿון לאַ־גואַרדיאַ, זענען באַשטימט פֿאַרוואַנדלט צו ווערן אין גרויסע אָפּרו־צענטערס, ווו די מענטשן־מאַסע פֿון דער גרויסשטאָט וועט זיך אַרויס־לאָזן זומערצייט. און אין לאַ־גואַרדיאַ גופֿא זעען שוין די נייע פּאָרט־איינ־ריכטונגען אויס ווי מאָדערנע פּאַלאַצן וואָס שווימען אויף כוואַליעס, ווייל נישט נאָר פּאָרטן צום אָפּלאָדן און אויפֿלאָדן משא, סחורות, זענען דאָרט פֿאַראַן, נאָר עס זענען אפֿילו טעטיק רעסטאָראַנען, טאַנץ־סאַלאָנען און פֿאַרווײַלונגס־פּלעצער.

מייקעטיאַ, מאַקוטאַ און לאַ־גואַרדיאַ, ווי אויך די אַרומיקע, שכנותדיקע אָרטשאַפֿטן, זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין עלעגאַנטע געגנטן פֿון דער ווענעסועלער הויפּטשטאָט, אַ דאַנק דער מאָדערנדיקער ווירקונג פֿון דער אומפֿאַרגלייכלעכער אויטאָסטראַדע.

פֿענצטער צו דער צוקונפֿט

פֿון מיינע ספּאַראַדישע באַזוכן אין קאַראַקאַס, אין די פֿופֿציקער יאָרן, האָב איך שוין דעמאָלט פֿאַרצייכנט אָבסערוואַציעס אין שייכות מיט דעם גיכן פּראָגרעס פֿון דער שטאָט, איר טענדענץ אַריינצופֿירן נייסן און זיך באמת צו באַנייען, פֿאַרגרעסערן און פֿאַרבעסערן אויף אַלע געביטן. כ׳האָב אויך באַמערקט דעמאָלט אַז נישט נאָר איך, דער גאַסט, נאָר די איינגעזעסענע קאַראַקאַסער תּושבים ווערן אָן אויפֿהער איבערראַשט דורך דעם כסדרדיקן אויסשפּרייט פֿון דער הויפּטשטאָט.

כ׳געדענק אַ גאַנצע ריי אַזעלכע שינויים, און וועלן וואָלט איך געוואָלט זיי אויסרעכענען מיט אַ סדר, נאָר ווייזט אויס, אַז גרינגער וועט זיין פשוט צו דערמאָנען פריער די וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט אַ טיפערן רושם. דאָס ערשטע איז, בלי־ספק, געווען די איבערענדערונג פון „על סילענסיאָ״. מענטשן דערציילן מיר אַז בלויז מיט געציילטע יאָרן צוריק, איז די דאָזיקע געגנט פון קאַראַקאַס געווען דער שאַנדווינקל, ווו ס׳האָבן געוווינט אַ 2.500 פרויען פון אַלע קאַטעגאָריעס און פרייזן, פאַר יעדן „געשמאַק״. טאָג ווי נאַכט האָבן דאָרט געהילכט די טענער פון דער דזשאַז־מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די גראַמאָפאָנען, אָנגעשטעלטע טאָג ווי נאַכט, אויס־געמישט מיטן געפּיל — דער פון געשלעגן און קריגערייען צווישן שיכורים. אַזוי האָט אויסגעזען, לפי־ערך, יענע געגנט וואָס האָט איראָניש און סתירהדיק געהייסן — און הייסט נאָך אַלץ — „על סילענסיאָ״, די שטילקייט.

נאָך דעם האָט מען געלאָזט אין גאַנג דעם רעגוליר־פּלאַן פון דער שטאָט קאַראַקאַס. די שכנהשאַפט פון די „הייזלעך״ האָט במחילה זיך געמוזט אוועקפּעקלען ערגעץ אַנדערש, ווייל מען האָט געהאַט באַשטימט אַן איידע־לערן פאַרוועגד פאַר די שטחים וואָס זיי האָבן באַזעצט. היינט שטייען אויפן אָרט פון די אַמאָליקע פרייעלכע שטיבלעך און קאַבאַרעטן, פּרעכטיקע ווילעס און אימפּאָזאַנטע דירות־בנינים, וואָס צווישן זיי עפענען זיך רחבותדיק ליכטיקע בולוואַרן. דינגען דאָרטן אַ דירה קאָסט זייער ווינציק, באמת, גאָר נישט אין קיין ערך מיטן לוקסוס און באַקוועמקייט פון די וווינונגען. דאָס זענען דירות וואָס ווערן אָפּגעגעבן הויכע מיליטער־אָפיצירן און מלוכה־באַאַמטע. פאַראַנען דאָרטן 400 מאָדערנע מסחר־לאָקאַלן, וועלכע געהערן דאָס רוב צו אימיגראַנטן, בדרך־כלל טאַקע צו אחינו־בני־ישראל, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין „על סילענסיאָ״ אין די צייטן ווען ס׳האָט דער געגנט גיכער געפּאַסט אַ נאָמען צו געבן „דער טומל״, און האָבן מיט זייער ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט פיל בייגעטראָגן צו פאַרוואַנדלען דאָס אַמאָליקע מלכות פון שיכרות און זנות אין אַ פּראָספּערירנדיקן, עסטעטישן קאָמערציעלן צענטער, וואָס קיין שום שטאָט אויף דער וועלט וואָלט זיך מיט אים נישט געדאַרפט שעמען.

אינעם מזרח־טייל פון קאַראַקאַס איז פאַראַן נאָך אַזאַ סעקטאָר, וואָס איז אויפגעקומען אין די צייטן פון שטאָטישן אויסשפּרייט, און וואָס מען פאַרזיכערט אַז מיט דער צייט וועט דאָרט זיין עפּעס ענלעכס, לויט דער פּראָפּאָרץ, צו דער ניו־יאָרקער פינפטער עוועניו. ביי טאָג, האָט די געגנט זייער אַן אָנגענעמען אויסזען; ביי נאַכט ווערט זי פאַרוואַנדלט אין אַ וווּנ־דערלעכן ליכט־יאַריד, מיט אַלע טענער פונעם רעגנבויגן. דאָס זענען די עלעקטרישע אַנאָנסן, שיין פאַרטראַכטע און געשמאַקפולע, וואָס קאָסטן

אַפּ פאַנטאַסטישע סכומים סיי זיי איינצוריכטן, סיי זיי צו לאָזן פונקציאָנירן, ווי אויך די שטייערן אאַז״וו.

אַ יאָרצענדלינג, אָדער אַפילו עטלעכע צענדלינגער יאָרן, זענען אין דער אַנטוויקלונג פון אַ שטאָט אַזוי ווי אַ מינוט־צוויי אינעם לעבן פון אַ מענטש. דאָך, האָט קאַראַקאַס אין אַזאַ קורצן טערמין זיך פאַרוואַנדלט אין איינער פון די גרעסטע שטאָטישע צענטערס אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט. ס׳איז אַ באַקאַנטער פאַקט פון דער היינטיקער דעמאָגראַפיע, אַז אומעטום איז די נטיה פון די באַפעלקערונגען זיך צו קאָנצענטרירן מער אין די גרויסע שטעט. מענטשן גייען אַוועק פון פעלד און קלייבן זיך אַריין אין שטאָט, ווייל ס׳ציט זיי צו די גרויסע צאָל געלעגנהייטן וואָס די ציוויליזאַציע לייגט זיי פאַר אין יעדן זינען. אין קאַראַקאַס, וואָס איז ביז נעכטן קוים געווען עפּעס מער ווי אַ גרויס דאָרף, מערקט זיך די דאָזיקע נטיה מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. מענטשן פון אַלע עקן לאַנד, ווי אויך די וואָס קומען צו צו דער שטאָט־איינוווינערשאַפט דורכן נאַטירלעכן צוווקס, פירן די שטאָט־באַפעלקערונג צו אַ גראַד געדיכטקייט וואָס איז שוין היינט שווער אויסצומעסטן. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ מין וווקס איז גורם באַזונדערע פּראָבלעמען (אורבאַניסטישע, בנוגע וווינונגען, באַדינונגען, באַשעפטיקונג, און פיל אַנדערע). דער צוקום פון אַזאַ גרויסער צאָל איינוווינערס ווירקט אויך אויף די פרייזן, אויף פאַרשיידענע אופנים: די לעבנסמיטלען ווערן טייערער, און אין דעם זינען קענען אפשר די אַלט־איינגעזעסענע האָבן אַ טענה, אַז די צוגעקומענע האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך דעם יקרות; פון דער צווייטער זייט, אָבער, הייבן זיך אויך די פרייזן פון אומבאַוועגלעכן אייגנטום: הייזער און שטחים באַקומען אַ נייעם ווערט, און די באַלעבאַטים פון אַלטע שטיבער, וועלכע פאַלן שוין איין פאַר אַלטקייט, ווערן איבערנאַכט נתעשר צוליב דער אומגעריכטער באַווערטיקונג פון זייער פאַרמעגן. דער נאָכפרעג אויף שטיבער און באָדן איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז די פרייזן־העכערונג האָט נישט נאָר אַרומגענומען די צענטראַלע געגנטן, נאָר האָט זיך אויך אָפּגערופן אויף די ווייטע פאַרשטעט וואָס גאַרטלען אַרום קאַראַקאַס.

אַזוי אַרום האָבן מאַשינען גענומען אָפּראַמען דאָס ברוכוואַרג אין די אַלטע געגנטן, אָדער יאָגן צום אויפבוי פון ניי־אורבאַניזירטע ראַיאָנען. איבער די פאַרשטאָפּטע גאַסן האָבן זיך גענומען הייבן בריקן, וועלכע האָבן פאַרגרינגערט און פאַרשנעלערט דעם פאַרקער אין אַלע ריכטונגען. פון אומעטום האָט עס גערוישט און גערודערט ווי אין אַ בינשטאָק, און ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ פיבערדיקע בויאַרבעט. ס׳האָט אויסגעזען ווי אַ ריז, וואָס איז יאָרהונדערטער לאַנג געשלאָפן, וואָלט זיך איצט אויפגעכאַפּט



אַלגעמיין בילד פון דער שטאָט קאַראַקאַס, הויפּטשטאָט פון ווענעסועלאַ.

און זיך געוואָרפן מיטן גאַנצן אימפּעט זיינעם, אַניאָגן די פאַרלוירענע טעג און יאָרן.

די אויטאָמאָבילן־באַוועגונג האָט מען געמוזט איינאָרדענען מיט אַ ברייטן פאַרנעם און מיטן אויסקוק אויף דער צוקונפט, ווייל קאַראַקאַס האָט שוין גענומען איבערשטייגן, מיט דער צאָל אויטאָס, אַלע שטעט פון דער זעלבער גרייס אין לאַטיין־אַמעריקע. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן באַ־ווייזן אין צענטער די טונעלן מיט מירמלשטיינערנע ווענט און מעכ־טיקע לאָמפּן, ווי אויך פלעצער אַוועקצושטעלן העכער אַ האַלבן מיליאָן מאַשינען, וואָס זענען רעגלמעסיק אַרומגעפאָרן אין שטאָט. היינט איז קאַראַקאַס אפשר די איינציקע שטאָט אין דעם־אָ וועלטטייל ווו ס׳איז שווער צו טרעפן אַן אַלטן אָדער אָפּגעניצטן אויטאָ. דאָס רוב זעט מען אַרומפאָרן אויטאָס פון די נייסטע מאָדעלן, איינער שענער און לוקסוס־דיקער פאַרן אַנדערן. ווי נאָר ס׳באַווייזט זיך אַ נייער מאָדעל אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, איילן זיך די אַגענטורן צו באַשטעלן אַ גרעסערע צאָל. היינט ווערן שוין צענדליגער מאָדעלן פּראָדוצירט אין לאַנד גופא. ס׳מאַכט זיך גאַנץ אָפט, אַז דער מענטש וואָס וווינט נאָך לעת־עתה אין אַ כאַטע פון פאַרגאַנגענע צייטן, האָט שוין אָבער שטיין פאַר דער טיר

אַ שפּאָגל־נייעם אויטאָ, און אינעווייניק, אין שטיבל, גלאַנצן דער אייז־קאַסטן, די ראַדיאָ און דער טעלעוויזאָר.

אַז כ׳דערמאַן שוין די פאַרשיידענע אַספּעקטן פון דער שטאָט, וויל איך כאָטש אָנרופן אַ פּאָר פון אירע פּרעכטיקע בולוואַרן: אַנדרעס בעליאָ, אורדאַנעטאַ, רוזוועלט, סוקרע, לינקאָלן, גוסמאַן בלאַנקאָ, און נאָך אַ סך אַנדערע ליכטיק־רחבותדיקע גאַסן, וועלכע פאַרבינדן זייער באַלעבטע מסחר־קוואַרטאַלן און נגידישע געגנטן פול מיט לוקסוס־וווינונגען. די אויס־געברייטערטע גאַסן, פּונקט ווי די בריקן, די נייע בנינים, די טונעלן און די אויטאָסטראַדעס, האָבן פאַרייִנגערט דאָס פּנים פון דער אַלטער הויפּט־שטאָט.

און וויכטיקער ווי אַלץ: די אַלע קאָלאָסאַלע דורכפירונגען זענען בשום אופן נישט קיין אויגנרייסערישע אָדער דעמאַגאָגישע קאַפּריזן פון רעגי־רונגען, וועלכע ווילן דורך דעם פאַרדעקן זייער אָפּהענטיקייט אויף אַנ־דערע, וויכטיקערע געביטן. ווענעסועלאַ איז אפשר דאָס איינציקע לאַנד, פון די אַלע וואָס געפינען זיך איצט אין פּראָצעס פון אַנטוויקלונג, וואָס קען זיך באמת פאַרגינען צו אַנטוויקלען די באַזישע אַספּעקטן וואָס פעלן פאַרן וווילזיין פון דער באַפעלקערונג — ווי שולן, שפּיטאָלן, פאָלקס־דירות, שאָסייען אאַז״וו — און גלייכצייטיק דורכפירן קאָלאָסאַלע עפנטלעכע ווערק פון מאָדערנסטן כאַראַקטער, וואָס שאַנעווען אויך דעם עקאָלאָגישן גלייכ־געוויכט און ווערן אויספּלאַנירט אויף אַ האַרמאָנישן, אַחריותדיקן אופן.

דער גורל האָט באַשערט דער שטאָט קאַראַקאַס גרויס מזל אין יעדער הינזיכט. אויף אַ קליינעם שטח, קאָנצענטרירן זיך אין איר די מעלות פונעם מיטללענדישן קלימאַט אין פון דער בערג־און טאָלן־לאַנדשאַפט, און די נאָנטשאַפט פון ים, מיט זיינע נאָנטע פּלעצער, וואָס זענען אידעאַל פאַר מסחר, אָפּרו און פאַרווייליונג. דאָ געפינט זיך דער אויסשטראַלונג־צענטער פון אַ לאַנד וואָס איז פול מיט רײַכקייט און שפע. און דער צענטער צעוואַקסט זיך פאַזע די שאָסייען וואָס ציִען פון אים אַרויס: ביי זייערע זייטן קומען־אויף כסדר אַלץ נייערע געגנטן, גאַנצע מאָדערנע פאַרשטעט.

אָנקוקן די שטאָט ביינאַכט, אונטער איר קרוין פון צעשטראַלטע ליכ־טער, צווישן וועלכע עס טיילן זיך אויס די טאָפּעלע ליניעס בלוילעך־שיינענדיקע מערקור־לאָמפּן, איז אַ זעלטענער ספּעקטאַקל. צום בעסטן קען מען באַוווּנדערן דעם דאָזיקן בלישטשענדיקן ים ווען מען קומט־אַראָפּ מיטן גוסמאַן בלאַנקאָ־בולוואַר צום פּלאַכערן שטאָטטייל.

די מזרח־אויטאָסטראַדע האָט ענדלעך פאַראייניקט דעם הויפּטשטאָט־דיסטריקט מיטן שכנותדיקן מיראַנדאַ־שטאָט, אין וועלכן די אויטאָסטראַדע רינגלט־אַרום עטלעכע ישובים און פאַראייניקט זיך דורך אָפּצווייגן מיטן

פּראָיעקטירטן הויפּטשאָסיי קאַראַקאַס־באַרוטאַ. אַזוי אַרום, זעען מיר, איז פאַראַן אַ דראַנג, אַן אימפּולס, אַז די מאָדערנערע ציוויליזאַציע און איר לעבנסשטייגער זאָלן זיך אויסשפּרייטן איבער וואָס אַ מאָל ברייטערע טעריטאָריעס.

מיט דער דאָזיקער אויטאָסטראַדע קומט מען צו פאָרן ביז צו דער אימפּאָזאַנטער געגנט „לאָס מערסעדעס", דאָרט ווו די הייזקעס פון „סיודאַד טאַבליטאַס" זענען אויסגעמעקט געוואָרן פון געדעכעניש, און אויף זייער אָרט שטייען שטאָלצע, רחבותדיקע בנינים. דאַן פאַלט דאָס איבערגע־ראַשטע בליק אויף אַ צען שטאָקיקן בנין, אַ געביידע מיט אַ קעניגלעכן אויסזען, באַפּוצט מיט חנעוודיקע טעראַסעס, וואָס איר טשיקאַווע אַרכי־טעקטור דערמאָנט די פיגור פונעם אַווילאַ־באַרג, דער ריז וואָס באַוואַכט איביק די שטאָט פון צפון־זייט.

דער דאָזיקער מאָדנער פּאַלאַץ, וואָס שטייט דאָרט אָנגעלענט אויף אַ בערגל, האָט אָפּגעקאָסט (אויפבוי און אויסשטאַטונג) 31 מיליאָן באָלי־וואַרס, און דאָס איז דער „טאַמאַנאַקאַ", ווענעסועלאַס וויכטיקסטער האָטעל, איינער פון די חשובסטע און מאָדערנסטע אויפן אַמעריקאַנער באָדן, און אַוודאי דאָס פיינסטע אָרט וואָס מען קען געפינען אינעם מיטללענדישן ראַיאָן פון דער שטאָט.

ס'איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער אויפבוי און אויסריכטונג פונעם האָטעל זענען נישט נאָר אַן אויפטו אויפן טעכנישן און קינסטלערישן געביט, נאָר זיי שטעלן־פאַר געוואַגטע שריט פאָרויס אויף די געביטן פון אורבאַניסטיק און טוריסטיק.

פאַרשטענדלעך, איז נישט שייך איך זאָל דאָ אַריינגיין אין פּרטים וועגן דעם אויסזען פון האָטעל אין אינעווייניקסטן טייל. ווער עס קען די גרויסע, מאָדערנע אינטערנאַציאָנאַלע האָטעלן, וועט מער אָדער ווייניקער זיך פאָרשטעלן. בפרט מיר, מענטשן פון באָגאָטאַ, וואָס פאַרמאָגן איצט אַזאַ ריזן־האָטעל ווי דאָס איז „טעקענדאַמאַ", ווערן מיר נישט געפּלעפט פון אַזעלכע געביידעס. אָבער „טאַמאַנאַקאַ" אין קאַראַקאַס מאַכט פאָרט אַ רושם אויפן רייזנדער, און דערפאַר וועט כדאַי זיין זיך צו באַקענען מיט אַ טייל פון די אַרכיטעקטאָנישע חידושים מיט וועלכע דער האָטעל איז באַזאָרגט.

דער האָטעל געפינט זיך דרום צו פון „לאָס מערסעדעס", אין אַ סביבה פון נידעריקע בערגלעך, אינעם דרום־טייל פון דער שטאָט. ער רופט אַרויס די גרעסטע באַוווּנדערונג אַ דאַנק דעם, וואָס אין אים זענען אַלע אַספּעקטן — סיי די אַלגעמיינע, סיי די פּרטימדיקע — אויסגערעכנט געוואָרן כדי צו באַקומען די בעסטע, האַרמאָנישסטע קאָמבינאַציע צווישן

זיך אַרום מיטן סאַמע גרויסן געווינס, מיט די הונדערט טויזנט באָליוואַרס און נאָך מער; און דער עולם קויפט און וויל אַלץ נישט שלום מאַכן מיטן געדאַנק אַז — אַ „גרויס געווינס” איז פאַראַן בסך־הכל איינס, און ס׳רעשט קען נאָר געווינען אויף דער לאָטעריע אַ האָפענונג, ווידער צו פאַרשפּילן אין אַכט טעג אַרום...

☆

איך האָף אַז מיט דעם אַלעם האָב איך געגעבן מיינע טייערע לייענערס אַ בילד, אַ געטרייס כאָטש נישט קיין פולס, פון דעם ווונדערלעכן לאַנד ווענעסועלאַ און בעיקר פון זיין הויפּטשטאָט קאַראַקאַס. ווי אַ מזרח־



סימאָן באָליוואַר־צענטער, אין האַרץ פון קאַראַקאַס



וווינונגען פון די איינוווינער פון מאַראַקאַיבאָ לאַגאָ, אין ווענעסועלאַ.

איירדאָפּעישער ייד וואָס האָט אָפּגעלעבט ס׳רוב יאָרן זיינע אין קאָלאָמביע, האַלט איך פאַר אַ באַזונדערער זכיה וואָס כ׳האָב דערלעבט צו זען זאַכן, וועגן וועלכע כ׳האָב גאָר נישט געחלומט בעת מיין יוגנט אין מיין געבוירן־שטעטל. ווי צום ביישפּיל, דאָס אויפוועקן זיך פון יונגע פעלקער נאָך אַ דורותדיקן שלאָף, און דעם אָנהייב פון זייער מוטיקן אויפמאַרש צו דער פאַרווירקלעכונג פון אַ צוזאָגנדיקער צוקונפט. קאָלאָמביע און ווענעסועלאַ שפּאַנען ענג־פאַרבונדן אין די ערשטע רייען פון דעם דאָזיקן מאַרש, און מיר מעגן דאַנקען דעם אייבערשטן, וואָס ער האָט אונדז געגעבן די פּריווילעגיע אַזוינס צוצוזען.

יידישע אינסטיטוציעס אין קאַראַקאַס

כאָטש דאָס קאַראַקאַסער יידנטום האָט אָן אַ שיעור בשותפותדיקע שטריכן מיט די אַנדערע נייע ישובים אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטי־נענט, מוז מען פאָרט צוגעבן, אַז ער טיילט זיך אויס מיט אַ ריי אייגנשאַפטן וואָס מאַכן פון אים אַ יחיד־במינו אין אונדזער וועלטטייל, אַן אוניקום וועלכן ס׳איז כדאַי צו אַנאַליזירן און שטודירן.

ס׳וואָלט נישט געווען גערעכט, בשום־אופן, צוצושרייבן די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט דער גוואַלדיקער דאָלאַרן־שפע, וואָס האָט אין די לעצטע יאָרן זיך אויסגעגאָסן אויפן וועגעסועלער לאַנד, ווי אַ רעזולטאַט פון דער נאַפּט־ברכה, מיט וועלכער די מדינה איז אַזוי געבענטשט. איך מיין, אַז די מאַטעריעלע עשירות איז אַוודאי אַ גרויסער פאַקטאָר ווען עס קומט אויסצופירן נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן. אָבער קודם־כל דאַרפן עקסיסטירן די דאָזיקע אידעאַלן, און מענטשן דאַרפן זיין גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיי. אויב דאָס איז נישט פאַראַן, קען די רייכקייט גאָר פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ קללה, ווען אַלע ענערגיעס ווערן אָפּגעפירט צו דינען דעם עגל־הזהב, ווי מיר האָבן דאָס שוין געזען ביי נישט איין יידישן קיבוץ.

און דווקא אין וועגעסועלאַ איז אַזאַ עלעמענט יידן, ביי וועלכע די אידע־אַלן און די פּאָסיקע מענטאַליטעט זיי צו דינען, האָבן זיך געפונען אַ סך פריער, איידער זיי האָבן זיך דערשלאָגן צו אַ הויכן עקאָנאָמישן מעמד. די היסטאָרישע פאַקטן באַווייזן דאָס.

ווייסן מיר דאָך, אַז שוין אין די מיטעלע פערציקער יאָרן, דאָס הייסט, אַ צוואַנציק יאָר איידער ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער ראַשיקער נאַפּט־אויפשטייג, האָבן די פאַרעקשנטע קאַראַקאַסער עסקנים באַשלאָסן אויפ־צובויען אַ יידישע מוסטערשול, וועלכע איז גלייך פון אָנהייב באַזוכט געוואָרן פון כמעט אַלע הונדערט פּראָצענט קינדער אין שולעלטער, וואָס דאָס איז אַן איינציקע דערשיינונג אויף דער גאַנצער יידישער וועלט, מחוץ מדינת־ישראל. דאָס איבערציינגט אונדז, אַז נישט די עקאָנאָמישע פּראָספּעריטעט איז דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער וועגעסועלער יידישער אויסנעמלעכקייט, נאָר דער גייסט פון די דאָזיקע יידן, וואָס האָבן פון זייערע אַלטע היימען, פון די שטעטלעך אין בעסאַראַביע, פוילן און אַנדערע

פֿאַרבעטן דעם גרויסן מייסטער פֿון דער יידישער פּאָעזיע און איבער־זעצער פֿון די קלאַסיקער פֿון דער העברעישער פּאָעזיע פֿון דער שפּאַנישער תּקופֿה, דער גאָלדערנער, און ביז ביאַליקן: — י. י. שוואַרץ.

נאָך דעם האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַנדערע גרויסע נעמען פֿון אונדזער ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק: די שוין פֿאַרשטאָרבענע יעקב באָטאָשאַנסקי, רעדאַקטאָר פֿון דער בוענאָס־איירעסער „די פּרעסע", עסייִסט און גאָט־געבענטשטער רעדנער, און י. ל. גרוזמאַן, דער אַרויסגעבער פֿון „דער שפּיגל", אויך פֿון ב. איירעס. פֿון דער זעלביקער שטאָט, איז אויך דאָ צוויי מאָל געווען דער ליטעראַטור־קריטיקער שמואל ראָזשאַנסקי — דאָס ערשטע מאָל, אין די פֿופֿציקער יאָרן, אין שליחות פֿון קולטור־קאָנגרעס צו פֿאַרשפּרייטן דובנאָווס „וועלט־געשיכטע פֿון יידישן פֿאָלק"; דאָס צווייטע מאָל, נישט לאַנג צוריק, אין נאָמען פֿון דער „ליטעראַטור־געזעלשאַפֿט ביים ייִוואָ", צו פֿאַרשפּרייטן די ביכער פֿון דער סעריע „מוס־טערווערק פֿון דער יידישער ליטעראַטור", פֿון וועלכער ער איז געווען דער רעדאַקטאָר און דער לעבעדיקער גייסט.

שפּעטער איז געקומען פֿון ב. איירעס דער אויסגעצייכנטער רעדנער און ליטעראַטור־קענער, גרשון סאַפּאָזשניקאָוו.

אין די לעצטע יאָרן האָבן די קאַראַקאַסער יידן זיך דערלויבט אַ לוקסוס, און דאָס איז שוין צו פֿאַרדאַנקען דעם שלום־עליכם־קולטור־צענטער: זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט צו געבן לעקציעס אויף ליטעראַרישע טעמעס דעם דערציילער יצחק באַשעוויס־זינגער, דעם פּאָעט חיים גראַדע און דעם זשורנאַליסט און שרייבער ש. ל. שניידערמאַן, אַלע דריי פֿון ניו־יאָרק.

וויל איך טאָקע ברענגען דאָ די איינדרוקן פֿון איינעם פֿון די דאָזיקע באַרימטע באַזוכערס, פֿון ש. ל. שניידערמאַן, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין אַן אַרטיקל פֿון ניו־יאָרקער „פֿאָרווערטס", פֿון 24סטן אָקטאָבער 1972, און וואָס באַשטעטיקן דאָס וואָס כ'האָב פֿריִער געשריבן וועגן די הויפּט־שטריכן פֿון דעם קאַראַקאַסער ישוב:

„די נישט געשריבענע נייע געשיכטע פֿון יונגן יידישן ישוב אין ווענעסועלאַ איז לעבעדיק אין זכּרון פֿון עלטערן דור יידישע תּושבֿים, וואָס איך האָב באַגעגנט אינעם ,שלום עליכם קולטור־צענטער אין קאַראַקאַס', אַרום וועלכן עס זאַמלט זיך דער יידיש־רעדנדיקער עולם. צווישן די פּירערס פֿון דער דאָזיקער וויכטיקער אינסטיטוציע איז פֿאַראַן אַ צאָל וועטעראַנען פֿון דער אַשכּנזישער קהילה אין קאַראַקאַס.

„אַ באַזונדער רייכער קוואַל פֿון אינפֿאָרמאַציע איז דער שרייבער מאַקס פֿריילי̈ך, וועלכער איז געקומען קיין קאַראַקאַס מיט אַ 44 יאָר

גרינדער פון „שלום־עליכם קולטור־צענטער" אין קאַראַקאַס.

ראַטעוועט און האָט זיך געגומען פאָרמירן אין אַ זעלבשטענדיקער קהילה, מיט אַ בית־דין, אַ ישיבה, און אַפילו מיט אַן אייגענעם בית־עלמין".

שניידערמאַן דערמאָנט אויך ד' נעמען פון אַנדערע חשובע עסקנים און קולטור־טוערס, ווי לעאָן גרושקע, אהרן טשעכאָוויטש, אברהם איגליטיצקי, ה' דאַווידאָוויטש און אַנדערע.

פון דעם געבראַכטן ציטאַט זעען מיר, אַז די יידישע וועלט הייבט שוין אָן צו זיין אַ מבין אויף די אויפטועז פון יידישן קאַראַקאַס. דאָך, איז נאָך ווייט נישט אַלץ געגוג באַקאַנט. דערפאַר האָב איך זיך טאַקע אונטערגענומען, מיט מיינע באַשיידענע כוחות, צו פאַרעפנטלעכן די דער־גרייכונגען, וואָס אָט דער קליינער אָבער דינאַמישער ישוב האָט באַוויזן. איך טו דאָס, ווי דער לייענער האָט שוין זיכער באַמערקט, לויט אַ טאָפּעלער ליניע: פון איין זייט, מאָל איך אָפּ די יחידים, די פּערזענלעכקייטן פון יידישן קאַראַקאַס, אויף דער קאַנווע פון זייער פאַרגאַנגענהייט אין דער אַלטער און אין דער נייער היים, אין דער ראָם פון זייער איצטיקן פּריוואַטן און ציבורדיקן לעבן. פון דער צווייטער זייט, וויל איך באַשרייבן די געזעלשאַפט ווי אַ גאַנצקייט, און יעדע אינסטיטוציע באַזונדער, כדי מען זאָל בולט אַרויסזען דעם גייסט, וואָס יעדער איינער פון די קאַראַקאַסער יידן, און אַלע אין איינעם, האָבן אַריינגעבלאָזן אין זייערע קאָנקרעטע דערגרייכונגען.

פאַרבעט איך טאַקע איצט דעם לייענער, ער זאָל מיט מיר קומען אויף אַ שפּאַציר איבער די צענטראַלע יידישע אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן פון קאַראַקאַס: דער זעלביקער שפּאַציר, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט מיט דער פריינדלעכער באַגלייטונג פון די ליבהאַרציקע דאָרטיקע תושבים, וועלכע האָבן מיט באַרעכטיקטן שטאָלץ מיך אַריינגעפירט אין אַלע ווינ־קעלעך פון זייער שיינער באַלעבאַטישקייט און מיר געוויזן די הערלעכע פּרוכטן פון זייערע מעשי־ידיהם, פון דעם אַלעמען וואָס זיי האָבן מיט מי און אָנשטרענגונג, ווי אויך מיט ליבשאַפט און אמונה, אויפגעבויט און געשאַפן.

„העבראַיקאַ"

אויפן באָדן פון אַן אימפּאָזאַנטער באַרגיקער לאַנדשאַפט,ביים פוס פון ריזיקן אַווילאַ־באַרג, האָבן מייסטערס־אינזשיניערן אויפגעבויט די פּרעכטיקע בנינים און ספּאָרט־איינריכטונגען פונעם קלוב „העבראַיקאַ" אין קאַראַקאַס. קרוב צו צוויי טויזנט משפחות זענען אָנגעשלאָסן אין דער

דאַזיקער אינסטיטוציע, וואָס איז אַ יידישער גן־עדן התחתון, פאַר אַלע אירע מיטגלידער און בפרט פאַר דער יוגנט.

דער עיקר פון די טעטיקייטן פון „העבראיקאַ" איז ספאָרט. אַלץ וואָס די פאַנטאַזיע קען זיך נאָר אויסמאָלן אויפן געביט פון איינריכטונגען פאַר די פאַרשיידנסטע ספאָרטן און שפּילן, איז דאָרט פאַראַן, און אויפן ברייטסטן שטייגער. פוטבאָל־פעלדער, גערמאַע באַסקעט־ און טעניס־פּלעצער, שווים־באַסיינען פון די גרעסטע, וואָס ווערן לויט זייערע מאָסן באַצייכנט ווי אָלימפּישע, סאַלאָנען פאַר סאָציאַלע צוועקן, און וואָס נישט? הונדערטער יידישע קינדער און יוגנטלעכע געניסן דאָ פון אידעאַלע באַדינגונגען פאַר יעדן מין פאַרוויילונג, און קענען אינעם קלוב דורכמאַכן זייער פולע פיזישע און אויך גייסטיק־געזעלשאַפטלעכע אַנטוויקלונג, אין אַ יידישער סביבה, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתן פאַנצער קעגן אַסימילאַציע.

דאָס מיינט אָבער נישט אַז די יידן פון דער דאַזיקער אינסטיטוציע האָבן נאָר אין זינען ספאָרט אָדער דאָס געזעלשאַפטלעכע פאַרברענגען. זייער געוויסן דיקטירט זיי נאָך אַ העכערן אידעאַל. טאַקע אין די אייגענע אינגעווייד פון דער „העבראיקאַ", ביים פוס פון די דאַזיקע ריזיק־הויכע אַווילאַ־בערג, איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצובויען אַ נייע יידישע שול מיט אַלע פּיטשעווקעס. עס וועט לאַנג נישט געדויערן און דאָ וועלן טאָג־טעגלעך זיין קאָנצענטרירט אַרום פופצן הונדערט יידישע קינדערלעך. דאָס איז אַ נייע יידישע מלוכה וואָס האָט שוין אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן. דער פּלאַן דאַרף אָפּקאָסטן אַ קלייניקייט: 26 מיליאָן באָליוואַר, דאָס הייסט, אַן ערך 6 מיליאָן דאָלאַר. ערגעץ אַנדערש וואָלט אפשר אַזאַ בודזשעט געמיינט אַ מכשול נישט איבערצוקומען. פאַרן ישוב פון קאַראַקאַס איז עס נאָר אַן אַרויסרוף, אַ פאַרמעסט וועלכן זיי נעמען אָן מיט ענטוזיאַזם. ס'האָט זיך באַלד געיאָוועט אַן ערשטער מנדב אויף אַ מיליאָן באָליוואַר, און ווי באַלד ס'איז שוין דאָ דער ערשטער, קומען אַנדערע תיכף אונטער. און איך באַטאָן נאָך אַ מאָל: נישט נאָר פון עשירות איז אָפּהענגיק אַזאַ אויפטו, נאָר איבערהויפּט פון צוגעבונדנקייט צו אידעאַלן און געטריישאַפט צו דער ציבורדיקער אַרבעט.

אַזוי אַרום גרייט זיך „העבראיקאַ" אין גיכן אַריינצונעמען אויך די דערציערישע אַרבעט צווישן אירע טעטיקייטן. אַז מען וויל אָבער, איז דער ספּאָרטקלוב גופא אויך אַ דערציערישער פאַקטאָר. אָט איז מיר אויסגעקומען צו שפּאַצירן שבת־זונטיק אין ספּאָרטצענטער „העבראיקאַ". טויזנטער מענטשן טרעפט מען אָן: יונגוואַרג טוען זיך זייערס אויף אַלע ספּאָרט־פּאָזיציעס; עלטערע מענטשן זיצן געמיטלעך, וואַרעמען זיך אויף

דער מילדער זון און געניסן פון גן־עדנדיקן קלימאַט. מען זיצט בײַ טישלעך — פאַראַן מיט װעמען צו שמועסן. און פאַראַן שאַך־טישלעך, װאָס בײַ זײ זיצט מען פאַרזונקען אין די סודות פון דער יאָרטויזנטער אַלטער שפּיל, בײַ װעלכער יידן האָבן באַזונדערס ליב צו שאַרפן די מוחות. אגב, צװישן די שאַכשפּילערס פעלט קײן מאָל נישט, זונטיק אין דער פרי, דער ראש־הקהל פון „אוניאָן איסראַעליטאַ", הילאַ אָסטפּעלד, װאָס װעגן אים װעל איך באַזונדער שרײַבן. נאָר אײן זאַך האָב איך נישט באַמערקט צװישן די אַלע בנעימותדיקע ייִנגערע און עלטערע פאַרברענגערס: קײן שום מין אַזאַרט־שפּילן. צי דאָס איז אַ באַשלוס פון דער פאַרװאַלטונג, צי אַ ספּאָנטאַנע שטעלונג פון די מיטגלידער — דער פאַקט איז, אַז אין דער ריזיקער „העבראַיקאַ" הײבט זיך אָן דער חינוך פון נײַעם דור שױן מיטן גוטן בײַשפּיל װאָס עלטערע גיבן זײ דורך זײער אופן פון האַלטונג בשעת זײ פאַרװײַלן זיך און פאַרברענגען.

„העבראַיקאַ" איז אַ מאָדערנע, װאַקסנדיקע אינסטיטוציע, װאָס גיט אירע מיטגלידער אָן אַ שיעור גוטע זאַכן און מיט װעלכער זײ מעגן שטאָלצירן. קאַראַקאַסער יידן האָבן זיך דעם פאַרגעניגן און דעם שטאָלץ כשר פאַרדינט.

„אוניאָן איסראַעליטאַ"

די אוניאָן איסראַעליטאַ איז די עלטסטע פון די ייִדישע קהילה־אינסטיטוציעס אין קאַראַקאַס. איר הערלעכער בנין איז די קרוין פון ייִדישן סאַן־בערנאַרדינאָ. אינעם היכל איז אַרײַנגעלײגט געװאָרן נישט נאָר ייִדישע באַליװאַרס, נאָר אויך ייִדיש האַרץ. אינעם זעלבן בנין איז אויך אײַנגעגלידערט דאָס מקום־קדוש. אויך די רעדאַקציע פון דער פײַנער ייִדיש־שפּאַנישער צײַטונג „נועװאַ מונדאָ איסראַעליטאַ" פונקציאָנירט אונטער דעם זעלבן דאַך.

אין בנין פון דער אוניאָן איסראַעליטאַ װערט געפּירט, אַ חוץ דעם אַלעם, אַן אַרבעט װאָס װינציק ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין אונדזערע מקומות האָבן אין זינען צו טאָן, כאָטש דאָס איז פון דער גרעסטער װיכטיקײט פאַר דער געשיכטע פון אונדזערע ישובים. איך מײן דעם פּרעסע־אַרכיװ, װוּ געניטע סעקרעטאַרשעס פאַרנעמען זיך מיט אויסגעפינען, אַרויסנעמען און אַרכיװירן אַלץ װאָס דערשײַנט אין דער װענעסועלער פּרעסע געשריבן פון יידן, װי אויך אַלץ װאָס נישט יידן שרײַבן װעגן אונדז. דאָס אַלײן איז אַ סימן פון אַחריות מצד אַ ייִדישן ישוב, מצד אַן אָנפירערשאַפט װאָס האָט אין זינען נישט נאָר חיי־שעה — דערלײדיקן די דרינגנדיקע

פּראָבלעמען פון איצטיקן מאָמענט — נאָר אויך עס זאָל אין דער צוקונפט נישט פאַרגעסן ווערן אַלץ וואָס איז אין לאַנד געטראַכט און געשריבן געוואָרן אַרום יידישע פּראָבלעמען.

אין דער אוניאָן איסראַעליטאַ האָט מיך אויפגענומען דער סעקרעטאַר פאַר געזעלשאַפטלעכע באַציונגען פון דער אינסטיטוציע, דער זייער באַרופענער און סימפּאַטישער ד״ר ב. יעלינאָווסקי. שוין 17 יאָר ווי די קהילה האָט אים צוגעטיילט דעם דאָזיקן פּאָסטן, און ד״ר יעלינאָווסקי האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער נשמה פון דער קהילה. אַ לעמבערגער, האָט ער דורכגעמאַכט זיינע יורידישע לימודים אין אוניווערסיטעט, נישט געקוקט אויף די רדיפות מצד די פּוילישע אַנטיסעמיטן. ווען כ׳האָב אים אויפגעקלערט מיין שליחות, האָט ער זיך צו איר באַצויגן מיט דער פולער ערנסטקייט, און האָט מיר איבערגעגעבן אַלע אינפאָרמאַציעס מיט דער אָביעקטיווקייט וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין אינטעלעקטועלער אויסבילדונג.

די קהילה אוניאָן איסראַעליטאַ ציילט קיין עין־הרע ביי צוויי טויזנט אַנגעשלאָסענע משפחות. איר גרינדונג איז געווען אין יאָר 1926, און זי איז זיך זינט דעמאָלט צעוואַקסן אין כמות און אין איכות, קוואַנטיטאַטיוו און קוואַליטאַטיוו. פון אַ פּיאָנערישער איניציאַטיוו פון ערשט איינגעוואַנדערטע אימיגראַנטן, איז זי אין משך פון אָפּגעלאָפענעם האַלבן יאָרהונדערט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בליענדיקן יידישן צענטער, ווו עס קאָנצענטרירט זיך אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יידישער שעפערישקייט אין וועגעסועלאַ. דאָס אומגליק פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט מיט פופציק יאָר צוריק געטריבן יידישע יונגע לייט צו פאַרלאָזן זייערע איינגעפונדעוועטע היימען אין מזרח־אייראָפּע און זוכן נייע האָריזאָנטן אין וועגעסועלאַ, ווו אַ סך פון זיי האָבן שפּעטער אויך באַוויזן אַריבערצוברענגען זייערע עלטערן און אַנדערע קרובים, איז דאָ מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גליק: עקאָנאָמישער וווילשטאַנד געפּאָרט מיט אויפשטייג און אויפבוי פון יידישן לעבן, דורך אינסטיטוציעס, פּובליקאַציעס און גייסטיקע טעטיקייטן.

אַ מעלאַנכאָלישער עדות פון די דאָזיקע 50 יאָר שעפערישקייט איז דער בית־עולם פון דער אוניאָן איסראַעליטאַ, ווו ס׳וועט שוין בקרוב אויסקעלן פּלאַץ, און די אינסטיטוציע זאָרגט זיך טאַקע ווי אויסצוברייטערן דאָס גוטע אָרט. אַ האַלבער יאָרהונדערט, אַז מען דאַרף אים נאָך דורכלעבן, זעט אויס לאַנג ווי די אייביקייט, אָבער אַז ער איז שוין פאַרגאַנגען, דאַכט זיך אַז ס׳איז „ערשט נעכטן געווען״. אַזוי טראַכטן זיך מסתמא די

קאַראַקאַסער וועטעראַנען פון קהילה־לעבן ווען זיי זעען, ווי שנעל דער בית־עלמין האָט זיך אויסגעפילט... אָבער נישט דער טויט איז די הויפּט־טעמע צווישן קאַראַקאַסער יידן, און בפרט אין דער אוניאָן איסראַעליטאַ, ווו עס שפּרודלט מיט לעבן, מיט לעבעדיקער איניציאַטיוו און אַרבעט פאַר אַ באַלעבטער יידישער עקסיסטענץ.

זינט 1967 איז דער רב פון אוניאָן איסראַעליטאַ הרב פּנחס ברענער. זיין פאָטער, ז״ל, איז געווען רב אין לימאַ, פּערו, ווו ער איז נפטר געוואָרן. דאָרטן האָט זיך הרב פּנחס ברענער דערצויגן אַלס קינד. שפּעטער האָט ער זיך גראַדויִרט אין ניו־יאָרקער ישיבה־אוניווערסיטעט. ער באַזיצט עטלעכע שפּראַכן און צייכנט זיך אויך אויס מיט זיין רעדנערישן טאַלאַנט.

די דאָזיקע ערשטע קאַראַקאַסער קהילה־אינסטיטוציע שמט אויך מיט די חזנים וואָס זיי ברענגען יעדעס יאָר אויף ימים־נוראים. מיט צייטן צוריק האָבן זיי זעקס יאָר נאָך אַנאַנד אַראָפּגעבראַכט דעם באַרימטן פאָלקסזינגער און חזן סידאָר בעלאַרסקי ע״ה. אין 1976 איז אַנגאַזשירט געוואָרן דער גרעסטער אַרגענטינער חזן, לייבעלע שוואַרץ. דאָס יאָר ברענגען זיי צוויי חזנים: יצחק וויטקעס פון קאַנאַדע און משה כאַימאָווסקי פון ישראל.

וואָס שייך דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן אַספּעקט, באַשטייט די פאַרוואַלטונג פון אוניאָן איסראַעליטאַ פון 40 מיטגלידער, וועלכע ווערן געקליבן דורך וואַלן אַלע צוויי יאָר. אַ באַזונדערן חותם לייגט אויף דער טעטיקייט פון דער אינסטיטוציע דער איצטיקער ראש־הקהל פריינד הילאַ אָסטפעלד.

הכלל: די אוניאָן איסראַעליטאַ פון קאַראַקאַס איז אַ געראָטענע, איינ־געוואָרצלטע און דאָך זייער דינאַמישע צענטראַלע אינסטיטוציע, און בלי־ספק איינער פון די גרויסע פאַקטאָרן פון דער שעפערישקייט און אייגנאַרטיקייט פון ווענעסועלער יידנטום.

„קאַיוו"

מיינע באַגלייטערס פירן מיך אַריין אין „קאַיוו", די צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ווענעסועלאַ. ביוראָען און ביוראָען. אומעטום באַאַמטע מענער און פרויען. יידישע טעכטער, וועלכע פאַרשטייען נישט נאָר די טעכנישע און מעכאַנישע זייטן פון זייער אַרבעט, נאָר אויך איר טיפערן יידישן אינהאַלט. זיי טראָגן ביי אַ סך צו דער פולער האַרמאָניע מיט וועלכער עס ווערט דאָ געפירט די אַרבעט פון פאַרשיידענע און ביז גאָר חשובע אינסטאַנצן.

דאָ הויזן צוזאַמען: די ציוניסטישע פעדעראַציע, בראש מיטן באַ־



אַ טעמפּל אין קאַראַקאַס.

רופּענעם עסקן וואַלטער טשעסטאָכאָווסקי; די יידישע אַגענץ, דער קרן־היסוד, דער קרן־קימת און ציוניסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. אַ לעבעדיקע וועלט, פון וועלכער דער „קאַיוו" איז דאָס האַרץ.

כ׳טו אַ טראַכט: מיט 25 יאָר צוריק, ווען איך פלעג זיין אַן אָפטער גאַסט אין ווענעסועלאַ, איז דאָך אַ שמץ פון דעם אַלעם נאָך נישט געווען. ס׳איז צום באַוואונדערן, ווי שנעל אַ ישוב קען זיך אויפבויען, און דאָס אויף אַזאַ אופן, אַז אַלץ זאָל אין אים שיינען און בליען. דאָס האָט מען נאָר צו פאַרדאַנקען דעם רעזערוו פון ווילע פּאָלקסיידן אין קאַראַקאַס. וואָרעם ווער איז ביי די דאָזיקע יידן נישט קיין פּאָלקסייד? דאָרט האָט דער שטן נישט געהאַט קיין שליטה צו באַהערשן דעם גביר און ביי אים צונעמען דעם כבוד־טיטל: פּאָלקסייד, ווי עס פּאַסירט אין אַנדערע מקומות, וווּ געלט

פאַרדרייט דעם קאָפּ ווי אַ שאַרף געטראַנק. אָבער נישט אין יידישן ווענעסועלאַ! אַ קליינער ישוב, סך הכל 20.000 נפשות, נאָר יעדערער פון זיי, ווער עס קען נאָר, איז גרייט מנדב צו זיין, פון טשעקביכל אַזוי ווי פון זיין ענערגיע און געדאַנק, צו באַרייכערן דאָס לעבן פון דער גאַנצער עדה.

☆

איך וואָלט נישט געוואָלט אָפּשליסן מיין באַשרייבונג פון דער וניאָן איסראַעליטאַ, די ערשטע קהילה־אָרגאַניזאַציע אין קאַראַקאַס, און נישט אָפּגעבן דעם פּאַרדינטן כבוד די עסקנים וואָס זענען געשטאַנען בראש פון דער קהילה זינט איר בראשית. האָבן זי געדינט בלב־ונפש און האָבן זי ביסלעכווייז דערפירט צו איר איצטיקער, גאָר קיין עין־הרעדיקער מדרגה. אייניקע פון זיי — די וואָס כ׳האָב געהאַט די זכיה פּערזענלעך צו באַקענען — האָב איך שוין לענגער כאַראַקטעריזירט אין באַזונדערע קאַפּיטלען פון דעם דאָזיקן בוך. אַנדערע, וועלכע כ׳קען נישט, אָדער זענען שוין אַוועק אין זייער רו, קען איך ליידער אויף אַן אַנדער אופן נישט אַריינגעמען אין בוך, ווי נאָר דורך דערמאָנען מיט יראת הכבוד זייערע נעמען. דער פאַר רעכן איך דאָ אויס, לויטן כראָנאָלאָגישן סדר, די ביז־איצטיקע פּערצן ראש־הקהלס פון דער וניאָן איסראַעליטאַ, די נפטרים און — זאָלן אָפּגעשיידט זיין צום לעבן — די וואָס באַשיינען היינט און וועלן אם ירצה השם ווייטער באַשיינען דאָס יידישע לעבן אין קאַראַקאַס מיטן טייערן בייטראַג פון זייערע פּערזענלעכקייטן און זייערע מעשים־טובים. אָט זענען זייערע נעמען:

1) חיים איציק לערנער ע״ה
2) נאַטאַליאַ גליזשאַנסקי
3) מאַנועל לאופער ע״ה
4) פראַנסיסקאָ לאַבונסקי ע״ה
5) לעאָן שניידערמאַן
6) מאַנועל (מענדל) האַלדער ע״ה
7) זשאַק קאָהן ע״ה
8) סאַמועל מעלער
9) חיים זיגעלבוים ע״ה
10) מיגעל ראָטענבערג ע״ה
11) סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט
12) דוד קאַץ
13) לעאָן וויסענפעלד
14) הילאָ אָסטפעלד

דער קהילה־ראַבינאַט און זיין שול

אינעם קאַפּיטל וועגן פריינד יאָסל לערנער דערמאָן איך אַ ריי אויפ־טוען און פּראָיעקטן, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער יינגערער קאַראַקאַסער קהילה־אינסטיטוציע, וועלכע איז באַקאַנט מיטן פּרעסטיזש־פולן נאָמען קהילה־ראַבינאַט. אָבער כּדי צו פאַרשטיין גענוי די אַנטשטייונג פון דער אינסטיטוציע, דאַרפן מיר זיך צוריקקערן אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אינעם לעבן פון ווענעסועלער יידנטום.

אַגב, אין מיין בוך „אַ יידיש אינדזעלע אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנ־טינענט" איז שוין דערמאָנט די חבלי־לידה פון דער ערשטער שול אין קאַראַקאַס. די שול איז געבויט געוואָרן מיט געלטער וואָס אַלע קאַראַקאַסער

יוסף און עזרא לערנער נעבן הרב ציוויאַק בעת ער זאָגט אַ תפילה, און גבאים פון ראַבינאַט.

יידן האָבן בייגעשטייערט. צום סוף אָבער איז בעל־הבית איבער דער שול געוואָרן הרב מאיר שאַפּיראָ אַליין, צי אפשר מיט נאָך עטלעכע באַלעבאַטים.

הרב שאַפּיראָ, לויט ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט זיך נוהג געווען אַ תקיפֿישע פֿירונג, און דאָס האָט געפֿירט צו שאַרפֿע סכסוכים סיי אינעם ענגן קרייז פֿון זיין סינאַגאָגע, סיי אין דער יידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט בכלל. אין שטאָט האָט זיך געקאָכט — אויף טיש און אויף בענק. דאָס אַלע מאָל רויִקע יידישע קראָקאָס איז דאַן אַרויס פֿון די שטילע וואַסערן, און פּונקט ווי אַ פֿאַרפּלייצונג איז געווען דער רויש און דער טומל וואָס ס׳האָט זיך געטאָן אין שטאָט. כאָטש הרב שאַפּירא איז געווען אַ בעסאַראַ־בער, דאָס הייסט אַ לאַנדסמאַן פֿונעם רוב קראָקאָסער יידן, איז ער געוואָרן שווער פֿאַר זיינע באַלעבאַטים, וואָס האָבן אים אָנגעשטעלט ווי זייער רב. דאָס מחלוקת איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז ס׳איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג: הרב שאַפּיראָ האָט געמוזט פֿאַרלאָזן די שטאָט. פֿאַר־שטענדלעך האָט מען אים געמוזט דערפֿאַר פֿאַרגיטיקן במזומנים. די שול איז געבליבן אין די הענט פֿון פּריוואַטע באַלעבאַטים, מיט וועלוול זיגעלבוים בראש.

וועלוול זיגעלבוים האָט אַגב אַריינגעבראַכט אַ סך מי און אַרבעט אין דער דאָזיקער שול; פֿאַרנאַכלעסיקט אַפֿילו אייגענע אינטערעסן און אָפּ־געגעבן זיך בלב ונפש אַז די שול זאָל זיך אויפֿהאַלטן. און די שול האָט טאַקע פֿאַרגעזעצט איר טעטיקייט. יידן זענען געקומען מתפּלל זיין. אָבער אַ שול האָט אויך הוצאות, און די הוצאות זענען געוויינטלעך גרעסער ווי די הכנסות. טאָמער ס׳קומט אין אַזאַ פֿאַל נישט אַריין די ברכה, גייט מען אין באַנק נעמען אַ הלוואה צו פֿאַרלאַטען די לעכער. און די הלוואה דאַרף מען אַ מאָל אויך דעקן...

נו, די חובות פֿון דער שול האָבן זיך אויף אַזאַ שטייגער געשלעפּט און פֿאַרגרעסערט, ביז דער ענין איז אַריבער צו אַדוואָקאַטן, צום געריכט און... ס׳האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז דאָס יידישע מקום־קדוש זאָל אויף אַ געריכטלעכער ליציטאַציע אָפּגעקויפֿט ווערן דורך נישט יידן, עס צו פֿאַרוואַנדלען גאָר אין אַ רעסטאָראַן און אַ צענטער פֿאַר פֿאַרוויילונגען.

אין דעם אַ גורלדיקן מאָמענט האָט זיך באַוויזן דער שוין דעמאָלט (אָנהייב 70ער יאָרן) באַקאַנטער עסקן ר׳ יאָסל לערנער; ער האָט זיך געשטעלט צו דער ליציטאַציע און האָט אויסגעמיטן אַ חילול־השם. דאָס האָט אים אָפּגעקאָסט אַרום אַנדערטהאַלבן מיליאָן באַליוואַר, קאַרגע פֿיר הונדערט טויזנט דאָלאַר. ער האָט באַלד אָפּגעשריבן דאָס אייגנטום אויף דער פֿאַרוואַלטונג פֿון ראַבינאַט, ווי אַ קלאָרער באַווייז פֿון זיין ערלע־

אַן אַקט אין ראַבינאַט. פּרעזידענט ר' יוסף לערנער. אירווינג קריס
וויצע־פּרעזידענט, הרב שמואל ציוויאַק האַלט די רעדע. דער צווייטער רעכטס אירווינג קריס.
פון לינקס ר' משה פייוול קריס א"אַנד. גבאים

כער, נישט פערזענלעכער כּוונה; אַז ער איז נאָר אויסן געווען צו ראַטעווען יידיש האָב־און־גוטס וואָס האָט געהערט דעם יידישן ציבור. דאָס איז, מער אָדער ווייניקער, דער פאַרלויף פון דער געשיכטע. אויב איך האָב פאַרפעלט געוויסע פּרטים, וועלכע זענען מיר נישט באַקאַנט, ווייל איך בין דאָך נישט קיין תושב פון קראַקאָס, וועלן מיר די לייענערס מוחל זיין. בכל אופן, בין איך זיכער, אַז כ׳בין נישט דער לעצטער היסטאָ־ריקער פון אָט דעם ישוב. דער צוקונפטיקער וועט שוין מתקן זיין.

אָט די שול, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק אין יידישן סאַן־בערנאַרדינאָ, און וואָס האָט דורכגעמאַכט זינט זי עקסיסטירט סיי קאַלטס, סיי וואַרעמס, טראָגט דעם ביז גאָר בכבודיקן נאָמען „ראַבינאַט״. זינט זי איז אויסגעלייזט געוואָרן דורך ר׳ יאָסל לערנער, איז אַרום איר אויסגעוואַקסן די קהילה וואָס איז אויך באַקאַנט מיט דעם נאָמען, און וואָס האָט אַרויסגערופן פיל דיסקוסיעס, כאָטש איר טעטיקייט איז דורכויס אַ פּאָזיטיווע.

אַוודאי, ווען צו יענער ליציטאַציע וואָלטן זיך געווען צושטעלן פאָר־שטייערס פון דער אוניאָן, און נישט בלויז לערנער, וואָלט זיכער דער מעמד געווען אַן אַנדערער און אויפן טאָג־אָרדענונג פון יידישן קראַקאָס וואָלט נישט געשטאַנען די אָנגעווייטיקטע פראַגע פון צוויי קהילות, שפּאַל־טונג און עגמת־נפש. אָבער דאָך איז צו האָפן אַז די דאָזיקע רייבונגען זאָלן בקרוב פאַרשווינדן, ווייל די טעטיקייט פון דעם קהילה־ראַבינאַט ווייזט באַשיימפערלעך, אַז ער איז נישט אויפגעקומען סתם צוליב קאָנקורירן, נאָר ער טראָגט־ביי קאָנסטרוקטיווע אַרבעט, וועלכע ווירקט זיך אויס לטובת דעם גאַנצן יידישן לעבן אין ווענעסועלאַ.

דער ראַבינאַט ציילט שוין היינט צו טאָג די גאָר בכבודיקע צאָל פון כמעט 1.300 מיטגלידער. די שול איז זייער שיין און כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ שול אין דער אַלטער היים. אין פאַרנעם האָט זי זיך אויך נישט וואָס צו באַקלאָגן: הונדערטער פלעצער, און יעדן טאָג, סיי אין דער פרי, סיי אין אָוונט, איז דאָרט דאָ אַ מנין. דער ראַבינאַט האָט זיך דערצו זיינע גייסטיקע מנהיגים: אין דער ערשטער ריי הרב שמואל ציוויאַק, וועגן וועמען איך שרייב באריכות אויף אַן אַנדער אָרט. מיט אים אַרבעטן מיט: דער יונגער רב יצחק סאַנאַנעס, זייער אַן אינטעליגענטער און סימפּאַטישער מענטש, און הרב ר׳ מאיר ראָזענבוים, וועלכער פאַרנעמט אין ראַבינאַט נאָר אַן ערן־פּאָזיציע און פירט זיין הויפּט־טעטיקייט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, בראש פון דער חברה שומרי־שבת.

אַ קהילה דאַרף האָבן אַן אייגענעם בית־עלמין. דאָס איז געווען דאָס

סאַמע ערשטע וואָס מיר האָבן געדאַרפט באַזאָרגן ווען מיר האָבן געגרינדעט די אַלע נייע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע. האָט טאַקע די קהילה ביים ראַבינאַט זיך באַמיט צו האָבן אַ בית־החיים, און זי האָט מצליח געווען. היינט פאַרמאָגט זי אַ גרויסן, כמעט נאָך נישט באַניצטן שטח אין אַ פּרעכטיקער געגנט, מיט אַ גרויסן סאַלאָן פאַר הספדים און אַזכרות.

וועגן אַנדערע אַרבעטן פון דעם קהילה־ראַבינאַט האָב איך שוין דער־מאָנט, ווי צום ביישפּיל דער ריזן־סאַלאָן פאַר שמחות, וואָס איז אויס־געבויט געוואָרן אויפן חשבון פון די ברידער יאָסל און עזרא לערנער.

ווער איז דער גבאי ראשון פון ראַבינאַט? זיין נאָמען איז יוזי שעכטער, געבוירן אין טשערנאָוויץ. דער זיידע זיינער האָט טיף געוואָרצלט אינעם יידישן לעבן אין נאָוויסילעץ. דער פאָטער, ר׳ משה שעכטער, איז געווען אַ טראַדיציאָנעל־אָפּגעהיטענער ייד, מיט פאַרשטענדעניש פאַר מאָדערנער יידישקייט. אינטערעסאַנט ביז גאָר איז די גייסטיקע עוואָלוציע פונעם אייניקל, יוזי, וועלכער האָט זיך לכתחילה אויך געקלאָמערט אין מאָדערנער יידישקייט. אים האָט אָבער געצויגן צו די אַלטע יידישע וואָרצלען, וואָס האָבן אין משך פון יאָרטויזנטער אויפגעהאַלטן דעם דורותדיקן כוח פון יהדות. יוזי שעכטער האָט דעם דאָזיקן פּראָצעס דורכגעמאַכט אין קאַראַקאַס.

איך האָב זיך מיט יוזי שעכטער באַקענט נאָך אין 1953, דורך אַ צופאַל, ווייל זיי האָבן געוווינט אינעם זעלבן הויז ווי מיינע גוטע פריינד שמואל און חייקעלע וואָלקאָווינסקי. אָבער זינט דעמאָלט האָב איך שעכטערן אין משך פון יאָרן נישט געזען. ערשט איצט, ווען כ׳בין צוריקגעקומען קיין קאַראַקאַס מיט מיין שרייבערישער מיסיע, ווי נאָר כ׳האָב איבערגעטראָטן די שוועל פון ראַבינאַטס מקום־קודש, האָב איך אים געטראָפן, געקרוינט מיטן ערן־טיטל פון גבאי־ראשון. דער פאַקט אַליין, וואָס אַזאַ בכבודיקע קהילה האָט אים אויסגעצייכנט מיט אַזאַ טיטל, זאָגט עדות אויף זיינע פיל מעלות. בכלל איז וויכטיק צו זען, אַז כאָטש די אָפּסטסטע דערשיינונג איז דווקא אַז יידן זאָלן זוכן אַ לייכטערן וועג, און זיך דערווייטערן פון שטרענגער יידישקייט, זענען פאַרט פאַראַן פאַלן ווי יוזי שעכטער, וואָס קומען־צוריק דווקא צו אונדזער אַלטן, רייכן, אָרטאָדאָקסישן שטייגער, ווי אַ רעזולטאַט פון אַן אויפריכטיקער זוכעניש. אַפילו וועלטלעכע יידן, וועלכע האָבן צוגעזען ווי אונדזער גייסטיק לעבן ווערט אָפּגעשוואַכט נאָך אַלע איבערלעבונגען פון לעצטן יאָרהונדערט, מוזן צוגעבן, אַז אַזאַ גייסט ווי ס׳הערשט אין קהילה־ראַבינאַט, און ווי ער ווערט פאַרקערפּערט אין דער פיגור פון אַ יוזי שעכטער, קען דינען ווי אַ פעסטער יסוד פאַר אונדזער קיום, נישט ווינציקער, און אפשר טאַקע מער, ווי אונדזערע אָנשטרענגונגען

זויפצוהאַלטן אונדזער קולטור איןביידע שפּראַכן, אונדזער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, אאַז״וו.

נאָך עטלעכע שיינע יידן געפינען זיך ווי גבאים ביי דער אָנפירערשאַפט פון דער שול ביים ראַבינאַט. דאָס זענען: איזידאָראָ אַלטמאַן, אַ בוקאָווינער, אַן עלטערער תושב, אַ גאַנץ באַגאַבטער מענטש, אַ קענער פון אַ ריי שפּראַכן, אַ דענקער און אַ רעדנער; פריינד גונצלער, אַ גוטער מענטש אין פּולן זינען פון וואָרט, אַ ייד וואָס פאַרפעלט נישט אַ שבת אין שול, שטייט אויך נישט מן־הצד אין אַרבעטן פאַר ישראל, דאַוונט אויך ביים עמוד; פריינד פרעדי שרייבער, אַן אָקוליסט און אַ ספּאָרטלער וועלכער דאַוונט

פון רעכטס צו לינקס: ד״ר מישאַ אַדלער, עזרא לערנער און אַראַנטשיק גאָלדענבערג.

מיטן ערשטן מנין. דאָ זעען מיר, אַז ווען אַ יידישע קהילה איז זוכה, זאַמלען זיך אירע פרומע יידן נישט נאָר צווישן זקנים און מענטשן, וועלכע זענען אויסגעטאָן פון די דאגות פון דער וועלט, נאָר אויך צווישן אַקטיווע, מאָדערנע מענטשן, וועלכע טראָגן זייער אמונה און געטריישאַפט טיף אין האַרצן.

ווייטער, גרופּירן זיך אַרום דער ראַבינאַט־אינסטיטוציע פיל חשובע און מערקווערדיקע פיגורן פון יידישן קאַראַקאַס. דער כאַטינער יחיאל קיכער, מיינער אַן אַלטער פריינד, אַ ייד פון דער שארית־הפליטה מיט אַ נייגונג צו דער עמוד־קונסט. ליידער איז ער לעצטנס געוואָרן אַן אַלמן, און זיין קומען אין ראַבינאַט האָט איצט נאָר צו טאָן מיט זאָגן קדיש.

אַ צווייטע אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט איז דניאל בן־דאַהאַן, דער צווייטער וויצע־פּרעזידענט פון ראַבינאַט. אַ ייד פון די וואָס ווערן אויף לשון־קודש באַצייכנט ווי איש־אשכולות, דאָס הייסט, אַז ער איז פול מיט מעלות ווי אַ הענגל מיט טרויבן. אַ רעדנער, אַ זינגער און אַ מוזיקאָלאָג, אַ גרויסער קענער פון יידישער נגינה און פון מוזיק בכלל. כאַראַקטעריסטיש איז אַז — כאָטש ער איז פון דער ספרדישער גזע און איז לאַנגע יאָרן געווען וויצע־פּאָרזיצער פון דער ספרדישער געמיינדע — האָט אים דאָך געצויגן צו די אשכנזים. און דאָס נישט דווקא ווייל ער איז אַן איידעם פון אַן אשכנזישן ייד, ה׳ מיגעל מיילעכזאָן, וואָס וועגן אים וועט נאָך זיין די רייד ווייטער, נאָר ווייל ער האָט געפונען מער טעם אין די אשכנזישע רייען, פונקט ווי ס׳טרעפט גאַנץ אָפט אַז אונדזעריקע געפינען מער אינ־טערעס אין דער ספרדישער סביבה. דאָס זענען פּאָזיטיווע פאַקטן, וואָס ווייזן אַז יידישע גרופּעס גלידערן זיך ברידערלעך צוזאַמען אין אונדזערע נאָך נייע ישובים.

צו לעצט וויל איך דערמאָנען, צווישן די פּראָמינענטע מיטגלידער פון ראַבינאַט, די דריי איידעמס פון ר׳ אברהם כאַנאַלעס ע״ה, וועלכער איז געווען דער ערשטער רב אין קאַראַקאַס, נאָך פּאַר מאיר שאַפּיראָן. אברהם כאַנאַלעס, וועלכער איז נאָך פריִער געווען רב אין אַן עסטרייכיש שטעטל, איז געווען אַ גרויסער בן־תורה. איך האָב נאָך זיין נאָמען געהערט בעת מיינע ערשטע באַזוכן אין קאַראַקאַס, כאָטש אים פּערזענלעך האָב איך נישט געקענט. זיין איידעם, פריינד מאָרגענשטערן, פאַרמאָגט אויך סמיכה אויף רבנות, אָבער זיין עניוות לאָזט אים נישט פאַרנעמען אַזאַ אַמט. ער ווערט אָנערקענט מיט גרויס דרך־ארץ אינעם גאַנצן ישוב. דער צווייטער איידעם, פריינד מאָסקאָוויטש, אַן איידעלער יונגערמאַן, פאַרמאָגט אַ מתיקותדיקע שטים ווי אַ בעל־תפילה. ער רייסט זיך נישט צום עמוד, אָבער ווען מען פּועלט ביי אים ער זאָל דאַווענען בעת אַ קבלת־שבת אין ראַבינאַט, האָבן אַלע פון דעם אַן אומגעהייערן גייסטיקן פאַרגעניגן. דער דריטער איידעם, ר׳ לייב קאַרטנער, איז באַגלייך מיט זיינע שוואָגערס אַ ייד אַ לערנער און אַ מיטגליד פון דער חברה שומרי־שבת, פון וועלכער זייער שווער, דער דערמאָנטער הרב אברהם כאַנאַלעס, איז געווען איינער פון די מיטגרינדערס.

אַז מען שמועסט שוין וועגן טאַלאַנטירטע בעלי־תפילה אין קאַראַקאַס, לאָמיר צוגעבן אַז דאָ נישט לאַנג האָב איך דאָרט געטראָפן ביים עמוד דעם פריינד בראַזינער, וואָס מיט זיין משפחה פאַרבינדט מיך אַ דרייסיק־יאָריקע פריינדשאַפט, און ער האָט מיך איבערגעראַשט מיט זיין מתיקותדיק דאַווענען, וואָס איז זיך ממש צעגאַנגען אין די אברים פון אַלע מתפללים.

ווייזט אויס אַז אונדזער טויזנט־יעריקע יידישע ליטורגיע פאַרמאָגט שוין אַ כוח אַזאַ, אַן אייביקן, צו טרעפן אין די איידלסטע געוועבן פון יידישן האַרץ.

איידער כ׳גיי אַריבער צו אַנדערע אינסטיטוציעס, וויל איך ענדיקן מיין איבערבליק איבער דעם קהילה־ראַבינאַט, געבנדיק די פולע רשימה פון איר פאַרוואַלטונג:

פרעזידענט: יוסף לערנער; וויצע־פרעזידענטן: אירווין קריס, ד״ר דניאל בן־דאַהאַן, ד״ר משה פרידמאַן, אינזש׳ חיים לערנער און ד״ר עוכעניאָ שומאַן; גענעראַל־סעקרעטאַר: ה׳ אַלעקסאַנדער סטראָנסקי; וויצע־סעקרעטאַר: ה׳ לעאָן רייזבערג; וואָקאַלן: אינזש׳ אָטאָ פוקס, ד״ר כאָרכע לערנער, הערץ דראַש, כאַסע ווייס, פרעדי שוואַרץ, מאַריץ דום, ענריקע גונצלער, ד״ר כוליאָ געלמאַן, זוניאַ קערטנוס, יחיאל טשיזער, מרדכי ראָזענפעלד, אברהם עקערמאַן, אהרן מילגראַם, שלמה פאַלטשוק, חיים כאַכאַמאָוויץ און סאַמועל רעסלער; קולטור־דירעקטאָרן: כאַקאַבאָ שניידער און ד״ר חיים בראָנפנמאַכער. גבאי ראשון — יוזי שעכטער.

דער יונגער און סימ־
פאַטישער רב סאַנאַנעס
פון ראַבינאַט.

דער ייִדישער שולוועזן אין ווענעסועלאַ

גראַדוירונג־אַקט אין דער רמב״ם־שול

ד״ר דוד גראָס — געניטער קאַפּיטאַן פון יידישן חינוך אין קאַראַקאַס

דער נאָמען פון ד״ר דוד־אריה גראָס איז ענג פאַרבונדן מיטן יידישן ישוב פון קאַראַקאַס: פאַרבונדן מיט אַ שלל דינען, אידעען, נשמהדיקע פּעדעם. ווייל ד״ר גראָס איז נישט נאָר אַ גוט באַקאַנטע אינטעלעקטועלע פּערזענלעכקייט אין לאַנד און אין אויסלאַנד, נאָר ער איז דער מענטש וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט אויסגעשמידט דעם היינט אימפּאָזאַנטן קאַראַקאַסער יידישן חינוך־וועזן, און האָט דירעקט צי אומדירעקט באַשטימט די גייסטיקע אויספורעמונג פון די ביז איצטיקע צוויי דורות ווענעסועלער געבוירענע יידן. כ׳מיין, אַז דאָס איז אַ מערקווירדיקע דערשיינונג, מסתמא אַן איינציקע אין דער געשיכטע פון אַלע יידישע ישובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט: אַז אין משך פון דריי יאָרצענדלינגער זאָל איין מענטש זיין די צענטראַלע פיגור אינעם חינוך פון אַ גאַנצן קיבוץ, און דערביי זאָל זיין ווירקונג לייגן דעם חותם אויף דער יידישער אויסבילדונג פון אַלע הונדערט פּראָצענט קינדער פון דעם דאָזיקן ישוב, אין פאַרלויף פון דער דערמאָנטער צייט. אַזאַ אויפטו קען נישט זיין קיין צופעליקער, נאָר ער מוז זיין דער רעזולטאַט פון אַן אויסערגעוויינטלעכן פּעדאַגאָגישן און אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט, מיט אַ צולאָג פון אמונה און ליבשאַפט צו דער לערערישער מיסיע. דערפאַר איז העכסט אינטערעסאַנט מיר זאָלן זיך דאָ באַקענען מיט דער פּערזענלעכקייט ד״ר דוד גראָס, וואָס וואַקסט ווייט אַריבער איבערן תחום פון דערציִערישן באַרוף, אָבער האָט אין דער דערציִונג ממש באַוויזן וווּנדער איבער וווּנדער.

דוד גראָס איז געבוירן געוואָרן אין גאַליציע, דעמאָלט אונטער עסטרייכישער הערשאַפט, אין אַ שטעטל מיטן נאָמען האַלישיץ. דאָס איז געווען נישט ווייט פון לעמבערג. דאָרט האָט ער דורכגעמאַכט זיין ערשטע בילדונג, אין חדרים און אין דער פאָלקסשול, ביז צו די פופצן יאָר.

עס האָט אים געצויגן צו די רעליגיעזע לימודים. אַ יאָר צייט איז ער געווען אַ בן־בית אין די קרייזן פון בראַסלעווער חסידים; אַ יאָר ווייטער האָט ער געלערנט אין דער לאַוואָרדיקער ישיבה, ווו ער האָט געענדיקט און געקראָגן סמיכה אויף רבנות. מיט דעם האָט זיך נאָך אָבער זיין דאָרשט צום לערנען נישט איינגעשטילט, און ער איז קיין רב נישט

געוואָרן. ער איז אַריבערגעגאַנגען צו לימודי־חול, צו וועלטלעכער בילדונג, און צוגעגרייט זיין מאַטורע־עקזאַמען.

נאָכן באַקומען מאַטורע איז ער אַוועק קיין ווילנע, מיטן ציל אָנגענומען צו ווערן אינעם דאָרטיקן אוניווערסיטעט. ווילנע איז טאַקע געווען ירושלים דליטא, און דער שם פון דער שטאָט האָט זיך געשפּרייט ברייט און ווייט איבער דער יידישער וועלט. אָבער די פּוילישע אַנטיסעמיטן זענען פון דעם ווייניק וואָס נתפּעל געוואָרן, און זייער גיפטיקע ווירקונג האָט זיך געלאָזט פילן אין ווילנע, בפרט נאָך ווען ס׳האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַריינקומען אין אוניווערסיטעט. פאַר דוד גראָסן איז אָבער דאָס דערגרייכן העכערע בילדונג געווען אַ העכערער לעבנסציל, און ער האָט באַשלאָסן אויסצו־פּרוּוון ס׳מזל אין אַן אַנדער מקום: רוים, איטאַליע.

אין איטאַליע איז ער יאָ אָנגענומען געוואָרן אויפן אוניווערסיטעט, ווו ער האָט גענומען שטודירן עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן. ווי אַ צולאָג צום אוניווערסיטעט, האָט ער זיך נאָך פאַרשריבן אינעם דאָרטיקן באַרימטן ראַבינער־סעמינאַר, און דאָרט געלערנט דריי יאָר. זיינע פּראָפעסאָרן זענען געווען די באַרימטע קאַסוטאָ, האַרטום, פּראַטאַ א״א. זעען מיר שוין, אַז פריינד ד״ר גראָס האָט אויסגעפּירט דעם דיקטאַט פון זיין באַרוף און פון זיינע פעיִקייטן, און האָט מצליח געווען נישט נאָר אַריינצוטרעטן אין דער וועלט פון העכערער בילדונג, נאָר אויך צו דער־גאַנצן זיין יידיש וויסן אונטער דער השגחה פון ערשטקלאַסיקע וויסנ־שאַפטלערס און פאָרשערס: די סאַמע גדולים פון דער גרויסער און באַרימטער איטאַליענישער שיטה אין חכמת ישראל, וועלכע זענען נאָך ביז היינט געבליבן די איינציקע, אָן זייערס גלייכן אויף פאַרשיידענע געביטן פון תנ״ך־פאָרשונג, פּאַלעאָגראַפיע און אַנדערע. ד״ר גראָס האָט זיך טאַקע גראַדויִרט אינעם ראַבינער־סעמינאַר. וואָס שייך דעם אוניווערסיטעט, האָט דער קרומער גאַנג פון אונדזער היינטצייטיקער געשיכטע באַשטימט עפּעס אַנדערש. נישט אַריינצוגיין אין אַלעמען באַקאַנטע פּרטים, וועלן מיר נאָר זאָגן אַז דעם אוניווערסיטעט־טיטל האָט ער דערגרייכט שפּעטער, אין 1943, אינעם דראָפּסי־אוניווערסיטעט פון פילאַדעלפיע. זיין טיטל איז דאָקטאָר פון פילאָסאָפיע און ליטעראַטור, און די דאָקטאָראַט־אַרבעט איז באַשטאַנען אין אַ פאָרשונג וועגן דעם „ספר־הימים״ פון יוסף הכהן, אַ וואָגיקע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט וואָס האָט מיט יאָרן שפּעטער זוכה געווען אַרויסגעגעבן ווערן ווי אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע דורכן ירושלימער אוניווערסיטעט.

אין זעלבן 43סטן יאָר האָט ד״ר גראָס אָנגענומען זיין ערשטן לערערישן פּאָסטן, אינעם לערער־סעמינאַר „הרצליה״ פון ניו־יאָרק. גלייכצייטיק האָט

ער געהאַט אַ קאַטעדרע אינעם ניו־יאָרקער אוניווערסיטעט, ווו ער איז געווען לעקטאָר פאַר העברעישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווי אויך פאַר יידישער געשיכטע.

דערווייל האָט דער גורל צוגעגרייט פאַר ד״ר גראָס אַ נייע איבער־וואַנדערונג, אויף וועלכער איך שטעל זיך פאָר אַז ער האָט זיך, נאָך אַזוי פיל וואַגלענישן, שוין נישט געריכט. און דאָך איז דאָס געווען די ווייט־גייענדיקסטע ענדערונג אין זיין ביאָגראַפיע, הן וואָס שייך דער צייט וואָס דאָס נעמט אַרום, הן בנוגע די אויפטוען און דערגרייכונגען וואָס ער האָט דורך דער צייט באַוויזן.

אין 1946 איז אין קראָקאָס געגרינדעט געוואָרן די הערצל־ביאַליק־שול. איז דעמאָלט אַוועקגעפאָרן אַ דעלעגאַציע אינעם גרויסן ניו־יאָרק, מיט דער אויפגאַבע צו געפינען אַ פּאַסיקן דירעקטאָר פאַר דער שפּאָגל־נייער שול, וואָס קראָקאָסער יידן האָבן געשאַפן פאַר זייערע קינדער און אייניקלעך. די חשובע דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון דריי עסקנים: חיים זיגעלבוים ע״ה, עזריאל זאַנענשיין ע״ה און פיליפּ שטיינמעץ, אים צו לענגערע יאָר. זייערע וועגן האָבן געפירט צו ד״ר גראָס. זיי האָבן זיך מיט אים פאַרשטענדיקט און געחתמעט אַן אָפּמאַך, און אַזוי איז אויס־געפירט געוואָרן דאָס, וואָס איז משמעות באַשערט געווען: ד״ר גראָס האָט זיך אַריבערגעפלאַנצט אויף דער ווענעסועלער ערד, און נאָך אַזוי פיל סטאַנציעס: פון גאַליציע איבער וואַרשע, ווילנע, רוים, פילאַדעלפיע, ניו־יאָרק (און אַ פּאָר צווישן־פונקטן לאָזן מיר אויסן), האָט ער סוף כל סוף געפונען די באַשטענדיקע אכסניה, ווו זיין אָנגעזאַמלט וויסן און דערפאַרונג האָבן ענדלעך געדאַרפט געבן זייערע פּירות.

דער שידוך איז געווען אַ געראָטענער: דער מענטש צו וועמען די קראָקאָסער שליחי־מצווה האָבן זיך געוואָנדן, האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי דער אידעאַלער צו נעמען אויף זיך אַזאַ גרויסע אחריות און אַזאַ קאָמפּ־ליצירטע אַרבעט, אַזאַ „פּעקל״, ווי עס איז דאָס אָרגאַניזירן און שטעלן אויף די פיס אַ מאָדערנעם יידישן לערן־אַנשטאַלט.

ווען ד״ר גראָס האָט איבערגענומען דעם אַמט ווי דער ערשטער דירעקטאָר פון דער ערשט־געבוירענער שול, האָט ער ביים אָנהייב געהאַט אַ גאַנץ מאָגערן רעגיסטער פון קוים 70 איינגעשריבענע תלמידים. איז ער אָבער אַ ייד וואָס האַלט זיך ביים פּרינציפּ, אַז ווען עס קומט צו חינוך טאָר מען זיך נישט רעכענען מיט דער עצה פון אונדזערע אַלטע חכמים, צו זיין אַ מסתפּק במועט, אַזאַ איינער וואָס באַנוגנט זיך מיט גאָר ווייניק. פאַרקערט, ער איז באַשטאַנען און האָט אויסגעפירט, ווי שוין דערמאָנט, דאָס וואָס קיין שום יידישע דערציונג־אינסטאַנץ פון אונדזערע צייטן האָט

אַן מלוכה־צוואַנג נישט געקענט באַווייזן; דהיינו: אַז די פּולע הונדערט פּראָצענט קינדער אין שולעלטער פון קאַראַקאַסער יידישן ישוב זאָלן באַזוכן דעם אַנשטאַלט און אין אים טאַקע באַקומען זייער אינטעגראַלע אויסבילדונג. היינט צו טאָג זענען שוין פאַרשריבן 1800 תּלמידים. אַ הישפּער שפּרונג, זינט די ערשטע 70...

זאָל קלאָר זיין פאַר אַלעמען, אַז מיט קיין כישוף־שטעקעלע האָט זיך ד״ר גראָס נישט באַנוצט. ער האָט אָבער קלאָר איינגעזען, אַז מיט קיין נעבעכדיקע מיטלען וועט מען דעם יידישן חינוך אין אַזאַ ישוב ווי קאַראַקאַס אין ערגעץ נישט דערפירן. ער האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז דער סוד פון הצלחה הייסט: מדרגה, קוואַליטעט, ניוואָ פונעם אַנשטאַלט, אין אַלע זיינע אַספּעקטן. אין אַנדערע ישובים טוט מען דער יידישער שול אַ גוואַלדיקע טובה, וואָס מען באַוויליקט אַהינצושיקן אַ קינד. ד״ר גראָס האָט די זאַכן באַלד אַוועקגעשטעלט אַזוי, אַז אַלעמען איז קלאָר געווען: די טובה איז פאַרן תּלמיד, פאַר זיין היים, פאַר דער גאַנצער סביבה. און פון דעם שטאַמט זיין הצלחה.

דער „מחותּן״ זיינער, כ׳מיין דער קאַראַקאַסער ישוב, האָט אויך אַזוי פאַרשטאַנען און געטראַכט אין דער זעלביקער ריכטונג. דער ישוב האָט, בכן, געגעבן די מיטלען אויסצושטאַטן די שול אויפן בעסטן אופן, און צוצונעמען די בעסטע פּראָפעסאָרן אויך פאַר די אַלגעמיינע לימודים, און ד״ר גראָס האָט, פון זיין זייט, בייגעטראָגן דעם גאַנצן באַגאַזש פון זיין טיפער יידישער און אַקאַדעמישער צוגרייטונג, אויף אַ מדרגה וואָס זעלטן ווען קען זיך אַ יידישע שול אין אונדזער דור באַרימען, אַז זי האָט געהאַט עפּעס ענלעכס.

דער רעזולטאַט האָט נישט געלאָזט אויף זיך וואַרטן. גאָר גיך איז דער אַנשטאַלט, וואָס זיין פולער „קאַזיאַנער״ נאָמען איז „קאָלעכיאָ מאָראַל אי לוסעס הערצל־ביאַליק״, געוואָרן אַ שם־דבר פאַר אַ מאָדערנער שול ווו תּלמידים קריגן די בעסטע בילדונג אין לאַנד, סיי אויף די יידישע, סיי אויף די אַלגעמיינע מקצועות. ד״ר גראָס האָט גאָר נישט געלאָזט אַראָפּדינגען פון די פאָדערונגען, סיי אויף יידישע און הומאַניסטישע לימודים, ווו ער פאַרשטייט אַליין בעסער ווי קיינער ווי די זאַכן דאַרפן אויסזען, סיי אויף אַלע אַנדערע פעלדער, פאַר וועלכע ער האָט אַנגאַזשירט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דער וועגעסועלער לערערשאַפט און אינטעליגענץ.

היינט וווּנדערט זיך שוין קיינער נישט, וואָס די אַביטוריענטן פון דער הערצל־ביאַליק־שול פאַרנעמען אַזוי אָפט די ערשטע פּלעצער אין די עקזאַמענס אַריינצוטרעטן אין די פאַרשיידענע פאַקולטעטן פון צענטראַלן

ווענעסועלער אוניווערסיטעט. דאָס אייגענע צו הערן וועגן תּלמידים וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט צו עקזאַמענס אין אויסלענדישע אוניווערסיטעטן.

היינט צו טאָג באַשעפטיקט די שול אַן ערך 140 לערערס און פּראָ־פעסאָרן. וועגן דעם הויכן ניוואָ פון די לימודים און דעם גרויסן אָנזען וואָס די שול האָט אויך אויף דער נישט יידישער גאַס, זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס עטלעכע געוועזענע לערערס זענען שפּעטער דערגאַנגען צו הויכע פּאָזיציעס, ווי מיניסטאָרן און העכערע באַאַמטע פון די מלוכהשע חינוך־אינסטאַנצן.

אַ ביסל איז עס אויך דער פאַרדינסט פון ד"ר גראָס, וואָס נאָך 30 יאָר איז די הערצל־ביאַליק־שול נישט געבליבן די איינציקע אויפן ירידי. אַז דער עולם האָט געזען, ווי גוט ס'גייט אַוועק... האָט מען געקראָגן אַפּעטיט און זיך גענומען אויסברייטערן די שולנעץ. היינט זענען שוין דאָ גאַנצע פיר שולן, אַחוץ צוויי ישיבות, וואָס ווערן באַזוכט סך־הכּל פון 3000 קינדער. און מען בויט ערשט דעם שוין דערמאָנטן שולצענטער ביי דער „העבראיקא", וואָס וועט קענען אַריינגעמען נאָך אַ מאָל 3000, קיין עין־הרע...

פאַרשטענדלעך, נישט אַלץ איז געווען „האָניק" אין משך פון אַזוי פיל יאָרן. געווען אויך צײַטנווייז רייבענישן, עגמת־נפש, פאַרדראָסן... פון איינער אַ פאַרדראָסיקער פּרשה בין איך אַליין געווען בשעתו אַן עדות, און כאָטש אַ פּרעמדער, קען איך שיעור נישט זאָגן, אַז אויך אַ שותּף. די מעשה איז זיך אַזוי פאַרלאָפן:

בעת די הערצל־ביאַליק־שול איז געגרינדעט געוואָרן אין 1946, איז אונטערגעשריבן געוואָרן אַן אָפּמאַך — 50% העברעיש און 50% יידיש. האָט מען אָנגעשטעלט די פעיִקע לערערקע פרוי העלאַ שלעזינגער, שפּעטער אויך די פרוי לאַסקער, און מען האָט טאַקע געלערנט געשמאַק מיט די קינדערלעך דעם יידישן לימוד. אין יענע פופציקער יאָרן איז מיר אַליין אויסגעקומען צו זיין אויף אַ קינדער־פאַרשטעלונג פון דער הערצל־ביאַליק־שול אין אַ טעאַטער פון דער שטאָט, און דער אָנגעפּאַקטער זאַל האָט ממש געשטורעמט פון פרייד. די ווענעסועלער „סאַברעלעך" האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף דער שפּראַך פון זייערע טאַטע־מאַמע. אין אַ צייט אַרום איז צו מיר אָבער דערגאַנגען די פריקרע נייעס, אַז דער אָפּמאַך איז געבראָכן געוואָרן. יידיש ווערט באַעוולט, און לסוף אין גאַנצן אַרויסגעשטויסן... ווען דאָס האָט אַ טובה געבראַכט, פרעגט מיך בחרם. דער ווענעסועלער חינוך שטייט ממילא אויף זייער אַ הויכער מדרגה, אָבער דער לימוד יידיש, ווען מען האַלט אים אָן, וואָלט גאָר נישט קאַליע געמאַכט, נאָר להיפוך, ער וואָלט באַרייכערט און פאַרשענערט נאָך מערער דעם גייסט פון די תּלמידים. דעמאָלט, ווען דאָס איז געשען, זענען

אַ סך יידן אַרומגעגאַנגען פּאַראַומערטע, אין קאַראַקאַס און אויך אין אויס־לאַנד, און איך בתוכם. די שולד האָט מען אין גאַנצן געוואָרפן אויפן ד״ר גראָס.

זאָגט אָבער די וועלט, אַז מען דאַרף אויסהערן „ביידע גלעקער״. האָב איך זיך טאַקע נישט געשעמט און איצט, אַז ס׳איז מיר אויסגעקומען צו זיצן פנים־אל־פנים מיט דעם פיינעם געלערנטן און פּעדאַגאָג ד״ר גראָס, האָב איך אָנגערירט יענעם לאַנג־פאַרגאַנגענעם, אָבער נאָך אַלץ אָנגעוויי־טיקטן ענין. און כ׳האָב געהערט אַן ענטפער וואָס האָט מיך דערפרייט, הגם דער שאָדן איז שוין סיי ווי אָפּגעטאָן, און צוריקכאַפּן קען מען נישט. נאָר דאָך איז געווען גוט צו הערן, — און דווקא אויף אַן אויסגעצייכנטן יידיש, — אַז אַזאַ באַוווסטער יידישער קולטורמענטש ווי ד״ר גראָס שטעלט זיך בפירוש אַריין נישט צווישן די שונאי־יידיש, נאָר גראָד צווישן די פריינד פון אונדזער לשון און פון זיין ליטעראַטור. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דרוק קעגן יידיש איז גאָר געקומען פון אַן אַנדערן צד, צי פון עטלעכע צדדים...

און אפשר איז נאָך נישט אַלץ פאַרלוירן, און ס׳איז נאָך צייט אַוועק־צוגיין פון דעם שפּעטערן, פּעלערדיקן וועג, און זיך אומקערן צום ערשטן, צום גאַנצן? היינט האָט זיך צעטראָגן אַ באַוועגונג פאַר יידיש איבער דער גאַנצער וועלט, וואָס ווערט בעיקר אינספּירירט דורך מדינת ישראל. איך גלייב נישט, אַז די באַוועגונג זאָל זיין באַהערשט בלויז פון נאָסטאַלגיע צו יידיש. דאָס האָט זיכער אַ טיפערן יסוד. מען זעט שוין קלאָר און בולט, אַז נאָכן אויסרייסן דעם וואָרצל, איז מען נישט רייכער געוואָרן, נאָר אָרעמער. מיר געדענקען נאָך גוט, אַז גראָד מיטן יידיש־אינסטרומענט האָט די חלוצישע אידעע אונדז אַרומגעכאַפּט, און מיט יידיש אויף די ליפּן האָט מען זיך געריסן פון אַלע זייטן צו די ברעגן פון ציון, באַפליגלט מיט אַזאַ התלהבות, אַז טריקענען מאַלאַריע־זומפּן, זיין אויסגעשטעלט אויף הונגער און אויך אויף טויט, האָט גאָרנישט אָפּגעהאַלטן. און ס׳איז אַ טרויעריקער, אָבער אמתער פאַקט, אַז אָפּגעשטעלט יידיש, זענען מיר אַליין אַריין אין אַ טיפן זומפּ, פון וועלכער מען קען די פיס צוריק נישט אַרויסשלעפּן. איז אפשר וועט דער דאָזיקער נייער גייסט אויך באַוועגן אונדזערע וועגעסועלער ברידער, זיי זאָלן אויך לגבי מאַמע־לשון אַרויס־ווייזן דעם זעלביקן פּאָלקסטימלעכן גייסט, וואָס זיי האָבן אויפגעהיט אויף אַנדערע געביטן זינט די ערשטע פּיאָנערן־יאָרן, און אין וועלכן עס שטעקט אין אַ גרויסער מאָס דער סוד פון זייער איבערראַשנדיקער הצלחה.

✡

נו, מיר האָבן זיך אַ ביסל אָפּגערוקט פון אונדזער צענטראַלן ענין אין דעם אַרטיקל. דאָס איז נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן באַרירט אַ פונקט וואָס טוט דעם מחבר וויי, און ער טוט אים ווי ווייל דאָס איז אַן ענין פון טיפער, אמתער אהבת ישראל... האָט דאָך שוין שלמה המלך, דאַכט זיך, געזאָגט אַז ליבשאַפט טוט פאַרדעקן אַלע זינד... וועט אונדז אויך דער ליבער לייענער מוזן מוחל זיין פאַר דער „זינד" פון אַראָפּשרייבן זיך פון האַרצן.

ובכן, צוריק צו ד"ר גראָס. פיר און צוואַנציק יאָר איז ד"ר גראָס געשטאַנען בראש פון דער הערצל־ביאַליק־שול און קאַראַקאַס, מיט אַן איבעררייס פון פינף יאָר, צווישן 1960 און 1964, ווען ער איז ספּעציעל פאַרבעטן געוואָרן קיין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע, ווי אַ גאַסט־פּראָ־פעסאָר אינעם דאָרטיקן יודאיזם־אוניווערסיטעט. בשעת־מעשה איז ער אויך געווען גאַסט־פּראָפעסאָר אינעם אַלגעמיינעם אוניווערסיטעט פון לאָס־אַנדזשעלעס. אַ סימן, אַז אַן אמתן געלערנטן דערשמעקט מען, און מען כאַפּט אים אויס...

אין דער שול האָט זיך דאָס אַוועקגיין פון ד"ר גראָס געשפּירט אינעם גאַנצן גאַנג פון אַנשטאַלט; און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָט זיך אויך גוט געמערקט אויף וויפל זיין פּערזענלעכע ווירקונג איז אַ סטימולירנדיקער פאַקטאָר אינעם אויסערגעוויינטלעכן ניוואָ וואָס דער דאָזיקער אַנשטאַלט האָט דערגרייכט.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, און מחמת סיבות וואָס ס'איז דאָ נישט שייך אויסצורעכענען, איז געקומען אַ מאָמענט ווען די וועגן פון ד"ר גראָס און פון דער שול מיט וועלכער ער האָט אַנגעפירט זינט איר גרינדונג, זענען זיך צעגאַנגען. אַרום 1969 איז דאָס געשען, און ד"ר גראָס איז דעמאָלט צוגעטראָטן דורכצופירן אַ נייעם און געוואַגטן פּראָיעקט: גרינדן זיין אייגענע מוסטערשול, מיטן נאָמען „רמב"ם". און ער האָט דעם פּראָיעקט אויסגעפירט מיט זיין כאַראַקטעריסטישער פעיִקייט און ענערגיע. היינט איז דאָס שוין אַן אַנשטאַלט מיט 700 תלמידים, און 200 קינדער האָבן שוין דאָרטן פאַרענדיקט זייערע לימודים. טאַקע אין דעם בנין פון דער דאָזיקער קליינער מלוכהלע האָב איך אים באַזוכט, נאָך אַ קורצן טעלעפאָנישן אָפּרעד, און כ'האָב זיך ערשט מיט אים באַ־קענט, ווייל נישט געקוקט אויף די צענדלינגער יאָרן וואָס כ'האָב וועגן אים געוווּסט, האָבן מיר זיך ביז דעמאָלט נישט געהאַט געזען.

מיין פריינדלעכער באַגלייטער ביי דער דאָזיקער פריידיקער געלעגנ־הייט איז געווען הרב ציוויאַק. ד"ר גראָס האָט נישט נאָר מיך פיין אויפ־גענומען און אויסגעהערט מיין ערשטע בקשה (בילדער פון דער שול פאַרן

בוך), נאָר האָט באַוויליקט מיט מיר צו שמועסן וועגן זיין לעבן, אַרבעט און פּלענער. אַזוי אַרום זענען די זייטן פון מיין בוך באַרייכערט געוואָרן מיט אַ קאָלירפולער געשטאַלט פון אַ יידישן אינטעלעקטואַל מיט אַ גרויסן נאָמען און מיט גרויסע זכותן, וואָס ווערן אָנערקענט אין דער יידישער ווי אויך אין דער נישט יידישער וועלט. ווייל ד״ר גראַס איז נישט נאָר אַ באַקאַנטער נאָמען אין די אַקאַדעמישע קרייזן פון די שטאַטן און פון ישראל, און נישט נאָר אַ מיטאַרבעטער אין חשובע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע זשורנאַלן, נאָר ער איז אויך אַ הויך־אָפּגעשאַצטע פּערזענ־לעכקייט אינעם אַלגעמיינעם לעבן פונעם לאַנד וועניעסועלאַ. די דריי לעצטע מלוכה־פּרעזידענטן האָבן אים באַערט מיט אָפיציעלע אויסצייכענונגען. די לעצטע האָט ער באַקומען פון איצטיקן פּרעזידענט, קאַרלאָס אַנדערס פּערעס, אין יוני 1976. ער איז געווען דער ערשטער ייד וואָס האָט באַקומען די דאָזיקע אויסצייכענונג, וועלכע איז אגב די העכסטע וואָס דאָס לאַנד פאַרמאָגט.

לאָמיר שליסן די דאָזיקע לאַנגע, אָבער דורכויס פאַרדינטע באַשריי־בונג, מיט אַ שבח פאַר ד״ר גראַס׳ אויסדויער ווי אַ מחנך. ס׳איז גאָר נישט קיין קלייניקייט ווען אַ מענטש האָט באַוויזן אַריינצוהויכן דעם גייסט פון יידישקייט אין אַ גאַנצן דור, בפירוש אַ גאַנצן (100%) פון אַ יידישן ישוב. ס׳איז אָבער אויך אַן אויסמאַטערנדיקע אַרבעט. מען מעג הייסן דירעקטאָר און וואָס איר ווילט נאָר, איז דער מין דערציונג אַן אויס־שעפּנדיקע טרחה, און ווען מען איז נאָך פון די דירעקטאָרן וואָס בלייבן נישט זיצן אין זייער קאַבינעט, נאָר נעמען זיך בלוטיק צום האַרצן, אַז אַלץ אין שול „זאָל קלאַפּן״, איז דאָס אַוודאי עבודת־פּרך. אַ מענטש וואָס פאַר אים שטייען אָפן אַלע אוניווערסיטעט־טירן, ווו מען האָט מער כבוד און ווינציקער עגמת־נפש ווי ביי דער בעסטער שול־דירעקציע, וויל אָבער בלייבן געטריי זיין יידיש־דערציִערישן באַרוף, אַפילו ווען ער וואָלט גע־קענט מיט אַ רויִק געוויסן זאָגן, אַז ער האָט שוין זיינס אויף דעם פעלד אָפּגעטאָן, און נאָך מיט אַ „ווערעך״! דאָס איז צו באַוואונדערן.

דאַנקען מיר דעם ד״ר גראַס פאַר דער הילפסגרייטקייט וואָס ער האָט אונדז אַרויסגעוויזן, און מיר ווינטשן אים פון טיפן האַרצן, ער זאָל נאָך לאַנגע יאָרן (ער איז ערשט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן) אויספירן זיין דערציִערישע שליחות, וואָס איז אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן און פאַר וועלכער ער איז געבענטשט מיט כישרונות, מיט פעיִקייטן — נאָר בחסד עליון!

געזעלשאַפטלעכע עסקנים

די משפּחה מישקין

דער שרייבער פון דער דאָזיקער כראָניק האָט זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה, ווי אַרום ער זאָל צוטרעטן צו דער שיינער פּרשה פון יידישן לעבן אין קאַראַקאַס, וואָס וויקלט זיך אַרום דער משפּחה מישקין. זיך נעמען פריִער צו דער נאָבעלער געשטאַלט פון מרת סאָפיאַ מישקין, די גרויסע צדקה־טוערין, וואָס האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר איר ישוב ווי פאַר מדינת ישראל, און ווייזט אַ הערלעכן ביישפּיל פאַרן יידישן לעבן אין אַלע תפוצות? איז דאָך איר מאַן, ר׳ יעקב מישקין, אויך אַ גרויסער בעל־צדקה און דערצו אַ תלמיד־חכם, און תלמוד תורה כנגד כולן — תורה וועגט אַזוי פיל ווי אַנדערע מצוות.

אָנהייבן ווידער מיט ר׳ יעקבן, מיט זיין באַשיידענעם דרך פון נישט

גאָלדע מאיר און פרוי מישקין.

יצחק ראַבין, פרוי מישקין און פּראָפ' דוד מאיר.

קהלן זיך, נאָר שטיצן שטילערהייט מיט דער ברייטער האַנט אַלץ וואָס באַדאַרף און פאַרדינט זיין הילף? שטייט דאָך מרת סאָפיאַ בראש פון קאַמפּיינען, וועלכע מאָביליזירן ממש דעם גאַנצן ישוב, און האָבן אַרויס־גערופן אַנערקענונג פון די גרעסטע ישראל־פּערזענלעכקייטן.

איז נישט געבליבן קיין אַנדער אויסוועג, ווי צו שרייבן צו ערשט קאָלעקטיוו וועגן דער דאָזיקער מוסטערדיקער פאַמיליע, פאַרשטייענדיק אַז אַלע זייערע גרויסע מעלות און אויפטוען וואַקסן טאַקע אַרויס פונעם באָדן פון זייער שיין משפחה־לעבן, פון דער סביבה, פון אַרבעטזאַמקייט, ליבע און געטריישאַפט, וואָס זיי האָבן אין משך פון יאָרצענדלינגער יאָרן אויפגעבויט און וואָס טראָגט זיך איצט אַריבער, מיט אַ שפע פון גע־בענטשטע מעשים־טובים, אויפן ברייטן פעלד פון יידישן פאָלקסלעבן.

☆

אַלע מאָל, ווען איך טו נאָר אַ טראַכט וועגן דער פּערזענלעכקייט פון

אין ירושלים: מינ. וו. שם־טוב, יצחק נבון, גב' שם־טוב, גב' מישקין

פרוי סאָפיאַ מישקין, וועגן איר לעבנסוועג און אירע דערגרייכונגען, קען איך נישט אַנדערש ווי זיך דערמאָנען אין דער געוואַלדיקער ראָלע וואָס די יידישע פרוי האָט געשפּילט אין אַלע מאָמענטן און סיטואַציעס פון אונדזער יאָרטויזנטער־אַלטער געשיכטע; גאָר אָן אַ פאַרגלייך מיטן אַנטייל פונעם פרויען־מין אינעם לעבן פון די אומות־העולם.

שוין אין דער תנכישער תקופה טרעפן מיר אָן פרויען־געשטאַלטן וועלכע זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין סימבאָלן פון טריישאַפט, פון מסירת־נפש פאַרן פאָטערלאַנד און ליבשאַפט צו מענטשן.

אָפגערעדט שוין פון די פיר אמהות, שרה־רבקה־רחל־לאה, אין וועלכע די שפּעטערדיקע טראַדיציע האָט אַריינגעטייטשט אַלע מידות פון פיזישער און גייסטיקער שלימות, האָבן מיר אַזעלכע פיגורן ווי נעמי און רות, וואָס סימבאָליזירן די געטריישאַפט צום לאַנד, די ערשטע, און געטריישאַפט צו דער משפחה, די צווייטע. ווייטער איז דאָ אַ דבורה הנביאה, די פאַר־קערפּערונג פון נאַציאָנאַלער ווערדע און פון מוטיקן קאַמף פאַר פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, און אַ סך אַנדערע.

דער תלמוד, ווידער, ברענגט אונדז אָן אַ שיעור ביישפּילן פון פרויען, וואָס זענען געווען אַ שם־דבר פון חכמה און געטריישאַפט. גענוג צו דער־מאָנען ברוריהן, די פרוי פונעם תנא רבי מאיר, וועלכע האָט איר אייגענעם גרויסן מאָן געקענט לערנען אי ווויסן, אי גאָטספאַרכטיקייט; אָדער רחלען, רבי עקיבאס ווייב, וועגן וועלכער דער גרויסער תלמיד־חכם און מאַרטירער האָט זיך אויסגעדריקט: „אַלע דערגרייכונגען פון מיין לעבן, און אויך די פון מיינע תלמידים — האָבן מיר איר צו פאַרדאַנקען". ווייטער, אין דער גלות־געשיכטע, טרעפן מיר נישט נאָר פאַראייניצלטע העלדינס, נשים צדקניות, מאַרטירערינס אויף קידוש־השם, נאָר מען קען זאָגן, אַז יעדע יידישע פרוי איז אין דעם דאָזיקן לאַנגן פעריאָד געווען אַ זייל פון יידישן קיום.

אין זכות פון זייער צניעות וואַקסן־אויף ביי יידן מאָראַליש געזונטע דורות, וועלכע שרעקן זיך נישט ווייטער צו טראָגן איבער דער וועלט דעם טאָפּעלן עול פון מצוות און פון גלות; אין זכות פון זייער ליכט־צינדן ווערן יידישע משפחות געבענטשט מיט שפע; אין זכות פון זייער שווערער האָרעוואַניע פון אַלע וואָכנטעג האָבן זייערע מענער און זין געקענט עוסק זיין אין דער תורה; אין זכות פון זייער צדקה־טאָן עקסיסטירן אויף דער וועלט אַזעלכע באַגריפן ווי „אַ יידיש האַרץ" און „אַ יידישע מאַמע".

און אין די מאָדערנע צייטן, צייטן פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס, ציילן זיך אין די צענדליגער די נעמען פון באַרימטע יידישע פרויען, וואָס האָבן

ראש־הממשלה מנחם בעגין און גב' מישקין

אַרויסגעוויזן זייערע אויסערגעוויינטלעכע מעלות אויף אַלע פראָנטן פון נאַציאָנאַלן קאַמף, און טאַקע געשטאַנען אין שפּיץ פון די וויכטיקסטע אינסטאַנצן, ווי הענריעטאַ סאָלד, די פּיאָנערשע פון דער אַלוועלטלעכער יידישער סאָלידאַריטעט פאַרן מענטשלעכן וווילזיין אין דער באַנייטער ארץ־ישראל, אָדער גאָלדע מאיר, די וווּנדערלעכע מנהיגת־הדור אין אונדזערע צעשטורעמטע צייטן.

☆

און פּונקט ווי די ראָלע, וואָס זיי פאַרנעמען היסטאָריש, אַזוי איז אויך די פונקציע וואָס אויסגעצייכנטע יידישע פרויען פירן־אויס היינט צו טאָג אויף אַלע געביטן פון אונדזער לעבן, מיט נישט ווינציקער איניציאַטיוו און דינאַמיזם ווי מיר, מענער, „אויב נישט נאָך העכער". דאָרט ווו דער גורל אָדער די השגחה האָבן געוואָלט באַגליקן אַ יידישן ישוב, דאָרט איז פאַראַן אַ פרוי, וואָס ברענגט אַריין האַרץ און נשמה אין די אויפגאַבעס פון אונדזער ציבורדיקער עקסיסטענץ.

באַזונדערס געבענטשט איז אין דעם זינען דער ישוב אין ווענעסועלאַ, וואָס האָט זוכה געווען, אַז אין זיין מיט זאָל לעבן און ווירקן אַזאַ ערשטע דאַמע, אַזאַ כלל־ישראלדיקע אשת־חיל, ווי דאָס איז סאָפיאַ מישקין. כדאַי זיך צו באַקענען מיט איר מערקווירדיקער ביאָגראַפיע און זיך פון איר אָפּצולערנען, און באַזונדערס פון איר לאַנג און מזל־ברכהדיק צוזאַמענלעבן מיט איר חשובן מאַן, דעם בן־תורה ר' יעקב מישקין, וואָס שטייט פון איר נישט אָפּ אין טאַלאַנט און אין גרייטקייט צו טאָן ביז מסירת־נפש לטובת הכלל.

סאָפיאַ לובאָווסקי־מישקין איז געבוירן געוואָרן אין סלאָנים (פוילן), אין אַ באַלעבאַטיש, כאָטש עקאָנאָמיש באַשיידענער היים, ווו ס'האָט געהערשט דער גייסט פון לומדות און חסידות. פון איר מאַמען האָט זי זיך פרי אויסגעלערנט די מידה פון צדקה: אַז מען דאַרף מיט אַלע מיטלען העלפן נויטבאַדערפטיקע, אַפילו ווען מ'איז אַליין נישט אַזוי זיכער מיט דער אייגענער חיונה. זייענדיק כמעט נאָך אַ קינד, האָט סאָפיאַ אַרויסגעוויזן אַן אומגעוויינטלעכן אונטערנעמערישן חוש. אין עלטער פון זעכצן יאָר האָט זי אַליין איינגעאָרדנט אַ מין קאָנפעקציע־פאַבריקל אין אַ חדר פון אירע עלטערנס שטוב, און דורך איר פעיִקייט און מי געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ בליִענדיקער אינדוסטריע. איינע אַליין האָט זי באַשלאָסן וואָס און ווי אַזוי צו האַנדלען; אַליין געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט איינהאַנדלען סחורה; אַליין זיך געמאַטערט מיט די אָרגאַניזאַציאָנעלע און פינאַנציעלע פּראָבלעמען און זיי בייגעקומען. ווען ס'מישן זיך נישט אַריין

דרויסנדיקע, פּאָליטישע פאַקטאָרן, וואָלט זי נאָך דעמאָלט באַוויזן דעם ווונדער, וואָס זי האָט אין איר שפּעטערדיק לעבן, שוין בשותפות מיט איר מאַן, מער ווי איין מאָל דערגרייכט: אויפשטעלן אַ יש מאַין, שאַפן מיט די הוילע הענט, אָבער מיט פלייסיקייט, פאַרשטאַנד און ערלעכער אַרבעט, אַ קוואַל פון עשירות פאַר זיך און פאַר יענעם.

האָט אָבער די געשיכטלעכע אויסוויקלונג געבראַכט צו אַנדערע רעזולטאַטן. נאָך עטלעכע יאָרן דערפאָלגרייכע אָנשטרענגונגען, האָט די כוליגאַנישע בויקאָט־פּאָליטיק פון די פּאָליאַקן גענומען שטיקן די יידישע אינדוסטריע און מסחר, און וואַרפן אַן אימהדיקן שאָטן אויף אַלע יידישע פרנסות. סאָפיאַ האָט מיט איר געזונטן חוש דערפילט, אַז די אַלטע היים ווערט אַלע טאָג מער — אויס היים. זי האָט באַשלאָסן צו עמיגרירן. פון נאָרד־אַמעריקע האָט אַ חברטע איר געשריבן, אַז דאָרט איז פאַראַן אַרבעט, מעגלעכקייטן זענען דאָ, און קיין אַנטיסעמיטיזם איז נישטאָ... די צרה איז אָבער געווען, אַז דעמאָלט איז שוין די איינוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען אַ באַגרענעצטע, אויף קוואָטעס. אָבער סאָפיאַס באַשלוס איז געבליבן פעסט: אויב נישט קיין אַמעריקע, איז לעת־עתה ערגעץ אַנדערש, נאָר פאַרלאָזן די פיינטלעך געוואָרענע פוילישע ערד.

זי דערציילט אירע אייגענע וועגן דעם אָנגענומענעם באַשלוס. איר בן־עיר און שוין דעמאָלט נאָענטער פריינד, יעקב מישקין, אַ יונגער מאַן אַ לערנער, אַ זון פון אַ גרויסן געשעפטס־מאַן, פּרוווט זי אָפּרעדן פונעם געדאַנק, אָבער דער סוף איז, אַז ער אַליין ווערט איבערגערעדט, און כאָטש דער ווייטיק פון צעשיידן זיך מיט טאַטע־מאַמע איז גרויס, לאָזן זיי זיך ביידע אין וועג. דערווייל קיין קובאַ, מיט דער אויסרעכענונג שפּעטער זיך צו קענען באַזעצן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין קובאַ האָט דאָס פּאָרל חתונה געהאַט און אָנגעהויבן זייער אַר־בעטזאַמען באַרגאַרויף אין זייער ספּעציאַליטעט, די טעקסטיל־אינדוסטריע. נאָר קובאַ איז געווען מער נישט דער ערשטער שטאַפּל פון אַ לאַנגער ריי אויסטערלישע וואַנדערונגען. די מישקינס האָבן פיל מאָל, אין משך פון זייער לעבן, באַוויזן אַ גבורה וואָס אַנדערע זענען זעלטן בכוח צו באַווייזן, דהיינו: זיך אָפּרייסן פון איינגעפונדעוועטע פּאָזיציעס, עוקר זיין פון שוין באַקאַנטע וווינערטער, און זיך לאָזן אויף ס׳ניי אין וועג אַריין, זוכן נייע האָריזאָנטן. אַ פּנים, זיי האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן רבונו־של־עולם און אויף זייער אייגענער פעיִקייט און פלייסיקייט, און דערפאַר האָבן זיי נישט געציטערט פאַר דעם, וואָס דער מאָרגן קען ברענגען.

די פאַקטן האָבן דערוויזן, אַז זייער בטחון איז געווען אַ באַרעכטיקטער. נאָך פיר יאָר וווינען אין קובאַ האָבן זיי זיך אַריבערגעקליבן אין סאַן־

פראָפ׳ אפרים קציר מיטן פאַרפאָלק מישקין

סאַלוואַדאָר. דאָרטן איז זיי אַוועק גאָר גוט. ביידע האָבן אומדערמידלעך געאַרבעט, און ביסלעכווייז דערגרייכט אַ סאָלידע עקאָנאָמישע פּאָזיציע.

זייער ערשטער געדאַנק איז דאַן געווען: אַראָפּברענגען וואָס מער משפּחה־מיטגלידער פונעם פּוילישן גיהנום, אין דער רויִקער צענטראַל־אַמעריקאַנער רעפּובליק. געזאָגט און געטאָן. ברידער און שוועסטער, פון איר צד און פון זיינעם, האָבן אַ דאַנק זייער הילף אָנגעהויבן אַ ניי לעבן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. סאָפּיאָס ברודער, קלמן לובאָווסקי,

פּראָפ' אפרים קציר, פרוי מישקין און גברת קציר.

איז געווען דער ערשטער. אַגב, שרייבן מיר וועגן אים באַזונדער אין אַן אַנדער אָרט. אויך צוויי שוועסטער, וואָס איינע איז שפּעטער געוואָרן פרוי וויגאָדסקי, די לעבנס־באַגלייטערין פון אַ באַקאַנטן געזעלשאַפטלעכן עסקן אין מאַראַקאַיבאַ (ווענעסועלאַ). פון ר' יעקבס קרובים זענען געקומען אַ ברודער, שמערל, וועלכער איז ליידער פרי אַוועק אין דער אייביקייט, און אַ שוועסטער, יענטע.

אַנדערש איז אָבער געווען מיט די עלטערן פון ביידע צדדים. יידישע

טעדי קאָלעק און יעקב מישקין.

מענטשן פון אַלטן שניט, זענען זיי בשום אופן נישט איינגעגאַנגען צו פאַרלאָזן די היימישע סביבה, כדי זיך צו לאָזן אין ווייטע, אומבאַקאַנטע מקומות, וווּ דאָס פרומע יידישקייט איז איינגעשטעלט. ביי די מישקינס איז כיבוד־אב־ואם נישט סתם אַ ווערטעלע. די געשטאַלטן פון זייערע עלטערן האָבן זיי פאַרפאָלגט און כסדר געמאַטערט זייער געמיט, און זיי האָבן קיין מנוחה נישט געפונען. האָבן זיי זיך נישט געפוילט, ליקווידירט זייער גאַנץ פאַרמעגן אין סאַן־סאַלוואַדאָר, און צוריקגעפאָרן קיין פוילן, נאָך נײַן יאָר אַפּוועזנהייט, צו זען איבעררעדן טאַטע־מאַמע.

עס צו מאַכן בקיצור, וועל איך נישט מאָלן דאָ די עמאָציעס וואָס דאָס מישקין־פּאָרפּאָלק האָט איבערגעלעבט ביים באַטרעטן אויף ס׳ניי זייער געבוירן־לאַנד, און זיך זען נאָך אַ מאָל מיט די עלטערן נאָך אַזאַ לאַנגן איבעררייס. לאָמיר נאָך דערמאָנען, אַז כדי אַרויסצוקריגן טאַטע־מאַמע פון דער שוין דעמאָלט ברענענדיקער פּוילישער ערד, האָבן זיי באַשלאָסן

ציימוויליק זיך צו באַזעצן אַלע צוזאַמען אין ארץ־ישראל. דאָרט איז נאָך אָבער, אָנהייב דרייסיקער יאָרן, נישט געווען די נייטיקע אַנטוויקלונג פאַר זייער טעטיקייט, און אין אַ קורצער צייט אַרום זענען זיי צוריקגעפאָרן קיין לאַטיין־אַמעריקע, דאָס מאָל קיין פּערו. דאָרטן האָבן זיי ווידער אויפֿגעשטעלט זייער פּראָספּערירנדיקע טעקסטיל־אינדוסטריע. דער פּערוּאַנער קלימאַט האָט אָבער שלעכט געווירקט אויף פרוי מישקינס געזונט, און נאָך אַ פּאָר יאָר זענען זיי אַריבער קיין ווענעסועלאַ.

כ׳האָב לענגער זיך אָפּגעשטעלט אויף די אַלע גילגולים פון די מישקינס ביז זיי האָבן געפונען זייער פּערמאַנענטן וווינאָרט אין קאַראַקאַס, כדי צו ווייזן דורך וואָסערע פאַרפּלאָנטערטע דרכים די השגחה האָט עס צוזאַמענגעפירט דעם דאָזיקן געראָטענעם שידוך, וואָס האָט געבראַכט מזל־ברכה פאַר אַלע זיינע „דריי מחותנים״: ראשית כל, דאָס לאַנד ווענעסועלאַ, וואָס האָט דורך דעם געווונען אַ פּיאָנערישע אינדוסטריע, און אַן אַרבעט־ און פּרנסה־קוואַל פאַר הונדערטער משפחות; צווייטנס, דאָס אָרטיקע יידנטום, וואָס איז באַרייכערט געוואָרן מיט צוויי פיגורן פון הויכער גייסטיקער קוואַליטעט, טוערס און געבערס וועלכע שטראַלן־אויס אַ העכסט־פּאָזיטיווע השפעה אויפֿן גאַנצן ווענעסועלער יידישן לעבן; און דריטנס, די מישקינס אַליין, וואָס האָבן פון זייער גאַנצן געזינדל דערלעבט אַ קיין עין־הרעדיקן נחת — 6 קינדער און 18 אייניקלעך, ביז איצט 4 אוראייניקלעך, כן־ירבו. זיי האָבן דאָ זוכה געווען אויפצובויען אַ לעבנס־שטייגער, וואָס לאָזט זיך בלי־גוזמא באַצייכענען מיט די ווערטער: תורה וגדולה במקום אחד.

✡

ס׳איז ביז גאָר שווער אָנצוגעבן אַ דאַטע, ווען די מישקינס האָבן זיך מיט אַזאַ אייפער אַריינגעוואָרפן אין פילאַנטראָפּישער טעטיקייט. פון תמיד אָן איז ביי זיי געווען אַן אָפענע האַנט, און נישט נאָר די האַנט, נייערט דער באַוווּסטזיין, די מענטאַליטעט, איז ביי זיי געווען נאָך פון קינדוויז — אַזוי ביי איר ווי ביי אים — אַז אַ ייד טראָגט אויף זיך די אחריות פאַרן ווילזיין פון זיינע פאָלקס־ברידער און פון מיטמענטשן בכלל.

אָט וויס איך, דורך מיין ליבן פריינד מאַקס פריילעך, אַז אַנומלט, ווען די מישקינס זענען נאָך געווען גרינע אין קאַראַקאַס, האָט זיך פריילעך אין אַ טאָג אַרויסגעלאָזט, צוזאַמען מיטן שוין פאַרשטאָרבענעם עסקן ר׳ מענדל האַלדער ע״ה, מיט אַ שליחות, צו זאַמלען הילף פאַר אַ מיט־תושב, אַ יורד. דאָס איז געווען אַרום 39סטן יאָר, ווען מען האָט נאָך דאָ דאָס געלט געציילט אויף איינציקע באָליוואַרס. אַ נתינה איז דעמאָלט

פון רעכטס צו לינקס: ד"ר דוד בערסאָן, די דריטע גב' מישקין, מיניסטער וויקטאָר שם־טוב,
פּנחס אילון — ראש העיר פון חולון. אויבן — ר' יעקב מישקין

געוועזן איין באַליוואַר, און אויב אַ גרויסע נתינה — צוויי, דריי באַליוואַרס. אַז די צוויי שליחי־מצווה האָבן זיך שוין אַרויסגעלאָזט אויף דער יידישער גאַס, זענען זיי כמעט צופעליק שוין אַריין אויך צו דעם נייעם תושב, צו פריינד מישקינען. און ווי געפלעפט זענען זיי געבליבן, ווען מישקין האָט, נאָכן אויסהערן אין וואָס עס גייט, זיי אַ דערלאַנג געטאָן פופציק באַליוואַרס! די יידן האָבן אין פלוג געטראַכט אַז ער וואַרט אויף אַ רעשט, אָבער ר׳ יעקב האָט זיך אַנדערש געטראַכט... און אַז זיי זענען אַריין זאָגן אַ גוט־מאָרגן אין דערבייאיקן געשעפט, וואָס די פרוי מישקין האָט אַדמי־ניסטרירט, און סתם אַזוי דערציילט וועגן זייער אויפגאַבע, האָט זי נאָך צוגעלייגט צוואַנציק באַליוואַרס, און האָט גאָר נישט געוואָלט הערן, אַז

ד״ר יוסף בורג און פרוי מישקין.

איר מאַן האָט שוין בייגעשטייערט. זי האָט — האָט זי געטענהעט — נישט ווינציקער רעכט ווי איר מאַן, ווען עס גייט אין געבן אָדער העלפן...

איך דערצייל דאָ אָט דעם קורצן עפּיזאָד נאָר דערפאַר, ווייל איך האַלט אַז ער אילוסטרירט צום בעסטן דעם גייסט, מיט וועלכן די מישקינס פירן זייער ווילטועריש אַרבעט. דאָס איז דער גייסט וואָס ווערט שוין אָנגעוויזן אין דער תורה: געבן דאַרף מען געבן, נישט יוצא צו זיין, און נישט זיך אַרויסצווייזן, נאָר עס זאָל זיין אַ ממשותדיקע הילף: מען זאָל אַ ברודער, אַ נצרך, שטעלן אויף די פיס.

אויף אַ יערלעכן באַנקעט לטובת „שערי צדק" שפּיטאָל מיט דעם ערנגאַסט, מנחם בעגין, פרוי מישקין, מיט אַ טייל פון אירע באַגלייטערינס

געוויינטלעך איז מען גענייגט צו טראַכטן, אַז דער אינטערעס פון די מישקינס צו העלפן אינעם אויפבוי פון מדינת ישראל האָט זיך ביי זיי צעפלאַקערט אין 1955, ווען זיי האָבן באַזוכט ישראל צום ערשטן מאָל נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה. פאַראַן אָבער באַווייזן, אַז דאָס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריִער. אָט האָבן מיר אַ בריוו פון 1949, געחתמעט, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי דורך דעם דעמאָלטיקן, ערשטן נשיא פון מדינת־ישראל, דעם לעגענדאַרן מנהיג ד"ר חיים ווייצמאַן. כדאַי דעם דאָזיקן טעקסט איבערצוגעבן אין גאַנצן, אין דער יידישער איבערזעצונג:

ניו־יאָרק, דעם 5טן מאַרץ 1949.

לכבוד דעם חשובן פאָרפאָלק מישקין, קאַראַקאַס, ווענעסועלאַ:

„ערב מיין אָפּפאָרן קיין ישראל, פריי איך זיך צו באַשטעטיקן אייער באַגריסונג, וואָס כ'האָב דערהאַלטן צו מיין באַזוך אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו כ'בין געוואָרן איינגעלאַדן דורכן אַמעריקאַנער קאָמיטעט לטובת דעם וויסנשאַפטלעכן ווייצמאַן־אינסטיטוט.

„דאָס איז געווען מיינס אַ חלום אין משך פון אַ סך צייט, צו שאַפן אַ גרויסן וויסנשאַפטלעכן צענטער אין ישראל, וועלכער וועט אונדז העלפן באַזיגן גרויסע שוועריקייטן אין שייכות מיט די נאַטור־מיטלען פונעם לאַנד.

„כ׳בין דורכויס איבערצייגט, אַז נאָר דורך גרינטלעכע וויסנשאַפט־לעכע פאָרשונגען וועט אונדז דערמעגלעכט ווערן צו אַנטוויקלען דאָס לאַנד אויף אַזאַ אופן, מיר זאָלן זיין אין שטאַנד צו לייזן די פּראָבלעם פון אויפ־נעמען נייע מענטשן.

„עס פרייט מיך באַזונדערס, וואָס מיר האָבן אין וווענעסועלאַ צו־געקראָגן אַזעלכע פריינד ווי איר זייט, און איך בין זיכער אַז איר וועט פאָרזעצן מיט אייער הילף, כדי מיר זאָלן קענען אָנגיין מיט אונדזער אַרבעט לטובת דעם אינסטיטוט. נאָר אויף אַזאַ אופן וועלן מיר קאָנען פאַרווירקלעכן אונדזער בשותפותדיקע שטרעבונג צו אויפבויען אַ געזונט און שטאַרק ישראל.

„איך דערוואַרט אַז בקרוב וועט איר קומען אונדז באַזוכן אין רחובות.

„מיט גאָר האַרציקע גרוסן,

חיים ווייצמאַן".

איך מיין אַז חיים ווייצמאַנס טיילן זיך מיט די מישקינס מיט זיינע חלומות און שטרעבונגען פאַרן פּראָגרעס פון מדינת ישראל, איז נישט נאָר אַן אויסצייכענונג פאַר זיי גופא; דאָס איז ממש אַן אַטעסטאַט, אַז דאָס יידישע וווענעסועלאַ געפינט זיך — אין אַ גרויסער מאָס אַ דאַנק די

ר׳ מאיר לובאָווסקי,ביילע יוזאָפּקאָוויטש לובאָווסקי —
די עלטערן פון סאָפיאַ מישקין

מישקניס און זייערס גלייכן — אויף דער מאַפּע פון די ישובים וואָס העלפן אַקטיוו שמידן די היינטצייטיקע יידישע געשיכטע.

✡

אין 1955, ווי שוין דערמאָנט, האָבן ר׳ יעקב און סאָפיאַ מישקין געמאַכט זייער ערשטע טוריסטן־נסיעה קיין מדינת־ישראל. דער אומגעהייערער פּראָגרעס פונעם לאַנד אין די צוואַנציק אָפּגעלאָפענע יאָר זינט זייער ערשטן באַזוך, האָט אויף זיי געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. זיי האָבן דערפילט אַז זיי, ווי יחידים, און דאָס וועגעסועלער יידנטום ווי אַ כלל, טאָרן נישט בלייבן מן־הצד בעת דעם גרויסן נאַציאָנאַלן אויפבוי־פּראָצעס. און זיי האָבן אויף זיך גענומען די אַחריות עס נישט צו דערלאָזן.

ר׳ יעקבן האָט געצויגן צו זיינס, האָט ער זיך גענומען מיט אַ ברייטער האַנט שטיצן ישיבות. סאָפיאַ, פון איר זייט, האָט דערפילט אַזאַ דראַנג צו פּראַקטישע מיצוות, אַז זי האָט זיך נישט באַנוגנט מיט שטיצן שוין עקסיסטירנדיקע אינסטיטוציעס (ווי למשל אַ בית־יתומים, פאַר וועלכן זי האָט זיך ברייט בייגעשטייערט לויט דער רעקאָמענדאַציע פון „וויצאָ״), נאָר זי האָט זיך גענומען אַליין פאַרלייגן נייע, ווילטוערישע פּלענער, ווו זי זאָל קענען אָנווענדן איר ליידנשאַפטלעכן אימפּולס צו טאָן לטובת הכלל. פון אָט דעם איידעלן אומרו איז קודם־כל געבוירן געוואָרן אַ קינדערהיים אין חולון, אַז קינדער פון אַרבעטנדיקע מאַמעס זאָלן האָבן אַ וואַרעמע היים ווו צו פאַרבלייבן, און באַקומען אַלץ וואָס זיי האָבן נייטיק דורכן טאָג. זי האָט מיט איר ענערגיע און איבערגעגעבנקייט אויסגעגלייכט דעם וועג פאַר דעם דאָזיקן פּראָיעקט, און נאָך דעם האָט זי אין אים איינגעשפּאַנט און פאַרשותפט די גאַנצע געזעלשאַפט פון וועגעסועלאַ.

מיט דעם אַליין האָבן די מישקינס זיך שוין דערוואָרבן אַן אָרט צווישן די גרויסע ווילטוערס פאַר דער יידישער מדינה. נאָר דער ווייט גרעסטער בייטראַג הייבט זיך אָן אין 1957, ווען ס׳באַזוכט קאַראַקאַס אַ שליחטע פונעם ירושלימער שערי־צדק־שפּיטאָל.

דער שפּיטאָל איז קראַנק, אָרעם; נאָר אַ געזונטער שפּיטאָל קאָן היילן חולאים. דער דאָזיקער געדאַנק לאָזט שוין סאָפיאַ מישקינען נישט רוען. זי באַפרייט זיך פון אירע פליכטן אין דער פאַבריק, און וואַרפט זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין איר לעבנסווערק: די אַרבעט פאַרן שפּיטאָל. קיין שום אָנשטרענג איז נישט צו גרויס; קיין שום סומע איז נישט צו הויך. אַ חוץ צענדלינגער טויזנטער דאָלאַר פון דער אייגענער קעשענע, שטייט זי כסדר אויף דער וואַך צו מאָנען ביים יידישן קאַראַקאַס זיין חוב פאַר דעם הייליקן צוועק.

יעדן טאָג גייט זי אַרויס, מיט אַ חשובער באַגלייטערין פון איר פרויען־קאָמיטעט, צו די עווענטועלע געבערס, און מונטערט זיי צו דער מיצווה מיט אַ געמיש פון פרויִישער מילדקייט און מוטערלעכער ענערגיע. יאָר־איין יאָר־אויס פאָרן זיי ביידע, מאַן און ווייב, און פאַרבלייבן אַ פּאָר חדשים אין ישראל. געניסן דאָרט פון גרויס כבוד אין די העכסטע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן. אָבער בעיקר פאַרנעמט מען זיך מיטן שפּיטאָל, מיט זיינע נויטן און דערגרייכונגען. די אויגן־אָפּטיילונג איז געווען אַ ביסל הינטערשטעליק — האָט דאָס סאָפיאַ מישקין באַמערקט, און זי גענומען ספּעציעל אונטער איר שוץ. פון דאַן אָן קען ניִשט געמאָלט זיין ס׳זאָל זיך באַווייזן אויף דער וועלט וועלכער ס׳איז נייער אַפּאַראַט אָדער דערפינדונג

פאַמיליע מישקין, טעכטער און איידעמס, אין דערמיט יאמשאָן.

אויפן אָקוליסטישן געביט, אַז פרוי מישקין זאָל דאָס ניִשט באַזאָרגן, מעג דאָס זיין ווי טייער, פאַר איר באַליבטן שפּיטאָל־אָפּטייל.

יאָר נאָך יאָר ווערט דורכגעפירט אין קאַראַקאַס, אין אָקטאָבער אָדער נאָוועמבער, אַ יום־טוב לטובת דעם שפּיטאָל, מיטן אָנטייל פון הונדערטער יידישע פרויען און פון אַ פּראָמינענטער פערזענלעכקייט פון ישראל. שוין געווען דאָרט פנחס ספּיר ע״ה, ד״ר יוסף בורג, מנחם בעגין און יצחק נבון (זיי צו לענגערע יאָרן), און היי־יאָר — פרוי קציר, די פרוי פון ישראלדיקן פּרעזידענט.

לעצטנס האָט דער שערי־צדק־שפּיטאָל איינגעפירט אַ באַזונדערן פאָנד דורך וועלכן עס וועלן פאַראייביקט ווערן די נעמען פון די ביישטייערערס.

די סומע פון אַ בייטראַג איז אַכצן טויזנט דאָלאַר. טאָמער האָט פרוי מישקין געהאַט אַ ביסל ווייניק מיט איר אַרבעט, איז זי פאַרזאָרגט געוואָרן מיט אַ נייעסל, מיט אַ „ניי קינד", מיט דעם דאָזיקן פאָנד. זי האָט די פרישע טרחה אויפגענומען באהבה, און האָט גלייך אָנגעהויבן ווערבירן מנדבים פאַרן פאָנד. היינט איז זי גליקלעך, וואָס זי האָט שוין געטראָפן 70 צדיקים, און האָט ממילא אָנגעקליבן פאַרן שפּיטאָל אַ קיימא לן פון 1.260.000 דאָלאַר. זי זאַמלט... און קלייבט זיך ווייטער צו זאַמלען. וועגעסועלער יידן מעגן זיין שטאָלץ, וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ גרויסמוטיקייט, און וואָס די אָנרעגערין און וועקערין איז אַזאַ בכבודיקע, ליכטיקע פיגור ווי סאָפיאַ מישקין.

☆

סאָפיאַ מישקינס אויפטוען וואָלט מען נאָך געקענט דערציילן אָן אַ ברעג. אָבער אַז כ'האָב אָנגעהויבן דערמאָנענדיק גרויסע יידישע פרויען פון אַמאָל, וועל איך אויך מיט דעם ענדיקן די כאַראַקטעריסטיק פון דער דאָזיקער אויסערגעוויינטלעכער פרוי.

איך פאַרגלייך אונדזער סאָפיאַן מיט דער גרויסער זכרונות־שרייבערין אויף יידיש, גליקל האַמעל, וואָס האָט געלעבט אין מערב־אייראָפּע אין 17טן י"ה. זי איז געווען אַ גרויסע סוחרטע און בעלת־צדקה, און האָט אין איר בוך, געווידמעט אירע קינדער, באַשריבן, צווישן אַנדערן, דאָס יידישע לעבן און די משיחישע שטימונגען פון יענער צייט. דאָס בוך לייענט זיך אויך היינט מיט גרויס אינטערעס.

פונקט ווי יענע גרויסע יידישע פרוי, האָט סאָפיאַ מישקין אַרויסגעוויזן אַ געוואַלדיקן חוש פאַרן פּראַקטישן לעבן, און גלייכצייטיק אַ גרויסע פיל־באַרקייט פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן; אויך זי האָט אויפגעשטעלט אַ שיינעם, ערלעכן יידישן דור; אויך זי האָט דערהערט דעם משיחישן גאולה־רוף, וואָס טראָגט זיך אין אונדזערע צייטן פונעם באַנייטן יידישן לעבן אין מדינת־ישראל, און האָט מיט אירע מעשים געוויזן אַ ביישפּיל אירע נאָכ־קומערס, נישט ווינציקער ווי גליקל האַמעל אין אירע שריפטן. נאָר איין פּאַראַלעל פעלט: דערווייל האָט נאָך סאָפיאַ נישט געפּרוווט אַליין פאַר־שרייבן איר לעבן, און איז אויסגעשטעלט, אַז אַ נישט־שטודירטער קאָלאָמביאַנער בעל־כרחו־היסטאָריקער, זאָל דאָס טאָן. איך בין זיכער אַז ווען זי אַליין, אָדער אַן אַנדערער באַרופענער מענטש, זאָל זיך צו דעם נעמען, וואָלט איר פאַרשריבענע ביאָגראַפיע פאַרבליבן ווי אַ לעקציע לדור־דורות.

☆



ר׳ יעקב און דאַניאַ סאָפיאַ מישקין אין דער באַגלייטונג פון זייער זון לעאָן מישקין און טעכטער.

װעגן ר׳ יעקב מישקינען האָב איך תּחילת נישט גערעכנט צו שרייבן. נישט חלילה, װײַל ער האָט זיך עס נישט פאַרדינט. אַדרבה ואַדרבה. איך האָב פּשוט געמיינט מקיים צו זיין דעם מאמר „כבודו של אדם — רצונו״, דאָס הייסט, אַז װער עס װיל אַ מענטשן אָנטאָן כבוד, דער זאָל פאָלגן יענעמס װילן. און ר׳ יעקב האָט מיר בפירוש אויסגעדריקט זיין װוּנטש, איך זאָל אים באַזונדער נישט אַרויסהייבן אין מיינע באַשרייבונגען. אַזאַ בקשה שטימט, אַגב, מיט זיין איינגעבוירענער ענַיוות, צוליב װעלכער ער האָט זיך אַ לעבן־לאַנג אָפּגעזאָגט פון עסקנות און פון אַלץ װאָס שמעקט מיט „פּובליסיטי״, כאָטש געטאָן האָט ער בשתיקה מער, װיפל אַ טוץ „קאָכלעפל״ און „װינטמאַכערס״...

װאָס קען איך אָבער העלפן, אַז איך מוז אים האָבן דאָ צוליב דעם אייגנטלעכן ציל פון מיין שרייבן. די דאָזיקע באַשיידענע כראָניק האָט דאָך נישט דעם צװעק צו באַפרידיקן קיינעמס יצר־הרע און אַפילו נישט קיינעמס יצר־טוב, נייערט צו װייזן די פּאָזיטיװע מאָמענטן פון אונדזער לאַטיין־אַמעריקאַנער יידיש לעבן, כדי מען זאָל אונדז דורך דעם דער־קענען און מיר אַליין זאָלן זיך בעסער דערקענען, זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל פון די בעסערע צװישן אונדז.

טאָ ווי זשע קען איך, ווען איך שפּיגל זיך צוזאַמען מיט מיינע לייענערס אינעם הערלעכן בילד פון דער מישקין־משפּחה, דורכלאָזן גראָד דעם גלאַוונעם ראש־המשפּחה און זיין אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט? פריינד מישקין וועט מיך זיכער פאַרשטיין און וועט מיך דן לכף זכות זיין, כאָטש איך האָב נישט געהאָרכט זיין בקשה.

וועגן ר׳ יעקבס מידה צו געבן בעין־יפה איז שוין דערמאָנט געוואָרן פריִער. ס׳איז איבעריק צו באַטאָנען אַז ער איז אויך אַ גלייכער שותף צו זיין פרויס ברייטצוגיקע פילאַנטראָפּישע אונטערנעמונגען, און אַז ער פרייט זיך גלייך מיט איר מיט יעדער דערגרייכונג לטובת דעם שפּיטאָל און לטובת דער מדינה בכלל. דערצו דאַרף מען אויף זיין פּערזענלעכן חשבון פאַררעכענען דעם ערשטן, גרויסן ביישטייער פאַרן אויפבוי פונעם שלום עליכם־קולטורהויז אין קאַראַקאַס, וואָס האָט געוויזן אַ ביישפּיל און צוגעגעבן מוט סיי די זאַמלערס, סיי די געבערס, אַז מען זאָל דערגרייכן דעם נייטיקן ריזן־סכום פון 700.000 באָליוואַרס.

אָבער געלט איז נאָר אַ זייט. ר׳ יעקב מישקין איז אַ זעלטענע, אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, פון דעם מין וואָס איז שוין גאָר זעלטן צו באַגעגענען אין אונדזערע קאַנטן. אַ ייד אַ זיבן און זיבעציקער, עד מאה ועשרים, און שפּרודלט מיט תורה, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן אַרויס פון דער סלאָנימער ישיבה. יידן פון דער תורה־וועלט, רבנים, אַז זיי קומען קיין קאַראַקאַס, זענען זיי זיך מחיה מיט זיין הכנסת־אורחימדיקייט. און אַז ער קומט קיין ישראל, איז ער אין די למדנישע קרייזן אַן אייגענער, אין זכות פון זיין גרינטלעכער בקיאות און פון זיין נישט אָפּגעטעמפּטער חריפות. כ׳האָב „דערטאַפּט" ביי אים בריוו פון רבנים און גדולי־התורה, זיינע געסט און מיטשמועסערס, וועלכע קוויקן זיך נאָך היינט מיט זיינס אַ גלייכווערטל אָדער אַ שאַרף פּשטל.

דאָס ברענגט אונדז אַרויף אויף דער טעמע פון ר׳ יעקבס צוגעשפּיצטן חוש פאַר הומאָר. נישטאָ אויף דער וועלט, דאַכט זיך מיר, זיינס גלייכן אין דערציילן וויצן. היינט גייט־אָן איבער דער וועלט אַ מאָדע — יידישער הומאָר. און פּסיכאָאַנאַליטיקערס, סאָציאָלאָגן וכדומה מאַכן זיך פון דעם אַ צימעס. זייער גוט טוען זיי; אָבער ווער עס וויל טועם זיין דעם ריכטיקן געשמאַק פון עכטן, וואָרצלדיקן יידישן הומאָר, דער זאָל זיך צו־הערן צו ר׳ יעקב מישקינס וויצן בעל־פּה און אויך בכתב, ווייל עפּעס פון דעם האָט זיך אויפגעהיט אין לאַנדסמאַנשאַפטלעכע אויסגאַבעס וכדומה. ר׳ יעקב איז מיט דעם מקיים אַ קלוגע עצה פון אונדזערע חכמים, אַז תמיד זאָל אַ מענטש זיך געזעגענען מיט אַ צווייטן דורך אַ מלתא דבדיחותא, אַ וויץ אָדער אַ גלייכווערטל. און ער, נישט נאָר וואָס ער געזעגנט זיך

אַזוי, נייערט ער איז אויך יעדערן מקבל־פּנים און מקרב דורך גוטמוטיקייט און ליבלעכקייט, וואָס פאַנגען דאָס האַרץ און בלייבן איינגעקריצט אין זכרון.

מיט זיין הומאָר איז ר׳ יעקב מפורסם געוואָרן, האָט זיך באַרימט געמאַכט, אַפילו אין די היכלע מלוכה־קרייזן ווו ס׳איז אים אויסגעקומען זיך צו געפינען. מען דאַרף עס קענען, האָבן דעם נייטיקן טאַקט און עלעגאַנץ, איינצוברעכן די שטייפקייט פון אָנגעדראָלענע פייערלעכקייטן דורך אַ שאַרפן זאָג וואָס טוט קיינעם נישט וויי, נאָר רופט אַרויס אַ שמייכל און אַ געפיל פון היימישקייט. אין דעם דריקט זיך אויך אויס ר׳ יעקבס שטענדיקער דרך פון פשטות, עניוות, ווייל דאָרט ווו ס׳איז פאַראַן געזונטער הומאָר, קאָן נישט זיין קיין אָנשטעל און קיין צביעות, און דער מענטש וואָס לאַכט אין גוטן מוט שטעלט זיך אַרויס אָן קיין שום דרויסנדיקע באַפּוצונגען, נאָר מיט זיין פיינער מענטשלעכער נשמה.

מיט ר׳ יעקב מישקינס גיך־געצייכנטן פּאָרטרעט ווערט דערגאַנצט, לויט מיין מיינונג, דאָס בילד פונעם ערשטן דור פון אַ טייערער, יחוסדיקער יידישער משפּחה — אַן אויסנאַם וואָס באַשיינט דעם כלל און דערהייבט אים ביסלעכווייז צו דער מדרגה פון זיין אייגענער בכבודיקער אייגנאַר־טיקייט.

זלמן שזר ז״ל און פרוי מישקין

קלאַראַ שניידערמאַן

ווי שוין געזאָגט, איז דער וועגעסועלער ישוב געבענטשט מיט אַ גרויסער צאָל איבערגעגעבענע עסקנים, יידן וואָס אי זיי זשאַלעווען נישט פון דער אייגענער קעשענע, אי זיי האָבן דעם נייטיקן פרעסטיזש צו באַוועגן אַנדערע צו מעשים לטובת דעם יידישן לעבן און דעם יידישן לאַנד. ס׳זעט אויס פּאַראַדאָקסאַל, אָבער ס׳איז אַ פאַקט: אין ערגעץ זענען יידן נישט אַזוי פאַריאָגט מיט זייערע געשעפטן ווי אין וועגעסועלאַ, און דאָך, איז זעלטן צו טרעפן אַ ישוב ווו דווקא דער גוטשטייענדיקער עלעמענט ווייזט אַרויס אַזוי פיל פיעטעט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. דאָ טיילט זיך דער טאָג אויף צוויי חלקים: דער געשעפטלעכער חלק, וואָס פאַרנעמט דעם גאַנצן ליכטיקן טאָג, און דער יידיש־געזעלשאַפטלעכער חלק, מיט וועלכן יידן פאַרנעמען זיך געטריי אין די אָוונטן און שפּעט אין דער נאַכט, נאָך אַ גאַנצן שווערן טאָג פון ביזנעסדיקן טאַרעראַם.

הייסט עס, אַז טאָן פון גאַנצן האַרצן און געבן מיט דער ברייטער האַנט פאַר יידישע הצטרכותן, זענען אַן אַלגעמיינער שטריך פון וועגעסועלער יידן, מיט זייער ווינציק אויסנאַמען. צווישן דער מאַסע טיילן זיך אָבער אויס פיגורן, וועלכע שטייען נאָך העכער פון דורכשניט אויףביידע געביטן, און ווערן פאַרוואַנדלט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין מוסטער־פיגורן פאַרן ישוב, אַפילו ווען זיי טוען דאָס וואָס זיי טוען, נאָר ווייל זייער געוויסן פאָדערט דאָס ביי זיי, אָן קיין שום פּרעטענזיע צו זאָגן דעות אַנדערע וועגן וואָס און ווי אַזוי זיי דאַרפן האַנדלען.

אַזעלכע צוויי מוסטערן, וועלכע הייבן זיך אַרויס ווייט איבער דער אַלגעמיינער ליניע, טרעפן מיר אין דעם פּאָרפאָלק קלאַראַ און לייבל שניידערמאַן. ווען מען זאָל ביי מיר פאַרלאַנגען איך זאָל זיי דעפינירן מיט אַ קורצן זאַץ יעדן איינעם, וואָלט איך זיך נישט געוואַקלט. קלאַראַ שניידערמאַן — דאָס איז די לעבעדיקע אינסטיטוציע צווישן די וועגעסועלער יידישע פרויען; לייבל שניידערמאַן איז דער מוסטער־נדבן צווישן וועגע־

סועלער יידן.ביידע צוזאַמען פאַרדינען זיך אַ פּלאַץ צווישן די גאַר ערשטע פיגורן פון דער קאַראַקאַסער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט, זייט ביי זייט מיט די מישקינס — מרת סאָפיאַ און ר׳ יעקב, — די ברידער לערנער, און נאָך עטלעכע געציילטע פיגורן. לאָמיר זשע גיין מיט אַ סדר, און געטריי צום פּרינציפּ פון דאַמען־ערע, לאָמיר אַריינבליקן אין דער וועלט פון קלאַראַ שניידערמאַן, די פרוי־אינסטיטוציע פון ווענעסועלער יידנטום.

☆

איך בין געווען אין איר הויז עטלעכע שעה צייט, און דער טעלעפאָן האָט געאַרבעט אָן אויפהער. דאָס איז נישט קיין נייעס אין די גרויסע געשעפטס־אונטערנעמונגען, ווו דער טעלעפאָן קלינגט פּערמאַנענט; אָבער אַז אין דער פּריוואַטער וווינונג פון אַ וויצאַ־טוערין זאָל ער קלינגען — און אַלץ וועגן וויצאַ־ענינים — אַנגיין נאָך אינטענסיווער ווי אין די צענטראַלע ביוראָען פון אַ באַנק־אינסטיטוציע, דאָס האָב איך זיך נישט פאַרגעשטעלט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער אַדרעס איז אַ גענעראַל־שטאַב, אַרומגערינגלט מיט אַן אַרמיי, און אַלע ווײַלע קומען אָן באַריכטן פון אַן אַנדער פראָנטפּונקט. קלאַראַ שניידערמאַנס הויז איז פאַר זיך אַליין אַ צענטראַלע אינסטיטוציע: דער ווירקלעכער אַדרעס פון וויצאָ, וואָס נעמט אַרום אַ ברייטע גאַמע טעטיקייטן לטובת ישראל און אויך לטובת דער אָרטיקער אָרעמקייט.

די פרוי שניידערמאַן נעמט־אויף די באַריכטן און טיילט־אויס אירע אינסטרוקציעס, וואָס האָבן צו טאָן מיטן סדר פונעם אַרבעטסטאָג. אַלץ איז דאָ אויסגערעכנט און איינגעשטעלט אַזוי, אַז די באַלעבאָסטע, די פרוי־אינסטיטוציע, זאָל קענען אויספירן איר הייסן ווונטש, אַז דאָס בעסטע פון איר לעבן זאָל גיין לטובת ישראל, לטובת הכלל.

די וויצאָ פון ווענעסועלאַ איז געוואָרן אַ שם־דבר אין ישראל און אין דער גאַנצער יידישער וועלט, און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דער פרוי קלאַראַ דע שניידערמאַן, וואָס איז געוואָרן דאָס האַרץ און די נשמה פון דער פאַרצווייגטער אינסטיטוציע. פונקט ווי די אַנדערע צענטראַלע פרויען־פיגור פון ווענעסועלער יידנטום, פרוי סאָפיאַ מישקין, איז בלב־ונפש אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט לטובת דעם שפּיטאָל „שערי־צדק״ פון ירושלים, און האָט באַוויזן מיטצורייסן דעם ישוב בייצוטראָגן פאַר דעם דאָזיקן הייליקן צוועק, אַזוי האָט קלאַראַ שניידערמאַן, צוזאַמען מיט נאָך איניקע פרויען, באַוויזן צו מאָביליזירן ווילנס און כוחות פאַר דער ברייטער הילפסאַרבעט פון וויצאָ. ביידע ווענעסועלער יידישע פרויען־

געשטאַלטן דערגאַנצן זיך איינע די אַנדערע אַרום די גרויסע אידעאַלן פאַר וועלכע זיי גיבן אַוועק זייער לעבן.

צוויי מאָל איז קלאַראַ שניידערמאַן באַערט געוואָרן מיטן גאָר בכבודיקן טיטל פון פרעזידענטין פון דער וויצאָ אין ווענעסועלאַ: דאָס ערשטע מאָל פון 1944 ביז 1950, און דאָס צווייטע מאָל, פון 1959 ביז 1965. ס'איז שווער אָנצוגעבן אַ ציפער, אין וויפל וועלט־צוזאַמענפאָרן זי האָט זיך שוין באַטייליקט אין נאָמען פון דער ווענעסועלער וויצאָ. אַחוץ דעם, האָט דער ישוב זי צוויי מאָל אויסגעצייכנט מיט אַ העכסט בכבודיקער שליחות: אין 1968 און 1972 האָט מען זי באַשטימט ווי אַ דעלעגאַטקע צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן, וואָס זענען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען אין ירושלים. אָבער די אַלע אָנגעזעענע אַקטואַציעס גיבן אונדז אַלץ נישט די מאָס פון קלאַראַ שניידערמאַנס וויכטיקייט אין די רייען פון דער אָרגאַניזאַציע וועלכע זי דינט. אין דעם זינען איז פיל באַדייטנדיקער דער פאַקט, וואָס זי פאַרנעמט אַן אָרט אין דער צענטראַלער קערפּערשאַפט פון דער וועלט־וויצאָ. קיין העכערע און שענערע אויסצייכענונג דאַרף מען שוין נישט האָבן, און דאָס אַליין איז גענוג איבערצוצייגן דעם לייענער, אַז דער שרייבער פון די שורות טיילט נישט קיין שבחים גלאַט אין דער וועלט אַריין, נאָר להיפוך, ער דערמאָנט נאָר אַ מקצת מן המקצת, אַ טייל פון אַ ביסל, פון די אויפטוען פון דער דאָזיקער אויסערגעוויינטלעכער פרוי. מען דאַרף אויך דערמאָנען, אַז די צענטראַלע ווענעסועלער יידישע פרויען־אָרגאַניזאַציע, „אוניאָן דע דאַמאַס העברעאַס", האָט באַשטימט קלאַראַ שניידערמאַנען ווי איר פאָרשטייערין פאַר דער צענטראַלער דאַך־אָרגאַניזאַציע פון גאַנצן לאַנד־יידנטום, דער „קאַיוו" (ראַט פון יידישע געזעלשאַפטן אין ווענעסועלאַ) ווידער אַ מאָל — אַ באַשטימונג, וואָס זאָגט עדות אויף עכטער רעפּרעזענטאַטיווקייט און ברייטער אָנערקענונג פאַר איר אַרבעט און פערזענלעכקייט.

מיר וועלן דאָ פּרווון זיך באַקענען מיט דער „אַרמיי", מיט די „גענעראַליכעס" וואָס שטעלן צוזאַמען די פרויען אָרגאַניזאַציעס אין ווענעסועלאַ. מיר טרעפן דאָ עטלעכע דורות יידישע פרויען: מאַמעס און טעכטער, אַפילו באָבעס מיט אייניקלעך, וואָס שמידן אונטער פאַרשידענע נעמען די גאָלדענע קייט פון יידישע כלל־טוערינס אין קאַראַקאַס. די ערשטע פון זיי איז די היינטיקע פרעזידענטין פון וויצאָ, די אַמאָליקע דערציִערין, געאַרבעט אין דער הערצל־ביאַליק־שול, פרוי העלאַ שלעזינגער. אין „פאַראיין פון יידישע פרויען" איז טעטיק פאַני סטאַראַסטאַ. איר אַקטיוויטעט איז ממש נישט אָפּצושאַצן. לויט מיינע „געהיימע ידיעות", האָט זי ליב איר אַרבעט צו טאָן אַנאָנים, זי האָט זייער נישט גערן קיין פירסום, קיין פּראָפּאַגאַנדע; נו, איז דאָס זיכער פון איר זייט אַ שיינע מידה, הגם מיר האַלטן גיכער

פון אַ מיטלוועג, פון גלייכגעוויכט: פון מעשים־טובים דאַרף מען נישט וועלן שלאָגן קאַפּיטאַל, אָבער זיך אויסצובאַהאַלטן מיט זיי איז אויך נישטאָ וואָס... האָפן מיר דערפאַר, אַז די ליבע פרוי סטאַראַסטאַ וועט אונדז מוחל זיין, וואָס מיר שפּאַנען אַריבער די גרענעץ פון אירע פאַרלאַנגען און — כאָטש מיר האָבן נישט די זכיה זי צו קענען פערזענלעך — באַמיִען מיר זיך, ווי געטרייע כראָניקערס, אָפּצושפּיגלען ריכטיק איר ראָלע און חשיבות אין די קאַדרען פון איר אָרגאַניזאַציע. לאָמיר נאָך צוגעבן אַז פרוי סטאַראַסטאַ פאַרמאָגט אוניווערסיטעט־בילדונג: זי האָט פאַרענדיקט אַרכיטעקטור, און שטעלט צו דינסט אירע קענטענישן אויף דעם געביט פאַר די באַדערפעניש פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. אַזאַ האַנדלונג קען נאָר באַצייכנט ווערן ווי אַ מוסטער, און ווי אַזאַ שטעלן מיר זי אַרויס אין די דאָזיקע שורות: מי יתן, הלוואי זאָלן זיך מערן אַזעלכע פרויען, אַזעלכע געטרייע טעכטער פון יידישן פאָלק.

ביי דער אָנפירונג פון „דאַמען פאַראיין" שטייט אויך די פרוי זשעסי מייערסאָן. זי דערפילט איר שליחות מיט גרויס התלהבות. איך באַדויער וואָס ביז היינט איז מיר נישט אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט דער פרוי מייערסאָן פנים־אל־פנים, אָבער אין היינטיקע מאָדערנע צייטן איז דאָס אַ קליינער מכשול: שוין פאַראַן אַזעלכע אומזעבאַרע כוואַליעס, וועלכע ברענגען צו טראָגן די ריכטיקע אינפאָרמאַציע אויפן ריכטיקן אַדרעס. ובכן, ווייס איך אויף זיכער אַז פרוי זשעסי מייערסאָן איז די אידעאַלע כלל־טוערין אין איר אָרגאַניזאַציע, וואָס טוט איר אַרבעט מיט יוגנטלעכן אימפּולס, באַוויינזנדיק, אַז אין דער וועגעסועלער פרויען־באַוועגונג איז דער עיקר נישט די כראָנאָלאָגישע עלטער נאָר דער גייסט, וואָס איז אין די רייען פון די פרויען־אינסטיטוציעס תמיד פריש און יוגנטלעך.

כ'האָב אויסגערעכנט נאָר די עטלעכע וויכטיקע פרויען־אָנפירערינס און זייערע פאַרדינסטן. די אַרמיי איז נאָך אַ גרויסע און אין איר געפינען זיך אַ סך העלדינס, וועלכע פאַרדינען דערמאָנט צו ווערן שוואַרץ אויף ווייס. ווי נאָר די שייכדיקע אינפאָרמאַציע וועט זיין אין מיין באַזיץ, וועל איך דאָס מיט פאַרגעניגן טאָן.

☆

אין דער „דאַמען־פאַראייניקונג" איז אויך אָנגעשלאָסן אַן אינסטיטוציע וואָס טראָגט דעם טראַדיציאָנעלן מיצווהדיקן יידישן נאָמען „ביקור חולים". זייער עבודה איז העלפן קראַנקע, זיי באַזוכן אין די שפּיטעלער, ברענגען זיי אַ טרייסט, און וואָס זיי דאַרפן, כדי וואָס שנעלער געזונט ווערן. נישט געקוקט אויפן אַלגעמיינעם ווילשטאַנד פון וועגעסועלער יידן, איז די

אַרבעט פון „ביקור חולים״ זייער נייטיק און אָנגעלייגט. נאָך אַן אָנגעשלאָסענע אָרגאַניזאַציע איז די ספּרדישע פרויען־געזעלשאַפט, וועלכע עקסיסטירט שוין 40 יאָר און גיט זיך אָפּ מיט העלפן אומפאַרמעגלעכע פרויען וועלכע דאַרפן ווערן מאַמעס; די דאָזיקע געזעלשאַפט באַזאָרגט זיי מיט אַלץ וואָס אַ ניי־געבוירן נפשל דאַרף האָבן. ס׳פאַרשטייט זיך שוין, אַז די הויפּט־קליענטעלע פון אָט דער הילף געהערט נישט צו די רייען פון יידישן ישוב; איז דאָס נאָך אַ באַווייז, ווי ווייט און ברייט עס דערגרייכט דאָס עכטע צדקה־געפיל פון וועגעסועלער יידישע פרויען.

וויטער האָבן מיר די בני־ברית מיט זייער פרויען־קאַפּיטל „אהבה־התיקווה״, אין אַ ריי פרויען־קרייזן וואָס פירן אַ ביז גאָר עפעקטיווע אַרבעט ביים העלפן און זאַמלען פאַנדן פאַר ישראלדיקע ווילטעטיקע אַנשטאַלטן: שערי־צדק; יק״א וואָס אַרבעט לטובת די קאַנסער־ליידנדיקע אין ישראל; אילן, וואָס שטיצט די אָנשטרענגונגען לטובת גייסטיק־צוריקגעשטאַנענע קינדער, אַז זיי זאָלן זיך אויסלערנען פאַכן און ווי ווייט מעגלעך פּסיכיש אויפגעריכט ווערן, און אַזוי נאָך עטלעכע ווילטעטיקע יידישע פרויען־גרופּעס.

די אַלע פרויען־אָרגאַניזאַציעס האָבן באַוויזן די אומגעהייערע גבורה, צו האַלטן דאָס גאַנצע וועגעסועלער יידנטום אין אַ צושטאַנד פון כסדרדיקער עקאָנאָמישער און גייסטיקער מאָביליזאַציע לטובת אַלע נויטן פון יידישן לעבן און פון יידישן לאַנד. אין פלוג איז דאָס זייער אַ פּראָזאַישער ענין: אַ רייכער ישוב, און די גוטהאַרציקע פרויען זאָרגן זיך אַז אַנדערע פרויען און מענער זאָלן זיך טיילן מיט זייער עשירות פאַר וויכטיקע צוועקן. אָבער ווער עס קען אַנדערע רייכע ישובים, ווייס אַז דאָס איז נישט אַזוי פּשוט. פאַרקערט, על־פּי־רוב פעלט אָט דער באַוווסטזיין, וואָס וועגעסועלער יידן האָבן אַנטוויקלט ביז אַ גאָר הויכן גראַד. ווען איך בין אַ פּאָעט, וואָלט איך אפשר געפונען די פּאַסיקע ווערטער אַרויסצוברענגען בקיצור די שיינקייט פון דער מאָראַלישער מדרגה פון מענטשן, ביי וועמען דאָס באַשטייערן זיך פּערמאַנענט, מיט גרויסע סומעס, פאַר אַ לאַנג צעטל אינסטיטוציעס, איז געוואָרן אַן איינגעפירטע דיסציפּלין, אַ נויטווענדיקייט, נישט ווינציקער ווי דאָס אָטעמען און דאָס עסן זענען פאַר יעדערן אַ פיזישע באַדערפעניש. הלוואי אויף אַנדערע יידישע קיבוצים געזאָגט געוואָרן.

אָט האָבן מיר על רגל אחת געשילדערט די וועלט ווו עס אַנטוויקלט איר טעטיקייט אונדזער „גראַנד־דאַמע״, פרוי קלאַראַ שניידערמאַן. זי, די געוועזענע וויצע־פּרעזידענטין פון דער וועגעסועלער ציוניסטישער פעדעראַציע, האָט איצטער, אויפן אַמט פון פינאַנס־דירעקטאָרין פון וויצאָ,

באַוויזן צו שלאָגן רעקאָרדן אין די געזאַמלטע סומעס. איצט, צום 30סטן יאָרטאָג פון אונדזער אויסגעבענקטער מדינה, האָט זי, צוזאַמען מיט די איבערגעגעבענע פרויען פון איר שטאָב, געגעבן אַ צוזאָג: צו פאַרטאָפּלען און פאַרדרייפאַכן די בייטראַגן. ווינטשן מיר דער פרוי קלאַראַ שניידערמאַן און אירע מיטאַרבעטערינס זיי זאָלן מצליח זיין אין זייער כוונה, און אין דעם זכות זאָלן פאַרטאָפּלט און פאַרדרייפאַכט ווערן זייערע יאָרן, געזונט און נחת. אמן כי יהי רצון.

ביי דער דערעפענונג פון דער הרצל־ביאַליק שול. אַ מתנה פון מנדב יאָסל לערנער. רעכטס: נאַטאַליאַ גליזשיינסקי, אַ פּראָפעסאָר פון דער שול, עזרא, יוסף און סורצע לערנער.



לעאָ שניידערמאַן
געוועזענער ישיבהניק, גרויס־אינדוסטריאַל, עסקן און בעל־צדקה

איצט, אַז מיר האָבן שוין מיט פאַרגעניגן אָפּגעזאָגט דעם פאַרדינטן שבח דער פרוי קלאַראַ שניידערמאַן און דער קוועקזילבערדיקער „וויצאָ״־סביבה, וואָס דרייט זיך אַרום איר, קענען מיר מיט אַ רויִק געוויסן זיך קאָנצענטרירן אויף דער פיגור פון איר מאַן, דעם פּילזייטיקן און האַרציקן לעאָן (לייבל) שניידערמאַן.

לייבל שניידערמאַן געהערט צו דעם מין יידן, וואָס האָט אין זיין געבוירן־שטעטל איינגעזאַפּט די שענסטע זאַפטן פון פאָלקס־יידישקייט און זיי מיט זיך מיטגעבראַכט אין דער גרויסער וועלט. כ׳וויל זיך דאָ נישט צעשרייבן וועגן דער טעמע פונעם אַמאָליקן יידישן שטעטל, וואָס האָט אין זיין קליינקייט און אָרעמקייט, ממש אין דלות, באַלעבט זיינע זין און טעכטער מיט אַזאַ רייכן גייסט, מיט אַזעלכע יידישע און מענטשלעכע געפילן, וואָס זיי סטייען צו שפּייזן דאָס יידיש לעבן בכל תפוצות ישראל, סיי געזעלשאַפטלעך, סיי אינטעלעקטועל, און דאָס — צענדלינגער יאָרן נאָך דעם ווי דאָס שטעטל גופא איז דורך דער דייטשישער רוצחישער האַנט פאַרווישט און פאַרמעקט געוואָרן פון דער וועלט. דער גרויסער געלערנטער אברהם גאָלאָמב האָט שוין וועגן דעם געשריבן אין פיל ביכער, און אַנדערע היסטאָריקער און דענקערס האָבן זיך וועגן דעם אַרויסגעזאָגט. איך וויל דאָ נישט מער ווי באַטאָנען און אונטערשטרייכן, אַז לייבל שניידערמאַן איז אַן עכטער פּראָדוקט פון יענער סביבה, וואָס האָט אין אים טיף איינגעפלאַנצט דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און די טייערע מידות פון צדקה און איבערגעגעבנקייט לטובת הכלל.

לייבל שניידערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1904, און מען קען שיעור נישט זאָגן, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַן אַלגעמיינער ציוניסט. ער האָט שוין די דאָזיקע געטריישאַפט אָנגעהאַלטן אַ גאַנץ לעבן, ביזן היינטיקן טאָג. מסתמא — עד מאה ועשרים. אַחוץ די אייגנשאַפטן און איבערצייגונגען וואָס זיין סביבה האָט אין אים איינגעפלאַנצט, איז ער געבוירן געוואָרן

מיט נאַטירלעכע גרויסע פעיִקייטן, צווישן אַנדערע — צו מיסחר. ער האָט אויך גלייך פון אָנהייב געקראָגן אַ מתנה: אַן אומרויִקן טעמפּעראַמענט, וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט די עקסיסטירנדיקע ראַמען און זוכט אַלע מאָל ברייטערע האָריזאָנטן, און אַ שטאָלענע ערלעכקייט: אַלץ וואָס ער טוט, קליינס צי גרויס, דאַרף זיין געטאָן, סיי אין עקאָנאָמישן לעבן, סיי אין געזעלשאַפטלעכן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ טעמפּעראַמענט האָט לייבל זיך נישט געקענט לענגער אויפהאַלטן אינעם שמאָלן שטעטלדיקן תחום. עס האָט אים געצויגן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, ווו מען קען צעפירן די הענט און זיך נעמען צו זאַכן מיט פאַרנעם, מיט וויזיע און מיט אַ גרויסער צוקונפט. איז ער צו צוואַנציק יאָר אַוועק אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט, וואַרשע, און האָט זיך דאָרט גלייך גענומען שאַפן אַ פּאָזיציע ווי אַ סוחר אין דער פוטער־בראַנזשע. דאָס איז גראָד געווען, קאָמערציעל גערעדט, זייער אַ צוגעטראָפענער באַשלוס, ווייל האַנדלען מיט פוטער איז בטבע אַן עניין פון און פאַר יחידי־סגולה, האָט מען פאַרן סוחר פון דער בראַנזשע דרך־ארץ געהאַט.

אַלץ וואָלט צוגעגאַנגען גלאַטיק, ווען נישט די ביטערע היסטאָרישעווירקלעכקייט פון יענע טעג. דאָס זענען געווען די שטורעמדיקע צייטן פון אומאָפּהענגיקן פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, אַ תקופה פון גרויסן קולטורעל־פּאָליטישן אויפשטייג פון פּוילישן יידנטום, אָבער גלייכצייטיק פון רדיפות און נגישות, מוראדיקע עקאָנאָמישע גזירות און פון אַכזריות־דיקן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט געבראַכט אַ מין פינצטערן אָנזאָג פון דער אָנרוקנדיקער נאַצישער סכנה. עס איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז פאַר יידן איז שוין אוממעגלעך געווען פאָרצוזעצן זייער לעבן אויף יענער ערד, וואָס, כאָטש דאָס איז געווען זייער באַליבטע געבוירן־לאַנדשאַפט, איז זי פאַר זיי געווען פאַרשאָלטן און פול מיט שינאה. די מלוכה־מאַשין האָט נאָר אין זינען געהאַט צו דערדריקן דעם יידישן מיטבירגער, און דערווייל איז דאָס גאַנצע לאַנד אַריינגעשלעפּט געוואָרן אינעם עקאָנאָמישן חורבן. ווער עס האָט נאָר געהאַנדלט, האָט געמוזט ווערן אַן אָנזעצער.

פאַר יידן איז דעמאָלט געשטאַנען איין איינציקע ברירה: אַנטלויפן און ראַטעווען זיך פון פּוילישן גיהנום. אין יאָר 1933 האָט לייבל שניידערמאַן פאַרלאָזט די פאַרשאָלטענע פּוילישע ערד און זיך געלאָזט שיפן איבער ימען צום אומבאַקאַנט־געבענטשטן לאַנד, וועגעסועלאַ.

זיין ערשטע סטאַנציע איז געווען די שטאָט וואַלענסיאַ, אַ קאַרגע 300 קילאָמעטער פון דער הויפּטשטאָט, קאַראַקאַס. אַגב, האָבן מיר שוין דער־מאָנט ביי אַנדערע געלעגנהייטן אַז טאַקע אין יענער שטאָט, וואַלענסיאַ,

איז אַנטשטאַנען דער יידישער ישוב פון וועגעסועלאַ. פאַר וואָס און פאַר ווען — איז שווער צו פאַרשטיין, ווייל די דערפאַרונג ווייזט אונדז אַז אינעם רוב אימיגראַציע־לענדער איז דער פּראָצעס געווען דווקא אַ פאַרקערטער: יידן האָבן זיך קודם־כּל אַ לאַז געטאָן אין גרעסערע מחנות אין די גרויסע שטעט, און נאָר קלענערע גרופּעס האָבן זיך באַזעצט אין פּראָווינץ־געביטן. דער פאַקט איז אָבער, אַז די קליינע וואַלענסיאַ האָט געלייגט דעם יסוד פאַרן וועגעסועלער יידישן ישוב.

פיר יאָר צייט האָט לייבל שניידערמאַן אָפּגעלעבט אין וואַלענסיאַ. ביים אָנהייב האָט ער, נאַטירלעך, זיך אָנגעשטויסן מיט די באַקאַנטע שוועריקייטן וואָס יעדער ניי־איינגעוואַנדערטער דאַרף בייקומען: אַ פרעמד לשון, אַן אומבאַקאַנטע סביבה, באַגרענעצטע מיטלען אָנצוהייבן וועלכע ס׳איז פּראָדוקטיווע טעטיקייט. אָבער קעגן אַלע מכשולים האָט אים אַרויס־געהאָלפן זיין איינגעבוירענער טאַלאַנט, ענערגיע און אַרבעטזאַמקייט. ער האָט זיך גענומען צו מסחר און נאָך אַ קורצער צייט האָט מען אָנגעהויבן זען, וואָס ער איז בכוח אויפצוטאָן. די הצלחה האָט אים צוגעשפּילט; גאָר גיך האָט ער גענומען טראַכטן וועגן ווייטערדיקע פּלענער פון פּראָגרעס און אַנטוויקלונג.

דערווייל האָט די שטאָט וואַלענסיאַ גענומען איינגעשרומפּן ווערן פון יידן. מען האָט דעמאָלט אָנגעהויבן אויסוואַנדערן: ווער קיין מאַראַקאַיבאַ, די פאַרשטאָט אויף וועלכער דער הימל שיט מיט פייער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אָבער שניידערמאַן האָט אויסגעקליבן קאַראַקאַס פאַר זיין נייער היים.

אין דער שיינער, אייביק פרילינגדיקער הויפּטשטאָט, האָט שניידערמאַן געעפנט זיין געשעפט, אַלץ פון דער פּוטער־בראַנזשע, אין וועלכער ער איז געווען אַ היימישער. אָבער אים האָט געצויגן צו דער וועלט פון מאַשינען, צו דעם גאַנצן קלאַפּער־געצייג וואָס מען רופט — אינדוסטריע. אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיך אפשר באַנוגנט מיט גיין אויפן אויסגעטראָטענעם וועג, אָבי ער האָט אַ פאַרזיכערטע הכנסה פון אַ געשעפט וואָס ער קען שוין און דאַרף שוין איבער דעם אי ווינציקער איינשטעלן, אי ווינציקער זיך ברעכן דעם קאָפּ. איך האָב אָבער גלייך ביים אָנהייב באַמערקט, אַז לייבל שניידערמאַן איז געקנאָטן גאָר פון אַן אַנדער טייג. נישט די עקאָנאָמישע גייציקייט, נאָר דער אונטערנעמערישער גייסט האָט אים געשטויסן; דער אימפּולס צו שאַפן עפּעס נייס, אויסטרעטן נייע דרכים, אַריינשרייבן זיין אייגן בלעטל אין דער עקאָנאָמישער געשיכטע פון לאַנד, אָנשטאָט נאָכ־צוגיין פּאַסיוו די טריט פון אַנדערע פּאָרויסלויפערס.

האָט ער זיך מיט פלייס גענומען אַנטוויקלען די אינדוסטריע וואָס איז נאָך דעמאָלט אינעם לאַנד געווען אין די ווינקלעך. ער האָט אויף דעם

געביט אַרויסגעוויזן פֿעיִקייטן וואָס שטייגן וווייט אַריבער אַלץ וואָס מען וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלן. ער האָט מצליח געווען אויף אַלע פֿראָנטן. הונדערטער משפּחות צ׳עזן היינט זייער חיונה פֿון שניידערמאַנס אונטער־נעמונגען. ער האָט געגעבן אַ שיינעם ביישטייער פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער לאַנד־אינדוסטריע. זיינע אויסנעמלעכע מעלות ווי אַן אונטערנעמער, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן פֿון דער פֿריסטער יוגנט אָן, האָבן דאָ באַקומען אַן אַטעסטאַט וואָס קיינער קען נישט אָפּפֿרעגן.

און דאָ קומט אַריין דער פֿאַקטאָר וואָס מיר האָבן לכתחילה אָנגעוויזן: דאָס פֿאָלקישע באַוווּסטזיין, וואָס האָט אים באַגלייט זינט ער איז אויף דער וועלט געקומען, און האָט כאַראַקטעריזירט שניידערמאַנען דעם נאַציאָנאַלן ייד און ציוניסט, האָט אויך נישט אויסגעוועפּט ביי שניידערמאַנען דעם אינדוסטריאַל. ווי נאָר ער האָט באַפֿעסטיקט אַ ווירטשאַפֿטלעכע פּאָזיציע, האָט ער זיך באַלד צוגעזוכט אומדירעקטע שותּפֿים: זיינע שותּפֿים זענען געוואָרן אַלע הצטרכותן און פּראָיעקטן וואָס האָבן צו טאָן מיטן אויפֿהאַלט און דערהייבונג פֿון יידישן לעבן. אויף דעם געביט, האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט, נישט אין „נאָך אַ געבער", נאָר אין אַ מוסטער־געבער, אַזאַ וואָס ווייזט אַ ביישפּיל אַנדערע און רעגט־אָן צו געזונטער „קאָנקורענץ" אויפֿן געביט פֿון שטיצן מיט דער ברייטער האַנט אַלץ וואָס איז נאַציאָנאַל יידיש. ס׳איז נישט שייך דאָ צו אָפּערירן מיט קיין ציפֿערן, אָבער ס׳וועט גענוג זיין צו דערמאָנען אַז אָפֿט מאָל האָט זיך לייבל שניידערמאַן דער־הויבן, מיט זיינע נתינות אַזש פֿינף מאָל איבער זיינע מיטבירגערס, וועלכע שטייען אין דעם זינען אויך אויף אַ גאַנץ הויכער מדרגה.

מיט באַזונדערער פּיעטעט און איבערגעגעבנקייט באַציט זיך פֿריינד שניידערמאַן צו די אַרבעטן לטובת דער יידישער מדינה. בעת דער רעקטאָר פֿון בר־אילן אוניווערסיטעט האָט אין 72סטן יאָר באַזוכט קאַראַקאַס, און ס׳איז לכבוד אים דורכגעפֿירט געוואָרן אַ היסטאָרישער אָוונט אין הויז פֿון דער יחוסדיקער פֿאַמיליע גאַספּאַר, ווו אַ פּאָר הונדערט מענטשן זענען געווען פֿאַרזאַמלט, האָט שניידערמאַנס האַנדלונג געמאַכט אַ רושם. ווי נאָר דער געהויבענער גאַסט, הרב יוסף גליקשטיין, האָט פֿאַרענדיקט זיין התלהבותדיקע רעדע, דורכגעפֿלאָכטן מיט פּערל פֿון תורה און חכמה, האָט פֿריינד לייבל זיך געפֿעדערט און דער ערשטער זיך אָפּגערופֿן מיט אַ ביי־שטייערונג וואָס האָט אַלעמען דערשטוינט. אַזוי אַרום האָט ער געלייגט אַ יסוד פֿאַרן קאַמפּיין, און אויף דעם יסוד זענען שוין אַלע אַנדערע ביי־טראַגן געשטאַנען אויף אַ גאָר גרויסער הייך. הרב גליקשטיין און זיין באַגלייטער, ר׳ אליעזר אונגער, זענען ממש געווען גערירט פֿון דעם, ווי די יידן פֿון קאַראַקאַס האָבן זיך אָפּגערופֿן אויף זייער שליחות. אַזוי אַרום

איז דער בר־אילן אוניווערסיטעט, פונקט ווי אַנדערע ישראלדיקע אינסטי־טוציעס, געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פונעם יידישן לעבן אין קאַראַקאַס. קאַראַקאַס האָט געשלאָסן שותפות מיט בר־אילן, און דאָס שותפות גייט אַן יאָר נאָך יאָר, און פריינד לייבל שניידערמאַן איז כסדר דער טאָן־און ביישפיל־געבער. דערצו, איז צו אונדז דערגאַנגען אַז זיין „געבן" פאַר אַנדערע אינסטיטוציעס, כלפי־פנים און כלפי־חוץ, שטייט נישט אָפּ אין קיין שום פאַל, און ווערט אַלע מאָל דורכגעפירט מיט גוטן ווילן, מיט ריכטיקער פרייד פון דערפילן אַ גרויסע מיצווה.

אין פריינד שניידערמאַנס ביאָגראַפיע פאַרנעמט דער „טוער" נישט קיין קלענער אָרט ווי דער „געבער". דאָס פאַרשפּאָרן מיר כמעט אויסצו־ברייטן, ווייל — ווי אַנדערש איז געווען צו דערוואַרטן פון זיין דורכויס טוערישן און אויפטועריש טעמפעראַמענט? כ'וועל זיך אָבער נישט אָפּ־שטעלן און אויסרעכענען בפרט אַלע פאָזיציעס, וואָס ער האָט פאַרנומען און די דערגרייכונגען צו וועלכע ער האָט בייגעטראָגן ווי אַן עסקן. זאָל גענוג זיין צו דערמאָנען אַז נאָך מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק, אין 1946, האָט זיין עדה געהאַלטן פאַר פּאַסיק אים אָנצוטאָן די קרוין פונעם ראש־הקהל פון „אוניאָן איסראַעליטאַ". דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקער צייכן און באַווייז פון זיין פעיִקייט, פליסיקייט, און פונעם צוטרוי וואָס ער האָט זיך פאַרדינט אין זיין סביבה.

היינט, ווען מען ווערט שוין אַ קאָפּעטשקע עלטער, איז פריינד שניידערמאַן צוריקגעצויגן פון „אַקטיוון דינסט" אין עסקנות; זיין קלאַראַס אָנשטרענגונגען אין „וויצאָ", וואָס כ'האָב שוין באַשריבן, דעקן ביידנס חלק, נאָך מיט פּראָצענטער. אָבער ווען עס קומט צו צעעפענען ברייט דאָס בייטל פאַר אַלע יידישע נויטן — דאָ איז אונדזער פריינד שוין נישט אויף פענסיע, נאָר ער איז וואַכזאַם און ממש גיריק אַנטקעגנצוקומען ווו און ווען אַ יידישע האַנט שטרעקט זיך צו אים.

☆

לאָמיר דערמאָנען דאָ כאָטש אַ פּאָר ווערטער וועגן די שניידערמאַנס „צווייט" פאַרמעגן, אַ פאַרמעגן וואָס מען קען נישט מעסטן און שאַצן מיט קיין געלט. דאָס זענען זייערע דריי קינדער, איין טאָכטער און צוויי זין, מיט די פינף אייניקלעך. וואָס שייך דער טאָכטער, האָט זי זיך גראַדויִרט אויפן באַרימטן קאָלומביע־אוניווערסיטעט, אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ווו זי האָט זיך דערוואָרבן דעם וויכטיקן טיטל פון מאַסטער אויף דערציִונגס־פּסיכאָלאָגיע. איר נאָמען איז דאָראַ שניידערמאַן־פּעדערבוש, און זי איז אַ מאַמע פון דריי קינדערלעך. איר מאַן איז מאַנועל פּעדערבוש. דער

יחוסדיקער פֿאַמיליע־נאָמען איז ווייל באַקאַנט פֿאַר די מענטשן פֿון מײַן דור. מאַנועל איז טאַקע אַ זון פֿונעם באַרימטן מנהיג פֿון פּוילן ר׳ שמעון פֿעדערבוש, באַוווּסט אין דער יידישער וועלט ווי דער גרינדער פֿון דער מזרחי־באַוועגונג אין פּוילן. אין דער מלחמה־צייט איז ער, צוזאַמען מיטן קדוש אַרטור זיגעלבוים, געווען יידישער פֿאַרשטייער פֿאַרן פּוילישן גלות־פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן. געשטאַנען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט סטיפֿען ווייז און מיטן מנהיג הדור, נחום גאָלדמאַן, בעת די אַרבעטן צו גרינדן דעם יידישן וועלט־קאָנגרעס. איך אַליין האָב געהאַט דעם זכות צו שטיין מיט אים אין שריפֿטלעכער פֿאַרבינדונג אין 1948, אין שייכות מיט ענינים פֿון יידישן וועלט־קאָנגרעס, און דאָס האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט נאָך בעסער זיך צו באַקענען מיט די אויסערגעוויינטלעכע שטריכן פֿון דער דאָזיקער שיינענדיקער פּערזענלעכקייט. פֿריינד שניידערמאַן איז, בכן, דער מחותן פֿון יענעם גרויסן מנהיג, און דער גורל האָט זיך זיכער נישט טועה געווען בעת ער האָט זיי משדך געווען.

בנוגע די זין, איז האַרי שניידערמאַן אַן אינזשעניער־עלעקטראָניקער, וווינט אין קאַראַקאַס און אַרבעט אויך לטובת ישראל. און סאַמי שניידערמאַן איז דאָקטאָר מעדיצין, גראַדוירט אויפֿן ירושלימער אוניווערסיטעט, וווינט און אַרבעט שוין אַכט יאָר צייט אין מדינת ישראל.

✡

כ׳האָב בכיוון געלאָזט צום סוף אַ פּאָר שורות וואָס באַלייכטן די קולטורעל־גייסטיקע געשטאַלט פֿון פֿריינד לייבל שניידערמאַן, ווייל כ׳האָב געוואָלט שליסן מיט דעם, מיט וואָס כ׳האָב אָנגעהויבן, דאָס הייסט, מיט דער יניקה וואָס אַזאַ ייד ציט פֿון זיינע פֿריסטע יאָרן אין דער אַלטער היים, און וואָס באַגלייט אים אַ גאַנץ לעבן, ווי אַ ליכט וואָס צעשיינט זיך וואָס אַ מאָל העלער.

יאָ, לייבל שניידערמאַן און זיין דרך פֿון קולטור און מעשים־טובים זענען אַ דירעקטער פּועל־יוצא, אַ רעזולטאַט פֿון דעם וואָס זיין היים האָט אים געוויזן און געלערנט, אין זיינע פֿריסטע יאָרן, אינעם פּוילישן שטעטל סלאָוויטשע, ביי וולאָדאַווע... דער פֿאָטער, ר׳ שמואל־כאַסקל שניידערמאַן, איז געווען אַ ייד אַ למדן, מיט אַ שם־טוב אין שטעטל. די מוטער איז געווען אַ צדיקת. און לייבל אַליין איז לאַנגע יאָרן געווען אַ „באַנק־קוועטשער", פֿריער אין די חדרים און שפּעטער אין דער ישיבה, ווו ער האָט פֿאַרגעזעצט זיינע לימודים ביזן עלטער פֿון 16 יאָר. ער האָט געהאַלטן אַ שפּאַן די ווייט פֿון למדנישע טיטלען. ער האָט אויך נישט פֿאַרפֿעלט וועלטלעכע לימודים, צווישן וועלכע עס האָט אים באַזונדערס פֿאַרכאַפּט

מאַטעמאַטיק. אַ גרויסן חלק אין זיין אַלזייטיקער אויסבילדונג האָט אַוודאי געהאַט דאָס מזל, ווייל אין יענע יאָרן, בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פריינד שניידערמאַן האָט דורכגעמאַכט זיינע לימודים, האָבן אַ סך זיינס גלייכן נישט געהאַט אַזאַ געלעגנהייט. אָבער פונקט אַזאַ גרויסן חלק דאַרף מען צושרייבן זיין טאַלאַנט, אינטעליגענץ און התמדה, וואָס אַ דאַנק דעם אַלעמען איז ער געוואָרן, דאָס וואָס ער איז.

גירסא דינקותא אינה משתכחת — זאָגן אונדזערע חכמים; טייטש: וואָס מען לערנט זיך אויס אין די קינדער־יאָרן, דאָס פאַרגעסט זיך נישט. און פריינד שניידערמאַן פאַרגעסט טאַקע נישט זיין טאָפּעלע יניקה פון תורה און צדקה, נאָר להיפוך: ער האָט פון ביידע זאַכן געמאַכט די צירונג פון זיין לעבן. זיין רחבותדיקע שטוב — אַ פּאַלאַץ מיט אַ ריזיקן גאָרטן, ווו ס׳קומען צו מאָל פאַר מסיבות פאַר אַ גרעסערן עולם — איז באַשיינט מיט אַ פּרעכטיקער ביבליאָטעק, אַ גייסטיק קולטורעלער אוצר, אָנגעפּי־קעוועט מיט כל־טוב, סיי מאָדערנע ליטעראַטור, סיי יקר־המציאותדיקע און רעליגיעזע ספרים פאַר וועלכע די באַלעבאַטים האָבן אַ באַזונדער געפיל. ביידע, די שטוב וואָס דינט גלייכצייטיק ווי אַ געזעלשאַפטלעכער אַדרעס, און די אימפּאָזאַנטע ביבליאָטעק, דערציילן וועגן אַ משפחה וואָס האָט געמאַכט פון עסקנות לשמה און פון יידישע קולטורעלע ווערטן אַ הייליק שליחות, אַ לעבנס־באַרוף און אַ קולט. כ׳בין גליקלעך וואָס כ׳האָב די זכיה אַזאַ פאַמיליע אָפּצושפיגלען אין מיין בוך.

די לערנערס — הויכגעשאַצטער נאָמען פון אַ יחוסדיקן שטאַם אין קאַראַקאַס

זאָל דער חשובער לייענער זיך נישט חידושן אויב ער טרעפט גאָר אָפט, אין מיינע באַשרייבונגען פון יידישן קאַראַקאַס, דעם נאָמען פון דער פאַמיליע לערנער און פון אירע באַזונדערע מיטגלידער. דער דאָזיקער



ר׳ יוסף (כאָסע) לערנער

נאָמען מוז און וועט אונדז אַנטקעגנקומען אין פאַרשיידענע צוזאַמענהאַנגען און שייכותן. דאָס איז נישט סתם אַזוי איבערגעחזרט. מען דאַרף פאַרשטיין, אַז אַזאַ פילקאָלירנדיקע טעטיקייט ווי די לערנערס אַנטוויקלען, יעדער איינער מיט זיין באַזונדערן פערזענלעכן ניואַנס, לאָזט זיך נישט אויס־דערציילן מיט איין מאָל, און אַ חוץ דעם קען מען וועגן זייער אַרבעט זאָגן, אַזוי ווי וועגן די פאַרצייטיקע יידישע ניסים: כל המרבה לספר, הרי זה משובח — דאָס מיינט, וואָס מער מען דערציילט וועגן זיי, אַלץ בעסער, ווייל זייער ביישפּיל דערוועקט אמונה און סטימולירט צו מעשים.

איך וויל דאָ דערציילן פונעם יחוס און וואָרצלען פון דער דאָזיקער חשובער משפחה. די לערנערס ציִען זייער אָפּשטאַם פונעם בעסאַראַבער שטעטעלע נאָווסילעץ, אַ יידישע קהילה פון נישט מער ווי אַ צען טויזנט נפשות, וואָס האָט אָבער זוכה געווען צו אַרויסגעבן אַ היסטאָריקער פון צווישן אירע אייגענע זין, דעם ד״ר נפתלי ראַבינאָוויטש, וועמענס בוך „איך און מיין שטעטעלע״ גיט אונדז אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם שטאַם פון די לערנערס.

אין נאָווסילעץ זענען קיין סך בני־תורה נישט געווען, כאָטש דער דרך־ארץ פאַר לערנען און דער דראַנג צו לערנען זענען געווען גרויס. צווישן די געציילטע מלומדים האָבן זיך געפונען עטלעכע יידן, וועלכע האָבן זיך דווקא נישט אָפּגעגעבן מיט מלמדות, און פון זיי איז דער חשוב־סטער געווען דער גרויסער מעל־סוחר ישעיהו לערנער אָדער ר׳ שייקעלע, ווי דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים מיט גרויס רעספּעקט גערופן.

ר׳ שייקעלע לערנער איז געווען אַ ייד אַ מלא־וגדוש, פול און אָנ־געפּאַקט מיט תורה. פון מצווה וועגן, און נישט חלילה צוליב געלט אָדער כבוד, פלעגט ער זאָגן אַ שיעור פאַר די שטאָט־למדנים (און ער האָט עס געטאָן ביז אין טיפן עלטער, ווייט איבער די שמונים). ער פלעגט אויך צו מאָל קנעלן מיט אַ טאַלענטירטערן בחור. דער דערמאָנטער ד״ר ראַבי־נאָוויטש דערציילט, אַז ער גופא האָט צו פאַרדאַנקען ר׳ שייקעלען, וואָס ער האָט מיט אים אַ יאָר צייט געלערנט און האָט אים אַזוי אַרום אַרויפ־געפירט אויפן דרך פון עכטן יידישן וויסן.

אויב ר׳ שייקעלע האָט אַזוי געקענט ווירקן אויף פרעמדע, קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלן אַז זיינע אייגענע קינדער זענען אַוודאי און אַוודאי אויסגעוואַקסן אונטער זיין געזונטער יידישער השפעה. זיין פרוי ווידער, אַ באַשאָנקענע מיטן גייסט פון הכנסת אורחים, האָט אויך געטאָן פון איר זייט אַלץ צו געבן די קינדער אַ גוטן ביישפּיל פון יידישע מידות. ביי די לערנערס איז געווען אַן אָפענע טיר, בעיקר פאַר חסידים פונעם באַיאָנער רבין, און פאַר כלל־ישראל. ווי אַ מעל־צושטעלער פאַרן גרענעץ־מיליטער,



יוסף (כאַסע) לערנער בעתן באַקומען אַ רעגירונג־אויסצייכענונג

איז ר׳ שייקעלען אויסגעקומען נישט איין מאָל צו קומען אין נאָנטן קאָנטאַקט מיט הויכע אָפּיצירן, און כאָטש ער האָט זיך ביי יענע געלעגנ־הייטן געהאַלטן שטרענג אָרטאָדאָקסיש און מיט אַ דיסטאַנץ, האָט ער אויך דאָרטן פאַרדינט דרך־ארץ און טאַקע אויסגעפּועלט טובות פאַר אַנשי־שלומנו, פאַר יידן פון דער געגנט.

זעען מיר שוין, אַרום און אַרום, פון וואַנען עס נעמען זיך צו די לערנערס זייערע בולטע שטריכן פון טראַדיציאָנעל־יידישער קולטור, יראת־הכבוד פאַר יידישע הייליקטימער, מסירת־נפש אין איינשטעלן זיך לטובת יידן און אַנדערע פיינע מידות, וואָס מיר וועלן אָנטרעפן ביים שרייבן וועגן יעדערן פון זיי.

פיר זענען זיי געווען, די ברידער לערנער, און צוויי שוועסטער. איין שוועסטער, אסתר, און איין ברודער, שלום, זענען קיין מאָל נישט געווען אין די אַמעריקעס, און זענען אומגעקומען אין דער אַלטער היים ווי פרומע יידישע קרבנות פון באַלשעוויסטישן טעראָר.

פון די איבערגעוואַנדערטע, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ווענעסועלאַ, איז חיים־איציק, יונג אַוועק פון דער וועלט. ער איז באמת געווען אַ געלערנטער מענטש, האָט כמעט דערגרייכט סמיכות אויף רבנות און איז געווען באַהאַוונט אין מאָדערנער ליטעראַטור, איבערהויפּט אין דער העברעישער, נישט ווינציקער ווי אין תלמוד. ער איז געווען גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון דער „אוניאָן איסראַעליטאַ״, די ערשטע קהילה־אָרגאַניזאַציע אין קאַראַקאַס. זיין פּטירה האָט פאַרגעשטעלט אַ שווערן קלאַפּ פאַרן ישוב. זיין אַלמנה און די צוויי טעכטער וווינען איצט אין קאַראַקאַס, ווו זייער שוואָגער ר׳ יוסף לערנער האָט זיי געבראַכט, און האָבן דאָ אויפגעשטעלט שיינע יידישע משפחות, טעטיקע אינעם קהילה־לעבן.

זיי צו לענגערע יאָר, ווייל איך איצט זיך אָפּגעבן באַזונדער מיט דער פּערזענלעכקייט און אויפטוען פון יעדן איינעם פון די דריי פאָרשטייערס פון ערשטן דור פון דער לערנער־גזע, וועלכע לעבן היינט אין קאַראַקאַס. די ערשטע וועלן מיר דערמאָנען די דאָמע צווישן זיי:

פרוי רחל לערנער־פּייערמאַן

דאָס איז די אַלמנה פון מאיר פּייערמאַן, איינער פון די פּיאָנערן פון רעליגיעז־יידישן לעבן אויפן ווענעסועלער באָדן. מיט פערציק יאָר צוריק, ווען אָפּהיטן כשרות אין קאַראַקאַס איז אָנגעקומען קריעת־ים־סוף (נישט ווי היינט, ווען אַלץ איז דאָ אונטער דער האַנט), האָט מאיר פּייערמאַן, מיט דער הילף פון זיין לעבנס־באַגלייטערין, געפּועלט ביי זיך צו פירן אַ שטרענג־כשרע היים, און נאָך דערצו צו ווערן דער מכניס־אורח פאַר

אַלע ייִדן, וואָס האָבן געוואָלט זײַן אָפּגעהיט אויף דעם דאָזיקן געביט.

מאיר פּייערמאַן איז אויך געווען אין יענע צײַטן פון די געציילטע ייִדן אין שטאָט וועלכע האָבן זיך געקענט אין די קליינע פּינטעלעך. וועגן אים דערציילט דער קראָקאָסער הויפּט־רב, הרב שמואל ציוויאַק, אַן אינטערע־סאַנטן עפּיזאָד, אַז ווען ער איז אַנגאַזשירט געוואָרן דורכן ישוב פאַר זײַן הויכן אַמט און האָט עפּעטלעך צוגעשטעלט זײַנע רבנישע פּאַפּירן און דיפּלאָמען, איז מאיר פּייערמאַן געווען דער, וואָס האָט געקענט פאַר דער גאַנצער עדה איבערלייענען די דאָזיקע דאָקומענטן, און קיין אַנדערע בעלנים פאַר דער דאָזיקער פונקציע האָבן זיך נישט געפונען.

רחל פּייערמאַן האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס איר מאַן האָט באַוויזן אײַנצופירן אין קאָראָקאָס אַן עכט ייִדישע היים, אַן אמתן מוסטער פון ייִדישלעכן לעבנס־שטייגער אין סאַמע האַרץ פון אַ פרעמדער, פאַרגויִשטער וועלט. איר איבערגעגעבנקייט, איר אײַנגעבוירענע פּיעטעט פאַר רעליגיעזע פּרינציפּן, וואָס איז שוין כאַראַקטעריסטיש פאַר די לערנערס פון תמיד אָן, האָבן געשאַפן די פּאַסיקע סביבה כדי איר מאַן זאָל לעבן כסדר אַרײַנגעטאָן אין תורה־לערנען, ווי אויך אין קולטיווירן די אײַדעלע העברעישע דיכטונג און די שיינע ליטעראַרישע טראַדיציע פונעם ציון־ליד.

איצט, ווען די פּילפאַרביקע פיגור פון מאיר פּייערמאַן, וואָס האָט אַ געוויסע צײַט באַצירט דאָס װענעסועלער ייִדנטום, איז צום גרויסן ווייטיק שוין אַוועקגעריסן געוואָרן, איז אונדז געבליבן זײַן לעבנסלענג־לעכער עזר־כּנגדו, זײַן אַלמנה, וואָס סימבאָליזירט אינעם קאָראָקאָס פון אונדזערע טעג די יחוסדיקע צוגעבונדנקייט צום הערלעכן ייִדישן לעבנס־שטייגער.

עזרא לערנער

לאָמיר פאַרזעצן מײַן שריפטלעכן איבערבליק איבער דער פאַמיליע לערנער מיט דער פּערזענלעכקייט פון עזרא לערנער, אַ ייִד וואָס זײַן לעבנס־געשיכטע וואָלט געווען אַ גוטער שטאָף פאַר אַ ראָמאַן. אַגב, עפּעס וועגן אים איז שוין געשריבן געוואָרן, טאַקע אין נפתלי ראַבינאָוויטשעס שוין ציטירטן בוך וועגן שטעטל נאָווויסילעץ. דאָרט ווערט דערציילט וועגן די פּאַסירונגען אַרום 1917.

ס׳איז געווען אין יאָרן פון גרויסע מהומות און איבערקערענישן אין מזרח־אייראָפּע. פון איין זײַט זענען נאָך אָנגעגאַנגען די בלוטיקע שלאַכטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה; פון דער צווייטער זײַט, האָט זיך די גרויסע רוסישע אימפּעריע געקאָכט מיטן אויפבררויז פון דער רעוואָלוציע.

עזרא לערנער און זיין פרוי באַשע ע"ה

אינעם כאַאָס פון אַוואַנסירנדיקע און אָפּטרעטנדיקע אַרמייען, האָבן דערווייל גויים פּאָגראָמשטשיקעס אויסגענוצט די קאָניונקטור אָנצוטאָן צרות זייערע יידישע שכנים. אויך אין בעסאַראַביע האָבן זיך געטראָגן פּאָגראָם־שטימונגען. אָבער אין נאָוויסילעץ האָבן יידן נישט דערלאָזט. איינער אַ מוטיקער יונגער מאַן וועמען דאָס שטעטל האָט געקענט אונטערן נאָמען עזרא שייקעלעס, האָט זיך צוגעזוכט אַ פּאַסיקן שותף, זיינעם אַ חבר, און ביידע צוזאַמען האָבן אָרגאַניזירט די זעלבשוץ און זענען אַרויס אין קאַמף קעגן די איבערפאַלערס. איין און צוואַנציק יאָר איז ער דעמאָלט אַלט געווען בסך־הכל, עזרא שייקעלעס, ווען ער האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט די כוליגאַנעס און אַרויסגעוויזן די גבורה פון אַ גאַנצער קעמפערישער מחנה. פאַרטיידיקן יידישע לעבנס איז פאַר אים געווען אַ געטלעכע שליחות. און דאָס האָט געמאַכט אַ רושם: נאָך פיל פריִער איידער כ'האָב זיך מיט אים דירעקט באַקענט, האָבן מיר שוין זיינע לאַנדסלייט אין באָגאָטאַ געהאַט דערציילט וועגן די גבורות פונעם העלד עזרא שייקעלעס.

דעם דאָזיקן מוטיקן און אַנטשלאָסענעם מענטשן איז באַשערט געווען דורכצומאַכן אַ ריי גילגולים און וואַנדערונגען אין זיין ווייטערדיק לעבן. קורץ נאָכן ערשטן וועלטקריג האָט ער עמיגרירט קיין ווענעסועלאַ און איז דאָרט אָפּגעווען עטלעכע יאָר. ס'האָט זיך אים אָבער גענומען בענקען:

נאָך דער היימישער לאַנדשאַפט, נאָך אייגן בלוט און פלייש — און ער איז צוריקגעפאָרן קיין אייראָפּע.

דאָרטן האָט ער זיך ווידער אַרויסגעוויזן ווי אַ מענטש מיט אומגעווײנטלעכע און געוואַגטע פּראָיעקטן. ער איז גאָר געוואָרן אַ... גוטבאַזיצער, האָט אָפּגעקויפט אַ הונדערט העקטאַר באָדן און גענומען אויפטאָן ווונדער אויפן געביט פון אַגריקולטור. אַ דאַנק זיין גוטער אַדמיניסטראַציע, האָבן זיינע ערדן פּראָדוצירט עטלעכע מאָל אַזוי פיל וויפל אַנדערע שטחים. און פּונקט ווי בעת זיין העלדישן אויפטו פון די יוגנט־יאָרן, האָט אויך איצט עזרא שייקעלעס קודם־כל אין זינען געהאַט נישט זיך אַליין, נאָר זיינע בני־עיר, זיינע ברידער־יידן. אין די יאָרן פון זיין לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָספּעריטעט, פלעגט ער יעדן ווינטער אַריינברענגען אין שטעטל וועגענער קוקורוזע־מעל און צעשענקען צווישן נויטבאַדערפטיקע, און יעדן ערב־פסח — וועגענער מיט קאַרטאָפל.

עזרא לערנערס באַזעצן זיך צום צווייטן מאָל אין קאַראַקאַס איז שוין אָנגעקומען דורך גרויסע יסורים און פיינלעכע איבערלעבונגען. אין אייראָפּע האָט אים פאַרכאַפּט דאָס גיהנום פון לעצטן חורבן, און נאָר על־פּי־נס



דער גן־ילדים אין קאַראַקאַס וואָס יוסף לערנער האָט געשענקט

האָט דער דאָזיקער טייערער ייד געראַטעוועט זיין לעבן און איז צוריק אָנגעקומען אין ווענעסועלאַ אין 1947.

פאַר זיין טעטיקייט אינעם יידישן לעבן פון קאַראַקאַס איז אפשר צום שטאַרקסטן כאַראַקטעריסטיש אַ זאָג, וואָס מיר האָבן אַנומלט אויפגעכאַפּט ביי אַ פּראָמינענטן עסקן פון דער זעלבער שטאָט: „עזרא לערנער האָט זיך אפשר נישט אַזוי פאַרטיפט אינעם לימוד פון דער תורה ווי דאָס האָט געטאָן — אים צו לענגערע יאָרן — זיין פאַרשטאָרבענער ברודער חיים־איציק. עזרא איז אָבער עוסק אין עפּעס וואָס שטייט פונקט אויף אַזאַ הויכער מדרגה: ער איז מקיים דאָס וואָס די תורה לערנט אונדז צו טאָן".

יאָ, דאָס גאַנצע לעבן עזרא לערנערס איז אַ מין יאָגן זיך נאָך מיצוות, צו מקיים זיין די גרונט־געבאָטן פון יידישן וועלט־באַנעם. אַזוי איז דאָס געווען בעת ער האָט אין דער יוגנט איינגעשטעלט דאָס לעבן אויסצומיידן מען זאָל חלילה פאַרגיסן יידיש בלוט; אַזוי איז דאָס געווען שפּעטער, ווען ער האָט אויף זיך גענומען די זאָרג פאַר דער פּרנסה פון אָרעמע פאָלקסברידער; און אַזוי איז דאָס אין ווענעסועלאַ, אין רייפן עלטער, ווען ער וואַרפט זיך אַריין בלב־ונפש אין דער אויפבוי־אַרבעט פונעם נייעם ישוב, אין די יאָרן ווען ער האָט זיך אָנגעהויבן צעצווייגן און פונאַנדער־בליִען.

עזרא לערנער האָט דאָ ברייטהאַרציק בייגעשטייערט זיין חלק. ער האָט כסדר מנדב געווען ביז גאָר בכבודיקע סומעס, שוין אין די ערשטע יאָרן, ווען די קהילה אוניאָן האָט געבויט דאָס ערשטע מקום־קודש אין קאַראַקאַס. איצטער האָט ער גענומען דורכטויס אויף זיין חשבון, צו באַערן דעם אָנדענק פון זיין פרוי, באַשע ע"ה, זיין לעבנסבאַגלייטערין אין משך פון 47 יאָר. ער האָט אויפגעבויט אַן אוהל אויפן הייליקן אָרט און אַ ריזן סאַלאָן פאַר רעליגיעזע און געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן ביים ראַבינאַט, וואָס וועט אַריינגעמען הונדערטער באַטייליקטע אויף יידישע פאַרזאַמלונ־גען, מסיבות און שימחות. ווי אַלע מאָל, זאָרגט זיך עזרא לערנער אַז אַפילו זיינע אינטימסטע געפילן זאָלן פאַרוואַנדלט ווערן אין ממשותדיקע אויפטועז לטובת הכלל.

יוסף (כאַסע) לערנער

אחרון אחרון, קומען מיר אָן צו דער פיגור פון ר' יוסף לערנער, וואָס אויף זיין חלק איז אויסגעפאַלן צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון קאַראַקאַסער ישוב, סיי מיט יאָרן צוריק, סיי היינט צו טאָג.

דאָס איז אַ ייד, וואָס אין זיין רעדן און אין זיינע מעשים, איז גרינג צו דערקענען דעם גייסט אין וועלכן מען האָט אים דערצויגן. פונקט ווי

אין זיין שפּראַך פּלעכטן זיך אָפּט אַריין פּסוקים, אַזוי איז זיין התנהגות, זיין אויפפירונג, דורכגעפלאָכטן מיט אויפטוען וואָס ווערן אינספּירירט דורך זיין טיפער פיעטעט פאַר יידישע הייליקייטן און טראַדיציעס.

דערצו איז ער אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן מיט אַ גרויס־מנהיגישער וויזיע. ער פאַרמאָגט די חכמה וואָס אונדזערע אַמאָליקע חכמים האָבן אַזוי שטאַרק אויסגעלויבט: די חכמה פון פאָרויסזען אַנטוויקלונגען בשעת זיי ווערן קוים געבוירן. דעריבער איז ער בכּוח, ווי אַן אָנפירער פונעם ציבור, נישט צו בלייבן שטיין אויף איין אָרט, נאָר כסדר אויסצואַרבעטן נייע פּלענער, אַנטקעגנצוקומען די נייע באַדערפענישן פון אַ וואַקסנדיקן, קוועקזילבערדיק־דינאַמישן יידישן קיבוץ.

ר׳ יוסף לערנער איז דאָס געווען דער, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר יידיש געזעלשאַפטלעך האָב־און־גוטס און אויך פאַרן יידישן פּרעסטיזש, ווען איבער זיי איז געהאָנגען אַ ביז גאָר שווערע סכנה.

ס׳איז נישט דאָ דאָס אָרט פעסטצושטעלן פאַרוואָס און ווי אַרום, נאָר אַ פאַקט איז אַז דאָס מקום־קודש, די סינאַגאָגע פון ראַבינאַט, האָט געהאַט

די דערעפענונג פון קינדער־גאָרטן לעאָנאַרדאָ מאַרראַ אין קאַראַקאַס. יוסף לערנער, סורצע לערנער און אַנדערע הויכע פּערזענלעכקייטן.

אָנגעקליבן אַ ריזיקן חוב, און ס׳איז גאָר פאָרגעשטאַנען ליציטירט צו ווערן און אַריבערצוגיין אין נישט-יידישן רשות.

ווען דאָס ווערט פאַרווירקלעכט, וואָלט עס געווען אי אַ חילול-השם, אי אַ פלאַמיקער פאַטש אין פנים פונעם אָרגאַניזירטן יידישן ציבור, וואָס וואָלט פאַר דער אַלגעמיינער עפנטלעכקייט געבליבן שטיין אין אַ פאַר־שעמטער פּאָזיציע. ר׳ יוסף לערנער האָט דאַן אויף זיך גענומען דעם אומגעהייער גרויסן חוב, אויסגעלייזט דעם בנין, אים אָפּגעשריבן אויפן נאָמען פון ראַבינאַט, און אונטערגענומען ענערגישע שריט, נישט נאָר אים

ר׳ מאיר פייערמאַן ע״ה און זיין פרוי רחל

אויפצוהאַלטן, נאָר אויך צו פאַרגרעסערן דעם קנין און מילא דאָס פאַר־מעגן, וואָס בלייבט שוין אויף ווייטער אין רשות פון דער וועגעסועלער יידישער געזעלשאַפט, אונטערן נאָמען „קהילה-ראַבינאַט״.

אין דעם זינען האָט ער מאָביליזירט אַלע מעגלעכע פּאָזיטיווע כוחות, פון זיין אייגענער משפחה און פון זיין ברייטן געזעלשאַפטלעכן קרייז, און

ווײַזנדיק אַליין דעם ביישפּיל ווי אַ געבער פון פאַנדן און פון ענערגיע, האָט ער מאָדערניזירט דעם בנין, צוגעקויפט באָדן און אונטערגענומען דעם אויפבוי פון נייע קאָנסטרוקציעס, וועלכע וועלן דינען ווי גרונט־



עזרא לערנער לייגט דעם גרונטשטיין פאַר אַ סאַלאָן אויף שמחות ביים ראַבינאַט

אינסטיטוציעס פאַר אַ ישוב, וואָס האַלט אין איין וואַקסן, דורך נאַטירלעכער פאַרמערונג און דורך אַ צאָלרייכער אימיגראַציע.

כ׳ווייס גאַנץ גוט, אַז טייל וועגעסועלער יידן — פאַר וועלכע איך האָב אויך דעם גרעסטן דרך־ארץ — פאַרדריסט וואָס יוסף לערנער האָט געגעבן אַזאַ כאַראַקטער און אַזאַ אימפּולס דער ראַבינאַט־אינסטיטוציע, ווייל זיי האַלטן אויפריכטיק, אַז דורך דעם שאַפן טאָפּעלע אינסטאַנצן שטעלט מען אין סכנה די אייניקייט פונעם ישוב. אָבער איך בין איבערצייגט, אַז אין אַ צייט אַרום וועלן זיי אַליין זיי איינזען, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין שום ענגע אָדער צעשטערערישע כוונות, און זיי וועלן אָפּלאָדירן לערנערס אַנטשלאָסנקייט צו טאָן אַזוי פיל און אַזעלכע וויכטיקע זאַכן פאַר זיין ישוב.

דאָס וועט זיכער זיין אַזוי, ווייל ר׳ יוסף איז אַן עסקן נישט פון היינט, און זיין ריינע כוונה דרינגט אַרויס פון אַ יאָרנלאַנגער, אפשר שוין פופציק יאָריקער אַקטואַציע. נאָר אַ מענטש וואָס וויל דינען צרכי ציבור באמונה קען זיך באַווייזן מיט אַזאַ איינדרוקפול צעטל בייטראָגן פאַר די אינעוויי־

ניקסטע און דרויסנדיקע נויטן פון זיין ישוב. זיין זאָרג נעמט אַלץ אַרום: יחיד און כלל, דאָס אַראָפּברענגען לאַנדסלייט אין די „גרינע" יאָרן, די איינגלידערונג פון צוגעקומענע יידן פון דער נייער אימיגראַציע, שול־אויפבוי, כלי־קודש פאַרן רעליגיעזן לעבן, יום־טוב און וואָך. אויך דעם יידישן אימאַזש אַנטקעגן דעם נישט־יידישן דעת־הקהל האָט ער אין זינען, ווי ער האָט דאָס באַוויזן מיטן אויסלייזן די ראַבינאַט־געביידע.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט ר׳ יוסף לערנער באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין צייט אויסצודריקן דעם דאַנק פון דער יידישער קאָלעקטיוויטעט פאַר דער ברייטער גאַסטפריינדלעכקייט מיט וועלכער ווענעסועלאַ האָט אויפגענומען אירע אימיגראַנטן, ווי בכלל צו פאַרפעסטיקן די פריינדשאַפטלעכע באַציִונגען צווישן דעם פרייען דרום־אַמעריקאַנער לאַנד, דאָס יידישע פאָלק און די יידישע מדינה.

ווי באַלד ער איז געקומען צו אַזאַ אויספיר, האָט זיך לערנער נישט געפוילט און האָט אויף זיין אייגענעם השבון געלאָזט אויפשטעלן אַ קאָלאָסאַלן מאָדערן־אַרכיטעקטאָנישן דענקמאָל לכבוד דעם באַפרייער פון לאַנד סימאָן באָליוואַר, אינעם באָליוואַר־גאָרטן (אויך לערנערס אַ שאַפונג) אין קרית־היובל, ירושלים.

צו דער אַנטהילונג פונעם מאָנומענט זענען ספּעציעל געפאָרן הויכראַנגיקע ווענעסועלער רעגירונגס־פּערזענלעכקייטן, און אויך מצד ישראל האָבן זיך באַטייליקט וויכטיקע מלוכה־פירער. דאָס איז געווען אַן אַקט, וואָס האָט ווי אָפּגעמאָסטן די וואָקסנדיקע חשיבות פון אַן אויפשטייגנדיקן יידישן ישוב, דורך דער געבענטשטער איניציאַטיוו פון איינעם פון זיינע איבערגעגעבנסטע מנהיגים.

☆

אויך דאָס פּריוואַטע לעבן פון ר׳ יוסף לערנער פאַרדינט כאָטש אַ פּאָר שורות. ביז גאָר וויכטיק איז צו וויסן אַז נישט די פאַרטומלענדיקע הויכע ביזנעס־וועלט, נישט די איבערגעגעבנקייט צו געזעלשאַפטלעכע פליכטן, האָבן געקענט פאַרטרייבן פון זיין היים די רויִקע אַטמאָספער פון אַ טראַדיציאָנעלער יידישער שטוב. אין דעם האָט געוויס אַ גאָר גרויסן חלק זיין אשת־חיל, שרה לערנער, אַ מערקווירדיקע פּערזענלעכקייט אין אייגענעם זכות. פרוי לערנער איז אַ מענטש מיט העכערער בילדונג, אַ נישט־אָפּטע דערשיינונג צווישן די פרויען פון אונדזער אימיגראַנטישן דור. נאָך אין טשערנאָוויץ האָט זי געענדיקט אַלס פּראָפעסאָרין פאַר געשיכטע און געאָגראַפיע. זי שטייט אויך נישט מן־הצד, איז נישט קיין זייטיקע ביי

ציבורדיקער אַרבעט, סיי לטובת יידישע, סיי אַפילו לטובת נישט־יידישע אינסטיטוציעס.

אָבער איר וויכטיקסטער אויפטו, אויך ווי אַ דערציִערין, געפינט זיך אין דער פערזאָן פון זייערע דריי זין, היינט שוין אָנערקענטע פּראָפעסיאָנאַלן, וועלכע האָבן אין דער היים געהאַט ביי וועמען צו שעפּן ליבשאַפט צו בילדונג און צו קולטור.

דער בכור פון די לערנערס איז אינזש׳ חיים לערנער, אַ גרויסער מייסטער אין זיין פּראָפעסיע. אין די לעצטע צען יאָר האָט ער אויסגעבויט

ר׳ יוסף לערנער, סורצע לערנער אויף אַ בר מיצווה־פייערונג אין ירושלים פון דער משפחה שמעון בעיקערס זון

אַ ריי גרויסע בנינים אין קאַראַקאַס. איצט איז ער דער ממונה איבער דער בויונג פון קולטור־צענטער ביים ראַבינאַט; ער טוט עס פרייוויליק, נישט פאַר געצאָלט, און פאַרשפּאָרט דערביי דעם ישוב גרויסע סומעס פון פאַרשיידענע הוצאות.

די צוויי יינגערע זין, גרשון־קאַרכע און ישעיהו, זענען מעדיצינערס: דער ערשטער אין קאַראַקאַס, דער צווייטער אין מיאַמי, און נישט געקוקט אויף זייער יונגשאַפט, האָבן זיי זיך שוין דערוואָרבן אַ גוטן נאָמען אין זייער ספּעציאַליטעט.

✡

די גזע פון די לערנערס, מיט איר שטאַם, צווייגן און צווייגעלעך, ווייזט אונדז אַ מוסטער פון אַ יידישער משפּחה, וואָס איז דורות־לאַנג איינ־געוואָרצלט אין יידישן לעבן און גיט זיך אָפּ מיט יידישע אינטערעסן אָנהאַלטנדיק אַן אייגענע ליניע, אַ ליניע פון ברייטגיביקייט, געזונטער געוואָגטקייט, יראת־הכבוד פאַר אַלע ווערטן פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, געטריישאַפט צום פאָלק, צום מיטמענטש און צו די אייגענע פּרינציפּן.

מיר האָפן נאָך אַ סך צו הערן פון זייערע אויפטוען פאַרן וווּל פון יידישן וועגעסועלאָ, פון כלל ישראל און מדינת ישראל.

פרוי סורצע (שרהלע) לערנער

ביים צייכענען דעם פּאָרטרעט פונעם קאַראַקאַסער אָנגעזעענעם עסקן יאָסל לערנער, האָב איך שוין עפּעס דערמאָנט וועגן דעם יחוס און פּער־זענלעכקייט פון זיין לעבנס־באַגלייטערין, מרת שרה לערנער. אַנדערש האָב איך נישט געקענט טאָן, ווייל לויט אונדזער יידישער אויפפאַסונג איז די געשטאַלט פון אַ מאַן נישט פול, נישט שלימותדיק, אויב זי ווערט נישט פאַרפולקומט דורך דער געשטאַלט פון זיין באַשערטן זיווג, זיין עזר־כּנגדו. נאָר ווען מען זעט ביידע מיטגלידער פון מענטשלעכן פּאָר, נאָר דעמאָלט, איז דער מאַן ראוי צו הייסן אָדם — אַ מענטש. דערפאַר האָבן מיר דאַן אָנגעוואָרפן אַ פּאָר שטריכן וועגן שרהלע לערנער.

איז אָבער דער אמת, אַז אַ חוץ אַלעמען האָט די דאָזיקע פרוי אויסער־געוויינטלעכע אייגענע פאַרדינסטן, וועלכע קערן זיך זייער אָן, אָבער זענען נישט קיין רעזולטאַט, פון איר געבענטשטן זיווג מיט ר׳ יאָסל לערנערן. על־כּן, ווילן מיר דאָ געבן וועגן איר אַ ביסל מער באַריכות.

אַ געבוירענע אין האָראָדענקאָ (גאַליציע) אין אַ פרומער היים, האָט זי זיך דערצויגן אין טשערנאָוויץ, ווו זי האָט אַפילו דערגרייכט אוניווער־סיטעט־בילדונג, און זיך ספּעציאַליזירט אויף די געביטן פון געאָגראַפיע און וועלט־געשיכטע.

קיין נאָוואָסילעץ, דאָס שטעטל ווו די לערנערס האָבן זיך אויפגעכאָוועט, איז זי אָנגעקומען ווי אַ לערערין אויף ביידע דערמאָנטע לימודים, אין דער גימנאַזיע וואָס איר דירעקטאָר איז געווען דער שפּעטערדיקער היס־טאָריקער, דער שרייבער ד״ר נפתלי ראַבינאָוויטש, וואָס האָט זיינע לעצטע יאָרן, ביז זיין פּטירה נישט לאַנג צוריק, אָפּגעלעבט אין מדינת ישראל.

און דאָרט אין נאָוואָסילעץ איז פאָרגעקומען די פּאַסירונג, וואָס האָט אונדזער העלדין אָפּגעקערט (כאָטש נישט אין גאַנצן) פון איר אַקאַדעמישן באַרוף: דאָס איז געווען איר באַקאַנטשאַפט און חתונה מיט יוסף לערנערן.

דאָס איז געוואָרן אַ פּאָרל אין וועלכן ס'האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן פאַרשיידענע, אָבער נישט סתּירותדיקע אויסנאַם־אייגנשאַפטן. פון זיין זייט — ענערגיע, אַ טעמפּעראַמענט וואָס געפינט זיך אין כּסדרדיקן שעפערישן, טועריש, בויערישן שטורעם. פון איר זייט — געלאַסנקייט,

לערערין סורצע מיט אירע תּלמידות אין טשערנאָוויץ.
(אין דריטער שורה, דריטע פון לינקס, אין הוט)

בנעימותדיקייט, געמאָסטענע רייד אויף אַלע פינף שפּראַכן, וואָס זי באַהערשט און באַנוצט. דער בשותּפותדיקער שטריך — גוטהאַרציקייט, ברייטקייט פון באַנעם און די איבערצייגונג, אַז עשירות און הצלחה האָבן אַ זינען און אַ ווערט נאָר דעמאָלט, ווען זיי ווערן אויסגענוצט און אָנגעווענדט לטובת הכּלל, פאַרן וווּיל פון כּלל־ישׂראל און לאַנד ישׂראל.

נאָך איצטער, אין די צייטן ווען איך בין אַריינגעקומען אין זייער

שטוב — און דאָס איז געווען נישט לאַנג צוריק — קען מען באַמערקן און באַוווּנדערן די האַרמאָנישע צוזאַמענשפּיל פון די דאָזיקעביידע אַנ־דערשדיקע און דאָך העכסט צוגעפּאַסטע כאַראַקטערן, וועלכע דערגאַנצן איינער דעם אַנדערן.

פרוי לערנער איז כּסדר טעטיק. אויף איר שטילן און איינגעהאַלטענעם שטייגער, ווייזט זי אַ ביישפּיל דעם יידישן קאַראַקאַס מיט דעם, וואָס זי איז נישט נאָר די ערשטע צו מאָנען ביי יענעם, נאָר טאַקע די ערשטע אַליין צו געבן. זי טוט פאַר „אילן״, די ישראלדיקע אינסטיטוציע וואָס פאַרנעמט זיך מיט דער גרויסער מצווה צו באַשיצן, העלפן און איבער־דערציִען גייסטיק־צוריקגעשטאַנענע קינדער. זי טוט די אַרבעט מיט אַ געפיל פון קדושה, פון אמתער מוטערלעכקייט. זי באַטייליקט זיך אויך אין די טעטיקייטן פון וויצאָ, און אין אַלע איניציאַטיוון, וואָס האָבן צו טאָן מיט פאַרבעסערן און פאַרשענערן דאָס יידישע לעבן.

מיר איז צום באַדויערן אויסגעקומען צו זיין איר גאַסט אין אַ פּיינלעכן מאָמענט, ווען אָט די באַליבטע עסקנטע איז געווען ערשט צוריקגעקומען אַהיים נאָך אַ לענגערן פעריאָד אָפּליגן אין שפּיטאָל, און איז נאָך געווען פיזיש זייער צעבראָכן און אָפּגעשוואַכט. דאָך, איז איר אינטערעס פאַר אַלע ווילטעטיקע און ציבורדיקע ענינים אַפילו דעמאָלט נישט אָפּגע־שוואַכט געוואָרן און איך האָב כּסדר געפילט אַז זי איז אַ זייל אין דער דאָזיקער היים, ווו עס קלאַפּט דער געזונטער געזעלשאַפטלעכער פּולס פון יידישן קאַראַקאַס.

וועגן די דריי גרעסטע זין פונעם לערנער פאַרפאַלק שרייב איך אויף דעם זעלביקן פּלאַץ, וואָס וועגן זייער פאָטער. דאָ וויל איך נאָך פאַרצייכענען אַ ווייטע משפחה־רעמיניסצענס אין שייכות מיט פרוי שרהלע לערנער, וואָס לויט איר מאַמעס נאָמען הייסט זי פּרעשל.

ווען איך פּלעג אין די פופציקער יאָרן קומען קיין קאַראַקאַס מיט מיין טעקסטיל־סחורה, האָב איך אין מיין נאָטיצביכל געהאַט פאַרצייכנט, צווישן אַנדערע, די נעמען פון צוויי חשובע קאַראַקאַסער סוחרים, די ברידער פּרעשל. משמעות, פרוי לערנערס קרובים. איך דערמאָן זיי מיט דאַנקשאַפט, ווייל בדרך־כּלל האָב איך, מיט מיין פרימיטיווער סוחרישקייט, זיך געפילט פאַרלוירן צווישן די פּיפיקע וועגעסועלער יידישע געשעפטס־לייט. נישט אַזוי מיט די פּרעשלס, מיט וועלכע כ׳האָב געהאַט בשותּפות אונדזער אַלעמענס אינטערעס פאַר ציבורדיקע פּראָבלעמען.

פונקט ווי דעמאָלט ביי די פּרעשלס, האָב איך איצטער ביי די לערנערס נאָך שטאַרקער איבערגעלעבט די עמאָציע פון אַ יידן, אַן אַלטן עסקן, בעת ער קומט אַריין אין אַ הויז וואָס אין פלוג דאַכט זיך, ס׳איז אַ פרעמד

הויז, אָבער מען ווערט דאָרטן גלייך היימיש מיט אַלעמען אַ דאַנק דער געמיינזאַמער אַחריות און אינטערעס פאַר יידישע זאַכן. די צוויי ברידער פּרעשלס, מוני און אפרים, זענען געווען שוועסטער־קינדער פון סורצע לערנער.

כ׳מיין, אַז דאָס איז אַ געפיל וואָס נאָר מיר, יידן, זענען מסוגל צו דערשפירן: אַז איבער דער דיסטאַנץ און די אומשטאַנדן וואָס פרעמדן־אָפּ, געפינט זיך די געטריישאַפט צו אונדזער נאַציאָנאַלער עקסיסטענץ, וואָס אָטעמט אין עכטע יידישע היימען און פאַראייניקט מיט אַ מעכטיקן בונד אַ ייד מיט אַ יידן.

אָט דאָס האָב איך דערפילט קומענדיק אין דער היים פון ר׳ יאָסל און שרהלע לערנער, און אַ דאַנק זיי — ווי אַ דאַנק אַנדערע חשובע תושבים — האָב איך עס געהאַט דעם צוטריט און דעם צוטרוי צו ווערן דער כראָניקער פונעם יידישן קאַראַקאַס, צו וועלכן זיי האָבן מיר ברייט־האַרציק געעפנט די טירן.

☆

לסוף עטלעכע שטריכן פון הערש בילער ע״ה — דעם פאָטער פון פרוי סורצע לערנער. מצוות און מעשים טובים זענען אים נישט געווען פרעמד. זיין יידיש האַרץ איז תמיד געווען אָפן און עמפינדלעך צו די נויטן פון שטעטל, און דערפאַר האָבן אַלע פאַר ר׳ הערשן געהאַט דעם גרעסטן דרך־ארץ.

סורצעס מוטער האָט זיך באַטייליקט בלב ונפש אין איר מאַנס הייליקער און נאָבעלער שליחות און אים באַגלייט אויף שריט און טריט.

סימאָן באָליוואַר אין ירושלים

אין מיין אַרבעט וועגן דעם אָנגעזעענעם קאַראַקאַסער קהילה־מנהיג ר׳ יוסף לערנער, אין אָט דעם פּאָרליגנדיקן בוך, דערצייל איך פּרטימדיק ווי ס׳איז אויפגעקומען און אויסגעפירט געוואָרן זיין דערהויבענע איניציאַטיוו, אויפצושטעלן אויף זיין חשבון אַ דענקמאָל אין ירושלים לזכר דעם באַפרייער פון ווענעסועלאַ און פון האַלב לאַטיין־אַמעריקע, סימאָן באָליוואַר. דער דענקמאָל האָט די פאָרעם פון אַ פּאַרק אין דער הייליקער שטאָט, דער „גן סימון בוליבר", און אינעם פּאַרק, אַ מאָדערנער קינסטלערישער מאָנומענט, וואָס זיינע אַבסטראַקטע ליניעס סימבאָליזירן דעם גייסט פון פרייהייט און יושר, וואָס איז געווען די פאָן פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, פּונקט ווי די אידעע איז די שטרעבונג פון יידישן פאָלק און די הויפּט־סיבה פון דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל.

איך ברענג אויך אין דעם בוך די רעדעס פון די חשובע ווענעסועלער פּערזענלעכקייטן, יידן און נישט־יידן, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אויף דער פייערלעכער דערעפענונג פונעם פּאַרק און מאָנומענט־אָפּדעקונג. אַזוי אַרום, קען זיך דער לייענער באַקענען מיט דער רעדע פונעם איניציאַטאָר גופא, ר׳ יוסף לערנער, מיט די טיפע און אויפריכטיק־עמאָציאָנירטע רייד פונעם גרויסן ווענעסועלער אינטעלעקטואַל און היסטאָריקער, פּראָפ. לויִס ווילּיאַלבאַ־ווילּיאַלבאַ און אַנדערע.

דער אָפּקלאַנג פון יענעם יום־טוב האָט זיך אָבער נישט באַגרענעצט נאָר אויף די דירעקט־באַטייליקטע פּערזענלעכקייטן. דאָס איז טאַקע דער אונטערשייד צווישן סתם אָפיציעלע אַקטן און צערעמאָניעס אָן אַ לעבעדיקן אינהאַלט, און פייערלעכקייטן וועלכע שפּיגלען אָפּ די אמתע געפילן פון גרויסע מאַסן מענטשן. די ערשטע מאַכן אויף קיינעם נישט קיין רושם, סיידן אויף די אָנוועזנדיקע; די צווייטע הילכן אָפּ ווייט און ברייט, און צינדן אָן די געפילן פון אַלע מענטשן, ווי ווייט זיי זאָלן זיך נישט געפינען.

רעדע פון ווענעסועלער שרייבער מאַרקאָ פיגעראָאַ

די פייערונגען אַרום דעם סימאָן באָליוואַר־דענקמאָל אין ירושלים געהערן בלי־שום־ספק צו דער צווייטער קאַטעגאָריע; דאָס הייסט, צו די אָפיציעלע אַקטן הינטער וועלכע עס שטייט אַ לעבעדיקער אידעאַל, וואָס

ווערט געטיילט דורך אַ גרויסער צאָל מענטשן. אין דעם פאַל, איז דאָס דער אידעאַל פון פעלקער־פאַרברידערונג אַרום די באַגריפן פון פרייהייט, יושר און מענטשלעכער ווערדע. דערפאַר איז דאָס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געשעעניש פון גרויסן באַטייט, און דער אָפּרוף אויף דעם איז אָנגעקומען פון ווייט און פון נאָנט, און אַלע מאָל מיט עכטער עמאָציע און התלהבות. לאָמיר דאָ ברענגען דעם פולן טעקסט פון איינעם פון די דאָזיקע אָפּרופן. כ'האָב אָפּגעקליבן דווקא אָזאַ, וואָס איז פון אַ זאַכלעכן און אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער, כדי גליכצייטיק אויך צו געבן אַ באַגריף, ווי אַזוי דאָס נישט יידישע ווענעסועלאַ זעט און פאַרשטייט די יידישע מדינה, איר לעבן און איר גייסט. די אַרבעט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער קאַראַקאַסער פרעסע אין אויגוסט 1975, און זי געהערט צו דער פעדער פונעם שרייבער און זשורנאַליסט מאַקראָ פיגעראָאַ ס.:

„צו די פיל מאָנומענטן וואָס דאָס רוב פעלקער פון דער וועלט האָבן אויפגעשטעלט לזכר דעם באַפרייער, קומט איצט צו דער דענקמאָל, וואָס שטייט צווישן די תנכישע בערג פון ירושלים, די יאָרטויזנטער אַלטע שטאָט, וואָס אירע אָנהייבן פאַרלירן זיך אינעם בראשית פון די תקופות, און וואָס איז אונדז, קריסטן, באַזונדערס טייער, ווייל אין איר האָט יעזוס געפונען די סביבה ווו ער האָט אַנטפּלעקט און געפּריידיקט זיין פאַרהיי־ליקטע לערע.

אָט דער ערשט־צוגעקומענער מאָנומענט האָט זיך זיין געשיכטע, וואָס מיר ווילן מיט פאַרגעניגן איבערדערציילן.

אין 1926 איז אָנגעקומען אין אונדזער לאַנד אַ יונגער רוסישער אימיגראַנט, דאָן כאָסע לערנער, וועלכער האָט באַשלאָסן זיך צו באַזעצן אין ווענעסועלאַ. ער האָט אויסגעקליבן קאַראַקאַס צו גרינדן דאָרט אַ קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונג, וואָס איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ בליענדיקן עקאָנאָמישן צענטער ווו עס געפינען זייער באַ־שעפטיקונג צענדליגער ווענעסועלער בירגער. לערנער האָט דאָ אויפגע־שטעלט אַ בכבודיקע היים, וואָס איר פרוכט זענען דריי אָנגעזעענע ווענעסועלער פּראָפעסיאָנאַלן אויף פאַרשיידענע וויסנשאַפטלעכע און טעכ־נישע געביטן.

אין חודש אָקטאָבער 1960 האָט לערנער זיך געווענדט צום דעמאָל־טיקן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, דאָן ראָמולאָ בעטאַנקורט, און אים איבערגעגעבן זיין כוונה אויפצושטעלן אויף זיין אייגענעם חשבון אַ מאָ־נומענט אין ירושלים, וואָס זאָל באַערן און פאַראייביקן דעם זכר פון דעם באַפרייער באָליוואַר. ער האָט אויך איבערגעגעבן דעם מלוכה־שעף, אַז די מוניציפּאַליטעט פון דער אוראַלטער שטאָט האָט גינציק אָנגענומען

דעם דאָזיקן פּראָיעקט. דער פּרעזידענט האָט אינפֿאָרמירט זיין קאָבינעט וועגן לערנערס איניציאַטיוו, און אויף דער מיניסטאָרן־זיצונג פֿון 20סטן אָקטאָבער 1961 איז באַשלאָסן געוואָרן אים אויסצודריקן אָנערקענונג פֿאַר זיין לויבוועדיקער כוונה.

יאָרן זענען פֿאַרלאָפֿן, און אין מיטעלן מזרח האָבן זיך דערווייל אָפּ־געשפּילט ערנסטע און אויך היסטאָרישע געשעענישן, וועלכע האָבן גע־שטערט אַז יענער געדאַנק זאָל גיך קענען פֿאַרווירקלעכט ווערן. אָבער סוף־כל־סוף, דעם 6סטן יולי 1975, איז דערעפֿנט געוואָרן דער הערלעכער פּאַרק אין וועלכן ס׳שטייט דער מאָנומענט. דער פֿייערלעכער דערעפֿן־אַקט איז געשטאַנען אונטערן פֿאָרזיץ פֿון ירושלימער בירגערמייסטער טעדי קאָלעק, און ס׳האָבן זיך באַטייליקט פֿאָרשטייערס פֿון דער ישראלדיקער רעגירונג, אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָרן, די ווענעסועלער קאָ־מיסיע אין באַשטאַנד פֿון ד״ר ראַמאָן כ. וועלאַסקעס — פּאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר אויסלאַנד־פּאָליטיק פֿון סענאַט און פֿאָרשטייער פֿון פּאַרלאַמענט אויף יענעם אַקט, — ד״ר לויִס ווילּיאַלבאַ־ווילּיאַלבאַ — פּרעזידענט פֿון דער ווענעסועלער באָליוואַריאַנער געזעלשאַפֿט, און דער אַמבאַסאַדאָר פֿון ווענעסועלאַ אין ישראל נאַפּאָלעאָן כימענעס, און נאָך הונדערטער מענטשן. אויפֿן אַקט האָבן גערעדט: דער ראש־העיר קאָלעק, ד״ר ווילּיאַלבאַ און דער ה׳ לערנער.

דער מאָנומענט איז אַ שאַפֿונג פֿונעם סקולפּטאָר מיכאל גראָס, אַ וועלט־באַרימטער קינסטלער, וועלכער איז אויסגעצייכנט געוואָרן אויף וויכטיקע קאָנקורסן אין ניו־יאָרק, פּאַריז און סאַן־פּאַולאָ. דער באָליוואַר־פּאַרק איז אויסגעבויט אויף אַ פּרעכטיק שיין בערגל, פֿון וועלכן מען זעט די גאַנצע פּאַנאָראַמע פֿון ירושלים, ביז דעם יד־ושם, דעם מאָנומענט וואָס פֿאַראייביקט דעם זכר פֿון די מיליאָנען קרבנות פֿון נאַציזם, און געפֿינט זיך אויך אין שכנות מיט איינעם פֿון די קעמפּוסן פֿון ירושלימער אוני־ווערסיטעט.

סיי דער ישראלדיקער פּרעזידענט אפרים קציר, סיי דער אויסלאַנד־מיניסטער יגאל אַלון, האָבן אויסגעדריקט דער ווענעסועלער רעגירונג זייער סימפּאַטיע און אינטערעס מיט וועלכן די יידישע מדינה האָט געזען דאָס אַרויסענדיקן דעם גרויסאַרטיקן פּראָיעקט, פֿון וועלכן די הויפּט־שטיצערס זענען געווען דער איניציאַטאָר לערנער און דער אינטענדענט קאָלעק.

לויט די טראַדיציעס פֿון יידישן פֿאָלק, איז נישט פֿאַראַן דער מנהג עפּנטלעך צו באַערן היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן דורך סטאַטועס פֿון מענטשן אין זייער מאַטעריעלער געשטאַלט, נאָר מען הייבט אַרויס זייער

תמצית דורך סימבאָלישע דענקמאָלן. דערפאַר איז דער באַפרייער דאָרט סימבאָליזירט, ווי ס׳פּאַסט פאַרן גייסט פון יהדות, דורך אַ גרויסן נישט־סימעטרישן בויגן, וועלכער שטעלט פאָר זיין רוחניותדיקייט. דאָס כאַפּט דעם אָנבליק פון אַ מקדש וואָס עפנט זיך צו די הייכן צו, אַרומגערינגלט מיט אַ פאַרכישופנדיקער לאַנדשאַפט. דאָס איז אַ געדענקבוי וואָס וואַקסט אַריין אינעם תחום פון אידעאַל, און פאַראייביקט אויף יענעם הייליקן באָדן דאָס געדעכעניש פונעם גרעסטן אַמעריקאַנער פון אַלע צייטן.

דער פאַרק און דער מאָנומענט שטרייכן נאָך אַ מאָל אונטער דעם פאַקט, אַז באָליוואַר, אַ זון פון וועניסועלאַ און אַ בירגער פון דער וועלט, איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אוניווערסאַלער פיגור, וואָס שיינט אַרויס מיט זיינע גאונישע מעלות ווי אַ מלוכה־מאַן, אַ מלחמה־פירער, פילאָסאָף, געזעצגעבער, שרייבער, טריבון, וויזיאָנער און פאָטער פון אַ פילפאַרביקער משפחה אַמעריקאַנער פעלקער.

דער מאָנומענט איז אַ סטרוקטור פון אייזן־בעטאָן, געפאַרבט אויף ווייס. דער קינסטלער האָט איבער אים געאַרבעט יאָרנלאַנג, מיט דער מיטהילף פון אַן אויסגעצייכנטן אינזשעניער און פון עטלעכע קאָנטראַקטיסטן. די לאַנדשאַפט, דער פאַרק און די סקולפּטור שטעלן מיט זיך פאָר אַן איינהייטלעכקייט, אַ האַרמאָנישע סביבה.

מיר זעען דערביי, ווי ס׳ווערט אַלץ אויף ס׳ניי מקוים יענע נבואה וואָס אַ באַשיידענער גייסטלעכער האָט אַנומלט אַרויסגעזאָגט אין דער אָנוועזנהייט פונעם באַפרייער באָליוואַר: „אייער רום וועט וואַקסן, ווי עס וואַקסן די שאָטנס ווען די זון נעמט אונטערגיין״.

דער דאָזיקער פאַרויסזאָג האָט זיך צעטראָגן, פונעם פאַרצייטיקן אַלטאַ־פּערו, איבער די מרחקים פון דער ברייטער וועלט. היינט איז באָליוואַרס רום קענטיק אין די מאָנומענטן וואָס פאַראייביקן זיין אָנדענק אין ניו־יאָרק, מאַדריד, רוים און אַנדערע גרויסע הויפּטשטעט, צו וועלכע עס קומט איצט צו ירושלים, די שטאָט וואָס האָט געשפּילט און שפּילט איצט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער גאַנצער מענטשהייט און אויך פון קריסטנטום״.

רעדע פון יוסף לערנער בעת דער דערעפענונג פון „סימאָן באָליוואַר־פּאַרק״ אין ירושלים

חשובער בירגערמייסטער ה׳ טעדי קאָלעק; חשובער אַמבאַסאַדאָר פון ווענעסועלאַ אין ישראל, ה׳ נאַפּאָלעאָן כימענעס; מיין חשובער פריינד און לערער ד״ר ראָמאַן כ. וואַלאַסקעס און פרוי; פריילן אינעז׳ רעגינאַ וועלאַסקעס; חשובער און פּראָמינענטער פּראָפעסאָר ה׳ לויס ווילאַלבאַ־ווילאַלבאַ, פּאָרזיצער פון דער באָליוואַריאַנער געזעלשאַפט אין ווענעסועלאַ און פון ווענעסועלער־ישראלדיקן אינסטיטוט פרוי ווילאַלבאַ; הויכגע־שטעלטע פאָרשטייער פון ישראלדיקן אויסלאַנד־מיניסטעריום; מיטגלידער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס; פאָרשטייער פון אינסטיטוציעס; חשובע פריינד!

דער היינטיקער טאָג איז איינער פון די גליקלעכסטע טעג אין מיין לעבן, ווייל אין אים האָב איך די זכיה מקיים צו זיין מיינעם אַ יאָרנלאַנג אויסגעוואָרעמטן חלום; אַ חלום און אַ נדר: אָפּגעבן כבוד, אין ירושלים עיר הקודש, דעם אָנדענק פון סימאָן באָליוואַר, איינער פון די גרעסטע העלדן פון דער מאָדערנער וועלט, דער באַפרייער פון ווענעסועלאַ, קאָ־לאָמביע, פּערו, באָליוויע און פּאַנאַמאַ, וואָס האָט דער ערשטער געקעמפט אין לאַטיין־אַמעריקע פאַר די אידעאַלן פון שלום, גלייכקייט און יושר.

ווען איך בין מיט פופציק יאָר צוריק געקומען קיין ווענעסועלאַ בין איך געווען אַ יונגערמאַנטשיק, כמעט נאָך אַ יינגל, אָן עקאָנאָמישע מיטלען און אָן אַ וועג אין לעבן. ווענעסועלאַ האָט מיך אויפגענומען ווי אַן אייגענעם זון. דאָרט האָב איך געשאַפן אַ פאַמיליע, וואָס דינט היינט דאָס לאַנד דורך אַקאַדעמישער אַרבעט, און כ׳האָב דאָרט אויפגעבויט מיין לעבן. כ׳האָב כסדר געשפּירט די וואָרעמקייט און פריינדשאַפט וואָס האָט מיר, און נאָך אַ סך הונדערטער אַזעלכע ווי איך, געהאָלפן שלאָגן וואָרצלען און אויפ־שטעלן היימען אין דעם דאָזיקן לאַנד.

גלייכצייטיק, בין איך געבליבן טריי, געקניפּט און געבונדן צום גלויבן און צו דער טראַדיציע פון מיינע אָבות. כ׳בין אַ ייד, און מיין האַרץ ציט אָן אויפהער צו מיין פאָלק, צו ארץ־ישראל, און צו דער דאָזיקער הייליקער שטאָט ירושלים.

ווענעסועלאַ איז ברייטהאַרציק און פריי. דאָרט זענען נישט גילטיק קיין סאָציאַלע אונטערשיידן, און אַוודאי נישט קיין ראַסן־פאָראורטיילן.



אינדערמיט: כנסת־פּאַרזיצער ישראל ישעיהו. רעכטס: ד״ר ראַמאָן פּ. וועלאַסקעס, ד״ר לויס ווילאַלבאַ,
לינקס דער לעצטער, יוסף לערנער

אין וווּנעסואלאַ האָט מען דרך־ארץ פאַר מענטשנרעכט; דאָרט מוטיקט מען יעדערן, ווער ס׳וויל נאָר אַרבעטן, און מען פרעגט אים נישט קיין קשיות; טיר און טויער זענען אָפן פאַרן אויפבוי, פאַר יעדער נוצלעכער אונטערנעמונג און פאַר יעדן געדאַנק.

דאָס אַלץ האָבן מיר צו פאַרדאַנקען סימאָן באָליוואַרן, וועלכער האָט זיין קאַמף געשטיצט אויף די פרינציפן פון טאָלעראַנץ, פרייהייט און יושר. און אויס דאַנקשאַפט און באַוווּנדערונג צום באַפרייער און צו זיין גרויס פאָלק, וואָס איז אויך מיין פאָלק, האָב איך זיך יאָרנלאַנג אָנגעשטרענגט אויפצושטעלן אין ירושלים דעם דענקמאָל לזכר סימאָן באָליוואַר. אין דעם האָט מיר כסדר אַרויסגעהאָלפן דער בירגערמייסטער ה׳ טעדי קאָלעק, וועמען איך קום אַ יישר־כוח פאַר זיין פּראָגרעסיוון און ענערגישן צוגאַנג.

פון די דעראָבערערס, וואָס האָבן געוואָלט פאַרכאַפּן און חרוב מאַכן ירושלים איז שוין היינט קיין זכר נישט פאַרבליבן. זיי זענען אַוועק און געבליבן זענען די יידן, די היינטיקע ישראלים, ווייל נאָר זיי זענען גרייט צו פאַרגיסן זייער בלוט צו פאַרטיידיקן אָט די הייליקע שטאָט. דערפאַר אָבער איז ירושלים דאָס פּאַסיקע אָרט צו באַערן דעם אָנדענק פון אַ באַפרייער פון אַ גאַנצן קאָנטינענט, אַ פאַנאַנטרעגער פון יושר און פון שלום פאַר דער וועלט, וועמענס נאָמען וועט אינספּירירן די ישראלדיקע יוגנט ווי אַ ביישפּיל פון קאַמף, קרבנות־גרייטקייט און דערהויבנקייט.

איך פיל זיך גליקלעך וואָס ירושלים ווערט היינט באַרייכערט מיט דעם דאָזיקן פּאַרק אויף באָליוואַרס נאָמען, און וואָס אַזוי אַרום וועלן אויף אייביק בלייבן פאַרבונדןביידע פעלקער פון די בײדע, פאַר מיר טייערסטע, לענדער: וווּנעסואלאַ און ישראל. זאָל דער אייבערשטער בענטשן ציון, און מיר זאָלן זען דאָס גוטס פון ישראל, און דערלעבן קינדער און קינדס־קינדער און נאָך וויטערדיקע דורות, וואָס וועלן זיך אָפּגעבן מיט פיזישן און גייסטיקן אויפבוי פון לאַנד. „בויט שטעט, שטעלט־אויף הייזער, פלאַנצט גערטנער״ — דאָס איז אונדזער ענטפער צו אונדזערע שונאים.

איך דאַנק אונדזער פּרעזידענט, דאָן קאַרלאָס אַנדרעס פּערעס, וואָס האָט מיטגעשיקט די דאָזיקע דעלעגאַציע פון די זין פון זיין לאַנד, אַ לאַנד פון איידעלע טראַדיציעס און הויכער קולטור.

מיט פאַרגעניגן גיב איך איבער דעם דאָזיקן באָליוואַר־פּאַרק דעם בירגערמייסטער ה׳ טעדי קאָלעק, מיט דער זיכערקייט אַז די שטאָט וועט פון אים הנאה האָבן בשלום, אין צייטן פון רו און פּראָגרעס.

לעצטן שבת איז געווען פרשה מטות. דאָרט פרעגט משה רבנו: אייערע ברידער זאָלן גיין אין מלחמה, און איר זאָלט זיצן דאָ? ניין, מיר וועלן נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אייער ווי איז אונדזערער, אייער פרייד



עס רעדט יוסף (כאַסע) לערנער. עס זיצן אַ ריי בכבודיקע פּערזענלעכקייטן — באָליוויאַנער, קאָלאָמביאַנער, ווענעסועלער און דער קאַרדינאַל פון קאַראַקאַס

איז אונדזערע. אַלע יידן אין די תפוצות שטייען צוזאַמען מיט אייך ביי אייער זייט, אומעטום, אויף די פליפעלדער און אויף די שלאַכטפעלדער.

אונדזער ווונטש איז איר זאָלט לעבן רויק, בשלום ובשלוה מיט די שכנישע לענדער, אויף אונדזער טייערער, הייליקער ערד.

זייט געשטאַרקט און געמוטיקט, אונדזערע ברידער און שוועסטער, און זייט געבענטשט מיט אַל־דאָס גוטס.

מיר וועלן זיך נאָך פרייען און יובלען, מיר אַלע, די וואָס טרויערן אויף די הרוגי ירושלים.

רעדע פונעם בירגערמייסטער פון ירושלים, טעדי קאָלעק

חשובע אַמבאַסאַדאָרן, חשובע אויסלענדישע געסט, ה׳ לערנער און פרוי לערנער, און קודם כל, איינוווינערס פון דער דאָזיקער געגנט און קינדער וואָס געניסן פון דעם באָליוואַר־פּאַרק שוין אַ ריי יאָרן.

מיט אַ ריי יאָרן צוריק, ווען ה׳ איש־שלום איז נאָך געווען דער ראש־העיר פון ירושלים, איז אויפגעקומען דער פּראָיעקט פון ה׳ לערנער פון וועגעסועלאַ, צו באַערן דעם אָנדענק פון באַפרייער סימאָן באָליוואַר דורך אַ דענקמאָל אין ירושלים. דער גוטער ווונטש זיינער איז באַטראַכט געוואָרן, און מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַז נישט נאָר אַ מאָנומענט וועלן מיר דאָ אויפשטעלן, נאָר אויך אַן עפנטלעכן פּאַרק וואָס וועט דערקוויקן די איינוווינערס פון דער דאָזיקער געגנט, סיי די עלטערע, סיי די יונגע און יינגסטע.

און היינט האָבן מיר דערלעבט דאָ צו אַנטהילן אָט דעם פיינעם מאָנומענט, אַ סקולפּטור פון דעם באַרימטן קינסטלער גראָס, וואָס איז שטאַרק געלויבט און אויסגעצייכנט געוואָרן דורך גרויסע קונסט־מבינים. מיט דעם ווערט דערגאַנצט דער גרויסער אויפטו פון פריינד לערנער און פרוי לערנער, וועלכע זענען געטרייע ליבהאָבערס פון דער שטאָט ירושלים און פון מדינת ישראל, פאַר וועלכער זיי האָבן געטאָן און וועלן נאָך טאָן זייער אַ סך.

זיי און זייערע פריינד, אַ גרויסן, האַרציקן דאַנק.

שפּעטער האָט בירגערמייסטער ט. קאָלעק אויסגעצייכנט מיט מעדאַלן די מיטגלידער פון דער וועגעסועלער דעלעגאַציע צום אַקט פון דער אַנטהילונג.

דער ירושלימער ראש העיר טעדי קאָלעק, בעת זיין רעדע, ביים דערעפענען דעם באָליוואַר־פּאַרק

באָליוואַר דער באַפרייער, אין ישׂראל

(רעדע פון ד״ר לויס וויליאַלבאָ־וויליאַלבאָ, פּאָרזיצער פון דער „באָליוואַריאַנער געזעלשאַפט״ אין ווענעסועלאַ, בעת דער אַנטהילונג פונעם מאָנומענט לזכר סימאָן באָליוואַר אין ירושלים, 6.7.1975)

מיר זענען שוין אויסגעווען אַ וועלט אויף די מעכטיקע פליגלען פון באָליוואַרס גייסט: ער האָט אונדז געפירט קיין וואַשינגטאָן און קיין מאַדריד; אין „סיודאַד באָליוואַר״ (אַרגענטינע) און אויף די הויכע באַרג־שפּיצן פון עקוואַדאָר, פּערו, באָליוויע, קאָלאָמביע. און איצטער ברענגט אונדז דער אומשטערבלעכער פאָטער פון ווענעסועלאַ, גאָר אומגעריכטער־הייט, קיין ירושלים, און דאָס — אין דער זייער געהויבענער געזעלשאַפט פון אַ גרויסן ווענעסועלאַנער, דעם חשובן סענאַטאָר ד״ר ראָמאַן כ.



פּאַנאָראַמע פון מאָנומענט לזכר סימאָן באָליוואַר

וועלאָסקעס. דאָס וואָלט ער, אייגנטלעך, געדאַרפט שטיין אויף דער דאָ־זיקער טריבונע, אָבער ער האָט, מיט זיין איינגעבוירענער איידלקייט פון אַן אַלטן שפּאַנישן ריטער, ליבערשט געוואָלט דורך מיין פאַרמיטלונג צוטיילן דעם דאָזיקן כבוד דער „באַליוואַריאַנער געזעלשאַפט” פון ווע־נעסועלאַ, וואָס איז אויף דעם דאָזיקן מעמד פאַרטראָטן אין איר גייסט נישט ווינציקער ווי בפועל־ממש.

קומט, בכן, דער באַפרייער אין דער דאָזיקער הייליקער שטאָט, וואָס איז אויך פאַר אונדזערע קאַרדינאַלן אַן עיר־של־מעלה, און זי איז אים מקבל־פנים מיט אָפענע טויערן און מיט לאָרבער קרענץ אין די הענט. ער קומט אין באַגלייטונג פון זיינע געטרייע יידישע פריינד. אַזעלכע האָט ער געהאַט ביים לעבן, און זיי זענען אים בייגעשטאַנען אין שווערע מאָ־מענטן; אַזעלכע געפינען זיך אויך היינט אין די קאַדרען פון אונדזער „באַליוואַריאַנער געזעלשאַפט”, און אַזעלכע רינגלען אים דאָ אַרום אין די טויזנטער, בראש מיטן טייערן דאַן כאָסע לערנער. ער קומט דאָ איבער־נעמען זיין וואַלד, אונטער דער ברכה פונעם גאָט פון אַלע אומות; ער קומט צו לאָזן רוען זיין פראַכט אין דער דאָזיקער מלכותדיקער לאַנדשאַפט, איבער וועלכער ס׳ווערט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן די שיין פון די שטערן וואָס האָבן באַלויכטן משהס פנים בשעת דער פאָטער אין די הימלען האָט אים מגלה געווען דעם אייביק־ווונדערלעכן סוד פון די עשרת הדברות. ער קומט, דער אַמעריקאַנער אַפּאָסטאָל, וועלכער האָט אויף די אַנדן־בערג געהאַט זיין סיני, פון וואַנען ער האָט געלאָזט אין גאַנג, איבער דער לענג און ברייט פון דעם קאָנטינענט, דעם געדאַנק פון וועלכן עס איז מיט הונדערט יאָר שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראיי־ניקטע פעלקער. ער קומט, נישט נאָר זיך איינצוהערן אין ירמיהוס קינות ביים כותל־מערבי, און נישט נאָר נאָכצופאָלגן מיט זיינע אָדלער־בליקן דעם סודותפולן פלי פון די פייגל איבער דעם צלם אין עמק המצלבה, אָדער צו דערשפּירן אויף זיין געזיכט דעם ניחוחדיקן ווינט פון די משלים פון דער דרשה אויפן באַרג. ער קומט — ער, וואָס איז געווען מסוגל צו אַקערן אַפילו אינעם ים — צוצוזען ווי מען אַקערט דאָ אין דער מדבר. ניין, שוין נישט אין מדבר, ווייל איר, וואָס איר האָט אַלע מאָל באַוויזן צו שטיין העכער איבער אַלע גורל־שוועריקייטן, האָט דאָ מקיים געווען באַליוואַרס רוף צו באַהערשן די נאַטור, און מיט עכטער באַליוואַריאַנער עקשנות, מיט באַנייערישער טעכניק און מיט איבערמענטשלעכער מי, האָט איר איינגעשפּאַנט די שרפענדיקע זון און דעם פאַרצערנדיקן, בייזן ווינט פון דעם נגב־מדבר.

אייער פאָליטישער אויפטו פאַרמאָגט בולטע באַליוואַריאַנישע שטריכן:

„זאַמד און וואַסער מיינט לעבן". דערפאַר איז אייער לאַנד שוין נישט קיין לאַנד פון גלות, נאָר פון קיבוץ־גלויות; אַ לאַנד וואָס זיין פיאָנער איז געוועזן משה מאָנטעפיאָרע, און זיין אויפבויער — בן־גוריון, דער הומאַניסט, דער גרויסער קענער פון תנ״ך און פון „דאָן קיכאָט", און גלייכצייטיק אַן ערד־אַרבעטער, פעסט ווי אַ בוים, וואָס האָט מיט זיינע אייגענע הענט באַפרוכפּערט די דאָזיקע ערד. אַזעלכע זענען עס געווען די ציווילע העלדן פון דער דאָזיקער געוואַלדיקער עקאָנאָמישער און געזעלשאַפטלעכער טראַנספאָרמאַציע צו וועלכער עס האָבן דערפירט, מיט וויזיאָנערישער אינטעליגענץ, גאַנצע שטאַבן מיט וויסנשאַפטלערס, אונטערנעמערס, פאַר־שערס און טעכניקערס פון אונדזער איינשטייניאַנער תקופה. בן־גוריון האָט, פונקט ווי באָליוואַר, געמוזט פאַרמאָגן דעם מאַגנעטישן און בליציקן קוק פון אַ לייב.

אַזעלכע נעמען ווי הערצל, בן־גוריון, גאָלדע מאיר, זענען סינאָנימען פון וויסן און שליחותן, פון העלדישן אויסדויער און פון געלייטערטע מענטשלעכע מדרגות. דריי נעמען וואָס שאַפן אין איינעם די געשטאַלט פון די גייסטיקע אַרכיטעקטן פון אָט דער קליין־גרויסער מדינה.

די אַנטהילונג פונעם מאָנומענט לזכר סימאָן באָליוואַר אין ירושלים, אין צייטן ווען די פעלקער פון דער גאַנצער וועלט טרוימען וועגן ענד־גילטיקן נצחון פון שלום און גערעכטיקייט, איז גלייכצייטיק אַ מיילשטיין אויפן וועג צו די דאָזיקע אידעאַלן, אין איינער פון די שענסטע ביישפילן, וועלכן מען וואָלט געדאַרפט נאָכטאָן.

מיר, וועגעסועלאַנער, פאַרשטייען דאָס צום בעסטן. אָט איז מיט אונדז ד״ר ראָמאַן וועלאַסקעס, דער וואָרצלדיקער היסטאָריקער און פאַרנעמיקער ליטעראַט. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פוןביימער, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ מערקווירדיק בוך, אַן עדות פון זיין ליבשאַפט צו דער וועלט פון צמחים. טאָ ווער קען אַזוי ווי ער פאַרשטיין וואָס עס מיינט אָט די פראַקטיקע מתנה, וואָס דאָס יידישע פאָלק טראָגט אונטער דורך די הענט פון איינעם פון זיינע זין, וועלכער פילט די טיפסטע ליבשאַפט צו באָליוואַרס פאָטערלאַנד? דער דאָזיקער וואַלד איז דאָך אַ רעזולטאַט פון אומדערמידלעכער אַרבעטזאַמקייט, וואָס ווייס נישט פון קיין אָפּשטעל און פון קיין אָפּרוטעג, און חלומט נאָר וועגן באַהערשן, מיט צעבלוטיקטע הענט, די שטחים וואָס זענען אַ מאָל געווען אומהיימ־לעכע וויסטענישן. אין דעם וואַלד וועט מען מעגן דערמאָנען די פאַר־כישופטע יאָרן פון דעם באַפרייערס קינדהייט, ווען ער האָט מיט זיינע עלטערן, אין אינכעניאָ סאַן מאַטעאָ, אינעם האַרץ פון די רחבותדיקע אַראַגואַ־טאָלן, זיך צוגעקוקט צו דער פאַרצווייגטקייט פונעם בוים וואָס

איז דער פֿאָטער פֿון די ווענעסועלאַנער וועלדער: סאַמאַן דע גוערע, וועלכן הומבאָלדט האָט אויסגעלויבט און לכבוד וועלכן ס׳האָט געשריבן לידער אַנדרעס בעליאָ, דער גרויסער פּאָעט און באַזינגער פֿון דער טראָפּיקאַלישער לאַנדשאַפֿט.

איינער אַ גרויסער קירכלעכער פּריידיקער פֿון מיין לאַנד, אַ מייסטער פֿון ליטעראַטור און גאָט־געבענטשטער פּאָעט, האָט אָנגעשריבן אַ הימן צום סאַמאַן דע גוערע. איך וואָלט זיך געווונטשן צו פֿאַרמאָגן זיין דיכ־טערישן גייסט אויפֿצוזינגען אַ הימן צו דעם דאָזיקן בראשיתדיקן טאָג, דעם 5טן יולי, דעם גרויסן טאָג פֿון מיין פֿאָטערלאַנד, ווען ווענעסועלאַ האָט אויך תמיד אויפֿגעהערט צו זיין אַ קאַפּיטאַנשאַפֿט פֿון דער שפּאַנישער אימפּעריע, און איז אויפֿגעקומען צווישן די פֿרייע נאַציעס פֿון דער וועלט ווי אַ סוווערענע רעפּובליק, אַן אומאָפּהענגיקע, און האָט גענומען אין די הענט איר אייגענעם גורל. און מיטן נוסח פֿון דעם דערמאָנטן הימן, וואָלט איך געזאָגט צו דעם דאָזיקן אַנגעליטענעם פֿאָלק, אַז ער איז פּונקט ווי אונדזער נביא פֿון אונדזער אַמעריקאַנער פֿרייהייט, וואָס אַפֿילו ווען ער ווערט פֿאַרפּייניקט און צעטרייבערט, וועט זיין רום קיין מאָל נישט אונ־טערגיין.

יאָ, באָליוואַר האָט געדאַרפֿט אַהערקומען, זיך דורכצושמועסן אין אייערע וועלדער מיט זיינע ברידער: ישעיה, יחזקאל, דניאל און ירמיהו, ווייל אויך ער איז געווען אַ נביא: דער נביא פֿון דער אַלוועלטלעכער האַרמאָניע וואָס וואַרט נאָך, עס זאָל אויפֿן פּלאַנעט אויסשלאָגן איר שעה פֿאַר דער גאַנצער מענטשהייט. ווען באָליוואַר האָט זיך געשטעלט בראש פֿון דער אומאָפּהענגיקייט־רעוואָלוציע, איז די וועלט געווען אונטער דער אימפּעריאַלער הערשאַפֿט פֿון פֿראַנקרייך און ענגלאַנד; און פּונקט ווי אין 19טן יאָרהונדערט איז ענגלאַנד געווען באַלעבאָס איבער אַלע ימען, זענען אין אונדזערע טעג פֿאַראַן נייע אימפּעריאַליזמען, מיט פֿאַרשיידענע אידעאָ־לאָגיעס, וואָס ווילן אַרויפֿצווינגען אַ פּאָליטישן אויפֿפֿיר אויף די קלענערע נאַציעס, וואָס קעמפֿן פֿאַר זייער אַנטוויקלונג. באָליוואַר, דער נביא פֿון אַלוועלטלעכן גלייכגעוויכט, האָט געקעמפֿט צו באַפֿרייען אַמעריקע פֿון שקלאַפֿעריי, כדי זי זאָל אויף אַן אמת זיין אַ נייע וועלט, טאַקע ניי, גע־שטאַרקט מיט ליבשאַפֿט צו פֿרייהייט, מיט אַ געפֿיל פֿון גלייכקייט און מיט אַן אומבייגזאַמען רעספּעקט פֿאַר די מענטשלעכע רעכט; יאָ, אַ וועלט מיט אַ געזונטן דעמאָקראַטישן באַוווסטזיין, פֿאַרליבט אין שלום, אין אַחדות און אין סאָציאַלן יושר.

דער נביא פֿון אוניווערסאַלן גלייכגעוויכט קומט אַהער אַן צוריקגע־האַלטנקייט און אַן גרויסהאַלטעריי, נישט צו אַקערן אין מדבר, ווייל דאָס

האָט איר שוין געטאָן, און איר האָט מיט אייער פעיִקייט, מיט אייער פּאָר־געשריטענער טעכניק און אייער מענערישן, מוסטערדיקן אויסדויער אַרויס־געריסן פון דער פעלדזיקער וויסטעניש דעם דאָזיקן וואַלד וואָס באַרייכערט און פאַרשענערט אייער פאָטערלאַנד. דער נביא פון אַווילאַ קומט אייך



דער באָליוואַר־מאָנומענט

דערציילן וועגן די גרויסע ביימער פון די אַמעריקאַנער דזשאָנגלען, פּונקט ווי איר האָט, דורך שלמה המלכס מויל, געזונגען אַ לויב צו די אַרזי־הלבנון. דער נביא פון האָפענונג און שלום קומט אייך זאָגן אַז דער אוניווערסאַלער גלייכגעוויכט איז אַ גזירה מן השמים, און עס מוז קומען דער טאָג אין וועלכן דער גאַנצער מיטעלער מזרח וועט, באַגלייך מיט אַמעריקע, דאָס גרויסע פאָטערלאַנד פון דעם באַפרייער, פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ היים פאַר אַ רויִק צוזאַמענלעבן, יושר און שלום. נאָך אַזוי פיל קרבנות און אַזוי פיל טרערן, מוז סוף כל סוף גובר זיין דער שלום און די פאַרשטענדיקונג צו וועלכער מיר שטרעבן; מיר מענטשן פון גאָר דער וועלט, וואָס מיר האָבן פיינט מלחמות און האָבן אָפּגעגעבן דאָס בעסטע פון אונדזערע לעבנס צו פאַרטיידיקן די גרונטווערטן פון ציוויליזאַציע, קולטור און מענטשלעכע רעכט. סימאָן באָליוואַרס טרוים פון אַן אוני־ווערסאַלן גלייכגעוויכט וועט דינען ווי דאָס ציגל צווישן די וואָגשאָלן פון די קעגנגעשטעלטע אינטערעסן.

פאָלק פון ישראל!

סענאַטאָר ראָמאַן כ. וואַלאַסקעס, זיין פרוי און זיין טאָכטער, פונקט ווי מיין פרוי און איך אַליין, זענען באמת גערירט געוואָרן פון דעם וואַרעמען קבלת־פנים וואָס דאָס דאָזיקע רומרייכע פאָלק האָט אונדז איינ־



דער ווענעסולאַנער אמבאַסאַדאָר רעדט ביי דער דערעפענונג פון באָליוואַר גאָרטן.

געאָרדנט. מיר ווייסן גוט אַז דאָס האָט מען נישט געטאָן לכבוד אונדז ווי יחידים, און אַפילו נישט צוליב דעם פּאַרלאַמענט פון דער ווענעסועלער רעפּובליק, אָדער צוליב דער באָליוואַריאַנער געזעלשאַפט פון ווענעסועלאַ, נאָר לכבוד דעם גאַנצן ווענעסועלער פאָלק, וואָס איז מיט אייער פאָלק פאַרברידערט אין די דערהויבענע קאַמפן און דורך די גרויסע אידעאַלן וואָס איר האָט אַזוי גרויסמוטיק פאַרטיידיקט.

דאָן כאָסע לערנער, ווען אַ גאַנץ לעבן פון שעפערישער אַרבעט און מוסטערדיקן פּראָגרעס פאַרבינדט מיטן באַפרייערס פאָטערלאַנד, האָט דאָ געוואָלט אויפשטעלן אַ דענקמאָל פאַר זיין ליבשאַפט צו ווענעסועלאַ, אין דער פאָרם פון אַ מאָנומענט לכבוד דעם העכסטן סימבאָל פון אונדזער לאַנד. ווייל מיטן איבערגעבן אין רשות פון דער שטאָט ירושלים דעם וואַלד און דעם מאָנומענט לכבוד סימאָן באָליוואַר, גיט ער איבער דעם שענסטן און דויערהאַפטיקסטן סימבאָל פון דער גייסטיקער פאַרברידערונג

צווישןביידע פּאַטערלענדער. דער וואַלד און דער מאָנומענט פּראָקלאַמירן היינט פאַר דער גאַנצער וועלט די ברידערלעכע פריינדשאַפט צווישן דעם פּאַטערלאַנד פון תנ״ך און פון די עשרת־הדברות, און דעם לאַנד פון באָליוואַר, דעם באַפרייער און פּאַטער פון דער שפּאַניש־אַמעריקאַנער אייניקייט.

דאָס פאָלק פון סימאָן באָליוואַר דריקט היינט אויס עפנטלעך און מיט גרויסער עמאָציע זיין באַוווּנדערונג פאַר די ישראלדיקע פרויען, פאַר אייערע מלוכה־לייט, וויסנשאַפטלערס, קינסטלערס און אַרבעטערס, און פאַרן גלויבן וואָס זיי, פּונקט ווי זייערע ביבלישע נביאים, היטן כסדר אָפּ לגבי דעם העכערן גורל פון דער מענטשהייט.

ווענעסועלאַ און די אַנדערע באָליוואַריאַנער לענדער, אַלע פריינד פון ישראל, לאָזן אייך דאָ איבער דאָס געדעכעניש פון דעם באַפרייער, פון דעם מענטשן וואָס האָט אויף אייביק באַפעסטיקט די פרייהייט און אומאָפּהענ־גיקייט פון דער נייער וועלט. מיר פאַרפלאַנצן אים דאָ ווי נאָך אַ בוים אינעם האַרץ פון ירושלים, דאָס וויגעלע פון דער וועלט, דעם שטיינערנעם תנ״ך, מיט זיין אומגעהייערער גייסטיקער גרויסקייט, אָנגעלאָדן מיט געשיכטע. דער באַשעפער האָט געוווּסט וואָס ער טוט ווען ער האָט באַשאַפן ירושלים.

הילאָ אָספעלד־אַקערמאַן

נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען, אין די דאָזיקע באַשרייבונגען וועגן יידישן ישוב פון קאַראַקאַס, אונטערצושטרייכן, אַז דאָס איז אַ ישוב מיט אַ באַזונדער גרויס מזל צו עסקנים. נישט נאָר האָט ער געהאַט אויס־געצייכנטע גרינדערס און פּיאָנערן, פון וועלכע אַ סך שטייען נאָך ביז

הילאָ אָספעלד, ראש־הקהל פון „אוניאָן איסראַעליטאַ"

היינט צו טאָג, און הלוואי ווייטער, ווי אַקטיווע און ענטוזיאַסטישע טוערס, נאָר ער פאַרמאָגט אויך אַ גערעטעניש, וואָס שעפּט זיך נישט אויס פון יונגע און מיטליאָריקע אַקטיוויסטן. און בעיקר געפינט מען דאָ אַ טיפּ טוערס, וואָס אין אַנדערע ישובים זענען זיי בכלל נישט בנמצא: די היינט מיטליאָריקע און שוין איינגעבירגערטע „גרינע", וועלכע זענען דאָ אָנגעקומען יונגערהייט מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, און וואָס פאַראייניקן אין זיך די זעלטענע אַטריבוטן פון אַ פעסטער יידיש־טראַדיציאָנעלער אויסבילדונג מיט אַקאַדעמישע טיטלען, אונטערנעמערישן גייסט און אַ ברייטן, מאָדערנעם וועלטבאַנעם.

אפשר איז די דאָזיקע דערשיינונג אַ רעזולטאַט פון דער גרויסער ליבשאַפט וואָס די איינגעזעסענע ווענעסועלער יידישע תושבים האָבן אַרויסגעוויזןביים אַראָפּברענגען קרובים־פּליטים נאָכן חורבן־אייראָפּע, אָדער אויך פון דער צוציונגס־קראַפט וואָס די רייכע ווענעסועלאַ, מיט אירע גרויסע געלעגנהייטן, ווירקט־אויס אויף טאַלאַנטירטע און מוטיקע מענטשן מאַרבע פינות העולם, און טאַקע קודם־כל אויף אַחינו בני ישראל. וואָס די סיבה זאָל נישט זיין — קאַראַקאַס מעג שטאָלצירן מיט איר רייכער עסקנים־גאַלעריע פון אַלע דורות, און בפרט מיט די דאָזיקע „לוקסוס"־טוערס וואָס זענען געזעסן אי אין חדר, אי אין אוניווערסיטעט: אַ שידוך וואָס ברענגט זייער פיינע רעזולטאַטן און וואָס וואָלט אָסור נישט געשאַדט די עסקנים פון אַנדערע ישובים.

צו דעם דאָזיקן סאָרט מנהיגים געהערט דער איצטיקער פּרעזידענט פון דער קהילה „אוניאָן איסראַעליטאַ", הילאַ אָספּעלד־אַקערמאַן. ער איז געבוירן געוואָרן אין רומענישן שטעטל ראַדאוטי אין יולי 1926. געלערנט אין חדר און אויך אַריינגעכאַפּט אַ יאָר ישיבה, פון 39סטן ביזן 40סטן יאָר. גלייכצייטיק האָט ער דורכגעמאַכט די אַלגעמיינע שול, און שוין נאָכן קריג זיך גראַדויִרט אַלס אינזשעניער אינעם רומענישן גערגאוטי־אוניווערסיטעט.

צוויי יאָר, פון 1950 ביז 1952, האָט ער געלעבט אין ישראל. נאָך דעם האָט ער זיך באַזעצט אין קאַראַקאַס. ער באַהערשט אַ ריי שפּראַכן: יידיש, ענגליש, דייטש, רוסיש, העברעיש, רומעניש און אַוודאי און אַוודאי שפּאַניש.

פריינד אָספּעלד האָט חתונה געהאַט מיט פרוי קלאַראַ פּעסאַטי און האָט דאָ אין קאַראַקאַס געהאַט דריי קינדער: בנימין, לויִס און לעאָן, היינט צו טאָג — דריי ווילע יונגע־לייט אין אוניווערסיטעט־עלטער.

אַוודאי איז נישט שייך צו מעסטן און אָפּשאַצן אַ מענטש לויט די מאַטעריעלע עשירותן וואָס אים איז געלונגען אָנצוזאַמלען. אַנדערש איז

אָבער ווען הינטער דער עקאָנאָמישער הצלחה זעט מען בולט, אַז עס שטייט אַ מעכטיקע פּערזענלעכקייט, אַ מענטשלעכער טעמפּעראַמענט פון וועלכן עס שטראַלט־אַרויס דער ווילן, די ענערגיע, די דערפינדערישקייט, די געוואַגטקייט און דער ווונטש צו בויען און שאַפן, וואָס ברענגט רייכקייט און שפע פאַר זיך און פאַר יענעם.

אין דעם זינען איז הילאָ אָספּעלדס לעבנסוועג אין ווענעסועלאַ ממש אַ מוסטער. אין 1953, דאָס ערשטע יאָר זיינס אין קאַראַקאַס, האָט ער געגרינדעט די אינדוסטריעלע אונטערנעמונג וואָס רופט זיך מאַנופאַקטור „הילעטעקס", פון וועלכער ער איז עד־היום דער פּרעזידענט, און וואָס באַשעפטיקט 395 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון אַ לאַנגער ריי גרעסערע אונטערנעמערישע אויפטוען: אין 1965 איז צוגעקומען נאָך אַן אונטערנעמונג, אין 1972 אַ דריטע, און באַלד אַ פערטע... די געביטן זענען פאַרשיידענע: מאַנופאַקטור, אויפבוי, פינאַנסן... וואָס זאָל איך אייך לאַנג ברייען: ביז היינט צו טאָג, ביי זיינע קוים פופציק יאָר, האָט פריינד אָספּעלד געשאַפן ניין אונטערנעמונגען, וועלכע באַשעפטיקן בסך־הכל אַרום 4.000 אַרבעטער און אָנגעשטעלטע, און שטעלן־פאַר אַ ריזיקן ביישטייער פאַר דער אַנטוויקלונג און פאַרפעסטיקונג פון דער ווענעסועלער ווירטשאַפט. כ'האָב ביי מיר פאַרצייכנט די נעמען, פּרטים און טעטיקייטס־געביטן פון די אַלע געזעלשאַפטן, נאָר דערמאָנען וויל איך בלויז איינע: „אינוועסטיציעס 36.000", געגרינדעט אין 1974. נאָר אַזאַ געשווירענער יידישער בעל־בטחון ווי דאָס איז פריינד אָספּעלד האָט עס געקענט צוטראַכטן, אַז אַזאַ קאַלט־שטרענגע זאַך, אַ געשעפטס־אונטערנע־מונג, זאָל גלייך מיטן נאָמען אירן יידישלעך אויסרופן און ווינטשן — שתי פעמים חי!

און זיינע אונטערנעמונגען לעבן טאַקע אַלע און פּראָספּערירן. און הילאָ אָספּעלדס נאָמען ווערט אָנערקענט אין די העכסטע קרייזן פון לאַנד. צווישן 1965 און 1967 איז ער געווען וויצע־פּרעזידענט פון דער ווענעסועלער האַנדלס־קאַמער. אין 1972 און 1976 האָט די רעגירונג גופא אים אויס־געטיילט צוויי אויסצייכענונגען, איינע אויפן נאָמען פונעם גרויסן וויזיאָנער פון דער אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט, פראַנסיסקאָ דע מיראַנדאַ, און איינע אויפן נאָמען פון דיעגאָ דע לאָזאַראַ.

נישט ווייניקער אַקטיוו און געבענטשט ווי זיין אינדוסטריעלע קאַריערע איז אָספּעלדס יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. ס'איז באמת צו שטוינען ווי אַזוי דער דאָזיקער פאַרהאָוועטער מענטש, וואָס שטייט בראש פון כמעט אַ צענדלינג ערשטראַנגיקע אונטערנעמונגען, געפינט צייט און כוחות זיך אָפּצוגעבן בלב־ונפש מיט ציבורדיקער אַרבעט. אַ פּנים, אַז געוויסע זענען

פון לינקס צו רעכטס: כּואַן פּלאָוט, ראַבינער ברענער, ראַבינער אַנסעלעם, הילאָ אָספּעלד

די וואָס טענהען: נאָר מענטשן וועלכע האָבן קיין צייט נישט, ווייסן וואָס זיי טוען מיט זייער צייט...

פריינד אָספעלד איז אַ מיטגליד אין דער פאַרוואַלטונג פון אוניאָן איסראַעליטאַ זינט 1960. פון 1966 ביז 1970 איז ער דירעקטאָר פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער אוניאָן פון 1970 ביז 1975, און ראש־הקהל פון דעמאָלט אָן. אין אויגוסט 1977 איז ער ווידער אויס־געוויילט געוואָרן אויף אַ צוויי־יאָריקן טערמין.

פאַרשטענדלעך, איז דאָס וואָס איז אַזוי מזל־ברכהדיק אויפן עקאָנאָמישן געביט נישט אַלע מאָל צוגעפּאַסט פאַרן געזעלשאַפטלעכן געביט, און דערפאַר האָט פריינד אָספעלד אין קיין ניין אינסטיטוציעס נישט אַקטי־ווירט... דאָך, האָט ער נאָך געהאַט צייט צו זיין פּרעזידענט פונעם קאַראַ־קאַסער מכבי־ספּאָרטקלוב אין 1965 און 1966.

איך האָב זיך מיט פאַרגעניגן לענגער אָפּגעשטעלט אויף הילאַ אָס־פעלדס קוריקולום, כאָטש מיט דעם בלייבט ווייט נישט אויסגעשעפּט די רייכע וועלט פון זיינע אינטערעסן, אומרוען, פּראָיעקטן און אידעאַלן. דער מענטש האָט אָנגעצייכנט אַ רעקאָרד וועגן וועלכן מען קען זיכער זאָגן, אַז לא כל אדם זוכה — נישט יעדער מענטש האָט די פּריווילעגיע אַזוינס צו באַווייזן. מיין כוונה איז געווען אָנצוצייכענען — אַפילו מיט איילִיקע שטריכן — דאָס בילד פון אַן עסקן בהא הידיעה, אַ מענטש וואָס איז געבענטשט מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן קוואַל ענערגיע און שעפערישקייט, וואָס ער גיסט ברייטגיביק אַריין אין אַרבעט לטובת־הכלל.

אַזאַ עסקן, און נאָך מיט דער פּשטות און פריינדלעכקייט מיט וועלכער ער פירט זיך, איז אַ טאָפּעלער געווינס פאַרן ישוב: צוליב זיינע אייגענע מעשים־טובים און ווייל זיין ביישפּיל רעגט־אָן און סטימולירט אַנדערע, זיי זאָלן אויך נישט זשאַלעווען צייט און אינטערעס פאַר די לעבנסוויכטיקע יידישע אינטערעסן.

פריינד הילאַ אָספעלד, ווי געזאָגט, איז איצט קוים אַ בן־חמישים, ער האָט נישט געוואַרט, ווי אַנדערע, ביז די עלטערע, אומאַקטיווע יאָרן, כדי ערשט דעמאָלט אָפּצורייסן עפּעס פון זיין צייט און עס אַוועקגעבן פאַר ציבורדיקער טעטיקייט. ער האָט געשאָנקען דעם יידישן ישוב אין ווענעסועלאַ דווקא אַ גרויסן פּראָצענט פון זיינע יונגע און מיטעלע יאָרן, פונעם בעסטן חלק פון זיין לעבן, וואָס געפינט זיך אין סאַמע אויפבלי. דאָס ווענעסועלער יידנטום האָט נאָך זייער אַ סך צו דערוואַרטן פון דעם דאָזיקן יונגן און באַגאַבטן מנהיג. זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין איצטיקע ראָלע זענען אַ גאַראַנטיע פאַר אַ ליכטיקן יידישן מאָרגן אין ווענעסועלאַ, וואָס גייט שוין אויף און צייכנט זיך פאַר אונדזערע אויגן.

דער עסקן־וועטעראַן, דאָן נאַטאַליאָ גליזשיינסקי

אויב מען דאַרף אָנווייזן אויף איין מענטשן, וואָס זאָל מיט זיך פאַרקערפּערן די גאַנצע היסטאָרישע עוואָלוציע פון וועניסועלער יידישן ישוב, זינט די ערשטע פּיאָנערישע שריט, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, און ביז דער היינטיקער, דינאַמישער צוואָקסנקייט, איז דער דאָזיקער מענטש, בלי־ספק, דער עסקן־וועטעראַן דאָן נאַטאַליאָ גליזשיינסקי.

דער דאָזיקער ייד, אויף וועלכן די פיל אָפּגעלאָפענע יאָרן האָבן כמעט נישט איבערגעלאָזט קיין שפּורן און נישט געמינערט זיין אַריסטאָקראַטישן אויסזען, פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינטלעכן רעקאָרד פון ציבורדיקער אַקטואַציע. נישט נאָר וואָס ער איז בפירוש פון די ערשטע יידישע תושבים פון וועניסועלאַ בכלל, און פון די וואָס געפינען זיך היינט ביים לעבן — עד מאה ועשרים — בפרט, נאָר ער האָט באַוויזן די גבורה, צו שטיין אין משך פון די דאָזיקע קנאַפּע 50 יאָר כסדר אויף זיין געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע, און נישט פאַרפעלט אַ טאָג צו אַרבעטן לטובת הכלל, ממש ווי אַ פרומער ייד פאַרפעלט נישט מתפלל צו זיין.

פריינד גליזשיינסקי שטאַמט פון שטעטל רעזינע, ביים דניעסטער, בעסאַראַביע. אין די קינדער־יאָרן האָט ער געלערנט אין חדר; שפּעטער אויך באַזוכט די תרבות־שול, און געענדיקט גימנאַזיע. מיר זעען גלייך אַז דער ייד האָט געקראָגן סיי אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג, סיי די מאָדערנע בילדונג פון דער תרבות־שול, אָריענטירט אויף דער נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע און אויף דער אויפלעבונג פון דער העברעישער שפּראַך. די דאָזיקע אויסבילדונג, ווי מיר וועלן שפּעטער זען, האָט געלייגט אַ חותם אויף זיין לעבן און אויף זיין דרך אין עסקנות.

נישט ווייניקער ווי די שולן, האָט אויף אים געווירקט די סביבה אין דער היים. דער טאַטע, ר׳ פּייוול ע״ה, איז געווען אַ קרעמער. די מוטער האָט געהייסן חומה. ביידע זענען זיי געווען מענטשן מיט אַ טיפער פילבאַרקייט פאַר יענעמס נויטן, און האָבן זייערע קינדער געגעבן אַביישפּיל פון צדקה און פון דעם, וואָס מען זאָגט: ישראל ערבים זה לזה — יידן טראָגן די אַחריות איינער פאַרן צווייטן. און נאָך מער, ווען עס גייט אין אַחריות פאַר אָרעמע לייט. ר׳ פּייוול איז געווען אַ מיטגליד אין דער חברה

פון רעכטס צו לינקס: ד״ר ישראל כאָודאַנין, נאַטאַליאַ גליזשיינסקי, ד״ר לעאָן וויזענפעלד,
דוד כץ, גרעגאָריאָ שטשאַריפּקער, נתן געטעאַ, הילאָ אָספעלד ביים מיקראָפאָן

עזרת־עניים, און מרת חומה איז געשטאַנען ביי זיין זייט אין אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו צדקה.

די נאַציאָנאַלע שטימונג איז אין גליזשיינסקיס היים נישט געווען קיין צופעליקייט. נאַטאַליאָס פעטער, דעם טאַטנס ברודער, איז געווען אַ פלאַם־פייערדיקער ציוניסט. ווען מען האָט אין 1925 געלייגט דעם גרונטשטיין פון ירושלימער אוניווערסיטעט אויפן הר הצופים, האָבן זיך אין רעזינע, ביי יהושע גליזשיינסקין אויפן גאַניק פאַרזאַמלט די פני, און אַרום זיי אַלע יידן פון שטעטל, און מען האָט געהאַלטן שטורעמדיקע דרשות. אין שטעטל האָט געהערשט אַ שטימונג פון פרייד, און מען האָט געקענט זאָגן אַז יענעם טאָג, און אַ דאַנק ר׳ יהושע גליזשיינסקין, האָט אַ יידיש שטעטל פון דער בעסאַראַביע געאָטעמט מיט דער לופט פון ירושלים.

ווי שוין געזאָגט, ציט פריינד ב. גליזשיינסקי זיין עסקנות אין קאַראַקאַס פון סאַמע בראשית אָן. אין 29סטן יאָר איז ער שוין געווען באַטייליקט אין קהילה־לעבן. זיין עיקר־פּאָזיציע איז אַלע מאָל געווען די קהילה — אוניאָן איסראַעליטאַ. פערצן פרעזידענטן האָט די אינסטיטוציע געהאַט ביז איצט, און אַ חוץ וואָס פריינד גליזשיינסקי אַליין האָט אויך געטראָגן די קרוין פון ראש־הקהל — דער צווייטער אין דער ריי פון די אַלע, וועלכע האָבן פאַרנומען דעם אַמט, — איז נישט געשען (אויסער אין געציילטע, גע־צוואונגענע אויסנאַם־פאַלן), אַז ער זאָל נישט אַריינגיין אינעם צוזאַמענ־שטעל פון די פאַרוואַלטונגען פון דער קהילה, אין משך פון אַלע אָפּגעלאָפענע יאָרן. אַזוי אַרום האָט ער געשלאָגן די רעקאָרדן פון אַ יידישן כלל־טוער און עסקן.

אַ צווייטע אינסטיטוציע, וווּ ער איז געווען שטאַרק אַקטיוו, און האָט דאָרט איבערגעלאָזט זיין חותם, איז די הערצל־ביאַליק־שול, וווּ זיין שטעלונג האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק. דאָס איז געווען אַנהייב פופציקער יאָרן, ווען דער דעמאָלטיקער דירעקטאָר פון דער שול, ד״ר דוד גראָס, האָט איינגעפירט אַ דרך אין די לימודים, וואָס האָט מסתמא געהאַט פאַרשיידענע מעלות, האָט אָבער אויך געהאַט דעם חסרון, וואָס ער האָט זיך אויסגעלאָזט לגמרי שלעכט פאַרן לימוד פון דער יידישער שפּראַך. גליזשיינסקי איז דאַן געווען דער הויפּט־פאַרטיידיקער פון ד״ר גראָס געדאַנקען. פאַרשטענדלעך, האָט אין יענעם מאָמענט זיין נאָמען אַרויסגערופן אַ קעגנערשאַפט אין די קרייזן פון וועניעסועלאַ און אויך פון שכנותדיקע לענדער, וווּ מענטשן, ווי איך גופא, האָבן זיך געזאָרגט פאַרן גורל פון יידישע ביכער, פון אַ יידישער ציימונג אאַז״וו, ווי אַ טייל פון אונדזער זאָרג פאַרן יידישן לעבן און פאַר דער יידישער שפּראַך.

איז מילא, קאַראַקאַסער ייזן האָבן איינגעבוירענע פיינע אייגנשאַפטן,

און צווישן זיי איז פֿאַראַן, אַז ווען אין אַ מענטשן וועגט שטאַרק איבער דאָס פּאָזיטיווע, פֿאַרגעסן זיי אין גאַנצן דאָס נעגאַטיווע. און דאָס איז דער פֿאַל מיט דאָן נאַטאַליאַ גליזשיינסקי, וואָס האָט אַזוי פֿיל יאָרן, כּוחות און טאַקע עשירותן אַוועקגעגעבן פֿאַרן ייִדישן עפֿנטלעכן לעבן, און אַזוי פֿיל געוואַלדיקע אויפֿטוען פֿאַרווירקלעכט מיטן כּוח פֿון זײַן איבערגעגעבנקייט און גלויבן אין דער זאַך, אַז אַפֿילו נעכטיקע קעגנערס אַנערקענען און שאַצן־אָפּ זײַנע באמת גרויסע לייסטונגען.

און ער, דאָן נאַטאַליאַ, פֿון זײַן זײַט, האָט זיכער איצט אויך גאָרנישט קעגן דעם, אַז דווקא אַ בוך אויף דער ייִדישער שפּראַך זאָל פֿאַראייביקן די געשיכטע און דעם היינטיקן אויסזען פֿון דער קהילה, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל ליבע און אויסדויער מיטגעבויט אַ לעבן לאַנג. אַזאַ געפֿיל האָב איך געהאַט בעת מײַן שמועס מיט אים, טאַקע אין בנין פֿון דער קהילה אוניאָן. פֿרײַנד גליזשיינסקי האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געלייענט מײַן בוך אויף שפּאַניש, און איך בין צוגעשטאַנען ער זאָל אויך לייענען דאָס ייִדישע (וואָס האָט דערווײַל שוין באַקומען אַ צווילינג־ברודערל), ווײַל איך האַלט אַז ייִדן בכלל, און די פֿון מײַן דור בפֿרט, קענען נאָר דורך ייִדיש דערפֿילן דעם ריכטיקן טעם פֿון זייער אייגן לעבן און שאַפֿן. און פֿרײַנד גליזשיינסקי האָט מיר צוגעזאָגט עס איבערצולייענען.

דאָן נאַטאַליאַ גליזשיינסקי האָט דאָ אין קאַראַקאַס אויפֿגעשטעלט אַ שיינע היים און משפּחה. ער האָט אָבער נאָך אַ חוץ דעם געהאַט דאָ אַ גאַנץ נישקשהדיקע פֿאַמיליע־סביבה. זײַן קוזין ד״ר מרדכי גליזשיינסקי, אַ זון פֿון דעם פֿריִער דערמאָנטן פּעטער, יהושע, אַ ייִד פֿון דער שארית־הפּליטה, וווינט אין קאַראַקאַס שוין דרײַסיק יאָר. ער איז אַ פּסיכאָלאָג און אַ פֿילאָסאָף. דרײַ פֿאַקולטעטן האָט ער געענדיקט, און האָט אויך מיטגעבראַכט פֿון זײַן עלטערנס הויז אַ געזעלשאַפֿטלעכע ירושה, טוט ער זײַן מעדיציניש־מלאכה צוזאַמען מיט געזעלשאַפֿטלעכער אַרבעט. ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ וויכטיקן מנהיג פֿון דער קאַראַקאַסער ייִדישער יוגנט, אַלץ אונטערן דאַכפֿאַן פֿון דער אוניאָן איסראַעליטאַ. זײַן פֿרוי פֿאַרמאָגט אויך אַ דאָקטאָראַט־טיטל פֿונעם פּסיכאָלאָגישן פֿאַקולטעט, מיט וועלכן זי האָט זיך פֿאַרדינט מצד דעם ווענעסועלער אוניווערסיטעט דעם העכסטן צייכן, וואָס מען גיט אַרויס פֿאַר די בעסטע לערנערס אויף דער אַקאַדעמישער מדרגה, „סומאַ קום לאודע״.

אויך דאָן נאַטאַליאָס שוועסטער יוחנה וווינט דאָ, מיט איר מאַן, יחיאל רויטמאַן. פֿרײַנד רויטמאַן איז יאָרנלאַנג געשטאַנען בראש פֿון קרן־קימת און איז נאָך היינט אַקטיוו לטובת דער זעלביקער אינסטיטוציע. יוחנה איז לאַנגיאָריקע פּרעזידענטין פֿון ביקור־חולים, און אַן אַקטיווע טוערין אין

דער וויצאַ־פּאַרוואַלטונג. זיי פאַרמאָגן אַ גרעסטן טעכטערל, מרים, וועלכע פאַרענדיקט איצט מיטלשול.

וואָס שייך זיין ענגערן משפחה־קרייז, האָט פריינד גליזשיינסקי לעצטנס געליטן אַ שווערע אַבידה מיט דער פּטירה פון זיין לעבנס־באַגלייטערין געניע ע״ה, אַן אינטעליגענטע פרוי, וואָס האָט נאָך אין דער אַלטער היים, אין רומעניע, געהאַט געקראָגן דעם טיטל אויף פאַרמאַצעווטישער וויסנ־שאַפט, און האָט אין קאַראַקאַס אויך געענדיקט פסיכאָלאָגיע. זי איז נישט אָפּגעשטאַנען פון איר מאַן אין די אָנשטרענגונגען לטובת דעם געזעלשאַפט־לעכן לעבן פונעם ישוב. פאַר דער הערצל־ביאַליק־שול, איר מאַנס באַ־ליבטער אַנשטאַלט, איז זי גרייט געווען זיך מוסר־נפש צו זיין. איר פסיכאָלאָגיש וויסן האָט זי געשטעלט צו דינסט דער שול.

דאָס פּאָרפּאָלק האָט געהאַט דריי קינדער, וועלכע ציִען היינט ווייטער דעם יחוסדיקן פאָדעם פון זייער משפחה, סיי בנוגע דער געירשנטער טראַדיציע פון שטודירן און שטייגן אויפן אינטעלעקטועלן פראָנט, סיי בנוגע זייער באַטייליקונג אין יידישן לעבן, מיטאַרבעט אין אינסטיטוציעס, אאַז״וו.

יהודית האָט געענדיקט דעם יורי־פאַקולטעט, געלערנט סיי אין קאַראַקאַס, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און איז איצט טאַקע באַשעפ־טיקט ווי אַן אַדוואָקאַט. איר מאַן טשאַרלז קופער, אַן עקאָנאָמיסט, אַ מיט־גליד פון אַ גרויסער נאָרד־אַמעריקאַנער פירמע, איז אַ וואַרעמער נאַציאָ־נאַלער ייד, וואָס איז ממלא אַלע געזעלשאַפטלעכע התחייבותן און געניסט פון זייער אַ גוטן נאָמען אין זיין ישוב. דאָס פּאָרפּאָלק האָט דריי קינדערלעך, גליזשיינסקיס אייניקלעך, וועלכע זיצן איצטער אויף די שולבענק און גרייטן דאָרט זייער צוקונפט.

די צווייטע טאָכטער, חנה, האָט געענדיקט דעם דערציונגס־פאַקולטעט, אויך מיט די העכסטע אויסצייכענונגען (שוין אַ טבע אַזאַ אין דער משפחה...), און דינט איצט מיט איר וויסן דעם מוסטער־אַנשטאַלט פון ישוב, דעם אינסטיטוט „מאַראַל אי לוסעס״, ווי אויך דער העבראַיקאַ־שול, וווּ זי גיט קורסן סיי פאַר תלמידים, סיי פאַר די לערערס. איר מאַן, לעאָן לאַפּקאַ, איז אויך דאָקטער מעדיצין, ספּעציאַליזירט אויף נירן־קראַנקייטן. ער גיט אויך אָפּ צייט ווי אַן עסקן אין העבראַיקאַ, און איז דערציִונג־דירעקטאָר פון דער קהילה־אוניאָן. זיי האָבן דריי קינדער, וועלכע לערנען אין דער הערצל־ביאַליק־שול.

דער זון, אַלעקס, האָט אויך דעם טיטל דאָקטער מעדיצין אויפן פסיכיאַטרישן געביט. ער אַרבעט אין נאָרד־אַמעריקע אין איינעם פון די גרעסטע שפּיטעלער, ווו ער פאַרנעמט דעם דירעקטאָר־אַמט. זיין פרוי,

בעלינדאַ מאַטיאַס, איז אַ טאָכטער פון אַן אָנגעזעענער קאַראַקאַסער משפּחה: דעם כלל־טוער טיבאָר מאַטיאַס און זיין ווייב אַדעלאַ. ביידע, אַלעקס און בעלינדאַ, שטודירן אויך שפּראַכן אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָט דאָס איז, זייער בקיצור, דער דערוויילעקער סך־הכל פון אַ פּרוכטיק לעבן, פון וועלכן ס׳איז נאָך פאַראַן אַ סך צו דערוואַרטן. דאָן נאַטאַליאָ גליזשיינסקי שיינט־אַרויס מיט זיין זעלטענער פּערזענלעכקייט און מיט זיין רייכן לעבנסוועג, צווישן די רייען פון די קאַראַקאַסער עסקנים, ווי אַ פּראָטאָטיפּ פונעם אידעאַלן כלל־טוער: מיט טיפע וואָרצלען אין דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, מיט ברייטער אַלגעמיינער קולטור, איידל, איבערגעגעבן, און — אַ נאה דורש ונאה מקיים, דאָס הייסט, אַזאַ איינער וואָס פירט אויס זיינע אידעאַלן אין זיין אייגענעם לעבן, מיטן זעלביקן אייפער און ברען מיט וועלכע ער דרשנט און פּריידיקט פאַר אַנדערע. הלוואי זאָל ער ווייטער אַזוי אָנהאַלטן לאַנגע יאָרן, און אָנרעגן אַנדערע אים נאָכצוטאָן.

ד״ר לעאָן וויזענפעלד — אַן עסקן לשמה

„ווּעמען גאָט גיט מיטן לעפל, און וועמען מיטן שעפל״ — איז אַן עכט יידיש פאָלקסווערטל, וואָס אַחוץ קונציק און חנעוודיק, איז עס אויך אמתדיק. דאָס ווערטל קומט מיר אויפן געדאַנק ווען איך פאַרגלייך צוויי שכנותדיקע יידישע ישובים: מיין אייגענעם קאָלאָמביאַנער ישוב און דעם „העלד״ פון מיין איצטיק בוך, דאָס וועגעסועלער יידנטום.

כ׳האָב זיכער נישט קיין שום טענות צום לאַנד קאָלאָמביע, וואָס האָט אונדז, איינגעוואַנדערטע, אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס און אונדז קיין

לאַנגיאָריקער ראש הקהל פון קאַראַקאַס אַדוואָקאַט לעאָן וויזענפעלד מיט זיין פרוי (אַ בילד פון אַלטע גוטע צייטן).

מאָל נישט געלאָזט זיך פּילן ווי פרעמדע. פון מיר רעדט אויך נישט אַרויס קיין עקאָנאָמישע אַנטוישונג, ווייל קיין צו גרויסע השגות האָב איך קיין מאָל נישט געהאַט, און — בעסער צי ערגער, האָבן מיר, קאָלאָמביאַנער יידן, זיך יאַקאָש אויך אַן עצה געגעבן מיט ענין פרנסה. אלא וואָס? פּראָסט פּשוט: אַ מענטש בענקט נאָך אַ געוויסער גייסטיקער שפּייז, און אַ פאַקט איז אַז דער ווענעסועלער ישוב איז נישט נאָר צאָלרייכער און אָרגאַניזירטער ווי דער קאָלאָמביאַנער, נאָר ער האָט אויך געהאַט מזל צום גייסטיקן, קולטורעלן עלעמענט. נישט וועגן דעם יונגן דור רעד איך. דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז זיי זענען אַלע פּראָפעסיאָנאַלן און אוניווערסיטאַריער. אָבער אַפילו פון עלטערן דור, פון די געבוירענע אין אייראָפּע, האָט דאָס מזל צוגעשפּילט די ווענעסועלער שכנים, און אויף זייער חלק איז אויס־געפאַלן אַ גרעסערע פּראָפּאָרציע אינטעליגענטן, מענטשן מיט ברייטערער יידישער און אוניווערסאַלער קולטור, וואָס האָבן מיטגעווירקט, נישט ווינציקער ווי די גרויסע צאָל תושבים און די שפע באַליוואַרס, אַז דער ווענעסועלער ישוב זאָל זיין דאָס וואָס ער איז אין גייסטיקן לעבן.

צווישן די פיגורן פון עלטערן דור וואָס איך בין „מקנא" די ווענעסו־עלער, געפינט זיך אַ שטילער און פאַרדינסטפולער עסקן, דער גאַליציאַנער אַדוואָקאַט ד"ר לעאָן וויזענפעלד. כ'האָב זיך מיט אים נישט אָפט געטראָפן און זעלטן גערעדט, אָבער דאָס איז געווען גענוג פעסטצושטעלן אַז כ'האָב צו טאָן מיט אַן ערנסטן, איבערגעגעבענעם טוער פאַר זיין ישוב, און דערצו מיט אַ מענטשן וואָס האָט אין זיין לעבן דורכגעמאַכט פיל ביטערע וואָגלענישן, און אין אַלע אומשטאַנדן זיך אַרויסגעוויזן ווי אַ מוטיקער און אַנטשלאָסענער קעמפער פאַרן יידישן קיום. דערפאַר האָב איך זיך גאָר שטאַרק געפרייט ווען כ'האָב צוגעקראָגן ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן אים, און געזען אַז כ'וועל קענען אָפּשפּיגלען אים אַזוי ווי ער פאַרדינט עס אויף די זייטן פון מיין בוך.

ד"ר לעאָן וויזענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין 1905 אין טאַרנאָבזשעג, ביי אַ פרומער משפחה. געלערנט אין חדר און אויך מיט אַ מלמד אין דער היים. שפּעטער האָט די משפחה געלעבט אין קראָקע. די שטאָט האָט דעמאָלט געהאַט אַ 300.000 איינוווינער, און אַרום 10 פּראָצענט, ד"ה אַ דרייסיק טויזנט, זענען געווען יידן. דער דלות האָט געברענט אין די יידישע הייזער. דער גרעסטער טייל יידן זענען געווען אַרבעטער, האָרע־פּאַשינקעס, זייער שלעכט באַצאָלטע פאַר זייער ביטערער פּראַצע. די דאָזיקע סביבה איז געווען זייער נישט גינציק פאַרן אויפקום פון יידישע אינטעלעקטואַלן אָדער פּראָפעסיאָנאַלן. אָבער דאָס הויז פון די וויזענפעלדס איז געווען אַ מזלדיקער יוצא מן הכלל. גראָד ד"ר וויזענפעלדס פאָטער

איז געווען אַ גרויסער סוחר און ער האָט געקאָנט שאַפן פאַר זיין זון די מעגלעכקייטן, אַז ער זאָל באַקומען העכערע בילדונג. אַחוץ דעם, איז זייער היים געווען אַ מקום פון ציוניזם. דער פאָטער איז געווען אַן אָנגעזעענער אָנהענגער פון ציוניזם, און ווי אַזאַ האָט מען אים געקענט אין שטאָט און אויסער איר. דער יונגער, אינטעליגענטער לעאָן, האָט אין זיך איינגעזאַפּט די געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, וואָס האָבן אָנגעפילט זיינע עלטערנס שטוב. זיין שפּעטערדיקע קאַריערע ווי אַ פּראָפעסיאָנאַל און ווי אַ כלל־טוער, איז ענג פאַרבונדן מיטן ביישפּיל און מיט דער סביבה, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט זינט זיינע פריִסטע יאָרן. בכן, האָט פריינד לעאָן וויזענפעלד געלערנט יורי אויפן קראָקער אוניווערסיטעט, ווו ער האָט גלייכצייטיק אַקטיווירט אין די רייען פון דער סטודענטישער ציוניס־טישער באַוועגונג „השחר". מיטן אַדוואָקאַט־טיטל אין האַנט האָט ער זיך צוריקגעקערט אין זיין געבוירנשטאָט. דאָרט האָט ער געאַרבעט ביי זיין פּראָפעסיע און זיך באַטייליקט אין אַלגעמיינעם און יידישן עפנטלעכן לעבן, ווי אַ ראַטמאַן אין שטאָטראַט און ווי דער פאַרזיצער פון דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

סעפּטעמבער 1939 האָט דער אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אים געצוווּנגען איבערצורייסן אַלע זיינע טעטיקייטן און צו אַנטלויפן מיט זיין פרוי שרה און אַ דריי חדשימדיק טעכטערל קיין לוניניעץ, אינעם רוסיש־אָקופּירטן טייל פּוילן. דאָרט האָט ער אַ שטיקל צייט געאַרבעט ווי אַ מאַטעמאַטיק־לערער אין אַ מיטלשול. ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנצונעמען דעם סאָוועטישן פּאַספּאָרט, און דאָס האָט אים געקאָסט פאַרשיקט צו ווערן מיט דער משפּחה קיין סיביר.

אין 1942 ווערט ער באַגנעדיקט דורך אַן אַמנעסטיע און פאָרט קיין אוזבעקיסטאַן, ווו די פּוילישע גלות־רעגירונג פון לאָנדאָן באַשטימט אים פאַר אַ דעלעגאַט פון איר אַמבאַסאַדע אין דער שטאָט זיאַדין. אין דער דאָזיקער שטאָט האָט ד"ר וויזענפעלד אָרגאַניזירט אַ יתומים־היים פאַר פּוילישע קינדער, ווי אויך אַ היים פאַר פּוילישע אַלטע לייט און אינוואַלידן, מיט דער כוונה זיי שפּעטער צו עוואַקויִרן קיין טעהעראַן (פּערסיע). מען דאַרף אונטערשטרייכן זיין מסירת־נפש אויסצונוצן די דאָזיקע אויפגאַבע צו ראַטעווען פון דער סאָוועטישער פאַרשיקונג אַ גרעסערע צאָל יידישע קינדער. לויט די פאַרשריפטן פון דער פּוילישער רעגירונג, אין וועלכער עס האָבן אַפילו דעמאָלט נישט געפעלט קיין אַנטיסעמיטישע שטימונגען, האָבן אין די קאָנטינגענטן עוואַקויִרטע נישט געטאָרט זיין מער ווי עלף פּראָצענט יידישע קינדער, לויט דער אַלגעמיינער פּראָפּאָרציע פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, כאָטש אַלע האָבן וווּיל געוווּסט אַז

יידישע מלחמה־פּליטים שטעלן־פּאַר אַ פּיל גרעסערן פּראָצענט צווישן די פּוילישע פּאַרוואָגלטע קיין אוזבעקיסטאַן, און אַז זייער לאַגע איז בכלל וועזנטלעך אַנדערש ווי די פון אַנדערע פּאָטענציעלע עוואַקויִרטע. האָט ד״ר וויזענפעלד זיך איינגעשטעלט און האָט בסוד אָנגעזאָגט די יידן פון דער געגנט, און בפרט די יידישע קינדער, זיי זאָלן זיין אָמט זיך רעגיסטרירן אונטער פּאַלשע, עכט פּוילישע נעמען, ווי יתומים פון קאַ־טוילישע־פּוילישע עלטערן. אַזוי אַרום איז אים געראָטן נאָך אין 1942 אַרויסצוראַטעווען קיין טעהעראַן אַ גרעסערן קאָנטינגענט יידישע קינדער־פּליטים, וועלכע זענען שפּעטער, דורך דער פּאַרמיטלונג פון דער יידישער אַגענץ, אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל.

פון טעהעראַן איז ד״ר וויזענפעלד מאָביליזירט געוואָרן אין פּוילישן אַרמיי־קאָרפּוס פון גענעראַל אַנדערס און געשיקט געוואָרן קעמפן קעגן די דייטשן אין איטאַליע. ער האָט דאָרט אויך אויסגעפירט פונקציעס ווי אַן אַדוואָקאַט בעת קריגס־געריכטן.

נאָכן סוף פון דער מלחמה האָט ער זיך באַזעצט אין ווענעסועלאַ. אין 1962 איז ער אויסגעקליבן געוואָרן ווי דער וויצע־פּרעזידענט פון דער אוניאָן איסראַעליטאַ און פון 1966 ביז 1975 איז ער געווען איר פּרעזידענט. פון דעמאָלט אָן איז ער אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער ערן־פּרעזידענט־שאַפט. ער איז אויך עטלעכע מאָל באַשטימט געוואָרן ווי פּאָרזיצער פון ערן־טריבונאַל פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע.

ווי דער קהילה־פּרעזידענט פון אוניאָן איסראַעליטאַ, האָט ער רע־פּרעזענטירט דעם ישוב אויף פאַרשיידענע אינטערנאַציאָנאַלע יידישע צוזאַמענפאָרן.

זיין פרוי, שרה, איז אויך אַקטיוו אין ציבורדיקן לעבן: זי איז געווען פאָרזיצערין פון דער „וויצאָ״ צווישן 1971 און 1975. היינט צו טאָג איז זי ערן־פאָרזיצערין פון דער זעלבער אָרגאַניזאַציע, און אויך ראַטגעבערין.

די וויזענפעלדס האָבן צוויי טעכטער: די עלטערע, סעלינאַ, וואָס האָט ווי אַן עופהלע מיטגעמאַכט די וואָגלענישן פון אירע עלטערן אין די טראַגישע מלחמה־יאָרן, איז היינט אַן אַרכיטעקטין און אַ מאַמע פון דריי קינדער; די צווייטע, אסתר, האָט געענדיקט פּסיכאָלאָגיע אין צענטראַלן ווענעסועלער אוניווערסיטעט, און האָט צוויי טעכטער.

ווי ס׳איז צו זען פון דער בקיצור אָנגעצייכנטער ביאָגראַפיע, איז ד״ר לעאָן וויזענפעלד אַ מענטש וועמען דער גורל האָט שווער געפּרוווט און געשטעלט פאַר אַ ריי נסיונות. ער האָט אַלע מאָל אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער מדרגה ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד, און האָט פאַרשטאַנען צו דינען זיין פאָלק אין מאָמענטן ווען

זיין אייגענע זיכערקייט איז געשטאַנען אונטער אַ גרויסער סכנה. ס׳איז אויך קענטיק אַז זיינע איבערלעבענישן האָבן אין אים נאָך מער פאַרטיפט זיינע פריערדיקע ציוניסטישע איבערצייגונגען, און אין אים אַנטוויקלט דעם חוש צו דינען דעם יידישן לעבן ווי דער אמתער עסקן לצרכי ציבור שלא על מנת לקבל פרס, וואָס טוט זיין אַרבעט נישט ווייל ער דערוואַרט אַ לוין, נאָר ווייל געטריישאַפט צו זיין שטאַם איז שוין ביי אים געוואָרן אַ מין צווייטע נאַטור.

דער מזלדיקער וועגעסועלער ישוב האָט אין דעם פאַל ווידער „געכאַפּט אַ מציאָה״: אַ פאַרטיקע, ערשטקלאַסיקע אָנפירנדיקע פערזענלעכקייט, וואָס האָט פאַרן ישוב בייגעטראָגן דאָס בעסטע פון זיינע רייפע יאָרן און שטייט נאָך אַלץ ביי זיין רעכטער האַנט, ווי אַ געטרייער און דערפאַרענער בעל־יועץ און וועגווייזער.

סאַמועל מערענפעלד ע״ה

אין די עטלעכע און פופציקער יאָרן, בעת איך האָב צוליב געשעפטלעכע ענינים באַזוכט ווענעסועלאַ, איז מיר אויסגעקומען זיך אַראָפּצוכאַפּן פון קאַראַקאַס אין דער שטאָט וואַלענסיאַ, וואָס איז געווען — ווי כ׳דערמאָן אין אַנדערע שטעלן פון מיין בוך — דאָס וויגעלע פון יידישן ישוב אין ווענעסועלאַ, און ווו ס׳האָט נאָך דעמאָלט עקסיסטירט אַ היפשער יידישער קיבוץ.

בשעת דער רייזע אַהין, זיצנדיק און באַוווּנדערנדיק די ברייטע געפּלאַסטערטע וועגן פון ווענעסועלאַ, די איינציקע אין לאַטיין־אַמעריקע וואָס קענען זיך פאַרגלייכן מיטן רחבות פון די אַמעריקאַנער שאָסייען און שטראַזן — האָב איך מיר געטראַכט אַז כ׳וועל אויסניצן די געלעגנהייט פון מיין באַזוך אין וואַלענסיאַ זיך צו באַקענען מיט אַ יידן, וואָס זיין נאָמען איז מיר שוין געווען פון פריִער באַקאַנט: ה׳ שמואל מערענפעלד, אַ ייד אַ גביר און אַ באַקאַנטער עסקן, וואָס כ׳בין געווען נייגעריק אים צו קענען און אויך צו דערגיין צי איז ער נישט קיין קרוב מיט אַ קאָלאָמביאַנער משפחה מיטן זעלביקן נאָמען.

אָנגעקומען אין וואַלענסיאַ, בין איך גלייך פאַרפאָרן צו מערענפעלדן אין שניטקראָם. געווען זענען מיר סך הכל צוויי אַבסאָלוט פרעמדע יידן, אָבער צווישן אַחינו בני־ישראל, און נאָך צווישן יידישלעכע יידן דערצו, איז מען זיך נישט נוהג אין קיין לאַנגע „עטיקעט״־פּראָצעדורן: נאָך עטלעכע מינוט האָבן מיר שוין געשמועסט ווי אַלטע באַקאַנטע. כ׳האָב באַשטעטיקט זיין קרובהשאַפט מיט דעם קאָלאָמביאַנער מערענפעלד, און זיך דערוווּסט אַ ביסל פּרטים פון זיין פאַרגאַנגענהייט.

ר׳ שמואל מערענפעלד איז געבוירן געוואָרן אין באַלטי, בעסאַראַביע, אין 1898. ער האָט יונגערהייט חתונה געהאַט מיט חנה דולבערג, פונעם

בעסאַראַבער שטעטל נאַפּראַטאָווע. אין 1925 איז געבוירן געוואָרן זייער בכור, ראובן. אין 1932 האָט די משפּחה עמיגרירט פון רומעניע און זיך באַזעצט אויף אַ קורצער צייט אין פּערו, פון וואַנען זיי האָבן אַריבער־געוואַנדערט קיין ווענעסועלאַ. אין באַליוואַרס לאַנד זענען זייערע וווינ־ערטער געווען: צו ערשט טינאַקיליאַ, נאָך דעם וואַלענסיאַ און לסוף — קאַראַקאַס. אין 1935 איז געבוירן געוואָרן דער צווייטער זון, כאַקאַבאַ.

אין וואַלענסיאַ איז ר'שמואל מערענפעלד געווען צווישן די גרינדערס פונעם דאָרטיקן בית־הכנסת און פון דער קהילה, אין וועלכער ער האָט אַמטירט אַלס קאַסיר און שפּעטער אַלס פּרעזידענט. ער האָט אויך געפירט דאָרט אַ פּיאָנערישע ציוניסטישע טעטיקייט, מיסד געווען דעם וואַלענסיער אָפּטייל פון קרן־קימת לישראל, געשטיצט דעם קרן־היסוד און דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט. אַז אַ שליח פון אַ ציוניסטישער אָדער ישראל־דיקער אינסטאַנץ איז געקומען קיין וואַלענסיאַ, האָט ער שוין געוווסט אַז איינשטיין וועט ער אין שמואל מערענפעלדס רעזידענץ, וועלכע איז תמיד געשטאַנען אָפן פאַר אַלע נויטווענדיקייטן פון יידישן לעבן. נישט געקוקט אויף דער דאָזיקער פאַרצווייגטער יידיש־ציבורדיקער טעטיקייט, האָט ה' מערענפעלד אויך געשפּילט אַ דעצידירנדיקע ראָלע אינעם אַלגעמיינעם עקאָנאָמישן לעבן פון דער שטאָט, ווו ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דער אָרטיקער האַנדלס־קאַמער.

אין קאַראַקאַס האָט מערענפעלד ממשיך געווען זיין ציוניסטישע אַרבעט, און זיינע שוין דערוואַקסענע זין האָבן נאָכגעטאָן זייןביישפּיל. מיטן ייִנגסטן, כאַקאַבאַ, וועלכער האָט זיך גראַדויִרט ווי אַ ציוויל־אינזשעניער, האָט ער אויך געהאַט געמיינזאַמע עקאָנאָמישע אונטערנעמונגען אויפן געביט פון קאָנסטרוקציע: אַ ריי מאָדערנע בנינים אין די שענסטע שטאָט־געגנטן זענען דער רעזולטאַט פון יענער שותפות צווישן פאָטער און זון.

אויף די עלטערע יאָרן איז שמואל מערענפעלדס ציוניסטישער אייפער נישט נאָר אָפּגעפאַלן, נאָר ער האָט זיך נאָך מער צעגליט: ער האָט נישט אויפגעהערט צו שטיצן און וועקן לטובת מגבית; אין 1967, בעת דער זעקס־טאָגיקער מלחמה, איז ער צוגעשטאַנען אַקטיוו צום עמערגענץ־קאַמפּיין. דער קרן־היסוד האָט אים עטלעכע מאָל באַערט, און סיי קרן־קימת, סיי אוניאָן איסראַעליטאַ, האָבן אים צוגעטיילט ערטער אין זייערע אָנפירנדיקע אינסטאַנצן.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין אַקטיווער און דינאַמישער עקסיסטענץ האָט מערענפעלד אַרויסגעוויזן זיין טיפע זאָרג פאַר דער צוקונפט פון דער יידישער דערציונג אין זיין ישוב; אויף דעם געביט, איז ער געווען צווישן די גרינדערס פונעם „סעפּעק" (עקאָנאָמישער קאָמיטעט פאַרן חינוך) וואָס

שטייט בראש פונעם קאָלאָסאַלן שולפּראָיעקט וואָס בויט זיך איצטער אויפן שטח פון דער „העבראיקאַ" אין לאָס טשאַרראָס.

שמואל מערענפעלדס פּטירה אין סעפּטעמבער 1977, אין עלטער פון כמעט 79 יאָר, האָט צוגענומען ביים ישוב אַן אַקטיוון און אַחריותדיקן עסקן, וואָס האָט אויף אַ ווירדיקן אופן, אין משך פון לאַנגע יאָרצענדליגער, מיטגעהאָלפן גרינדן און גרונטפעסטיקן דעם פּרעכטיקן בנין פון וועגעסועלער יידנטום. ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך געזעלשאַפטלעכע דערגרייכונגען און אַ פאַרדינטן גוטן שם, אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט קינדער, וועלכע זענען ממשיך זיין לעבנסוועג פון באַוווסטזיניקער באַטייליקונג אינעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן. זיין זון ד"ר ראובן מערענפעלד צייכנט זיך באַזונדערס אויס ווי אַ פּערזענלעכקייט אין דער יידישער און אין דער אַלגעמיינער וועלט, און פאַרדינט דערפאַר אַ באַזונדערן אָפּטייל אין אונדזער בוך.

ד״ר ראובן מערענפעלד

דער בכור פון שמואל מערענפעלד און מרת חנה דולבערג איז געבוירן געוואָרן, ווי זיין פאָטער, אין באַלטי, רומעניע, אין 1925. אין עלטער פון



ד״ר ראובן מערענפעלד

זיבן יאָר איז ער געקומען מיט זיינע עלטערן אין די אַמעריקעס, און האָט געוווינט, ווי שוין דערמאָנט, אַ קורצע צייט אין פערו און נאָך דעם, אין ווענעסועלאַ.

ראובן מערענפעלד האָט דורכגעמאַכט אַ גיכע און איבעררעשנדיקע ווויסנשאַפטלעכע קאַריערע. אין 1949, אַלט זייענדיק קוים 24 יאָר, האָט ער געענדיקט ווי דאָקטאָר מעדיצין אין צענטראַלן וועגעסועלער אוניווערסיטעט, און צוליב זיינע אויסערגעוויינטלעך הויכע צייכנס באַלד פאַרנומען אַמטן אין וויכטיקע שפּיטאָלן. זיין ספּעציאַליטעט איז די באַהאַנדלונג פון ראַק־קראַנקייטן.

ד״ר ראובן מערענפעלד איז אָבער זייער ווייט פון זיין אַ געוויינטלעכער מעדיצינער. ער געהערט צו דער געקליבענער מחנה הויך־ספּעציאַליזירטע פאָרשערס וואָס פירן — אין די וויסנשאַפטלעכע צענטערס און לאַבאָראַטאָריעס פון דער פאַרגעשריטענער וועלט — אַן אומדערמידלעכן קאַמף קעגן דעם דאָזיקן גרויסן שונא פון מענטשלעכן לעבן, די קאַנסער־קרענק. זיין קוריקולום ווייזט אַז ער איז אַ וועלט־אַנערקענטע פּערזענלעכקייט, פון די יחידי־סגולה, פון וועלכע די מענטשהייט דערוואַרט אַ דערלייזונג פאַר דער שרעקלעכער און אומברחמנותדיקער מחלה.

ד״ר מערענפעלד איז היינט צו טאָג אינסטרוקטאָר פאַר כירורגישער סעמיאָלאָגיע אין צענטראַלן וועגעסועלער אוניווערסיטעט, גרינדער און אַנפירנדיקער מיטגליד פון פאַרשיידענע קאַנסערלאָגישע געזעלשאַפטן און שטודיר־צענטערן, קאָרעספּאָנדענט פון די שייכדיקע געזעלשאַפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן און ישראל — צוויי לענדער וואָס שטייען בראש פון אַלע אַנדערע מדינות אויף דעם דאָזיקן געביט, און ווו ד״ר מערענפעלד האָט זיך באַטייליקט אין ספּעציאַליזיר־קורסן אין די העכסטע און פּרעסטיזשפולסטע לערן־אַנשטאַלטן, — אָנפירער פון אָנקאָלאָגיע־ און ראַדיאָלאָגיע־באַדינונגען אין עטלעכע שפּיטאָלן, און נאָך אַ סך אַמטן און טיטלען וואָס זאָגן עדות אויף אַן אויסערגעוויינטלעכער, ערשטראַנגיקער טעטיקייט ווי אַ מעדיצינער, פאָרשער, דאָצענט און פּאָפּולאַריזירער פון די נייסטע קאַמפמיטלען קעגן ראַק־קראַנקייטן.

אַז מען טוט אַ קוק אויפן צעטל פון ד״ר מערענפעלדס באַשעפטיקונגען אינעם תחום פון זיין פּראָפעסיע, ווערט מען פּשוט דערשטוינט: ווי קען עס איין מענטש אַליין אויסטראָגן די לאַסט פון אַזוי פיל פונקציעס און אַרבעטן, בפרט נאָך פון אַזאַ הויכן קאַליבער, וואָס זיי לאָזן זיך נישט דערליידיקן כלאחר־יד, אויף איין פוס, נאָר יעדע איינע פון זיי פאָדערט צו־צולייגן די פולע מאָס אינטעליגענץ, ענערגיע און אַרבעטס־פעיקייט פון אַ מענטש? דאַכט זיך, ער טוט גענוג אַרבעט פאַר צען פאָרשערס און וויסנשאַפטלערס! היינט גיי שטעל זיך פאָר, אַז דאָס צעטל פון זיינע יידיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן איז נישט נאָר נישט קלענער, נאָר אפשר נאָך לענגער ווי דאָס מעדיצינישע! הערט און שטוינט: ד״ר מערענפעלד איז

געווען גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון דער בני־ברית־ברידערשאַפט „סימאָן באָליוואַר" אין 1955, וויצע־פּרעזידענט פון דער קהילה „אוניאָן איסראַעליטאַ" (1958 און 1962) פון די גרינדערס, און היינט ווידער, פּרעזידענט פון „קאיוו", די קאָנפעדעראַציע פון יידישע אָרגאַניזאַציעס אין ווענעסועלאַ, מיטגליד פון דער אָנפירערשאַפט פון דער ציוניסטישער לאַנד־פעדעראַציע פון 1970 ביז 1972. היינט צו טאָג איז ער פאַרוואַלטונג־מיטגליד פון דער אוניאָן איסראַעליטאַ, פאָרזיצער פון „סעפּעק" (עקאָנאָ־מישער קאָמיטעט פאַרן חינוך) און אַן אַקטיווע פיגור אין דער ציוניסטישער אָנפירערשאַפט. דריי מאָל איז ער געווען דעלעגאַט אויף ציוניסטישע קאָנ־גרעסן, ווי אויך פאָרשטייער פון זיין ישוב אויף די וויכטיקסטע צוזאַמענ־פאָרן פון יידישן וועלט־קאָנגרעס און פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס.

מיט איין וואָרט: ד"ר ראובן מערענפעלד איז אַ פּילוייטיקע פיגור, מיט פּראָפילן פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן געלערנטן און פון אַ נאַציאָנאַלן יידישן מנהיג. דער ישוב שטאָלצירט מיט אים ווי מיט איינעם פון דער פּלעיאַדע יונגע פּראָפעסיאָנאַלן וואָס ציען ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון יידישן לעבן וואָס זייערע עלטערן, די פּיאָנערן, האָבן דאָ געגנומען וועבן, און טראָגן אַנטקעגן דעם זייער גרויסן באַגאַזש פון זייער העכערער בילדונג, וואָס זיי איז באַשערט געווען צו קריגן אַ דאַנק די גרויסע אָנשטרענגונגען פון דעם ערשטן דור אימיגראַנטן.

ד"ר מערענפעלדס לעבנס־באַגלייטערין איז פרוי ליאַ קאָהן, אַ ספּעצ־יאַליסטקע אויף קלינישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס שטייט איצט בראש פונעם פילאַנטראָפּישן פאַמיליע־אינסטיטוט פון בני־ברית.ביידע זענען זיי אַ מוסטער פון געטריישאַפט צום ישוב און צום לאַנד; אַ פאָרפאַלק אין וועלכן דאָס ווענעסועלער יידנטום שפּיגלט זיך און אויף וועלכן עס ווערן געלייגט די גרעסטע האָפענונגען.

די פאַמיליע יעגערמאַן — אַ ניי לעבן וואָס גייט אויף פון אַש

שמאַי יעגערמאַן ז״ל

פאַר יידן פון אונדזער דור, פונקט ווי פאַר יידן פון אַלע צייטן, איז נישט קיין נייס צו זען ווי מענטשן פון אונדזער פאָלק, געררודפטע און געפייניקטע, קוים ניצול־געוואָרענע פון די משונהדיקסטע פאַרפאָלגונגען און רציחות, קומען־אָן אין אַ נייעם מקום־מקלט און נעמען זיך ווידער בויען זייער אייגן לעבן און דאָס אַלגעמיינע יידישע לעבן, מיט אַן עקשנות און אַ בטחון וואָס אין זיי שטעקט, מסתמא, דער סוד פון אונדזער צוויי טויזנט־יאָריקן קיום איבער דער וועלט. די גויישע לעגענדע וועגן דעם פעניקס־פויגל, וואָס ווערט אויף ס׳ניי געבוירן פון זיין אייגענעם אַש, איז אין אונדזער געשיכטע כמעט אַ טאָג־טעגלעכער גאַנג. דאָך, ווערן מיר אַרומגעכאַפּט פון אַ געפיל פון דערהייבונג, ווען מיר זעען מיט די אייגענע אויגן ווי די דאָזיקע וווּנדערלעכע היסטאָרישע דערשיינונג חזרט זיך איבער, און מיר באַקענען זיך מיט די מענטשן אויף וועלכע דער גורל פון דער אומה האָט אַרויפגעוואָרפן דעם דאָזיקן פינצטער־ליכטיקן גזר.

אַזעלכע מחשבות קומען ביי מיר אויף ווען איך טראַכט וועגן שמאַי יעגערמאַן און זיין משפחה. מיין בוך איז נישט דאָס ערשטע אָרט וווּ שמאַי יעגערמאַנס נאָמען ווערט דערמאָנט אין דרוקשריפט. אַ סך איז שוין געשריבן געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן זעלטענעם מענטש, און פאַר מענטשן וועלכע בלעטערן יידישע צייטונגען איז זיין נאָמען וווּל באַקאַנט. אויך מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים איז, לײדער, נאָר דורך זיינע אייגענע צייטונגס־אַרטיקלען און דורך דעם, וואָס איך האָב וועגן אים געלייענט און געהערט. איך האַלט אָבער אַז אַזאַ פיגור טאָר נישט בלייבן אין שאָטן פון דער פאַר־גייענדיקער זשורנאַליסטיק, און האָט זיך פאַרדינט אַריינגענומען צו ווערן אין דער רעלאַטיוו־ער אייביקייט פון אַ בוך.

שמאַי יעגערמאַן האָט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן גרויל פון לעצטן חורבן אין באַרימטן אומקום־לאַגער פון טראַנסניסטרע. דורך טויזנטער ניסים האָט ער געראַטעוועט זיין לעבן און דאָס לעבן פון זיין פרוי און ביידע זין. אין 1948 זענען זיי אָנגעקומען אין ווענעסועלאַ. דאָ האָבן זיי זיך גענומען



אַ קלאַס שילער פון דער הערצל־ביאַליק שול — מזל ברכהדיקער המשך

ביסלעכווייז ווידער אויפבויען זייער לעבן, אַוועקשטעלן זייער היים אויף פעסטע יסודות. טאַטע־מאַמע האָבן זיך גיך איינגעגלידערט אין אַקטיוון יידישן לעבן. די זין — וועגן זיי וועל איך שפּעטער דערציילן — האָבן זיך געכאַפּט אָניאָגן אין אוניווערסיטעט די יאָרן וואָס דער היטלעריזם האָט ביי זיי צוגעזולט.

שמאַי יעגערמאַן האָט נישט געהאַט קיין שוואַכקייט צו מישן זיך אין קהל. דאָס האָט ער געלאָזט פאַר אַנדערע. ער איז אָבער בשום אופן נישט געווען גלייכגילטיק, נישט געשטאַנען מן־הצד. קרן־קימת איז געווען זיין שענסטע פאָן און העכסטער אידעאַל. פאַר איר האָט ער אַוועקגעגעבן זיינע בעסטע כוחות, אַפילו ווען דאָס איז געווען אויפן חשבון פון זיין קראַנק האַרץ.

אים איז אויך נישט געווען פרעמד די פעדער, און גראָד אַזאַ פעדער, וואָס אַ סך וואָלטן זיך געוווּנטשן. ער האָט געשריבן פערל, סיי אין פערזן, סיי אין פּראָזע. האָט באַהערשט שפּראַכן, העברעיש נישט ווינציקער ווי יידיש, און ביידע זענען ביי אים געווען — קודש. און אין צייטן ווען די מערכה פון יידיש איז געפאַלן, און אַ סך האָבן אונדזער לשון געוואָלט פאַרשטופן אין אַ ווינקל, איז ער געווען צווישן די מאַנערס פאַרן כבוד פון מאַמע־לשון. אויב מאַקס פריליך האָט געשטורעמט פאַר יידיש, האָט שמאַי יעגערמאַן מיט נישט וויניקער פייער אַרויסגעבראַכט זיין קדושה־באַציונג צו דער שפּראַך.

אַ קליינער עפּיזאָד וועט דאָס אילוסטרירן. געווען מיט יאָרן צוריק אַ יידישע צייטונג, טאָקע אויף מאַמע־לשון, וואָס אַ קראַקאָסער תושב, פּראָפ׳ אַברהם סטעמפּעל, האָט אַרויסגעגעבן. סטעמפּלען האָט מען אָבער אַנגאַזשירט זיך אַריבערצופּעקלען קיין מעקסיקע צוליב אַ געוויסער שליחות. ווי ס׳איז דער איינפיר, האָט מען פאַר אים אָרגאַניזירט אַ געזעגן־מסיבה. און שמאַי יעגערמאַן איז דאָס געווען דער, וואָס האָט זיך דערוועגט צו פאַרשטערן דעם יום־טובדיקן טאָן און פרעגן: וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב? אַ יום־טוב וואָס מען איז קובר אַ יידישע צייטונג? און די צייט האָט אים געגעבן גערעכט. כאָטש דער גורל האָט סטעמפּלען שנעל צוריקגעבראַכט קיין קראַקאָס, איז אָבער צוריק שאַפן און אויפבויען אַ סך שווערער, ווי אומברענגען און צעשטערן. אפשר, ווייל אויף דעם יידישן קראַקאָס איז אַלץ צו גלייבן, וועט נאָך די ערד אַ מאָל זען אויף ס׳ניי דעם געבורט פון אַ יידיש־יידישער צייטונג. הלוואַי, אָמן. און דאָס וועט אונדז כאָטש דינען ווי אַ טרייסט, אַז יידן ווי שמאַי יעגערמאַן ע״ה און זיינס גלייכן האָבן נישט געווייטיקט אומזיסט.

פרוי דאָראַ יעגערמאַן

אין דער רוישנדיקער העבראַיקאַ, ווו די יוגנט טוט אַריין איר געזונטן ברען און ענטוזיאַזם אין אַלע ספּאָרט־צווייגן, און עלטערע מענטשן שפּאַצירן־אַרום מיט האַלב־אָפּגעדעקטע לייבער — אַ סגולה אַריינצוכאַפּן „אַ שטיק געזונט" פון דער מילדער קאַראַקאַסער זון — האָבן מיר אַרומשפּאַצירט, מיין פרוי און איך, ווי געוויינטלעך, מיט דער באַגלייטונג פון טייערן פריינד און וועגווייזער מאַקס פריילין. יידן זיצן ביי טישלעך, ביי אַ געמיטלעכן שמועס צי ביי אַ שאַכברעט, אויסגעטאָן פון דער וועלטס זאָרגן, פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע די ביטערקייטן פון דער היינטצייטיקער וועלט־פּאָליטיק און געניסן פון אַ קאָפּעלע עולם־הזה.

פריילין פירט אונדז און אינפאָרמירט: ביי דעם טיש זיצט דער און יענער, ביים אַנדערן טישל... און „ביי דעם טישל" זיצט די אַלמנה יעגערמאַן. דאָ פיל איך אַ צופּ ביי דער נשמה. איך פיל, אַז דאָ דאַרף מען איינהאַלטן דעם גאַנג, בלייבן שטיין. מיר ווערן פאָרגעשטעלט פאַר פרוי דאָראַ יעגערמאַן. אַ גרויסע מתּנה. איצט וועט שוין מיין קאַפּיטל וועגן דער משפּחה יעגערמאַן זיין אַ גאַנץ קאַפּיטל.

מיר זעצן זיך אַוועק. איך פיל אַ סאַטיספאַקציע, וואָס פרוי יעגערמאַן קען שוין מיין נאָמען פון מיינע ביכער. און גלייך נעם איך פאַרצייכענען מיינע איינדרוקן וועגן דער דאָזיקער אידעלער פרוי, די לעבנס־באַגלייטערין פון אַזאַ טייערן מענטש ווי דאָס איז געווען שמאַי יעגערמאַן ע"ה.

איך שפּיר אין איר דעם אומעט פון אַ לעבן וואָס האָט פאַרלוירן דעם וויכטיקסטן, צענטראַלן אינטערעס. נאָר דאָך, איז אין איר אויך פאַראַן דער שטאַרקער אימפּולס פון לעבן, וואָס ציט ווי אַ מאַגנעט, לאָזט נישט אַ מענטש זאָל זיך אָפּשליסן פון זיינע מיטמענטשן ווי אין אַ תּפיסה, נאָר הייסט אים אַרויסקומען, זוכן געזעלשאַפט. גיין ווו מענטשן זענען פאַראַן, ווו איר אייגן בלוט און פלייש איז אויך דאָ. זען אַ קינד, אירע אייניקלעך. און מיט אַזאַ שטימונג הייב איך אָן פאַרצייכענען דאָראַ יעגערמאַנס לעבנסוועג.

פרוי דאָראַ יעגערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט באָבקאַ, גאַליציע, אין שכנות פון האָראָדענקאָ און קאָלאָמיי. איר פאָטער, חנא קאָהן, איז געווען אַ ייד אַ בן־תּורה, אַ תּלמיד־חכם, אַ גרויסער קענער אין תּלמוד. ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה אין פוילן. די מוטער, חיה־טובה נייבערגער, האָט געשטאַמט פון אַ דערפל, דאָבק. ר' חנא איז געווען אַ גוטבאַזיצער. דאָראַ האָט זיך אין דער היים גראַדויִירט ווי אַ לערערין און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דערציִונג אין משך פון 20 יאָר.

אין 1921 האָט זי חתונה געהאַט. יעגערמאַן איז געווען אַ גראַדויִרטער

בוכהאַלטער, כאָטש ער האָט די פּראָפעסיע קיין מאָל נישט פּראַקטיצירט.

נאָכן חורבן, וועלכן זיי האָבן על־פּי־נס און דורך שרעקלעכע יסורים איבערגעלעבט, האָט איר ברודער, מאָטע קאָהן, איינער פון די ערשטע יידן אין וווּנעסוועלאַ, זיי אַריבערגעבראַכט קיין קאַראַקאַס. זיי האָבן דאָ געעפנט אַ געשעפט און געלעבט פון מסחר. די אינטעליגענטע פרוי יעגערמאַן איז נישט געשטאַנען אָן אַ זייט פון געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. דאָס רוב יידישע פרויען פון קאַראַקאַס ווייזן דעם שענסטן ביישפּיל אויף דעם געביט. און פרוי יעגערמאַן איז געוואָרן איינע פון דער מחנה, וואָס שטייט געטריי אויף דער וואַך צו באַשיצן יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע נייטיקן זיך אין ערלעכע יידישע הענט און גוטע יידישע הערצער. זי האָט דער עיקר מיט־געאַרבעט פאַרן ישראלדיקן אילן־אַנשטאַלט, צו רעהאַביליטירן קראַנקע און גייסטיק־צוריקגעשטאַנענע קינדער. זי האָט אויך געדענקט וואָס די תורה זאָגט — עניי עירך קודמים — די אָרעמע־לייט פון דער אייגענער שטאָט זענען פריִער — און אַזוי ווי אויך אינעם שפּעדיקן יידישן קאַראַקאַס זענען דאָ יידן נצרכים, האָט זי אָפּגעגעבן פיל מי און האַרץ דער אַרבעט פאַרן ביקור־חולים. אַזוי איז איר גאַנץ לעבן אויף דער וווּנעסוועלער ערד אָנ־געגאַנגען ווי אַ נישט איבערגעריסענע פּרשה פון הומאַניטאַרער טעטיקייט פאַרן דרויסן און אַ האַרציק, איידל צוזאַמענלעבן אין איר פיינער קול־טורעלער היים.

איצט האָט דער טויט, צום באַדויערן, אָוועקגעריסן די הויפּט־זייל פון אָט דער היים. אָבער שמאַי יעגערמאַנס זכרון לעבט אין איר, פּונקט ווי אין די הערצער פון די פיל פריינד וואָס קומען אַלע יאָר באַערן זיין אָנדענק צום יאָרצייט. פרוי יעגערמאַן גיט מיר איבערצולייענען שמאַיס לעצטן אַרטיקל געדרוקט אין „יידישע צייטונג" פון תל־אביב קורץ פאַר זיין פּטירה, וואָס הייסט „דער סוד פון מעשה־בראשית" און האָט אַן אונטער־קעפּל, אלול־געדאַנקען. גלייך וואַרפט זיך אין די אויגן דער פאַראַגראַף: אלול, ערב יום־הדין... און מיט וואָס פאַר אַ טיפער פשטות ער רעדט אַרום דעם פאַרויסגעפילטן טויט, פאַררופט זיך אויף דער קהלת־פילאָסאָפיע, פאַרמישט מיט געניטשאַפט זיין אייגענע מחשבה מיט די אוראַלטע יידישע מקורות און באַגריפן פון מאָדערנער וויסנשאַפט!

איך געזעגן זיך מיט פרוי יעגערמאַן און גיי אַוועק אַן עמאָציאָנירטער, אַ באַרייכערטער דורך דעם שיינעם טיף־מענטשלעכן קאַפּיטל, וואָס איר שמועס האָט פאַר מיר אויפגעמישט.

ווילי יעגערמאַן

מיט דעם יונגן מאַן האָב איך זיך באַקענט בערך מיט צען יאָר צוריק אין באָגאָטאַ, ביי מיר אין ביוראָ. ער איז דאַן געקומען אין באַגלייטונג פון זיין שותף, הער מאַרקוס, אַן אַלטער תושב פון קאַראַקאַס און אַ גרויסער ליבהאָבער פון אונדזער יידישער קולטור. ער האָט דעמאָלט געהאַלטן ביי די פערציק יאָר. כ׳האָב נאָך דאַן נישט געוווסט אַז דאָס שטייט פאַר מיר אַ יונגער מאַן מיט אַזאַ גרויסן יחוס־אָבות. אָבער אויך זיין אייגענע פער־זענלעכקייט האָט אויף מיר געמאַכט נישט קיין קליינעם רושם. און אַוודאי האָב איך נישט געחלומט, אַז מיר וועט באַשערט זיין אַמאָל צו שרייבן די ביאָגראַפיע פון זיין משפחה, ווי בכלל פון גאַנצן וועגעסועלער ישוב, וואָס פאַרמאָגט, כ׳לעבן, גענוג יונגע און טאַלאַנטירטע שרייבערס, וועלכע וועלן נאָך אין דער צוקונפט דאַרפן דערגאַנצן דאָס פאַרבנרייכע בילד, פון וועלכן איך דעק־אויף דאָ נישט מער ווי אַ שמץ, אַ קליינעם טייל.

ווילי איז געבוירן געוואָרן אין 1927. צו פיר יאָר איז ער שוין געזעסן אויף דער חדר באַנק און געקנעלט חומש. צו זיבן, האָט ער שוין געלערנט גמרא בבא מציעא, ווי עס פאַסט פאַר אַן אייניקל פון ר׳ יעקב יעגערמאַן, אַ ייד אַ יודע־ספר און אַ בטוח אין שטאָט, ביי וועמען מען האָט איינגעלייגט וואָרטזאַכן און נדנס.

פאַרשטענדלעך, האָט ער אויך דורכגעמאַכט אַלגעמיינע לימודים. אָבער דאָס שטודיום איז אים איבערגעהאַקט געוואָרן ווען עס איז די ריכטיקע צייט צו שטודירן. דעמאָלט איז זיין לעבן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער אַכזריותדיקער גזירה, וואָס האָט אומגעברענגט כמעט דאָס גאַנצע אייראָ־פּעישע יידנטום. דריי יאָר האָט ער זיך געפייניקט אינעם גרויזאַמען טראַנס־ניסטרע־לאַגער. ערשט נאָך דער באַפרייונג האָט ער באַוויזן דורכצומאַכן די מיטלשול.

קיין קאַראַקאַס איז ער געקומען אַ 20־יאָריקער בחור, צוזאַמען מיט זיין משפחה. און שוין אויף דער נייער ערד פון וועגעסועלאַ, ערשט העט אין 57סטן יאָר, האָט ער געהאַט די אַמביציע, אַז ער מוז עפּעס צוריק דערגרייכן פון זיינע שטודיר־פּלענער. מיט התמדה האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט אין אוניווערסיטעט, אויף אַ נייער שפּראַך, און אין 1962 האָט ער געענדיקט ווי אַן עקאָנאָמיסט. אָט זעען מיר ווי דער אומגעבראָ־כענער ווילן זיינער, און זיין שאַרפער קאָפּ, האָבן אים געהאָלפן בייצוקומען שטרויכלונגען, וואָס אַנדערע וואָלטן זיך זיי אונטערגעגעבן. דאָס אייגענע מעג מען זאָגן וועגן זיין ברודער סאָלאָ, וועלכער איז היינט אַ בוי־אינזשעניער.

איצט איז ווילי יעגערמאַן אַ באַטייטנדיקער אינדוסטריאַל אין קאַראַ־

המועצה העולמית למען יידיש ותרבות יהודית
וועלטראט פאר יידיש און יידישער קולטור

קאַס. זיינע געשעפטן דאַרפן אים נייטיק האָבן. נאָר אַ מענטש וועדט דאָך נישט געבוירן צו דערפילן בלויז איין שליחות אין לעבן — האָט זיך אונדזער ווילי אָנגעשלאָסן אין דער גרויסער אַרמיי עסקנים פון זיין ישוב.

דאָס עסקנות ליגט אים אין בלוט. אַ חוץ וואָס מיר האָבן שוין דער־ציילט וועגן זיין פאָטער, איז ער דאָך פון דער מאַמעס צד פאַרבונדן מיט דער אַלט־איינגעזעסענער און פאַרצווייגטער פאַמיליע קאָהן, וועלכע ציילט אפשר הונדערט מיטגלידער, און צווישן זיי אַ סך אָנגעזעענע טוערס. גענוג צו דערמאָנען ווילים פעטערס, אַברהם־מאָטע, זשאַק, איזי און רודאָלף קאָהן, און זייער נאָכקום: איזיס טאָכטער ליאַ און איר מאַן, דער גוט־באַקאַנטער מעדיצינער און עסקן ד״ר ראובן מערענפעלד, אָדער מאָטע קאָהנס טאָכטער, מאַרינאַ בעקער־קאָהן, אַ שרייבערין און אַקטיוויסטין מיט אַ פאַרכּישופנ־דיקער פערזענלעכקייט, אַן אמתע יידישע פרינצעסין, אָדער איר שוועסטער דיטאַ, אַזאַ גרינטלעכע און אַחריותפולע עסקנטע אַז מען באַצייכנט זי שוין אַזש ווי אַ צווייטע סאָפּיאַ מישקין.

אויך דורך זיין אייגענעם דור איז ווילי פון אַלע זייטן געקניפּט מיט יידישער אַרבעט: זיין שוועגערין מרים, סאָלאָס פרוי, איז אַ לערערין אין דער הערצל־ביאַליק־שול, און זיין אייגענע פרוי, פּריטסי, באַטייליקט זיך אויך אין ציבורדיקער טעטיקייט.

ווילי יעגערמאַן האָט זייט זיינע יוגנט־יאָרן געהערט צו די אַלגעמיינע ציוניסטן. צווישן 1970 און 1973 איז ער געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה אוניאָן איסראַעליטאַ. פון 1973 ביז 1976 געווען פּרעזידענט פון העבראיקאַ; איצט איז ער וויצע־פּרעזידענט. ער איז אַ גרויסער ענ־טוזיאַסט פונעם בויפּלאַן פון דער שול פאַר דריי טויזנט יידישע קינדער ביי דער העבראיקאַ.

לאָמיר פאַרענדיקן מיט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד. ווילי יעגערמאַן און הילאָ אָספּעלד, ראש־הקל פון דער אוניאָן איסראַעליטאַ, זענען יוגנט חברים. נאָך פון קינדווייז געזעסן צוזאַמעןביים זעלבן טיש אין חדר. היינט זענען זיי פאַרבונדן נישט נאָר אין פריינדשאַפט, נאָר אויך ווי שותפים אין געוויסע געשעפטן. אַזעלכע פאַלן קען מען נאָר באַצייכענען ווי אַ גורל־זאַך, און דאָס האָט אין זיך אַ סך שיינקייט.ביידע אין זעלבן עלטער; ביידע מיט ענלעכער בילדונג; ביידע מיט אונטערנעמערישן פאַרנעם. און ביידע מיטן זעלביקן אומרו און איבערצייגונג, אַז דאָס לעבן איז נישט און טאָר נישט זיין קיין ענגהאַרציקס, קיין עגאָאיסטישס, — נאָר אַ באַ־וווסטזיניק יידיש לעבן מוז אויך געהערן צום כּלל. אַזוי פאַרשטייען זיי ביידע, און דערפאַר דריקט דער שרייבער פון די שורות אויס דעם גרעסטן דרך־ארץ פאַר זיי ביידן און פאַר דעם אידעאַל וואָס זיי פאַרקערפּערן.

פייערלעכע דערעפענונג פונעם וועלטראַט פאַר יידיש און יידישע קולטור. עס זיצן אין פרעזידיום (פון רעכטס) י. סטאָלאַרסקי, ש. גובערעק, י. קערלער, י. וואַרשאַווסקי, מ. צאַנין, דב סדן, א. סוצקעווער, יצחק קאָרן (לייענט זיין באַגריסונג־וואָרט), י. מלאָטעק, פּראָפ. לערמער, י. דינער, י. גלאַנץ, ח. פינקעלשטיין, י. פּאַלאַטיצקי

סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט

דער ווענעסועלער יידישער ישוב איז געגליכן צו אַ בליִענדיקן בוים, וועלכער ציט זיין יניקה, זיין לעבנזאַפט, פון צוויי פאַרשיידענע שיכטן אין


La Unión Israelita de Caracas
Considerando:
Considerando:
Considerando:
Considerando:
La Junta Directiva de la Unión Israelita de Caracas
Acuerda:

דיפּלאָם מצד „די קהילה אוניאָן איזראַעליטאַ אין קאַראַקאַס"
פאַר סאַמועל קולאַ ראָזנבלאַט און פרוי.

זיין מענטשלעכן באָדן. די דאָזיקע צוויי שיכטן זענען: די ראשונים, די פיאָנערן פון ישוב, וואָס האָבן זיך אַהער דערקייקלט אין זייערע יונגע יאָרן, בדרך־כלל קורץ נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אָדער אַ ביסל שפּעטער,

און דער סעקטאָר פון די פּליטים, די ניצול־געוואָרענע פון חורבן־אייראָפּע, וואָס האָבן געפונען אין ווענעסועלאַ אַ מקום־מקלט נאָך זייערע איבער־מענטשלעכע ליידן, און זענען געקומען אין לאַנד נאָך 1945. ביידע גרופּעס, היינט שוין האַרמאָניש צונויפגעשמעלצטע, שטעלן צו דעם רייכן מענטשן־עלעמענט, מיט וועלכן עס נערט זיך דאָס אַקטיווע און דינאַמישע יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן אין ווענעסועלאַ.

איז וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון דער ערשטער גרופּע גרינג צו דערציילן, כאָטש זיי גופא, די פּיאָנערן, איז עס מסתמא גאַנץ שווער אָנ־געקומען, און זיי האָבן יאָרצענדלינגער געפּאָקט און געמאָזלט ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום היינטיקן מעמד. אָבער ווי די מעשה איז נישט געווען, איז זייער געשיכטע אַ פריידיקע: פּראָצע, מי און מאַטערניש, אָבער אַלץ אויף אַ גרונט פון נאָרמאַלע מענטשלעכע באַציונגען, באַשיינט מיט פאַר־שטענדלעכער האָפענונג אויף אייגענעם פּראָגרעס אין די ראַמען פון אַלגעמיינעם פאַרשריט פונעם לאַנד.

גאָר אַנדערש פילט זיך דער כראָניקער ווען ער קומט באַשרייבן דעם עבר פון די פּליטים. ווי קען מען אויסמיידן דעם שוידער וואָס נעמט־דורך, ווען מען דערמאָנט זיך די אומבאַשרייבלעכע גיהנומס וואָס די יידן האָבן דורכגעמאַכט, און וואָס פייניקן זיי אפשר נאָך היינט צו טאָג, אַפילו אונטער דער רויִקער אויבערפלאַך פון זייער היינטיקער זאַטער ווירקלעכקייט? און צוריק געשמועסט: וואָס פאַר אַ רעכט האָבן מיר, די וואָס „אין טרעבלינקע זענען מיר נישט געווען", זיך צו צעגיסן אין שרייבן וועגן אַ וועלט פון יסורים וואָס מיר קענען פאָרט נישט באַגרייפן? דערפאַר מוז דער שרייבער פון די שורות זיין געצוימט און געמאָסטן ווען ער צייכנט די לעבנס־געשיכטע פון די דאָזיקע ווייִ־ און וווּנדער־יידן, נישט צו פאַרשווערכן זייערע ליידן מיט איבעריקע רייד.

פון די ניצול־געוואָרענע וואָס זענען אָנגעקומען אין ווענעסועלאַ — און צום גליק האָט אַ גרעסערע צאָל פון זיי אַהין איינגעוואָנדערט — איז איינע פון די שענסטע פיגורן, בלי־ספק, דער היינט באַליבטער און אָנער־קענטער עסקן ה׳ סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט. ער איז געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ, אין אַ שיינער רעליגיעזער היים. דער טאַטע זיינער, ר׳ יוסף, איז געווען גבאַי אין דער שעכטערישער שול פונעם שטעטל טשודין. דער זיידע פון דער מוטערס צד איז געווען שוחט אין טשערנאָווק, סאַדיגערע (בוקאָווינע). דער זיידע פון פאָטערס צד, שמואל קולאַ, האָט געהאַט אַ מיל. פריינד סאַמועלס פאָטער און אויך די מוטער, רחל, האָבן צום גרויסן באַדויערן געטיילט דעם גורל פון גרעסטן טייל יידן, און זענען אומגעקומען על קידוש־השם, דערשאָסענע מיט נאָך פיל יידן אין זייער שטעטל.

סאַמועל קולאַ איז מיט זיין פאַמיליע דעפּאָרטירט געוואָרן פון טשערנאָוויץ אין אַ לאַגער מיטן נאָמען קאַראַגאַנדאַ, אין קאַזאַכסטאַן. דריי יאָר האָבן זיי דאָרט אָפּגעריכט גלות, אין יסורים און ליידן. צוויי יאָר געווען אין מיטל־אַזיע, אין דער שטאָט קאָקאַנד, אין דער אוזבעקישער רעפּובליק. דאָרטן איז דער שווער, דער פרויס פאָטער, אומגעקומען, ווי אויך דער פרוי קולאַס יינגערע שוועסטער און איר מאַן. דער הויפּט־מלאך־המוות איז דאָרט געווען דער הונגער.

אין 1946, צי 1947, זענען דאָס פּאָרפאָלק קולאַ צוריק אָנגעקומען אין זייער געבוירן־שטאָט טשערנאָוויץ, וועלכע איז שוין געווען כמעט יידנריין. די זעלבע טשערנאָוויץ, וואָס האָט אין משך פון דורות, און ביז מיט גע־ציילטע יאָרן פריִער, אַזוי שיין אָפּגעהילכט איבער דער יידישער וועלט, האָט ערשט אויסגעזען ווי נאָך אַן ערד־ציטערניש. מיר קענען זיך פאָר־שטעלן די איבערלעבונגען פון יידן וואָס זענען אין יענער שטאָט געבוירן און האָבן דאָרט געלעבט, געלערנט, געטרוימט... מען האָט זיך טאַקע געראַטעוועט, אָבער מען האָט זיך אַרומגעדרייט איבער טשערנאָוויץ ווי אויפן עולם התוהו. עס האָט זיי באַהערשט אַ באַגער וואָס פריִער פון דאָרטן צו אַנטלויפן. אויף אַן אומלעגאַלן אופן האָט מען זיך דערשלעפּט ביז בוקאַרעשט, און פון דאָרטן קיין פּראַג, אין טשעכיע, ווו דער דזשאָינט און אַנדערע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס האָבן זיי דערמעגלעכט אַרויס־צופאָרן קיין ווענעסועלאַ. יולי 1948 זענען זיי אָנגעקומען קיין קאַראַקאַס.

אַ נייַ קאַפּיטל אינעם לעבן פון די קולאַס הייבט זיך אָן אין קאַראַקאַס, די שטאָט ווו דער גורל איז באַזונדערס פריינדלעך געווען צום רוב יידן. די קולאַס האָבן דאָ געטראָפן זייער פאַרדינטן מקום־מנוחה. סאַמועל קולאַ ראָזענבלאַט האָט אָבער געטראָגן אין זיין געמיט און וועזן ירושה־שטריכן, פון זיינע עלטערן און קרובים, וואָס פונקט ווי זיי האָט ער געפילט און פאַרשטאַנען: אַ ייד דאַרף זיין — פאַר יידן. אַבי ער האָט קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָט ער גלייך זיך אָנגעשלאָסן אין די עסקנישע רייען פון קאַראַקאַסער ציבור. און דער ציבור האָט אים גלייך באַמערקט, און קוים נאָך צוויי יאָר אָפּזיין אין קאַראַקאַס גלייך אים איינגעגלידערט אין די רייען פון דער פאַרוואַלטונג פון דער אוניאָן־קהילה. נישט נאָר צו קהילה, נאָר ס׳האָט אים געצויגן צו יעדער זאַך ווו עס וואַקסט און שפּראָצט יידיש לעבן. ער האָט געטראָגן טיף אין האַרצן דעם ציון־אידעאַל, און טאַקע צוגעלייגט אַ האַנט. די אַלע טיף־יידישע אינטערעסן האָבן אים געפירט דורכצומאַכן אַן אינטענסיווע און גיכע געזעלשאַפטלעכע קאַריערע.

אין 1958 האָט מען אים אָנגעטאָן די קרוין פון ראש־הקהל פון קאַראַקאַס, אין דער אוניאָן איסראַעליטאַ, אויף אַ פיר־יעריקן פּעריאָד. גלייך אויפן

צוויטן יאָר האָט ער געהאַט דעם שאַנס צו באַווייזן, ווי צוגעפּאַסט און צוגעטראָפן ס׳איז געווען דאָס באַשטימען דאָס אים פאַר אַזאַ אַחריותדיקער פּאָזיציע. אין 1959 האָט די אינסטיטוציע אונטערגענומען אַ פאַנטאַסטישן אויפבוי־פּראָיעקט, פון וועלכן עס איז אַרויסגעוואַקסן דער היינטיקער לוקסוסדיקער קהילה־בנין מיטן מקום־קודש. דעמאָלט האָט מען אַוועק־געשטעלט אין שפּיץ פון פינאַנס־קאָמיטעט דעם ראש־הקהל פ׳ קולאַ־ראָזענבלאַט, און זיין שליחות איז געקרוינט געוואָרן מיט הונדערט פּראָצענ־טיקער הצלחה. די קהילה און דער ישוב האָבן דעמאָלט געוווסט אָפּצושאַצן דעם ראש־הקהלס געוואַלדיקן בייטראַג, און אים באַערט מיט אַן אויסצייכענונג אין דער פאָרעם פון אַ לוקסוס־ראַם מיט די אונטערשריפטן פון די מנהיגים.

פ׳ קולאַ־ראָזענבלאַט האָט אויך טעטיק אַקטוירט אין אַנדערע קרייזן. אַ שטיקל צייט אויך געווען פּאָרזיצער פון בני־ברית, ווו ער איז אויך איצט פון די פּראָמינענטע מיטגלידער. מיטגעווירקט פאַר די ישראל־באָנדס, פאַרן קרן־קימת, פון וועלכן ער איז איצט פּאָרזיצער, און פאַרן קאָמיטעט פון תל־אביבער בר־אילן אוניווערסיטעט. דער נאָמען בר־אילן ברענגט אונדז אַרויף אויף אַ טעמע, וואָס האָט צו טאָן מיט פריינד סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַטס טיפסטע זאָרגן: די רעליגיעזע יידישע דערציונג.

פריינד קולאַ־ראָזענבלאַט ציילט זיך צווישן די ענטוזיאַסטן פון אַ נייעם פּראָיעקט וואָס האַלט זיך אין אויסצייטיקן אין יידישן קאַראַקאַס, און וואָס טראָגט דעם טראַדיציאָנעלן און חשובן נאָמען — ישיבה. בקרוב וועט די וועגעסועלער הויפּטשטאָט פאַרמאָגן אַן אייגענע ישיבה, ווו ס׳וועלן זיך אויסבילדן נייע גייסטיקע מנהיגים, אונטער דער השגחה און אַפּוטרופּסות פון דער באַרימטער שיטה — ליובאַוויטש. אַז רעליגיעזע בילדונג איז געווען דער הויפּטזייל פון יידישן קיום אין משך פון יאָרטויזנטער, דאָס קען קיינער נישט אָפּפרעגן. און אַז אויך היינט, ווען יידישקייט האָט זיך אַנטוויקלט אין אַ ריי רעליגיעזע און וועלטלעכע אָפּצווייגן, איז אַלץ תורה־יידישקייט אַ הויפּט־פאַקטאָר פון אונדזער עקסיסטענץ, דאָס וועלן אַפילו מיר, „מאָדערנע״ יידן, מיט פאַרגעניגן צוגעבן. בפרט נאָך אין אַזאַ ישוב ווי קאַראַקאַס, ווו יידיש לעבן בליט־אויף מיט שלימות, מיט גאַנצקייט, און מען שטרעבט זיך אָן צו פאַרזייען דאָס שענסטע און דאָס בעסטע אויף אַלע געביטן פון אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן, וועט אָט די ישיבה זיין אַ פּרעכטיקע דערגאַנצונג: די סימפּאַניע וועט זיך דאַן צעשפּילן אויף אַלע כלים. סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט געפינט זיך צווישן די עסקנים וועלכע באַשעפטיקן זיך, אַז דער ענין זאָל געקרוינט ווערן מיטן גרעסטן דערפאָלג. און אויב אַזוי, מעג מען האָפן און גלויבן, אַז די ישיבה איז שוין אַ גע־

קולאַ ראָזענבלאַט און פרוי פאַראייביקן דעם אָנדענק פון זייערע אומגעקומענע עלטערן דורך שענקען אַ ספר־תורה.

פון רעכטס צו לינקס אין דער ערשטער שורה, ערשט בילד: פ. פורמאַן, י. נאַס, קולאַ ראָזענבלאַט. צווייט בילד: הרב פישער, קולאַ ראָזענבלאַט. צווייטע שורה, ערשט בילד: ד״ר מערענפעלד, צווייט בילד: אריעל סעווערינאָ.



פון רעכטס צו לינקס, ערשט בילד: די ה׳ גרעס, פּעססאַטטי.
צווייט בילד: אינזש. ע. קאָנסברונער, ד״ר פּ. קאָנסברונער, ס. פּ. פורמאַן.

שעענער פאַקט. דאָרט ווו פריינד קולאַ־ראָזענבלאַט ליגט־צו זיין האַנט, איז שוין געחתמעט צום גוטן. דאָס איז זיכער דערפאַר, ווייל ער טוט זיין עסקנישע שליחות בלב־ונפש און לשמה.

וואָלט מען געקענט מיינען, אַז מיט דעם שוין באַשריבענעם איז שוין אויסגעשעפּט פריינד סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַטס אינטערעסן־וועלט. ס׳איז אָבער פאַראַן — נאָך. למשל: שוין אַ צוואַנציק יאָר ווי ער איז טעטיק אין דער אינטערנאַציאָנאַלער ראָטאַריער־באַוועגונג, אַ באַוועגונג ווו נישט קיין סך יידן באַטייליקן זיך. און נישט נאָר וואָס ער איז טעטיק, נאָר מען האָט אים שוין צוויי מאָל מכבד געווען מיט דער פּרעזידענטשאַפט. מיר זעען אין דעם אַ צייכן פונעם סינטעז צווישן טיפער, גלייביקער יידישקייט, און איינגלידערונג צווישן די בעסטע טיילן פון דער שעפערישער, אַלגעמיינער באַפעלקערונג — אַ סינטעז, וואָס איז אפשר כאַראַקטעריסטיש פאַר ווענעסועלאַ און פון וועלכן סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט איז איינער פון די פּאַסיקסטע פאָרשטייערס.

לאָמיר צוגעבן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין חלק שני: לאורא קולאַ־ראָזענבלאַט, דאָן סאַמועלס לעבנס־באַגלייטערין. אַ נאָמען וועלכער האָט זיך גוט איינגעקריצט אין די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די לעצטע צען יאָר איז זי פּרעזידענטין פון צענטער „רעבעקאַ״, סניף ביי דער וויצאָ.

דאָס פּאָרפּאָלק קולאַ־ראָזענבלאַט ווייזט־אַרויס אַ כּסדרדיקע גרייטקייט נישט נאָר צו העלפן אין אַלע ציבורדיקע הצטרכותן מיט עצות, נאָר טאַקע אויך מיט פּלייצעס. אין בנין פון דער קהילה־אוניאָן, ווו ס׳איז איינגעפירט דאָס גרויסע און פּרעכטיקע מקום־קודש, האָבן זיי נאָך געלאָזט אויסשטאַטן אַ קליין שולכל פאַרן טאָג־טעגלעכן מנין. די משפּחה האָט זיך געלאָזט קאָסטן אַ גאַנץ בכבודיקע סומע כּדי אַנטקעגנצוקומען אַ קאָנקרעטע נויטווענדיקייט פון זייער קהילה. פריינד קולאַ־ראָזענבלאַט האָט דערביי, ווי אַ געטרייער זון, פאַראייביקט דורך דעם דעם אָנדענק פון זיינע עלטערן, די קדושים ר׳ יוסף און רחל קולאַ ע״ה, ווי אויך פון זיינע שווער און שוויגער, ר׳ משה בולער ע״ה און פריידע קראַטהאַמער ע״ה. לאָמיר דאָ פאַרצייכענען נאָך אַ וויכטיקן אויפטו, פון שטרענג רעליגיעזן כאַראַקטער: פריינד קולאַ־ראָזענבאַלט, בשותפות מיטן ה׳ עפרון שטיינמעץ האָבן אויפגעבויט די שטאָט־מקווה.

דאָס יידישע קאַראַקאַס מעג זיך פרייען מיט אַ טאָפּעלער פרייד: ערשטנס, ווייל דער גורל האָט אויסגעקליבן דעם דאָזיקן גליקלעכן ישוב צו ווערן די צווייטע היים פון פיל אויסגעוואָרצלטע, גערודפטע ברידער־פּליטים, און זיי געבן די מעגלעכקייט ווידער אויפצוריכטן זייערע אַכזריות־דיק צעטרייסלטע לעבנס; צווייטנס, ווייל דער חסד וואָס די איינגעזעסענע האָבן פון ערשטן מאָמענט אָן אַרויסגעוויזן צו די ניי־געקומענע, ווערט זיי איצט צוריקגעצאָלט כּפל־כּפליים, דורך דעם בייטראַג פון אַזעלכע אויסער־געוויינטלעכע עסקנים, ווי דאָס איז ה׳ סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט.

„יוסף קריס פאָנד" פאַר אָרעמע סטודענטן אין ירושלים

ס'איז פֿאַראַן ערגעץ אַ מאמר חז"ל וואָס זאָגט, אַז יעדער מענטש דאַרף אין זיין לעבן פלאַנצן אַ בוים, געבוירן אַ קינד און אַרויסגעבן אַ בוך. מיך האָט די השגחה באַגליקט: אי איך האָב פֿאַרפלאַנצט אַ בוים — אַן אינדוסטריע אין קאָלאָמביע, אי איך האָב ווילע קינדער, אי איך האָב אַרויסגעגעבן ביכער: אין יידיש — „אַ ייד אין קאָלאָמביע" און „אַ יידיש אינדזעלע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט". און אויך אַ פּאָר — אויף שפּאַניש. דאָס הייסט אַז איך האָב, לויט מיינע באַשיידענע מעגלעכקייטן, דערפילט מיין שליחות אויף גאָטס וועלט.

נישט אַלץ איז מיר לייכט אָנגעקומען. האָב איך טאַקע אין מיין ערשט בוך דערציילט וועגן די שווערע פּיאָנערן־יאָרן, וועגן בראשית פון יידישן ישוב אויף דער ווייטער קאָלאָמביאַנער ערד, און אין צווייטן — דערמאָנט צום גוטן די בויער, די גרונטלייגער פון יידישן לעבן אין לאַנד, און אויך זייערע יורשים פון צווייטן דור, וואָס זענען ממשיך די טראַדיציע פון זייערע עלטערן און האַלטן אויף די יידישע אינסטיטוציעס, וועלכע די פּיאָנערן האָבן געשאַפן.

זאָל בלייבן אַ זכר אין דער יידישער געשיכטע, וואָס איז אַ געשיכטע פון אַ וועלטפאָלק, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פונעם ערדקוגל, ווי אַזוי פון אַ הויפן קערנער האָט אויפגעבליט אַ פּרוכטיקער גאָרטן, וואָס גיט זאַפטיקע פּירות אויף צו דערהאַלטן דאָס יידישע לעבן אין די תפוצות, און גיט אויך זיין בייטראַג פאַר דער מדינה. די „גאָלדענע קייט" פון יידישן לעבן און שאַפן ווערט נישט איבערגעריסן, און וווהין יידן ווערן נישט פאַרטראָגן אין זייער טויזנט־יעריקער וואַנדערונג צווישן פעלקער און לענדער, בלייבן זיי טריי זייער גרויסער גייסטיקער ירושה.

האָט שוין קאָלאָמביע איר יידישן „פּנקס", וואָס האָט באַקומען גוטע אָפּרופן אויך אין דער נישט־יידישער וועלט. און די שכנישע ווענעסועלאַ האָט מיך פאַרבעטן, איך זאָל מיין באַשיידענעם שרייבערישן חסד אויך אויסשפּרייטן אויפן יידישן ישוב פון דעם דאָזיקן לאַנד, און אים אַריינגעמען אינעם היכל פון דער אייביקייט. האָב איך גערן נאָכגעקומען זייער

בקשה און אָנגעהויבן פון די טרייע און איבערגעגעבענע יידן, וואָס דינען דעם כלל, און וואָס דערהאַלטן מיט זייערע מעשים־טובים דאָס יידישע לעבן. ס'איז ברוך השם פאַראַן וואָס און וועגן וועמען צו שרייבן, ווי אויך מוסיף צו זיין אויפן שוין געשריבענעם. אָט למשל, וועגן דער דינאַסטיע לערנער אין קאַראַקאַס און איר בייטראַג פאַרן ישוב און פאַר דער מדינה, האָב איך שוין דערמאָנט אין מיין צווייטן בוך, אָבער ס'איז נאָך געבליבן אַ סך וואָס צו זאָגן.

איך וויל דערמאָנען צום גוטן נאָר די גוטע, ווייל נאָר זיי קאָנען דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע. און אַזאַ מוסטער־ייד איז, בלי שום ספק, פריינד אירווינג קריס, איינע פון די חשובסטע און אינטערע־סאַנטסטע פיגורן פונעם יידישן קאַראַקאַס אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

שוין בעתן ערשטן קאָנטאַקט מיט אים, אין דער ביוראָ ווו ער פירט אָן מיט פאַרצווייגטע געשעפטן פון גרויסן פאַרנעם, האָט אירווינג קריס מיך פאַרכּישופט מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער באַציונג צו מיר, סיי צוליב מיין שליחות ווי צוליב דעם פאַקט — וועלכער איז אפשר דער וויכטיק־סטער, — וואָס אָט דער ייד, נישט געקוקט אויף זיין פאַרנומענקייט, איז פון די געציילטע וואָס האָבן באמת אין זינען דעם מיטמענטשן, און פאַר־טיפן זיך אויפריכטיק אין דעם, וואָס יענער האָט צו זאָגן און צו טאָן. אַ ראיה — ער האָט באַלד זיך דערמאָנט, אַז מיר זענען זיך גאָר נישט אַזוי פרעמד, אַז מיר האָבן זיך שוין געהאַט געטראָפן מיט אַ 15 יאָר צוריק אין פאַנאַמאַ. ס'האָט אויף מיר געמאַכט אַ רושם. אין אַ סביבה ווו מ'איז געוווינט צו אָוועקשטעלן די „ביזנעס" העכער פאַר אַלע אַנדערע אינטערעסן, האָב איך זיך ממש דערקוויקט מיט דער האַרציקער אויפ־מערקזאַמקייט, דווקא מצד אַזאַ גרויסן סוחר און פאַבריקאַנט, וועלכער איז נאָך דערצו וויצע־פּאַרזיצער פון דעם קהילה־ראַבינאַט. ערשט נאָך דעם, ווען ער האָט מיר איבערגעגעבן אַ ביסל דאַטן פון זיין ביאָגראַפיע, האָב איך איינגעזען אַז זיין האַלטונג איז גאָר נישט קיין צופעליקע, נאָר זי ציט איר יניקה פון דער אַלטער טראַדיציע פון יידישער עסקנות אין אונדזערע אַמאָליקע הייליקע קהילות פון פוילן, בעסאַראַביע און ליטע; אַ טראַדיציע וואָס אירווינג קריס האָט איבערגענומען ביי זיין אייגענעם פאָטער, ר' משה פּייוול קריס, פון די קהילה־אָנפירערס אינעם פוילישן שטעטל זדונסקאַ־וואָליאַ. יעדערער וואָס האָט אַן אָנונג, וואָס פאַר אַן אויסגעצייכנטע שול פון אחריות פאַר צרכי־ציבור עס האָט פאַרגעשטעלט דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן, וועט גרינגער פאַרשטיין דעם דרך פון אירווינג קריס אין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, און אויך אין זיין באַציונג צום שרייבער פון די שורות.

דער לעבנסוועג פון דער פאַמיליע קריס איז גאַנץ ווייט פון כסדרדיקע

פריידן און גליקן. סיי ר׳ משה פיוול, סיי אירווינג און זיין ברודער, דער איצט שוין אַוועקגעריסענער יוסף־דוד ע״ה, האָבן דורכגעמאַכט אין דער אַלטער היים אַלע גרוילן פון היטלעריזם. אין 1942 זענען זיי פאַרשיקט געוואָרן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון אוישוויץ, ווו זיי זענען אויס־געשטאַנען גיהנומדיקע יסורים. נאָר דורך ניסים האָבן אַלע דריי דער־לעבט דעם 2טן מאַי 1945, ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט באַפרייט דעם לאַגער.

נאָך דער באַפרייונג האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַ דייטשער שטאָט, נישט ווייט פון דער טשעכישער גרענעץ. דאָרט האָט אירווינג קריס זיך אָפּגעגעבן מיט אָרגאַניזירן די אָפּגעראַטעוועטע שארית הפליטה. מען האָט אים אויסגעקליבן פאַר פרעזידענט, און אין משך פון איבער זעקס יאָר צייט האָט ער נישט אָפּגעטראָטן פון זיין אַמט, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר הייליק. זיין אַרבעט און מי איז געווען געצילט אַריבערצושיקן וואָס מער יידן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ, כדי זיי זאָלן פון דער טשעכישער ערד פאָרזעצן זייער נסיעה קיין ארץ־ישראל. ער האָט אויך פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון באַקומען און פונאַנדערטיילן די נייטיקע מאַטעריעלע הילף פאַר די פאַרצווייפלטע יידן. די גאַנצע משפחה קריס האָט זיך בלב־ונפש אַריינגעוואָרפן אין יענער הייליקער אויפגאַבע. און נאָר ווען זיי האָבן געזען אַז זייער שליחות איז דערפילט, האָט מען אָנגעהויבן עפּעס טראַכטן וועגן אייגענעם גורל, און אין 1952 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, ווו זיי האָבן געלעבט ביזן יאָר 1972.

נישט פריִער ווי אין 1973 איז קריס געוואָרן אַ תושב פון קאַראַקאַס, ווענעסועלאַ. דאָס הייסט, ער איז דאָ קוים פיר יאָר. דאָך, ווי איינגעבאַקן איז ער שוין געוואָרן אינעם האַרצן פון אַלע ישוב־מיטגלידער, ווי אויס־געבונדן מיט דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער פּראָבלעמאַטיק, ווי נוצלעך און נייטיק פאַרן ציבורדיקן לעבן, ווי באַליבט צווישן זיינע היגע זדונסקע־וואָליער לאַנדסלייט, וועלכע שטאָלצירן מיט אים, זייער אָנגעזעענעם בן־עיר. איך האַלט אַז ר׳ יאָסל לערנער, וועלכער איז בכלל אַ ייד אַ בר־מזל, האָט זייער גוט צוגעטראָפן מיטן וויצע־פּרעזידענט וואָס באַגלייט אים בראש פון דעם קהילה־ראַבינאַט. זיין פאַרבינדונג מיט קריסן איז באמת אַ גע־ראָטענער שידוך: אַ ברכה פאַר דער אָנפירערשאַפט, אַ ברכה פאַרן ישוב.

אויך איך מעג זיך פרייען אויף מיין מזל, וואָס האָט מיך געפירט אָנצוקניפּן דעם קאָנטאַקט מיט קריסן ווען איך האָב אונטערגענומען מיין שרייבערישע שליחות אין קאַראַקאַס. נישט נאָר האָב איך אַ דאַנק דעם זיך באַקענט מיט אַן אויסנעמלעכן מענטשן, און אַריינבאַקומען אַ זעלטן ווערטפולע און אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע פאַר מיין בוך, נאָר כ׳האָב דורך

אים געהאַט די געלעגנהייט זיך ווידער צו טרעפן מיט אַלטע און נייע באַקאַנטע, פונעם שענסטן און בעסטן פון יידישן קאַראַקאַס, פאַר וועמען זיין שטוב איז אַ צענטראַלער אַדרעס. ווי אַרום איז צו דעם געקומען? גאַנץ פשוט. אויף צו מאָרגנס נאָך אונדזער ערשטן שמועס אין זיין ביוראָ, האָט פריינד קריס מיך מזכה געווען מיט נאָך אַן אויסדרוק פון זיין גאַסט־פריינדלעכקייט: ער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך אויף פרייטיק־צו־נאַכטס. ס'איז פאַר מיר געווען אַ נחת־רוח אַריבערצוטרעטן די שוועל פון יענער אמתדיק יידישער טראַדיציאָנעלער שטוב, זיך באַקענען מיט דער סימפאַ־טישער באַלעבאָסטע און געניסן פון זייער ברייטהאַרציקער מידה פון הכנסת אורחים. דאָרט האָב איך זיך אויף ס'ניי געטראָפן מיט אַ סך פון מיינע אַלטע פריינד פון על סילענסיאָ, סוחרים וואָס האָבן נאָך אין אָנהייב פון די פופציקער יאָרן ביי מיר געקויפט די קאָלאָמביאַנער סוועטערס, וועלכע איך האָב דעמאָלט אימפאָרטירט קיין קאַראַקאַס. ווער ווייסט ווען איך וואָלט שוין ווידער געזען די אַלע ליבע און האַרציקע מענטשן ווען נישט דער דאָזיקער פרייטיק־צו־נאַכטס ביי אירווינג קריסן, דעם 12טן אויגוסט 1977, וואָס וועט שוין בלייבן איינגעקריצט אין מיין זכרון ביזן סוף פון מיין לעבן.

זייענדיק ביי קריסן און באַקענענדיק זיך מיט זיין סביבה, האָב איך זיך שוין דערוויל דערוווסט וועגן אַנדערע אַספעקטן פון זיין ברייטער טעטיקייט לטובת הכלל, וואָס ער און זיין גאַנצע משפחה פירן מיט דער ברייטער האַנט, און אויפן ערשטן פלאַץ טאַקע לטובת דער יידישער מדינה, פאַר וועלכער די דאָזיקע פאַמיליע האָט צו פאַרצייכענען באמת באַטייטנ־דיקע ביטראַגן. וועגן דעם וועט אָבער אויסקומען גרינטלעכער צו שרייבן אַ ביסל ווייטער. דאָ וויל איך נאָר באַטאָנען, אַז וויפל כ'האָב געשריבן וועגן קריסן, זיין פערזענלעכקייט און זיינע אויפטוען, איז עס נאָר מקצת מן המקצת — אַ קליינער טייל פון דער ווירקלעכקייט. ס'איז נאָך פאַראַן אַ סך צו זאָגן, און נאָך מער איז פאַראַן צו דערוואַרטן פון אָט דעם מוסטער־עסקן און מוסטער־מענטש, וועלכער איז נאָך איצט נישט קיין פולער בן־שישים און געפינט זיך אין סאַמע בלי פון זיין געבענטשטער אַרבעט. הלוואַי זאָל אים באַשערט זיין זי צו פירן מיט הצלחה און נחת עד מאה ועשרים, און ער זאָל זוכה זיין, אַז זיין גוטער ביישפיל זאָל זיך אָננעמען און פאַרשפרייטן אין די יידישע קרייזן בכל תפוצות ישראל.

ר' יוסף־דוד קריס ע"ה

איך וויל דאָ אָפגעבן אַ פאָר פאַרדינטע דערמאָן־ווערטער דעם ליכטיקן אָנדענק פון יוסף־דוד קריס, דעם יונג פאַרשניטענעם מנהיג פון דער שארית הפליטה אין בראַזיל.

יוסף דוד קריס ע"ה.

כ'האָב שוין פריִער, ביים פאָרשטעלן דעם וועגעסועלער עסקן, זיין ברודער אירווינג קריס יבדל לחיים ארוכים, דערציילט אין קורצן דעם אָפּשטאַם און לעבנסוועג פון זייער מערקווערדיקער משפחה. פונקט ווי אין אירווינגן, האָט זיך אויך אין יוסף־דודן פאַרקערפּערט דער דערהויבענער גייסט פון אידעאַליסטישער יידישער עסקנות לטובת הכלל, פון אַחריות פאַרן ציבור, וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון זייער טאַטן, ר' משה פייוול קריס, לאַנג־יאָריקער קהילה־טוער אין זייער פּויליש געבורט־שטעטל זדונסקאַ־וואָליאַ. צוזאַמען מיט אירווינגן, האָט ער די ערשטע שריט אויפן געביט פון איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט געשטעלט אין נאָך־מלחמהדיקן דייטשלאַנד, ווו זיי אַליין האָבן זיך געפונען ווי על־פי־נס ניצול געוואָרענע פונעם שרעקלעכן פאָלקס־חורבן, אָבער געטראַכט האָבן

זיי דאַן נישט װעגן זייער אייגענער רעטונג, נאָר װי אַזױ צו העלפֿן זייערע אומגליקלעכע ברידער און שװעסטער אין דער ביטערער פּליטים־נויט און אין זייער באַגער זיך צו דערשלאָגן צו זיכערע ברעגן, בעיקר צו ארץ־ישראל.

אין יאָר 1954 האָט דער גורל געפֿירט יוסף־דודן קיין סאַן־פּאַולאָ (בראַזיל), אַ ישוב פֿון אַ קאַרגע הונדערט טויזנט יידן, באַגלייט מיט אַלע פֿיינע יידישע אַטריבוטן. עס שאַפֿט דעם איינדרוק, אַז די צוויי ברידער האָבן זיך צעטיילט, עפּעס װי דורך אַ באַפֿעל פֿון דער השגחה, אַז יעדער איינער זאָל דינען מיט לייב און לעבן אַן אַנדערן ישוב מיט זייערע איינ־געבוירענע פֿעיִקייטן. יוסף־דוד האָט זיך אין זיין נייער היים אַריינגעװאָרפֿן אין יידישער כּלל־טעטיקייט מיט איבעראַשנדיקער ענערגיע און אומגע־װיינטלעכן טאַלאַנט. דער ישוב אין סאַן־פּאַולאָ האָט אים גלייך איינגע־גלידערט אין זיינע רייען. אויף זיין איניציאַטיװ איז דאָרט געשאַפֿן געװאָרן דער פֿאַרבאַנד פֿון שארית הפּליטה, פֿון װעלכן קריס איז געװען דער ערשטער פֿאָרזיצער, און װי אַזאַ אויך פֿאַרנומען די װיצע־פֿאָרזיצערשאַפֿט פֿון װעלט־פֿאַרבאַנד פֿון שארית הפּליטה. קורץ נאָך דעם האָט מען אים אויך באַשטימט פֿאַר װיצע־פּרעזידענט פֿון דער גרעסטער סינאַגאָגע אין שטאָט. אינסטיטוציעס האָבן אים געװאָלט האָבן אין זייערע פֿאַרװאַלטונגען, זיך נאָך אים געיאָגט װי נאָך אַן אבן־טוב, װאָס ער איז טאַקע באמת געװען. זיין היים איז געװאָרן איינע פֿון די הויפּט־אַדרעסן פֿון יידישן סאַן־פּאַולאָ. ער האָט געהאַט די אומגעהייערע זכיה מקבל־פּנים צו זיין ביי זיך אין שטוב די גרעסטע פּערזענלעכקייטן פֿון אונדזער דור. דוד בן־גוריון ז״ל איז געװען זיין גאַסט. יצחק ראַבין און אבא אבן האָבן אויך נהנה געװען פֿון זיין הכנסת־אורחים גייסט און האָבן זיך מיט אים באַפֿריינדעט. בילדער זענען איבערגעבליבן, װאָס פֿאַראייביקן מאָמענטן פֿון יענע גאַסט־שאַפֿטן.

אין יוסף־דודן האָט אַן אומרו געברענט, געשטויסן צו אַ הייליקן שריט. זיין לויטערער געװיסן און זיין חוש פֿאַר יידישער המשכדיקייט האָבן ביי אים געמאָנט אַ חוב צו די קדושים, די פֿאַרגאַזטע, פֿאַרברענטע און פֿאַר־פֿייניקטע מיט טויזנט טויטן, װאָס ער אַליין איז געװען איין שפּאַן פֿון טיילן זייער גורל.

קריס האָט געהאַלטן, אַז די װאָס זענען דורכגעגאַנגען די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן טאָרן נישט פֿאַרגעסן, און דאַרפֿן אויך נישט לאָזן די װעלט זאָל פֿאַרגעסן; אַז די, װעמען דער גורל האָט געשװינט און גע־לאָזט לעבן, דאַרפֿן אויף זיך די דאָזיקע מיסיע נעמען און זי טריי און

דער פּרעזידיום בעתן גרויסן אַקט פון פאַרבאַנד פון שארית הפליטה אין סאַן־פּאַולאָ. עס רעדט דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד פון שארית הפליטה אין בראַזיל, הער חרמץ, רעדאַקטאָר פון „מאָמענט", ביי דער זייט דוד יוסף קריס ע"ה

ערלעך אויספירן. פונקט ווי יוסף הצדיק, וואָס האָט געפאָדערט ביי די שבטים פון פאָלק ישראל זיי זאָלן אויסלייזן זיין געביין פון דער מצרישער ערד און עס מיטנעמען אויף זייער וואַנדערוועג, אַזוי האָט יוסף קריס געמאָנט מען זאָל אויפן יידישן בית־עולם פון אויפגייענדיקן ישוב אין סאַן־פּאַולאָ ברענגען צו קבורה אַש פון די אוישוויץ־קרבנות, און אויפ־שטעלן איבער דעם אַ סימבאָלישן קבר פון אונדזערע קדושים, אַ מאָנומענט אין זייער אָנדענק. אין דער דאָזיקער איניציאַטיוו, וואָס איז דורך זיין אַרבעט און השפעה דורכגעפירט געוואָרן, ליגט אַ גרויסע, טיפע, יידישע כוונה. דאָס איז אַ לעקציע פון פיעטעט פאַרן יידישן עבר און פון יראת־הכּבוד פאַר די, וואָס האָבן אונדזער עבר געהייליקט מיט זייער קרבן על קידוש השם. דאָס זענען ווערטן, וואָס מוזן ליגן טיף פאַרגראָבן אינעם יסוד פון יעדער פאָרעם פון יידישן לעבן וואָס וויל גדייען און פּראָגרעסירן. יוסף קריס האָט דאָס פאַרשטאַנען און מיט דעם אַליין שוין האָט ער דעם יידישן סאַן־פּאַולאָ איבערגעלאָזט אַ גייסטיקע ירושה, וואָס ווירקט און וועט ווירקן גאָר לאַנג, איבערן דויער פון זיין פּרי־פאַרשניטן לעבן.

זיין זאָרג אַז מען זאָל דעם חורבן נישט פאַרגעסן האָט אויך געצילט צו וועקן די יידישע געזעלשאַפט, אַז זי זאָל זיין וואַך און האַלטן אָפן די אויגן אויף אַלץ וואָס קומט פאָר אַרום אונדז, אויף די סכנות וואָס לויערן אויף יידן, כּדי מען זאָל אַלע מאָל זיין גרייט צום קאַמף מיט שונאים און פאַרלוימדערס. דאָס וואָס די דירעקטע קרבנות פון חורבן האָבן זיך אויס־געלערנט אין צייטן פון פאַרצווייפלטן קאַמף פאַר פּערזענלעכער און קאָ־לעקטיווער עקסיסטענץ, האָט קריס געוואָלט אַז מען זאָל עס האָבן כּסדר פאַר די אויגן און עס אויך איבערגעבן די אַלע, וועלכע זענען אין טרעבלינקע און אוישוויץ נישט געווען. בשעת אַנדערע האָבן געפּרוווט פאַרטויבן אין זיך דאָס געדעכעניש פון דער קאַטאַסטראָפע דורך אַ ווילדן געיעג נאָך עשירות און לוקסוס, האָט ער אומדערמידלעך גערופן אויסצוקויפן דעם זכות פון לעבן און געניסן פון פרייהייט, דורך כּסדר געדענקען און דער־מאָנען וואָס דער חורבן דאַרף אונדז לערנען.

יוסף קריס׳ פּאָזיציע אין יידישן לעבן פון סאַן־פּאַולאָ איז נאָך זיין פּטירה, אין עלטער פון 47 יאָר, געבליבן ליידיק. נישטאָ ווער עס זאָל אים פאַרטרעטן. אַוודאי איז אמת אַז קיין שום מענטש איז נישט אומ־פאַרטרעטלעך און אַז מען טאָר פאַרן טויט נישט אַראָפּלאָזן די הענט, ווייל דאָס לעבן גייט ווייטער. אין יידישן סאַן־פּאַולאָ איז אָבער יוסף קריס געווען דווקא דער מאָטאָר, די טרייבקראַפט וואָס אי זי האָט אַליין געשלעפּט די שווערע משא, אי זי האָט מיט איר ביישפּיל אָנגערעגט אויך אַנדערע, זיי זאָלן צושטיין צו דער אַרבעט.ביים היינטיקן שווערן דוחק אין פרייי־

וויליקע עסקנים, איז שווער צו באַזעצן אַ יידישן טוער אינעם פאַרנעם און מדרגה ווי דאָס איז געווען יוסף קריס. דריי יאָר נאָך זיין טויט, פעלט ער אַלעמען אויס: דער משפחה, דעם פאַרבאַנד פון שארית־הפליטה, דער קהילה־אַרבעט, דער ציוניסטישער טעטיקייט, די חברים. זאָל דאָס דער־מאָנען זיין זכר, זיי אַלעמען דינען ווי אַ טרייסט און ווי אַ סטימול נאָכ־צוטאָן זיין ביישפיל, ממשיך צו זיין זיינע טעטיקייטן.

די לעצטע ווערטער זענען נישט סתם אַ מחשבה, אָדער אַ פרומער ווונטש גלאַט אין דער וועלט אַריין. זיי שטיצן זיך אויף אַ קאָנקרעטן פאַקט, אַ פלאַן וואָס די משפחה פונעם חשובן נפטר האָט אונטערגענומען און שוין אויסגעפירט, און וואָס באַשטייט טאַקע אין דעם, וואָס מיר האָבן אָקערשט אַרויסגעבראַכט: דערהייבן דעם זכר פון יוסף קריס ע״ה, אויף אַזאַ אופן, אַז דאָס זאָל פירן צו פּראָקטיקער אַרבעט אינעם גייסט וואָס ער האָט זי געפירט ביים לעבן. און אָט איז דער אופן, ווי די משפחה קריס — אין אירע ביידע צווייגן, דער ווענעסועלער און דער בראַזיליאַנער — האָט באַשלאָסן דורכצופירן איר אויסגעצייכנטע כוונה:

עס איז געשאַפן געוואָרן ביי דעם ירושלימער אוניווערסיטעט, אַ באַשטענדיקער פאָנד א״נ פון יוסף קריס ע״ה, אויסגעהאַלטן דורך דער משפחה קריס, מיטן ציל צו סטיפּענדירן די לימודים פון מלחמה־אינוואַלידן און נויטבאַדערפטיקע סטודענטן אינעם העברעישן אוניווערסיטעט. דער פאָנד איז געגרינדעט מיט אַן אָנהייב־ביישטייער פון 60.000 דאָלאַר; אויפן ווונטש פון דער משפחה בלייבט אָפן, לויטן גרינדונגס־אָפּמאַך, די מעגלעכקייט שפּעטער צוצוגעבן פרישע ביישטייערן.

איך דערצייל פרטימדיק וועגן דעם דאָזיקן לויבווערדיקן פלאַן ווייל אויך אין אים איז פאַראַן, לויט מיין אייגנזען, אַ טיפע סימבאָליק. דאָס בלויזע שענקען אַ גרויסע סומע פאַר דעם ירושלימער אוניווערסיטעט איז שוין פאַר זיך אַליין אַ חשובער באַשלוס, אָבער אין דער איניציאַטיוו פון דער פאַמיליע קריס איז פאַראַן נאָך עפּעס. עפּעס דאַרף עס מיינען, וואָס דער נאָמען פון אַ פּליט פון היטלער־חורבן וועט איינגעקריצט ווערן אין דער „ביישטייער־וואַנט" פון ירושלימער אוניווערסיטעט דווקא מיט אַ פאָנד וואָס וועט פאַרזיכערן די לימודים פון מלחמה־אינוואַלידן, דאָס הייסט פון יידן וואָס האָבן איינגעשטעלט און שיר נישט מקריב געווען זייערע לעבנס צו פאַרהיטן די מדינה און דאָס פאָלק פון נייע, מוראדיקע חורבנות. עפּעס דאַרף עס מיינען, וואָס אַ גאַנצע משפחה יידישע מענטשן זאָגן זיך אָפּ פון אַ היפּשער פּאַרציע חוץ־לאַרצדיקער שפע, מפרנס צו זיין און שטיצן די לימודים פון אָרעמע סטודענטן אין ירושלים, פאַרזעצנדיק אַזוי אַרום, אין אַ מאָדערנעם גילגול, די שיינע גלות־מסורה פון זאָרגן זיך פאַרן קיום פון

ישיבות און תּלמידי־חכמים אין הייליקן לאַנד. עפּעס מיינט עס, וואָס נישט נאָר דער ברודער, נאָר אויך די זין פונעם נפטר לייגן זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג, ווי אַ סימן אַז זיי גייט נישט סתּם אין פּאַראַייביקן אַ נאָמען, מעג דאָס זיין פונעם ליבסטן און טייערסטן, נאָר בעיקר גייט זיי אין ממשיך זיין און צי:ען, עד סוף כּל הדורות, די אַחריות פאַר נצח ישראל וואָס דער טאַטע זייערער האָט אין זיי איינגע־פלאַנצט.

דער אָנדענק פון ר׳ יוסף־דוד קריס וועט בלייבן געהייליקט אויפן שענסטן אופן, דורך זיינע מעשים און דורך די מעשים פון זיינע קינדער און אַנדערע משפּחה־מיטגלידער.

ר׳ משה פייוול קריס — דער שטאַם פון אַ מעשים־טובימדיקן יחוס

אין אָט דער רשימה פון קאַראַקאָסער מנהיגים, טוערס און גלאַט געטרייע תושבים, וועל איך זיך דערלויבן צו מאַכן אַ יוצא־מן־הכלל און

ר׳ משה פייוול קריס

אָפּגעבן אַ באַזונדערן קאַפּיטל פאַר אַ מענטשן וואָס קיין קאַראַקאָסער תושב איז ער נישט, סיידן מען זאָל אים צורעכענען צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע

אין זכות פון זיין אַמאַליקן ווײַלן אַ געוויסע צייט אין דער שטאָט, און זיינע רעגלמעסיקע באַזוכן וואָס ער שטאָט־אָפּ יאָר־איין יאָר־אויס ביי זיינע קינדער, די אָנגעזעענע משפחה פון אירווינג קריס אין קאַראַקאַס.

ר׳ משה־פּיוול, דער נישט־קאַראַקאַסער, פּאַרדינט אָבער באַזונדערן אויפמערק, ווייל דורך זיין פּילפּאַרביק געשטאַלט ־וועט גרינגער זיין צו פאַרשטיין דעם יידישלעכן גייסט פון זיינע קינדער: סיי פון די וואָס וווינען אין ווענעסועלאַ און סיי פון דעם משפחה־צווייג וואָס האָט זיך באַזעצט אין בראַזיל. יאָ, מיר האָבן אַ גרונט צו טראַכטן אַז פון דעם פאַלקסטימלעכן, אונטערנעמערישן און ברייטהאַרציקן ר׳ משה־פּיוול האָבן זיינע קינדער און קינדס־קינדער אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט געירשנט די דאָזיקע געוואַלדיקע טרייבקראַפט, וואָס באַוועגט זיי כּסדר אין דער ריכטונג פון טאָן פאַר כּלל־ישראל און מדינת ישראל, דאָס וואָס זיי טוען אַלע יאָרן פון גאַנצן האַרצן, און זשאַלעווען דערביי נישט, נישט קיין געלט, נישט קיין ענערגיע, נישט קיין אמתע ליבשאַפט, אויפריכטיקע אַהבת־ישראל.

ר׳ משה־פּיוול קריס איז געבוירן געוואָרן אין זדונסקאַ־וואָליאַ, אַ שטעטל וואָס האָט געציילט בערך אַ 12 טויזנט יידישע נפשות. זיין פאָטער, ר׳ יוסף־דוד, איז געווען אַ ייד אַ סוחר און אַ יודע־ספר. צו זיין וואָרט האָט מען זיך אין שטאָט צוגעהערט מיט דרך־ארץ, און ער איז געווען פון די סאַמע אָנגעזעענסטע באַלעבאַטים. די מוטער, עלאַ ע״ה, איז זייער יונג אַוועק פון דער וועלט.

ר׳ משה־פּיוול האָט קינדווייז געלערנט אין חדר און באַוויזן איינצו־זאַפּן אין זיך אַ שיינעם אוצר יידיש־רעליגיעז וויסן פון אונדזערע אַלטע מקורות. שפּעטער, ווי אַ יונגער מאַן, האָט אים גענומען ציִען צו כּלל־טועריי, אָבער נישט אין דעם אָנגענומענעם זינען פון כּבוד־זוכעניש, נאָר דווקאָ אויף די געביטן אויף וועלכע ער האָט געקענט עפעקטיוו עפּעס אויפטאָן פאַרן ווײַלזיין פון יידן פון אַ גאַנץ יאָר. דערפאַר האָט זיך דער יונגער משה־פּיוול קריס פאַרבונדן מיט דער האַנטווערקער־באַוועגונג וואָס איז דעמאָלט, אין די צוואַנציקער יאָרן, געגאַנגען צוזאַמען מיט דער אַגודת־ישראל. אין זיין שטאָט איז ער געוואָרן דער מאָטאָר, דער כּוח וואָס האָט אָן אויפהער געאַרבעט כּדי די אָרטיקע בעל־מלאָכות זאָלן נאָכטאָן דעם פּראָגרעסיוון ביישפּיל פון זייערע קלאַסן־חברים אין גרעסערע שטעט. דאָס האָט אים געפירט צו שטיין אין פּערמאַנענטן קאָנטאַקט מיט אונדזערע דעמאָלטיקע גדולים: מיטן באַרימטן האַנטווערקער־פירער ראַסנער, מיט נח פּרילוצקין, פון דער פאָלקספּאַרטיי; מיטן סענאַטאָר יהושע טהאָן; מיט משה העלמאַן, פון לאָדזש. אַ דאַנק זיינע באַמיונגען און מיט דער מיט־ווירקונג פון אַנדערע איבערגעגעבענע טוערס, איז אין זדונסקע־וואָליע

געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטייל פון דער באַנק, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק צו באַדינען האַנדל און אינדוסטריע. אַזאַ אונטערנעמונג האָט גע־שטרעבט צו אַ העכערן און נאָבעלן ציל, צו שאַפן אייגענע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פאַר יידישע אַרבעטס־מענטשן, כּדי נישט צו זיין אויסגעשטעלט אויפן חסד פונעם נישט־ייד. די באַנק האָט אויסגעפירט אַן אומגעהייער וויכטיקע שליחות לטובת די יידישע האַנטווערקער, און ר׳ משה־פייוולס אַנטייל אין איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג איז געווען גאָר חשוב. פאַראַן וועגן דעם דאָקומענטירטע עדותשאַפטן.

צום ביישפּיל, אין דעם 800־זייטיקן מוסטער־פּינקס וואָס די זדונסקע־וואָליער האָבן אין 54סטן יאָר אַרויסגעגעבן לזכר זייער חרוב געוואָרענער קהילה, אויף העברעיש, יידיש און ענגליש, טרעפט מען גאַנץ אָפט דעם נאָמען ר׳ משה־פייוול קריס אין פאַרבינדונג מיט איניציאַטיוון וואָס האָבן געצילט צו ברענגען פאַרשריט פאַר דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג פון דער שטאָט. אויף זייט 86 טרעפן מיר די שורות וואָס ווערן דאָ גלייך ציטירט:

„ס׳איז וויכטיק דאָ אָנצומערקן, אַז אונדזערע געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן זיך נישט באַגרענעצט צו געוויינטלעכער אַרבעט, אַזוי צו זאָגן, דרינגענדיקער הילף פון האַנט צום מויל: צו שטילן דעם הונגער, און די הילף ביים באַקעמפן עפּידעמישע קראַנקייטן. זיי האָבן זיך געשטעלט אַ וויטערן ציל. זיי האָבן גענומען אָרגאַניזירן פאַר די ליידנדיקע און פאַר־אָרעמטע אויך קאָנסטרוקטיווע הילף: צו שאַפן פּרנסה־קוואַלן פאַר די נויטבאַדערפטיקע און עפענען האַנטווערקער־שולן פאַר יוגנטלעכע; און דאָס — פולשטענדיק אומזיסט. אויך די לערער און דער אַנדערער פּער־סאָנאַל האָבן זייער אַרבעט אויסגעפירט פרייוויליק, זייענדיק באַהערשט ווי די גאַנצע עסקנים־שיכט, פון אַלטרויִסטישע געפילן: צו העלפן זייערע מיטברידער, אין די באַזונדערס שווערע באַדינגונגען, זיך צו שטעלן אויף די פיס.

צווישן אַנדערע פאַך־קורסן איז געווען טעטיק אַ שוסטער־אָפּטיילונג — אָנגעפירט דורך פריינד משה־פייוול קריס (לעבט היינט אין תל־אביב), ווי אויך אַ שניידער־אָפּטיילונג״... אאַז״וו.

אויף ז׳ 87 לייענען מיר:

„אַן אַנאַלאָגישע טעטיקייט פירט אויך דער האַנטווערקער־פאַראיין. יעדן שבת־צו־נאַכטס — די צייט, וואָס איז געווען באַשטימט צו פאַר־טיילן די באַשטעטיקטע הלוואות — איז דער פאַראיין־לאָקאַל פול געוואָרן מיט לעבן. איינער איז אַריין, דער צווייטער איז אַרויס, בעת די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט די קלאַנגען פון פריינדלעכע, צווינטשנדיקע ברכות

און קנאַקנדיקע באַנקנאָטן. ס׳האָט זיך באַשיימפּערלעך געמערקט, ווי דער פאַראיין טוט אַ העכסט־נוצלעכע אַרבעט, פאַרלייכטערנדיק דעם ווירט־שאַפטלעכן קיום, און דערמיט אויך דעם געזעלשאַפטלעכן מעמד פון זיינע אומפאַרמעגלעכע חברים, צו קענען שטיין אויפן פלאַץ צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע, אויך מער פאַרמעגלעכע האַנטווערקער, וואָס האָבן נישט באַדאַרפט אַנקומען נאָך הילף. די וויכטיקע איבערגעגעבענע אַרבעט האָבן אויסגעפירט: משה־פּייוול קריס, אייזיק איגליצקי א״אַ...״

ווי גרויס ס׳איז נישט געווען ביי פריינד קריסן דער אינטערעס און איבערגעגעבנקייט פאַר דער זאַך פון די האַנטווערקערס, האָט דאָס נישט אויסגעשלאָסן אַנדערע אויסדרוקן פון יידישער סאָלידאַריטעט, בעיקר ווען דאָס האָט אָנגערירט די עלעמענטאַרע געפילן פון פרומקייט און רעליגיעזער פּיעטעט, וועלכע ר׳ משה־פּייוול האָט אַ לעבן לאַנג געהאַלטן טייער און הייליק. אין דעם זינען איז באַלערנדיק אַן עפּיזאָד וואָס ווערט געבראַכט אויף זייט 88 פון דערמאָנטן פּינקס, אונטערן קעפּל „יידישע סאָלדאַטן צו קבר־ישראל״. מיר לייענען דאָרטן אַזוי:

„אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע איז אָנגעקומען אין שטאָט אַ פויער פון אַ דערבייִיקן דאָרף, און דערציילט אַז ער האָט קובר געווען צוויי סאָלדאַטן, און אַז לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן זענען זיי יידן. באַלד איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַ דעלעגאַציע פון עטלעכע פּערזאָן, אין וועמענס באַשטאַנד ס׳זענען אַריין: ר׳ יעקל שמש, פּייוול קריס, אליהו דודל שוסטערס און מאָטל הערש לייבעלעס. די דעלעגאַציע האָט זיך גלייך געלאָזן אין דאָרף אַריין בודק צו זיין די זאַך. נאָכן עפענען דעם קבר האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן, אַז די צוויי געפאַלענע זענען יידן. ביי איינעם איז געפונען געוואָרן אַ סידורל, בעת ביים צווייטן איז געווען פאַרצייכנט אַן אַדרעס, וואָס האָט עדות געזאָגט אויף זיין אָפּשטאַם. נאָך דעם ווי ס׳איז די קרובים מיטגעטיילט געוואָרן וועגן דעם אומגליק, זענען די צוויי יידן געבראַכט געוואָרן צו קבר־ישראל״.

פון די געבראַכטע אויסצוגן צייכנט זיך אָן זייער בולט די פיגור פון אַ יידישן עסקן מיט איניציאַטיוו, באַוווסטזיין און עקשנות; אַ ייד וואָס איז אויף גאָטס וועלט געקומען נישט אויף צו זיצן מיט פאַרלייגטע הענט, און נישט אין זינען צו האָבן עגאָיסטיש רק זיך אַליין. דאָס געפיל פון טאָן לטובת הכלל און אויך לטובת הפרט האָט דעם יידן באַגלייט זינט זיינע יונגע יאָרן, און גאָר גיך געבראַכט געבענטשטע רעזולטאַטן.

נאָך דעם איז געקומען דער מוראדיקער חורבן־אייראָפּע, און האָט פאַרווישט דאָס לעבן אין וועלכן ר׳ משה־פּייוול האָט געוואָרצלט און פאַר וועלכן ער האָט אַזוי פיל פּאָזיטיווע זאַכן געהאַט אויפגעטאָן. פון די בלוטיקע

שחיטה־יאָרן איז די משפחה קריס אַרויס אַ שווער־געליטענע: דער טאַטע און צוויי זין האָבן זוכה געווען, נאָכן דורכמאַכן דעם גאַנצן שרעקלעכן פּעריאָד פון גרויל און געראַנגל, צו דערלעבן די באַפרייונג. איין טאָכטער האָט זיך אויך געראַטעוועט און וווינט היינט אין ישראל, אין תל־אביב. אָבער די מוטער, באַשע ע"ה, און די איבעריקע קינדער, זענען שוידערלעך אומגעקומען פון נאַציש ע הענט.

ר' משה־פייוול האָט פאַרלאָזט די פאַרשאָלטענע דייטשע ערד אין 1952 און האָט זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק, ווו ער האָט געלעבט ביז 1973, ווען ער איז געוואָרן אַ תל־אביבער תושב. אויך אין זיינע 20 יאָר ניו־יאָרק איז ער חס־וחלילה נישט געזעסן מיט קיין פאַרלייגטע הענט, נאָר ער האָט זיך זייער אַקטיוו אָפּגעגעבן מיט די ישראל־באָנדס. ער האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן אויף דעם געביט, אַז ווען ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ישראל האָט אים דער באָנדס־דירעקטאָר ה' יחיאל דאָבעקירער געזאָגט: ר' משה־פייוול, אַז איר וועט נישט זיין וועלן מיר קיין געלט נישט שאַפן...

היינט זיצט זיך פריינד קריס, ווי געזאָגט, אין מדינת־ישראל, און איז מקיים די מיצווה און זיין יוגנטלעכן אידעאַל פון ישוב־הארץ. פון מאָל צו מאָל טרעפט ער זיך מיט זיינע בני־עיר אין דעם פאַראיין פון זדונסקע־וואָליע, און דאָרטן שפינט מען זכרונות פון דעם האַרציקן טייערן שטעטל וואָס איז אַזוי גזלניש אָפּגעמעקט געוואָרן. יאָר נאָך יאָר פאָרט זיך ר' משה־פייוול איבער צו זיינע קינדער און אייניקלעך אין ווענעסועלאַ און בראַזיל; דאָרט, אין זייער סביבה, געניסט ער פון פיל נחת. ווייל ביי דעם יידן איז דאָך דאָס עוסק זיין בצרכי ציבור אין בלוט, און דאָ, אין די מקומות, שעפּט ער זיך אָן מיט נחת אויף דעם געביט, ווייל ער זעט מיט זיינע אייגענע אויגן אַז זיין זייען און פלאַנצן ווי אַ געזעלשאַפטלעכער מנהיג איז נישט נאָר נישט געגאַנגען פאַרלוירן, נאָר האָט געראָד אַרויס־געגעבן די פיינסטע, זאַפטיקסטע פּרוכטן. ווייל סיי דער זון אירווינג אין קאַראַקאַס, סיי די אייניקלעך אין בראַזיל, וואָס זייער פאָטער איז אַזוי פריצייטיק יונג אַוועק פון דער וועלט, שפינען אַלע ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון עסקנות, און זענען איבערגעגעבענע זין פון אונדזער מדינת ישראל.

טאַטע און קינדער טראָגן אַ כסדרדיקע זאָרג עפּעס צו טאָן און שאַפן לטובת הכלל, און זיי האָבן אין זייערע לאַנדסלייט און בני־עיר אויך נישט פאַרגעסן. זיי האָבן געגרינדעט אַ לייקאַסע אין ישראל, כדי אַ ייד אַ לאַנדסמאַן וואָס נייטיקט זיך אין אַ הלוואה זאָל האָבן אַן אַדרעס, ער זאָל קענען אין אַ שווערן מאָמענט פאַרלייכטערן זיין עקאָנאָמישע מערכה...

די אינסטיטוציע איז געשאַפן געוואָרן אויסשליסלעך דורך דער משפחה קריס: אָן אייגענער אויפטו, אָן שותּפים. די הויפּט־ביוראָ געפינט זיך אין חיפה. די אינסטיטוציע עקסיסטירט זינט 1966 און טראָגט דעם נאָמען „קופּת גמילות חסדים על שם באַשע קריס ז״ל״.

ר׳ משה־פּייוול איז שוין קיין עין־הרע איבער די שמונים, עד מאה ועשרים. אָבער דער אויסזען זיינער נאָרט־אָפּ. אַ פּנים, ער האָט פּיינט אַז זילבער זאָל באַדעקן זיין קאָפּ... די האָר זענען ביי אים ווי ביי אַ יונגער־מאַנטשיק. זיין זכּרון? גאָט צו דאַנקען! דערויף זאָגן עדות די באַטעמטע יידישע גלייכווערטלעך מיט וועלכע ער שיט כּסדר, ווי אויך די דברי־תּורה וואָס ער מישט אַריין מיט גרויס חריפות און געשמאַק אין זיין פּליסיקן, באַרעדעוודיקן שמועס. אויך זיין פיזישן מעמד מעגן אַ סך יינגערע פאַר אים זיך ווינטשן. נישט געקוקט אויף די יאָרן און אויף זיין גוטן מצב, איז ער נאָך נישט קיין צוריקגעצויגענער פון אַרבעט. נאָר טוט נאָך עפּעס אויף רחוב דיזנגוף, און ס׳רעשט פאַרברענגט ער אין דער געזעל־שאַפט פון זיינע גוטע חברים פון אַ גאַנץ לעבן: דער ספר, דאָס בוך, די צייטונג...

אַז ר׳ משה־פּייוול כאַפּט זיך אַראָפּ צו זיינע קינדער, איז די שמחה אין־לשער. מיר איז אויסגעקומען פערזענלעך בייצוזיין אַזאַ באַזוך אין קאַראַקאַס, אין אויגוסט 1977. אין דעם שול־ראַבינאַט, וווּ זיין זון אירווינג איז וויצע־פּרעזידענט, האָט טאַקע אירווינג גופא געלאָזט שטעלן אַ רחבות־דיקן קידוש, אויף וועלכן איך בין געווען איינער פון די פאַרבעטענע און טאַקע אויך פון די באַגריסערס. זעלטן ווען אין מיין לעבן — און אַזוי האָבן אויך געפילט אַלע אַנדערע אָנוועזנדיקע — האָב איך זוכה געווען צו פילן אַזאַ דערהויבענע שטימונג, אַזאַ יום־טובדיקייט, וועלכע נעמט זיך פון טיפער ליבשאַפט און פאַרערונג. פריינד אירווינג קריס האָט ממש אָנגעשטעקט דעם עולם מיט זיין שמחה פון מקיים זיין די מיצווה פון כּיבוד־אָב, און מיר אַלע זענען געוואָרן זיינע שותּפים אין דרך־ארץ און אָפּשיי פאַר דעם זעלטענעם יידן, דעם אויסגעצייכנטן כּלל־טוער און פאָטער פון אַ מוסטערדיקער פאַרצווייגטער יידישער משפּחה, ר׳ משה־פּייוול קריס.

דאַניעל דיינער — איידעם פון דער משפּחה קריס

וועגן דער משפּחה קריס האָבן שוין אונדזערע לייענערס פון אונדז באַקומען אַ ברייטערע אינפאָרמאַציע, און עס איז זיי גוט באַקאַנט דער נאָמען פון דעם גרינדער פון דער משפּחה, ר׳ משה־פייוול קריס, און ווי אַרום זיין פינף־יאָריק אויפהאַלטן זיך אין קאַראַקאַס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אמתער ברכה פאַרן ישוב. ממילאָ קען דער לייענער דעם האַרציקן ווענעסועלער פאָלקסייד פריינד אירווינג קריס, און ווייס גענוי פון די מעשים־טובים וואָס ער האָט דורכגעפירט און פירט כסדר דורך, סיי אַליין, סיי בשותפות מיטן בראַזיליאַנער אָפּצווייג פון דער משפּחה.

איצט ווילן מיר דערפאַר נישט צוגעבן גאָרנישט וועגן דער אויס־געצייכנטער קריס־משפּחה, נאָר מיר ווילן אָפּגעבן אַ פּאָר שורות זייער יונגן איידעם, דאַניעל דיינער. דאָס צו טאָן באַוועגט אונדז נישט דווקאָ דער זכות פון זיינע שווער און שוויגער, נאָר זיינע אייגענע מענטשלעכע ווערטן, און דער זכות פון דער גזע פון וועלכער ער קומט אַרויס. ערשטנס, דאַרף מען וויסן, איז דאַניעל, פון פאָטערס צד, אַן אייניקל פון באַוווסטן רב הרב פערלמוטער, און פון דער מאַמעס צד איז ער אַן אוראייניקל פונעם באַוווסטן הויפּט־ראַבינער פון וואַרשע, הרב מייזעל, וואָס זיין נאָמען האָט אין אונדזער דור, העט אין די 20ער יאָרן, אָפּגעהילכט נישט נאָר אין תחום פוילן, נאָר אין אַלע ווינקעלעך פון דער יידישער וועלט.

דאַניעל איז אַ געטרייער אויסדרוק פון זיין יחוס: דער שטעמפּל וואָס זיינע זיידעס האָבן געלייגט אויף דער משפּחה־ירושה איז גאַנץ קענטיק אין זיין פערזענלעכקייט ווי אין זיין אויפפירונג. נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט, האָט ער זיך שוין, מיט זיינע מעשים־טובים, דערוואָרבן אַ נאָמען אין יידישן קאַראַקאַס. אַ חוץ דעם ווייזט ער אַרויס אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייטן אויפן אַלגעמיינעם געביט. ער שפּאַנט קוים צו צו זיינע ערשטע דריי צענדלינג יאָר, און זיין פעיִקייט דערלויבט אים שוין צו זיין דער אָנפירער פון זיין שווערס גרויסע געשעפטן, וואָס דאָס איז גאָר נישט קיין קלייניקייט. לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז די צייטן פון די „פּיפּיקע״ געשעפטסלייט זענען שוין לאַנג אַריבער (און אויך דעמאָלט האָט געקענט טרעפן אַז אַ יונגער ביזנעסמאַן זאָל איבערקליגן אַ סוחר אַ וועטעראַן).

היינט, אַז מען וויל פירן געשעפטן מיט אַ געוויסן פּאַרנעם, פֿאָדערט זיך אַ פעסטע אינטעלעקטועלע באַזע, העכערע בילדונג, און דערצו ענערגיע, אַרבעטזאַמקייט, דינאַמישקייט. דער יונגער דאַניעל איז געבענטשט מיט די אַלע מעלות. ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ צוזאָג, אַז דער דרך פון דער משפחה קריס: אונטערנעמערישקייט געפּאָרט מיט יידישלעכקייט, עקאָנאָמישע גדולה צוזאַמען מיט יידישן באַוווסטזיין און ברייטהאַרציקייט — בלייבט נישט אָן אַ המשך אין דער פּערזאָן פון זייער איידעם, דאַניעל דיינער, וועמען איך נעם אַריין מיט פאַרגעניגן אין דער גאַלעריע פון די אָנגעזעענע געשטאַלטן פון יידישן קאַראַקאַס.

ד״ר לעאָן קלאַר — דאָס שיינדל פון אַ פאַרצווייגטער משפחה פלל־טוערס

איך קלייב זיך דאָ שרייבן וועגן אַ גרופּע מענטשן וואָס, ווען זיי זענען נישט פאַרבונדן דורך משפחה־קרובהשאַפט, וואָלט דאָס גלייכסטע געווען, צו באַשרייבן יעדערן באַזונדער, ווייל יעדער איינער פון זיי פאַרמאָגט זיך זיינע באַזונדערע פאַרדינסטן. אויב איך טו דאָס נישט, נאָר איך קלייב־אויס איין פיגור — די פיגור פון דעם גרויסן דאָקטער און געטרייען ייד, ד״ר לעאָן קלאַר — איז דאָס נאָר צוליב דעם, ווייל איך וויל אַרויסברענגען אַז אינעם המשך פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן זענען נישטאָ קיין צו־פאַלן, נאָר דאָס וואָס מען פאַרזייט, דאָס שניידט מען. דערפאַר וויל איך ווייזן די געשטאַלט פון ד״ר לעאָן קלאַר, אַ מעדיצינער, קולטורמענטש און עסקן פון ערשטער קאַטעגאָריע, אַרומגערינגלט מיט דער ראַם פון זיינע עלטערן און אַנדערע קרובים, כאָטש יעדערער פון זיי איז אַ פערזענלעכקייט בזכות עצמו אין יידישן לעבן. דער קאָלעקטיווער פּאָרטרעט וועט, אין דעם פאַל, אונדז העלפן פאַרשטיין געוויסע פּראָצעסן אין דער דורות־קייטלונג פון אונדזערע ישובים.

ד״ר לעאָן קלאַר געהערט צום צווייטן דור קאָלאָמביאַנער יידן (כאָטש היינט איז ער אַ ווענעסולאַנער); פון די, וואָס זענען קינדווייז געקומען מיט זייערע עלטערן פון דער אַלטער היים, און האָבן שוין אין דער נייער סביבה דערוואָרבן זייער לשון, בילדונג און אָפט מאָל אויך די מענטאַליטעט. אָבער להיפּוך ווי אַ סך אַנדערע זיינס גלייכן, איז ער גלייכצייטיק געבליבן צוגעבונדן צו די שענסטע טראַדיציעס פון יידישער פאָלקסטימלעכקייט און לעבנס־שטייגער, אַריינגערעכנט אין דעם זיין גרויסע פּיעטעט פאַר אמונה, ספרים, און פאַר דער יידישער שפּראַך, וואָס ער רעדט, לייענט און שרייבט קאָרעקט און מיט פאַרגעניגן.

ר׳ ישראל קלאַר

ווי געזאָגט, איז יידישע געטריישאַפט נישט קיין רעזולטאַט פון צו־פעליקע פאַקטאָרן, נאָר זי איז אַ פועל־יוצא פון דעם וואָס אַ מענטש זאַפט איין אין זיין היים, אין די קינדער־יאָרן. פון וואַנען זשע וואַקסט אַרויס דער וואַרעמער ייד און וויסנשאַפטלעכער מעדיצין־פאָרשער, ד״ר לעאָן קלאַר? ער וואַקסט אַרויס פון אַ טאַטן, וואָס איז אויך אַ פאָרשער. נאָר נישט אויפן פעלד פון חכמת־הרפואה, נאָר אויפן פעלד פון תורה, וועלכע איז אויך אַ טייערער מעדיקאַמענט; ערגעץ ווערט דאָך געזאָגט: „חש בראשו — יעסוק בתורה״ — ווען ס׳טוט וויי דער קאָפּ, זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט לערנען די תורה, וועט אים בעסער ווערן... דער נאָמען פון דעם דאָזיקן תורה־ייד איז ר׳ ישראל קלאַר. געבוירן איז ער אין טשאָרטקאָוו, גאַליציע, אין 1895. אין קאָלאָמביע וווינט ער שוין קיילעכדיקע פופציק יאָר, אינעם גן־עדנדיקן ווינקל וואָס הייסט קאַלי.

וועגן ר׳ ישראל קלאַר האָט דער שרייבער פון די שורות געהערט רעדן נאָך מיט פיר יאָרצענדליגער צוריק, און זיך טאַקע מיט אים באַקענט, אין זיין געשעפט וואָס ער האָט געהאַט אין דער שטאַט קאַלי. וועגן דעם האָב איך שוין עפּעס דערמאָנט אין מיין שפּאַנישן בוך אונטערן נאָמען „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד״. דעמאָלט האָב איך וועגן ר׳ ישראלן געהאַט ווינציק ממשדיקע אינפאָרמאַציע, הגם כ׳האָב יאָ געהאַט אַ ביז גאָר וואַרעמען איינדרוק פון זיין פּערזענלעכקייט ווי אַ ייד אַ לערנער און אַן עסקן. דערפאַר האָב איך אין יענעם בוך אָנגעוואָרפן וויפל שטריכן עס זענען מיר געווען באַקאַנט וועגן אים. איצט האָט אָבער דער גורל געוואָלט אַז דווקא ביים שרייבן דאָס בוך וועגן ווענעסועלאַ, זאָל איך זיך אויף ס׳ניי אָנטרעפן מיט זיין נאָמען, אין דער פּערזאָן פון זיין ווירדיקן יורש, און אַזוי אַרום איז מיר באַשערט געווען ממלא צו זיין אויך דעם פאַרדינטן חלק פון מיין אַלטן און לאַנג־באַקאַנטן מיט־תושב ר׳ ישראל קלאַר.

יאָרן און יאָרן האָב איך זיך געפירט, אַבי איך בין נאָר געקומען קיין קאַלי און כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען זיין קלייט, האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן, נאָר כ׳האָב געמוזט אַריינגיין אָפּגעבן שלום אָט דעם טייערן יידן. אַ האַרץ פילט אַ האַרץ, און ס׳איז אַלע מאָל ליב זיך דורכצושמועסן מיט אַ מענטש וואָס טראָגט זיך אַרום מיט די זעלביקע עסקנישע אינטערעסן און אומרועס. זעלטן ווען איך האָב דעם יידן געטראָפן, ער זאָל נישט זיצן פאַרזונקען אין אַ בוך, אַ ספר צי אין אַ יידישער צייטונג. די גוטמוטיקע אויגן האָבן אָפּגעקוקט פון אונטער געדיכטע ברעמען און פון הינטער די ברילן־גלעזער, וועלכע ער האָט נישט אָפּט אָװעקגעקערט פון געדרוקטן וואָרט. ביי דעם מין יידן איז רעכט, אַז צוליב דעם פאַרטיפטן לייענען זאָלן זיי נישט באַמערקן ווען עס קומט אַ קונה אין קלייט אַריין. אַוודאי איז דאָס נישט קיין סגולה צום געשעפט. אַ הונדערט פּראָצענטיקער סוחר לאָזט נישט אַז גייסטיקע ענינים זאָלן אים אין די פּאַרקויף־שעהען „מבטל זיין" פון זיינע פּראָפיטן. אָבער ר׳ ישראל האָט זיך געפירט מיטן הייליקן דרך פון אונדזערע אַמאָליקע תלמידי־חכמים, וואָס אויב ס׳איז זיי אָנגעקומען צו מיסחרן, האָבן זיי דעם משא־מתן און דעם פדיון באַטראַכט נאָר ווי אַ געצוווּנגענעם איבעררייס אין דער פיל העכערער עובדה פון פאַרגרעסערן זייער גייסטיקן יש. ממילא האָט אים די השגחה נישט פאַרזען, און ער האָט אין זיין עסק געזען געגנוג מזל־ברכה ווי אויף צום לעבן. אָבער דאָס אמתע גרויסע עשירות האָט ער אָנגעזאַמלט אין דער מטבע וואָס מען רופט: אַ גוטער נאָמען און גוטע אויפטוען פאַר זיין קהילה. ער איז געוואָרן דאָס האַרץ און די נשמה פון יידישן גייסטיקן און רעליגיעזן קאַלי.

אַ סך מאָל, בעת די קהילה אין קאַלי איז געווען אָן אַ רב, האָט פריינד קלאַר דערפילט פאַרשיידענע רעליגיעזע פונקציעס, אַריינגערעכנט חופּה וקידושין. אַרום 1932 איז ער געווען צווישן די מיטגרינדערס פון „סענטראָ איסראַעליטאַ דע קאַלי", און אַ ביסל שפּעטער, פון דער דאָרטיקער קהילה־אינסטיטוציע, די „סאָסיעדאַד העברעאָ דע סאַקאָררראָס", פון וועלכער ער איז געווען דער ערשטער וויצע־פּרעזידענט, און אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיטן פּראָמינענטן עסקן אַרנאָלדאָ באַרגעניכט ע"ה און נאָך אַ קליינע גרופּע פּיאָנערן.

די אַלע אויפגאַבעס האָט ר׳ ישראל קלאַר דורכגעפירט מיט אַ זעלטענעם חוש פאַר דעם ריכטיקן, פרומען, ברידערלעכן כאַראַקטער וואָס אַן עכט יידיש צוזאַמענלעבן דאַרף טראָגן. די דאָזיקע באַציונג איז אויך ביי אים נישט קיין צופאַל, נאָר זי האָט זיך ביי אים אויסגעשמידט אין זיין היים. ר׳ ישראלס טאַטע, ד"ר קלאַרס זיידע, איז געווען אַ הוסיאַטינער

חסיד, ווייזט אויס אַז פון די אָנגעזעענע צווישן זיינע אַנשי־שלומנו. ביז היינט היט זיך נאָך אויף ביי ר׳ ישראלן אין שטוב אַ ווערטפולער זילבערנער בעכער, וואָס זיין טאַטע האָט געקראָגן במתנה פאַר זיין אַריינלייגן זיך אין שלום־בית, בעת אַ סיכסוך צווישן די רביישע גזעס פון הוסיאַטין און פון טשאָרטקאָוו, וואָס ער האָט דערפירט צו אַן אויסגלייך.

דער דאָזיקער בעכער איז אַ פילפאַכער סימבאָל. קודם־כל, דערציילט ער אונדז פון אַ פאַמיליע ווו ס׳איז שוין אַ טראַדיציע צו זיין אַן „אוהב שלום ורודף שלום", און דאָס איז דאָך די ערשטע מעלה פון אַ יידישן געזעלשאַפטלעכן טוער. צווייטנס, איז ער אַן עדות פון דעם אומגעהייערן דרך־ארץ פאַר דעם אַמאָל פון אונדזערע אָבות: די שיינע יידישע מידה פון פאַרהייליקן דעם זכר און די דרכים פון טאַטעס און זיידעס דורך אָפּהיטן חפצים און ספרים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר זייער גייסטיקע ירושה. און אויב מיר גיבן נאָך צו אַז אויך דאָס אייניקל, ד״ר לעאָן קלאַר, ווייסט דעם אָפּשטאַם פון דעם בעכער און שטאָלצירט מיט אים, זעט מען קלאָר אַז דאָס געפיל פון געטריישאַפט צום יידישן שטאַם האָט אין דער דאָזיקער פאַמיליע גובר געווען אַלע אָפּפרעמדנדיקע כוחות פון דער צייט, דער נייער סביבה אאַז״וו.

דאָס אייגענע צו זאָגן וועגן אַ באַנד פון תלמוד בבלי, פון דער לעמ־בערגער אויסגאַבע פון 1865, וואָס ר׳ ישראלס פאָטער האָט אים געשאָנקען צו זיין בר־מצוה אין 1908, און ר׳ ישראל האָט אים איבערגעגעבן זיין זון לעאָן במתנה צו דער זילבערנער חתונה. דאָס בלויזע אָפּהיטן דעם ספר אין דער משפחה במשך אַזוי פיל יאָרן און גילגולים, ווייזט אויף אַ גאָר הויכן גראַד באַציונג און גייסטיקער איידלקייט. און דער פאַקט וואָס דאָס אייניקל איז נאָך אַלץ אַן אָפּנעמער פון אַזאַ געשאַנק, און דאָס איז אין זיינע אויגן נישט ווינציקער טייער ווי דאָס איז געווען פאַרן זיידן, דער־ווייזט אַז ביי די קלאַרס אין דער משפחה האָט די צוגעבונדנקייט צו יהדות מנצח געווען איבער דער טענדענץ צו עם־הארצות און צו פשוטן באַר־באַריזם, וואָס איז ליידער אַזוי פאַרשפּרייט אינעם רוב פון אונדזערע קרייזן.

☆

צוריק צו פּ׳ ישראל קלאַרס געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט: ער איז יאָרנלאַנג געווען פּרעזידענט פון דער קהילה אין קאַלי, און ווי אַזאַ איז ער אין 1948 געווען דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן גרויסן קבלת־פּנים וואָס דער דאָרטיקער ישוב האָט אָרגאַניזירט לכבוד מנחם בעגינען, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרן מיטן פּאַראַד וואָס פּאַסט פאַר אַ נאַציאָנאַלן באַ־פרייער. ר׳ ישראל און זיין זון לעאָן, זענען געשטאַנען בראש פונעם

אויטאָמאָבילן־קאַלום וואָס האָט באַגלייט דעם גרויסן מנהיג פון לופטפּאַרט אין שטאָט אַריין, און זיי האָבן אים מיטגעפירט אויף באַגעגענישן מיט די העכסטע אָפיציעלע אויטאָריטעטן, וועלכע האָבן אַזוי אַרום אויסגעדריקט זייער דרך־ארץ סיי פאַר דעם געהויבענעם גאַסט, סיי פאַר זייערע יידישע מיטבירגערס, בראש מיט אַזעלכע פיגורן ווי די קלאַרס, וועלכע האָבן דעם פּראָמינענטן פריייהייטס־קעמפער אַזוי ווירדיק באַגעגנט. ד״ר לעאָן קלאַר היט אָפּ ווי אַן אוצר אין זיין זכרון יעדן מאָמענט פון יענעם היסטאָרישן באַזוך, פונקט ווי ער היט אָפּ אַן אויטאָגראַף וואָס דער גרויסער מנהיג האָט אים אייגנהענטיק געווידמעט.

היינט איז שוין ר׳ ישראל קלאַר צוריקגעצויגן פון דער ציבורדיקער אַרבעט. מיט זיינע געבענטשטע 82 יאָר (ביז הונדערט און צוואַנציק), מעג ער זיך פאַרגינען אַ ביסל מנוחה. מסתמא כאַפּט ער צו מאָל אַ צוריקבליק אויף זיין רייך לעבן. ער דערמאָנט זיך אַוודאי זיין יוגנט אינעם לומדישן גאַליציע, און זיין אַרויספאָר ווי אַ חלוץ קיין ארץ־ישראל, אין 1925, ווו ער איז געוואָרן אַ בוי־אַרבעטער, אָבער נאָך צוויי יאָר האָט אים דער עקאָנאָמישער קריזיס געצוווּנגען אויסצוּוואַנדערן, צו ערשט אויף אַ יאָר קיין פּערו, און אין 1928, קיין קאַלי...

איבעריקנס, זיצט ער נישט ליידיק; ער לעבט נישט נאָר פון זכרונות, נאָר געפינט נאָך כוח מקיים צו זיין איינע פון די שענסטע מיצוות: צוגרייטן בחורימלעך צו זייער בר־מיצווה. אָט אַזאַ איז ער, ר׳ ישראל קלאַר, איינע פון די שענסטע געשטאַלטן פון עלטערן דור, וואָס באַשיינט אונדזער לעבן אין די דאָזיקע לענדער מיט זיין אייגן ליכט און מיטן ליכט פון זיין געראָ־טענעם נאָכקום.

☆

אַ וואָרט וועגן ר׳ ישראלס לעבנס־באַגלייטערין. פרוי בערטאַ (חיה) בוביס־קלאַר איז געבוירן געוואָרן אין קאָמענעץ־פּאָדאָלסק, און גאָר אין גיכן וועט ווערן 57 יאָר זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט איר באַשערטן. אַליין אַן אָפּשטאַמיקע פון אַ שיינער יידישער היים, איז זי גופא די יידישע נשמה פון איר פאַמיליע, פונקט ווי איר מאַן איז די פאַרקערפּערונג פון יידישן געדאַנק און גייסט. ביי אירע קינדער אין האַרצן איז איינגעבאַקן איר געשטאַלט ווי דער צענטער פון שבתדיקן אָדער יום־טובדיקן משפחה־טיש. דורך איר איז אויף ר׳ ישראלס היים מקויים געוואָרן די ברכה פון תהילים, אַז קינדער ווי בליענדיקע איילבערטן רינגלען אַרום דעם טיש פון טאַטע־מאַמע.

קינדער האָבן זיי פיר: צוויי זין און צוויי טעכטער. ד״ר שמואל קלאַר

דער ברודער פון לעאָן קלאַר איז טעטיק ווי אַ קינדער־דאָקטער אין באָגאָטאַ. אויך אין זיינע אָדערן פליסט גרזעלשאַפטלעך בלוט. די יידישע קהילה פון באָגאָטאַ איז אים נישט פרעמד — ער האָט געהערט צו דער קהילה־פאַר־וואַלטונג. וואָס שייך ישראל — שטייט ער אויך נישט מן הצד. אין באָגאָטאַ וווינט די שוועסטער פרוי דעמנער, וואָס איר מאַן איז דער ציינדאָקטער לעאָ דעמנער; די צווייטע שוועסטער וווינט אין קאַלי; איר מאַן איז אַ סוחר פון יענער שטאָט. וואָס שייך דעם בכור, ד״ר לעאָן קלאַר, האָט ער חתונה געהאַט מיט כואַנאַ זיגעלבוים, דאָס הייסט, אַז ער איז אַן איידעם פון דעם שוין פאַרשטאָרבענעם, באַוווּסטן קאַראַקאַסער עסקן און ישוב־מנהיג חיים זיגעלבוים. טאָ לאָמיר גיין מיט אַ סדר און דערציילן עפּעס וועגן דעם חשובן שווער, איידער מיר טרעטן צו צום איידעם (אים צו לענגערע יאָר).



חיים זיגעלבוים ע״ה

חיים זיגעלבוים ע״ה איז געווען אַ פּראָמינענטער עסקן אין יידישן קאַראַקאַס. ער האָט פּיל בייגעשטייערט אין אַרבעט און אין געלט פאַר אַלץ וואָס איז געטאָן געוואָרן זינט דעם בראשית פונעם ישוב. אינעם קאַפּיטל וועגן ד״ר דוד גראָס דערמאָנען מיר זיין באַטייליקונג אינעם גרינדן די ערשטע יידישע שול, די הערצל־ביאַליק־שול, און אַראָפּברענגען פאַר איר אַ פאַסיקן דירעקטאָר. בכלל האָט ער מנדב געווען מיט אַ ברייטער האַנט פאַר אַלע פּאָזיטיווע איניציאַטיוועס און פּראָיעקטן אין קאַראַקאַסער ישוב.

ער האָט אויך געהאַט אַן אָפן אויער און וואַכע געפילן פאַר אַלץ וואָס איז פאַרבונדן מיט אונדזער יידישער קולטור. אין דעם זינען געדענקט זיך מיר, אַז דעם ערשטן קאָנטאַקט מיט אים איז מיר אויסגעקומען אָנ־צוקניפּן דווקא אין שייכות מיט קולטור־אַרבעט. דאָס איז געווען אָנהייב 48סטן יאָר, ווען מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט קיין באָגאָטאַ אויף אַ ציקל לעקציעס בן־ציון גאָלדבערגן מיט זיין פרוי מערי, שלום־עליכמס טאָכטער. נישט קענענדיק נאָך ווענעסועלאַ, האָב איך זיך משער געווען אַז ס׳וואָלט געווען כדאַי מאַכן דעם שכנותדיקן ישוב פאַר אַ שותף און מיטגעניסער פון דער זעלטענער גאַסטשאַפט, און כ׳האָב זיך געוואָנדן טעלעגראַפיש צום מענטשן, וואָס זיין נאָמען איז מיר באַקאַנט געווען ווי אַן איבערגעגעבענער און אָנגעזעענער כלל־טוער: חיים זיגעלבוים. ער האָט דעם פאָרשלאָג גוט אויפגענומען און דורכגעפירט בשלימות, אַזוי אַרום אַז דער באַזוך פון די גאָלדבערגס אין קאַראַקאַס איז געקרוינט געוואָרן מיט דער גרעסטער הצלחה, און מען געדענקט אים נאָך היינט צו טאָג.

שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, אין 1952, האָבן מיר זיך באַקענט פער־זענלעך, ווען איך בין מיט מיין פרוי געפאָרן קיין קאַראַקאַס — אַגב, אונדזער ערשטע נסיעה אין אויסלאַנד נאָך 23 יאָר אָפּזיצן אין באָגאָטאַ. פ׳ חיים זיגעלבוים האָט מיך דאַן אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, מיך

אַרומגעפירט איבער זיינע בליִענדיקע פאַבריקן און אונטערנעמונגען, ווי אויך אַריינגעפירט אין די אינטערעסן און געזעלשאַפטלעכע זאָרגן פון זיין ישוב. דורך אים האָב איך אָנגעהויבן באַגרייפן דעם טיפ פון דעם וועגע־סועלער ייד: אַריינגעטאָן ביז איבערן קאָפּ אין פּראָספּערירנדיקע ביזנעס, און דאָך איבערגעגעבן מיט נישט ווינציקער אייפער פאַר די קהלשע אינטערעסן.

ליידער איז פ׳ זיגעלבוים שוין דעמאָלט נישט געווען בקו הבריאות, אַ פאַקט וואָס האָט זיך געמערקט אויף דער בלייכקייט פון זיין פּנים. ער איז פּריצייטיק אַוועקגענומען געוואָרן פון זיין משפּחה און פונעם ישוב, פאַר וועלכן ער האָט אַזוי פיל אויפגעטאָן און נאָך אַזוי פיל געזאָלט ביי־טראָגן, ווען דער טויט רייסט אים נישט אַוועק פאַר דער צייט.

חיים זיגעלבוימס ברודער וועלוול לעבט אויך אין קאַראַקאַס, און ווערט גערעכנט צווישן די דינאַמישע און עקשנותדיקע כּלל־טוערס פונעם ישוב. ער איז געווען פון די הויפּט־בויערס פון דער ראַבינאַט־שול אין איר ערשטער תּקופה, און האָט געהאַט אויסצושטיין פיל עגמת־נפש איבער די מחלוקותן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אַרום דער פּערזאָן פון הרב שאַפּיראָ, און אויך נאָך דעם ווי דער לעצטער האָט פאַרלאָזט קאַראַקאַס. מילא, וועגן דער געשיכטע פון ראַבינאַט שרייב איך ערגעץ אַנדערש, און דאָ איז נישט דאָס אָרט צו פּסקענען ווער ס׳איז אין די דיסקוסיעס גערעכט, און אויף וויפל גערעכט. דאָ וועט געווג זיין צו באַטאָנען אַז וועלוול זיגעלבוים בלייבט פאַרצייכנט אין דער געשיכטע פון זיין ישוב אין דעם רייסטער פון די פּאָזיטיווע טוערס, דאָס הייסט, פון די יידן וואָס קלייבן נישט אויס דעם לייכטן וועג און שטייען נאָר מן־הצד צו משפּטן יענעמס טעותים, נאָר ער האָט אויסגעקליבן צו זיין צווישן די, וואָס טוען און שטעלן־איין אַפילו אַ מאָל צו באַגיין אַ טעות, אַבי עפּעס צו ווירקן אין דער ריכטונג פון זייערע אידעאַלן, כאָטש דאָס קאָסט זיי צייט, געלט, געזונט און ענערגיע.

✡

נו, איצט, אַז מיר האָבן שוין באַשריבן דעם משפּחה־יחוס פון אַלע צדדים, קענען מיר צוטרעטן צו דער פיגור און פּערזענלעכקייט פון ד״ר לעאָן קלאַר.

געבוירן איז ער אין טשאַרטקאָוו אין 1922, אין דער דעמאָלט פּויליש־שער גאַליציע. ווי ס׳איז פאַרשטענדלעך, האָט ער קינדווייז דורכגעמאַכט מיט זיינע עלטערן אַלע גילגולים איבער ארץ־ישראל און פּערו, ביז די משפּחה האָט זיך באַזעצט אין קאָלאָמביע.

זיין דאָקטער־טיטל האָט ער באַקומען אין באָגאָטאַ, און נאָך דעם דורכגעפירט פערפעקציאָניר־לימודים אויף קאַרדיאָלאָגיע אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין דער יוגנט האָט ער זיך אויך אויסגעצייכנט ווי אַ שאַכשפּילער, און ער האָט זיך פאַרמאָסטן, ווי מיט גלייכע, מיט גרויסע שאַכמייסטערס, אַפילו פון אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם.

זינט 1953 וווינט ד״ר קלאַר אין ווענעסועלאַ, וווּהין עס האָט אים געפירט זיין שידוך מיט דער פריילין זיגעלבוים. דאָ איז דאָס אָרט אַרויסצוברענגען אַ געוויסן פּרט, אין פאַרגלייך מיט עפּעס וואָס פּאַסירט אָפט אין אַזעלכע פאַלן. מיר טרעפן נישט איין מאָל, אַז אַ דאָקטער, צי אַן אַנדערער פּראָפעסיאָנאַל, אַרכיווירט זיין דיפּלאָם ווען עס מאַכט זיך אים על־פּי־גורל אַ גוטע געלעגנהייט אַריינצוטרעטן אין דער ביזנעס־וועלט. מיט ד״ר קלאַר האָט עס אויך געקענט טרעפן. ער איז גאָרנישט נתפּעל געוואָרן פאַרן פאַקט, וואָס זיין שווער איז אַ ריזן־אינדוסטריאַל פון דער טעקסטיל־בראַנזשע אין קאַראַקאַס. אין דער אמתן, האָט ער נאָר געדאַרפט וועלן ענדערן דעם קורס פון זיין לעבן, און וואָס שייך עקאָנאָמישער פּאָזיציע, יעדנפאַלס, וואָלט ער געקומען צום גרייטן. אָבער דער גרינגער וועג האָט נישט געלאָקט דעם מענטשן, וואָס האָט אויסגעקליבן מעדיצין ווי אַ באַרוף, און נישט ווי אַ מיטל זיך אַרויפצואַרבעטן. בעת ער איז געשטאַנען פאַרן נסיון, האָט ער אים געענטפערט מיט אַ פעסטן — ניין! מעדיצין איז טאַקע נישט קיין איינגעפונדעוועטע אינדוסטריע; מען דאַרף זיך גוט אָנמאַטערן ביז מען שניידט זיך דורך אַ וועג און מען קריגט אַ שטיקל נאָמען. און עפּעס מזל מוז מען אויך האָבן.

אַ סך פּראָפעסיאָנאַלן לעבן אויס זייערע יאָרן, און ס׳געלינגט זיי נישט צו דערגרייכן קיין פּריווילעגירטע פּאָזיציעס. איז נישט נאָר וואָס ד״ר קלאַר האָט זיך נישט געלאָזט פאַרבלענדן פון דעם באַלדיקן עשירות וואָס איז געלעגן ממש אויף דער האַנט, נאָר ער האָט אַוודאי געמוזט פאַרמאָגן אַ גרויסע דאָזע געטריישאַפט צו זיך אַליין, ליבשאַפט צו דער הומאַניטאַרער פּראָפעסיע וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן, און גלויבן אין די אייגענע פעיקייטן, אַז ער וועט נישט אַנטוישן זיינע לערערס און זיין אייגענע שטרעבונג צו זיין אַ גוטער שליח פון דער היילקונסט.

און ער איז געווען גערעכט מיט זיין אויסוואַל. די פאַקטן באַשטעטיקן דאָס. כ׳וועל נישט באַלאַסטן דעם לייענער איבערשרייבנדיק די צוועלף געדיכטע זייטן פון ד״ר קלאַרס מעדיצינישן קוריקולום. וואָס איך וויל יאָ באַטאָנען איז, אַז ער איז נישט פון די געוויינטלעכע מעדיצינערס, וועלכע קריגן זייער דיפּלאָם און פאַרנעמען זיך ווייטער אויסשליסלעך מיט זייער פּראַקטיק מיט פּאַציענטן, צי דאָס איז פּריוואַט אָדער אין אַ שפּיטאָל, און

ווייטער גייען זיי נישט. אַוודאי איז אויך זייער אויפגאַבע אַ וויכטיקע און פאַרדינט אָנערקענונג אויב זי ווערט דורכגעפירט מיט וויסן און אַחריות. אָבער פאַראַן אַ צווייטער מין דאָקטוירים, וואָס זיי ווילן זיך נישט אַזוי באַגרענעצן, נאָר זיי שטייען צו צו דער מחנה פאָרשערס און וויסנשאַפט־לערס, וואָס פירט דעם קאַמף קעגן חולאתן אין אַ ברייטן מאַסשטאַב. זיי באַקעמפן די קראַנקייט נישט נאָר אין דער פערזאָן פון דעם פּאַציענט, דעם יחיד, נאָר מאַטערן זיך צו דערגיין דעם וואָרצל, די אַלגעמיינע סיבה פון יעדן מין קרענק. ד״ר קלאַר איז איינער פון זיי. זיין פראַנט, ווו ער פירט מלחמה ווי אַ מעדיצינער, איז דער בלוטדרוק, דאָס וואָס ווערט אויף שפּאַניש אָנגערופן „היפערטענסיאָן אַרטעריאַל״. דאָס איז אַ בייזע צרה וואָס טשעפּעט זיך צו צו אַ מענטשן און איז גורם אַז איבער זיין געזונט און לעבן זאָל כסדר הענגען אַ מאַוימדיקער, סטראַשענדיקער שאָטן. איך, אַ פרעמדער אין דער וועלט פון וויסנשאַפט, קען נישט מעסטן ווי וויכטיק ס׳איז ד״ר קלאַרס בייטראַג אויסצוואָרצלען די קראַנקייט. נאָר ס׳איז קיין ספק נישט, אַז ער האָט אַ סך דערגרייכט. נישט איך זאָג דאָס, נאָר די אוניווערסיטעטן וואָס האָבן אים אויסגעצייכנט און באַשעפטיקט ווי אַ פּראָפעסאָר, די מעדיצינישע געזעלשאַפטן וואָס האָבן אים פרעמירט, די מלוכה־אינסטאַנצן וואָס האָבן אים באַשטימט ווי זייער פאָרשטייער פאַר אינטערנאַציאָנאַלע געזונט־פּראָגראַמען, די שפּיטעלער וואָס האָבן אים אָנגעטרויט וויכטיקע, אָפט מאָל אָנפירערישע פונקציעס. נישט גענוג וואָס ער האָט דערגרייכט און באַגילטיקט זיין טיטל אין קאָלאָמביע און ווענע־סועלאַ, האָט ער נאָך דורכגעמאַכט אַן אינטענסיווע פערפעקציאָנירונג אין אויסלאַנד: פאַראייניקטע שטאַטן, שוועדן.

ד״ר קלאַרס וויסנשאַפטלעכע פּובליקירטע אַרבעטן — זיינע אַליין אָדער בשותפות מיט אַנדערע פאָרשערס — דערגייען צו קנאַפּע דרייסיק; די אַרבעטן וואָס ער האָט צוגעשטעלט אויף וויסנשאַפטלעכע פאַרזאַמלונגען, צו איבער פערציק; זיין באַטייליקונג מיט פאָרשלאַגן און רעפעראַטן ביי רונדע טישן א״אַנד. מעדיצינישע אַסיפות, לאָזט זיך גאָר מיט קיין ציפערן נישט אָפּשאַצן. מיט איין וואָרט, אַ מעדיצינער, וויסנשאַפטלער און פאָרשער וואָס פיבערט ממש כסדר צו שטעלן זיין גרויס וויסן, טאַלאַנט און אַרבעט־זאַמקייט צו דינסט דער ליידנדיקער מענטשהייט, און האָט אַזוי אַרום פאַר־דינט דעם גרעסטן דרך־ארץ מצד אַלע קרייזן אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

וואָלט מען דאָך געמעגט זיכער זיין, אַז מיט אַזאַ לאַנג צעטל אויפטוען איז שוין אויסגעשעפּט אַלץ וואָס דער מענטש, לעאָן קלאַר, האָט געקענט בייטראָגן פאַר דער געזעלשאַפט. נאָר ס׳וואָלט געווען אַ טעות. מען מוז ווידער איבערחזרן דעם אַלטן כלל: אַ פּנים, אַז נאָר מענטשן וועלכע האָבן

באמת קיין צייט נישט, געפינען צייט צו אַרבעטן פאַר די זאַכן, אין וועלכע זיי גלייבן, און להיפוך, די געמאַסטענע טוערס וואָס האָבן נאָר אין זינען זיך אַליין צו באַזאָרגן און זיך נישט צו איבעראַרבעטן — זיי געפינען קיין מאָל נישט קיין „פרייע מינוט" צו דינען דעם כּלל. ד"ר קלאַר געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די וואָס פאַרשטייען, אַז יידישקייט איז נישט קיין „פראָפעסיע", נאָר די גייסטיקע לופט מיט וועלכער מיר אָטעמען. ממילא איז נישט שייך צו פאַרבייגן יידישע זאָרגן מחמת מען איז צו „ביזי" ווי אַ דאָקטער, אָדער ווי אַן אינזשעניער, צי ווי אַ סוחר אָדער אינדוסטריאַל.

אין 1960 איז ער אַריינגעטראָטן אין די בני־ברית, ווו ער האָט אַקטי־ווירט במשך עטלעכע יאָר. זינט 1968 איז ער באַטייליקט אין דער אָנפירונג פון דער קהילה „אוניאָן איסראַעליטאַ". זעקס יאָר צייט איז ער געווען דער חינוך־דירעקטאָר, און אונטער זיין דירעקציע זענען דורכגעפירט געוואָרן גרינטלעכע ענדערונגען אין דער שול־סיסטעם: מען האָט איינ־געגלידערט יוגנטלעכע עלעמענטן אין דער לערערשאַפט, דערהויבן דעם ניווא פון די לימודים, געשאַפן אַ ישיבה קטנה „יבנה". היינט איז ער טעטיק ווי דער 2טער סוב־דירעקטאָר פאַר דערציונג, און איז אַריינגעטאָן בלב ונפש אין די ברייט־פאַרנעמיקע פּלענער אַריינצוגעמען אין איין אָרגאַנישער ראָם די פאַרשיידענע לערן־אַנשטאַלטן פון ישוב, אין די נייע בנינים וואָס בויען זיך אויף די שטחים פון „העבראַיקאַ" אין לאָס טשאַרראָס. זיין געדאַנק איז, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ ועד־החינוך, כּדי צו קאָאָר־דינירן די פּראָגראַמען פון אַלע ציקלען אין חינוך, וואָס דאָס וואָלט געווען אַ גרויסע ברכה פאַר דער יידישער בילדונג אין ווענעסועלאַ.

די אַלע זאַכן טוט ד"ר קלאַר נישט נאָר אויס געטריישאַפט צו דער ירושה, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזאַפּט ביי זיינע עלטערן אין דער היים, נאָר ווי אַ מענטש וואָס לעבט כּסדר מיט דער יידישער קולטור, האַלט טייער טראַדיציע און אמונה, און שפּיגלט זיך ממש אין דער יידישער שפּראַך, וואָס ער באַהערשט פּערפעקט און אויף וועלכער ער שרייבט זיך איבער מיט טאַטע־מאַמע. ער קען מאַמע־לשון אַפילו אויף צו זיין אַן איבערזעצער, און מיט פיל יאָרן צוריק איז אים אויסגעקומען דאָס צו זיין: אין 1944 האָט ער איבערגעזאָגט אויף שפּאַניש דעם רוף פון מאָסקווער אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, געחתמעט פון שלמה מיכאָעלס און איציק פעפער, און דאָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן קאָלאָמביאַנער ישוב.

און נישט נאָר אַ גוטער קענער און געניסער פון אונדזער קולטור־ירושה איז ער, דער ד"ר קלאַר, נאָר אויך אַ מענטש מיט אַן אייגענעם איינשטעל אין חינוך־פראַגעס, וועלכער ווייטיקט מיט די דורכפאַלן און

באַגרענעצונגען וואָס טרעפן זיך אויפן וועג צו געבן דעם נייעם דור אַ פולע יידישע בילדונג. ביז היינט קען ער נישט שלום מאַכן מיטן דורכפאַל איינ־צופירן אין די שולן פון זיין ישוב אַן ערנסטן פּראָגראַם איינצופלאַנצן דאָס קענען און ליב האָבן יידיש. ער געדענקט נאָך גוט די אויסגעצייכנטע שול־פאַרשטעלונגען, וואָס עס האָט אַ מאָל צוגעגרייט אויף לויטערן יידיש די פיינע פעדאַגאָגין פרוי לאַפּסקער, און באַדויערט וואָס אים איז אויס־געקומען זיך צו באַטייליקן אין דער חינוך־אַנפירערשאַפט ווען ס'איז שוין נישט מעגלעך געווען מתקן צו זיין דאָס וואָס מען האָט אויף דעם געביט פאַרוואָרלאָזט.

אין זיין משפחה־לעבן האָט ד״ר קלאַר אויך צו פאַרצייכענען פריידיקע דערגרייכונגען. אַ מענטש אין די בלי֝ענדיקע פופציקער, האָט ער שוין אויסגעגעבן צווי פון זיינע דריי קינדער: בנימין, 26 יאָר, גיט זיך אָפּ מיט אַדוואָקאַטור אין קאַראַקאַס און האָט חתונה געהאַט מיט ראַקעל בעקערמאַן, די קראַסאַוויצע בה״א הידיעה פון וועגעסועלער יידנטום. זשיסעלאַ איז אַ סטודענטקע אויף געהילפס־מעדיצין; זי וווינט אין מיאַמי מיט איר מאַן, בנימין וויסמאַן, אַ גראַדויִרטער אויף אַדמיניסטראַציע און געשעפט־פירונג. פון זיי האָבן די קלאַרס זייער ערשט איינִיקל, דאָס איינציקע לעת־עתה. תמרה, 17 יאָר אַלט, לערנט נאָך אין דער הערצל־ביאַליק־שול.

☆

ד״ר לעאָן קלאַר איז, בכן, אַ מענטש פון דער העכסטער אינטעלעק־טועלער און גייסטיקער קאַטעגאָריע, וועלכער דינט יידישקייט נישט ווייל ערגעץ אַנדערש האָט ער נישט קיין אָרט, נאָר ווייל ער איז דערגאַנגען, אין דער אַנטוויקלונג פון זיין וועלטבאַנעם צום אויספיר, אַז יידישקייט איז כדאַי און איז גילטיק אַפילו ווען מען האָט אַ גלייכע ברירה זי אויסצובייטן אויף גוישקייט. אין דעם זינען איז באַלערנדיק אַ ציטאַט פון היינריך היינע, מיט וועלכן ד״ר קלאַר האָט ליב צו אילוסטרירן זיין יידישקייט־פילאָסאָפיע, און וואָס האָט מיך אַזוי פאַרכּישופט, אַז איך וויל מיט דעם שליסן דעם דאָזיקן פּען־פּראָפיל, און שרייב עס איבער געטרוי, ווי ד״ר קלאַר האָט עס מיר ציטירט:

„תחילת האָב איך ווינציק ליב געהאַט משהן; מעגלעך אַז ווייל מיך האָט באַהערשט דער העלענישער גייסט, און כ'האָב נישט געקענט מוחל זיין דעם יידישן געזעצגעבער זיין אומטאָלעראַנץ צו אָפּבילדער און כל־המינים פּלאַסטישע געשטאַלטן. כ'האָב נאָך דעמאָלט נישט באַוויזן צו פאַרשטיין אַז, נישט געקוקט אויף זיין פיינדלעכער שטעלונג צו קונסט,

איז משה אַליין געווען אַ גרויסער קינסטלער, אַ באַהערשטער דורך דעם אמתדיקן אַרטיסטישן גייסט. נאָר ער, פונקט ווי זיינע מיצרישע שכנים, האָט דעם קינסטלערישן אינסטינקט אָנגעווענדט בלויז אויף דעם, וואָס איז קאָלאָסאַל און נישט צום צעשטערן. אָבער להיפוך ווי די מיצרים, האָט ער נישט געפורעמט זיינע ווערק מיט ציגל אָדער גראַניט. זיינע פּיראַמידן זענען געבויט געווען פון מענטשן; זיינע אָבעליסקן, אויסגעהאַקט אין מענטשלעכן מאַטעריאַל. ער האָט אַ שוואַכן פּאַסטעכער־שטאַם פאַרוואַנדלט אין אַ פאָלק וואָס פאַרמעסט זיך קעגן די יאָרהונדערטער, אַ גרויס, אייביק, הייליק פאָלק; גאָטס פאָלק, אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, דער פּראָטאָטיפּ פונעם מענטשן־מין... ער האָט באַשאַפן דאָס פאָלק ישראל... אַצינד האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די גריכן זענען געווען נישט מער ווי שיינע יונגע לייט, בשעת יידן זענען אַלע מאָל געווען מאַכטיקע, שטרענגע מאַנסלייט..."

☆

זאָל זיין דעם אייבערשטנס רצון, אַז ד״ר לעאָן קלאַר, פון וועמענס יונגשאַפט און ענערגיע מען קען נאָך אָן אַ שיעור דערוואַרטן, זאָל מצליח זיין אָנצושטעקן מיט זיין יידישקייט־פילאָסאָפיע, מיט זיין ליבשאַפט צו יידיש לשון און מיט זיין שטרעבונג צו אַ פולער יידישקייט, זיין גאַנצן קאַראַקאַסער אַרום, און זאָל אַזוי אַרום זיך אַליין און אונדז אַלעמען זעטיקן מיט אמתן נחת.

די משפחה עפּעלבוים

ווי נאַיִוו דאָס זאָל נישט קלינגען, האָט אַ מענטש אַ טבע צו זוכן סימבאָליזם אין נעמען און אין פאַמיליע־נעמען, כאָטש מיר ווייסן אַלע גאַנץ גוט, אַז אַ פאַמיליע־נאָמען איז היינט צו טאָג אַן אויטאָמאַטישע ירושה־זאַך.

דאָך, אַז מען טרעפט זיך אָן מיט אַזאַ פאַמיליע ווי די עפּעלבוימס פון קאַראַקאַס, ווי זאָל מען נישט אַ טראַכט טאָן וועגן אַ נוצלעכן בוים,



רעכטס: גברת רעבעקאַ עפּעלבוים. לינקס. מאַקס עפּעלבוים ע״ה.

וואָס פאַרשמעקט נאָענט און ווייט מיט זיינע פירות, און וואָס אַפילו ווען אַ שטורעמווינט רייסט אים אויס, ווערט ביי אים מקויים — דאָס עפּעלע

פאַלט נישט ווייט פון ביימעלע — און דעריבער געפינט ער אַ ווירדיקן המשך אין זיינע נאָכקומערס, קינדער און קינדס־קינדער ?

דאָס איז געווען דער פאַל מיטן פאַרשטאָרבענעם פּראָמינענטן עסקן פון קראַקאָסער יידנטום מאַקס עפּעלבוים ע״ה, און מיט זיין משפחה.

מאַקס עפּעלבוים איז געווען אַ ייד, וואָס האָט אין זיין לעבן דער־גרייכט אַ זעלטענעם גלייכגעוויכט צווישן דער איינגעבוירענער יידישער שטרעבונג צו רוחניות און דער נייטיקער, נאַטירלעכער זאָרג פאַר גשמיות, פאַר מאַטעריעלער זיכערקייט.

אין צייטן ווען מענטשן זענען געווען הונדערט פּראָצענט אַריינגעטאָן אין אויסבויען זייער פּערזענלעך פאַרמעגן, האָט ער געהאַט כוח זיך אָפּ־צורייסן פון די מסחרים און זוכן אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אַ תּיקון פאַר העכערע און פיינערע אינטערעסן, וואָס האָבן אים נישט געלאָזט קיין מנוחה.

און דווקא אין דער סביבה פונעם פאַרכּישופטן ווענעסועלאַ, ווו דער באַליוואַר, אָדער דער דאָלאַר, בלענדט די אויגן און פאַרנעפּלט דעם מוח, האָט מאַקס עפּעלבוים געוויזן אַ ביישפּיל, ווי אַרום מען קען אין זינען האָבן געשעפטן, אַדרבה, אָבער בשום אופן נישט אַרויסלאָזן פון אויג יידישע גייסטיקייט, אַחריות פאַרן יידישן נאַציאָנאַלן לעבן, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דערציִען אַ יידישן דור, און אַלע אַנדערע דערהויבענע פליכטן פון אַן עכטן נאַציאָנאַלן ייד.

מאַקס עפּעלבוים איז געווען פון די גרינדערס פונעם „שלום־עליכם־קולטור־צענטער״ און ער איז אויך געווען דער צווייטער פּרעזידענט פון דער אינסטיטוציע ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. אויף דעם דאָזיקן אַמט האָט ער קלאָר באַנומען, אַז פאַרשפּרייטן די יידישע קולטור מיינט, אין אַ גרויסער מאָס, שאַפן אַן ענגערע גייסטיקע פאַרבינדונג צווישן די צענ־טערס פון יידישער שאַפונג אין פאַרשיידענע ישובים, בפרט מיט די גרעסטע : מדינת ישראל און די פאַראייניקטע שטאַטן.

אין איינקלאַנג מיט דעם אָ פּרינציפּ, האָט עפּעלבוים נישט געזשאַלעוועט קיין מי, און זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אַלע אָנשטרענגונגען פונעם יידישן ווענעסועלאַ צו פאַרוואַרפן בריקן מיט די גרויסע יידישע אויסשטראַלונג־צענטערס. דערויף זענען עדות פיל בריוו פון דער קראַקאָסער קהילה און פון דער ווענעסועלער ציוניסטישער פעדעראַציע, צווישן אַנדערע, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ זיין ערשטראַנגיקע ראָלע אין אַלע אַרבעטן אויף איינ־צוגלידערן ווענעסועלאַ אין דער גייסטיקער און קולטורעלער מאַפּע פון יידישן וועלטפאָלק.

אויף דעם געביט איז מסתמא זיין וויכטיקסטער אויפטו, מיט וועלכן

ער האָט כמעט ווי אָפּגעשלאָסן זיין פּריצייטיק איבערגעהאַקטע געזעלשאַפט־לעכע אַקטיוויטעט, געווען דאָס אַראָפּברענגען אין קראָקאָס דעם גרויסן יידישן פּאָעט חיים גראַדע, אויף אַ ציקל לעקציעס.

אין פלוג קען זיך דוכטן: מה רעש? מיט וואָס איז דאָס פאַרבעטן אַ לעקטאָר — מעג ער טאַקע זיין פון די גרעסטע, — און דאָס פון די שכנותדיקע שטאַטן, אַפילו נישט פון מעבר־לים — מיט וואָס איז דאָס אַזאַ געוואַלדיקער אויפטו?

איז דער ענטפער: ס'איז שוין יאָ אַן אויפטו. אין אַן אויפשטייגנדיקן ישוב, וואָס האַלט ערשט אין אויספורעמען די דרכים און מעטאָדן פון זיין ציבורדיקן לעבן, איז עס ממש געווען אַ מיצווה צו ווייזן און לערנען אַלעמען דעם דרך פון פאַרטיפונג אין יידישע קולטור־ווערטן, דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ גאָט־געבענטשטן דיכטער, גרויסן גייסט און אויך מיט־רייסנדיקן לעקטאָר, ווי דאָס איז חיים גראַדע.

דערפאַר איז נישט קיין ווונדער, וואָס די קאַראַקאַסער קהילה האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אָפיציעל און בכתב אָפּצודאַנקען מאַקס עפּעלבוימען פאַר זיין ווירקונג ביים אַראָפּברענגען גראַדען. און נאָך באַדייטנדיקער איז דער לאַנגער בריוו, וואָס חיים גראַדע אַליין האָט געשריבן צו עפּעלבוימען נאָך זיין אומקערן זיך קיין ניו־יאָרק, דעם 22סטן יוני 1972.

צווישן אַנדערע זאַכן, שטרייכט דער גרויסער שרייבער דאָרט אונטער:

„...מיינע אַרויסטריטן ביי אייך וואָלטן נישט געווען אַזוי יום־טובדיק און דערפּאַלגרייך, ווען מיין באַזוך וואָלט געפעלט דער געזעלשאַפטלעכער כאַראַקטער. דעריבער דאַנק איך אייער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז איינע פון די דריי מוסדות, וועלכע האָבן מיך פאַרבעטן אין אייער שטאָט״.

מיט אַזעלכע איניציאַטיוועס און וויכטיקע בייטראָגן האָט זיך אויס־געצייכנט מאַקס עפּעלבוימס לעבן און ווירקן אין דער וועגעסועלער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. פאַרשטענדלעך אַז אין אַלעמען, און בפרט אין זיינע באַמיונגען לטובת דער יידישער קולטור, איז ביי זיין זייט געטריי געשטאַנען זיין לעבנס־באַגלייטערין, פרוי רעבעקאַ עפּעלבוים. דורך איר טאַקע האָב איך געהאַט אַ דירעקטן צוטריט צו דער אינפאָרמאַציע וועגן איר מאַנס אויפטוען און צו דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס באַשטעטיקט דאָס אַלץ. אָבער וועגן פרוי רעבעקאַ עפּעלבוים ווי אַ קולטור־טוערין מיטן אייגענעם זכות, וויל איך שרייבן אַ פּאָר באַזונדערע פּאַראַגראַפן, כדי בעסער צו כאַראַק־טעריזירן די דאָזיקע זעלטענע פרויען־פיגור, וואָס כ'האָב גאָר לעצטנס „אַנטדעקט״ אין יידישן קאַראַקאַס.

נאָר איידער איך טו עס וויל איך דערמאָנען — אין שייכות מיטן ווערטל וועגן עפּלעך און ביימעלעך — דעם יונגן דוד עפּעלבוים, דער

בן־יחיד פון אָט דעם אויסערגעוויינטלעכן פּאַרפאַלק, וועלכער האָט באַקומען אַ פולע יידישע דערציונג אין היים און שול, האָט געענדיקט אוניווערסיטעט אין נאָרד־אַמעריקע, האָט נאָכן טאַטנס פריצייטיקן אַוועקגיין איבערגענומען זיין אַחריות פאַר דער מוטער, און איז היינט אַ מוסטערהאַפטער ייד, אַ טאַטע פון פיר קינדערלעך און אַ צוזאָגנדיקער כוח פאַרן געזעלשאַפטלעכן לעבן פון זיין ישוב.

✡

די יידישע ווענעסועלאַ קען שטאָלצירן מיט אַ היפּשער ריי וואָגיקע פיגורן אויפן קולטורעלן און אינטעלעקטועלן געביט, סיי פון אימיגראַנטן־דור, וועלכע האָבן מיטגעבראַכט די פאָרמען און אויך דעם ענטוזיאַזם פון דער אַלטער היים, סיי, און בעיקר, פון דאָ־געבוירענעם דור, וועלכע פאַר־מאָגן שוין די ברייטע אויסבילדונג פון אוניווערסיטעטן און פון סיסטע־מאַטישער גייסטיקער אַרבעט, פאַרשטענדלעך אַז אויף דער לאַנדשפּראַך, שפּאַניש. איז ווען די צווייטע לאָז איך איבער פאַר אַן אַנדערן, אַ מער באַהאַוונטן אין דעם נייעם שטייגער, ער זאָל אָנשרייבן זייער בלעטל גע־שיכטע. אָבער פון די ערשטע ווילט זיך — און ס׳קומט זיי — אַרויסהייבן זייער בייטראַג. וועל איך טאַקע אינעם איצטיקן קאַפּיטל אַרויסברענגען די געשטאַלט פון אַ יידישער פרוי וואָס איז אַ זייל פונעם קולטור־לעבן אינעם ישוב קאַראַקאַס: מרת רעבעקאַ עפּעלבוים.

רעבעקאַ עפּעלבוים וואָרצלט שוין לאַנגע יאָרן אין יידישן קאַראַקאַס און איז דאָ געוואָרן אַ שם־דבר פון אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט צו דינסט פון אונדזער קולטור אויף מאַמע־לשון. איך האָב געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן זכות מיט איר צו פירן אַ לענגערן שמועס אין הויז פון אונדזער מאַקס פריילך. זי האָט אויף מיר געמאַכט אַ זעלטענעם רושם. צוזאַמען מיט איר פאַרשטאָרבענעם מאַן — וועלכער איז געווען דער צווייטער פּרע־זידענט פון קולטור־הויז שלום עליכם, — איז זי געווען פון די בויערינס פון דער דאָזיקער הערלעכער און חשובער אינסטיטוציע. איצט, אין די יאָרן פון איר אַלמנהשאַפט, האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן מיט יוגנטלעכן ברען אין דער קולטור־אַרבעט, אויף אַזוי פיל, אַז די אינסטיטוציע האָט זי דאָ נישט לאַנג, ווי אַן אָנערקענונג, באַערט מיטן ערן־טיטל פון פּרעזידענטין פון דער פרויען־קאָמיסיע פונעם קולטור־צענטער.

אין אַנדערע ישובים אונדזערע זענען מיר נישט געוווינט, אַז פרויען זאָלן פאַרנעמען אַן ערשטראַנגיקע ראָלע אינעם קולטור־לעבן. מיט זעל־טענע, הגם חשובע אויסנאַמען, קען מען זאָגן, אַז די פרוי איז רעלאַטיוו פּאַסיוו אין די געזעלשאַפטלעכע אַספּעקטן פון דער יידיש־יידישער קולטור־

אַרבעט. נישט אַזוי אינעם ליטעראַרישן אַספּעקט, ווו די פרוי איז שיין פאַרטראָטן, בעיקר אין פּאָעזיע, ווי אויפן ציבורדיק־אינסטיטוציאָנעלן געביט. אין אונדזערע דרום־אַמעריקאַנער צענטערס איז עס שוין כּמעט אַן אָפּגערעדטע זאַך, אַז אויף יידישע לעקציעס און רעפעראַטן שטעלן די פרויען צו אַ גרויסן טייל פון דעם עולם צוהערערס, — און די לעקטאָרן זענען כּמעט הונדערט פּראָצענט מענער. און דאָס שטימט נישט מיט דער היסטאָרישער ראָלע פון דער ליטעראַטור און קולטור אויף דער יידישער שפּראַך, וואָס האָט דווקא געהאַט אַ באַפרייערישע פונקציע לגבי דער יידישער פרוי.

דערפאַר איז צו באַגריסן די אַרבעט פון פרוי רעבעקאַ עפּעלבוים אין קאַראַקאַס, וועלכע ברענגט אַריין דורך איר טעטיקייט דעם געהעריקן גלייכגעוויכט אין קולטור־לעבן. זי איז אַ מענטש, וואָס אָטעמט און לעבט מיט קולטור. אַלעמען איז באַקאַנט איר אויפריכטיקע צוגעהעריקייט צו אַ וועלט פון העכערע גייסטיקע ווערטן. בעת די טעטיקייטן אין שלום עליכם קולטור־צענטער איז זי נישט סתם אַ צוהערערין. אמת, דאָס אויך. אָבער אָפט מאָל בייטן זיך די ראָלעס: פון דער צוהערערין ווערט אַ לעקטאָרין, און דאַן הערט מען פון איר — און מען הערט זיך טאַקע צו — אַ וואָגיק, אינהאַלטסרייך וואָרט. אַגב, מיר אַליין איז ביי אַ געלעגנהייט אויסגעקומען זי צו הערן, און זי האָט ביי מיר אַרויסגערופן דעם גרעסטן דרך־ארץ.

פרוי רעבעקאַ עפּעלבוים אָפּערירט אויך מיט אַ גלאַטיקער פעדער, וואָס ס׳איז אַ מחיה צו לייענען.

וואָס די פרוי טוט פאַרן קולטור־צענטער, איז נישט אָפּצושאַצן. איר גאַנצע ענערגיע און גייסטיקע יונגשאַפט לייגט זי אַריין אין דער אַרבעט. ווי דערלעבט מען שוין אַז אַנדערע פרויען, יונגע אין יאָרן, זאָלן אַ מאָל וועלן טאָן וואָס עס טוט פרוי רעבעקאַ עפּעלבוים. דאַן וועט די קולטור פון יידישן קאַראַקאַס זיך נאָך מער דערהייבן. הלוואַי.

שלום עליכם — דער שרייבער און דער מענטש

פון מאַקס עפּעלבוים

פון דער פריסטער יוגנט אָן, ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו לייענען ביכער און, פאַרשטייט זיך אַז איך האָב אָנגעהויבן מיט אונדזערע קלאַ־

מאַקס עפּעלבוים.

סיקער, האָבן דעם שטאַרקסטן איינדרוק אויף מיר געמאַכט די ווערק פון שלום עליכם. ער האָט געהאַט אַ גאָט־געבענטשטן טאַלאַנט, און זיינע טיפן

וואָס ער שילדערט דורך זיין פּען, שטעלן זיך אַוועק פאַר אייערע אויגן ווי זיי וואָלטן געווען לעבעדיקע. אָנפאַנגענדיק פון דעם חדר מיט דעם בייזן רבין און קאַנטשיק, פאַרביטערט פון דער מערכה אין וועלכן ער האָט זיך געפונען. דאָך פילט זיך אַרויס אַ טיפע ליבע צו דער אַרבעט, וויסנדיק — אַז ער גרייט צו די קינדער וואָס וועלן אין דער צוקונפט וויסן ווי צו רעספּעקטירן דעם גלויבן פון פאָלק צו וועלכן זיי געהערן, און נישט חלילה פאַרבלאָנדזשען אין זייטיקע וועגן. די טיפן קינדער פון חדר, וועלכע לעבן אין אָרעמקייט און אין נויט, נישט האָבנדיק מיט וואָס צו דערקוויקן זייערע נשמות, טראָגן זיך אַרום מיט חלומות צו געפינען אַן אוצר ערגעץ אונטערן באַרג, ווו עס ענדיקט זיך דאָס שטעטל.

פון צווישן זיינע שורות פון די ווערק פילט זיך אַרויס אַ טיפע וואַרעמקייט צו די געשטאַלטן וואָס ער שילדערט. אָנפאַנגענדיק פון בית־המדרש, וואָס צו יענער צייט איז דאָס נישט נאָר געווען אַ מקום־קדוש ווו זיי פלעגן זיך אויסרעדן מיט זייערע תפילות צו גאָט, אויסגיסנדיק זייער ביטער האַרץ פון די צרות וואָס זיי פלעגן זיך אויסשטיין פון די ממשלות ווו זיי האָבן געלעבט און פון די עקאָנאָמישע אומשטענדן אין וועלכע זיי האָבן זיך געפונען צו יענער צייט. דער בית־מדרש איז אויך געווען אַ צענטער ווו דאָס פאָלק האָט זיך געקענט צוזאַמענרעדן וועגן קהלישע ענינים און ווי אַ מוסטער שטעלט ער אַוועק אַלע טיפּן פון שטעטל, דעם באַלעגאָלע, דעם קצב, דעם שוסטער א. אַ. און יעדערער מיט זיין שטייגער לעבן, ביז די גדולי העיר, די גבירים, וועלכע גלויבן, אַז זיי באַשיינען די מזרח וואַנט און זיי גלויבן, אַז עס קומט זיי אָפּצוגעבן כבוד. די אויפגעקומענע גבירים מיט זייערע דינסטן — וואָס ווייסן נעבעך נישט ווי עס הויבט זיך אָן און ווי עס לאָזט זיך אויס.

ווען איר לייענט שלום עליכמס ווערק שטעלט זיך אַוועק פאַר אייערע אויגן דאָס גאַנצע שטעטל לעבעדיק, מיט זייערע העלדן, אַלץ אָטעמט מיט לעבן, אַ נחת פאַר דער נשמה, איר קענט קיינמאָל נישט מיד ווערן ווען איר לייענט זיינע שריפטן.

נאָר אַזאַ קינסטלער ווי שלום עליכם קען אַזוי לעבעדיק מאַכן זיינע העלדן.

זאָלטאַן און ליאַ גאַספּאַר — אַ ברכה פאַרן ישוב אין קאַראַקאַס

פאַרציטערט ווערט די האַנט און אָפּגעטויט דער אימפּולס צו שרייבן ווען עס קומט צום טראַגישן קאַפּיטל וואָס הייסט: איבערלעבונגען פון יידן־פּליטים אינעם נאַצישן גיהנום. אַ סך פון די טייערע ווענעסועלער

אַ בילד פון יאָר 1972, בעת אַ באַזוך אין קאַראַקאַס פון פּרעזידענט פון בר־אילן אוניווערסיטעט הרב ד״ר יוסף גליקשטיין. ערשטע שורה, ס׳שטייען פון לינקס אויף רעכטס: פּראָפ׳ אליעזר אונגער, די פרוי פענדריטש, יודי גאַספּאַר, זאָלטאַן גאַספּאַר. ס׳זיצן: לאה גאַספּאַר, ראַבינער גליקשטיין, גב׳ גליקשטיין, דאָס מיידעלע עוועלין גאַספּאַר.

יידן וואָס פּילן־אויס די זייטן פון אָט דעם בוך, האָבן אין זייער ביאָגראַפיע אַזאַ פינצטער קאַפּיטל פון דעם חורבן־פּעריאָד. סיי אינעם שמועס מיט זיי, סיי שפּעטער ביים שרייבן, בין איך דעם מאָמענט אַרומגעגאַנגען מיט דער גרעסטער אָפּגעהיטקייט, ווייל כ׳האָלט אַז מיר, די וואָס דער גורל האָט געשאַנעוועט און געהאַלטן ווייט פון יענער קאַטאַסטראָפע, דאַרפן אומגיין זייער דעליקאַט, ניט צו פאַרשווערן די יסורים פון די דאָזיקע וואָס האָבן

פֿאַרדינט דעם נאָמען קדושים, אַ נאָמען וואָס האָט אויך אַ שייכות מיט די, וואָס זענען, על־פּי־נס, לעבן געבליבן.

אויך אין דעם פֿאַל פֿון דער אונגאַרישער משפּחה, גאַספּאַר, וועל איך זיך אַזוי נוהג זיין, נישט אַריינגיין טיפֿער אין דער מגילה פֿון זייערע ליידן, וואָרעם — וואָס איז מיין שרייבן אַנטקעגן דעם שווידער פֿון אױשוויץ? אמתע שרייבערס, אַליין קרבנות, האָבן שוין יענץ גיהנום באַשריבן מיט אַזעלכע פֿאַרבן, וואָס בעתן לייענען האָבן זיי ביי מיר אויף לאַנג פֿאַרטריבן דעם שלאָף פֿון די אויגן און די גאַנצע פֿרייד פֿון געמיט. וועל איך יענע צייט נאָר אין קורצע שטריכן שילדערן, און אָנגיין מיטן וויטערדיקן — צום גליק, פֿריידיקערן טייל — פֿון ה׳ גאַספּאַרס לעבנסוועג.

זאָלטאַן גאַספּאַר — היינט אַ צענטראַלע פֿיגור אינעם רעליגיעזן און כּלל־געזעלשאַפֿטלעכן יידישן לעבן אין קאַראַקאַס — איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל סאָבאָטש, אונגאַרן. די קינדער־יאָרן און פֿריִע יוגנט־יאָרן פֿאַרבראַכט אין חדרים און ישיבות, סיי אין זיין אייגענעם שטעטל, סיי אין אַנדערע. יענע לימודים צינדן אין אים אָן אַ פֿלעמל, וואָס ברענט אין זיין האַרצן דאָס גאַנצע לעבן זיינס.

ווען ער איז אַלט געווען אַרום 16 יאָר, האָט די צווייטע וועלט־מלחמה געמאַכט אַ סוף צו זיין לערנען. זיין משפּחה האָט בייגעטראָגן אַ ביז גאָר הויכן צינז צו דער נאַצישער מאָרד־מאַשין: די עלטערן זענען אומגעקומען אין אויִשוויץ; נאָך צוויי, צווישן די פֿיר הונדערט טויזנט אונגאַרישע מאַרטירערס. אָבער די דריי ברידער: זאָלטאַן, אַרמאַנדאַ און ענריקע, זענען על־פּי־נס ניצול געוואָרן, נאָכן אַרומוואַנדערן איבערן בלוטיקן פּוילן און צופֿיין אין סאָוועטישע אַרבעטס־לאַגערן און אויף טשעכישער ערד, וווּ די באַפֿרייונג האָט זיי סוף־כּל־סוף דערגרייכט.

אין יאָר 1948 האָבן די ברידער גאַספּאַר זיך דערשלאָגן קיין ווענע־סועלאַ (אַרמאַנדאַ איז שוין ליידער נישטאָ). דאָ האָט ה׳ גאַספּאַר אויפֿ־געשטעלט זיין היים און געפֿונען דעם ריכטיקן באָדן צו פֿאַרזייען די קערנער, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן פֿון זיין טאַטנס שטוב: פֿרומקייט און אינדוסטריע (זאָלטאַנס פֿאָטער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט טעקסטיל און אַנדערע בראַנזשעס).

זאָלטאַן גאַספּאַר האָט זיך אין ווענעסועלאַ גענומען צו אַ צווייטן געביט אין וועלכן ער איז געווען באַהאַוונט: די האָלץ־בראַנזשע, און ס׳איז אים אַוועקגעגאַנגען גאָר מזל־ברכהדיק.

ווי נאָר ער האָט באַוויזן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און זיך אַוועקשטעלן עקאָנאָמיש אויף די אייגענע פֿיס, האָט ער גענומען זוכן אַ תּיקון פֿאַר זיינע פֿאַרבאָרגענע אומרוען, שוין גאָר נישט קיין פּראַזאַישע; פֿאַר אַזעלכע

אינטערעסן, וואָס אין פלוג וואָלט קיינער נישט געטראַכט אַז זיי קענען הויזן אין דעם דאָזיקן רויִקן געשעפטסמאַן, וועלכער זעט אויס צו האָבן אין זינען נאָר די אייגענע ביזנעס. יענע אינטערעסן עקסיסטירן אָבער יאָ, און איך וואָלט געזאָגט אַז זיי זענען דער עיקר אין זאַלטאַן גאַספּאַרס עקסיסטענץ: זיין נשמה און זיין לעבנס־באַרעכטיקונג.

שוין אין 1957 טרעפט מען אים איינגעגלידערט אין דער אַרבעט לטובת קרן־קימת און קרן־היסוד. אין זיין קוריקולום זענען אויך פאַר־צייכנט צוויי יאָר ווי אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער קהילה אוניאָן איסראַעליטאַ. אָבער זיינע הויפּט־אויפטוען זענען געגאַנגען אויפן אַדרעס פונעם ישראלדיקן בר־אילן אוניווערסיטעט, און אויפן געביט פון רעלי־גיעזער בילדונג אין ווענעסועלאַ גופא. פינף יאָר איז ער געווען פרעזידענט פון קאַראַקאַסער קאָמיטעט פאַרן בר־אילן אוניווערסיטעט. אַגב, מיין ערשטער קאָנטאַקט מיט דער משפחה גאַספּאַר איז טאַקע פאָרגעקומען אין שייכות מיטן פראָקלאַמירן דעם קאַמפּיין פאַרן אוניווערסיטעט, אין 1972, אויף דער אימפּאָזאַנטער, ממש היסטאָרישער מסיבה, וואָס איז פאָרגעקומען טאַקע אין זייער רחבותדיק הויז, מיט דער באַטייליקונג פון דעם חשובן אוניווערסיטעט־רעקטאָר הרב יוסף גליקשטיין. זינט דעמאָלט איז זיך די טעטיקייט פילפאַכיק צעוואַקסן, און בר־אילן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן — ווי כ׳האָב עס שוין ערגעץ געשריבן — אין אַ חלק פון ווענעסועלער יידישן לעבן, אַ באַליבט קינד פאַר וועלכן אַלע זאָרגן זיך און נעמען זיך אָן, ועל־כולם — דער געטרייער רעליגיעזער עסקן זאָלטאַן גאַספּאַר. אַגב, שוין זיבן יאָר ווי פריינד גאַספּאַר איז איינגעשלאָסן ווי אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין דער אוניווערסיטעט־צענטראַלע אין תל־אביב, אַן אויסציי־כענונג און כבוד וואָס נאָר יחידי־סגולה דערגרייכן, בפרט נאָך ווויִנענדיק אין ווייטן קאַראַקאַס.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז זאָלטאַן גאַספּאַרס בייטראַג פאַר חינוך בכלל און פאַר רעליגיעזן חינוך בפרט. די וואָרצלען פון דעם שטעקן אין אַן אינסטיטוציע וווּ גאַספּאַר איז געווען דער גרינדער, און וואָס איז דווקא נישט קיין חינוך־אינסטיטוציע, נאָר אַ פרומע חברה אינעם טראַדיציאָנעלן, עכט־יידישן זינען: די חברה שומרי־שבת פון קאַראַקאַס, וועגן וועלכער כ׳האָב שוין באַזונדערס געשריבן ווען ס׳איז געווען די רייד וועגן רעליגיעזע אינסטיטוציעס.

פון דער חברה שומרי־שבת איז אַרויסגעקומען דער עיקר אימפּולס, טאַקע דורך פריינד גאַספּאַרן אַליין, צו גרינדן אין 1970 אַ ישיבה קטנה, וועלכע ציילט איצט אַ 200 תלמידים. און אָקערשט, סוף 1977, ווען הרב פנחס ברענער האָט פאָרגעלייגט דעם געדאַנק צו שאַפן אַ ישיבה גדולה,

אַ געדאַנק וואָס האָט אַרויסגערופן פּאָלעמיק, איז ווידער זאָלטאַן גאַספּאַר געווען צווישן די יאָ־זאָגערס. און — קאַראַקאַסער יידישע ניסים! — ס'איז געווען אומר ועושה: צווישן צוויי באַזוכן מיינע אין שטאָט, איינער אין נאָוועמבער 1977 און דער צווייטער אין פעברואַר 1978, איז דער פּלאַן וועגן דער ישיבה גדולה פאַרוואַנדלט געוואָרן, פון אַ דיסקוטירטן געדאַנק, אין אַן עקסיסטירנדיקער ווירקלעכקייט. צוזאַמען מיט הרב ברענערן און מיט זאָלטאַן גאַספּאַר, זענען צווישן די איניציאַטאָרן געווען אַזעלכע חשובע עסקנים ווי אַלבערטאָ האַלפאַן, דוד בן־האים, ס. בענאַטאַר, ר. בענזאַקען, מיגעל בערל, אַברהם בריק (אַ געוועזענער תושב פון באָגאָטאַ), כאָסע קאַרציענטע, כאָסע קאָהען, סאַמועל קולאַ, מאָריס דום, לעאָן פּיכמאַן, זאָלטאַן גאַספּאַר, איסאַק איזרעעל, ראובן מאַרגוליס, איסאַק סערפּאַטי, באָנדי סטעינער, פּערי שטיינמעץ, אַלעקסאַנדער סטראָנסקי, דוד ווייס, איסאַק זיגעלבוים און די סינאַגאָגע מגן־דוד. זיי האָבן עס אויסגעשטאַט די ישיבה גדולה מיט אַלץ וואָס אַזאַ אַנשטאַלט דאַרף פאַרמאָגן: די זעלבע אַלטע תורה וואָס אונדזערע טאַטעס, זיידעס און עלטערזיידעס האָבן פּראַקטיק געלערנט אין משך פון יאָרטויזנטער, אָבער נישט די אייגענע ישיבה־בענק אויף וועלכע עס האָבן געלאָשן זייער תורה־דאָרשט די אַמאָליקע „באַנק־קוועטשערס", נאָר מאָדערנע איינריכטונגען מיט גאָר אַן אַנדער געשטאַלט. איצט, אַז די ישיבה גדולה איז שוין אַ יש, האָט זי זיך איר אייגענע סטאַבילע פאַרוואַלטונג, צוזאַמענגעשטעלט פון: הרב פּנחס ברענער, פּרעזידענט; ראַבינער אַמראַם אַמעסעלעם, וויצע־פּרעזידענט; ראַבינער משה פּערלמאַן, סעקרעטאַר; פּערי שטיינמעץ, קאַסירער; דוד בן־האים, וויצע־קאַסירער, און פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער: אַלבערטאָ האַלפאַן, אַלבערטאָ קאָהען, לאַדיסלאַאָ פענדריך, פעליקס האָפּבאַוער, משה זילבערבערג.

פריינד זאָלטאַן גאַספּאַרס בייטראַג פאַר דער יידישער בילדונג אין קאַראַקאַס איז מיט דעם נישט אויסגעשעפּט. אין דער גרויסער „הע־בראיקאַ"־אינסטיטוציע בויט זיך אַ מוסטערשול פאַר 3000 קינדער. זי וועט זיך דערגאַנצן מיט דער הערצל־ביאַליק שול און באַדייטנדיק פאַרגרעסערן די צאָל שילער. אַזאַ פאַרמעסט דאַרף אָפּקאָסטן דעם ריזן־באַטרעף פון 6 ביז 10 מיליאָן דאָלאַר. אַזאַ סכום צו שאַפן דאַרף מען האָבן אַן אמתן פינאַנס־מיניסטער, אויף וועמענס פּלייצעס און אַחריות עס זאָל ליגן אַזאַ וויכטיקע שליחות. האָט די פאַרוואַלטונג „צופעליק" אַרויפגע־לייגט אויף פריינד גאַספּאַרן די דאָזיקע אויפגאַבע. פריינד גאַספּאַר האָט זיך נישט דערשראָקן און האָט אָנגענומען די מיסיע, מיטן טיפן גלויבן אַז זיינע קאַראַקאַסער ברידער וועלן אים דערפירן ביז אַ ברעג. און די התחלה איז שוין געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. אַ ריי יחידים האָבן זיך שוין

אָפּגערופֿן. זייער ביישפּיל וועט בלי־שום־ספק משפּיע זיין און מיטרייסן נאָך אַ סך אַנדערע. די דאָזיקע ערשטע ביישטייערערס פֿאַרן שול־בנין זענען איסאַק זיגעלבוים, די משפּחה מערענפעלד, אַלבערטאָ אַגלין, די משפּחה פּליטמאַן און, אַהרון אַהרון חביב, די אַלמנה טשאַרנע שלימאַק. וועגן פֿרוי שלימאַק ווילט זיך, אַגב, געבן כאָטש אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק. איך געדענק זי נאָך פֿון די ערשטע קאַראַקאַסער יאָרן, ווען כ׳בין מיט איר געקומען אין קאָנטאַקט צוליב האַנדלס־ענינים. איר מאַן ע״ה האָט געפֿירט די פֿאַבריקן, און זי, פֿרוי שלימאַק, האָט מיט גרויסן פֿאַרנעם געפֿירט דעם מסחר. אַ סך מענער האָבן געקענט זיך לערנען ביי איר, און זיך אַראָפּנעמען אַ מוסטער פֿון איר אַרבעטזאַמער און סוחרישער פֿעיִקייט. דאָס האָב איך פֿערזענלעך צוגעזען און קען עס באַשטעטיקן. ווער האָט אָבער דעמאָלט געקענט זיין אַ נביא און טרעפֿן, אַז די פֿרוי, וואָס פֿירט־אויס מיט אַזאַ אייפֿער אירע קאָמערציעלע פֿונקציעס, קען מיט נאָך אַ גרעסערער התלהבות זיך פֿאַראינטערעסירן מיט הומאַניטאַרע, גייסטיקע, דערציערישע ווערטן? איצט וויסן מיר דאָס שוין אויך, און ס׳פֿרייט אונדז צו פֿאַרצייכענען אַזאַ דערהויבענע האַנדלונג לטובת דעם יידישן חינוך.

צוריק צו פֿריינד זאָלטאַן גאַספּאַר. ס׳איז אַ יושר מיר זאָלן אויך אָפּגעבן דאָס געהעריקע פּלאַץ זיין עזר־כּנגדו, זיין פֿרוי ליאַ גאַספּאַר. אַ צאַרטע און איידעלע פֿרוי; רעדט זייער ווינציק, אַזוי ווי איר מאַן, און פּונקט ווי ער, טוט זי אַ סך. איר האַרץ איז אָפֿן און פֿילנדיק פֿאַר אַלע הומאַניטאַרע פּראָבלעמען. איר הויפּט־אַרבעט איז ווי די וויצע־פּרעזידענטין פֿון דער אָרגאַניזאַציע „התקווה״, וואָס איר אויפֿגאַבע איז בעיקר צו שטיצן אויף אַלע מעגלעכע אופֿנים דעם „מגן דוד אדום״ פֿון ישראל, ווי אויך זיך באַטייליקן אין אַנדערע אַרבעטן לטובת דעם יידישן לאַנד. פֿרוי גאַספּאַר שטייט אויך נישט מן־הצד ווען עס קומט צו דער לאַנד־אָרעמקייט. צוזאַמען מיט נאָך אַ ריי פֿרויען, טראָגט זי כּסדר אין זיך די דאָזיקע זאָרג. איבערהויפּט טוען זיי אַ סך פֿאַר די פֿון גאָט גע־שטראָפֿטע, בלינדע קינדער פֿון ווענעסועלאַ, וועלכע געפֿינען זיך אין די שפּיטעלער פֿון דער הויפּטשטאָט. זייער מאָראַלישער אומרו גייט נאָך ווייטער און פֿירט זיי צו באַזוכן טאָג־טעגלעך די אַלגעמיינע שפּיטע־לער, ווו עס ליגן אָרעמע מענטשן, בפּרט קינדער, און אַבי מען האָט זיך אַרומגעזען וואָס פֿאַר אַ הילף ס׳איז נייטיק, לאָזט מען שוין לאַנג נישט וואַרטן אויף דער דאָזיקער הילף. פֿאַרשטענדלעך, די דאָזיקע מענטשלעכע אַרבעט קען נישט און טאָר נישט דורכגעפֿירט ווערן אויף אַ כאַאָטישן אופֿן, און די פֿרוי גאַספּאַר, צוזאַמען מיט אַנדערע האַרציקע

און נשמהדיקע פּרויען, האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געשאַפן. זיי טוען זייער היילִיקע אַרבעט אויף אַן אופן, וואָס ס׳איז שווער אַזוינס צו געפינען אין אונדזערע ברידער־ישובים איבער גאָר דער וועלט. און אַ דריטער פּראָנט פון פרוי ליאַ גאַספּאַרס טעטיקייט איז אין דער אינסטיטוציע „סאַפּרעס״, וואָס איר ציל איז צו האַלטן השגחה אויף אַלע יידישע קינדער, וואָס האָבן זייער דערציונג באַקומען אין דער נעץ יידישע שולן אין קאַראַקאַס. זי נעמט אויך אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעליגיעזער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. בכלל קער זי זיך אָן צו יענער פּריווילעגירטער גרופּע מענטשן וואָס מאַטעריעל שטייען זיי אין דער סכּנה, אַז דער טאָג זאָל זיי אויסקומען צו לאַנג און לאַנגווייליק, אַז זיי זאָלן נישט וויסן ווו זיך אַהינצוטאָן; אָבער זייער גייסט לאָזט זיי נישט פאַרשטיינערט ווערן אין דער רוטינע פון וווילטאָג. און דער סוף איז דערפאַר אַז דער טאָג איז פאַר זיי קורץ: זיי וואָלטן זיך געוווּנטשן נאָך אַ פּאָר שעה צום טאָג, אָדער נאָך אַ טאָג צו דער וואָך, צו קענען אָנגיין מיט זייערע מעשים־טובים און הומאַניטאַרע האַנדלונגען.

ווען מען טוט אַ קוק אויף דער געבענטשטער טעטיקייט וואָס יידן פון דער שארית־הפליטה ווי די גאַספּאַרס און פיל אַנדערע פירן אין וועניעסועלאַ און אין נאָך אַ סך ישובים, פאַרשטייט מען בעסער די טיפע חכמה וואָס ליגט אינעם מאַמר פון אונדזערע פאַרצייטיקע געלערנטע, וועלכע האָבן געטענהעט אַז דער רבש״ע האָט געטאָן גרויס חסד מיטן יידישן פאָלק, וואָס ער האָט אים צעזייט און צעשפּרייט צווישן די אומות, ווייל אַזוי קען אין יידישער קיבוץ זיך דערהייבן און העלפן דעם צווייטן אין אַן עת־צרה. נישט אַנדערש קען מען פאַרשטיין דעם פאַקט וואָס דער גורל האָט געשאַנעוועט אַ ריי יחידים פון חורבן, זיי אַרויסגעצויגן לעבע־דיקע פונעם טויטן־טאָל און זיי צעזייט איבער לענדער און קאָנטינענטן, און זיי געשענקט די מעגלעכקייט בייצוטראָגן אַן אומגעהייערע הילף, מאַטעריעל און מאָראַליש, פאַר דער אויפריכטונג פון יידישן לעבן, און גאָר בעיקר — פון דער יידישער מדינה. נאָכן איבערלעבן דעם שרעקלעכן פאַרטיליקונג־גזר, זעט די מערכה פון דער שארית־הפליטה אויס ווי אַ מין גורלדיקע פאַרגיטיקונג, נישט אַזוי אינעם יחידישן תחום, ווי פאַרן קיום פון אונדזער שווער־געשטראָפטער אומה.

✡

לאָמיר לסוף אויסזאָגן דעם לייענער אַ סוד, אַז ס׳האָט געהאַלטן דערביי, אַז פריינד זאָלטאָן גאַספּאַרס און זיין פרוי אויפטוען און ראָלע אין יידישן לעבן פון וועניעסועלאַ זאָלן נישט פאַרטראַכטן ווערן אין דעם בוך, אָדער

אין יעדן פאַל, נישט אַריינגיין „אָפיציעל״, ווייל אומאָפיציעל, מן־הצד, האָב איך סיי ווי אין זינען, ווי אַ כראָניקער צו דערמאָנען אַלע און אַלעמענס זכותן. וואָס איז געשען? פשוט, אַז פריינד גאַספּאַר האָט תחילת זיך שטאַרק געוואַקלט צי ער זאָל מיטהעלפן דערציילנדיק מיר וועגן זיך. גאַנץ זיכער אַז דאָס האָט זיין באַשיידנקייט און עניוות אים אַזוי געראַטן. כ׳מיין אַז איצטער, ווען דאָס בלעטל פון זייערע גרויסע מיצוות ליגט שוין אָן אָנגעשריבנס פאַר די אויגן, וועט יעדער איינער צוגעבן אַז ס׳איז כדאַי געווען אַזאַ ביאָגראַפיע באַקאַנט צו מאַכן, ווייל דאָס איז היסטאָרישער אמת פון וועלכן מען קען אַ סך אָפּלערנען. אויב אַזוינס וועט טאַקע געשען, וועל איך פילן אַז כ׳האָב געוויסנהאַפט אויסגעפירט מיין שליחות.

סאַמועל מעלער — אַ פריינד אין קאַראַקאַס

ווען איך ברענג אויפן זכּרון אַזעלכע אײגנאַרטיקע געשטאַלטן ווי פריינד סאַמועל מעלער, ווער איך דורכגענומען מיט געמישטע געפילן: פון איין זייט אַ טיפע און אויפריכטיקע צופרידנקייט, און פון דער אַנדערער זייט ווידערווילן און פאַרביטערונג. די פאַרביטערונג איז אַ פועל־יוצא פון צוזען ווי די מענטשהייט איז ווי אַ ברויזנדיקער און צעשטורעמטער ים וווּ עס קאָנען זיך געפינען די סאַמע קעגנזעצלעכסטע כאַראַקטערן, און צום גרויסן באַדויערן מוזן מיר מודה ומתוודה זיין, אַז די גוטע צווישן זיי זענען ווייט נישט קיין מערהייט. מיין צופרידנקייט נעמט זיך דערפון וואָס ס׳איז דאָך מעגלעך צו פאַרצייכענען אויף אונדזער לעבנסוועג אַ ריי אידעאַלע פּערזענלעכקייטן, און לסוף קומט מיין ווידערווילן ווי אַ רעאַקציע צום גאַנצן פּסולת וואָס מיר טרעפן־אָן, טאָג־איין, טאָג־אויס, אויף אונדזער וועג; ס׳איז איבעריק צוצוגעבן אַז בלויז מיט אונדזער אָפּווייכונג איז די פּראָבלעם ווייט נישט געלייזט — איין שוואַלב מאַכט נישט קיין זומער. דאַקעגן ווען עס זאָל זיך געפינען אין אַ גרעסערער מאָס דער געזונטער און אָפּפּער־וויליקער מענטשן־מאַטעריאַל, וואָלט די וועלט נישט אויסגעזען אַזוי צעטומלט, דערשיטערט, פול מיט אומגלויבן און פאַרצווייפלונג. ווען מיר וואָלטן דאָס אַלץ געקאָנט איבערקומען, וואָלט נישט עקסיסטירט דאָס וואָס אונדזערע ספרים באַצייכענען אַלס „עמק הבכא״, נאָר מיר וואָלטן געלעבט אין אַן אמתן גן־עדן.

די דאָזיקע באַהויפּטונגען זענען מיר געקומען אויפן געדאַנק, בעת איך האָב זיך געגרייט צו שילדערן די גייסטרייכע פּערזענלעכקייט פון פּ׳ סאַמועל מעלער, וועלכער האָט אויסגעקליבן די שטאָט קאַראַקאַס פאַר זיין געזעלשאַפטלעכער און אַלגעמיינער טעטיקייט.

ער איז אַ געבוירענער אין יעדינעץ (בעסאַראַביע), אַ געגנט וואָס איז געווען אונטער צאַרישער הערשאַפט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה;

דערנאָך איז זי אַריבער צו רומעניע, און היינט־צו־טאָג איז זי אין די הענט פון די יורשים פון צאַריזם. פאַרן דריטן חורבן האָבן דאָרט צוזאַמענ־געלעבט אַ מיליאָן יידן, וועלכע האָבן געפירט אַ געזונט עקאָנאָמיש לעבן און געהאַט פרנסה פון פאַרשיידענע מלאכות. דאָס לעבן איז אָנגעגאַנגען ווי אין אַן אידיליע — אַלץ איז געווען דורכגעדרונגען מיט ליבשאַפט בין אָדם לחברו. מען איז געווען גליקלעך צו פאַרמאָגן אַן אייגן שטיקל ערד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די נייטיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע פראָדוקטן פאַר דער הויז־באַלעבאַטישקייט. געוויס האָט אויך נישט געפעלט קיין פרישינקע מילך, גלייך פון דער קו; וואָס אַלץ האָבן אונדזערע מאַמעס און באָבעס נישט געוווסט צוצוגרייטן מיט דער פריש־געמאָלקענער מילך? מעדני מלך וואָס זייער טעם ליגט נאָך אין מויל ביז היינטיקן טאָג, און דאָס אַלץ אָן שום קאָמפּליצירטע משונהדיקע רעצעפּטן. פון יענע צייטן ביז איצט איז אַן אונטערשייד ווי פון טאָג צו נאַכט.

עס איז אויך איבעריק צו באַמערקן אַז יענע ביבלישע פרויען — אונדזערע מאַמעס, באָבעס און עלטערבאָבעס, — האָבן בכלל נישט געוווסט וועגן די היינטצייטיקע שיינהייט־סאַלאָנען, ווו די פרוי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין גולם, ווען נישט אין אַ פאַרזעעניש וואָס רופט־אַרויס אַ שוידער, נאָך דעם ווי די שמינק־מאַסקע אויף איר פּנים ווערט צעפּלאַצן. פון דעסט וועגן, איז די קאָסמעטיק־אינדוסטריע איינע פון די דערפאָלג־רייכסטע אויף דער וועלט היינט־צו־טאָג, הגם ס'איז אַ גרויסע פראַגע צי זי איז טאַקע נוצלעך און נויטווענדיק... די נאַטירלעכע שיינקייט פון די אַמאָליקע פרויען, וואָס איז געקומען בדרך הטבע, איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש! דאָס זעלביקע וואָס שייך זייער קליידונג, זויבער און צניעותדיק, אָן די פיל פוצערייען פון דער איצטיקער פרויען־מאָדע מיט אירע שריי־ענדיקע פאַרבן און וואַריאַציעס: אַ נייע „דיקטאַטור" אָדער געשעפט פון אַ באַשטימטן קרייז...

עס בלייבן שוין נישט מער אַזעלכע אידילישע יידישע היימען ווי אין אַמאָליקע צייטן, אין אייראָפּע, ווו אַלצדינג האָט זיך קאָנצענטרירט אַרום דעם אייגענעם הויזגעזינד. די פרוי איז געווען דאַן אַן אמתע בת־מלכּה וואָס האָט אָבער נישט מינדערגעשעצט די פאַרשיידענע שטוב־אַרבעטן, נאָר זיך אָפּגעגעבן פערזענלעך מיט דער באַלעבאַטישקייט, איבערהויפּט מיט דער קיך, ווו זי פלעגט באַווייזן אמתע ווונדער אויפן דאָזיקן געביט. דאָס זענען געווען גאָר אַנדערע צייטן — מען האָט געפירט אַ רויִק און באַשיידן לעבן, אָן דער פאַרשווענדערישקייט און בהלה וואָס כאַראַקטערי־זירט אונדזער תקופה. יענע עפּאָכע איז שוין ווייט פון אונדז, צום באַדויערן...

☆

טאַקע פון יענער טראַדיציאָנעלער סביבה, מיט איר שיינעם לעבנ־שטייגער, איז געקומען אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער באָדן אַ יונגער אימי־גראַנט. פיל וויניקער אין די 30ער יאָרן האָט ער שוין געוווינט אין דער קאָלאָמביאַנער שטאָט פּאַלמיראַ, אָבער נאָך אין זעלבן יאָר האָט ער באַ־שלאָסן אַריבערצופאָרן קיין ווענעסועלאַ, און אין דער הויפּטשטאָט קאַראַקאַס האָב איך געהאַט די זכיה צו באַקענען זיך מיט אים.

איך געדענק נאָך ביז היינט מיט וויפל וואַרעמקייט און פריינדשאַפט ער האָט מיך אויפגענומען דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט אין קאַראַקאַס; ער איז דאַן געווען אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, אַן אַריס־טאָקראַטישע געשטאַלט, ציכטיק געקליידט, און זיינע בלאָנדע האָר שטענ־דיק גוט פאַרקעמט, ווי ביי אַן ענגלישן „דאַנדי", אָבער זיינע העלע אויגן האָבן געשיינט מיט גוטסקייט און סימפּאַטיע. ער איז אייגנטימער פון אַ גרויסער שניטקראָם ווו איר קאָנט געפינען דעם גרעסטן אויסוואַל פון ענגלישן שטאָף פאַר מענער־קאָנפעקציע. זיין פירמע איז באַוווּסט אין אַלע סוחרישע קרייזן, צווישן דעם גוטשטייענדיקן יידישן עלעמענט אין קאַראַ־קאַס און אין דער געזעלשאַפט בכלל. דער נאָמען סאַמועל מעלער איז גוט באַקאַנט אויך אויסער די גרענעצן פון ווענעסועלאַ, און געניסט פון אַן ערלעך־פאַרדינטן אָפּשיי איבערן גאַנצן קאָנטינענט.

אין פאַרלויף פון מיין ווײַלן אין ווענעסועלאַ, ביי יענער ערשטער געלעגנהייט, האָט מיך דעמאָלט געבראַכט אַהינצו דער פאַרלאַנג צו עקספּאָרטירן אונדזערע טעקסטיל־אויסאַרבעטונגען פון קאָלאָמביע צום שכנותדיקן לאַנד. שפּעטער, אין מיינע אָפטערע רייזעס קיין ווענעסועלאַ מיטן זעלביקן צוועק, פלעג איך קודם־כל אָפּשטאַטן אַ באַזוך ביים פריינד מעלער, האָבן מיט אים אַ געמיטלעכן שמועס, און דערנאָך אַרויסגיין צו־זאַמען טרינקען אַ שוואַרצע קאַווע אינעם דערנעבנדיקן קאַפע־הויז, בשכנות מיט זיין געשעפט.

אַזוי איז אַנטשטאַנען אַ דויערהאַפטיקע פריינדשאַפט, וואָס למען האמת ווייס איך נישט ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגעהויבן, ווייל מיר האָבן קיין מאָל נישט געוווּסט איינער פונעם אַנדערן; דער בלינדער גורל האָט אונדז צו־נויפגעפירט: מיין וויניקייט, מיט אים — דעם גרויסן אינדוסטריאַל און אימפּאָרטירער, וועלכער קומט אין קאָנטאַקט מיט די גרעסטע פינאַנסיסטן אין ווענעסועלאַ און קעניגט צווישן זיי. פון איין זייט דער אָנערקענטער מנהיג פונעם קאַראַקאַסער יידישן ישוב, און פון דער צווייטער זייט אני הקטן — דער פאַרליבטער אין אַלץ וואָס יידיש איז, דער אינדוסטריאַל אין אַ קלענערן פאַרנעם.

איך האָב אָנגעטראָפן אַזאַ אויפריכטיקע און וואַרעמע באַציִונג ביים

פריינד מעלער אין קאַראַקאַס, אויף וואָס איך האָב זיך אין גאַנצן נישט גערירכט... פלאי פלאים! טאַקע געווען ווער עס האָט דערפילט די שליחות פון אַ מליץ יושר פאַר מיינעטוועגן; צו ערשט דער טייערער און אומ־פאַרגעסלעכער פריינד ד״ר אַהרון בענטשעטריט, וועלכער האָט געוויס איבערגעגעבן דעם פאַרדינסטפולן עסקן אין קאַראַקאַס וועגן מיין באַשיי־דענער טעטיקייט אַלס גזעלשאַפטלעכער טוער און באַגאָטאַ. דאָס האָט זיכער געווירקט אַז דער קבלת־פנים אין דער רווישנדיקער קאַראַקאַס זאָל זיין אַזאַ גאַסטפריינדלעכער; אין אַזעלכע פאַלן ווייסט מען אָפּצושאַצן די ווערט פון אַ האַרציק וואָרט מצד אַ געטרייען חבר, וועלכער שאַצט איבער טייל מאָל אונדזערע ריכטיקע אייגנשאַפטן. אַזעלכע זשעסטן רופן אַרויס אַ בפירושע סאַטיספאַקציע ווען די סביבה אַרום אונדז איז מערסנטס אַ פאַרשלאָסענע און עגאָיסטישע.

☆

איך האָב די געהויבנסטע מיינונג וועגן דעם יידישן ישוב אין קאַראַקאַס. דאָס איז אַ בכבודיקע, איינגעפונדעוועטע קהילה, מיט אַ סך ווילע, אײדעלע און האַרציקע מענטשן, וועלכע גרופירן זיך אַרום אַן ערשטראַנגיקן געזעל־שאַפטלעכן מנהיג, וועמענס גוטער נאָמען איז דערגאַנגען צו די העכסטע שפיצן; סאַמועל מעלער איז אַ וואַגיקע, איינפלוסרייכע פיגור אינעם קאַראַקאַסער קהילישן לעבן. ער שפיגלט אָפּ דעם גייסט פונעם גאַנצן ישוב, וועמענס ווירדיקער ראש־הקהל ער איז זינט יאָרן.

פריינד מעלער דאַרף אַלט זיין היינט־צו־טאָג קרוב צו זיבעציק, עד מאה ועשרים; זיין לעבנסוועג איז שטענדיק געווען אַ מוסטערהאַפטער, פול מיט מסירת נפש פאַר געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן, און אויפן זעלבן דרך גייט ער כסדר אָן איבעררייס; פאַלגלעך איז דאָ צו דערוואַרטן נאָך זייער אַ סך פון זיינע זעלטענע פעיִקייטן און אידעאַליזם. מיט עטלעכע יאָר צוריק איז ער געשטעלט געוואָרן פאַר אַ שווערן נסיון פון גורל, מחמת דעם פאַרלוסט פון זיין טייערער פרוי, די אומפאַרגעסלעכע סאַניאַ ע״ה. איר פריצייטיקע פטירה האָט איבערגעלאָזט אַ טיפע וווּנד אין זיין האַרצן, גלייך ווי די גרויסע שיף אויפן שטורמישן ים זאָל האָבן געשלאָגן געוואָרן דורך אַ העפטיקער זאַווערוכע. ער איז ווייטער דער זעלבער טיכטיקער סאַמועל מעלער — דער אינדוסטריאַל און עסקן בצרכי ציבור, — אָבער ס׳איז נישט פאַראַן קיין ספק אַז עפּעס אין אים האָט זיך אָפּגעריסן. זיין שווער, ר׳ ברוך שאַמיס, איז אויך נפטר געוואָרן מיט אַ קורצער צייט צוריק.

☆

אונדזער שרייבסטיל באַשטייט אין קורצע שילדערונגען, אין וועלכע מיר באַמיִען זיך איבערצוגעבן, ווי ווייט מעגלעך, אונדזערע מיינונגען און געדאַנקען, און פאָרצושטעלן מענטשן וועלכע האָבן פאַרדינט און פאַרדינען אונדזער פיעטעט און אָנערקענונג. אָט־די באַשיידענע שורות זענען געשריבן מיט אַ געפיל פון דאַנקשאַפט און האַרציקער חברשאַפט פאַרן פריינד סאַמועל מעלער. זיין איידעלע פערזענלעכקייט און מוסטערהאַפטער לעבנס־וועג, באַוועגן אונדז אָנצוגיין ווייטער מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ און מוטיקן גאַנג, אין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט און שענערן יידישן לעבן.

אויפקלערונג

דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, פריינד סאַמועל מעלער פון קאַראַקאַס, איז שוין געווען געדרוקט אין פריִערדיקן בוך — „אַ יידיש אינדזעלע אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט”. אויב מיר האָבן געפונען פאַר נייטיק איבערצוחזרן דאָס קאַפּיטל אין דעם נייעם איצטיקן בוך, איז עס מחמת, וואָס מיר האַלטן, אַז אי׳ אַ בוך וועלכעס איז געווידמעט ספּעציעל דעם יידישן ישוב פון קאַראַקאַס, טאָר אַזאַ נאָמען נישט פעלן.

פאַרן מחבר פון דעם בוך, וועט בלי שום ספק זיין אַ גרויסע סאַטיספאַקציע, אַז דער דערמאָנטער פאַרדינסטפולער נאָמען, וועלכער האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון זיין ישוב, אַזאַ רייך קאַפּיטל, אַז דער נאָמען סאַמועל מעלער, וועט אַרויסשיינען פון די בלעטער פון דעם בוך.

העלאַ שלעזינגער — ווילנער גייסט און קאַראַקאַסער השגות

העלאַ שלעזינגער, די איצטיקע פּאַרזיצערין פון „וויצאָ" אין קאַראַקאַס, איז איינע פון יענע אויסנעמלעכע יידישע פרויען וואָס פאַרמאָגן דעם חן, דעם פערזענלעכן און אינטעלעקטועלן כוח, צו פאַרכישופן זייער מיט־שמועסער גלייך בעת דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. איר באַקאַנטשאַפט מיט מיר איז טאַקע אַ נייע זאַך, אָבער דאָס שטערט מיר נישט אָפּצושאַצן שוין אין פולן באַטייט איר ווערט ווי אַ פערזענלעכקייט, און אַ געזעלשאַפטלעכע טוערין פון דער ערשטער מדרגה.

מיט איר מאַן, דעם האַרציקן פאָלקסייד מאַקסימאָ שלעזינגער, קען איך זיך שוין דערפאַר אַ היפּש ביסל יאָרן. מאַקס פריילך האָט אונדז צונויפגעפירט נאָך אין די פּופּציקער יאָרן, און ס'האָט זיך צווישן אונדז אָנגעקניפּט אַ באַציונג וואָס מען מעג אָנרופן בפירוש פריינדשאַפט. שלעזינגער האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט ווי אַ ייד מיטן העכסטן גראַד באַוווסטזיין און צוגעבונדנקייט צו די פאָלקס־אינטערעסן. אמת, כ'האָב קיין מאָל נישט געהערט אַז ער זאָל זיין פאַרטראַטן אין דער פאַרוואַלטונג פון עפּעס אַן אינסטיטוציע, אָבער זיין פרוי העלאַ טוט שוין פאַר צוויי, און אפשר מער ווי פאַר צוויי, און ס'איז קיין שום ספק נישט, אַז איר מאַן האָט אַ גרויסן חלק אין שאַפן די באַדינגונגען און דעם גייסט וואָס דער־מעגלעכן און דערמוטיקן איר געבענטשטע עפנטלעכע טעטיקייט.

לאָמיר פריִער פאַר אַלעמען ריידן וועגן איר אָפּשטאַם, און דערמאָנען דאָס שטעטל זאַמבראָווע, לאָמזשער געגנט, ווו זי איז אויף גאָטס וועלט געקומען. איר פאָטער האָט געהייסן לייב קיפּניסקי; די מאַמע — קריינדל ע"ה. דער פאָטער איז געווען אַ ייד אַ גדול בתורה און ירא־שמים, האָט אַפילו געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער ער האָט ליבערשט געוואָלט לעבן פון מסחר. צען קינדער — העלאַ איז געווען די מעזינקע — האָבן די דאָזיקע טאַטע־מאַמע אויסגעהאָדעוועט אין אַ סביבה פון שטרענגער פרומ־קייט, מיצוות און מעשים־טובים.

העלאַס יידישע דערציִונג, וואָס האָט געקראָגן אַזאַ פעסטן גרונט אין דער היים, איז דערגאַנצט געוואָרן אין די באַרימטע צישאָ־שולן, וואָס האָבן



אַ קלאַס שילער פון דער הערצל־ביאַליק שול — מזל ברכהדיקער המשך

אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן געשמט מיט זייער אויסערגעוויינטלעך הויכן ניוואָ, און שפּעטער — אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר אונטער דער דירעקציע פון באַרימטן פּעדאַגאָג און שרייבער אַברהם גאָלאָמב. פון די דאָזיקע אויסגעצייכנטע לערן־אַנשטאַלטן האָט העלאַ, ווי אַ קינד נאָך, געשעפּט דעם נאַציאָנאַלן גייסט און די געזעלשאַפטלעכע רייפקייט, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט איר לעבנסוועג ביזן היינטיקן טאָג. כאָטש זי האָט פאַרלאָזט דעם סעמינאַר און די אַלטע היים בכלל, אין עלטער פון פערצן יאָר, מעג מען מיטן פולן מויל פאַרזיכערן אַז זי האָט זיך גענוג אָנגעשעפּט מיט דער שטימונג פון אירע מחנכים, און איז ביז היינט צו טאָג אַ טרעגערין פון יענעם פּרוכפּערדיקן גייסט אין דער נייער — און אַנדערש־דיקער סביבה פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע ישובים.

ווי געזאָגט, האָט העלאַ גאָר יונגערהייט עמיגרירט. זי איז תחילת אָוועק קיין קובאַ, וווּ ס׳האָט געוווינט אירע אַ חתונה־געהאַטע שוועסטער. צו זיבעצן יאָר איז זי געוואָרן אַ לערערקע אין דער יידישער שול פון האַוואַנאַ. דער דירעקטאָר האָט געהייסן אַבראַמי. פינף יאָר צייט האָט זי געדינט דער דאָרטיקער שול ווי אַ לערערין פון יידיש און יידישע געשיכטע. טאָקע אין האַוואַנאַ האָט זי פאַרבונדן איר לעבן מיטן טייערן פאָלקסייד מאַקסימאָ שלעזינגער, וואָס איז אַגב אירער אַ בן־עיר. ערשט אין יאָר 1949 איז דאָס פּאָרפאָלק אַריבערגעפאָרן קיין קאַראַקאַס, ווענעסועלאַ. דאָרטן האָט שוין עקסיסטירט די הערצל־ביאַליק־שול, וווּ פרוי שלעזינגער איז גלייך באַשעפטיקט געוואָרן ווי אַ לערערקע פאַרן לימוד פון יידיש, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געהאַט אין יענעם אַנשטאַלט אַ וואַרעמע נעסט, האַנט ביי האַנט מיטן לימוד פון העברעיש, און אויב ס׳האָט זיך מיט יאָרן שפּעטער אַריינגעריסן אַ שינאה, און דאָס יידישע לשון איז באַזייטיקט געוואָרן פון דעם שולפּראָגראַם, האָט די געטרייע דערציִערין העלאַ אין דעם אַוודאי נישט געהאַט קיין שום שולד, און יאָ אַ ווייטיק. כל־זמן זי איז טעטיק געווען אין דער הערצל־ביאַליק־שול, איז איר אויפגאַבע נישט געווען באַ־גרענעצט נאָר אויפן יידיש־לימוד אַליין, נאָר זי האָט אויך געהאַלטן געשיכטע־לעקציעס אויף דער שפּאַנישער שפּראַך, וואָס זי האָט גלייך נאָכן עמיגרירן זיך דערוואָרבן און אין איר דערגרייכט נישט נאָר גענויטשאַפט, נאָר אמתע מייסטערשאַפט. איר איז אויך צו פאַרדאַנקען די אָרגאַניזירונג פון שולכאָר אין יענע יאָרן.

ביים אַוועקגיין פון דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, האָט זיך העלאַ שלעזינגער אַריינגעוואָרפן בלב ונפש אין דער אַרבעט פון דער „וויצאָ״ אין קאַראַקאַס. דאָס דערציילט זיך אין דריי ווערטער, אָבער ס׳פאַרמאָגט אַ באַטייט איבער וועלכן ס׳איז כדאַי זיך אָפּצושטעלן אַ רגע. ליידער זענען

מיר אין אונדזערע אַמעריקעס שוין צוגעווינט צו דער דערשיינונג, אַז לערערס — אַפילו די געבוירענע אין דער אַלטער היים, און שוין אָפּ־געדעדט פון די הי־געבוירענע, מיט קליינע און לויבווערדיקע אויסנאַמען — פילן זיך איינגעגלידערט אין יידישן לעבן נאָר אויף וויפל זיי זענען אַקטיוו אין זייער פּראָפעסיע, און גאָר אָפּט טרעפט אַז אַ לערער וואָס גייט אַוועק פון לערעריי, צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער סיבה, פאַלט אַריין אין אַפּאַטיע און גיט געזעלשאַפטלעך אַ ביישפּיל, וואָס איז פּונקט דער היפוך פון דעם, וואָס ער האָט ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער דערציִער איינ־געקנעלט מיט זיינע תלמידים. נישט אַזוי איז דאָס געשען מיט העלאַ שלעזינגער. איר וויטערדיקע און וואַקסנדיקע איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער זאַך באַווייזט אונדז קלאָר און בולט, אַז דאָס לערעריי איז אין איר לעבן נישט געווען קיין צופעליקייט, און נישט קיין צייטווייליקע באַשעפטיקונג, נאָר דער אויסדרוק פון אַ הויכן גראַד נאַציאָנאַלן און ציבורדיקן באַוווסטזיין, וואָס האָט שפּעטער געפונען אַ נייעם תיקון אין דער וויצאָ־אַרבעט.

וואָס עס מיינט „וויצאָ" אין קאַראַקאַס, האָבן מיר שוין ווי וויט מעגלעך פאַרגעשטעלט אינעם קאַפּיטל געווידמעט דער „סופער־עסקנטע" פרוי קלאַראַ שניידערמאַן, און ס'האָט נישט קיין זינען איבערצוחזרן. דער לייענער וואָס האָט יענץ קאַפּיטל דורכגעלייענט וועט באַלד פאַרשטיין, אַז דערגיין צו דער פּרעזידענטשאַפט פון אַן אינסטיטוציע פון אַזאַ פאַרנעם, און אין אַ שטאָט ווו געטריישאַפט אין עסקנות איז כמעט דער נאַטירלעכסטער שטריך פון יעדער יידישער פרוי, איז נישט פון די גרינגע זאַכן. דאָ פאָדערט זיך אמתע ליבשאַפט צו דעם אידעאַל, אויסדויער און איבער־געגעבענע אַרבעט אין משך פון צענדלינגער יאָרן. העלאַ שלעזינגער האָט דאָס אַלץ באַוויזן, און איר פּרעזידענטין־טיטל איז נישט מער ווי דער לאָגישער און פאַרדינטער רעזולטאַט פון לאַנג־יאָריקער אָנשטרענגונג.

איצט שליסט שוין פרוי שלעזינגער אָפּ איר טעטיקייט בראש פון וויצאָ אין קאַראַקאַס. בעת איך שרייב די דאָזיקע שורות, הער איך שוין אַז מען דערמאָנט די יונגע און דינאַמישע טוערין פרוי קלאַראַ שלימאַק ווי די זיכערסטע קאַנדידאַטין צו זיין איר נאָכפאָלגערין אין אַמט. אַז מיר דערמאָנען זי שוין, ווינטשן מיר איר פאַר איין וועגס הצלחה אין איר טעטיקייט.

פון העלאַ שלעזינגערס טאַלאַנט און צוגרייטונג דאַרף מען נאָך פיל דערוואַרטן. די דאָזיקע געוועזענע תלמידה פון הויכן פּעדאַגאָגישן אַנשטאַלט מיט וועלכן אַברהם גאָלאָמב האָט אָנגעפירט אין ווילנע, איז אויך אַ פעיִקע שרייבערין און רעדנערין אויף דער שפּאַנישער שפּראַך, וואָס זי באַנוצט

אַזוי פריי און קאָרעקט ווי זי וואָלט געבוירן געוואָרן אויף דער לאַטיין־אַמעריקאַנער ערד. דאָס איז אַ פיינער, ליטעראַרישער שפּאַניש. איר הויז איז אָנגעפּיקעוועט מיט ביכער, און דווקא נישט לשם־נוי, פון שיינקייט־וועגן, נאָר ווייל פרוי שלעזינגער איז אַ ליידנשאַפטלעכע לייענערין. דאָס לייענען האָט איר געגעבן אַ גראַד קולטור און באַהאַוונטקייט אין אַ שלל ענינים, נישט ווינציקער ווי אַן אמתער אוניווערסיטעט.

די אַלע דאַטן וועגן פרוי העלאַ שלעזינגערס לעבן און פּערזענלעכקייט האָב איך פאַרצייכנט בעת אַ פריינדלעכער מסיבה אין זייער שטוב, אַ שבת פאַר נאַכט, אין דער באַגלייטונג פונעם ליבן מאַקס פריילין, דער האַרציקער חבר, פאַר וועלכן עס עפענען זיך גערן אַלע יידישע טירן פון קאַראַקאַס. דאָרט זענען מיר געזעסן און אָנגענעם פאַרבראַכט: אַ קליינע מסיבה, אָבער מיט אַ גייסטיקן און אינטימען טעם. באַזונדערס האָט מיך דערפריישט דאָס טרעפן זיך אויף ס'ניי מיט מאַקסימאָ שלעזינגער, און זען זיך נאָך אַ מאָל מיט אַן אַלטן ידיד, נאָך אַזוי פיל אָפּגעלאָפענע יאָרן. ס'איז מיר נאָר געווען אַ שאָד וואָס כ'האָב ביי דער געלעגנהייט זיך נישט געקענט זען מיט די צוויי גערראָטענע טעכטער פון די שלעזינגערס, וועלכע וווינען אין מיאַמי און האָבן זיי שוין געגעבן פיר אייניקלעך.

מיט פרייד פאַרצייכן איך אין מיין בוך דעם נאָמען פון אָט דער ליבער און פאַרדינסטפולער פאַמיליע.

הערש קליינערמאַן

ביי לייטן פירט זיך, אַז מענטשן וועלכע האָבן באַזונדערע פאַרדינסטן פאַרן כלל — צוליב זייער ליטעראַרישן, קינסטלערישן, וויסנשאַפטלעכן אָדער פּאָליטישן בייטראַג פאַר דער געזעלשאַפט — געפינען זייער אָרט אין ענציקלאָפּעדיעס. דאָרט ווערט פאַרצייכנט זייער נאָמען און אָפּגעשפּיגלט זייער אויפטו. נישט אַזוי גרינג קעמפט זיך אַ מענטש אויס אַ פּלאַץ אין דער ענציקלאָפּעדיע; מען דאַרף זיך דערצו גוט אָנמאַטערן, און דער פאַקט אַליין וואָס מען געפינט זיך דאָרט, איז אַן עדות אויף אַ זעלטענער פּערזענלעכקייט אָדער אַן אומגעוויינטלעכן טאַלאַנט.

דער שרייבער פון די שורות פּרעטענדירט בשום אופן נישט אָנצושרייבן אַן ענציקלאָפּעדיע פון יידישן לעבן. דער נאָמען אַליין איז פאַר מיר ווייט צו גרויס, ווייל ענציקלאָפּעדיע מיינט נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַן אַרומנעמענדיק ווערק פאַר אַ פולער וויסנשאַפטלעכער אויסבילדונג פונעם לייענער. איין שטריך אָבער האָב איך בשותפות מיט דער ענציקלאָפּעדישער אַרבעט, און דאָס איז די זאָרג אויפצוזוכן פאַרדינסטפולע נעמען — אין מיין יידיש־געזעלשאַפטלעכן תחום — און זען זיי צו געבן אַ תיקון לדורות אין מיין בוך. עס פייניקט מיך ממש די מורא דורכצולאָזן אַ ווערטפולן מענטשן, נישט צו באַמערקן אַ פיגור וואָס איז ראוי דערמאָנט צו ווערן. און דערפאַר אַרבעט איך, אויב נישט מיט קיין וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, איז כאָטש מיט וויסנשאַפטלעכער זאָרג און גיריקייט, אַרומצונעמען וואָס מער, און אויב מעגלעך אַלע פּאָזיציעס אויפן געביט וואָס איך האָב מיר אויסגעקליבן.

די אַלע מחשבות וועגן מיין דרך אין שרייבן דאָס בוך, זענען ביי מיר אויפגעקומען בשעת מיר זענען געזעסן, מיינע ביידע קאַראַקאַסער פריינד און אַרויסהעלפערס, מאַקס פריילך און הרב ציוויאַק, צוזאַמען מיט מיר, און מיר האָבן געגנישטערט אין זכרון אויסצוגעפינען ווועמען מיר דאַרפן נאָך אינטערוויואירן פון די אָנגעזעענע און פאַרדינסטפולע פיגורן פון יידישן קאַראַקאַס. לאַנג זיך ברעכן דעם קאָפּ האָבן מיר נישט באַדאַרפט. דער נאָמען הערש קליינערמאַן איז אויפגעשווומען אויף אַ נאַטירלעכן אופן, ווייל ער געהער באמת צו דער גייסטיקער מזרח־וואַנט פונעם קאַראַקאַסער ישוב.



אַ קלאַס שילער פון דער הערצל־ביאַליק שול — מזל ברכהדיקער המשך

הערש קליינערמאַן, אַ ייד פון דער שארית הפליטה, אַ קאַראַקאַסער תּושב זינט 1948. געבוירן געוואָרן איז ער אין אַ שטעטל לענקאָוויץ, אין כאָטינער קרייז; אַ שטעטל וואָס האָט געציילט קוים 60 יידישע משפחות. ער שטאַמט פון אַ באַלעבאַטישער פאַמיליע. זיין פאָטער שלמה און די מוטער, מרים, זענען געווען סוחרים, געהאַט אַ קלייט. ניין קינדער האָבן זיי געהאַט, און מיט דער צייט זיי אַלע אויסגעגעבן און חתונה געמאַכט. אין 1930 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן אין שטעטל בריטשאַן. דאָרט האָבן זיי געוווינט ביזן יאָר 1940, ווען דער חורבן האָט אומברחמנותדיק זיך אַראָפּגעלאָזט איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אין 1941 האָט די גאַנצע משפחה געטיילט דעם גורל פון דער ווייט־גרעסטער מערהייט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון דער געגנט, וועלכע איז קאָנצענטרירט געוואָרן אין די טרויעריק־באַרימטע טראַנסניסטרע־לאַגערן. הערש קליינערמאַן איז צוזאַמען מיט זיין פרוי ברכה און זייער דריי־יעריק קינד, געווען אין מאָגעלאָוו. זיי האָבן דורכגעמאַכט אומגעהייערע ליידן, אָבער דאָס מזל האָט זיי צוגעשפּילט און זיי זענען על־פּי־נס געבליבן לעבן. פון 1944 ביז 1948 האָבן זיי געוווינט אין בוקאַרעשט, רומעניעס הויפּטשטאָט. דאַן האָבן זיי זייערע געטריַע לאַנדסלייט פון וועניעסועלאַ, די שוין דעמאָלט אָנגעזעענע כּלל־טוערס יאָסל און עזרא לערנער, געהאָלפן אַריבערוואַנדערן און זיך באַזעצן אין קאַראַקאַס.

ס׳האָט גענומען נישט מער ווי געציילטע עטלעכע יאָר, און הערש קליינערמאַן האָט אין קאַראַקאַס נישט נאָר זיך איינגעאָרדנט און זיך געשטעלט עקאָנאָמיש אויף די אייגענע פיס, נאָר ער האָט אויך אויף ס׳ניי פונאַנדערגעבלאָזן די קיין מאָל נישט פאַרלאָשענע פונקען פון זיין יידיש־געזעלשאַפטלעכן אומרו. שוין אין דער פריִער יוגנט, אָנהייב צוואַנציקער יאָרן, האָט ער זיך געהאַט אויסגעצייכנט אין זיין שטעטל ווי אַן עסקן לטובת קרן־קימת און קרן־היסוד. די דאָזיקע געטריישאַפט זיינע צו די יידישע נאַציאָנאַלע פאָנדן האָט אין וועניעסועלאַ געפונען דעם בעסטן תּיקון, דעם גרעסטן מאָראַלישן אָפּקלאַנג און אויך אַלגעמיינע אָנערקענונג. ווי אַן אַקטיווער מענטש אויפן עקאָנאָמישן געביט, פּונקט ווי אַ ציוניסטישער כּלל־טוער, האָט הערש קליינערמאַן זיך דערוואָרבן אַ פאַרדינטע פּאָזיציע פון דרך־ארץ און ליבשאַפט מצד אַלעמען.

דער לייענער קען מיט רעכט זיך פרעגן, ווען און ווי אַזוי האָב איך עס אויפגעכאַפּט אַזוי פיל פּרטים וועגן דער פּערזענלעכקייט פון הערש קליינערמאַן? דאַרף איך אויסזאָגן דעם סוד, אַז מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים הייבט זיך נישט אָן מיטן מאָמענט ווען ס׳איז אונדז איינגעפאַלן — מיינע טרייע אַרויסהעלפערס און מיר אַליין — אַז ר׳ הערש פעלט אונדז צו

צו מיינע רעפּאָרטאַזשן. נייִן, אונדזער באַציִונג איז מיט אַ פּאָר צענדלינג יאָר עלטער. בעת מיינע ערשטע קאָנטאַקטן מיטן יידישן סוחרישן קאַראַקאַס איז מיר אויסגעקומען צו זען דעם דאָזיקן ייִד פון דער שארית־הפליטה, וועלכער האָט אין דער על־סילענסיאָ־געגנט געהאַט אַ קלייט, „לאַ מאָדערנאַ" האָט זי דוכט זיך געהייסן, בשותפות מיט נאָך אַ יידן, מן־הסתם אַ לאַנדס־מאַן. דער נאָמען „לאַ מאָדערנאַ" איז נישט געווען אַזוי וויכטיק: אַ געשעפט מיט סחורות, ווי אַ סך אַנדערע געשעפטן. דערפאַר אָבער איז די פּערזענ־לעכקייט פון די צוויי שותפים־באַלעבאַטים שוין גאָר נישט געווען קיין געוויינטלעכע. אַלטער רש ע"ה, און הערש קליינערמאַן, זאָל לעבן און געזונט זייִן, זענען געווען די צוויי טייערע יידן. און וועגן קליינערמאַנען בפרט געדענק איך, אַז גלייך די ערשטע רייד מיט אים האָבן מיר געוויזן, אַז כ'האָב דאָ נישט צו טאָן מיט קיין געוויינטלעכן סוחר, נאָר מיט אַ מענטשן אין וועלכן עס לעבן פיל העכערע אינטערעסן; אַ מענטש פון אַ דערהויבענער מאָראַלישער קאַטעגאָריע, וועלכע שפּיגלט זיך אָפּ אַפילו אין זיין שטייגער אין מיסחרן.

אינטערעסאַנט איז אויך ווי ס'איז צושטאַנד געקומען אונדזער איצטיקע באַגעגעניש, אין שייכות מיט פאַרצייכענען אים אויף די זייטן פון מיין בוך. געטראָפן האָבן מיר אים בעת ער האָט זיך געקליבן אַוועקצופאָרן צום 29סטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, ווי איינער פון די דעלעגאַטן פון ווענעסועלאַ. ממש מיט איין פוס אויף די אַוויאָן־טרעפּלעך באַוויליקט ער זיך מיט אונדז צו טרעפן, כאָטש ער וואַקלט זיך שטאַרק, צי עס באַרעכטיקט זיך אים אַריינצונעמען אין אַזאַ בוך: ער זעט נישט אין וואָס פאַר אַ זכות, און אויב דאָס איז אין זכות פון זיין ציוניסטישער טעטיקייט, האָט ער דאָך אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט פאַר ציון נישט רעכענענדיק, אַז דערפאַר קומט אים אַ באַזונדערער כבוד אָדער אַנזען... כ'האָב זיך ממש געדאַרפט אָנשטרענגען אויפצווייזן דעם פריינד קליינערמאַן, אַז בשעת מען פאַר־צייכנט די טעטיקייטן פון ווענעסועלער יידן לטובת דעם יידישן לעבן, טאָר דאָס בלעטל פון זיינע 50 יאָר ציוניסטישע אַרבעט נישט בלייבן ליידיק.

זינט 1953 האָט זיך קליינערמאַן צוריק אַריינגעוואָרפן אין דער ציו־ניסטישער אַרבעט, און אין איר אַריינגעלייגט אַ ים מיט ענערגיע און ענטוזיאַזם. עלף יאָר צייט, פון 1956 ביז 1966, איז ער געווען פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין ווענעסועלאַ. צווישן 1960 און 1967 איז ער אויך געווען פּרעזידענט פון קרן־היסוד. איצט, ווען ער האָט זיך פאָרמעל אָפּגעזאָגט פון אַלע אָפיציעלע אַמטן און איז געבליבן נאָר ביי דער קאָנקרעטער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, האָט ער פאָרט נישט געקענט אויסמיידן אַז די ציוניסטישע פעדעראַציע זאָל אים אויסצייכענען מיטן

בכּבֿודיקן אַמט פֿון פֿינאַנס־דירעקטאָר, ווי אַן אויסדרוק פֿון אָנערקענונג און צוטרוי נאָך אַזוי פֿיל יאָרצענדלינגער געטרייער טעטיקייט.

הערש קליינערמאַן געהערט אויך צו די דאָזיקע יידן ביי וועמען מדינת־ישראל איז אַ קוואַל פֿון אינספּיראַציע, און זיי קענען ממש נישט לעבן אויב זיי שטעלן זיך נישט אָפּטער אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן יידישן לאַנד און באַהעפֿטן זיך מיט זיין לעבן און זיינע פּראָבלעמען. זינט 1954 איז ער אַ פּערמאַנענטער באַזוכער אין לאַנד, ווו ער קומט יאָר־יערלעך: אַ מאָל ווי אַ דעלעגאַט אויף גאָר וויכטיקע נאַציאָנאַלע צוזאַמענפֿאָרן, אַ מאָל פּריוואַט, אָבער אַלע מאָל ווי אַ געטרייער, דאַנקבאַרער זון וואָס קומט באַגריסן מיט עכטער און תּמיד באַנייטער עמאָציע די פֿאַרהייליקטע ערד פֿונעם יידישן פֿאָטערלאַנד.

פֿרוי קליינערמאַן, נישט נאָר וואָס זי באַגלייט איר מאַן אין זיינע געפֿילן און טוונגען, נאָר זי פֿאַרנעמט אויך אַן אייגענע פּאָזיציע אויפֿן געביט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער און ציוניסטישער אַרבעט. זי איז איינע פֿון די צענטראַלסטע פֿיגורן פֿון דער „וויצאָ" אין קאַראַקאַס. אין יאָר 1974 איז זי געווען אַ דעלעגאַטקע צום וועלט־צוזאַמענפֿאָר פֿון דער וויצאָ אין לימאַ, פּערו, און אין 1977 האָט זי אויך ס׳ניי פֿיגורירט צווישן די פֿאָרשטייערינס אויפֿן וויצאָ־וועלט־קאָנגרעס, דאָס מאָל אין ירושלים. דאָס איז אַ דינאַמישע און קולטורעלע פֿרוי, מיט איר אייגענעם יחוס: איר עלטער־זיידע איז געווען הרב ר׳ הלל ליכטענשטיין, רב פֿון קאָלאָמיי, גאַליציע.

מיטן איינשליסן הערש און ברכה קליינערמאַנען אין מיין בוך פֿיל איך אַז כ׳האָב דערפֿילט אַן אָנגענעמען מאָראַלישן חובֿ, סיי לגבי זיי גופֿא, ווייל זיי האָבן פֿאַרדינט דערמאָנט צו ווערן, סיי לגבי דעם לייענער, וועמען איך וויל דערקוויקן, פּונקט ווי זיך אַליין, מיטן ביישפּיל פֿון אַזעלכע איבערגעגעבענע און באַוווסטזיניקע יידן.

ר׳ משה לאַנדאַ

דער גאַליציאַנער ר׳ משה לאַנדאַ איז איינער פון די ראשונים, פון די ערשטע יידישע תושבים אין דער שטאָט וואַלענסיאַ, אַ 200 ק״מ פון דער הויפּטשטאָט, ווו ס׳איז — ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן — אַנטשטאַנען פּאַקטיש דער יידישער ישוב אין ווענעסועלאַ. דאָס וואָס היינט צו טאָג, איז שוין אין יענער שטאָט כמעט נישט פאַראַן קיין יידן, מינערט גאָרנישט פון איר חשיבות ווי דאָס וויגעלע פון דער יידישער איינוואַנדערונג אין לאַנד. אַזוי איז שוין אין אונדזערע לענדער דער גורל פון רוב פּיאָנערן־ישובים אין דער פּראָווינץ: מיט דער צייט פּאָרט אַלץ אַריבער אין דער גרויסער שטאָט.

נאָר אויב מיר ווילן דערקענען וואָס פאַר אַ טיפּ און קוואַליטעט מענטשן מיר האָבן געהאַט אין די בראשית־צייטן פון דער איינוואַנדערונג, דאַרפן מיר זיך פאַרקוקן טאַקע אויף יידן ווי אַ ר׳ משה לאַנדאַ, וועלכע זענען נאָך ברוך השם באַטייליקט און ביז גאָר אַקטיוו אינעם יידישן לעבן.

ר׳ משה לאַנדאַ האָט זיין פּיאָנערישע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט גלייך אָנגעהויבן אין וואַלענסיאַ. ווען ער האָט זיך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער באַזעצט אין קאַראַקאַס, איז ער שוין געווען אַ באַקאַנטער עסקן, וואָס איז גיך אָפּגעשאַצט געוואָרן דורכן יידישן געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו פון דער גרויסער שטאָט, וועלכער האָט אים טאַקע באַלד איינגעגלידערט אין זיינע רייען און אים אָנפאַרטרויט פּראָמינענטע שליחותן.

כ׳האָב באמת עגמת־נפש, וואָס איך בין נישט נעהנטער באַקאַנט מיט די פּרטים פון ר׳ משהס לאַנגער געזעלשאַפטלעכער קאַריערע, ווייל דאַן וואָלט איך געקענט דערציילן מיינע לייענערס וועגן פּראָבלעמען און פאַר־מעסטן, נסיונות, אויפבוי־יסורים און רעאַליזירונג־פריידן, אַלץ וואָס אַט דער ייד האָט דורכגעמאַכט אין משך פון יאָרצענדלינגער ערלעכער אַרבעט. כ׳מוז זיך אָבער באַנוגענען מיט די רעלאַטיוו אַקטועלע דאַטן, וואָס איך פאַרמאָג ווי אַ רעזולטאַט פון פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט בעת מיינע ספּאָראַדישע באַזוכן אין יענער שטאָט במשך די לעצטע 20—25 יאָר. דאָס איז אַ שאַרפע באַגרענעצונג, אָבער צום תוך־ענין האָט זי נישט קיין שייכות, און כ׳וועל טאַקע באַלד אויפקלערן פאַר וואָס. דער ענגלישער פּאָעט מילטאָן זאָגט אַז „דעם שיינעם טאָג דערקענט מען אינעם פאַרטאָג״,

דאָס הייסט, אַז דעם בעסערן מענטשן דערזעט מען שוין קינדווייז, אָדער אין דער יוגנט. און איך וועל זיך, מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט, דער־לויבן צוצוגעבן, אַז אויך אינעם בייטאָג און אינעם אָוונט לאָזט זיך אָפּ־שאַצן די שיינקייט פונעם גאַנצן טאָג. אויך די אויפפירונג און די אויפטוען פון מענטשן און גרופּעס אין זייער רייפער צייט, קענען דינען ווי עדות וועגן זייער גאַנצן שוין דורכגעמאַכטן לעבנסוועג. אַזאַ איז דער פּאַל מיט ר׳ משה לאַנדאַ און מיט נאָך אַ סך וויכטיקע עסקנים און טוערס, וועלכע מיר קומט אויס צו באַשרייבן אין מיין בוך, אין קורצע פּען־פּראָפילן, אָפט מאָל נישט קענענדיק פיל מאָמענטן פון זייערע פאַרגאַנגענע יאָרן. אָבער ס׳מאַכט נישט אויס: פון זייער איצט קען מען זיך גרינג משער זיין ווי זייער אַמאָל האָט אויסגעזען.

וואָס זשע איז ר׳ משהס איצט? דאָס איז אַ לעבנס־שטייגער אין וועלכן די זאָרג פאַרן ציבור פאַרנעמט דאָס סאַמע העכסטע אָרט אין דעם ווערטן־לייטער. ער דינט דעם כלל מיט אייפער, מיט ציטער, מיט אַבסאָ־לוטער אַחריות און געטריישאַפט, און קען גאָר נישט באַגרייפן, אַז מען זאָל אָן דעם אַלעמען פּרעטענדירן אויפן כבוד־טיטל: כלל־טוער. אין קאַראַקאַס שטייט ער האַנט ביי האַנט מיטן כלל־טוער נומער 1, מאַקס פריילין; צווישן זיי רעדט מען נישט וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן די אינטערעסן פון זייער קיבוץ, און זייערע רייד און אידעען ווערן פאַר־וואַנדלט אין מעשים. דאָס איז אַ גאָט־געבענטשטער שידוך צווישן צוויי עסקנים, וואָס פאַרשטייען זיך, ווי דאָס וואָלט איין מענטש געווען. און וואָס פאַר אַ נייסל ר׳ משה טראָגט נישט אונטער זיין ישוב, ווערט זי גלייך דורך אַלעמען מיט געשטרעקטע הענט אויפגענומען, ווייל צו אים האָט מען גרויס דרך־ארץ, וואָס וואַקסט אַרויס פון דער ערלעכקייט און ערנסטקייט מיט וועלכע ער האָט תמיד געפירט זיין עפנטלעכע טעטיקייט.

אַגב, ס׳איז אויך ר׳ משהן די פעדער נישט פרעמד, און דאָס איז זייער נאַטירלעך: אַן עסקן ביי יידן, אַפילו ווען ער איז נישט קיין גע־בוירענער שרייבער, אַרבעט ער זיך צו ביסלעך איין, דורך די יאָרן, אין דער שרייב־מלאכה, פונקט ווי ער מוז אויך, נישט זייענדיק קיין רעדנער לויטן באַרוף, זיך אָנטאָן אַ כוח און באַהערשן וויניקסטנס די גרונט־יסודות פון רעדנעריי. אָט נעמט פאַר אַ ביישפּיל דעם שרייבער פון די שורות: איז ער דען געבוירן אַ שרייבער? חלילה וחלילה! נאָר די יאָר־צענדלינגער עסקנות האָבן אים, אפשר גאָר בעל־כרחו, געמאַכט כאָטש פאַר אַ כראָניקער פון זיין סביבה, זיין וועלט. ר׳ משה לאַנדאַ, אַז ער באַווייזט זיך אַמאָל מיט אַ זאַכעלע אויף די שפּאַלטן פון די „יידישע צייטונג״ פון תל־אביב, לייענט מען אים מיט פאַרגעניגן. לאָמיר אָבער

נישט רעדן וועגן זיין שרייבן, נאָר וועגן זיינע מעשים־טובים. שוין פופציק יאָר פון זיין לעבן האָט דער ייד פרייוויליק אַוועקגעגעבן פאַר טובת־הכלל, און לאָמיר דערביי אָנמערקן, אַז ער איז פון די עסקנים, וואָס פאַרשטייען און זאָרגן זיך אויך גלייכצייטיק פאַר טובת היחיד. איז ער טאַקע דורך זיין לעבן פאַר אַ סך יחידים געווען אַ טרייסט און אַ דערלייזער.

מיט זיין דרך און מיט זיינע מעשים האָט ר׳ משה לאַנדאַ זיך דער־וואָרבן אַ פּאָזיציע נישט נאָר אינעם לעבן פון קאַראַקאָסער יידישן ישוב, נאָר בעיקר — אינעם האַרץ פון יעדן איינעם פון זיינע מיטגלידער. זאָל ער זוכה זיין צו געניסן פון דער האַרציקייט וואָס ער אַליין האָט פאַרזייט, עד מאָה ועשרים.

ר׳ קלמן לובאָווסקי

מיינע לייענערס קענען שוין גוט דעם פּרינציפּ לויט וועלכן איך קלייב אָפּ די פיגורן, וואָס איך נעם אַריין אין דער גאַלעריע פון מיינע באַשיידענע פּאָרטרעטן. מיר גייט אין אַרויסהייבן מענטשן מיט וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו האָבן אַ געוויסן קאָנטאַקט, און וואָס בעת דעם דאָזיקן קאָנטאַקט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין זיי געפינט זיך עפּעס טיפערס און העכערס ווי ס׳האָט זיך געקענט אויסדוכטן פון דער ווייטנס. בפרט האָב איך די אַמביציע צו שאַפן דורך דעם אַ באַשרייבונג פון יידישע מענטשן, וועלכע האָבן אויפן דרום־אַמעריקאַנער באָדן נישט נאָר באַוויזן אונטערנעמערישקייט און פלייסיקייט פאַרן פּראָדוקטיוון און מסחרישן אויפטו, נאָר האָבן אויך, צו מאָל בשתיקה, קולטיווירט די איידלסטע יידישע שטריכן פון פיעטעט פאַר קולטור, צדקה, אַחריות פאַרן כלל און נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

דעריבער האָט דאָס געוויסן מיר אונטערגעזאָגט, אַז אין מיין איצטיק בוך טאָרן נישט פעלן אַ פּאָר שורות וועגן דעם קאַראַקאַסער עסקן ר׳ קלמן לובאָווסקי. געטראָפן האָב איך אים צום ערשטן מאָל גאָר על־פּי צופאַל, אַרום אַ טיש מיט נאָך אַ צוויי מנינים יידן, פאַרזאַמלטע אין אַן אינסטי־טוציע פון יידישן סאַן־בערנאַרדינאַ (דאָס תל־אביב פון קאַראַקאַס). דאָרטן זענען אויך געווען די באַקאַנטע עסקנים יוסף טכאָרניצקי און סאַמועל מעלער, דעמאָלטיקער ראש־הקהל. געגאַנגען איז עס וועגן קרן־היסוד ענינים, און ר׳ קלמן לובאָווסקי איז געווען אין זייער מיט. שפּעטער, בעת איך האָב פאַרבונדן ענגערע קאָנטאַקטן מיט קאַראַקאַס, האָט מיך דער ייד איין מאָל פאַרבעטן צו זיך אין פאַבריק און אין הויז, און מיר אַרויס־געוויזן אַ באַזונדער סימפּאַטיע. פאַר וואָס און פאַר ווען — דאָס ווייס איך נישט, אָבער כ׳בין שטאָלץ, וואָס אַזוי איז עס געווען און געבליבן עד־היום.

קיין סך וועגן זיין ביאָגראַפיע ווייס איך נישט. דאַכט זיך אַז ער איז פון פוילן, פון סלאָנים, און מיר שיינט אַז ער איז נישט פרעמד אין די שוואַרצע פּינטעלעך. אָבער איינס איז פאַר מיר יאָ גענוג קלאָר און בולט, און דאָס איז דאָס עכטע יידישע האַרץ וואָס דער ייד פאַרמאָגט, און אויך זיין גיין אין שפּאַן לטובת הכלל, סיי פאַרן אויפבוי פון אייגענעם יידישן

ישוב, סיי לטובת ישראל, אי פאַר, אי נאָך דעם אויפקום פון דער מדינה. צוליב די צילן האָט ער אָפּגעריסן אַ סך צייט און ענערגיע פון זיינע פּריוואַטע עסקים, אין משך פון לאַנגע יאָרצענדלינגער.

נאַטירלעך קען ר׳ קלמן הײַנט צו טאָג נישט גיין מיטן אַמאָליקן אימפּעט אויף דעם דאָזיקן וועג פון עכטע מעשים־טובים, ווייל ער האַלט שוין ב״ה איבער די שמונים, עד מאה ועשרים. דאָך איז ער נאָך אַלץ אַקטיוו. יעדן אינדערפרי, מיטן ערשטן ליכטשטראַל כמעט וואָס דער רבש״ע באַוויליקט אַראָפּצושיקן אויפן כדור־הארץ, קען מען זען זיין נאָך אַלץ הויכע און שלאַנקע פיגור אַריינקומענדיק פריִער ווי ווער עס איז אין זיין פאַבריק. פונקט ווי זיין גוף איז נישט געבראָכן, אַזוי איז זיין מחשבה קלאָר. דאָס יידישע קאַראַקאַס וויס אָפּצושאַצן נישט נאָר זיין אָנגעזאַמלטע דורך יאָרן געזעלשאַפטלעכע אַקטיווקייט נאָר אויך זיין איצטיקן ביישפּיל, ווייל ער איז אַלע מאָל דער ערשטער צווישן די געבערס, און גיט טאַקע מיט אַ ברייטער האַנט, נישט קוקנדיק אַפילו אויף אידעאָלאָגישע רייבונגען, נייערט נאָר און בלויז אויפן קערן, וואָס באַשטייט פון יידישע כלל־אינ־טערעסן.

דער יידישער ישוב אין ווענעסועלאַ האָט פיל צו פאַרדאַנקען עסקנים ווי ר׳ קלמן לובאָווסקי און זיינס גלייכן, וואָס האָבן אַ היפּשן חלק אינעם איצטיקן אויפשטייג פון ווענעסועלער יידנטום. און טאָמער איז ווינציק דאָס וואָס מיר זאָגן וועגן ר׳ קלמנען מזכות עצמו, קענען מיר נאָר דער־מאָנען זיינעם אַ זייער אָנגעלייגטן משפחה־זכות; דהיינו, אַז ער קער זיך אָן אַ שוואָגער מיט אַ צווייטן קאַראַקאַסער אינדוסטריאַל, עסקן און למדן, ר׳ יעקב מישקין, וואָס וועגן אים האָבן מיר שוין געשריבן אין פריִערדיקן בוך. דאָס הייסט, אַז ער איז, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, אַ ברודער פון מרת סאָפיאַ מישקין.

ישראל חדש צום 60סטן געבוירן־טאָג פון מאַקס פריליך

דער נאָמען מאַקס פריליך ווערט דערמאָנט אין אַלע מיינע ביכער מיט ליבשאַפט און פאַרערונג. אין איצטיקן בוך וועגן וועגעסועלער ייִדנטום קען מען אים טרעפן כמעט אין יעדן אַרטיקל, ווייל — ווי איך האָב דאָס



מאַקס פריליך, מיטגרינדער פון קולטור־צענטער אין וועגעסועלאַ

שוין אומצייליקע מאָל אונטערגעשטראָכן — ער איז געווען מיין איבער־געגעבענער אַרויסהעלפער און באַגלייטער, אָריענטירער און בעל־יועץ ביים זוכן און אויסגעפינען דעם רוב פון די פיגורן מיט וועלכע דאָס בוך גיט

זיך אָפּ. און נאָך וויכטיקער: ער איז עס געווען מיין „וויזיט־קאַרטל" צו אַן אַ שיעור יידן פאַר וועלכע מיין נאָמען האָט גאָר ווינציק געמיינט, און וואָס האָבן וועגן מיין שליחות קיין אַנונג נישט געהאַט, נאָר וואָס דער באַליבטער נאָמען מאַקס פריילין איז פאַר זיי — ווי פאַר אַלעמען — געווען דער מאַגישער שפּרוך וואָס האָט אַלע טירן אויפגעעפנט, די גאַ־ראַנטיע פון ערנסטקייט און חשיבות, וואָס האָט גלייך ביי יעדערן דער־וועקט צוטרוי און אינטערעס מיטצואַרבעטן מיט מיין עובדה.

אַחוץ דעם, איז פריילין מיט זיין משפחה דער העלד פון עטלעכע באַזונדערע קאַפּיטלען אינעם בוך, ווייל אַ כראָניק פון יידישן לעבן אין ווענעסועלאַ וואָלט געווען אַ „האַלבע אַרבעט" ווען זי זאָל נישט אַנטהאַלטן אַ ריכטיקע אָפּשפּיגלונג פון זיין פילזייטיקער טעטיקייט אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט עסקנישער און שרייבערישער אַרבעט, ווי אויך פון דער ראָלע וואָס זיין היים — בראש מיט זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין, רבקהלע — האָט געשפּילט און שפּילט אין די יידישע קולטור־קרייזן, און פון דעם ווירדיקן המשך וואָס זיינע טעכטער שטעלן פאָר מיט זיך, צו מאָל אין לאַנד־מאַסשטאַב, אין דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור אין ווענעסועלאַ.

נישט געקוקט אָבער אויף דעם אַלעם וואָס כ'האָב שוין וועגן פריילינען געשריבן, וויל איך נאָך צוגעבן אַ ריי שטריכן צו זיין געשטאַלט, און אויך אָפּשפּיגלען דאָס וואָס אַנדערע, באַרופענע יידישע פען־מענטשן האָבן גע־שריבן וועגן אָט דעם יידישן אַספּעקט פון ווענעסועלער יידישן לעבן. לאָמיר פאַר אַ מוסטער ברענגען אַן אויסצוג פונעם אַרטיקל וואָס ישראל חדש ע"ה, דער פּריצייטיק פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון דער תל־אביבער „יידישע צייטונג", האָט פאַרעפנטלעכט דעם 26סטן פעברואַר 1965, צו דער געלעגנהייט פון פריילינס 60סטן געבוירן־טאָג. אַגב, איז גאָר נישט קיין צופאַל וואָס דווקא ישראל חדש האָט אַזוי וואַרעם אַרויסגעהויבן די פיגור און די אויפטוען פון אונדזער מאַקס פריילין, אים צו לענגערע יאָרן. פּונקט ווי פריילין אין ווענעסועלאַ, איז חדש אין מדינת ישראל געווען אַן אומ־דערמידלעכער קעמפער פאַר דער חשיבות פון יידיש לשון און פון אונדזער פאָלקסקולטור, און אַ מוכיח, אַ שאַרפער רעאַגירער און אויפווייזער קעגן אַלע קריוודעס וואָס ווערן קעגן דער שפּראַך און אירע ווערטן באַגאַנגען. חדש'ס קאַמף איז נישט געווען קיין אומזיסטער. ווען דער אַכזריותדיקער טויט וואָלט אים נישט געווען אַוועקרייסן מיט אַ פינף יאָר צוריק, אין סאַמע בלי פון זיין לעבן און פון זיין שפּרודלדיקער שרייבערישער טעטי־קייט, וואָלט ער זיכער געקענט שעפּן נחת פון אַזאַ דערשיינונג ווי די אימפּאָזאַנטע דעמאָנסטראַציע פון יידיש־צוזאַמענפאָר אין מדינת־ישראל

אין 1977, וואָס האָט געוויזן די סימנים פון אַ פאַרבעסערטער מערכה, און אין וועלכן חדש וואָלט מיט רעכט געקענט זען די פּרוכט פון זיין פּאַרזיי.

צווישן אַנדערן, האָט חדש וועגן פרייליכן אַזוי געשריבן:

„אַהין (קיין ווענעסועלאַ) איז אויך פאַרפאָרן דער באַוווסטער שרייבער און האַרציקער ייד מאַקס פרייליך.

ער האָט זיך נישט אַוועקגעלאָזט איבער די פעלדער פון ווענעסועלאַ זוכן נאַפט. ער האָט נישט געבויט קיין גרויסע פאַבריקן, ווי אַ סך אַנדערע. ער האָט אָבער געבויט אַ יידיש לעבן. שוין פון זיינע ערשטע שריט אויפן ווענעסועלער באָדן, האָט ער ווי אַ שרייבער געפונען פאַר נייטיק צו אינ־פאָרמירן דער וועלט, אַז מיר זענען אויך דאָ אויפן ווענעסועלער באָדן. זיינע קאָרעספּאָנדענצן צעגייען זיך איבער אַלע וועלט־רעדאַקציעס, וועלכע דרוקן גערן זיינע אַרטיקלען, ווייל עס שפּרודלט פון זיי יידיש לעבן, יידישע קולטור און יידישע האַרציקייט. ווייל מאַקס פרייליך איז פאַרבליבן אין דער יידישער טראַדיציע. אַ זון פון יידישן פאָלק און פון דער יידישער שפּראַך.

מאַקס פרייליך ווייסט ביז היינט צו טאָג, ווען ער איז שוין אַריין אין 60סטן לעבנס־יאָר (ביז הונדערט און צוואַנציק), אַז די יידישע שפּראַך פאַרבינדט דאָס יידישע פאָלק. ווייסט, אַז וועלכער ייד עס רעדט יידיש, וועט פאַרבלייבן אַ ייד אויף זיין גאַנץ לעבן".

עד־כאן, די רייד פון ישראל חדש אין זיין דערמאָנטן אַרטיקל, וועל־כער צייכנט קורץ און שאַרף מאַקס פרייליכס פּראָפיל און זיין יידישן אני־מאמין. און מיר ווילט זיך צוגעבן נאָך אַ פּאָר באַטראַכטונגען וועגן דער אייגענער טעמע.

דער טיפּ פונעם אימיגראַציע־פּיאָנער, וועלכער איז גלייכצייטיק אַן איבערגעגעבענער קולטור־עסקן און גיט זיך אָפּ כל־ימיו, אַלע טעג און נעכט פון זיין לעבן, מיט זיינע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, אַפילו ווען אַרום אים קריכן אַנדערע נאָר אויפן לייטער פון עקאָנאָמישן אויפשטייג, דערוויטערט און אָפּגעפרעמדט פון יעדן העכערן ציל — איז אַ באַקאַנטער, אַפילו אַ קלאַסישער טיפּ אין אַלע, אָדער כמעט אַלע אימיגראַציע־ישובים. דאָס אַליין איז שוין פאַר זיך אַ הויכע מאָראַלישע מדרגה: בלייבן אַ גאַנץ לעבן געטריי די גייסטיקע אינטערעסן און זיך נישט לאָזן מיטרייסן מיטן מאַטעריאַליסטישן שטראָם, וואָס לאַ־די וואָס ער איגנאָרירט דאָס יידישע לעבן, קוקט ער נאָך מיט פאַרריסנקייט, ביטול און חוזק אויף זיינע אידעאַ־ליסטישע פּאַנטרעגערס, ווי איינער רעדט: זע נאָר מיט וואָס פאַר אַ פּוסטע מעשיות אַ מענטש באַשעפטיקט זיך, אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן תכלית, אַרויפאַרבעטן זיך, מאַכן אַמעריקע... יאָ, דאָס איז אַ קלאַסישע

דערשײַנונג, און בלי־ספק איז מאַקס פרײליך געקנאָטן פון דעם זעלביקן טײג וואָס יענע אידעאַליסטן, וואָס אין אַנדערע ישובים בלײַבן זײ ווי אַ קול קורא במדבר צווישן די צעיאַכמערטע נאָכלויפערס נאָכן עגל־הזהב, אָדער — גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד — ווי פאַראײַנצלטע צדיקים אינעם מאַטעריאַליסטישן סדום.

אָבער גאָר אַנדערשט איז מאַקס פרײליכס גורל אין ווענעסועלאַ. דאָס מזל האָט אים געבראַכט אין אַ ישוב ווו פראָספּעריטעט און וווילטאָג האָבן נישט פאַרמעקט און אַפילו נישט פאַרבלאָסט דאָס ייִדישע באַוווּסטזײַן. אַ ישוב, ווו דער יצר־הרע נאָך געלט בלײַבט ווי אַ קאַרליק אַנטקעגן דעם יצר צו מעשים־טובים, זיך צו לאָזן קאָסטן מיט דער ברייטער האַנט פאַר די זעלביקע אידעאַלן, פאַר וועלכע מענטשן ווי פרײליך גיבן אַוועק זייער גאַנץ לייב און לעבן.

אָט דאָס איז פרײליכס מזל, און נישט ווינציקער איז דאָס זײַן אייגנט־לעכער פאַרדינסט, ווײַל ס׳איז גאָר קיין צווייפל נישט, אַז דער בײַשפּיל פון דעם דאָזיקן ראשון האָט אין אַ גרויסער מאָס געווירקט און משפיע געווען, אַז דאָס ווענעסועלער יידנטום זאָל אויסזען אַזוי ווי עס זעט אויס, און נישט אַנדערש.

פון דעם נעמט זיך די אויסערגעוויינטלעכע באַציונג וואָס יידן פון אַלע קרייזן און שיכטן ווײַזן צו אים אַרויס: זיי דערקענען אין אים אַ מוסטער פון ייִדישער גראָדליניקער אויפפירונג: ער איז עפּעס אַזוינס ווי דער רוחניותדיקער מאָדעל וואָס אינספּירירט זיי, אַז אויך זייער גשמיות זאָל זיין געווענדט און געניינט אַנטקעגנצוקומען אַלע פליכטן פון ייִדישער געטריישאַפט צום ייִדישן לעבן אויפן אָרט און צו מדינת ישראל.

היינט, ווען מאַקס פרײליך דערנענטערט זיך שוין צו זײַן 75סטן יובילײ, זענען די ווערטער וואָס ישראל חדש ע״ה האָט אָנגעשריבן מיט כּמעט 15 יאָר צוריק נאָך ריכטיקער און אמתדיקער ווי פריִער: ער איז נאָך אַלץ דאָס רעספּעקטירטע קול וואָס אינפאָרמירט דער ברייטער וועלט וועגן דעם ייִדישן לעבן אין ווענעסועלאַ, מיט זײַנע אויפטוען און שטרעבונגען, און ער איז כּסדר צוגעבונדן צו זײַנע איבערצייגונגען און ליבשאַפט צו דער ייִדישער שפּראַך און איר קולטור, וואָס דאָס מיינט, אייגנטלעך, ליבשאַפט צום ייִדישן וועלטפאָלק און געטרײַשאַפט צו זײַנע פונדאַמענטאַלע ווערטן.

לאָמיר ענדיקן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיטן ווונטש, וואָס רייסט זיך אַרויס פון די טיפענישן פון אונדזער נשמה: אַז הלוואי זאָל ער, מאַקס פרײליך, קענען פאָרזעצן מיט באַנײַטע כּוחות זײַן ציבורדיקע אַרבעט, וועלכע איז זײַן אייגנטלעך לעבן, מיט וועלכן ער אָטעמט, סײַ טאָג און סײַ בײַנאַכט. הלוואי, אָמן.

רבקהלע פריילין

ווען כ׳האָב ביי אַ פֿריִערדיקער געלעגנהייט פֿאָרגעשטעלט די געשטאַלט אין דעם לעבנסוועג פֿון מאַקס פריילין, איינער פֿון די גרינדערס און

פרוי רבקהלע פריילין

פורעמערס פֿון אָרגאַניזירטן יידישן לעבן אין ווענעסועלאַ, איז אויף מיין געוויסן געבליבן אַ נישט געסילוקטער חוב — באַשרייבן אויך דאָס הער־לעכע בילד פֿון זיין לעבנס־באַגלייטעריך, די איידעלע און צאַרטע פרוי רבקהלע פריילין.

נישט צוליב סתם דאַנקבאַרקייט וויל איך דאָס טאָן. אמת איז, טאַקע, אַז קיין שענערע און וואַרעמערע גאַסטפריינדלעכקייט, ווי די וואָס רבקהלע פרייליך האָט אַרויסגעוויזן דעם דאַזיקן קאָלאָמביאַנער־זשעלעכאָווער גאַסט, איר מאַנס גוטן פריינד, קען איך זיך גאָר נישט פאָרשטעלן. נישט נאָר האָב איך זיך ביי איר געפילט ווי אין דער אייגענער היים — איר גוטסקייט און סימפּאַטיע האָבן אַזוי שטאַרק געווירקט, אַז כ׳האָב זיך געפילט ווי כ׳וואָלט מיט די פרייליכס געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער היים, וואָס נאָענטער און אינטימער קען שוין גאָר נישט זיין. אָבער פאַר אַזאַ באַציִונג דאַנקט מען נישט אָפּ מיט אַ פּאָר בידנע שורות, און נישט דאָס בין איך אויסן ווען איך נעם איר נאָמען אויף דער פעדער.

איך בין מחויב צו באַשרייבן רבקהלע פרייליך צוליב גאָר אַן אַנדער טעם. איך וויל דורך איר ווייזן אַ פּראָטאָטיפּ פון אַן איידעלער יידישער פרוי לויטן אַמאָליקן שניט: איידלקייט, נשמהדיקייט, האַרציקייט און אויס־דויער, אַלץ וואָס זי לייגט אַוועק ווי אַ יסוד פון משפחה־לעבן און, אין אַ ברייטערן זינען, פון כלל־לעבן.

אויב מאַקס פרייליך איז, ווי כ׳האָב שוין פריִער דערציילט, פונעם טיפּ פון די שטעטלשע עילויים, וועלכע זענען אין די צוואַנציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט אַוועק צו וועלטלעכע אידעאַלן, אָבער האָבן ביז היינט צו טאָג אויפגעהיט זייער רייכן תורה־באַגאַזש, און נישט איינעם פון זיי וואָלט געפּאַסט צו טראָגן דעם טיטל רב — דאַן איז רבקהלע פרייליך זיכער ראוי צו הייסן אַ רביצין, אויף וויפל דאָס דאַזיקע וואָרט באַטייט גייסטיקע שיינקייט, יידישלעכקייט און אמתער יחוס, יחוס עצמה.

עס פעלט איר אויך נישט קיין יחוס־אָבות. איר פאָטער, ר׳ יוסף־דוד וואַרשאַווסקי, פון שטעטל זדונסקע־וואָליע, איז געווען אַ ייד אַ למדן. אין עלטער פון 18 יאָר האָט ער שוין געהאַט היתר־הוראה, און איז טאַקע געווען דיין אין שטעטל. דערצו איז ער נאָך געווען אַ מחבר, אינעם טראַ־דיציאָנעלן זינען פון דעם דאַזיקן וואָרט, און האָט באַרייכערט מיט וואָגיקע אַרבעטן אונדזער רעליגיעזע ליטעראַטור. ווער ווייס וווהין אַזאַ גרויסטענער מענטש וואָלט דערגאַנגען ווען דער גורל רייסט אים נישט אַוועק פון דער וועלט אין בליִענדיקן עלטער פון 36 יאָר. רבקהלעס ברודער, האָט גע־ירשנט דעם פאָטערס גאונישקייט; ער איז געווען ממש אַן עילוי, און איז דערגאַנגען צו דער באַדייטנדיקער פּאָזיציע פון ראש־ישיבה אין דער שטאָט קאַליש. די מאַמע, ווידער, האָט געשמט ווי אַ צדיקת. און אונדזער רבקהלע פרייליך האָט אין איר איידעלער נשמה איינגעזאַפּט די דאַזיקע זעלטענע בשׂמים פון תורה און טראַדיציאָנעלער יידישער ערלעכקייט, און האָט זיי אויפגעהיט ווי אַ זאָמען, וואָס האָט זיך פּרעכטיק פונאַנדער־

געבליט, װען זי איז געקומען אין פֿאַרבינדונג מיט אַ מענטש, װאָס האָט געשטאַמט פֿון אַן ענלעכער סביבה און איז געװען דורכגענומען מיטן זעלביקן גייסט פֿון לומדות, יושר־זוכעניש און ייִדישלעכקייט: מאַקס פֿריילין. זי, רבקהלע, איז עס געשטאַנען און שטייט נאָך ביז היינט, און הלװאַי װייטער, ביי דער רעכטער האַנט פֿון דעם דאָזיקן אויסנאַמלעכן עסקן און קולטור־טוער, װאָס זיינע איבער 40 יאָר װענעסועלאַ האָבן נישט באַװיזן איבערצומאַכן אויף אַ האָר זיינע פּרינציפּן, אים נישט געצװוּנגען זיך צו בייגן אָדער „צופּאַסן זיך”, נאָר גראָד פֿאַרקערט: ער האָט אָנגעהאַלטן כּסדר די שטרענגסטע ליניע. דװקא ער, װעלכער טראָגט דאָס בוררות אין בלוט, בירושה פֿון זיין פֿאָטער ר׳ טעװעל, לאַנגיאָריקער דיין אין זייער שטעטל בלענדאָװ, איז ממילא אַ רודף־שלום, אָבער דאָך אַ שונא־פּשרות: ער גיט נישט נאָך כּהוא־זה אויפֿן חשבון פֿון יושר און אָרנטלעכקייט. און זיין רבקהלע איז װי װי דער צװייטער זייל, אויף װעלכן ס׳האַלט זיך דער בנין פֿון זיין אויסגעפּרוּװטער אויסגעהאַלטנקייט.

נישט נאָר צו מיר איז איר צאַרט האַרץ געװען ברייט און אָפֿן. די שבת־צו־נאַכטסן ביי איר טיש האָבן מיר געמאַכט דערמאָנען אין די פֿיינסטע דערינערונגען פֿון מיין קינדהייט ביי מיין מאַמעס און טאַטנס טיש. אירע קינדער זענען נאָך קינדער געװען, שולקינדער, דריי טעכטערלעך, װעלכע האָבן זיך ערשטקלאַסיק געלערנט אין דער הערצל־ביאַליק־שול, װאָס אין איר גרינדונג האָט זייער פֿאָטער אַ שטיק פֿון זיין לעבן אַריינגעבראַכט.

איך האָב בשום אופֿן זיך נישט געפֿילט װי אַ גאַסט אין דער סביבה פֿון אָט דער זעלטענער משפּחה, געניסנדיק פֿון מאַקס פֿרייליכס פֿריינדשאַפֿט און אינטעלעקט, פֿון רבקהלעס הכנסת אורחים און סימפּאַטיע, פֿונעם חן פֿון די דריי מיידלעך: אַליסיאַ, מרים און פּערעלע, און אַרומגערינגלט מיט ליבשאַפֿט פֿון עלטערן און קינדער.

דאָס איז געװען פּשוט אַ מזל, װאָס איך בין אין קאַראַקאַס באַגליקט געװאָרן מיט אַ צופֿעליקער צװייטער היים אויף אַ װיילע. אויך אַנדערע ייִדן געסט פֿלעגט רבקהלע אויפֿנעמען אין איר הויז װאָכן־ און אַפֿילו חדשים־לאַנג, און אַלע אַן אויסנאַם האָבן געגאַנגען פֿון פֿריינדשאַפֿט אַן אַ גרענעץ און זיך געפֿילט װי ביי זיך אין דער היים.

איר גורל איז אויסגעפֿאַלן צו האָבן פֿאַר אַ לעבנסבאַגלייטער אַן איבערגעגעבענעם עסקן, װאָס נאָך איינעם פֿון אַזאַ קאַטעגאָריע איז נישט צו געפֿינען, נישט אין װענעסועלאַ, נישט אפֿשר אין אַ סך אַנדערע ישובים. פֿאַר אַ פֿרוי, אָבער, איז דאָס אפֿשר נישט אַזאַ „מציאה”. זי דאַרף דערפֿאַר באַצאָלן אַ גאָר טייערן פּרייז, מוּתּר זיין אויף געװיסע זאַכן און זיך טיילן

מיטן מאַנס חלק, וואָס איז אין עסקנות נישט אַלע מאָל זיס ווי האָניק... נאָר האָט אויך גרויסע פּאָרציעס ביטערניש, עגמת־נפש, דאגות און פאַר־דראָסן.

רבקהלע האָט אַלע קרבנות אויפגענומען באהבה, מיט ליבשאַפט. זי איז געווען די אידעאַלע חברטע מיט וועלכער איר מאַן האָט זיך געקענט



ד״ר חיים סעגאַל.

טיילן מיט זיינע דערגרייכונגען און אויך שוועריקייטן. און עס קומט איר אַ יישר־כוח, ווייל נאָר אויף אַזאַ אופן האָט מאַקס פריילך געקענט דערגיין צו אַזאַ הויכער מדרגה אין עסקנות.

אָט אַזאַ צדיקת, און דער גורל האָט איר נישט אַלע מאָל צוריק געדינט, ווי איר איז געקומען. ס׳איז איר באַשערט געווען גרויס נחת פון קינדער, אָבער אויך אַזאַ צער גידול בנים פון וועלכן עס בלייבט אויף אייביק נאָר דער צער.

פון דער עלטסטער טאָכטער, אַליסיאַ, האָט זי כּסדרדיקע סאַטיס־פאַקציעס. אַליסיאַ האָט זיך שטאַרק דערהויבן אין איר סביבה מיט איר שרייבערישן טאַלאַנט. פון איין זייט, איר ירושה פון דער היים: עפּעס אַ טאָכטער פון אַ יידישן שרייבער, און פון אַ שטוב מיט דער העכסטער באַציונג צום קינסטלערישן וואָרט. פון דער צווייטער זייט, איר אַקאַדע־מישע בילדונג. ביי יידן און נישט־יידן איז זי אַן אָנערקענטע פּערזענ־לעכקייט. זי געהערט צו אַ דור אויף וועלכן דאָס יידישע לעבן מעג לייגן גרויסע האָפענונגען: דער דור פון די יידישע אינטעלעקטואַלן, וואָס די אוניווערסיטעטן האָבן נישט באַוויזן זיי צו אַנטיידישן. דאָס נעמלעכע צו הערן פון איר מאַן, חיים סעגאַל, פּרייליכס איידעם, אויך אַן אַקאַדעמיקער, אָבער אַ מענטש מיט געזעלשאַפטלעכער אומרויִקייט, אַליין שוין אַן אָנ־געזעענער עסקן, וועלכער גייט פעסט אין שפּאַן, דינט די יידישע אינסטי־טוציעס און אויך מדינת ישראל. דאָ נישט לאַנג האָבן די סעגאַלס גע־פּראַוועט די בר־מצווה פון זייערס אַ זונדעלע. די צייט לויפט, הייסט עס, אָבער — לא אַלמן ישראל!

וואָס שייך זייער טעכטערל מרים, מעג מען אויך זאָגן „גאָט צו דאַנקען". זי איז שוין אַ מוטער פון קינדער, און אין איר איז מגולגל געוואָרן עפּעס פון איר פאָטערס שרייבערישער נייגונג. בעת אַ פּריוואַט־צו־נאַכטס ביי זיי אין שטוב, מיט אַ צוויי יאָר צוריק, האָב איך פאַרפירט כּמעט אַ „געהיימען" שמועס מיט מרימען, און בסוד־סודות... האָט זי מיר פאַרטרויט, אַז זי „זינדיקט" אַ קאַפּיטשקע מיט פּאָעזיע. דעם פאָטערס נטיה, מיט וועלכער ער האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט מיט דער פעדער. דער דאָזיקער אויסדרוק פון פאָטערישער המשכדיקייט האָט מיך שטאַרק דערפרייט.

וואָס שייך פּערעלען, ווייטיקט דאָס האַרץ ווען מען מוז דערמאָנען, אַז די זעלביקע חנוודיקע מיידעלע וואָס איך האָב זי געקענט ווען זי איז נאָך געגאַנגען מיט די ביכער אין האַנט אין דער אָנהייבשול, און כ'האָב זי שפּעטער באַגעגנט שוין אַלס מאַמע פון צוויי קינדער, שיין און ליכטיק, איז שוין אַצינד נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. זי איז אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון קוים 27 יאָר.

אפשר טו איך שלעכט, וואָס כ'האָב דאָ אָנגערירט די נישט־פאַרהיילטע וווּנד פון אירע עלטערן, מיינע ליבע פריינד? איך קען אָבער נישט אַנדערש ווי מאָלן אונדזער לעבן מיט זיינע אייגנטלעכע פאַרבן, און דאָס מיינט וויזן אַלע ליכטיקע אויפטוען מיט וועלכע מענטשן באַשיינען זייער עק־סיסטענץ, און אויך די בלינדע, אַכזריותדיקע, פאַרשניידנדיקע גזירות פונעם גורל.

מאַקס פריייליך און זיין רבקהלע האָבן אין קאַראַקאַס אויפגעשטעלט

אַ יידישע היים און בייגעטראָגן אַ גרויסן חלק אויפצושטעלן אַ יידישן ישוב.ביידע פאַרמעסטן האָבן זיי פאַרשאַפט פיל נחת, ווי אויך שווערע איבער־לעבונגען פון צער און ווייטיק. אין משך פון אַזוי פיל יאָרן האָבן זיי אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע פעיִקייט איבערצוטראָגן די ביטערע מאָמענטן, און זיך נישט לאָזן צוזאַמענברעכן אין זייער מאָראַלישער גאַנצ־קייט. זאָל דער דאָזיקער גייסטיקער כּוח אויך איצט זיי דינען, און זיי העלפן אויף ווייטער צו געפינען און געניסן פון אַלע פּאָזיטיווע פאַקטאָרן אין זייער סביבה, וואָס זיי האָבן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און מענטשלעכ־קייט אַליין אויפגעכאָוועט און געפורעמט.

אלי אַבאַדי

אין די אַמאָליקע בראשית־יאָרן, ווען מיר האָבן נאָר וואָס געשטעלט די ערשטע טריט אויף דעם נייעם באָדן פון לאַטיין־אַמעריקע, איז אונדזער

אלי (עליע) אַבאַדי

קאָנטאַקט מיט אונדזערע אָריענטאַלישע ברידער, די ספרדישע יידן, געווען גאָר אַ קנאַפּער. מיר האָבן זיך אײַנע פון די אַנדערע געהאַלטן ווייט, ממש ווי פרעמדע, גלייך ווי מיר וואָלטן זיך נישט אָנגעקערט קינדער פון דעם

זעלביקן שטאָם. די גאַנצע באַציונג צווישן אונדז איז נאָר באַשטאַנען אינעם מסחרן צווישן זיך.

מיטן לויף פון די יאָרן, האָט זיך אָבער יענע בפירוש נעגאַטיווע שטעלונג זייער געביטן. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַז מה שלא יעשה השכל יעשה הזמן — וואָס דער שכל טוט נישט אויף, טוט אויף די צייט אַליין. אַשכּנזים און ספרדים האָבן ביסלעכווייז גענומען זיך באַקענען און דער־נעענטערן קעגנזייטיק ,און מען האָט איינגעזען אַז די מחיצה צווישן ביידע גרופּעס איז אַ קינסטלעכע. היינט איז שוין יענע גרענעץ פּאַקטיש פאַרווישט געוואָרן אין אַלע אונדזערע ישובים. יידן פון אַלע אָפּשטאַמען לייגן צו סאָלידאַריש זייערע הענט צום אויפבוי און אויפהאַלט פון אַלץ וואָס דאַרף דינען אונדזערע נאַציאָנאַלע אינטערעסן, און אויך אין פּריוואַטן לעבן זענען די חתונות צווישן יונגע מענער און פרויען פון פאַרשיידענע עדות געוואָרן אַזאַ טאָג־טעגלעכער גאַנג, אַז מען האָט אַפילו אויפגעהערט זיך צו חידושן איבער זיי.

דער מענטש פון וועמען איך וויל איבערגעבן אַ פּאָרטרעט אין די דאָזיקע שורות איז טאַקע אַ ספרדישער ייד, אַן איינגעגלידערטער בלב ונפש, פּריוואַט און געזעלשאַפטלעך, אין דעם יידישן כּלל־לעבן, ווו אַשכּנז און ספרד שאַפן היינט אַ פּרוכטיקן סינטעז. אלי אַבאַדי איז אַ זון פון ספרדישע עלטערן, געבוירענע אין ארץ־ישראל, וועלכע האָבן מיט 45 יאָר צוריק זיך באַזעצט אין דער צווייטער גרעסטער שטאָט פון ווענעסועלאַ: מאַראַקאַיבאַ. דאָרט האָט די יחוסדיקע משפּחה פונאַנדערגעבויט אַ היפּשן קאָמערציעלן עסק.

אלי אַבאַדי אַליין איז אַן אינזשעניער, ספּעציאַליזירט אויפן געביט פון בויען בריקן. זינט ער האָט באַקומען זיין דיפּלאָם אין קאַראַקאַסער אוניווערסיטעט, איז ער גלייך איינגעגלידערט געוואָרן אינעם פּלאַן פון די מלוכה־בויונגען, און אויף אָט דעם אַמט טוט ער זיין שליחות שוין 15 יאָר.

מיט אַבאַדין האָב איך זיך באַקענט, ראשית־כּל, ווייל ער איז דער מאַן פון מרים פריילין־אַבאַדי, דאָס הייסט, אַן איידעם פון מיין טייערן פריינד און אָנגעזעענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, מאַקס פריילין. ס׳פאַר־שטייט זיך אַליין, אַז מאַקס פריילינס אַן איידעם קען נישט זיין קיין גלייכ־גילטיקער צו יידישע און אַלגעמיין געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. אַזאַ מענטש וואָלט זיך נישט אַריינגעפּאַסט אין אַ משפּחה וואָס איז זינט דורות אַריינגעטאָן מיטן גאַנצן האַרצן אין ציבורדיקער טעטיקייט. איז טאַקע אלי אַבאַדי פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון דער העבראַיקאַ, און אין אַלגע־מיינעם לעבן פאַרנעמט ער אַ בכּבודיקע און זייער רעספּעקטירטע פּאָזיציע אין דער ראָטאַריער־אָרגאַניזאַציע.

אלי און מרים האָבן צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגעלע און אַ מיידעלע, און זייער היים איז אַ מוסטער פון אַ ייִדישער שטוב צווישן די נייע דורות. איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן זיך מיט זיי אַלע צו באַקענען אויף אַ פאַמיליע־שמחה. דאָרט האָב איך זיך דערוווּסט נאָך פּרטים און פּלענער פון זייער לעבן. למשל, אַז אלי איז באַערט געוואָרן דורך דער וועניעסועלער רעגירונג מיטן כּבוד־אָפּצייכן א״נ „פראַנסיסקאָ דע מיראַנדאַ״, אָדער אַז מרים, נישט געקוקט וואָס זי איז שוין אַ מאַמע, האָט נאָך אומרו און כּוח צו שטודירן. זי רעכנט איצט צו זוכן אַ תּיקון פאַר איר שרייבערישן טאַלאַנט (כ׳האָב שוין ערגעץ דערמאָנט אַז זי שרייבט לידער), און וויל זיך פאַרפולקומען אויף זשורנאַליזם, דער געביט אויף וועלכן איר שוועסטער אַליסיאַ האָט דערגרייכט אַ גרויסן דערפאָלג און אַ פאַרדינטן שם איבערן גאַנצן לאַנד.

פאַר די אַבאַדיס, פונקט ווי פאַר די פרייליכס — מיין וואַרעמסטער הצלחה־וווּנטש אין אַלץ וואָס זיי, זייערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן אונטערנעמען.

מרים און דוד ווייס — אַ יחוסדיקע משפּחה פון קאַראַקאַס

איך וויל נישט — און קען זיך נישט גלייכן — צו יענע קינסטלערס, פון דער ליטעראַטור פונקט ווי פון מאַלעריי אָדער מוזיק, וואָס איידער זיי ברענגען אַרויס אַ טעמע אין אַ פולער שאַפונג, וואַרפן זיי אָן די הויפּט־שטריכן פון דעם ענין אין דער פאָרעם פון אַ סקיצע, פון אַ פּרעלודיע, און נאָך דעם ברייטערן זיי אויס און פאַרפולקומען די קאָמפּאָזיציע. דאָך, האָב איך מיר צוגעאייגנט זייער שיטה אין מיין אויפגאַבע פון באַשרייבן מענטשן. אַזוי אַרום, טרעפט אַז כ׳גיי צוריק איצטער צו אַ געשטאַלט וועגן וועלכער ס׳איז שוין געקומען צו רייד אין פריִערדיקע ביכער מיינע, אָדער קאַפּיטער — אַז אַ פיגור ווערט אין איצטיקן בוך קוים אָנגעצייכנט אין ברייטע שטריכן, און דאַרף וואַרטן אויף ווייטער, אַז איך (אָדער אַ צווייטער) זאָל דערפירן דאָס בילד צו זיין ריכטיקן תּיקון.

אָט, למשל, מרים טכאָרניצקי־ווייס. אין מיינע ערשטע צוויי ביכער, „אַ ייד אין קאָלאָמביע" (יידיש) און „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד" (שפּאַניש), ווערט מרים ווייס דערמאָנט. איך האָב דעמאָלט די דאָזיקע געלערנטע און אָנגעלייענטע דאַמע, וועמען כ׳האָב געזען אָנהייבן שטעלן אירע ערשטע טריט ווי אַ דערציִערין אינעם יידישן ישוב פון מעקסיקע, אַריינגענומען צווישן די העלדן פון מיינע ביכער נאָר אויפן סמך פון אונדזער קעגנזייטיקן קענען זיך. כ׳האָב איר דעמאָלט נישט געפרעגט קיין וואָרט וועגן איר ביאָגראַפיע, נאָר איך האָב געשריבן וועגן מיינע איינדרוקן, און מיטן געפיל אַז אַזאַ אייגנאַרטיקע פיגור טאָר נישט פעלן אין אַ בוך וואָס איז פון מיר געשריבן. פאַרשטייט זיך שוין ממילא אַז דורך, איר לעבנס־באַגלייטער, האָב איך דאַן נישט געקענט באַשרייבן, מחמת איך האָב אים כּמעט ווי נישט געקענט, און יעדער אויסדרוק וועגן אים וואָלט געמוזט זיין געקינצלט און אַרטיפיציעל.

איצט, בשעת איך גרייט שוין צום דרוק אַ ניי בוך ווערט מיר געשענקט די געלעגנהייט מתקן צו זיין יענע בלויזן און צו דערפירן צו אַ שלימות דאָס דעמאָלט קוים אָנגעצייכנטע בילד.

לאָמיר אָנהייבן דזשענטלמעניש, און אָפּטרעטן דאָס ערשטע פּלאַץ



אַ קלאַס שילער פון דער הערצל־ביאַליק שול — מזל ברכהדיקער המשך

דער דאַמע, מרים ווייס. דאָס מאָל וועל איך שוין נישט רעדן וועגן איר „ווי פון אַרבל אַרויס״, נאָר אויפן סמך פון אירע פּערזענלעכע דערקלע־רונגען, וואָס אַגב איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג זיי אַרויסצובאַקומען ביי איר. כ׳מיין אַז נאָר אונדזער אַלטע פריינדשאַפט האָט באַוויזן גובר צו זיין מרימס נאַטירלעך עניוות און צוריקגעהאַלטנקייט, און נאָר דערפאַר האָט זי זיך מיט מיר אַוועקגעזעצט אין אַ סאַליע פון איר לוקסוסדיק הויז און באַוויליקט צו ענטפערן אויף מיינע פראַגעס — נישט אויף אַלע — אין דער דאַזיקער געשמאַקפולער סביבה פון קונסטבילדער און אַנטיקן, יידישע ווי אויך נישט־יידישע, וואָס שטעלן צוזאַמען איר און איר מאַנס פיין צוגעקליבענע, זעלטענע קאָלעקציע.

דאָס שטעטל אין וועלכן מרים טכאָרניצקי האָט צום ערשטן מאָל דערזען די שיין, האָט געהייסן אָסטריק, צווישן גראָדנע און ווילנע. דאָרט האָבן געוווינט אַ פופצן הונדערט נפשות. דער פאָטער האָט געהייסן יחזקאל־דוד. די מאַמע, ביילישקע (ביילע), האָט געהאַט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין פעטערבורג אַלס פאַרמאַצעווטין. דער פאָטער איז געווען אַ יודע־ספר און אַ ייד אַ חכם; פון דער מאַמעס פּראָפעסיע, ווידער, האָט זיך די משפחה מפרנס געווען: דאָס אַפּטייק פון שטעטל איז געווען זייערס.

די פאַמיליע האָט געהאַט זיבן קינדער. איינער פון זיי, יוסף טכאָרניצקי, איז אויסגעוואַקסן אַ ציוניסטישער טוער און אַ פלאַם־פייערדיקער רעדנער. אַגב, האָבן מיר אים געהאַט צו גאַסט אין באָגאָטאַ אַרום 1946, אין שליחות פון קרן־היסוד, און ער האָט דאַן געוואונען די הערצער פון אַ פולן סאַלאָן יידן מיט זיין רעדנערישן טאַלאַנט און געוואַלדיקן פּאַטאָס. ער וווינט אין ישראל זינט 1937.

אויף דער אַמעריקאַנער ערד האָט דער גורל געבערענגט מרימען אין 1936, אינעם לאַנד און אין דער שטאָט מעקסיקע. זי האָט אַהין מיטגעברענגט איר וויסן וואָס זי האָט דערוואָרבן אין אַ באַרימטן העברעישן ווילנער לערער־סעמינאַר. זי האָט אין מעקסיקע אָנגעהויבן אַרבעטן אין קינדער־גאָרטן. דער באַרימטער פּעדאַגאָג, בערגער, וועלכער האָט זיין לעבן אָפּ־געגעבן פאַר דער יידישער דערציִונג און דעם יידישן שולוועזן אין מעקסיקע, איז געווען דעמאָלט מרימס שול־דירעקטאָר. אַגב, איך האָב געהאַט די זכיה זיך צו באַקענען מיט בערגערן אין אַפּריל 1977, בעת כ׳בין בייגעווען אין מעקסיקע אויפן חנוכת־הבית פון אַ יידיש־יידישן קינדער־גאָרטן פאַר 400 קינדער, אַ מתנה פון דעם באַוווּסטן פילאַנטראָפּ ה׳ ווישניאַק. אָבער די אויפגאַבע פון אַרויסהייבן די דאָזיקע צוויי אויסערגעוויינטלעכע גע־שטאַלטן — בערגער און ווישניאַק — געהערט צום מעקסיקאַנער יידישן

היסטאָריקער. איך בין דאָ אויסן בלויז נאָכצופאָלגן דעם לעבנסוועג פון מיין ביאָגראַפירטער, מרים טכאָרניצקי־ווייס.

אין 1943 האָט מרים געענדיקט די לימודים פון געשיכטע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין מעקסיקאַנער אוניווערסיטעט. פון קינדער־גאָרטן איז זי אַריבער אין דער מיטלשול, און גאַנצע 14 יאָר צייט האָט זי געדינט מיט איר וויסן דער דערציִונג פון די מעקסיקאַנער יידישע קינדער.

אין יאָר 1949 קומט־פאָר אין מרימס לעבן אַ נייע ענדערונג. זי פאָרט־אַריבער קיין קאַראַקאַס, וועגעסועלאַ, און דאָ הייבט זיך אָן פאַר איר אַ ניי לעבן, שוין נישט ווי אַ לערערקע, נאָר ווי אַ באַלעבאָסטע, וואָס איר הויז ווערט גיך באַרימט אין שטאָט ווי אַ בית־עם, אַן אויסשטראַלונג־צענטער פון גייסט און קולטור. נישטאָ קיין גאַסט, מעג דאָס זיין אַ פּערזענלעכקייט פון דער שרייבערישער וועלט צי אַ קולטור־שליח אויף אַן אַנדערן תחום, וואָס זאָל נישט זיין דער אורח פונעם פּאָרפאָלק ווייס. אין זייער הויז זענען פאָרגעקומען די שענסטע און גייסטיק־דערהויבנסטע מסיבות. מער ווי איין מאָל האָב איך גופא הנאה געהאַט פון די דאָזיקע פריידיקע, רוחניותדיקע צוזאַמענקומען, אין אַ הויז וואָס איז טאַקע געווען רייך און מלכותדיק, אָבער האָט געמאַכט נאָך אַ שטאַרקערן רושם מיט דעם קולטורעלן גייסט און דער יידישלעכער שטימונג וואָס די באַלעבאַטים האָבן אין דעם אַריינגעהויכט.

קיין סך באַזונדערע פּרטים פון איר פּריוואַטער ביאָגראַפיע וויל מיר מרים ווייס נישט דערציילן. ווי איך האָב שוין פריִער אונטערגעשטראָכן, איז עס צוליב איר גרויסער באַשיידנקייט און גרויסער פּעדאַגאָגישער דערפאַרונג. דעריבער טאַקע רעספּעקטיר איך גערן איר ווילן און איר באַשלוס ווען זי ווייכט פון די פּערזענלעכע מאָמענטן און דערציילט ליבערשט וועגן אירע תלמידים און זייער לעבן. דאָס איז דער טיפּישער אופן, ווי עס רעאַגירט אַ טיף־באַשיידענער מענטש און אַן עכטער דער־ציִער. נישט אומזיסט האָבן אונדזערע חכמים זיך אַרויסגעזאָגט, אַז ווער עס לערנט אַ מענטשן תורה איז מער ווי דער אייגענער טאַטע, וואָס האָט אים געגעבן דאָס לעבן. טאַקע דערפאַר, פילט דער אמתער לערער אַז זיינע תלמידים זענען פאַר אים ווי אייגענע קינדער, דאָס הייסט, אַז זיי שטייען פריִער און העכער ווי זיין אייגענע פּערזאָן. אַז עס קומט צו די תלמידים, ווערט מרים אין גאַנצן פאַרוואַנדלט אין באַרעדעוודיקייט. מיט התלהבות דערמאָנט זי אירע געוועזענע תלמידים, וועלכע זענען אין גאַנג פון זייער לעבן צו עפּעס דערגאַנגען, אפשר — דאָס גיב איך שוין אַליין צו — אויך אַ דאַנק דער דערציִונג וואָס מרים האָט אין זיי אַריינגעהויכט. דאָ ווערט איר האַרץ ברייט, און עס עפענען זיך אירע

קוואַלן פון ווערטער. אַט, למשל, דערציילט זי מיר, אַז עס לעבן איצט אין מדינת ישראל אַ פופציק פון אירע געוועזענע שילערס פון מעקסיקע. אַ סך פון זיי פאַרנעמען אָנגעזעענע פּאָזיציעס אויף פאַרשיידענע געביטן. איינער פון זיי איז געווען ישראלדיקער אַמבאַסאַדאָר אין דענעמאַרק און שפּעטער אין מעקסיקע. נאָך אַן עקס־שילער, אליעזר ראָזענפעלד, איז געווען חבר־הכּנסת. מיט באַזונדערער פּיעטעט רעדט מרים וועגן נאָך אַ שילערין, אסתּר סולאַי־לוי, וועלכע האָט אין 1977 איבערגעזעצט פון העברעיש אויף שפּאַניש אַ בוך פּאָעזיע פון דער ישראלדיקער דיכטערין מרים ילן־שטקליס, וואָס הייסט אין אָריגינאַל „גשר של ניר", און אין דער שפּאַנישער ווערסיע איז דאָס „על פּוענטע דע פּאַפּעל" — די פּאַפּירענע בריק...

מרימס ליבשאַפט צו די תּלמידים אירע קען מען נאָר פאַרגלייכן צו איר צווייטער גרויסער ליידנשאַפט: ביכער. די ביבליאָטעק וואָס זי און דוד האָבן צוזאַמענגעקליבן איז אַן אויסערגעוויינטלעך רייכע און אינטערע־סאַנטע. היינט קען מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי גרויס ס'איז זייער ליבע פאַר מדינת ישראל, אַז זיי האָבן באַשלאָסן אַ היפּשן טייל פון דעם דאָזיקן ביבליאָגראַפישן אוצר אַוועקצושיקן במתּנה פאַר דער ביבליאָטעק פון ירושלימער אוניווערסיטעט. דווקא בעת מיין באַזוך אין זייער רחבותדיקער שטוב האָב איך באַמערקט, אין אַ זייטיק צימער, אַן אַ שיעור קאַרטאָנענע שאַכטלעך אָנגעפּאַקטע מיט ביכער, און אויף יעדן איינעם אויסגערעכנט וואָסערע ביכער ס'ליגן דרינען. דאָס האָט אַרויסגערופן מיין נייגעריקייט און דעמאָלט האָט מיר מרים אויפגעקלערט דאָס וואָס איך האָב פריִער איבערגעגעבן.

מיט איר גאַנצער שפּאָרעוודיקייט אין רעדן מיט מיר, האָט מרים טכאָרניצקי־ווייס פאָרט געגעבן אַן אומגעהייער וויכטיקן בייטראָג פאַר מיין בוך: זי האָט מיר געגעבן די אָנערקענונג פון אַ מענטשן ביי וועמען ביכער זענען פאַרהייליקט, און האָט דערפאַר גינציק אָפּגעשאַצט מיין שליחות; זי האָט מיר געגעבן דאָס וואָרט פון אַ דערציִערין בלב־ונפש וואָס לעבט און פרייט זיך מיט די דערגרייכונגען פון אירע תּלמידים, און זי האָט מיר געגעבן דאָס הערלעכע בילד פון אַ הונדערט־פּראָצענטיקן יידישן קולטורמענטש אין זיין באַהעפטונג מיט דער סביבה, מיט דער יידישער וועלט און מיט מדינת ישראל.

דוד ווייס

איך ווייס פאָרויס, אַז אַפילו היינט קען איך וועגן דוד ווייסן נישט דערציילן מער ווי אַ שמץ פון זיין רייכער לעבנס־געשיכטע. מיין פעדער איז גאָר נישט בכּוח צו באַשרייבן די געשיכטע פון זיין קינדהייט און פון זיין איבערלעבן דעם לעצטן חורבן אין טשעכיע. דאָך, וועל איך אין קורצע שטריכן פּרוּוון אויספירן די שווערע, אָבער אָנגענעמע אויפגאַבע פון צייכענען זיין פּראָפיל.

קודם־כל דאַרף געזאָגט ווערן אַז ער איז געבוירן געוואָרן אין דער באַרימטער טשעכישער שטאָט מונקאַטש, וועלכע האָט הויך אָפּגעקלונגען איבער דער יידישער וועלט צוליב אירע גרויסע רבנים, רביים און ישיבות. ווייס אַליין שטאַמט פון רבנישן יחוס: זיין עלטער־זיידע פון דער באַבעס צד איז געווען אַב־בית־דין פון מונקאַטש. דוד האָט געלערנט אין אַ רוסישער אָנהייבשול, אין אַ העברעיִשער גימנאַזיע, און נאָך אַריינגעכאַפּט אַ פּאָר יאָר ישיבה אויך. אין דער העברעישער גימנאַזיע איז דער דירעקטאָר געווען אַ פּערזענלעכקייט: קוגעל, דעפּוטאַט אין טשעכישן פּאַרלאַמענט אין דער גאָלדענער מאַסאַריק־בענעש־תּקופה אין טשעכיע, וואָס איז נאָכן חורבן עולה געווען און געוואָרן אינטענדענט פון חולון אין מדינת ישראל.

וועגן דעם פּאָטער פון דוד ווייסן פאַרמאָגן מיר ליידער ווינציק אינפאָרמאַציע, ווייל ער איז געשטאָרבן ווען זיין זון איז אַלט געווען נישט מער ווי זעקס יאָר. אין 31סטן יאָר איז די משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין בעלגיע, און האָט דאָרט געוווינט ביז 1941. אין 1940, נאָכן אויסברוך פון דער מלחמה, האָט דוד זיך פרייוויליק אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי, אין בעלגיע. דאָס ווייטערדיקע יאָר וואָס ער איז נאָך געבליבן אינעם נאַציש־אָקופּירטן בעלגיע האָט ער זיך באַטייליקט אין דער אונטערערדישער אַנטי־נאַצי באַוועגונג.

אין 1941 איז ווייסן געראָטן זיך אַריבערצוכאַפּן קיין שפּאַניע און פון דאָרטן קיין קובאַ. אוודאי שרייבט זיך עס אַ סך לייכטער ווי עס האָט זיך געטאָן: דאָס אָנקומען צו ערשט קיין שפּאַניע און נאָך דעם קיין קובאַ איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ ביטערן געראַנגל,ליידן און טרערן. אין דעם פאַל אָבער האָט דער גורל געוואָלט שאַנעווען דאָס לעבן פון דוד ווייסן, און פון דעם איז צום סוף אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובה פאַר אונדז אַלעמען, און פאַרן ווענעסועלער יידנטום בפרט.

עס פעלט נאָך איבערגעבן ווי אַרום ווייס איז געקומען פון קובאַ ביז ווענעסועלאַ. דעם דאָזיקן שריט דאַרף מען צושרייבן צום זכות פון ר׳ אלי יאַנאָווסקי, אַ ייד וועגן וועלכן עס פאָדערט זיך צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער. ר׳ אלי יאַנאָווסקי איז געווען אַ ייד אַ שומר־מצוות, דעם פּראָגער מורה־הוראָהס זון, וועלכער האָט געשפּילט אַ פּיאָנערישע ראָלע אין עטלעכע צענטראַל־אַמעריקאַנער ישובים. תחילת איז ער אָנגעקומען אין קאָלאָמביע, אין 29סטן יאָר, און האָט זיך באַלד דערוואָרבן דעם דרך־הארץ פון דעם דעמאָלטיקן יידישן עולם אין באָגאָטאַ. אַ שטיקל צייט זענען מיר אַפילו געווען שותפים אין דעם זעלביקן „קלאַפּעריי״־פּאַך... אָבער ר׳ אלי האָט ווייזט־אויס געהאַלטן פון דעם פּסוק משנה מקום... איז ער נאָך אַ קורצער צייט אַריבערגעפאָרן אין קאַראַקאַס, ווענעסועלאַ, ווו ער האָט גיך און שטאַרק מצליח געווען עקאָנאָמיש. אַז אָט דער ר׳ אלי האָט אין קובאַ באַמערקט דעם פריינד ווייס, האָט ער ביי אים נושא־חן געווען, סיי איבער זיין אינטעליגענץ, איבער זיין תורה, סיי איבער זיינע סוחרישע פעיִקייטן, און ער האָט אים פאַרגעשלאָגן צו קומען קיין ווענעסועלאַ און ווערן זיין שותף. מיט יאָרן שפּעטער איז ר׳ אלי יאַנאָווסקי אַריבערגעפאָרן אין קאַנאַדע, ווו ס׳האָט אים געצויגן דאָס אָרטיקע געדיכטע רעליגיעז־יידישע לעבן. דערווייל אָבער האָט פריינד ווייס שוין געהאַט באַפעסטיקט אַ פּאָ־זיציע אין זיין אייגענעם זכות, וואָס איז אין די ווייטערדיקע יאָרן כסדר געוואַקסן און שטאַרקער געוואָרן.

ס׳איז נישט אונדזער טבע זיך צו צעזינגען וועגן קיינעמס עקאָנאָמישע גדולה; ווען מיר נאָר באַמערקן אַז ס׳איז צו באַוווּנדערן נישט נאָר דעם ראַשיקן געשעפטלעכן אויפשטייג וואָס דוד ווייס האָט דורכגעמאַכט, נאָר בעיקר די מענטשלעכע פיינקייט מיט וועלכער ער פירט זיין גאָר געהויי־בענעם עקאָנאָמישן שטאַט: די העפלעכקייט מיט וועלכער ער נעמט אויף איטלעכן וואָס קומט־אַריין אין יעדערער פון זיינע עטלעכע ביוראָען, דעם געשמאַק מיט וועלכן ער האָט צוגעקליבן טייערע קונסטבילדער, נישט נאָר אין זיין פּריוואַטער וווינונג, נאָר טאַקע אין זיינע אַרבעטס־פּלעצער. און ביי זיין גאַנצער פאַרהאָוועטקייט איז ער אַקטיוו באַטייליקט אין יידישע

ענינים, בעיקר אין ישראל־ענינים. ביים אָנהייב האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט נישט נאָר ווי אַ „געבער", נאָר אויך ווי אַ „גייער". די לעצטע יאָרן אָבער בלויז ווי אַ גוטער געבער, ווייל די פאַרצווייגטע ביזנעס דערלויבן אים פאָרט נישט זיך צו פיל אָפּצוגעבן מיט קהלשע זאַכן. בכל אופן, טוט ער אויף פאַר ישראל, אויף פאַרשיידענע אופנים וואָס ס'איז נישט שייך דאָ אויסצורעכענען, אָבער אויף זייער אַ ווירקעוודיקן שטייגער, און וואָס די יידישע מדינה שאַצט אָפּ זייער און זייער.

דאָס פּאָרפּאָלק דוד ווייס און מרים טכאָרניצקי האָט געבראַכט אויף דער וועלט אַ זון און צוויי טעכטער, אַלע אויסגעגעבענע און זיי האָבן דערווייל צוויי אייניקלעך. דער זון, אַ גראַדויִרטער אין טכניון אַלס אינ־זשעניער־מעכאַניקער, לעבט אין קאַראַקאַס. די טעכטער האָבן זיך באַזעצט אין ישראל.

דוד ווייס, דער אַמאָליקער פּרייהייטס־קעמפער און שפּעטערדיקער גרויס־אונטערנעמער, האָט פאַרדינט די גרעסטע אָנערקענונג און אָפּשאַ־צונג, סיי מצד יידן, סיי מצד נישט־יידן. זיין נאָמען ווערט אויסגערעכנט אין אַ ביבליאָגראַפישער רשימה וואָס איז דערשינען אין תל־אביב, אין וועלכער מען דערמאָנט אים צווישן די מענטשן מיט פאַרדינסטן פאַר דער פרייער וועלט. די דאָזיקע רשימה איז אויך איבערגעזעצט אויף ענגליש, שפּאַניש, פראַנצייזיש, פּאָרטוגעזיש און פּויליש, און אין איר ווערט אויך דערמאָנט דרך־אַגב פריינד ווייס' קינסטלערישער געשמאַק. פון דער נישט־יידישער זייט, ווידער, איז כדאַי צו דערמאָנען אַז דוד ווייס איז געווען דער ערשטער ייד (נאָך דעם זענען צוגעקומען נאָך עטלעכע) וועמען די רעגירונג פון ווענעסועלאַ האָט אויסגעצייכנט מיטן אָרדן פון דעם גרויסן אַמעריקאַנער פרייהייטס־קעמפער פראַנסיסקאָ דע מיראַנדאָ, פאַר זיינע גרויסע בייטראַגן פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון לאַנד.

אָט די זענען, זייער בקיצור, די הויפּטשטריכן פונעם פּאָרטרעט פון דוד ווייס, דער ייד פון דער שארית־הפליטה, וואָס איז מיט גרויסע ניסים ניצול געוואָרן פון חורבן, און האָט באַוויזן אויפצושטעלן אויף אַמעריקאַנער ערד אַ געבענטשטע יידישע היים און אַ קוואַל פון שפע פאַר זיין סביבה, ווי פאַרן יידישן לעבן און פאַר מדינת ישראל.

די טשעסטאָכאָווסקיס — פאָטער און זון

אָט פליִען צוריק די געדאַנקען אַ שפּאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר, ווען דער גורל האָט מיך געפירט צו באַזוכן קאַראַקאַס, ווענעסועלע, וואָס איז דעמאָלט פאַר מיר געווען אַ נייע, ראַשיקע וועלט. אַ יידישע

מינעל
טשעסטאָכאָווסקי

וואַלטער
טשעסטאָכאָווסקי

וועלט, וועלכע האָט אָנגעפילט אירע רייען מיט אַ סך יידן פון דער שארית הפליטה. דאָס יידישע לעבן האָט זיך שוין דעמאָלט קאָנצענטרירט אין דער געגנט סאַן־בערנאַרדינאָ, אינעם באַרגיקן טייל פון שטאָט. דאָרט האָבן אַחינו בני־ישראל שוין געהאַט באַוויזן אויפצובויען נישט נאָר זייערע היימען, נאָר אויך שילן, שולן און סאָציאַלע קלובן. אין יענעם לעבעדיקן יידישן וועלטל האָט מיך אַריינגעפירט מיין פריינד מאַקס פרייליך; ער האָט מיר געעפנט דעם וועג צו נייע פריינד אין קאַראַקאַס. און כאָטש עס איז שוין אָפּגעלאָפן כמעט אַ פערטל יאָרהונדערט זינט דעם דערמאָנטן באַזוך, איז קאַראַקאַס מיר געבליבן איינגעבאַקן אין האַרצן, אויף אַזאַ אופן, אַז איך וויל נישט איבערהיפּערן יענע זיסע דערמאָנונגען, ווען איך קלייב זיך אַרויסצוגעבן נאָך אַ ניי בוך אויף יידיש.

אָוודאי וועט גערעכט זיין די טענה, אַז אַזאַ לאַנג פאַרגאַנגענע גאַסט־שאַפט מאַכט מיך נאָך נישט פאַר קיין בר־סמכא צו שרייבן וועגן גאַנץ קאַראַקאַס. זאַכן האָבן זיך דורך דער צייט געביטן; אַפילו פונעם געדיכטן

יידישן סאַן־בערנאַרדינאָ האָבן זיך אַ סך משפחות אַרויסגעצויגן, בעיקר די נייע דורות, און האָבן אויפגעבויט זייערע היימען אין די נייע לוקסוס קוואַרטאַלן. אָבער פיל זאַכן זענען געבליבן, טאַקע און ווידער סאַן־בער־נאַרדינאָ איז נאָך אַלץ דאָס יידישע האַרץ פון דער שטאָט; אָט הערן מיר אַז די אינסטיטוציע, וואָס הייסט קולטור־ווינקל שלום־עליכם האָט אָקערשט דאָרט אויפגעבויט אַן אייגן הויז אָנשטאָט דעם וואָס זיי האָבן ביז איצט געדונגען. דאָס הייסט, אַז יידן האָבן דעם אומרו און קאַרגן נישט קיין מי כדי זייער יידיש לעבן אין דער וועַנעַסועלער הויפּטשטאָט זאָל זיין אַ ישיבת קבע, אַ באַשטענדיק לעבן. און וועגן אָט דעם לעבן — ריכטיקער, וועגן אייניקע פון זיינע בויערס — האָב איך אויך וואָס צו דערציילן. אַ חוץ דעם: דער העלד פון איצטיקן קאַפּיטל, פריינד מיגעל טשעסטאַכאָווסקי, איז שוין — עד מאָה ועשרים — נישט גאָר יונג, און דער שרייבער פון די שורות אַליין איז נישט קיין סך יינגער פאַר אים. אָפּלייגן אויף שפּעטער? שטותים. מיר מעגן יאָ זאָגן מיט פולער רעכט: אם לא עכשיו, אימתי? אויב נישט איצט, איז ווען?

דאָן מיגעל טשעסטאָכאָווסקי האָט דעמאָלט געהאַלטן אין מיטן פון זיינע פופציקער יאָרן. מיר האָט נישט געפעלט קיין סך זיי צו דערגרייכן. און מיר האָבן תיכף איינער ביים אַנדערן נושא חן געווען. דערווייל בין איך געוואָר געוואָרן אַז ער פאַרמאָגט יחוס אין זיין משפּחה: מיר, די פון אַלטן דור, ווייסן גוט ווער ס׳איז דער בונדיסט ברוך שעפּנער, טשעסטאָ־כאָווסקיס אַ שוועסטערקינד. אָבער נישט דאָס האָט געשאַפן די פאַרבינדונג צווישן אונדז. קודם כל, איז מען דעמאָלט גלייך צוגעטראָטן צו אַ קולטור־אונטערנעמונג: מען האָט געגרינדעט דעם חודש־זשורנאַל „אונדזער גע־דאַנק״; דאָס האָט אונדז במילא צונויפגעפירט. איך האָב אין טשעסטאָ־כאָווסקין געזען אַן אמתן קולטורמענטש ווי פון דער אַלטער היים. עס ליגן מיר נאָך אין טעם די היימישע פרייטיק־צו־נאַכטסן צו וועלכע ער האָט מיך פאַרבעטן, וואָס האָבן מיך דערמאָנט אין יענע שבתדיקע טישן פון אונדזערע קינדער־יאָרן, די טישן וואָס אונדזערע מאַמעס, די נשים צדקניות, האָבן מיט אַזוי פיל פלייס און ליבשאַפט און מלא־טעמים געגרייט. פרוי טשעסטאָכאָווסקי האָט איר טיש באַשיינט און באַחנט פונקט ווי זי פלעגט עס אַ מאָל טאָן אין דער אַלטער היים. און ער אַליין, מיגעל, האָט בייגעטראָגן צו דער שבתדיקער דערהויבנקייט זיין גייסטיקייט און קולטור.

אַ ייד אַן אָנגעלערנטער און אָנגעלייענטער, אָנגעזאַפּט מיט תורה און מיט בילדונג, און בכלל מיט די שענסטע מידות. צווישן זיינע טרוימען איז אויך געווען זיך צו באַזעצן אין ישראל און ער איז טאַקע אַהינגעפאָרן; אָבער עס רעדט זיך לייכטער ווי ס׳טוט זיך. דערווייל האָט דאָס פאָרן

גורם געווען אַ שטיקל ערד־ציטערניש אין זיין שוואַכן עקאָנאָמישן מצב, וועלכער איז געוואָרן נאָך שוואַכער. דאָך זיך צו עפּעס „דערדראַפּעט”. אָבער ביי אַלע שוועריקייטן קיין מאָל זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון יידישער קולטור־טעטיקייט. אין דער קאַראַקאַסער שול־באַוועגונג פיגורירט זיין נאָמען צווישן די סאַמע ערשטע. און אין וועלכער נייער אינסטיטוציע איז טשעסטאָכאָווסקי דען נישט געשטאַנען אויפן סאַמע פראָנט? צוזאַמען מיט מאַקס פרייליכן און אפשר מיט נאָך וועמען, איז ער עס געווען דער פאַנענטרעגער פון דער שטרעבונג, אַז מען זאָל אין דער שול פון קאַראַקאַס לערנען יידיש. ווי גרויסע עקשנים און פּאַטריאָטן, האָבן זיי קיינעם נישט געוואָלט גלייבן אויפן וואָרט, און מען האָט דעם תּנאַי געמוזט אַריינשרייבן אין די פּראָטאָקאָלן. וואָס די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן געבראַכט אויף דעם געביט, איז אַ באַזונדער קאַפּיטל. עס האָבן נישט גערוט די בייזע כּוחות קעגן מאַמע־לשון, קעגן דעם לשון וואָס איז פאַר טויזנטער יידן איבער דער וועלט דאָס אמתע לשון־קודש. נישט חלילה מינדערשאַצנדיק העברעיש. אָבער אַ פאַקט איז, אַז דער סופּער־העברעיזם האָט אין קאַראַקאַס און אין פיל אַנדערע ערטער אַרויסגעשטופּט יידיש, אָבער צי דאָס איז געווען אַ טובה פאַר העברעיש אָדער פאַר די נייע דורות — בלייבט אַ קשיא. אונדז דאַכט זיך אַז קאַפּויער. און נישט נאָר אונדז. גרויסע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער וועלט, בראש טאַקע מיט די וויכטיקסטע פיגורן פון ישראל, האָבן שוין לאַנג אויפגעמאַכט די אויגן און זעען, בולט און קלאָר, אַז מיטן מאַכן אַן אַטענטאַנט אויף יידיש און איר קולטור האָט מען נאָר געעפנט טיר און טויער פאַר דער גרויזאַמער אַסימילאַציע, וועלכע קומט באַגלייט מיט הונדערט־פּראָצענטיקער איגנאָראַנץ צו דער אייגענער מדינת ישראל. מיטן פאַרלעשן יידיש לשון פאַרלעשט זיך אויך דער חלוצישער אידעאַליזם פאַר מדינת ישראל. אַוודאי זענען דאָ נאָך פאַקטאָרן, וועלכע פאַרפירן און פאַרסמען די באַציונג פון יונגע מענטשן צו ישראל. נאָר ווי האָט געזאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער? נאָר נישט מיאש זיין זיך. מסתמא וועט אונדזער יידיש צוריק אויפשטייגן נאָך דער איצטיקער ירידה, און דער ווונטש פון די פריינד טשעסטאָכאָווסקי און פרייליך, וואָס זיי האָבן שוין געהאַלטן פאַר דערגרייכט און זיך אַזוי געפרייט ווען ס׳איז זיי געראָטן דורכצוזעצן דעם יידיש־תּנאַי אין די שול־פּראָטאָקאָלן, וועט נאָך ווערן אַ ווירקלעכקייט.

היינט איז אונדזער ליבער מיגעל טשעסטאָכאָווסקי אַ בן־שמונים, עד מאָה ועשרים, און זיין אַקערן און זייען יידיש לעבן איז חלילה נישט פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט זוכה געווען ביים לעבן צו זען זיין זייער ווירדיקן יורש, זיין זון וואַלטער. אַ טייל יוגנט־יאָרן האָט ער פאַרבראַכט

אין ישראל מיט די עלטערן, דורכגעמאַכט מיליטערדינסט און זיך דער־דינט צו אַ מיליטערישן גראַד. געקומען אויף וואַקאַציעס אין 54סטן יאָר קיין קאַראַקאַס צו זען די עלטערן, אָבער דאָ האָט ער פאַרשטאַנען אַז צו פאַרלייכטערן דעם טאַטנס מערכה דאַרף ער מיט אים פאַרבלייבן, און אַזוי האָט ער געטאָן. עס הייסט, אַז וואַלטער איז אַוועק פון ישראל, אָבער אין דער ווירקלעכקייט איז ער קיין מאָל נישט אַוועק. עס איז מער ווי מעגלעך, אַז זיצנדיק אין קאַראַקאַס דינט ער מער ישראל ווי ווען ער וואָלט געלעבט אין דער מדינה. שוין יאָרן ווי ער איז דער פרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע פון וועגעסועלע. ער האָט זיך פאַרפול־קאָמט ווי אַן ערשטקלאַסיקער מנהיג אויף אַלע געביטן פון יידישן לעבן. וואַלטערס נאָמען איז אַ יש אין זיין ישוב. נישטאָ כמעט קיין וויכטיקע זיצונג אויף וועלכער ער זאָל זיך נישט באַטייליקן. זיין עסקנות האָט ער אונטערגענומען ערנסט, נישט סתם אויף צו פיגורירן. ער איז אין יעדער רגע גרייט צו לאָזן שטיין די פאַבריק פון וועלכער ער און זיין פאָטער ציִען חיונה און לויפן צו געזעלשאַפטלעכע שליחותן. פון צייט צו צייט מוז ער אויך פאַרלאָזן וועגעסועלע און פאָרן קיין אויסלאַנד אויף צוזאַמענ־פאָרן און קאָנגרעסן. הכלל, וואַלטער טשעסטאָכאָווסקי האָט זיך אָפּגעגעבן דער יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אויף אַ מוסטערהאַפטן אופן, וואָס ווייטער און בעסער קען עס נישט זיין. לעצטנס האָט ער צוגעלאָזט נאָך אַ „שוואַכקייט" און ער גיט זיך אָפּ מיט דער פעדער. ווייזט אויס אַז די איידעלע און קאָמפּליצירטע מלאכה פון שרייבן האָט יאָרנלאַנג געטליִעט אין אים, אָבער נאָר לעצטנס ברענגט ער עס צום אויסדרוק, און זיין שרייבן ציט דעם אויפמערק פון יעדן איינעם.

וואַלטער איז 30 יאָר יינגער ווי זיין פאָטער; ער איז איצט אין פולן אויפבלי. ער איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט: דער זוימען פון מיגעל טשעסטאָכאָווסקי איז אין אים אויפגעגאַנגען אויפן זעלבן דרך פון איבערגעגעבנקייט פאַר יידישע כלל־אינטערעסן. מדינת ישראל און דאָס יידישע קאַראַקאַס שניידן ערשט איצט די פרוכט, וואָס וואַלטערס פאָטער האָט עקשנותדיק פאַרזייט און קולטיווירט אין זיין זון וואַלטער.

ד״ר יוסף גאָלדשטיין

אין די פופציקער יאָרן, בעת מיינע אָפטע געשעפטלעכע נסיעות קיין קאַראַקאַס, איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען, פונקט ווי מיט אַ סך אַנדערע יידן, מיטן אויסגעצייכנטן מעדיקער ד״ר יוסף גאָלדשטיין. דאָס איז לכתחילה געווען אַ באַציִונג בלויז צווישן דאָקטער און פּאַציענט. אַז ד״ר גאָלדשטיין איז אַ גרויסער מומחה אין זיין פּראָפעסיע, דאָס האָט שוין דעמאָלט געוווּסט צו דערציילן און רעקאָמענדירן יעטוועדער ייד אין קאַראַקאַס, און דערפאַר טאַקע בין איך צו אים אָנגעקומען. אָבער וועגן זיינע אַנדערע גרויסע מעלות האָבן נאָך, אַפילו זיינע אייגענע מיטבירגער נישט געוווּסט, ווייל ד״ר גאָלדשטיין איז נאָך אין דער ווענעסועלער הויפּטשטאָט געווען רעלאַטיוו אַ פּנים־חדשות: זיינע ערשטע טריט אין לאַנד האָט ער געהאַט געשטעלט דווקא אין דער פּראָווינץ. דערפאַר מעג איך זיך באַרימען, אַז ד״ר גאָלדשטיינען, דעם מענטשן, האָב איך אַנטפּלעקט — קומענדיק פון דער פרעמד — אין איין צייט מיט זיינע אייגענע מיט־תושבים. שוין נאָכן ערשטן וויזיט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיר האָבן אין אים נישט נאָר אַ גרויסן ספּעציאַליסט אין דער קונסט פון היילן חולאים, נאָר אויך אַ מענטשן פון אַ הויכער פּערזענלעכער און אינטעלעקטועלער מדרגה, מיט אַן אייגנאַרטיקן גאַנג אין לעבן און מיט גרויסער צוציונגס־קראַפט. און איך האָב נביאות־געזאָגט, אַז ער וועט אין קאַראַקאַס מאַכן אַ גלענצנדיקע קאַריערע, ווייל אַז אַ יידישער ישוב האָט דאָס מזל גלייך ביים בראשית באַרייכערט צו ווערן מיט אַזאַ אויסנאַם־פיגור, וועט מען אים זיכער נישט אָוועקלאָזן, נאָר טאַקע אים „טראָגן אויף די הענט״. און מיינע נביאות זענען מקויים געוואָרן.

אין ד״ר יוסף גאָלדשטיינען שמעלצט זיך צוזאַמען די וויסנשאַפטלעכע צוגרייטונג פון מאָדערנעם מעדיצינער, מיט דער האַרציקער באַציִונג פון

אַמאָליקע פּאָלקס־דאָקטוירים, פון יענע איבערגעגעבענע רופאים, וואָס איך האָב קינדווייז געקענט אין דער אַלטער היים און אויך דאָ, אין דער נישט־יידישער סביבה, אין מיינע בראשית־יאָרן אין קאָלאָמביע. וועגן די לעצטע האָב איך געשריבן אין מיינע ערשטע צוויי ביכער, אויף שפּאַניש און אויף יידיש („אַ ייד אין קאָלאָמביע״ אויף יידיש און „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד״ אויף שפּאַניש), דערמאָנענדיק די סימפּאַטישע געשטאַלטן פון דאָק־טוירים פון אַ מאָל. און כ׳בין זייער צופרידן וואָס עס קומט מיר אויס אויך אין ווייטערדיקן בוך צו פאַרגרעסערן מיין דאָקטוירים־גאַלעריע מיט אַזאַ חשובן נאָמען ווי דאָס איז ד״ר יוסף גאָלדשטיין.

כ׳בין נישט אויסן דערמיט צו מינערן דעם דרך־ארץ צו ייִנגערע מעדיצין־פּראָפעסיאָנאַלן, צווישן וועלכע עס זענען אַוודאי פאַראַן נישט ווייניק גוט־צוגעגרייטע, קוואַליפיצירטע און אַחריותדיקע מעדיקער. צום באַדויערן, אָבער, טרעפט מען וואָס אַ מאָל זעלטענער דעם טיפּ פון אַ הומאַניטאַרן דאָקטער, וואָס פאַרמאָגט אויך, אַחוץ וויסנשאַפטלעכער ביל־דונג, פערזענלעכן כּישוף, ברייטע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינ־טערעסן און מענטשלעכע וואַרעמקייט. און ד״ר יוסף גאָלדשטיין איז פון די געציילטע פאָרשטייער פון דעם דאָזיקן געבענטשטן טיפּ.

די מיינונג איז נישט בלויז מיינע. שמועסנדיק מיט מיין טייערן פריינד מאַקס פריילין, איינער פון די גרונטלייגערס פון קאַראַקאַסער ישוב, האָט ער פולשטענדיק מסכים געווען מיט מיין אָפּשאַצונג וועגן זייער באַליבטן ד״ר גאָלדשטיין. און דאָס אייגענע, נאָר מיט שענערע און דערהויבענערע ווערטער, ברענגט אַרויס פריילינס טאָכטער, אַליסיאַ פריילין־סעגאַל, אין אַ שפּאַנישן אַרטיקל, וואָס זי האָט אָפּגעדרוקט אונטערן קעפּל „און מעדיקאַ כענטע״ — אַ דאָקטער אַ מענטש. דער טיטל אַליין זאָגט שוין אַלץ.

דער נאָמען פונעם רומענישן יידן ד״ר יוסף גאָלדשטיין איז שוין היינט באַקאַנט נישט נאָר אין קאַראַקאַס, נאָר אויך אין דער ברייטער יידישער וועלט, ווו זיין שם איז דערגאַנגען דורך דער פאַרמיטלונג פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן. געוויסע אַרבעטן זיינע האָבן אַפילו געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין דער וועלט בכלל, שוין אָפּגערעדט פון די יידישע קרייזן, אַ דאַנק זייער טיפן וויסנשאַפטלעכן אַריינדרינג און אָריגינעלן צוגאַנג. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט איינע פון זיינע דריי פּובליקירטע בראָשורן, אָפּ־געגעבן דער טעמע פון קאַנסער, פאַרדינט אַז די וועגעסועלער רעגירונג זאָל זי אַרויסגעבן אויף איר חשבון, וואָס דאָס אַליין מיינט שוין זייער אַ סך. פאַר אַ צווייטער אַרבעט, אַן עסיי וועגן די תּורה־יסודות אין דער מעדיצין, האָט ער דערהאַלטן אַן אָפּרוף און באַגריסונג אַזש מצד דעם פּויפּס פּאַולוס דעם 6סטן. ווידער אַ מאָל האָט די וועגעסועלער רעגירונג

אים אויסגעצייכנט מיט איינעם פון אירע חשובע ערן־צייכנס, ווי אַן אָנערקענונג פאַר זיין וויסנשאַפטלעכן צושטייער אויפן געביט פון מעדיצין.

דערביי איז ד״ר גאָלדשטיין נישט פון די פּראָפעסיאָנאַלן, וואָס פאַר־שליסן זיך אין זייער אַקאַדעמיש וועלטל און פאַרגעסן אַנדערע געזעל־שאַפטלעכע האָריזאָנטן, און נישט פון די וויסנשאַפטלערס, וואָס הערן זיך צו אויסשליסלעך צו דער אייגענער חכמה זייערער. גאָר להיפוך: ער האָט ליב זיך צו באַטייליקן אין יידישן ציבורדיקן לעבן און האַלט בכלל פונעם מאמר „מכל מלמדי השכלתי״ — מען דאַרף זיך צוהערן אויך צו דעם וואָס יענער רעדט... אויף אַזוי פיל, אַז אויך מיר, דעם אַלעמאָליקן גאַסט אויף אַ ווילע, האָט ער אַנומלט אָנגעטאָן דעם כבוד צו קומען אויף מיינעם אַן אַרויסטריט אין קראַקאָסער שלום עליכם־קולטור־צענטער, בעת אַן אַקאַדעמיע לכבוד די 85 יאָר פון אונדזער גרויסן געלערנטן אַברהם גאָלאָמב.

אַזוי אַרום שרייבט זיך אַריין דער נאָמען פון ד״ר יוסף גאָלדשטיין אין דער היסטאָרישער יידישער טראַדיציע פון גרויסע מעדיצין־חכמים, וועלכע זענען גלייכצייטיק יידישע מענטשן דורך און דורך, איינגעגלי־דערטע אין די וויכטיקסטע מאַטעריעלע און גייסטיקע פּראָבלעמען פון אונדזער פאָלק. דאָס איז אַ טראַדיציע וואָס הייבט זיך אָן מיטן רמב״ם, צי אפשר נאָך פריִער, און דערגייט אין אונדזערע צייטן ביז פיגורן ווי ד״ר אַלבערט סאַבין. אין דעם זעלביקן גייסט, מיט דער אייגענער ליבע צו דער מענטשהייט און ציטערדיקער זאָרג פאַרן יידישן גורל, פירט זיין טעטיקייט דער קראַקאָסער ד״ר יוסף גאָלדשטיין — אַ מעדיקער וואָס איז אַ כבוד פאַר זיין ישוב און אַ שטאָלץ פאַרן יידישן פאָלק.

פראָפ׳ אברהם סטעמפעל

אַט זענען שוין פאַרבייגעלאָפן דרייסיק יאָר זינט מיר האָבן זיך באַקענט מיט דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן מענטשן מיט די צוויי לערער־דיפלאָמען: יידיש פון ווילנע און העברעיש פון בוענאָס־איירעס. וויפל גילגולים און ענדערונגען די דאָזיקע דריי יאָרצענדלינגער האָבן עס געבראַכט!

דעמאָלט, אין 1947, זענען מיר אין באָגאָטאַ געווען באַלאָדן מיט אַ גרויסער זאָרג: מיר האָבן נאָך דעמאָלט נישט פאַרמאָגט קיין יידישע שול פאַר די קינדער אונדזערע, וואָס זייער צאָל איז כסדר געוואַקסן, אין דער צייט ווען די קאָלאָמביאַנער יידישע פראָווינץ האָט שוין יאָ געהאַט באַוויזן צו אָרגאַניזירן אייגענע שולן. דעמאָלט האָט גראָד באַזוכט אונדזער ישוב יעקב בעלער, דער באַקאַנטער שרייבער און זשורנאַליסט. איך בין דאַן געווען דער ראש־הקהל, און בעלער איז געווען מיין גאַסט, סיי ראש־השנה און סיי יום־כיפור. ביים געזעגענען האָט ער מיר פאַרגעלייגט אָפצודינגען אונדז פאַר אונדזער גאַסטפריינדלעכקייט, אויב מיר ווילן אים עפעס בעטן. כ׳האָב נישט געדאַרפט לאַנג טראַכטן. — אַזוי ווי איר פאָרט אַרום איבער דער וועלט, און איך נישט — האָב איך זיך תיכף אָנגערופן — איז מיין בקשה צו אייך, איר זאָלט אונדז שטעלן אין קאָנטאַקט מיט אַ לערער.

בעלער האָט מיין בקשה גוט גענומען אין אַכט, און ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט ביז מיר האָבן דערהאַלטן זיינעם אַ בריוו, און אַ בריוו פון זיין רעקאָמענדירטן: פראָפ׳ סטעמפעל, וואָס איז דאַן געשטאַנען ביי דער דירעקציע פון דער יידישער שול אין לימאַ, פערו, און האָט געהאַט דעם ווונטש משנה־מקום צו זיין. אין אויגוסט פון 47סטן יאָר האָבן מיר זיך געטראָפן אין באָגאָטאַ.

זיין אויסערלעך אויסזען האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ער האָט גע־האַלטן ביי די ערשטע דרייסיקער יאָרן און האָט פאַרמאָגט אַ שיינע,

פּרעכטיקע ייִדישע געשטאַלט. ביז גאָר איינגענעם איז געווען מיט אים צו שמועסן. מען האָט אָפּגעמאַכט אַז ער וועט פֿאַרענדיקן דאָס שוליאָר אין לימאַ און פֿון פֿעברואַר 1948 וועט ער אָנהייבן זיין אַרבעט אין באָגאָטאַ.

דער אָנהייב איז געווען באַגלייט מיט אַ סך התלהבות, פֿרייד אָן אַ שיעור. אין יעדן פֿאַל, אַזוי האָבן מיר דאָס געפֿילט. אַנדערע, אָבער, האָבן געפֿילט אַנדערש. פֿאַרוואָס, איז מיר נאָך היינט שווער צו באַגרייפֿן. אפֿשר איז עמעצן נישט ניחא געווען וואָס דווקא איך און נישט קיין צווייטער האָט עס אַראָפּגעבראַכט דעם דאָזיקן גוטן, צוגעגרייטן פּעדאַגאָג... אַ חוץ דעם, האָבן אויף אים געוואָרפֿן אָן אומחן די קרייזן, וואָס אַליין האָט מען נאָר אין זינען זיך צו יאָגן נאָכן גאָלדענעם קאַלב, אָבער פֿאַר יענעם פֿריידיקט מען אַ פֿאַלש־אויסגעטייטשטן היפּער־ציוניזם, וואָס זיין גאַנצער כּוח לאָזט זיך אויס אין רודפֿן דאָס ייִדישע מאַמע־לשון. און היות סטעמפּעל האָט באַוויזן דעם וווּנדער, צו עפֿענען די מיילער ביי 250 קינדערלעך אויף אַ שול־יום־טוב, סיי מיט העברעישע, סיי מיט ייִדישע געזאַנגען, איז ער דעם דאָזיקן עלעמענט געבליבן שטיין אין האַלדז...

נאָר צוליב וואָס זאָל איך דאָ ווידער אויפֿלעבן טרויעריקע מאָמענטן, אויפֿגריבלען די אייגענע וווּנדן? ניין, דאָס דאָזיקע ווייטיקלעכע קאַפּיטל וועגן דער ייִדישער שול אין באָגאָטאַ וועל איך שוין מיטנעמען „אַהין", פֿון וואַנעט מען קען קיין שום זאַך נישט צוריקפֿירן. דאָ איז די רייד וועגן פּראָפֿעסאָר סטעמפּעל, טאָ לאָמיר זיך אָפּגעבן מיט זיין ווייטערדיקן לעבנסוועג.

די אָפּגעקילטע סביבה אין קאָלאָמביע האָט אים געטריבן ווייטער, און לויט מיר נאָך, איז דאָס געווען פֿאַר אים אַ טובה, ווייל זיין ווייטערדיקע סטאַנציע איז געווען קאַראַקאַס. אין אָט דעם אידעאַלן ישוב האָט ער געפֿונען זיין קאָפּעטשקע רויקייט, וואָס צו דעם שטרעבט אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן. דער גורל האָט אָבער געוואָלט אַז דאָס זאָל שוין נישט האָבן קיין שייכות מיט זיינע לערער־דיפּלאָמען, נאָר מיט גאָר אַנדערע באַשעפֿ־טיקונגען. סטעמפּעל האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין פּרעכטיקן זשורנאַל, וואָס ער גיט אַרויס זייט יאָרן, און וואָס באַשיינט דעם ישוב, סיי צוליב זיין אויסזען, סיי צוליב זיין תּוכן.

אין די רייען פֿון יענע יידן איז סטעמפּעלס קולטורוועלט נישט טריף, נאָר פֿאַרקערט, מען האָט אים אויפֿגענומען מיט ברייט צעעפֿנטע אָרעמס. זינט דער גרינדונג פֿון שלום־עליכם קולטור־צענטער איז ער זיין סעק־רעטאַר, און ער דערפֿילט זיין שליחות ווי דער פֿאַסיקסטער מענטש אויף דעם דאָזיקן וויכטיקן אַמט. ער איז פֿעסט איינגעגלידערט אינעם האַרץ

און אין דער נשמה פון זיין ישוב, ווו ער האָט געפונען זיין וואַרעמע, אמתע היים.

ליידער האָט זיין פּריוואַט לעבן דורכגעמאַכט פאַרשיידענע זיגזאַגישע וועגן, און אים געגעבן צו שלינגען מער ווי איין ביטערע פּיל. בפרט האָט ער געליטן אַ שווערן קלאַפּ מיט דער פּטירה פון זיין לעבנס־באַגלייטערין פון דער צווייטער הייראַט, אין וועלכער ער האָט געהאַט געפונען אַן אמתע פריינדין און אַ שותפטע צו זיינע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע פאַר־אינטערעסירונגען.

אַט האָב איך שוין אָנגעוואָרפן קוים עטלעכע שטריכן וועגן אַ גע־שטאַלט, מיט וועלכער איך האָב זיך באַגעגנט מיט העכער דרייסיק יאָר צוריק און וואָס מיר האָבן געצומען שטעלן געמיינזאַמע טריט אויפן וועג פון שאַפן ווערק און ווערטן, נאָר דער שטן האָט זיך אַריינגעמישט און עס פאַרשטערט. מיר זעען דערביי ווי דער גורל פאַרוועבט דעם לעבנס־וועג פון יחידים און פון גאַנצע קיבוצים, און ס׳איז נישטאָ אַזאַ חכם וואָס זאָל קענען פון פריִער באַשטימען ווו, ווען און ווי אַרום וועט אַ מענטש געפינען זיין סביבה, זיין אָרט און דעם תיקון פאַר זיינע אומרוען און פעיִקייטן.

אין יעדן פאַל, איז אַ פרייד וואָס קאָלאָמביעס אַבידה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ווענעסועלאַס געווינס, און וואָס נאָך היינט קענען מיר זיך שפּיגלען, כאָטש פון דער ווייטנס, אין דער פּערזענלעכקייט און אין דער טעטיקייט פון אַזאַ ייִד, ווי פּראָפעסאָר אַברהם סטעמפּעל.

ר׳ יצחק אַקערמאַן

איך קלייב זיך דאָ צו שרייבן וועגן אַ יידן וואָס געהערט, — אין אַ נאָווינע, — צום טייערן קיבוץ פון די נאָוויסילעצער אָפּשטאַמיקע אין קאַראַקאַס. וועגן דעם דאָזיקן בעסאַראַבער שטעטל דאַרף איך שוין נישט מאַריך זיין די רייד: כאָטש קליין און באַשיידן, זענען פון דאָרטן אַרויס אַ היפּש ביסל ווילע פאָלקס־יידן וועלכע באַרייכערן די ישובים פון באָגאָטאַ, ווענעסועלאַ און אַנדערע לענדער, און ממילא איז מיר שוין אויסגעקומען צו באַשרייבן נאָוויסילעץ בשעת איך האָב געצייכנט די ביאָגראַפיע פון אַנדערע מיינע העלדן.

דאָ וויל איך נאָר דערמאָנען איין שטריך — נאָוויסילעץ איז טאַקע געווען אַ מקום פון פרומקייט, פון אַרבעט, פון יידן איבערגעגעבענע, געטרייע — אָבער נישט קיין שטעטל פון למדנים און בני־תורה. מ׳שטיינס געזאָגט, פון וואַנען האָבן דאָרט געזאָלט אַרויסוואַקסן די קענערס, אַז סך־הכל זענען דאָרט געווען נישט מער ווי פּשוטע מלמדים, און טאָמער האָט זיך שוין יאָ געמאַכט אַ ייד אַ מלומד, איז ער גראַד געווען אַ סוחר און האָט נישט געגעבן קיין שיעורים?

נאָר אַז ס׳איז באַשערט, האָט נאָוויסילעץ אויך אַרויסגעגעבן יידן, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן מיט ליבשאַפט און התמדה אַ טיפערע יידישע קולטור. אייניקע אַזעלכע האָב איך שוין דערמאָנט, און זיי שטייען ביים סאַמע שפּיץ פון געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קאַראַקאַס. איצט וויל איך שרייבן וועגן נאָך אַזאַ יידן, וואָס זיין וויכטיקסטער שטריך איז טאַקע — תורה, ווייל ער איז אַ מלאַ וגדוש, פול און אָנגעפּאַקט מיט וויסן און מיט ליבשאַפט צו דער קולטור, אין וועלכער ער איז אַזוי טיף איינגעוואָרצלט. איך מיין דאָ דעם חשובן פריינד ר׳ יצחק אַקערמאַן.

איך האָב ר׳ יצחקן באַזוכט אין זיין היים, אים אָפּצוגעבן דעם כבוד וואָס אים קומט בלי שום ספק. מיינע באַגלייטערס זענען געווען הרב שמואל

ציוויאַק און פריינד מאַקס פריילין. אָנגעקומען, האָב איך זיך געטראָפן מיט אַ יידן אַ הויכן, אַ הדרת־פנימדיקן, אַ זקן מיט יונגע, חכמהדיקע אויגן. און עס האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ שמועס וואָס איז פאַר מיר, יעדנפאַלס, געווען אַ שעה פון אמתדיקן נחת־רוח.

דער ייד איז כל־ימיו, זיין גאַנץ לעבן, אַ ליידנשאַפטלעכער לייענער. אַ מענטש פון ספרים, וואָס דערהייבט דאָס געוויינטלעכע בוך אויך צו דער מדרגה פון אַ ספר, שלינגט־איין צייטונגען און זשורנאַלן און קען זיך אַלץ נישט אָנזעטיקן מיט וויסן און קולטור. דערצו: אַן אייזערנער קאָפּ, גאָרנישט ווי פאַר זיין בן־שמונימדיקן עלטער, עד מאה ועשרים. פאַרשטענדלעך, די אַלע גייסטיק אינטעלעקטועלע אַטריבוטן נעמען זיך נישט פון זיך אַליין, נאָר זיי וואַקסן־אויס אויפן גרונט פון דער סביבה, פון דער משפחה ווו דער מענטש איז אויפגעוואַקסן. אינעם פאַל פון ר׳ יצחק אַקערמאַנען איז עס נישט קיין חידוש: דער תורה־יחוס ציט זיך שוין אין זיין משפחה אַ סך דורות; זיין עלטער־זיידע נאָך איז געווען אַ באַרימטער רב אין נאָוויסילעץ.

פריינד אַקערמאַן געניסט פונעם פולסטן דרך־ארץ מצד דעם גאַנצן ישוב אַרום אים. ער איז קיין מאָל נישט געגאַנגען זוכן קיין אָנזען און קיין פרעסטיזש, און דאָך, אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, קוקט מען צו אים אַרויף מיט אָפּשיי און ליבשאַפט. ווען עס קומט צו חילוקי־דעות אין תורה־ענינים, זענען ביי אים קיין פשרות נישט פאַראַן. ער פירט זיך אויסשליסלעך לויטן דיקטאַט פון זיין ריינעם געוויסן. אין דעם זינען, האָט דאָס קרוב אַ האַלבן יאָרהונדערט זיצן אין אַמעריקע אויף אים גאָר קיין ווירקונג נישט געהאַט, און האָט נישט פאַרוואָסערט און נישט פאַר־פלאַכט זיין צוגאַנג צו תּוך־פרינציפּן אין יידישן לעבן. און דער עולם דערפילט עס און שאַצט עס אָפּ. אַ סימן: מען האָט אים במשך אַ געוויסן צייטאָפּשניט באַשטימט פאַר פּרעזידענט פון שלום־עליכם קולטור־צענטער, וואָס דאָס איז געווען ממש אַ זכיה פאַר דער אינסטיטוציע און פאַר יעדערן פון אירע מיטגלידער.

לעת זקנה, אויף דער עלטער, האָט ר׳ יצחקן געטראָפן דאָס אומגליק, וואָס וויפל מען זאָל נישט וויסן, אַז ס׳איז אומפאַרמיידלעך (ביי אַ פאַרפאַלק מוז דאָך איינער פריִער שטאַרבן!), איז ווען עס טרעפט, ווי אונדזערע חכמים זאָגן, „פילט זיך דער מענטש ווי ס׳וואָלט אים חרוב געוואָרן דער בית־המקדש״: ער האָט פאַרלוירן זיין חברטע, געוואָרן אַן אַלמן און גע־בליבן אַליין אויף גאָטס וועלט. טאַקע נישט אין גאַנצן אַליין, ווייל אַ מענטש האָט דאָך קינדער און אייניקלעך. אָבער פאָרט...

איז זיין טרייסט, אין די דאָזיקע שווערע צייטן, ווידער און אָבער —

דאָס בוך און דער ספר. אַ מענטש וואָס פֿאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע נייגונג צום ספר, בלייבט קיין מאָל נישט עלנט און פֿאַריתומט. און בפרט נאָך אַ מענטש וואָס האָט אַלע מאָל געפֿונען צייט פֿאַר דער דאָזיקער קלוגער און שטילער געזעלשאַפֿט. אַז מען וויל און מען פֿילט דעם דאָרשט צו לייענען, גיט מען זיך שוין אַן עצה מיטן פֿאַקטאָר צייט. ר׳ יצחק אַקערמאַן האָט אַלע מאָל, אַפֿילו ווען ער איז נאָך אויך געווען „אויפֿן יאַריד״, געהאַט צייט פֿאַרן ספר און פֿאַרן בוך. היינט לאָזט ער גאָר נישט אַרויס פֿון האַנט דאָס יידישע וואָרט.

וואָס מער מען שמועסט מיט דעם יידן, מער וואַקסט דער דרך־ארץ צו אים, און מען דערשפּירט אַלץ בעסער און שטאַרקער זיינע געשמאַקע גייסטיקע טעמים. הלוואי זאָל ער נאָך אַזוי לאַנגע יאָרן באַשיינען דאָס יידישע לעבן אין קאַראַקאַס.

ר׳ יצחק אַקערמאַן האָט אַ ייִנגערן ברודער אין קאַראַקאַס, שמואל אַקערמאַן. מיט אים איז מיר אין די פּופּציקער יאָרן אויסגעקומען צו האַנדלען. מען זאָגט אַז אַ מענטשן דערקענט מען טיפֿער נאָר אין געציילטע סיטואַציעס. איינע פֿון די סיטואַציעס איז: ווען מען האַנדלט מיט אים. האָב איך טאַקע האַנדלענדיק, דערקענט פֿריינד שמואל אַקערמאַנען, און דערקענט אים אויפֿן שענסטן אופֿן. אַ ביז גאָר איידעלער מענטש, און שטייט נישט פֿון דער ווייטנס פֿון אונדזער יידישער קולטור. אין 75סטן יאָר האָבן מיר זיך געטראָפֿן אינעם שלום־עליכם קולטור־צענטער אין אַ זונטיק־פֿרימאָרגן, און נישט געקוקט אויפֿן היפּשן ביסל אָפּגעלאָפֿענע יאָרן, האָב איך אים גלייך דערקענט. אונדזער באַגעגעניש איז געווען באַגלייט מיט אַ האַרציקער פֿרייד, ווייל מיר האָבן גוט געדענקט יענעם אַמאָל ווען מיר האָבן געהאַנדלט, אָבער מער נאָך האָבן מיר זיך דערמאָנט אונדזערע בשותּפֿותדיקע שטריכן אויפֿן געביט פֿון קולטור, און פֿאַר מיר איז באַזונדערס געווען אָנגעלייגט נאָך אַ מאָל צו שמועסן מיט אַ מענטשן, וואָס זיין גייסטיקע איידלקייט זעט זיך אָן תּיכף אויפֿן ערשטן בליק, פּונקט ווי ס׳זעט זיך באַלד אָן די גוטע קוואַליטעט פֿון די פֿיינערער שטאָפֿן.

ד״ר הלל איידעלמאַן ע״ה

דעם 17טן דעצעמבער 1977 איז אין קאַראַקאַס געשטאָרבן ד״ר הלל איידעלמאַן, איינע פון די שענסטע פיגורן אין אונדזערע יידישע קולטור־קרייזן פון יענער שטאָט; אַ ייד, וואָס האָט זיך כשר פאַרדינט זיין בלעטל צווישן די אָנגעזעענע געשטאַלטן פון זיין ישוב, און ס׳איז אַ גרויסער ווייטיק וואָס איך מוז דאָס דאָזיקע כשר־פאַרדינטע בלעטל אָנהייבן מיט די ראשי־תיבות ע״ה גלייך ביים קעפל.

ד״ר איידעלמאַן איז געבוירן געוואָרן אין נאָוויסילעץ אין 1896, געווען אַן אוניווערסיטעט־מענטש, זיך ספּעציאַליזירט אויף פאַרמאַצעווטיק. פון דעם נעמט זיך טאַקע זיין דאָקטאָר־טיטל. ער האָט אין דער אַלטער היים דורכגעמאַכט אַלע פּלאָגענישן פון היטלעריסטישן גיהנום, און אין 53סטן יאָר האָט אים דער גורל געבראַכט קיין קאַראַקאַס.

דאָ האָב איך זיך מיט אים באַקענט, אין שלום־עליכם קולטור־צענטער, פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די מיטגרינדערס. אונדזער שמועס, אַ זונטיק אין דער פרי, ביי אַ גלעזל טיי, איז גלייך פון אָנהייב געווען אַ וואַרעמער און אַ פריינדלעכער. מען האָט אין דעם יידן גלייך דערקענט דעם קולטורמענטש, דעם מענטש וואָס לעבט אין אַ העכערער גייסטיקער ספערע און זיין צוגעבונדנקייט צו רוחניות קומט צום אויסדרוק אין יעדן קער און ווענד זיינעם, וואָס ער זאָל נישט טאָן און וועגן וואָס ער זאָל נישט רעדן.

צו מיר האָט ער אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער גינציקע באַציונג. איך האָב שוין דעמאָלט געהאַט אַרויסגעגעבן מיינע ערשטע צוויי ביכער, דאָס יידישע און דאָס שפּאַנישע וועגן קאָלאָמביע, און מיין באַזוך אין קאַראַקאַס האָט טאַקע געהאַט צו טאָן מיט מיין נייעם, אויף דער עלטער אַנטדעקטן באַרוף פון אַ שרייבער ביי יידן. דאָס אַליין איז געווען גענוג אַז ד״ר איידעלמאַן זאָל צו מיר אַרויסווייזן די גרעסטע נאָענטקייט, ווייל קולטור איז געווען די לופט מיט וועלכער ער האָט געאָטעמט זיין גאַנץ לאַנג און ציכטיק לעבן.

די יידישע קולטור־קרייזן אין קאַראַקאַס האָבן ריכטיק אָפּגעשאַצט די פּערזענלעכקייט פון ד״ר איידעלמאַן. מען האָט צו אים אַרויפגעקוקט מיטן גרעסטן דרך־ארץ, און מיט זיין וואָרט האָט מען זיך גערעכנט. ער איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער און נישט קיין דיפּלאָמאַט. ער האָט

פון זיין הויכער קולטורעלער מדרגה נישט געמאַכט קיין ווען. דער תמצית פון זיין עקסיסטענץ האָט זיך באַשיימפערלעך אויסגעדריקט אין יידישער פאָלסטימלעכקייט.

אין נאָוועמבער 1977 בין איך געווען אין קאַראַקאַס, און מען האָט מיר איבערגעגעבן אַז ד״ר איידעלמאַן איז נישט געזונט. כ׳האָב זיך אָבער נישט פאָרגעשטעלט בשום־אופן אַז עס האַלט שוין ערב זיין סוף. ליידער איז דער סוף געקומען מיט אַ חודש שפּעטער.

קיין יונגער מאַן איז ער שוין נישט געווען, און שטאַרבן מוז מען. דאָך, ווען ס׳גייט אַוועק פון דער וועלט אַזאַ זעלטענער מענטש ווי דאָס איז געווען ד״ר הלל איידעלמאַן, זענען די פיל יאָרן אַ קאַרגע טרייסט. ווען אַזאַ מענטש ווערט נפטר, זעט מען אים נישט אַלט, נאָר יונג, און די אַבידה לייגט זיך שווער אויפן געמיט, און דאָס האַרץ ווערט פאַרקלעמט.

זאָלן די דאָזיקע געציילטע שורות דינען אַרויסצוהייבן דעם זכר פון אַ טייערן, אויסערגעוויינטלעכן ייד און מענטש.

ר׳ שלמה זאַבלאָדאָוויטש ע״ה

ווען וועגעסועלאַ איז נאָך פאַר מיר געווען אַן אָקערשט אַנטדעקטע מדינה, איז מיר אויסגעקומען צו זיין אין אַ געוויסער מאָס אַ שותף צו אַן איניציאַטיוו פון קולטורעלן כאַראַקטער, ווען מען איז צוגעטראָטן, בראש מיט מאַקס פריילינכן, אַרויסצוגעבן דעם חודשלעכן זשורנאַל „אונדזער געדאַנק״. אַזוי אַרום, האָב איך דעמאָלט געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט אַ יידן, וועלכן מען קען בפירוש באַצייכענען ווי אַן אַנאָנימער אינטעלעקטואַל, אַ למד־וואָווניק פון אונדזער קולטור־לעבן: ר׳ שלמה זאַבלאָדאָוויטש.

געווען איז דאָס אַ ייד כמעט אַן אויסגעצערטער, וואָס די קלוגשאַפט און מענטשלעכקייט האָבן אַרויסגערעדט פון זיינע אויגן, פונעם אויסדרוק פון זיין פנים, פון דער גאַנצער האַלטונג זיינער. און אַז ער האָט שוין גערעדט בפועל ממש — האָט ער איבערראַשט מיט דער קלאָרקייט און טיפקייט פון זיין געדאַנק, ווי אויך מיט זיין רייכן קולטור־באַגאַזש וואָס האָט זיך, אַפילו נישט־ווילנדיק, אָפּגעשפּיגלט אין זיינע רייד. ס׳הייסט: איבערראַשן האָט ער נאָר איבערראַשט מיך, דעם ניי־געקומענעם; ווייל זיינע שטענדיקע מיט־תושבים האָבן שוין פון לאַנג געקענט און אָפּגעשאַצט מיט דרך־ארץ דעם וויסן און די פערזענלעכקייט פון דעם דאָזיקן פיאָנער פון וועגעסועלער ישוב, וועלכער האָט זיך געפונען אין לאַנד שוין ביים סאַמע בראשית, בעת די ערשטע טריט פון די ערשט־איינגעוואַנדערטע יידן אין דער פראָווינץ וואַלענסיאַ.

יענע יאָרן, ווען איך האָב זיך באַקענט מיט זאַבלאָדאָוויטשן, זענען געווען די צייטן פונעם רעכטן „באָליוואַר־פיבער״ (באָליוואַר — דער נאָמען פון דער וועגעסועלער מטבע) צווישן אַחינו בני ישראל אין קאַראַקאַס. אַלע האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דעם עגל־הזהב. די וועטעראַנען און אַלט־איינ־געזעסענע האָבן — צום ערשטן מאָל נאָך צענדליגער יאָרן מי און אָנ־שטרענג — פאַרזוכט דעם טעם פון עקאָנאָמישן אויפשטייג. די צוגעקומענע פון דער שארית־הפליטה, געראַטעוועטע פונעם היטלערישן גיהנום, האָבן דאָ געלאָזט אין גאַנג, אויפן עקאָנאָמישן געביט, די אַלע פעיִקייטן און פּאָטענצן, וואָס האָבן בעת די מלחמה־יאָרן געמוזט בלייבן אומאַקטיוו און פאַרגליווערט. מיט איין וואָרט: דער עולם האָט געהאַט דעם קאָפּ און אַלע חושים אַריינגעטאָן אין מסחר, אינדוסטריע, פאַרדינען און פּראָספּערירן.

און אין מיטן פון דער ברויזנדיקער יידישער קאָמערציעלער געגנט „על סילענסיאַ" (ווו ס'קאָכט תּמיד ווי אין אַ קעסל, נישט געקוקט אויף דעם שאַ־שטילן נאָמען), זיצט זיך גאָר אַ ייד מיטן נאָמען שלמה זאַבלאָדאָ־וויטש, אין אַ קלייט נישט פון די גרעסטע, און קוקט־אַריין, זיצנדיק הינטערן טאָמבאַנק... נישט אין זיינע חשבונות־ביכער, און נישט אינעם פדיון וואָס ליגט אין דער רעגיסטריר־קאַסע, נאָר אין אַ יידיש בוך! צווישן די סחורות אויף זיינע פּאָליצעס וואַרפן זיך דורך יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, און אין זיי, נישט אין האַנדל־וואַנדל, ליגט די מחשבה פון אָט דעם אויסטערלישן סוחר.

אויסערלעך קען מען אויף אים גאָרנישט דערקענען. ער קומט זיך יעדן טאָג אין זיין קלייט אין „על סילענסיאַ", אַזוי ווי יעדער סוחר, און בלייבט דאָרט פון גאַנץ פרי ביז די עלעקטריע הייבט אָן ווידער טאָן איר שליחות. אָבער אַהיימגיין גייט ער אַהיים גאַנץ מאָגער אין באַליוואַרס. ווייל געשעפטן פאָדערן ביי אַ מענטשן הונדערט פּראָצענטיקן אינטערעס און איבערגעגעבנקייט. אונדזערע אַמאָליקע חכמים האָבן געזאָגט וועגן דעם לימוד־התּורה, אַז ווער עס פאַרלאָזט די תורה אויף איין טאָג, פאַרלאָזט זי אים צוויי טעג. מיט אַ גרויסן להבדיל, לאָזט זיך דער זעלביקער זאָג אָנווענדן אויך אויף מסחר: פּרוּוו נאָר אָפּווענדן אויף אַ פּאָר שעה די געדאַנקען דיינע פונעם פּראָזאישן ציל פון פאַרגרעסערן די פּראָפיטן, און וועסט זען, ווי דאָס געלט וועט שוין אַ לענגערע צייט זיך אַרויסדרייען פון דיינע הענט.

ר' שלמה זאַבלאָדאָוויטשן האָט אָבער דער דאָזיקער ניכטערער חשבון ווייניק־וואָס געקימערט. ער האָט אָנגענומען פאַר ליב אַז זיינע עסקים זאָלן אַפילו גיין מיט דער פּוטער אַראָפּ, אַבי נישט אַראָפּצולאָזן פון זיין מענטשלעכער און גייסטיקער מדרגה, און זיך נישט אָפּצוזאָגן פון די קולטורעלע אינטערעסן, וואָס זענען געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון זיין עקסיסטענץ. דערפאַר האָט ער נישט נאָר געלייענט אין זיין קלייט, נאָר אויך געשריבן; און דווקא נישט קיין פאַקטורעס און טשעקן. זיין שרייבן איז געווען גאָר פון אַן אַנדער כאַראַקטער.

ווען שלמה זאַבלאָדאָוויטש וואָלט געווען אָנגעפאַרן אין אַן אַנדער סביבה, ווי צום ביישפּיל אינעם גרויסן יידישן קולטור־צענטער ביי די ברעגן פונעם האָדסאָן, וואָלט ער בלי־שום־ספק זיך דערוואָרבן אַ חשובע פּאָזיציע אין דער שרייבערישער און פּובליציסטישער וועלט. סביבה איז דאָך אַזוי ווי וואַסער פאַר אַ בוים, וואָס אָן דעם קען אַפילו דער שענסטער בוים נישט אַרויסגעבן קיין פּרוכטן. אַזוי איז סביבה פאַר אַ שרייבער. האָט טאַקע ר' שלמה זאַבלאָדאָוויטש אַלע יאָרן אין קאַראַקאַס געשריבן

און געשאַפן, אָבער קיין בוך האָט ער קיין מאָל נישט אַרויסגעגעבן. ווער עס האָט געלייענט זיינע כּתבֿ־ידן און דערפילט אין זיי די טויזנט טעמען פון עכטער, קינסטלערישער שאַפונג, דער ווייס אַז מחמת די אומגינציקע באַדינגונגען איז דאָ פאַרלוירן געגאַנגען אַ טאַלאַנט אין דער יידישער ליטעראַטור. אַ טאַלאַנט וואָס האָט זיך נאָך געשפייזט פון דער אַמאָליקער סביבה פון אונדזערע קליינע שטעטלעך, ווו דער מאַטעריעלער דלות איז געווען גרויס, אָבער די קולטור־סביבה איז געווען אַ פרוכטיקע. און סיי די טראַדיציע, סיי דער באַנייערישער דראַנג, האָבן געשטויסן דעם יונגן מענטשן צו העכערע גייסטיקע שטרעבונגען.

דאָרט ווו ס׳האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט, איז דער דאָזיקער טאַלאַנט געקומען צום אויסדרוק. דעמאָלט ווען „אונדזער געדאַנק" האָט נאָך געלעבט, און יאַנקל שפּאַנקע איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר, האָבן אַלע מאַטער־יאַלן, געשריבענע פון די פאַרשיידענע מיטאַרבעטער, געמוזט דורכגיין אונטער פריינד זאַבלאָדאָוויטשעס געניט אויג, ווייל מען האָט באַדאַרפט שטאַרק בודק זיין, אַז דער נומער זאָל דערשיינען קאָרעקט, סיי אָן אַן אָרטאָגראַפישן פעלער, סיי מיט אַ שיין פּנים. וואָרעם אין זשורנאַל האָבן דאָך בעיקר מיטגעאַרבעט מער ליבהאָבערס ווי פּראָפעסיאָנאַלן. און ר׳ שלמה זאַבלאָדאָוויטש האָט פאַרמאָגט די דאָזיקע פעיִקייט, אַז מיר זאָלן זיך נישט דאַרפן פאַרשעמען מיט אונדזער זשורנאַל. און אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אין זיין געוועלבל: דאָס זענען געווען זיינע הויפּט־קונים, און פאַר דער טרחה האָט ער קיין לוין נישט באַקומען. זיין לוין איז געווען, אַז יעדער אַרטיקל זאָל אַרויסקומען ווי צום שענסטן און באַשיינען דעם זשורנאַל.

מיט צוויי יאָר צוריק האָט דער גורל מיך ווידער געבראַכט קיין קאַראַקאַס, דאָס מאָל מיט אַ געביטענער סחורה: אָנשטאָט טעקסטיל — ביכער. דאָס בין איך געקומען אויסגעבן „מיינע צוויי קינדער", וואָס כ׳האָב זיי געהאַט אויף דער עלטער (יאָ, מיר ווייסן פון דערפאַרונג אַז אויך אַזעלכע גליקן טרעפן). און כ׳האָב דאַן געהאַט די גרויסע פרייד זיך ווידער צו טרעפן מיט זאַבלאָדאָוויטשן. וואָס אַן אמת, אַ געעלטערטן: די יאָרן האָבן זיך געהאַט אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים און אים אָנגעהאַנגען הער־טרייבלעך אויף די אויערן. דאָס קול איז, ווי תּמיד, געווען הייזעריקלעך, און דער געדאַנק, אויך ווי תּמיד, שוין גאָר נישט הייזעריק, נאָר להיפּוך, ער האָט געקלונגען און געשאַלט ווי דער פיינסטער טענאָר. ער האָט זיך דערפרייט מיט מיר, פּונקט ווי איך מיט אים. אַ פּנים, ער האָט נישט פאַרגעסן מיין טאָג־טעגלעכן גוט־מאָרגן וואָס איך פלעג אים אָפּגעבן אין זיין קלייט אין „על סילענסיאָ", און ער האָט דערפילט די וואַרעמקייט

און דרך־ארץ וואָס איז געלעגן אין יענעם גוט־מאָרגן. ער האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט, אַז מיינע געפילן צו אים זענען נישט קיין געמאַכטע, נאָר קומען פון זיך אַליין, פון אַ מענטש וואָס אַבי ער דערזעט ביי אַ צווייטן אַ בליץ פון גייסטיקייט, ווערט ער צו יענעם גלייך פאַרקנסט.

די דאָזיקע שורות האָב איך געשריבן מיטן הייסן ווונטש, זיי זאָלן שוין אין בוכפאָרם דערגיין צו פריינד זאַבלאָדאָוויטש אין קאַראַקאַס און באַנייען דעם קאָנטאַקט צווישן אונדז. איך וואָלט דאַן זיך אי געפרייט, אי געשעמט פאַר זאַבלאָדאָוויטשן מיט דער אָרעמקייט פון מיין שרייבן. דער גורל האָט אָבער אַנדערש באַשטימט. דאָס דערשיינען פון די ביכער האָט זיך פאַר־שפּעטיקט, און דער מלאך־המוות האָט, צום גרויסן ווייטיק, זיך געפּעדערט, און אַוועקגעריסן ר׳ שלמה זאַבלאָדאָוויטשן פון דער וועלט. ווידער בלייב איך, ווי אַ שרייבער, פאַריתומט איבער דעם אַוועקגיין פון אַ טייערן מענטשן, וועמען ס׳האָט זיך אַזוי געוואָלט מהנה זיין מיט אַ קאַפּיטל אין מיין בוך, און טאַקע אים נאָך אַ מאָל זען און שמועסן מיט אים...

זאָלן מיינע מאָגערע שורות אויפהיטן דעם זכר פון דעם דאָזיקן קולטורמענטש און אידעאַליסט, וואָס האָט אַ לעבן לאַנג אָפּגעהיט דעם פלאַם פון גייסטיקייט, אין אַ וועלט ווו עס הערשן די מאַטעריעלע אימפּולסן.

סימאָן (זישעלע) באַרגראַסער

אַן אייגנאַרטיקע פיגור אין זיין אייגענעם זכות, איז דער לעבנס־באַגלייטער פון דאָניאַ נעטי באַרגראַסער, דאָן סימאָן באַרגראַסער, אַ ייד מיט פעסטע פּאָליטישע איבערצייגונגען און מיט אַן אינטערעסאַנטער ביאָגראַפיע.

דאָן סימאָן (אָדער זישעלע) באַרגראַסער איז געבוירן געוואָרן אינעם בעסאַראַבישן שטעטעלע נאָוויסילעץ, פון וועלכן עס שטאַמען, אַגב, אַ גאַנצע ריי פון קאַראַקאַסער עסקנים און כלל־טוערס, בראש מיט ר׳ יאָסל לערנערן און זיינע ברידער. דער פאָטער זיינער, ר׳ חיים באַרגראַסער, איז געווען אַ סוחר און האָט געפירט גרויסע געשעפטן. אָבער נישט אין דעם איז באַשטאַנען זיין גדולה. ר׳ חיים האָט זיך אַרויסגעהויבן אין זיין שטעטל, און אויך ווייט איבער די שטעטלשע גרענעצן, מיט דעם וואָס ער האָט זיך געציילט צווישן די ציוניסטישע ראשונים. ער האָט אַליין זיך באַטייליקט אויף עטלעכע ציוניסטישע קאָנגרעסן. אויסער דעם, איז זיין היים אין נאָוויסילעץ געווען דער פאַקטישער אַדרעס פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, סיי פאַר די מענטשן פון אייגענעם קרייז, פון וועלכע ס׳האָט זיך דאָרט כסדר געדרודערט און געטומלט, סיי פאַר דער פאַרבינדונג מיט די וועלט־אינסטאַנצן פון דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג.

דערצו, איז נאָך ר׳ חיים געווען אַ „מושך בעט״, אַ שריפטשטעלער אויך. ער פלעגט שיקן זיינע מאמרים אין נחום סאָקאָלאָווס „הצפירה״ אין וואַרשע, וואָס פלעגט זיי טאַקע אָפּדרוקן.

דאָן סימאָנס מוטער האָט געהייסן מינדעלע מאַרקוס־באַרגראַסער, און מיר קענען זיך פאָרשטעלן אַז אין אַזאַ היים, וואָס איר מאַן, דער עסקן, האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ רשות־הרבים, אַ בית־עם, אַ פאָלקסהויז — האָט זי זיך שוין נישט אַרומגעדרייט ליידיק. איר זכות איז געווען זייער אַ גרויסער, ווייל איר הויז האָט אַרויסגעשיינט מיט אַ סך ליכט און באַלויכטן זייער האַרציק שטעטעלע.

אַזאַ היים, ווו דער יידישער נאַציאָנאַלער געדאַנק הויזט אַ גאַנצן מעת־לעת, ווי נאָך אַ מיטגליד פון דער משפחה, מוז לייגן אַ שטעמפּל אויף די קינדער וואָס האָדעווען זיך אין איר אויס. בפרט נאָך, ווען אַ קינד איז געבענטשט מיט סענסיטיווקייט, נאַטירלעכע אינטעליגענץ און אַ באַגער

זיך צו באַהעפטן מיט די העכערע אידעאַלן מיט וועלכע עס לעבן און חלומען זיינע עלטערן.

און סימאָן באַרגראַסער האָט זיך טאַקע צוגעהערט צו די רייד וואָס האָבן געשוועבט אין חלל פון זיין וואַרעמער יידישער היים, און אים האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט צו די יידן וואָס פלעגן זיך פאַרזאַמלען אַרום טאַטנס טיש. אַזוי אַרום, האָט ער זיך פון די פריִסטע יאָרן אָן גייסטיק און סענ־טימענטאַל באַהאָפטן מיט די גרויסע מנהיגים פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, די גדולי־הדור, וואָס מיט יאָרן שפּעטער זענען זיי אויך געווען די גרינדערס און ערשטע רעגירערס פון מדינת ישראל: די נעמען און די אויפטוען פון הערצל, וויצמאַן, בן־צבי, בן־גוריון, רובאַשאָוו (שזר) און צענדלינגער אַנדערע, זענען געבליבן איינגעקריצט אין זיין האַרצן, באַ־האַלטן ווי אַן אוצר צו וועלכן קיינער קען נישט צוקומען, און זייער געדעכעניש האָט אין אים דעם געטרייסטן שומר.

די דאָזיקע אינטימע צוגעבונדנקייט צו די געשטאַלטן וואָס האָבן געהאַט דעם מאָראַלישן כּוח צו שפּייזן די יידישע דורות פון אונדזער יאָרהונדערט מיט אַ נאַציאָנאַלן אידעאַל וואָס זיי האָבן דערפירט צו פאַר־ווירקלעכונג, איז מסתמא פריינד סימאָנס בולטסטער שטריך. בעת דעם שמועס אונדזערן ביי אַ קאַוועלע אין האָטעל „אַווילאַ", האָב איך געפילט אַז דער ייד איז אַ קוואַל, אַ שטיק פון אַ יידישער און ציוניסטישער ענציקלאָפּעדיע. איך מיין אַז דאָס איז אַ גרויסער זכות, נישט נאָר מצד פריינד סימאָן, נאָר בכלל: ווייל די אייניקייט און גרויסקייט פון אַ נאַציע ווערט אויך אויפגעהיט אַ דאַנק די געטרייע זין און טעכטער אירע, וואָס היטן אויף מיט יראת־הכּבוד דעם זכר פון די גדולי־האומה און פון זייערע מעשים.

סימאָן באַרגראַסער האָט געלערנט אין חדר און שטודירט אין גימ־נאַזיע. היינט געהערט ער צו דער ביזנעסוועלט, אָבער מיט דעם איז נאָך דער מענטש ווייט נישט אויסגעשעפּט. אין גרונט געהערט ער צו דער וועלט פון ביכער און פון אידעען, און די אידעען טרייבן צו מעשים, ווי דאָס איז אַרויסצוזען פון זיין אָנפירנדיקער אַקטואַציע אין די רייען פון דער פועלי־ציון־באַוועגונג, וווּ ער פאַרנעמט דעם אַמט פון סעקרעטאַר.

פריינד סימאָן באַרגראַסער באַזיצט עטלעכע שפּראַכן; פון יידיש און העברעיש איז דאָך אָפּגערעדט. איך האָב אַפילו ביי אים אַרויסגעדרונגען אַז ער האָט ליבערשט העברעיש ווי יידיש. פאַר דעם שרייבער פון די שורות איז די אידעאַלע באַציונג דווקא די, וואָס האַלט פאַר גלייך הייליק און חשוב אונדזערעביידע לשונות, סיי די אַלט־נייע שפּראַך פון תנ"ך, תפילה און הלכה, און פון היינטיקן לעבן אין מדינת־ישראל, סיי די טייערע

שפּראַך פון טויזנט יאָר אַשכּנז, פון אונדזער גרויסער ליטעראַטור, פון אונדזערע קדושים און פון טויזנטער און צענדליגער טויזנטער יידישע מענטשן, וועלכע וווינען און שאַפן היינט צו טאָג אין אַלע יידישע ישובים. מילאָ, זענען מיר אין דעם פּונקט געווען מחולק. אָבי מיר זענען דורכגעקומען מיט טאָלעראַנץ און מיט קעגנזייטיקן דרך־ארץ, איז עס שוין נישט געווען אַזאַ געפערלעכע מחלוקת...

דאָס פּאָרפּאָלק באַרגראַסער איז געבענטשט מיט צוויי געראָטענע קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. דער זון, מאַרטין, איז דאָקטער אויף עלעקטראָנישער טעכניק. ער פאַרנעמט אַ קאַטעדרע אין קאַראַקאַסער אוניווערסיטעט. די טאָכטער, ראַקעל, האָט פאַרענדיקט אינטערנאַציאָנאַלע שטודיעס, און די ווענעסועלער רעגירונגען האָבן זי געהאַלטן אַלס קאָנסול אין פּאַריז אין משך פון עטלעכע יאָר. היינט פאַרנעמט זי אַ הויכן אַמט אינעם פּראָטאָקאָל־אָפּטייל פון ווענעסועלער אויסלאַנד־מיניסטעריום.

די משפּחה באַרגראַסער שרייבט אַריין אַ ביז גאָר פיין קאַפּיטל אינעם יידישן לעבן פון ווענעסועלאַ, און עס קומט נאָר צו דאַנקען דעם פריינד יוסף לערנער, וואָס ער האָט מיך געשטויסן און מיר געהאָלפן זיי ווי געהעריק אָפּצושפּיגלען אין מיין בוך.

אַברהם הירשביין

כ׳וויל דאָ אָפּשפּיגלען בקיצור די פיגור פון אַ ייד, אַ קאַראַקאָסער תּושב פון נאָך דער מלחמה, אין וועמענס לעבן עס איז זיכער פאַראַן שטאָף אָנצושרייבן, נישט נאָר עפּעס בעסערס ווי מיינע באַשיידענע פּאָר זייטלעך, נאָר אַפילו אַ גאַנץ וואָגיק בוך. ווי אַרום בין איך אַזוי זיכער אין דעם? ווייל אַ ייד פון דער שארית־הפליטה, יעדער איינער פון זיי, אויב ער איז נאָר לעבן געבליבן נאָכן מוראדיקן חורבן, איז ממילא זיין לעבן אַ ניסים־מגילה, און וואָלט די ווערט געהאַט פאַראייביקט צו ווערן צווישן טאָוולען. און ס׳איז טאַקע אַ גרויסער שאָד, אַ פאַרלוסט פאַר אונדזער חורבן־ליטעראַטור, וואָס אַזוי פיל פון די דירעקטע קרבנות האָבן, מחמת פאַרשיידענע סיבות, נישט פאַרצייכנט אַליין די כראָניק פון זייערע יסורים, וואָגלענישן און ניסימדיקער רעטונג. אַוודאי האָבן אַ סך דאָס יאָ געטאָן, נאָר דאָס איז אַ בלויז קאַפּיטל פון אונדזער געשיכטע, וואָס וועט קיין מאָל נישט גענוג באַשריבן און באַלויכטן ווערן.

אין די ראַמען פונעם באַשיידענעם ציל וואָס איך האָב אונטערגענומען, איז נישט מעגלעך, אַז איך זאָל דעקן דעם דערמאָנטן בלויז אינעם פאַל פון איצטיקן קאַראַקאָסער תּושב אַברהם הירשביין. דעם אמת געזאָגט, ווי אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע איז פאַר מיר אַפילו צו גרויס מיין אייגנטלעכע שליחות, וואָס באַשטייט אין געבן אַ ברייט בילד פון דער יידישער געזעל־שאַפטלעכקייט אין קאַראַקאַס און פון די פערזענלעכקייטן וואָס שטעלן זי צוזאַמען. דאָס איז אַן אויפגאַבע וואָס נאָר אַן איינגעזעסענער תּושב וואָלט, מיט צייט און אויסדויער, געקענט פולשטענדיק אַרומנעמען. איך קען נאָר אָנוואַרפן שטריכן, אַראָפּכאַפּן דאָ אַ בילדל, פאַרצייכענען דאָרט אַ וויכטיקן פּרט. מכל־שכּן, איז נישט פאַר מיינע כּוחות צו שילדערן ווי געהעריק די פערזענלעכע געשיכטע פון מענטשן, אַפילו ווען זיי פאַרדינען דאָס דורכויס, און ווען דער רעזולטאַט וואָלט זיכער געווען העכסט אינטערע־סאַנט, ווי דאָס איז טאַקע אין דער אמתן מיט אַברהם הירשביין. וועל איך זיך באַנוגענען מיט געבן פון אים אַ בקיצורדיקן פּאָרטרעט.

ווי קום איך צו אַברהם הירשביינען? דורך אַ מזלדיקן צופאַל: ער איז אַ פריינד און מאַקס פרייליכס שוואָגער. זיין פרוי און רבקהלע פרייליך זענען לייבלעכע שוועסטער, מאַן און ווייב שטאַמען פון דער פוילישער

שטאָט קאַליש, און דאָ אין קאַראַקאַס לעבן זיי פון נאָכן חורבן אָן.

הירשביינען איז נישט פרעמד די יידישע ליטעראַטור און פרעסע. ער איז אַ גוטער מיטשמועסער וועגן יידישע ביכער, שרייבער, און וועגן אידעאָלאָגישע און פּאַרטייאישע שטרייטן. פון קינדוויז אָן געהערט ער צו דער רעוויזיאָניסטישער פּאַרטיי, פּאָלגט נאָך איר אַנטוויקלונג אין דער יידישער מדינה, טרויערט מיט אירע דורכפאַלן און פרייט זיך מיט אירע דערפּאָלגן. איצטער טאַקע האָב איך אים געטראָפן אין אַ גאָר געהויבענער שטימונג, ווי אַ רעזולטאַט פון דער הצלחה פון זיין באַוועגונג אין די ישראלדיקע וואַלן פון 1977.

ס'איז גוט צו שמועסן מיט אַ מענטשן וואָס נעמט זיך עפּעס צום האַרצן. גלייכגילטיקייט איז די ערגסטע קללה, יעדנפאַלס, ווען עס גייט אין יידישן עפנטלעכן לעבן. דערפאַר האָט מיר הנאה געטאָן פריינד הירשביינס טעמ־פּעראַמענט, וואָס מישט אַריין אַ ביסל פּאַטאָס אין דער געוויינטלעכער רויִקייט פון זיין האַלטונג. ער האָט ידיעות און קלאָרע שטעלונגען אין אַלע יידישע פּראָבלעמען, היגע פונקט ווי דרויסנדיקע, און קען זיך אַמפּערן איבער זיינע איבערצייגונגען. גוט אַזוי. נישט פון קיין קאַלטע „לונג־און־לעבערס" וועלן מיר אויפגעבויט ווערן.

אַ חידוש נאָר, וואָס אַזאַ טיף־באַטייליקטער ייד וויל נישט אַריינטרעטן פאָרמעל אין קיין שום אינסטיטוציע. נישט געקוקט אויף די פיל פאָר־שלאָגן וואָס מען האָט אים געמאַכט, זיך איינצוגלידערן אין דער אָדער אין יענער פאַרוואַלטונג (כ'ווייס, למשל, אַז מען האָט אים פאָרגעלייגט אַ גאָר בכּבודיקן אַמט אין שלום־עליכם קולטור־צענטער), האָט ער זיך אַלע מאָל סיסטעמאַטיש אָפּגעזאָגט. ער טענהעט, אַז ער באַנוגנט זיך וואָס זיין כּבוד איז דאָרט דאָ. דאָס מיינט ער זיין שוואָגער, מאַקס פריילין.

פאַר אונדז, יידן וואָס האָבן אַ גאַנץ לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט צרכי־ציבור, איז אַזאַ ענטפער, אַזאַ אָפּזאָג, אַפילו אַ קאַפּעלע פאַרדריסלעך. ס'טייטש, ווי נעמט דאָס אַ ייד, מיט וועלכן זיינע מיט־תּושבים סימפּאַטי־זירן, און וואָס פאַרמאָגט אייגנשאַפטן וועלכע זענען פאַרן יידישן ישוב נייטיק אין לעבן אַריין, ווי נעמט ער עס און מאַכט אַליין צו נישט זיין גאַנצן פּאָטענציעלן בייטראַג, און דאָס — מיט איין קורץ ווערטעלע: ניין!? אָבער אַזוי איז עס שוין, און אפשר איז פריינד הירשביין גערעכט: ווען דאָס יידישע לעבן זאָל פאַרמאָגן נישט נאָר גוטע „גענעראַלער", נאָר אויך גוטע פּשוטע „סאָלדאַטן", ד"ה יידן מיט אַ לעבעדיקן אינטערעס פאַר דער יידישער זאַך, און וואָס פירן אויס תּמיד מיט פּינקטלעכקייט און אַחריות זייערע פליכטן ווי געוויינטלעכע מיטגלידער פון זייער קהילה, וואָלטן מיר געווויס אַנדערש און שענער אויסגעזען.

מיין פרוי און איך האָבן געהאַט דעם כּבוד צו זיין איינגעלאַדן צו אַברהם הירשביינען אין שטוב, צוזאַמען מיט נאָך אַ גרופּע מענטשן. מיר זענען באַגייסטערט געוואָרן פון זיין מכניס־אורח זיין. זיין פרוי גוטאַ, אויך פון דער שארית־הפליטה, שטייט נישט אָפּ פון איר מאַן אין גאַסטפריינדלעכקייט. צו אַזעלכע יידן איז אַ נחת־רוח צו קומען. אַ גאַסט איז ביי זיי אַן אוצר. און זיי אַליין ווערן אויך באַלד ליב און טייער דעם גאַסט. אין מיין פאַל, אויף אַזוי פיל, אַז איך פיל זיך גליקלעך וואָס כ׳קען זיך רעוואַנזשירן און זיי געבן אַ פאַרדינטע אַכסניא אויף די בלעטער פון מיין בוך.

חיהקע און מרדכי מאַרקוס

ס'איז אַלע מאָל אַ פאַרגעניגן און אַ דערמוטיקונג, אַז מען טרעפט זיך אָן אויף מענטשן מיט אַ סענסיטיווער נשמה און אָפענע חושים פאַר די ווערטן פון קולטור און קונסט; מענטשן וועלכע באַנוגענען זיך נישט מיט „מאַכן אַ לעבן", צי מאַכן געלט, און ווייטער פילן זיי נישט קיין שום באַדערפעניש, נאָר פונקט קאַפּויער: זיי דאַרפן האָבן, ווי די לופט צום לעבן, אַ קולטור־סביבה, ווו זיי זאָלן מיט אַנדערע מענטשן זיך קענען טיילן מיט די עמאָציעס און געדאַנקען וואָס די העכערע קולטור־דערשיי־נונגען רופן אַרויס.

אַזעלכע מענטשן, אַז מען טרעפט זיי, זענען זיי אַ דערמוטיקונג. אָבער נאָך מער איז דאָס אַזוי, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וואָס האָבן אין זייער לעבן דורכגעמאַכט שווערע ליידן און איבערגעלעבט גרויסע נויטן, און דאָך האָט דער פיזישער דלות זיי נישט פאַראָרעמט גייסטיק, נישט אָפּגעלאָשן אין זיי די שטרעבונג צו עפּעס שענערס און בעסערס ווי גלאַט דער מאַטעריעלער ווווילטאָג.

אַזעלכע מחשבות קומען מיר אויפן זינען ווען איך טראַכט וועגן דעם קאַראַקאַסער פּאָרפּאָלק חיהקע און מרדכי מאַרקוס. זיי זענען געווען אַ שפּאַן די ווייט איינגעשלונגען צו ווערן פונעם היטלער־חורבן. געראַטעוועט האָבן זיי זיך דורך רוסלאַנד, ווו זיי האָבן געלעבט — אויב מען מעג דאָס אָנרופן געלעבט — דריי יאָר צייט. ערשט אין 1948 זענען זיי אָנגעקומען קיין קאַראַקאַס, ווענעסועלאַ.

ס'האָט נישט לאַנג גענומען, און דער ישוב האָט זיי אָנגעהויבן דער־קענען און אָפּשאַצן. אַבי זיי האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, האָבן זיי זיך גלייך איינגעגלידערט אינעם גייסטיק־קולטורעלן לעבן פון יידישן קאַראַקאַס. זייער היים איז תיכף געוואָרן אַן אַדרעס פון יידישער קולטור. מען האָט באַשיימפּערלעך געזען, אַז זיי וואָרצלען טיף אין דער דאָזיקער קולטור. אַסיפות און מסיבות זענען געוואָרן אָפטע דערשיינונגען אין זייער הויז.

בפרט האָבן די מאַרקוסעס זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פעיִקייט צו שאַפן אַ העכסט־יומטובדיקע שטימונג אַרום די באַזוכן פון חשובע קולטור־געסט און פערזענלעכקייטן. ביי אַזעלכע געלעגנהייטן האָבן זיי באַוויזן, אַז דער כוח פון עכטער גייסטיקער פרייד קען אויך יענעם מיטרייסן, און

פאַרוואַנדלען אַ קולטור־אונטערנעמונג אין אַ געשעעניש, וואָס בלייבט איינגעקריצט אין זכרון אויף לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

אַזוי איז דאָס געווען בעת דער גרויסער אַקטיאָר זיגמונט טורקאָוו האָט באַזוכט קאַראַקאַס. דעמאָלט האָט די פרייד פון דעם פּאַרפּאָלק מאַרקוס נישט געהאַט אירס גלייכן. יום־טוב און שׂמחה האָבן ממש אָנגעפילט זייער הויז. דאָס אייגענע, אויב נישט נאָך מער, איז געווען בשעת אונדזער גרויסער שרייבער, חיים גראַדע, איז געקומען אויף אַ באַזוך. דער שדכן פון דעם דאָזיקן קולטור־וויזיט איז טאַקע געווען נישט קיין אַנדערער ווי פ׳ מרדכי מאַרקוס אַליין, וועלכער קומט די לעצטע יאָרן זייער אָפט קיין מיאַמי. דאָרטן איז ער געווען דער שליח, וואָס האָט אַראָפּגעבראַכט גראַדען קיין קאַראַקאַס. קיין בעסערן דורכפירער פאַר דער שליחות האָט מען זיך גאָר נישט געקענט ווינטשן, ווייל — ווער נאָך איז ווי פ׳ מאַרקוס פאַרליבט אין אונדזער ליטעראַטור און אין אירע גרויסע מייסטערס? וועגן אים האָט מען געקענט זיכער זיין, אַז ער וועט נישט שפּאָרן קיין מי, און אַז ער וועט דעם גרויסן גאַסט ברענגען אויפן בעסטן אופן און בכבוד גדול.

עס איז ממש נישט צום באַשרייבן די שטימונג וואָס האָט באַהערשט קאַראַקאַסער יידן, און די דערהויבענע אָוונטן פון כּולו יום־טוב, וועלכע זענען דעמאָלט געפּראַוועט געוואָרן אין פריינד מאַרקוסעס ברייט באַקוועם הויז. יידן האָבן אַרומגערינגלט דעם געניאַלן דערציילער און פּאַעט מיט נישט ווינציקער וואַרעמקייט און פאַרערונג, ווי אונדזערע זיידעס און עלטער־זיידעס פלעגן פאַרצייטנס אַרומרינגלען אַ באַרימטן רבין. אַזאַ התלהבות האָט דעמאָלט געהערשט אין הויז פון דעם פּאַרפּאָלק מאַרקוס; ס׳איז געווען יום־טוב אין דער וואָכן, און יידן האָבן זיך געפרייט מיט דער זכיה, וואָס אַזאַ גרויסע פיגור פון יידישן גייסט געפינט זיך אין זייער מיט און באַשיינט זייער סביבה. זייער צעשטראַלטע פרייד האָט שאַרף אָפּגעלייקנט די פּעסימיסטישע שטימונגען, וואָס כאַפּן זיך אַזוי אָפט אַריין צווישן אונדז. מ׳האָט קלאָר געזען אַז „לא אַלמן ישראל" — יידן האָבן זיך נישט אויסגעדרייט מיט דער פליכט צו די שענסטע און העכסטע ווערטן פון דער יידישער קולטור־שאַפונג.

מיר האָבן דערמאָנט צוויי חשובע באַזוכן פאַר אַ מוסטער. אויך ביי פיל אַנדערע געלעגנהייטן האָבן די מאַרקוסעס אַרויסגעוויזן זייער געוואַל־דיקע ליבשאַפט צו יידישער קולטור און זייער אָנשטעקנדיקן ענטוזיאַזם פאַר גייסטיקע ענינים.

דאָס פּאַרפּאָלק מאַרקוס לעבט זיך אָן שום ספק האַרמאָניש און אידיי־ליש. דאָך איז פאַראַן איין שטריך וואָס איז בולט אַנדערש ביי יעדן איינעם פון זיי. פריינד מרדכי געהערט צו דער קאַטעגאָריע פון די שטילע קולטור־

געניסערס, ליבהאָבערס און טוערס פאַר אונדזער קולטור. ער האָט אַ סך געלייענט און זיך ממש אָנגעטרונקען מיט אונדזער קולטור־אוצר. דאַקעגן, זיין צד שכנגד, די חשובע און ליבע פרוי חיהקע מאַרקוס, האָט אירע פליגל אויסגעשפרייט נאָך ווייטער. נישט נאָר וואָס זי איז צוגעבונדן צו די זעלביקע גייסטיקע ווערטן ווי איר לעבנס־באַגלייטער, נאָר זי קען זיך דערהייבן נאָך העכער: זיין נישט נאָר אַ „נעמערין", נאָר אויך אַ „געבערין". זי איז מסוגל זיך אַוועקצושטעלן פאַר אַן אוידיטאָריע און אימפּראָוויזירן אַ רעדע אויף פאַרשיידענע טעמעס, אַז עס זאָל באמת זיין וואָס צו הערן. איר ליבשאַפט צו קולטור איז אַ פּרוכפּערדיקע, און האָט דערפאַר דעם כוח צו באַרייכערן די קולטור מיט אַן אייגענעם בייטראַג.

כ'מוז זיך פאַרענטפערן פאַר מיין צימצום. דער ליכטיקער קולטור־אַקטיוו פונעם האַרציק־ליבן פאָרל מאַרקוס באַטרעפט אַ סך מער. ווי אַ פרעמדער, אַ געקומענער פון אַן אַנדער ישוב, קען איך אָבער ברייטער נישט שרייבן; כ'קען אָבער זיי און זיך ווינטשן, אַז זייער פלאַמיקע ליבשאַפט צו גייסטיקע און קינסטלערישע ווערטן זאָל ווייטער אויס־שטראַלן, ווי ביז איצט, אויף זייער סביבה.

ראַקעל שמעלצער־קערן:
אַ לאַנג און נוצלעך לעבן

אַ פרוי — אַ יוצא מן הכלל, צוליב אַ סך מאָטיוון. קודם כל, צוליב איר אומגלייבלעכער יונגשאַפט, וואָס זי ווייזט אַרויס אויף טריט און שריט, סיי גייסטיק און סיי פיזיש, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי שפּאַנט שוין אין 82סטן לעבנסיאָר. צווייטנס, וואָס זי מאַכט נישט קיין סוד פון איר עלטער, כאָטש דווקא זי וואָלט געקענט זייער גרינג אַלעמען „אָפּנאַרן" אויף גאַנצע צען אָדער פופצן יאָר... דריטנס, ווייל זי פאַרמאָגט אַן אומ־פאַרגלייכלעכן צדקה־רעקאָרד, סיי לטובת דער אַלגעמיינער אָרעמשאַפט פון דער וועגעסועלער באַפעלקערונג, סיי לטובת ספּעציפיש־יידישע גע־זעלשאַפטלעכע און נאַציאָנאַלע הצטרכותן.

ביי וועגעסועלער יידישע פרויען איז אַן אָנגענומענע זאַך, אַז וויל־טעטיקייט, הילף און סאָלידאַריטעט, זענען נישט נאָר עקסקלוסיוו פאַר אונדזערע אייגענע אַחינו בני ישראל, נאָר דאַרפן אויך אַרומנעמען אַלע נויטבאַדערפטיקע בכלל, ווי אַן אויסדרוק פון מענטשלעכער ברידערלעכ־קייט. אין אַן אַנדער קאַפּיטל פון מיין בוך, דערמאָן איך אַפילו חשובע און איינגעפונדעוועטע פרויען־אָרגאַניזאַציעס, וואָס פירן שוין זינט יאָר־צענדלינגער זייער רחמימדיקע אַרבעט לטובת די ליידנדיקע פון אַלע רעליגיעס, נאַציעס און קלאַסן. דאָך קען זיך קיינער נישט פאַרגלייכן מיט פרוי ראַקעל שמעלצער־קערן, מיט איר טיף הומאַניטאַרן צוגאַנג צו דער פראַגע פון העלפן דעם מיטמענטש. זי זעט אויס אין מיינע אויגן ווי די פאַרקערפּערונג פונעם שפּאַנישן ווערטל: „טו גוטס און קוק נישט וועמען", אויף אַזוי פיל איז איר וווילטעטיקע אַרבעט געווענדט פאַר אַלע מענטשן גלייך, צו יעדערן וואָס שטרעקט אויס נאָך הילף אַ בעטנדיקע האַנט.

אַז כ'האָב זיך דערוווּסט וועגן דער דאָזיקער זעלטענער, חשובער דאַמע, האָב איך נישט פאַרלוירן קיין צייט און גלייך געבעטן מיט איר אַ „ראַנדעוווּ". זי האָט מיר געענטפערט מיט אַ האַרציקן „יאָ", און אַזוי אַרום האָב איך געהאַט דאָס פאַרגעניגן מיט איר פערזענלעך צו שמועסן און זיך דערוויסן פּרטים פון איר ביאָגראַפיע און היינטיקער טעטיקייט.

ראַקעל שמעלצער איז געבוירן געוואָרן אין אַן עסטרייכיש שטעטל, אַיליסעסטי, דעם 1טן דעצעמבער 1896. שפּעטער איז דאָס שטעטל געוואָרן

אויס עסטרייך, און איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער בוקאָווינע. דער פאָטער, ר׳ חיים שמעלצער, איז געווען אַ גרויסער אינדוסטריאַל און סוחר אין דער מאַנופאַקטור־בראַנזשע. די מאַמע, רייזל, איז געווען אַ פרומע יידישע טאָכטער, וואָס האָט אויפן אידעאַלסטן אופן באַגלייט איר מאַנס דרכים. דער זיידע, ר׳ משה, איז אין 1909 אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו ער האָט געפונען זיין אייביקע רו. ר׳ חיים שמעלצער איז געווען פון די אָנגעזעענע כלל־טוערס אין שטעטל, און אַז רבנים פון שכנותדיקע צי פון ווייטערע מקומות האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט צו האַלטן שבת, האָבן זיי נישט געוווּסט פון קיין אַנדערער אַכסניא, נייערט פון ר׳ חיימס מכניס־אורחדיקער שטוב.

ראַקעלס עלטערן האָבן צווישן זיך, נאַטירלעך, גערעדט יידיש, אָבער צו די קינדער זייערע האָבן זיי גערעדט דייטש, ווייל אויף דעם לשון האָבן די יונגע געלערנט. די דייטשמערישע אויסשפּראַך און אויך וואָקאַבולאַר, איז נאָך היינט צו טאָג קענטיק אין מרת ראַקעלס יידישן דיבור, אָבער דאָס שטערט אונדז גאָרנישט זיך איינצופאַרשטיין און צו געניסן פון דעם געמיטלעכן שמועס.

ווען דער היטלעריזם האָט פאַרכאַפּט עסטרייך, איז די קערן־משפחה — ראַקעל, איר מאַן און איר זון — נאָר עטלעכע חדשים פאַרבליבן אויף דער ברענענדיקער אייראָפּעישער ערד: דעם 2טן פעברואַר 1939 זענען זיי אָנגעקומען אין וועַנעסועלאַ, און אַזוי ארום ניצול געוואָרן פון דער גרויסער קאַטאַסטראָפע.

אין וועַנעסועלאַ האָט דער גורל אַרויסגעוויזן די ערשט איינגעוואַנדערטע קערנס אַן אויסערגעוויינטלעך גינציקע באַציונג. זיי האָבן גאָר גיך אַוואַנסירט עקאָנאָמיש און זיך איינגעגלידערט געזעלשאַפטלעך. גאָר שנעל האָט דער נאָמען ראַקעל שמעלצער־קערן זיך גענומען באַווייזן בראש פון אַן אַ שיעור נאָבעלע, העכסט מענטשלעכע איניציאַטיוועס, סיי אויף דער יידישער, סיי אויף דער אַלגעמיינער גאַס. איר באַטייליקונג אין אַלגעמיינע צדקה־ און הילף־קאַמפּיינען איז אין־לשער. דער וועַנעסועלער רויטער קרייץ, די געזעלשאַפט קעגן קאַנסער פון דער הויפּטשטאָט, די וועַנעסועלער פרויען־געזעלשאַפט, פונקט ווי אַ גאַנצע ריי קינדערהיימען, אַזילן און הילפס־אָרגאַניזאַציעס פאַר בלינדע אָדער קראַנקע קינדער, האָבן זי געציילט, און ציילן זי נאָך, צווישן די פּראָמינענטסטע טוערינס, שטיצערינס און אָנפירנדיקע מיטגלידער. זי האָט געשאָנקען איר ברייטהאַרציקע הילף סיי פאַר מלוכהשע אַנשטאַלטן, סיי פאַר קירכלעכע וווילטעטיקע אונטער־נעמונגען. טאָלעראַנץ און טיפע סאָלידאַריטעט מיט יעדן ליידנדיקן מענטשן, דאָס זענען די הויפּט־לאָזונגען, וואָס אונטער זיי האָט זי געפירט איר טיף

מענטשלעכע טעטיקייט אין משך פון שוין כמעט פולע פערציק יאָר.

טאָמער איז דאָס אַלץ ווייניק געווען, האָט זי זיך נאָך דירעקט אָפּ־געגעבן ווי אַ פרייוויליקע אין שפּיטאָל־אַרבעט, און אין 1974, זייענדיק אַליין שוין קרוב צו די שמונים, האָט זי פאַרדינט אַן אויסצייכענונג פאַר... 500 שעה פרייוויליקע אַרבעט אין אַ שפּיטאָל!

פרעגט זיך אַ שאלה: פון וואַנען האָט די דאָזיקע קליינוווקסיקע פרוי גענומען כּוח און צייט צו ווירקן אויך אין די ספּעציפיש יידישע קרייזן? שווער צו געבן אַן ענטפער, סיידן דאָס וואָס מיר האָבן שוין מער ווי איין מאָל אַרויסגעבראַכט: ווייזט־אויס, אַז דער אייבערשטער פאַרטאָפּלט די ענערגיע פון מענטשן וואָס שטרעבן צו טאָן גוטס, פּונקט ווי ער העלפט זיי אויך בייצוקומען די שוועריקייטן פון דער זיקנה. אַ פאַקט איז, אַז מרת ראַקעל שמעלצער־קערן איז געווען צווישן די מיטגרינדערס פון „וויצאָ" אין קראַקאָס, און איז געשטאַנען בראש ווי די פּרעזידענטין פון דער אָרגאַניזאַציע צווישן 1946 און 1950, און ווי די ערן־פּרעזידענטין אין 1971. זי איז אויך די איינציקע פרוי, וואָס האָט זוכה געווען באַצייכנט צו ווערן ווי די ערן־פּרעזידענטין פון דער קהילה „אוניאָן איסראַעליטאַ"; זי איז פּרעזידענטין פון ווענעסועלער קאָמיטעט פאַרן קרן־קימת, און האָט באַקומען אין 1971 דעם מעדאַל צו 70 יאָר קק"ל. אין די פופציקער יאָרן איז זי געווען צווישן די איניציאַטאָרן פון „באַליוואַר־וואַלד" אין מדינת־ישראל, און ווי אַזאַ איז זי געפאָרן אין דער יידישער מדינה מיטנעמענדיק געוויסע מינים פון ווענעסועלער ביימער און אַ בילד פונעם באַפרייער סימאָן באַליוואַר. אין 1970, ווידער, האָט זי גענומען אונטער אירע פליגלען דעם פּראָיעקט פון פלאַנצן אַ וואַלד אין ישראל אויפן נאָמען פונעם גרויסן ווענעסועלער מלוכה־מאַן און שרייבער ראָמולאָ גאַלעגאָס, אַ פּלאַן וואָס האָט פיל בייגעטראָגן צו דער דערנענטערונג צווישןביידע לענדער אויפן העכסטן ניוואָ.

היינט צו טאָג, אין די יאָרן ווען אַנדערע מענטשן — אויב זיי האָבן שוין די זכיה צו דערלעבן אַזאַ עלטער — קאָנצענטרירן זיך בלויז אויף זייער אייגן לעבן, געזונט און אַנדערע ענג־פּערזענלעכע דאגות, איז ראַקעל שמעלצער־קערן ביי איר פולער פיזישער און גייסטיקער פרישקייט, און דינט ווי אַלע מאָל אירע דערהויבענע, מענטשלעכע אידעאַלן. זי שטייט אויף מיטן שפּראָץ פון טאָג, און שוין פאָרט זי אַרויס, געפירט דורך איר שאָפער, אויסצופירן איר איידעלע, מענטשלעכע שליחות פון דעם געגע־בענעם טאָג.

איר מאַן, פריינד קערן, איין יאָר עלטער פון איר, טראַכט אפשר אויף אַ רגע אַז ס'וואָלט שוין צייט געווען, אין די יאָרן, צו פאַרבלייבן

מער אין דער היים און זיך איינער דעם אַנדערן לייסטן געזעלשאַפט. אָבער באַלד איז ער זיך זיכער מיַישב, אַז צוליב אַזאַ אומגעהייער מענטשלעך ווערק, ווי זיין לעבנס־באַגלייטערין פירט דורך, איז כדאַי מקריב צו זיין עפּעס אויך אויף דער עלטער, פונקט ווי ער האָט דאָס מיט אויסער־געוויינטלעכער פּאַרשטענדעניש געטאָן אין משך פון די אַלע יאָרן. כ׳בין זיכער, אַז פרוי שמעלצער־קערן שאַצט אָפּ און איז דאַנקבאַר איר מאַן פאַר זיין איידעלער באַנעמונג אויף דעם געביט.

אַזוי פליסט זיך, אַקטיוו און אידיליש, דאָס לעבן פון דער משפחה קערן. דער זון איז היינט גוט איינגעאָרדנט אין דער פּאַרמאַצעווטישער בראַנזשע, פאַרמאָגט אַן אייגענע לאַבאַראַטאָריע. און ראַקעל שמעלצער־קערן גייט ווייטער אָן, ביי איר מאַנס ליבלעכער פּאַרשטענדעניש, מיט איר מוטערלעכער טעטיקייט לטובת אַלץ וואָס איז עכט יידיש און עכט מענטשלעך אין איר סביבה.

פרוי שלימאַק טשאַרנאַ

פעדעריקאָ שלעזינגער ע״ה

כאָטש דער טויט איז אַן אומפאַרמיידלעכע דערשיינונג אין מענטש־לעכן לעבן, קען דער שרייבער פון די שורות נישט אויסמיידן צו פילן ווי אַ ריס אין האַרצן, ווען עס פעלן אויס מענטשן פון אָט דעם טייערן קרייז פון יידישער עסקנות, וועלכע זענען די הויפּטהעלדן פון אַלע מיינע באַ־שרייבונגען. דער טויט פון ה׳ פעדעריקאָ שלעזינגער איז געווען איינער פון די פאַלן, וואָס האָבן אויף מיר געמאַכט דעם פיינלעכסטן רושם.

בעת איך האָב ביי מיר אין געדאַנק אויסגעוואָרעמט דעם פּלאַן פונעם בוך וועגן יידישן קאַראַקאַס, איז דער לעבעדיקער פריינד, שלעזינגער, דער ווינער ייד וואָס איז אין ווענעסועלאַ דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן ערשטראַנגיקן האָטעל־אונטערנעמער, געשטאַנען אויפן צעטל פון די מענטשן מיט וועלכע כ׳האָב בדעה געהאַט צו שמועסן און אַריינצונעמען זייער פּען־פּראָפיל אין מיין בוך.

ווי גרויס איז אָבער געווען מיין איבערראַשונג און טרויער, ווען מיין ליבער חבר מאַקס פריילעך האָט גלייך אויפן לופטפּאָרט, ווו ער איז מיך געקומען אַפּוואַרטן בעת מיין אָנקומען אין ווענעסועלאַ, מיר מודיע געווען, אַז ער איז געקומען איינער אַליין, ווייל נאָך עטלעכע פריינד וואָס האָבן געזאָלט מיך מקבל פנים זיין, האָבן אומגעריכט געמוזט גיין גאָר אויף אַ לוויה: די לוויה פון פעדעריקאָ שלעזינגער...

איך האָב שלעזינגערן גוט געקענט נאָך פון די פופציקער יאָרן. איך פלעג איינשטיין אין זיין האָטעל, דער „פּאָטאָמעק״. איך האָב אויך געקענט זיינע מידות־טובות, ווייל ער האָט געשמט ווי אַ פילאַנטראָפּ, מיט אַ זעל־טענער איבערגעגעבנקייט פאַר די נויטן פון דער יידישער געזעלשאַפט־לעכקייט.

צווישן זיינע גרויסע ביישטייערן האָט זיך געפונען דאָס דעקן יאָר־יערלעך דעם ריזן־באַנקעט, וואָס די פריינד פון ירושלימער שערי צדק־שפּיטאָל, מיט פרוי סאָפיאַ מישקין בראש, אָרדענען תמיד איין לטובת זייער אַנשטאַלט. שענקען די גאַנצע אָרגאַניזירונג און הוצאה פון אַזאַ מסיבה אין זיין האָטעל, אויף וועלכער עס פאַרזאַמלען זיך געוויינטלעך איבער זעקס הונדערט געסט, איז פאַר זיך אַליין אַן אומגעהייער גרויסע נתינה. און ווען דאָס ווערט נאָך געטאָן מיט אמתן אינטערעס און ליבשאַפט פאַר

דער זאַך, איז דאָס נאָך מער אָנגעלייגט, און דערפאַר פאַרשטייען מיר, אַז מיט פריינד שלעזינגערס אַוועקגיין האָט פרוי מישקין, איר צו לענגערע יאָר, פאַרלוירן אַ באמת געטרייען מיטאַרבעטער.

שלעזינגערס לוויה איז געווען די ערשטע געשעעניש, לײדער אַ טרויעריק געשעעניש, וואָס כ׳האָב פאַרצייכנט גלייך דעם ערשטן טאָג פון מיין שליחות. דאָס גאַנצע יידישע קאַראַקאַס האָט באַגלייט די לוויה און אויפריכטיק באַוויינט דעם דאָזיקן ווינער ייד, וואָס איז געשטאָרבן אין עלטער פון קוים 72 יאָר, ווען אַלע האָבן נאָך פיל דערוואַרט פון זיין סענסיטיווער, ברייטהאַרציקער פערזענלעכקייט.

דאָן כאַקאָבאָ שניידער

מיר האָבן שוין אין אַנדערע קאַפּיטלען דערמאָנט דעם יחוס פון דער בעסאַראַבער שטאָט ליפּקאַן. דער מענטש וועלכן מיר האָבן דעם כּבוד היינט אַריינצופירן אין דעם היכל פון דעם בוך, קומט טאַקע אַרויס פון יענעם יחוס. ער האָט פאַרענדיקט גימנאַזיע אין טשערנאָוויץ אין יאָר 1925, און מיט צוויי יאָר שפּעטער זעט מען שוין דעם נייעם גימנאַזיסט אויפן פּערוואַנער באָדן. גלייך ווי טויזנטער פון זיינע ברידער, האָט ער דער־שפּירט אַז די אַלטע היימען ברעכן זיך צוזאַמען און פאַלן איין, און מען מוז זוכן אַ ניי לעבן אונטער נייע הימלען.

דאָך האָט גענומען אַ לענגערע צייט ביז פּ׳ כאַקאָבאָ שניידער האָט פאַר זיך געפונען דאָס ריכטיקע אָרט אויף דער אַמעריקאַנער ערד. פּערו האָט אים נישט אין גאַנצן צופרידנגעשטעלט, האָט ער געפּרוווט זיין מזל אין קאָלאָמביע, אָבער אויך דאָרט האָט ער זיך נישט געפילט נאָך אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ. ערשט אין 1947, אַז ער איז געקומען קיין ווענעסועלאַ, האָט ער געפונען זיין תיקון, און אָפּגעשלאָסן דאָס לאַנגע קאַפּיטל וואַנדע־רונגען אין זיין לעבן.

די קאָנקרעטע סיבות, פאַר וואָס אַזאַ ייד ווי כאַקאָבאָ שניידער האָט זיך נישט געקענט געפינען קיין פּלאַץ אין לענדער ווו טויזנטער יידישע אימיגראַנטן האָבן זיך איינגעאָרדנט אָן שוועריקייטן, און דערפאַר האָט ער געמוזט דורכמאַכן אַזעלכע לאַנגע זוכענישן — די סיבות געהערן צו דער קאַטעגאָריע פון פּריוואַטע ענינים, אין וועלכע מיר מישן זיך נישט. נאָר איין זאַך איז זיכער: שניידער איז נישט געווען קיין דורכשניטלעכער אימיגראַנט. ער איז געקומען אין די אַמעריקעס מיט אַ גייסטיקן באַגאַזש, און מיט אַ צוגעבונדנקייט צו גייסטיקע ווערטן. ער האָט לחלוטין נישט געטיילט די טיפּישע אימיגראַנטישע פּסיכאָלאָגיע פון זוכן דעם שנעלן עקאָנאָמישן אויפשטייג און דאָס פאַרפעסטיקן די מאַטעריעלע פּאָזיציע. דאָס וואָס איז פאַר אַ וועלט מיט מענטשן געווען לייכט, איז פאַר שניידערן געווען נישט נאָר שווער, נאָר בעיקר — פרעמד. אַ מענטש וואָס האָט זיך געשפּייזט מיט סאָציאַלע מחשבות און נישט מיט קיין גאָלד־חלומות; וואָס האָט געפילט מער התלהבות ביים אָנשרייבן אַ שיין וואָרט ווי ביים אָפּ־שליסן אַ גוט געשעפט... און אָט דער מענטש האָט אויסגעפירט. ער האָט

באַוויזן זיך סוף כּל סוף איינצוגלידערן אין נאַציאָנאַלן יידישן לעבן דווקא מיט זיינע גייסטיקע אומרוען, מיט זיין קולטורעלער מדרגה, און מיט זיין גרויסער פעיִקייט צו ציבורדיקער אַרבעט.

פיר יאָר צייט האָט דאָן כאַקאָבאַ שניידער אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל אויף שפּאַניש, „פּאַכינאַס העברעאַס״. ער האָט זיך איינגעגלידערט אינעם באַנדס־קאַמפּיין אין וועגעסועלאַ, און האָט אים געדינט בלב־ונפש, ווי דער לאַנד־דירעקטאָר, אין משך פון 18 יאָר. איך געדענק, אַז מיר פלעגן זיך אָפט טרעפן בעת מיינע ערשטע באַזוכן אין קאַראַקאַס, אויף מסיבות פון די הסתדרות־פריינד. אַז ער האָט גענומען אַ וואָרט אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָט מען גלייך זיך געקענט איבערצייגן, אַז זיין שם ווי אַ קולטורמענטש איז נישט קיין אומבאַרעכטיקטער. שפּעטער, אַז ס׳איז אַנטשטאַנען דער שלום־עליכם קולטור־צענטער, האָט שניידער אויף דער דאָזיקער טריבונע געהאַלטן רעפעראַטן, וועלכע האָבן צוגעצויגן אַ גרויסן עולם.

זעען מיר, בכן, אַז דאָן כאַקאָבאַ שניידער האָט אין זיין סביבה קיין פּראָזאַישע פאַרמעגנס נישט אָפּגעשפּאַרט, אָבער דערפאַר האָט ער יאָ אָפּגעשפּאָרט דרך־ארץ און אָפּשאַצונג פאַר זיין גייסטיקער פערזענלעכקייט, וואָס דאָס איז אַ זעלטענער פאַרדינסט אין אַ סביבה ווו מאַטעריעלער דערפאָלג שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע.

דערפאַר האָט פּ׳ שניידער גאָר נישט קיין פאַרדראָס, וואָס ער האָט אין די אַמעריקעס נישט אָנגעזאַמלט קיין עשירות. ער לעבט זיך גליקלעך און צופרידן מיט זיינע באמת גרויסע דערגרייכונגען, צווישן וועלכע מען דאַרף בלי־ספק אַריינרעכענען אויך זיינע צוויי געראָטענע זין. דער עלטערער, ערנעסטאָ, איז אַן אַרכיטעקט, אָבער דער גורל האָט אים געפירט אויף די וועגן פון געשעפטן. אַחוץ דעם, האָט ער מיטגעאַרבעט זיבן יאָר צייט אין ישראל־קאָנסולאַט אין קאַראַקאַס. דער יינגערער זון, משה, איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער איז שוין פיל מאָל באַערט געוואָרן מיט אויס־צייכענונגען און פּרעמיעס פאַר זיינע מוזיקאַלישע שאַפונגען, וועלכע ווערן זייער אָנערקענט סיי אין לאַנד, סיי אין אויסלאַנד.

היינט איז פריינד כאַקאָבאַ שניידער שוין אַ צוריקגעצויגענער, אָבער דאָס איז אַ וואָרט וואָס מען קען טייטשן ווי מען וויל. פאַר אַ סך קען עס מיינען אַ קללה: מען ווייס נישט וואָס צו טאָן מיטן טאָג, ווו זיך אַהינצוטאָן, מען געפינט זיך נישט קיין אָרט. דאָס איז אָבער נישט קיין פּראָבלעם פאַר מענטשן מיט כאַקאָבאַ שניידערס שעפערישן אימפּולס און גייסטרייכער פערזענלעכקייט. זיין פרייע צייט נוצט ער אויס צו נעמען און צו געבן. נעמען — ביי ביכער און זשורנאַלן, וועלכע זענען די בעסטע פריינד זיינע אין זיינע פענסיע־יאָרן; געבן — דעם ציבור, דעם מיטמענטש,

דורך זיין אַקטיווער מיטאַרבעט במשך די לעצטע 10 יאָר אין איינער פון די וויכטיקסטע קאַראַקאַסער אינסטיטוציעס, די בני־ברית, ווו פריינד שניידער איז היינט צו טאָג דער ערשטער וויצע־פּרעזידענט.

מיט געציילטע ווערטער: דאָן כאַקאָבאָ שניידער איז אַ מענטש וואָס האָט עקשנותדיק געזוכט און געפונען זיין גורל ווי אַ מענטש מיט גייס־טיקער און געזעלשאַפטלעכער פילבאַרקייט, און מיט אַ באַדייטנדיקן זשורנאַליסטישן און רעדנערישן טאַלאַנט. ער האָט געגעבן אַ שיינעם בייטראַג וואָס איז צווישן אַנדערן דאָקומענטירט אין זיין זאַמלונג פאָטאָ־גראַפיעס (אַגב, עטלעכע פון זיי ווערן אַריינגענומען אין דעם בוך). ווינטשן מיר אים ער זאָל דעם דאָזיקן בייטראַג ווייטער קענען צושטייערן אין פריידן, און פון דעם געניסן לאַנגע, געזונטע יאָרן.

ר׳ אפרים שטיינמעץ

עס קומט מיר איצט אויס צו שרייבן וועגן אַ מענטשן, וועמען איך קען נישט פערזענלעך, און דאָך שטייען מיר פאַר די אויגן קלאָר און בולט זיינע מעלות טובות, ווייל „שם טוב כשמן טוב״ — אַ גוטער נאָמען איז ווי גוטער, שמעקעדיקער בוימל, וואָס זיין אַראָמאַט צעגייט זיך איבער אַלע ווינקעלעך. און מען דאַרף אים גאָר נישט אָנזען פאַר די אויגן אויף צו וויסן ווי טייער און מחיהדיק ער איז.

איך וויל שרייבן וועגן אַ יידן פון קאַראַקאַס, וואָס איז איינע פון די שענסטע פיגורן פון תורה־יידנטום אין אונדזערע קאַנטן, און וואָס דורך זיין פאַרצווייגטער משפחה וואַקסט ער אַריין אין דער וועלט פון תורה און לומדות, פון וועלכער עס ציט זיך זיין פאַרגאַנגענהייט און צו וועלכער עס בינדן אים אומצייליקע פעדעם אין דער איצטיקייט און אין דער צוקונפט.

ר׳ אפרים שטיינמעץ איז געבוירן געוואָרן אין דער אונגאַרישער הויפּטשטאָט — בודאַפּעשט. זיין פאָטער, הרב חנינא יו״ט שטיינמעץ, איז היינט רב אין שיקאַגאָ. צו 11 יאָר איז שוין אפרים געווען אַן עמיגראַנט אויף דער ערד פון סאַנטאָ־דאָמינגאָ, אָבער ווייזט אויס, אַז סאַנטאָ־דאָמינגאָ איז נישט געווען קיין פּאַסיקער באָדן פאַר אַ יונגן־מאַן, וואָס האָט געשטרעבט צו אַ סביבה פון העכערער יידישער גייסטיקייט. זיי שטרעבונג האָט אים געפירט קיין קאַראַקאַס, וועניעסועלאַ, ווו ער האָט געפונען זיין פּאַסיקע היים.

אין קאַראַקאַס איז ר׳ אפרים נישט געוואָרן קיין רב, כאָטש ער האָט געהאַט די בעסטע צוגרייטונג דאָס צו ווערן. דערפאַר איז פון אים געוואָרן אַן עסקן בחסד עליון. און אפשר איז טאַקע בעסער אַזוי, ווייל ווי אַן עסקן האָט ער אויפגעטאָן פאַר רעליגיעזער יידישקייט דאָס, וואָס ער וואָלט ווי אַ רב אפשר נישט דערגרייכט.

ער איז געווען מיטגרינדער פון דער חברה שומרי־שבת, וועלכער ער האָט געדינט ווי דער גבאַי־ראשון אין משך פון פופצן יאָר. אין דער נאָר וואָס געשאַפענער ישיבה גדולה, איז אויך אַריינגעטאָן דער ערלעכער אָנשטרענג פון זיין האַנט. די מיקווה פון קאַראַקאַס האָט ער אויפגעבויט, בשותפות מיט ה׳ סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט. ער איז אויך באַטייליקט אין די בני־ברית, די פּרעסטיזשפולע יידישע וועלט־באַוועגונג, פון איר

אָפּטייל אין קאַראַקאַס איז פ׳ שטיינמעץ געווען אַ מיטגרינדער. אין דער ישיבה גדולה איז ער דער, וועלכער טראָגט אויף זיך דעם שווערן עול פון די פינאַנסן. ר׳ אפרים שטיינמעץ איז שטאָלץ מיט די אַלע דער־גרייכונגען, פּונקט ווי ער איז שטאָלץ מיט זיין פערזענלעכער פריינדשאַפט מיטן היינטיקן פּרעמיער פון מדינת ישראל, מנחם בעגין.

אָבער נאָך שטאָלצער ווי מיט די אַלע זאַכן, איז ר׳ אפרים שטיינמעץ שטאָלץ און גליקלעך מיט זיין אמתדיק גרויס פאַרמעגן: זיינע זיבן קינדער. לאַ כל אָדם זוכה — נישט יעדן מענטשן איז באַשערט אַזאַ גליק, אויס־צוהאָדעווען זיבן קינדער, אַלע געראָטענע, קיין עין־הרע, און וואָס אַלע גייען זיי אינעם טאַטנס און זיידנס דרכים, איבער דעם דרך־המלך פון תורה־יידישקייט. זיין זון ר׳ שלמה־ברוך לערנט אין דער מירער ישיבה אין ירושלים; די טאָכטער, בינה, איז אַ לערערין פון רעליגיע אין ניו־יאָרק. אַ צווייטע טאָכטער, ברכה, וווינט אין ירושלים און איז מדריכה אין מדרשה אור ירושלים. נאָך אַ זון אַ בחור, בנימין, לערנט זיך אין דער טעלסער ישיבה, אין קליוולאַנד. דניאל שטודירט אויך אין אַ ישיבה: אין ספּרינגוועל, ביי ניו־יאָרק. די אַנדערע צוויי טעכטער — צפּורה און טאַמאַראַ, לערנען אין דער יבנה־שול אין קאַראַקאַס. די משפּחה איז אַזוי אַרום איינגעפלאָנצט אין די חשובסטע פּונקטן פון דער יידישער רעליגיעזער וועלט, און דאָס איז אַ גרויסע זכיה, וואָס ר׳ אפרים שטיינמעץ און זיין חשובע לעבנס־באַגלייטערין האָבן זיך כשר פאַרדינט אַ דאַנק דער דער־ציונג און ביישפּיל וואָס זיי האָבן געגעבן זייערע קינדער.

ס׳בלייבט נאָר זיי צו ווינטשן, זיי זאָלן ווייטער און כסדר שעפּן נחת פון זייער געראָטענעם נאָכוווקס. און זיך אַליין ווינטש איך, איך זאָל דעם דאָזיקן יידן באַגעגענען אַ מאָל פּנים־אל־פּנים. האָט עס נישט געקענט זיין בעתן גרייטן דאָס בוך — טאָ זאָל עס כאָטש זיין ווען מיר וועלן אם ירצה השם פייערן דעם סיום.

זאב דאַרער ע״ה

דער דאָזיקער נאָמען לעבט נאָך פריש אין מיין זכרון, נאָך פון יענע צייטן, אָנהייב פופציקער יאָרן, ווען איך האָב גענומען זיך ערשט באַקענען מיט ווענעסועלאַ און אירע יידן.

אין פלוג איז דאָס געווען אַ ייד אַ סוחר. אַ דאַרער, טאַקע אין איינ־קלאַנג מיט זיין פאַמיליע־נאָמען, און קיין שום זאַך האָט אין זיין דרויסנ־דיקן אויסזען נישט געגעבן אָנצוהערן, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט גאָר אַנדערע האָריזאָנטן, וואָס האָט שוין דורכגעמאַכט אינטערעסאַנטע גילגולים אויף זיין לעבנסוועג, און טראָגט זיך אַרום מיט געדאַנקען און שטרעבונגען, וואָס זענען ווייט פון זיין טאָג־טעגלעכער פראַקטיק — ממש ווי ס׳איז ווייט מזרח פון מערב!

און שפּעטער מיט אַ צייט, אַז כ׳האָב זיך שוין יאָ דערוווּסט ווער און וואָס ס׳איז דער דאָזיקער זאב דאַרער, האָט עס מיך אַ צי געטאָן: עפּעס האָב איך דערפילט אַ נאָענטקייט, אַ שייכות, ווי פון אַ מענטשן וואָס האָבן אין אַ געוויסן זינען געלעבט פּאַראַלעלע לעבנס.

דאַרער איז, פּונקט ווי איך, געווען אַ מענטש פון דער פערטער עליה, פון דער גרויסער אימיגראַציע־כוואַליע וואָס האָט זיך אַ לאָז געטאָן קיין ארץ־ישראל אָנהייב דרייסיקער יאָרן, און פון וועלכער אַ סך האָבן געמוזט נאָך דעם, מחמת די שווערע באַדינגונגען, זוכן אַ מקום־מנוחה אין נייע גלותן. כ׳מוז אָבער צוגעבן, אַז ער איז אין דעם זינען געווען אי אויסגע־האַלטענער, אי געדולדיקער ווי איך, ווייל אַ ציוניסט איז ער שוין געווען פאַר דער עליה, נאָך אין דער אַלטער היים, און אין ארץ־ישראל האָט ער זיך אויפגעהאַלטן לענגער, ביזן 37סטן יאָר, און האָט דאָרט באַוויזן צו זיין טעטיק אין דער אַרבעטער־באַוועגונג.

לאָמיר אָבער נישט פאַרלויפן דעם וועג זיך אַליין, און דערציילן בעסער די זאַכן מיט אַ סדר. זאב דאַרער איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל ליפּקאַן. דער דאָזיקער נאָמען אַליין וועקט אויף אַ ריי דערינערונגען, וואָס לאָזן אונדז נישט, אַריבערגיין גלייכגילטיק צום סדר־היום. איין קליינינקייט, ליפּקאַן! דאָס דאָזיקע קליינע שטעטעלע איז דאָך אָנהייב יאָרהונדערט, און ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען איינע פון אונדזערע גלותדיקע ירושלימס, און אונדזער גאַנצע יידיש־וועלטלעכע קולטור האָט זיך גע־

שפּיגלט אין די נעמען פון די גרויסע יידישע בעלי־יצירה, וואָס האָבן דאָרט געלעבט און געווירקט: די חכמי ליפּקאַן — אליעזר שטיינבאַרג, יעקב שטערנבערג, אליעזר גרינבערג... פון אַזאַ שטעטל צו שטאַמען, מעג מען אַליין נישט זיין קיין שרייבער און אַפילו קיין בן־שרייבער, איז שוין אַ גרויסער יחוס, וואָס ס'איז אַ מיצווה אים צו דערמאָנען און אויסרעכענען...

ווי געזאָגט, איז פריינד דאַרער נאָך אין ליפּקאַן געווען אַקטיוו אין די ציוניסטישע קרייזן, און האָט געאַרבעט פאַרן קרן־קימת. אין ארץ־ישראל איז ער געגאַנגען אַ סך ווייטער. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דער אַחדות־העבודה (פּונקט ווי איך בשעתו) און האָט אַרויסגעוויזן אָר־גאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן. דאָס האָט אים געפירט צו פאַרנעמען אַן אחריותפולן אַמט אין דער ועדת ההסתדרות אין חיפה.

ערשט אין 1937 זענען די דאַרערס, זאב און זיין פרוי רות, געקומען זיך באַזעצן אין קאַראַקאַס. פריינד דאַרער איז אוודאי דעמאָלט געקומען ווי עס קומען בדרך־כלל אימיגראַנטן ווען זיי וואַנדערן איין אין אַ ניי לאַנד: פול מיט האָפענונג און ציטערניש אין שייכות מיט די מאַטעריעלע שאַנסן פונעם מאָרגן. אָבער ער איז געקומען מיט עפּעס מער: פון די שווערע פאַרהאָרעוועטע יאָרן אין יידישן לאַנד האָט ער אָפּגעשפּאָרט אַ פעסטע צוגעבונדנקייט צו די אַרבעטער־אידעאַלן, וואָס זענען געווען פאַרקערפּערט אין דער הסתדרות, און אַ ליבשאַפט צו דער אויפגעלעבטער העברעישער שפּראַך, וואָס האָט שוין געהאַט באַוויזן צו ווערן זיין טאָג־טעגלעך לשון. און אָט דעם מיטגעבראַכטן באַגאַזש האָט זאב דאַרער באַשלאָסן נישט צו פאַרנאַכלעסיקן אין דער נייער היים, נישט געקוקט אויף די געביטענע אומשטאַנדן.

עקאָנאָמיש האָט דאַרער שטאַרק מצליח געווען, און באַגלייך מיט זיין סוחרישער טעטיקייט האָט ער זיך אַקטיוו באַטייליקט אין געזעלשאַפט־לעכער אַרבעט. מיטגעאַרבעט זינט איר גרינדונג מיט דער הערצל־ביאַליק־שול, און געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד. געווען אויך מיטגליד אין דער לייטונג פון דער קהילה אוניאָן איסראַעליטאַ. וואָס שייך זיין געטריישאַפט צו די אַרבעטער־אידעאַלן פון דער הסתדרות, האָט דאָס געלט זי נישט געקאָנט פאַרווישן. ווען דער שליח פון דער ישראלדיקער אַרבעטער־אָר־גאַניזאַציע, יעקב פייגנבוים, האָט באַזוכט קאַראַקאַס רופנדיק צו סאָלידאַ־ריטעט מיט דער הסתדרות, האָט זיך זאב דאַרער דער ערשטער אָפּגערופן. זיין איבערגעגעבנקייט אויף דעם געביט איז טאַקע די הויפּט־סיבה, פאַר וואָס איך האָב געוואָלט פאַראייביקן זיין זכר אין די טאָוולען פון דעם בוך.

מיט דער זעלביקער אויסגעהאַלטנקייט האָט ער זיך באַצויגן צו זיין צווייטער ליבע, דאָס העברעישע לשון, וואָס ער האָט זיך געפלייסט איינ־

צופֿלאַנצן אין זיין היים, ביי זיינע קינדער. אין 1954 האָט די גאַנצע משפּחה באַזוכט ישׂראל זיך צו מיטפֿרייען מיט דער מדינה און מיטן פּראָגרעס פֿון לאַנד אין די אָפּגעלאָפֿענע 17 יאָר, און אויך דאַן האָט דאַרער אין זינען געהאַט אויפֿצופֿרישן זייער העברעישע שפּראַך, וואָס זיי האָבן אָפּגעהיט ווי אַ באַזונדערן אוצר.

זאב דאַרער איז פּריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן פֿון לעבן. ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם פֿאַרשטענדלעכן צער, נאָר אויך דעם ליכטיקן מוסטער פֿון אַ יידן, וואָס איז בלב ונפֿש געווען און געבליבן געטריי דעם דרך וואָס ער האָט אויסגעקליבן אין יידישקייט.

זשאַן קוסמוערש,
דער ביבליאָטעקאַר

כ׳האָב בכיוון אָוועקגעשטעלט דאָס וואָרט „ביבליאָטעקאַר״ אינעם קעפּל פון אָט דעם פּאָרטרעט, ווייל איך וויל אַרויסברענגען ווי וויכטיק ס׳איז די פונקציע פון אַ מענטשן וועמען מען האָט אָנפאַרטרויט ער זאָל זיין, אַזוי צו זאָגן, דער פאַרמיטלער צווישן די עכטע קוואַלן פון וויסן און קולטור, און דעם מענטשן וואָס דאַרשט נאָך זיי און וויל צו זיי אָנקומען.

אָפטמאָל פאַרגעסט מען וועגן דער חשיבות פון דער ביבליאָטעקאַרישער אויפגאַבע, און מען טראַכט זיך אַז אַ ביבליאָטעקאַר איז נישט מער ווי אַ באַאַמטער, וואָס גיט אַרויס און נעמט צוריק די געבעטענע עקזעמפּלאַרן, גיט אַכטונג מען זאָל זיי נישט שעדיקן, מאָנט זיי אויף ווען דער לייענער פאַרזאַמט זיך מיטן צוריקגעבן, פאַרשרייבט די דאַטעס ווער און ווען ס׳האָט אַרויסגענומען וואָסער בוך, און כדומה אַזעלכע צווייטראַנגיקע עובדות. אָבער יודעי־חן, מענטשן וואָס זענען אָפטע איינגייערס פון ביבליאָטעקן, ווייסן אַז דער ביבליאָטעקאַר איז די נשמה פון אַזאַ אַנשטאַלט, און אַז פון זיין פּערזענלעכקייט קען אַ סך זיין אָפּהענגיק פאַר דער הצלחה פונעם לערנער און פאַרן אינטערעס פונעם לייענער.

אין דער געשיכטע פון אונדזער וועלטלעך־יידישער קולטור זענען איינגעקריצט מיט גאָלדענע אותיות די נעמען פון די ביבליאָטעקאַרן פון גרויסע יידישע ביכער־אוצרות אין די גרעסערע מזרח־אייראָפּעישע שטעט, און עס שיינען אויך, כאָטש אַנאָנים, די הונדערטער איבערגעגעבענע ביבליאָטעקאַרן פון די שטעטלשע פאָלקס־ביבליאָטעקן, וועלכע האָבן אַריינגעצויגן אַ גאַנצן דור אינעם אינטערעס פאַר אויפקלערונג, וויסנשאַפט און וועלט־ליטעראַטור. אַ ריכטיקער ביבליאָטעקאַר איז דער וואָס קען גרינטלעך די ביכער אונטער זיין השגחה און קען וועגן זיי געבן אַ מיינונג, אַ רעקאָמענדאַציע, ווי אויך באַרייכערט ווערן דורך אויסהערן מיינונגען און איינדרוקן פון לייענערס וועגן פאַרשיידענע ווערק.

זעלטן וועמען עס פּאַסט בעסער דער טיטל „ביבליאָטעקאַר״, אַפילו

מיט אַ האַ־הידיעה, ווי דעם מענטשן ווען דער שלום עליכם־קולטור־צענטער פון קאַראַקאַס האָט אַוועקגעשטעלט ווי דער ממונה איבער זייערע ביכער: פריינד זשאַן קוסמוערש. דאָס איז אַ וואַרשעווער ייד, אַ געבוי־רענער אויף מוראַנאָוו, וואָס האָט געלעבט אין וואַרשע ביזן לעצטן חורבן. ווי געוויינטלעך, וועל איך נישט שרייבן קיין פּרטים וועגן זיינע איבער־לעבונגען אין די מלחמה־יאָרן; דער לייענער קען זיך אַליין פאָרשטעלן מיט וויפל אוממענטשלעכע ליידן און אויך ניסים ס׳איז געווען פאַרבונדן זיין בלייבן לעבן. לאָמיר נאָר אָנצייכענען אַז ער האָט אינעם חורבן פאַר־לוירן טאַטע־מאַמע און צוויי שוועסטער — אַ דריטע האָט זיך געראַטעוועט און וווינט אין ישראל, — ווי אויך אַז ער האָט געקעמפט קעגן דייטש אין דער פּאַרטיזאַנקע, אויפן רוסישן באָדן. נאָך דער מלחמה האָט ער געלעבט אַ 5 יאָר אין פּוילן, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, ביז ער איז אין 1950 אָנגעקומען אין קאַראַקאַס.

דאָ האָט ער, אַ חוץ זיינע פּריוואַטע טעטיקייטן, זיך גענומען דער־נענטערן צו די יידיש־יידישע קרייזן. אַן אַביטוריענט פון גימנאַזיע און אַ ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט זיין הויכער קולטורעלער און מענטשלעכער ניוואָ באַלד צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע מיט־תושבים. ווען ס׳איז אויפגעקומען דער שלום־עליכם קולטור־צענטער און מ׳האָט געשאַפן די ביבליאָטעק, איז די באַשטימונג פאַר אַ ביבליאָ־טעקאַר גאַטירלעך אויסגעפאַלן אויף אים.

שוין זיבן יאָר ווי פריינד זשאַן קוסמוערש דינט בלב ונפש אויף זיין ביבליאָטעקאַרישן אַמט. ער טוט דאָס מיט דער גרעסטער מאָס אַחריות. זיין גרעסטע סאַטיספאַקציע איז ווען ער געווינט אַ לייענער. ער זאָרגט אַז דאָרטן זאָלן נישט פעלן קיין צייטונגען, זשורנאַלן מארבע פינות העולם. עס שטראַלט פון אים די וואַרעמקייט און סימפּאַטיע פון אַן עכטן פאָלקס־מענטש, און די אַלע מעלות טוט ער אַריין אין דער ביבליאָטעק־אַרבעט, וואָס איז פאַר אים געוואָרן דער העכסטער אידעאַל. דער לייענער־קרייז ענטפערט זיין ביבליאָטעקאַר מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ.

לאָמיר אויך צוגעבן, אַז נישט אַזוי גרינג איז דערגרייכט געוואָרן דער שידוך, פריינד קוסמוערש זאָל איינגיין זיך צו לאָזן פאַרשרייבן אויף די בלעטלעך פון דעם דאָזיקן בוך. ער געהערט בטבע צו יענעם עניוותדיקן סאָרט מענטשן וואָס האָבן גערן אַ סך צו געבן און ווייניק צו נעמען. נאָר אַזוי ווי ס׳האַנדלט זיך וועגן אַ ביכער־מענטש, איז מיר אַ ביסל בייגע־שטאַנען דער זכות פון מיין ערשט בוך, „אַ ייד אין קאָלאָמביע״, וואָס פריינד זשאַן האָט געהאַט איבערגעלייענט, און דאָס האָט אים שטאַרק דערנענטערט צו מיר. און פאַר מיר איז געווען אַן אַנטפּלעקונג אַז פריינד

זשאַן האָט גאָר פּערזענלעך געקענט מיין עלטערן ברודער, ישראל ע״ה, וועלכער ווערט אויך דערמאָנט אין זעלביקן בוך אונטערן קעפּל „מיין ברודער ישראלס רעסטאָראַן״. ווען נישט אַ דאַנק די אַלע זכותן, ווער ווייס צי ס׳וואָלט מיר געראָטן עפּעס צו באַקומען פון דעם דאָזיקן באמת ווערטפולן און באַשיידענעם מענטש. אַגב, האָב איך אים „געסטראַשעט״ אַז סיי ווי וועט ער זיך פון מיין פעדער נישט אַרויסדרייען, ווייל איך קען דאָך די מלאכה פון דערמאָנען אַ מענטשן מיט אָדער אָן זיין צו־שטימונג, מיט אָדער אָן זיינע אָנגעגעבענע דאַטן. אָבער פריינד קוסמווערש האָט סוף כל סוף אָנגענומען פאַר ליב מיין צושטיין, און ער האָט גע־ענטפערט אויף מיינע פראַגעס. איך האָף אַז דער רעזולטאַט וועט אים באַפרידיקן, ווי ער וועט זיכער צופרידן שטעלן זיינע פיל פריינד און פאַרערערס, וועלכע ווינטשן זיך צו זען, אַז מען דערמאָנט אים אַזוי ווי ער האָט זיך פאַרדינט.

רפאל ראָזענבערג

אַז אַ ייד פליסט זיך מקיים צו זיין אַ מצווה — לערנען אונדז אונדזערע אַלטע חכמים — העלפט מען אים צו פון אויבן. איך קען פאַר־זיכערן אַז דאָס איז ריכטיק. זינט כ׳האָב אויף זיך גענומען די דאָזיקע פרומע אויפגאַבע פון דערציילן פאַר דער וועלט די זכותן פון געטרייע זין און טעכטער פון יידישן פאָלק אין די ישובים פון קאָלאָמביע און ווענע־סועלאַ, האָב איך נישט איין מאָל געהאַט דאָס געפיל, אַז אַן אומגעזעענע האַנט פירט מיך פון איין געשטאַלט צו דער צווייטער און העלפט מיר, איך זאָל חלילה קיינעם נישט פאַרזען. אַ גליקלעכער צופאַל ווירקט, אַז אומבאַקאַנטע מענטשן ווערן מיר אַנטפּלעקט, און די געשיכטע פון איינעם קייטלט זיך אין דער געשיכטע פון אַ צווייטן, און פון אַ דריטן, אַזוי אַרום אַז איך באַוועג זיך צווישן פרעמדע פונקט ווי צווישן אַלט־באַקאַנטע.

אָט, צום ביישפּיל, קום איך אויף אַ באַזוך אין די ביוראָען פון מיין פריינד הילאַ אָספעלד, דער ראש הקהל פון דער „אוניאָן איסרעליטאַ״, אַ פּראָמינענטער קאַראַקאַסער עסקן, וואָס טוט ווי פאַר צען מענטשן, סיי אין זיין ציבורדיקער אַרבעט, סיי אין זיין פּריוואַטער אונטערנעמערישער און געשעפטלעכער טעטיקייט. איז נישט קיין חידוש, וואָס מיר טרעפן פריינד אָספעלדן אַ פאַרנומענעם מיט מענטשן, און ער בעט אונדז העפלעך אַ ביסל צוּוואַרטן.

זיצט מען אַזוי און מע וואַרט. אין דעם, גייט פאַרביי אַ יונגער מאַן: אין פלוג, אַ מענטש פון דער ביזנעסוועלט, אַ יונגער געשעפטסמאַן. איך קען אים נישט, אָבער מיין באַגלייטער, מאַקס פריילין, קען אים יאָ: דאָס איז רפאל ראָזענבערג, אָספעלדס אַ שותף. פאַרהאַלטן מיר אים אויף אַ רגע. ער זעצט זיך צו לעבן אונדז, און אָט קומט די איבערראַשונג: דווקא דער אַ מענטש מיטן אויסזען פון אַ יונגן עסקים־פירער, איז נישט נאָר אָספעלדס שותף אין ביזנעס, נאָר ער איז עס אויך אין קהלישער אַרבעט: שוין דריי יאָר ווי ער פאַרנעמט די ביז גאָר וויכטיקע פּאָזיציע פון קולטור־דירעקטאָר פון דער קהילה. איז עס פאַר מיר אי אַ חידוש, אי אַ סאַטיס־פאַקציע. איך טראַכט שטיל פאַר זיך אַז דאָס איז, אַ פּנים, „מקום גורם״ — די לופט אין קאַראַקאַס לאָזט נישט צו רו קיינעם. אַלע פילן אויף זיך די לאַסט פון דורות און די אַחריות פאַר יידישקייט, אויף אַזוי פיל, אַז ס׳איז

כמעט שוין אַ בושה נישט צו געהערן צו דער מחנה פון די עסקנים. און עס גייט אויף אין מיר אַ נייגעריקייט, צו וויסן עפּעס מער וועגן דעם דאָזיקן סימפּאַטישן, יונגן מענטשן.

רפאל ראָזענבערג איז געבוירן געוואָרן אין לאַ האַוואַנאַ, קובאַ. זיינע עלטערן זענען האַרציקע ליטווישע יידן: דער פֿאָטער, משה, איז געקומען קיין קובאַ נאָך אין 23סטן יאָר; די מוטער, לובאַ, מיט פיר יאָר שפּעטער. אין זייערע ערשטע יאָרן האָבן די ראָזענבערגס, באַזונדערס די מוטער, אַקטיוו מיטגעאַרבעט מיט דער לייקאַסע פאַר ערשט־איינגעוואַנדערטע, אומבאַמיטלטע אימיגראַנטן. שפּעטער איז משה ראָזענבערג געוואָרן אַ כסדרדיקער מיטאַרבעטער פון מגבית, און מרת לובאַ, האָט צוגעטראָגן איר חלק צו דער אַרבעט פון „וויצאָ". אין ווענעסועלאַ געפינען זיי זיך זינט 1960.

נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט, איז שוין רפאל ראָזענבערג אַ „וועטעראַן" פון יידישער און ציוניסטישער אַרבעט. נאָך אין 1952־53 האָט ער שטודירט אין מדינת־ישראל, אינעם אינסטיטוט פאַר געזעלשאַפטלעכע יוגנט־מדריכים אין די תפוצות „מכון למדריכי חוץ־לארץ". דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט זייער גוט העברעיש; אויך דאָס יידיש לשון פאַר־שטייט ער גוט. מיר האָבן צו טאָן, הייסט עס, מיט אַ מענטשן וואָס האָט שוין אַ פערטל יאָרהונדערט דערפאַרונג אין פראַגעס פון יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

דאָס יידישע ווענעסועלאַ מעג פיל דערוואַרטן פון דעם יונגן טוער רפאל ראָזענבערג, וואָס זיין יונגשאַפט, צוגרייטונג און פערזענלעכקייט, שטעלן אים אַוועק ווי אַ נאַטירלעכן קאַנדידאַט צו פאַרנעמען אין דער צוקונפט די העכסטע פּאָזיציעס. וואָס שייך מיר, האָב איך פשוט געדאַנקט דעם גליקלעכן צופאַל, וואָס האָט מיך צוזאַמענגעפירט מיט אָט דעם אינ־טערעסאַנטן מענטשן. ס'איז בפירוש כדאַי געווען.

חיים רייף ע"ה — דער שרייבער און מענטש

בשעת כ'בין געקומען באַזוכן דעם פּרעכטיקן ספּאָרט־צענטער פון דער „העברעאיקאַ" אין קאַראַקאַס, האָב איך זיך גאָר נישט פאַרגעשטעלט אַז איך וועל דאָרט טרעפן אַזאַ רייכן מענטשן־מאַטעריאַל פאַר מיין בוך. נישט חלילה ווייל איך האָב אונטערגעשאַצט די מעלות פון דער „העבראַיקאַ"־מיטגלידערשאַפט, נאָר פּשוט ווייל כ'האָב געמיינט, כ'קום נאָר זיך באַקענען מיטן בנין, מיט די איינריכטונגען, מיט דער הערשנדיקער סביבה. גיי זיי אַ נביא און טרעף, אַז ס'וועט דאָרט אויסקומען — אַ דאַנק דער טיכטיקייט פון מיינע באַגלייטערס — אָנצוזאַמלען פּערזענלעכע קאָנטאַקטן פאַר אַ גאַנצער ריי בכּבודיקע אינטערוויוען!

אָט ווייזט מען מיר אָן אויף אַ שלאַנקן, הויכן יידן, שוין נישט קיין יונגער מאַן, וואָס זיצט ביי אַ טישל. „אַ שרייבער", זאָגט מען מיר אונטער. און איידער וואָס־ווען — איז שוין פאַרקניפּט געוואָרן אַ לעבעדיקער שמועס מיט דעם דאָזיקן אינטעלעקטואַל וואָס הייסט חיים רייף, און וואָס די פרישקייט פון זיין געדאַנק און קלאָרקייט פון זכרון זענען זיך סותר מיט די קאַרגע שמונים פון זיין פיזישן עלטער.

געבוירן אין שטעטל זאַסטאַוונע (בוקאָווינע), איז ער געקומען קיין לאַטיין־אַמעריקע אין 36סטן יאָר, און זיין ערשטע סטאַנציע איז געווען עקוואַדאָר. קיין קאַראַקאַס איז ער אָנגעקומען אין 1945.

דער ישוב האָט זיך גלייך געכאַפּט אַז דער נייער אימיגראַנט פאַרמאָגט אַ גייסטיק־קולטורעלן באַגאַזש. ער האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט, קודם־כּל פון די קולטורעלע קרייזן, וואָס פאַרמאָגן דעם חוש אָפּצושאַצן אַזאַ עלעמענט. אויך דער ישוב אין אַלגעמיין האָט אויף אים געוואָרפן אַן אויג, אָבער פ' רייף האָט זיך נישט געלאָזט אַריינציען אין קהלשע עסקים. ערשט אין די זיבעציקער יאָרן, ווען ס'איז אויפגעקומען דער שלום־עליכם קולטור־צענטער, האָט מען אים באַשטימט פאַר סעקרעטאַר, און ער האָט זיין אויפגאַבע געטאָן אויפן בעסטן אופן און אויף דער העכסטער מדרגה, אַרויסרופנדיק אַלעמענס צופרידנקייט. אָבער נישט מער ווי צוויי יאָר האָט ער געקענט פאַרבלייבן אויף דעם דאָזיקן אַמט. אַ פּנים, דאָס ביסל געזונט האָט אַ סך צו זאָגן אין אונדזערע

מענטשלעכע ענינים, און נאָכן דורכמאַכן צוויי האַרץ־אַטאַקעס האָט ער זיך געמוזט צוריקציִען.

פריינד רייף האָט יאָרן לאַנג געאַרבעט איבער אַ בוך, און האָט עס לסוף אַרויסגעגעבן: אַ בוך פון העכער 360 זייטן, אין שפּאַניש. עס הייסט „מערעסע לאַ פּענאַ סאַבערלאָ" (ס'איז כדאַי דאָס צו וויסן) און די טעמע איז גאָר אַ דעליקאַטע: דאָס איז אַ נייע, אייגענע אויפפאַסונג פונעם תנך. ביבלישע טעמעס זענען זייער אַ שווער קאַפּיטל, ווייל זיי רירן־אָן די פאַרהייליקטסטע געפילן פון פיל מענטשן. צווישן אונדז, יידן, איז מען נאַטירלעך נאָך מער סענסיטיוו לגבי יעדן פּרוּוו מחדש צו זיין אין דער טראַדיציאָנעלער אינטערפּרעטאַציע פון ספר־הספרים. איז קיין חידוש נישט וואָס דער אַרויסקום פונעם בוך האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל טומל אויף דער יידישער גאַס. אין אַ סך קרייזן האָט מען געהאַלטן אַז רייפס ביבל־באַנעם איז צו געוואַגט און אַפילו אומגעוווּנטשן פון יידישן שטאַנדפּונקט.

איך האָב דאָס בוך גרינטלעך דורכגעלייענט, נאָר כ'נעם זיך נישט אונטער צו פּסקענען וועגן אַ טעמע אין וועלכער איך בין זייער ווייט פון זיין אַ מומחה. איך האַלט אַז ס'איז זייער אַן ערנסטע זאַך צו פּסלען די יאָרנלאַנגע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט פון אַן אַחריותדיקן מענטשן, און מסתמא האָבן די אָנפירערס פון דער קאַראַקאַסער קהילה „אוניאָן איסראַעליטאַ" זיך גוט מישב געווען איידער זיי האָבן אויפן בוך אַרויפגעלייגט אַ וועטאָ. צום מחברס זכות דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פּ' רייף האָט זיך גערעכנט מיטן דעת־הקהל און באַשטימט דאָס בוך צו פאַרשפּרייטן נאָר צווישן יידן, כאָטש ער האָט אָרנטלעך געמיינט צו שאַפן אַ דורכויס פּאָזיטיוו ווערק, אַפילו ווען נישט־יידן זאָלן דאָס לייענען.

כ'טראַכט אַז די פּאָלעמיק אַרום דעם בוך בלייבט נאָך אָפן. אָט גע־דענקען מיר אַלע דעם שטורעם וואָס האָט זיך מיט יאָרן צוריק אויפגעהויבן אַרום געוויסע ראָמאַנען פון שלום אַש, וואָס געוויסע גרויסע פען־אויטאָ־ריטעטן האָבן פאַרשריגן מיט די שאַרפסטע טענער, בשעת אַנדערע, צווישן זיי אונדזער דעמאָלטיקער קריטיקער נומ' 1, שמואל ניגער, און אַנדערע, אויך שפּעטערדיקע ליטעראַטור־ספּעציאַליסטן, האָבן אויף זיי מלמד־זכות געווען, זיי פאַרטיידיקט.

אַוודאי פאַרגלייך איך נישט דעם פאַל פון פּ' רייפס בוך מיט דעם ויכוח וואָס פירט זיך נאָך היינט אויף דער יידישער גאַס אַרום אַזאַ שרייבער ווי שלום אַש, וואָס איז געווען דער סאַמע באַליבטסטער און איינגעוואָרצל־טער בשעתו אין דער נשמה פון זיין פאָלק. איך דערמאָן עס נאָר כדי אונטערצושטרייכן, אַז אין אַזעלכע פאַלן קענען גילטיק זיין פאַרשיידענע

מיינונגען, און עס פאָדערט זיך אַ בקיום, זאַכקענערס, זאָלן דעם ענין דורכשטודירן און זיך וועגן אים אַרויסזאָגן.

ראָניע רייף־גראָסמאַן איז די לעבנס־באַגלייטערין פון דעם אינטע־לעקטואַל חיים רייף. אויך זי איז געזעסן מיט אונדז צוזאַמען ביי אונדזער שמועס. אַ צאַרטע פרוי, אַ קולטורעלע און אַן איידעלע. אינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן פון קאַראַקאַס האָט זי ליידער זיך קיין מאָל נישט געקענט באַטייליקן, ווייל איר געזונט־מעמד איז כסדר געווען נישט קיין פּאָזיטיווער. זי איז אַן אָפּשטאַמיקע פונעם באַקאַנטן בעסאַראַבער שטעטל ליפּקאַן, אַן אָרט פון תורה און חכמה, דאָס וויגעלע פון אַ ריי ערשטראַנגיקע יידישע שרייבערס פון אונדזער יאָרהונדערט.

די באַגעגעניש מיט פּ׳ חיים רייף האָט מיר איבערגעלאָזט דעם רושם פון אַן עכטער אינטעלעקטועלער פּערזענלעכקייט, פון אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך צו דערגיין דעם אמת און האָט דערביי געענוג מוט איינצושטעלן און איבערטראָגן די קאָנסעקווענצן, סיי פון זיינע אייגענע טעותים ווי פון דער מיינונג־פאַרשידנקייט ביי אַנדערע אין זיין סביבה.

ווען דער אַרטיקל איז שוין געווען אין דרוקעריי אויסגעזעצט, האָב איך באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז חיים רייף איז שוין אַוועק אין דער אייביקייט אין עלטער פון קרוב צו די שמונים. אין נאָוועמבער 1977 האָבן מיר זיך באַקענט אין דער „העבראַיקאַ״, און דעם 12טן פעברואַר 1978 האָט ער פאַרלאָזט די וועלט אויף תמיד.

דאָן עדואַרדאָ זאַנעשיין ע״ה

ביים איבערטרעטן די שוועל פון יידישן קאַראַקאַס, אין 53סטן יאָר, האָב איך גלייך געהערט אַז די שטאָט פאַרמאָגט אַ ישראל־קאָנסול, און טאַקע אַ מיט־תושב פון די אייגענע רייען. בין איך געווען טשיקאַווע מיט אַזאַ ייד זיך צו באַקענען. מסתמא וואָלט דאָס פאַר יעדן יידן — און נאָך דעמאָלט, אין די ערשטע יאָרן פון יידישער מלוכהשאַפט — געווען אַן עסק; אָבער מיך, וואָס כ׳האָב שוין געהאַט הינטער זיך אַ געזעלשאַפט־לעכע פאַרגאַנגענהייט פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, האָט די געלעגנהייט גאָר שטאַרק געלאָקט. און בפרט אַז מען האָט מיר אינפאָרמירט, אַז כדי צום קאָנסול צוצוקומען דאַרף מען זיך נישט מעלדן ביי קיין סעקרעטאַרקע, און נישט זיצן און וואַרטן אין קיין פאָדערזאַל, נאָר פשוט און פראָסט מאַכן אַ שפּאַציר אויף אַוועניִדאַ אורדאַנעטאַ, אַריינגיין אין זיין שניטקראָם און אים גלייך צוטראָגן אַ שלום־עליכם. געדעדט און געטאָן. און דאָרטן האָט מיך פיין אויפגענומען דאָן עדואַרדאָ זאַנעשיין, אַ גאַליציאַנער ייד אין וועמען כ׳האָב גלייך דערפילט דעם גייסט פון קולטור, און זיין געשטאַלט האָט מיך איבערגעצייגט, אַז עס פּאַסט אים די אָנקליידונג פון אַ ישראל־קאָנסול. נישט געקוקט אויף זיין טאָפּעלער באַשעפטיקטקייט ווי אַ דיפּלאָ־מאַט און אַ גרויסער געשעפטסמאַן, ביי וועלכע צייט איז געוויינטלעך דאָס טייערסטע, האָט מיך דעמאָלט דאָן עדואַרדאָ באַלד מקרב געווען, און איך האָב באמת געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון יענער ערשטער באַגעגעניש.

מיט דער צייט, און בעת מיינע ווייטערדיקע באַזוכן האָב איך געהאַט די מעגלעכקייטן נאָכצופאָלגן זיין טעטיקייט, ווי אויך די רייכע שאַטירונגען פון זיין פּערזענלעכקייט, מיט וועלכער זיינע מיט־תושבים האָבן שטאָלצירט. ס׳דערמאָנט זיך מיר אַן עפּיזאָד, ווען אַ דאַנק זיין העפלעכקייט איז מיר אויסגעקומען צו ווערן אַ רעדנער — הערט און שטוינט — אין איין שורה מיט אייניקע גאָר באַרימטע פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער וועלט. די מעשה איז זיך אַזוי פאַרלאָפן:

צוויי זענען מיר געווען, וואָס מיר האָבן זיך אין איינער און דער זעלביקער צייט גענומען דערנענטערן צום יידישן קאַראַקאַס: דער גרוי־סער פאָלקסזינגער סידאָר בעלאַרסקי און מיין ווייניקייט, נאָר מיט איין קליינעם אונטערשייד: איך בין געפאָרן האַנדלען מיט טעקסטיל, פאַר־

קויפן מיין סחורה, און דער באַליבטער סידאָר איז געקומען „האַנדלען" מיט גאָר אַן אַנדערן, איידעלערן אַרטיקל: מיט קונסט, און באַזונדערס, מיט זיין אויסערגעוויינטלעכער חזנים־קונסט, ווייל דאָס האָבן אים די קאַראַקאַסער יידן געהאַט אַנגאַזשירט צו דאַווענען ביי זיי ימים־נוראים. אַט זיצן מיר ביי כּל־נדרי, אין אַ געדונגענעם זאַל, און בעלאַרסקי „זאָגט" די טרויעריקע תּפילה. אַ הייסער שטראָם גייט דורך איבערן גוף און דער נשמה...

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. מיט בעלאַרסקין האָט מיך פאַרבונדן אַ צוואַנציק־יאָריקער קאָנטאַקט, און כ'וואָלט וועלן וועגן אים שרייבן אַן אַנדערש מאָל באַריכות, ווי ער האָט זיך פאַרדינט. איצט וויל איך אָבער דערציילן עפּעס אַנדערש.

ערב בעלאַרסקיס אַהיימפאָרן האָט מען אים באַערט מיט אַ געזעגן־באַנקעט אין אַ גרויסן האָטעל, דעם האָטעל פונעם באַקאַנטן קאַראַקאַסער פילאַנטראָפּ שלעזינגער. צווישן די געסט האָט זיך געפונען ד"ר פערלאָוו, אַ שליח פון ישראל, אַ טאַלאַנטירטער רעדנער און הויכע קולטור־פּערזענ־לעכקייט, וועלכער איז בשעתו געווען אַ מיטגליד פון פּוילישן סיים, אין דער גאַליציאַנער פראַקציע. אַ צווייטער באַטייליקטער איז געווען ד"ר חיים שאָשקעס, דער באַרימטער וועלט־אַרומפאָרער און באַשרייבער, אין אַ ריי ווערק, פון די פאַרוואָרפנסטע יידישע קיבוצים, אויך אַ רעדנער בחסד־עליון. דעם פאָרזיץ האָט געהאַלטן דאָן עדוואַרדאָ זאָנענשיין. צי האָב איך זיך געקענט ריכטן, אַז נאָך דעם ווי די צוויי באַרימטע רעדנערס, ד"ר פערלאָוו און ד"ר שאָשקעס, האָבן פאַרענדיקט זייער וווּנדערלעך רעדן, וועט פּ' זאָנענשיין מיר אָפּטאָן אַ שפּיצל, און אויך מיך אויפרופן צו דער טריבונע? כ'האָב זיך געפילט פאַרלוירן, נאָר כ'האָב זיך דערמאָנט אין אַ סקאַנדאַל וואָס האָט זיך אַ מאָל געמאַכט אין אונדזער שטעטל, בעת מען האָט אַ געוויסן יידן אויפגערופן צו דער תּורה און ער האָט זיך אָפּ־געזאָגט. איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ יינגל, וויס איך נישט דעם פאַרוואָס פון זיין אָפּזאָג: צי די עליה איז אים נישט אָנגעשטאַנען, צי וואָס. כ'געדענק אָבער גוט דעם בזיון וואָס דאָס איז געווען. קיין מילדערס ווי פּושע ישראל און מחלל־הקודש האָט מען אים נישט געזאָגט. האָט די דערמאָנונג מיר געדינט ווי אַ וואָרענונג, און כ'האָב אַ פלאַטערנדיקער זיך גענומען צום וואָרט. בקיצור, ס'האָט מיר אָפּגעגאַלטן, דער רבונו של עולם האָט וווּזט אויס מיר אַריינגעגעבן אין קאָפּ די נייטיקע מחשבות און אין מויל די פּאַסיקע דיבורים, כּדי אַ ייד זאָל נישט פאַרשעמט ווערן ברבים. ביידע זאַכן: דאָס פלאַטערניש דעמאָלט, און די באַגריסונגען וואָס נאָכן אָפּרעדן, האָב איך צו פאַרדאַנקען דעם פריינד עדוואַרדאָ זאָנענשיין,

וועלכער האָט זיין מידת הכנסת אורחים אויסגעשפּרייט נישט נאָר אויף מיין פּערזאָן, נאָר אויך אויף מיינע געפילן און אַפילו אויף מיין אומ־באַהאָלפן וואָרט.

דאָן עדואַרדאָ זאָנענשיין האָט יאָרנלאַנג באַשיינט דאָס יידישע קאַראַ־קאָס מיט זיין יוסטער פּערזענלעכקייט. זיין קולטור, זיין באַנעמונג און זיין פיזישער שטעל האָבן פאַרשאַפט כבוד דעם ישוב און כבוד דער יידישער מדינה, וועלכער ער האָט געדינט מיט גוטן ווילן און רעפּרעזענטירט אויפן שענסטן און ווירדיקסטן אופן. ליידער האָט די צייט, וואָס שאַנעוועט נישט קיינעם, פאַרביטערט די ווייטערדיקע יאָרן זיינע: ער איז איצט ליידער זייער קראַנק. די קאַראַקאַסער ברידער פאַרגעסן אָבער נישט, נישט דעם מענטש, נישט זיינע אויסערגעוויינטלעכע פאַרדינסטן, און האָפן, צוזאַמען מיט מיר, אַז ער וועט אונדז נאָך באַגלייטן אויף גאָטס וועלט אַ סך יאָרן. אָמן...

קורץ נאָכן פאַרענדיקן די ווערטער בין איך געוואָרן אינפאָרמירט, אַז דאָן עדואַרדאָ זאָנענשיין, דער חשובער תושב, גרויסער סוחר און קאָנסול פון דער יידישער מדינה, איז נפטר געוואָרן. עס האָבן נישט געהאָלפן די גוטע ווינטשן פון גאַנצן ישוב און נישט מיינע ברכות. דאָן עדואַרדאָ זאָנענשיין איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע, אָבער ער וועט קומען אויפן עולם האמת מיט אַ סך שיינע יידישע מעשים, און מיט אַ גוטן נאָמען וועלכן מיר וועלן לאַנג געדענקען. זאָל דאָס זיין אַ טרייסט פאַר זיין משפחה און אַ שיין בלעטל אין דער געשיכטע פון דער יידישער קאַראַקאַס.

כאַסע (יוזי) קויפמאַן

כאַסע קויפמאַן, איינער פון די איבערגעגעבענע עסקנים פון דעם קהילה־ראַבינאַט, געהערט אין קאַראַקאַס צו די אָפּשטאַמיקע פון בעסאַראַבער שטעטל טשערנאָוויץ. נאָר אַלע פון נאָוואָסילעץ האַלטן אים פאַר אַ בן־עיר, מחמת דריי פריִערדיקע דורות זיינע שטאַמען פון נאָוואָסילעץ.

ר׳ יאָסל לערנער איז טאַקע אַ גרויסער פאַטריאָט פון זיין געבוירן־שטעטל. פון זיינע לאַנדסלייט האַלט ער, ווי אַ שטאָלצער טאַטע פון גע־ראָטענע קינדער. דאָס מיינט נישט, אַז פון אַנדערע יידן האַלט ער ווינציקער. ווי דער פאָרזיצער פון אַ קהילה־אינסטיטוציע מיט 13 הונדערט אָנגע־שלאָסענע משפחות, פון אַלע שבטים פון אונדזער פאָלק, איז איבעריק צו באַטאָנען זיין וואַרעמע באַציונג צו יעדן ייד, פון וואָס פאַר אַן אָפּשטאַם און לאַנד ער זאָל נישט זיין. דאָס מינערט אָבער נישט זיין באַזונדערע ליבשאַפט צו זיינע לאַנדסלייט. ווען ס׳איז נאָר מעגלעך, וואָלט ער געוואָלט זיי אַלע אַריינצונעמען צווישן די בלעטער פונעם בוך. און כ׳מוז צוגעבן, אַז אויף וויפל ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען, פאַרדינען זיי זיך עס בדרך כלל, און אויפן שענסטן אופן.

אָט זיץ איך אין ר׳ יאָסל לערנערס ביוראָ אין צענטער פון שטאָט. עס קומט אַריין אַ מענטש אַ הויכער, מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען, זעט אויס נאָענט צו די פופציקער. דאָס איז כאַסע קויפמאַן, פון טשערנאָוויץ. אַזוי שטעלט אים פאָר מיר פריינד לערנער. דאָס איז אַלץ געווען „אויפן שפרונג״. מיר האָבן קוים באַוויזן זיך צו באַקענען, אַרויסרעדן געציילטע ווערטער, און שוין — אַ גוטן טאָג! ער ווערט נעלם. אָבער לערנער דערציילט מיר מער פּרטים וועגן דעם מענטשן.

כאַסע קויפמאַן שטאַמט פון זייער אַ בכּבודיקער משפּחה אין טשערנאָוויץ. ער איז אַן אייניקל פון ר׳ פּנחס קויפמאַן — אַ פיגור, וואָס ווערט דורך די לאַנדסלייט דערמאָנט מיט גרויס דרך־ארץ. אָבער כאַסע האָט אויך אַליין זיין זכות־עצמו. ר׳ יאָסל לערנער איז גליקלעך מיט זיין מיטאַרבעט אין ראַבינאַט.

כאַסע קויפמאַן, אַ פאַכמאַן אין בוכהאַלטעריע, איז דער אודיטאָר פיסקאַל, דער חשבונות־איבערקוקער פון אַלע געלט־ענינים. ער גיט אַוועק אַ סך צייט פאַר די פראַגן, אין גאַנצן אומזיסט. עס איז ביי אים אַן ערן־ענין,

אַז די קהלשע פינאַנסן זאָלן זיין ווי געהעריק געפירט. לערנער איז צוליב דעם רויק: קויפמאַן האָט אים אַראָפּגענומען אַן עול פון קאָפּ. לערנער האָט עס מיר כּסדר איבערגעחזרט, מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט פאַר דעם דאָזיקן מענטשן.

נישט נאָר צוליב זיין פירן די בוכהאַלטעריע אָן שום באַלוינונג איז כאַסע קויפמאַן אַזוי אָנגעזען אין ראַבינאַט. בכלל האַלט מען אים פאַר איינעם פון די חשובסטע עסקנים אין דער אינסטיטוציע, אויף אַזוי פיל, אַז אַ סך מענטשן, און ר׳ יאָסל לערנער בתוכם, האַלטן אים פאַר דעם פּאַסיקן קאַנדידאַט צו ווערן לערנערס נאָכפאָלגער ווי דער ראש־הקהל. לערנער וואָלט עס זיכער געוואָלט — די לאַסט וואָס אַ ראש־הקהל דאַרף אויסטראָגן איז גאָר נישט קיין קליייניקייט, און סך־הכּל ווערט מען דאָך נישט יינגער... אָבער קויפמאַן רייסט זיך גאָר נישט איבערצונעמען די פליכטן פון אַ ראש־הקהל. ער איז במילא גרייט צו דינען דער עפנטלעכקייט מיט אַלע זיינע כּוחות, און טוט עס שוין איצט. דער ערנטיטל פון אַ ראש־הקהל צינדט נישט אָן ביי אים קיין אַמביציע...

אַוודאי, ווען אונדזער צוניפטערף וואָלט נישט געווען על־רגל־אַחת, וואָלט זיכער כאַסע קויפמאַנס פּראָפיל געווען פיל ברייטער באַשריבן, ווי עס קומט אַזאַ יידן. לײדער, איז נישט געווען קיין געלעגנהייט אויסצובריי־טערן דעם קאַפּיטל. נאָר אַפילו אַזוי איז פאַר מיר אַ סאַטיספאַקציע צו קענען דערמאָנען אויך דעם נאָמען און די פאַרדינסטן פון אָט דעם פיינעם „נאָוויסילצער״. עס קומט אַ דאַנק פריינד יאָסל לערנערן פאַר זיין „שדכנות״, אין דעם פאַל פונקט ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן.

רעליגיעזע און גייסטיקע מנהיגים

הרב פנחס ברענער, פון דער קהילה „אוניאָן"

אַ רב ביי יידן איז נישט נאָר די העכסטע פונקציע צווישן די כלי־קודש — דאָס איז אַ מענטש וואָס פאַרקערפּערט אַ צענטראַלע אינסטיטוציע אין יידישן לעבן. ווער עס שטעלט אַוועק אויף איין מדרגה אַ רב מיט

הרב פנחס ברענער בעת אַ פייערלעכן אַקט.

אַ גייסטלעכן פון וועלכער עס איז אַנדער רעליגיע, באַגייט אַ גרויסן טעות. ס'איז געווען אַ בליק צו טאָן אויפן היסטאָרישן באַטייט און ראָלע פון דער אינסטיטוציע וואָס הייסט רבנות, כדי צו פאַרשטיין דעם גרויסן חילוק, וואָס איז אַ פועל־יוצא פון דעם וועזנטלעכן אונטערשייד צווישן יידישן און נישט־יידישן קוק אויף דער וועלט.

די יידישע אמונה צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס זי איז דורכויס אַ כלל־זאַך, אַ קאָלעקטיווע שטעלונג, נישט קיין פּריוואַטער באַשלוס פון

אַ יחיד ביי זיך אין באַוווּסטזיין. אַזוי פאַרשטייען עס יידן פון זינט זיי זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני, ווו די תורה איז געגעבן געוואָרן — און אָנגענומען געוואָרן — צום פאָלק ווי אַ גאַנצקייט, נישט ווי אַ געזאַמל פון יחידים. די טראַדיציע לערנט אונדז אַפילו, אַז ביים סיני זענען דעמאָלט געשטאַנען נישט נאָר די יידן פון יענעם דור, נאָר אויך פון אַלע אַנדערע דורות, פריִערדיקע און שפּעטערדיקע, און אַלע צוזאַמען האָבן אויף זיך גענומען דעם עול התורה, משהס לערע. ממילא איז נישט גענוג פאַר אַ יידן, דאָס וואָס איז יאָ גענוג פאַר אַ נישט־ייד: אַבי ער גלייבט אין גאָט. ביי יידן דאַרף דער גלויבן זיך אָנטאָן אין מיצוות, אין קאָלעקטיוון לעבנס־שטייגער. עס זענען טאַקע פאַראַן אַ שלל מיט אינדיווידועלע מיצוות, אָבער דער עיקר זענען די מיצוות וואָס מען איז מקיים בציבור, און אונדזערע חכמים פון אַלע דורות האָבן כסדר געוואָרנט: אַל תפרוש מן הציבור — זאָלסט זיך נישט אָפּזונדערן פון ציבור, ווייל דעמאָלט פאַרלירסטו דעם גלייכן וועג, האָסט נישט מער ווער עס זאָל דיר אויפווייזן אויב דו באַגייסט אַ טעות, און דו דערווייטערסט זיך פון די תלמידי־חכמים, וועלכע קענען מיט זייער לערנען און מוסרן, דיך צוריק אַרויפברענגען אויפן גלייכן וועג.

אַזוי אַרום, מוז אַ רב ביי יידן זיין גאָר אַנדערש ווי אַ גייסטלעכער פון אַנדערע גלויבנס. יענער קען זיין אַ „קאָנפעסאָר", וואָס הערט אויס דעם ווידוי פון יעדן מענטשן באַזונדער און גיט אים, אויב ער קען, אַן עצה ווי זיך צו פאַרבעסערן. און ער קען אַפילו זיין אַ מאָנאַך, אָפּגעזונדערט פון דער גאַנצער אַרומיקער וועלט, און עוסק זיין בלויז מיט זיין אייגענער נשמה, זיך פלייסן אויסשליסלעך איבער זיין אייגן שטיקל עולם־הבא. נישט אַזוי אַ רב. זיין פונקציע האָט נישט קיין זינען אָן דער עדה. אַ רב מוז זיין אַ גייסטיקער מנהיג פון אַן עדה, אַ מוסטער און אַ מורה־דרך פאַרן ציבור, וועלכן ער דאַרף פירן נישט טעאָלאָגיש, נאָר פּראַקטיש, טאָג־טעגלעך, איבער די וועגן פון יידישקייט און געטריישאַפט צום פאָלק און זיינע טראַדיציעס.

זענען טאַקע רבנים אין אונדזערע אַלטע קהילות געווען די אמתע האָרעפּאַשניקעס פון יידישן גייסט, ווייל זיי האָבן געדאַרפט טאָג־טעגלעך אויסטראָגן די אַחריות פון אָריענטירן, פּסקענען און באַשטימען פאַר זייער גאַנצער עדה די וועגן פון כשרות, טהרת־המשפחה, אָרנטלעכקייט אין מסחר, און ריינקייט און יושר אין אַלע ענינים פון מענטשלעכן צוזאַמענלעבן. ס'איז נישט גענוג געווען למדנות, אָדער אַפילו גאונות. אַ רב האָט געמוזט זיין אַ ציווילער העלד, אָפּהיטן כסדר זיך און יענעם כדי נישט צו פאַר־פירן זיין עדה צו זינד, ווייזן אַ ביישפּיל אין גוטע צייטן און נאָך מער אין

שלעכטע צייטן. און די מערהייט פון אונדזערע אַמאַליקע רבנים זענען געשטאַנען אויף דער גערעריקער הייך.

אין אונדזערע צייטן פון גרויסער צערודערונג, און בפרט אין אונדזערע לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, ווו אַ סך סיבות האָבן געווירקט צו פאַרבלאָסן און פאַרטושן אונדזער גייסטיקן באַוווסטזיין, האָט אויך די אינסטיטוציע פון רבנות דורכגעמאַכט אַ געוויסע ירידה. אין אַ סך ערטער טרעפט, אַז מחמת עס פעלן אויס באַרופענע כלי־קודש, דערגייען צו רבנות־שטעלעס מענטשן וואָס האָבן אפשר די בעסטע כוונות, נאָר עס פעלט זיי אי צוגרייטונג, אי פאַרשטענדעניש פאַר דער געוואַלדיקער אַחריות וואָס זייער טיטל שטעלט מיט זיך פאָר. ס׳פּאַסירט אויך אָפט אַז רבנים ווערן פאַרטעמפּט איבער דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט, און זיי פאַלן נישט ווילנדיק אַריין אין אַ מין ביוראָקראַטיזם — זיי ווערן נישט ווילנדיק פאַרוואַנדלט אין מאַשינאַלע אויסטיילערס פון חופה־וקידושין, דרשה־זאָגערס וואָס האָבן שוין אַפילו נישט צו דערגיין צו דער נשמה פון זייערע צוהערערס, און זיי זוכן אַ מקום־מיקלט אין אַפּגעשלאָסנקייט, וואָס דאָס איז דער היפוך פון דער אמתער רבנישער פונקציע — אַ רב אַ ביוראָ־זיצער איז קיין רב נישט...

דערפאַר איז אַזוי וויכטיק אַרויסצוהייבן די עקסיסטענץ פון אמתע הונדערט־פּראָצענטיקע רבנים, וואָס צום גליק איז אויך פון דעם מין פאַראַן אַ היפּש ביסל, און צווישן זיי אַפילו אַזעלכע וועלכע זענען שוין דורכויס פּראָדוקטן פונעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

דער מזלדיקער ווענעסועלער ישוב, וואָס האָט סיי מאַטעריעל, סיי גייסטיק, זוכה געווען צו פאַרמאָגן אַזוי פיל פּאָזיטיווע אויסנאַמען אויף אַלע געביטן, האָט אויך בנוגע רבנים געהאַט אַ באַזונדערן מזל. האַלטן מיר פאַר אונדזער חוב אָפּצוגעבן אין דעם בוך דאָס פאַרדינטע פּלאַץ איינעם אַ רב — אַן אויסנאַם בן־אויסנאַם: הרב פּנחס ברענער, וועלכער שטייט שוין פופצן יאָר בראש פון דער גייסטיקער מנהיגות פון דער קהילה „אוניאָן־איסראַעליטאַ״.

יאָ, הרב פּנחס ברענער איז אַן עכטער רב אין דער היסטאָרישער דעמענסיע פונעם טיטל, און ער ציט זיין יניקה נאָך פון דער שטוב פון זיין טאַטן, הרב אַבֿרהם־משה ברענער ז״ל, וואָס איז אין משך פון לאַנגע יאָרן, ביז זיין פּטירה, געווען רב פון דער קהילה אין לימאַ, פּערו.

הרב ברענער, דער פאָטער, האָט געשטאַמט פון פּוילישן שטעטל טישעוויץ. זיין טאַטע איז געווען שוחט אין איינעם פון די שכנותדיקע שטעטלעך. טאַקע נאָך יענעם זיידן הייסט פּנחס, דער איצטיקער קאַראַקאַסער רב. ווען דער קליינער פּנחס איז אַלט געווען פיר יאָר, האָט די משפחה —

הרב אַברהם־משה, זיין מלכותדיק־שיינע רביצין (וועלכע לעבט היינט אין ניו־יאָרק) און די דריי זין, פֿאַרלאָזט פּוילן און אַריבערגעוואַנדערט קיין פּערו, ווו הרב אַברהם־משה ברענער האָט, ווי געזאָגט, אַ לאַנגע צייט פֿאַרנומען און ווירדיק אויסגעפֿירט די רבנות־שטעלע.

אַ פּנים אַז הרב אַברהם־משה ברענער איז געווען אַ מבין אויף זיינע קינדער. אַלע דריי זין האָבן זיך גוט געלערנט, אָבער וועגן פּנחסלען האָט דער פֿאָטער געזאָגט: ער וואַקסט אַ גאון. היינט זעט מען קלאָר און בולט אַז ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. הרב ברענער איז אַ פֿיגור פֿון אַ הויכער אינטעלעקטועלער קאַטעגאָריע, ווי אויך אַן אויסערגעוויינטלעכע מענטשלעכע פּערזענלעכקייט וואָס רופֿט ביי אַלעמען אַרויס רעספּעקט און באַוווּנדערונג.

צו 15 יאָר האָט ער געענדיקט מיטלשול אין לימאַ. ער האָט זיך דעמאָלט, אין אַזאַ יונגן עלטער, געוואָקלט צי זאָל ער שטודירן מעדיצין, וואָס האָט אים שטאַרק געצויגן און פֿאַר וועלכער ער האָט בלי ספק געהאַט גענוג און איבערגענוג אינטעלעקטועלע כּוחות. אָבער גובר געווען האָט דאָס רבנישע בלוט, דער דראַנג צו גייסטקייט, און דער יונגער מאַן איז אַוועקגעפֿאָרן קיין ניו־יאָרק, ווו ער האָט דורכגעמאַכט דעם ישיבה־אוניווערסיטעט. צו 23 יאָר איז ער שוין געווען רב, און אין זעלבן עלטער האָט ער אויך חתונה געהאַט.

ווען ער האָט געהאַלטן ערב באַקומען סמיכה אויף רבנות, האָט ער שוין דעמאָלט געפֿילט דעם פֿאַרלאַנג צו זיין אַ רב אין אַ קהילה פֿון לאַטיין־אַמעריקע. ער האָט דערשפּירט אַז אין אים איז פֿאַראַן אַ סינטעז, וואָס קען אין לאַטיין־אַמעריקע ברענגען צו די פּראָדוקטיקסטע רעזולטאַטן, דהיינו: ער סינטעטיזירט די שענסטע און בעסטע טראַדיציע פֿון אַמאָליקן רבנות, סיי מיט זיין באַהערשן דאָס שפּאַנישע לשון, וואָס איז פֿאַר אים ווי אַ מוטערשפּראַך און סיי מיט זיין קענען די מענטאַליטעט פֿון די ישובים אויף דעם וועלטטייל. און זיין ווונטש איז גרינג מקוים געוואָרן. לאַטיין־אַמעריקאַנער קהילות האָבן געזוכט דעם הרב ברענער, און דער מוסטער־האַפֿטער ישוב פֿון ווענעסועלאַ, דורך דער שליחות פֿון הרב שמואל ציוויאַק, האָט אים געפֿונען.

דער שידוך איז אַ העכסט געראָטענער.ביידע צדדים האָבן אַ פֿעסטן גרונט צו זיין צופֿרידן. זיין אָנוועזנהייט אין די רייען פֿון קאַראַקאַסער יידנטום הייבט דעם פּרעסטיזש פֿונעם ישוב, סיי כּלפּי־פּנים און אויך כּלפּי־חוץ.

הרב פּנחס ברענער האָט אין זיך דערשפּירט די טיפֿע כּוחות צו זיין אַ רב אַזוי ווי אַ מאָדערנער יידישער ישוב דאַרף האָבן. און ער האָט

אויך באַוויזן, אַז ער איז אַ ווירדיקער יורש פון זיין טאַטנס גייסט און באַרוף. אַגב, האָט ער די דאָזיקע באַרוף־ירושה געטיילט מיט זיין עלטערן ברודער רב מרדכי, וועלכער איז געווען רב אין האַליפאַקס קאַמודאַ, איז אָבער לײדער פּריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. דער אַנדערער ברודער, יאַנקל, וווינט אויך אין ניו־יאָרק, וווּ ער איז טעטיק ווי אַ דאָקטער אויף מעדיצין. אויף הרב פּנחס ברענערן איז, בכן, אַרויפגעפאַלן די אַחריות פאַרצווועצן די אַרבעט פון זיין טאַטן אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער באָדן, און ער האָט שוין באַוויזן און באַווייזט כּסדר, אַז ער איז בכּוח דאָס צו טאָן, און אַז ער קען דעם כּוח זיינעם אַרויסברענגען אין דער פאָרעם פון געבענטשטע מעשים.

אומעטום ווו דאָס יידישע לעבן פולסירט אין קאַראַקאַס, דאָרט איז דאָ די פיגור פון הרב ברענער. ביי די בני־ברית — אַ באַוועגונג וואָס איז אַזוי גרויס און אַנזעעוודיק, און שפילט אַ וויכטיקע ראָלע אין דער טעטיקייט פון ישוב — איז ער אַ זייער באַליבטער מיטגליד. דאָס יידישע לעבן אין שטאָט איז זייער דינאַמיש און אַקטיוו: אָפטע פאַרזאַמלונגען, מסיבות מיט פראָמינענטע אויסלענדישע געסט, וועלכע קומען צו פאָרן מיט ערנסטע שליחותן — און אומעטום זעט מען הרב ברענערס מאַיעס־טעטישע פיגור; אומעטום שטייט ער אויבן־אָן און לאָזט פאַרנעמען, מיט זיין אַנגענעמער שטים, אינהאַלטסרייכע און וואָגיקע ווערטער, וועלכע דערהייבן די געמיטער און פילן אַלעמען אָן מיט התלהבות און שטאָלץ.

הרב ברענער איז אַ ווירדיקער פאָרשטייער פון זיין ישוב פאַר דער נישט יידישער וועלט, און אין דעם זינען פאַרשאַפט ער זיין עדה גרויס כּבוד און אָנזען. אין די רעגירונגס־קרייזן ווערט ער זייער הויך געשאַצט. די ווענעסועלער רעגירונג האָט אים עטלעכע מאָל אויסגעצייכנט, זעענדיק אין אים אַ פּערזענלעכקייט, וואָס דינט מיט זיין אינטעליגענץ און מיט זיין גייסטיקן ניוואָ טאַקע זיין ספּעציפישע עדה, אָבער דורך דעם טראָגט ער ביי אַ ווערטפולןביישטייער פאַר דער מאָראַלישער אַנטוויקלונג פון דעם גאַנצן לאַנד. ווען הרב ברענער איז דעם 22סטן פעברואַר 1978 אויפגענומען געוואָרן אין רוים דורכן העכסטן קאַטוילישן גייסטלעכן, דעם פויפּס פּאַולוס דער 6טער, האָט דאָס יידישע ווענעסועלאַ איבער אַ נייס דערפילט און באַשטעטיקט אַז אין דער פּערזאָן פון הרב ברענער פאַרמאָגט מען אַ ווירדיקן פאָרשטייער, וואָס איז מסוגל מיט זיין פּערזענלעכקייט און עטישער קוואַליטעט צו הייבן דעם נאָמען פון זיין פאָלק אין אַלע אומשטאַנדן.

מיר טוט לייד וואָס איך קען נישט געגוג הרב פּנחס ברענערן אויף אַרויסצוברענגען אַ פולערע באַשרייבונג פון זיין לעבן און פּערזענלעכקייט אין די תּחומים, וואָס זענען אַ ביסל ווייטער פון דער עפנטלעכקייט. איך

ווייס אָבער גאַנץ גוט אַז נישט נאָר ביי עפנטלעכע און צערעמאָניאַלע געלעגנהייטן איז ער אַ צירונג און אַ שטאָלץ פאַר זיין ישוב, נאָר אַז זיין טאָג־טעגלעכע אַרבעט האָט פיל געווירקט, און ווירקט כסדר, צו שטאַרקן דעם אינטערעס און די צוגעבונדנקייט פון וועלנעסועלער יידנטום צו די אייביקע ווערטן פון אונדזער אמונה און טראַדיציע.

מיט זיינע גרויסע מעלות און הויכער אינטעליגענץ, שטעלט הרב פנחס ברענער, מיט זיך פאָר אַ קערנדיקן יש און אַ גרויסן צוזאָג פאַרן יידישן ישוב פון קאַראַקאַס, וועלכער וועט פון דעם פרוכטבאַרן בוים אַראָפנעמען נאָר אַ סך, זייער אַ סך זאַפטיקע פירות.

הרב שמואל ציוויאַק

צווישן די פּערזענלעכקייטן וואָס שיינען אַרויס מיט אַן אייגן ליכט צווישן דער אָנפירערשאַפט פון יידישן קאַראַקאַס, געפינט זיך בלי־ספק



הרב ר׳ שמואל ציוויאַק.

אין דער ערשטער ריי דער באַליבטער רב שמואל ציוויאַק, איצטיקער אַב בית דין פון דער גרויסער קאַראַקאַסער סינאַגאָגע. איך וואָלט געהאַלטן פאַר אַ בפירושער עוולה, און פאַר אַ גרויסן בלויז אין מיין בוך, ווען איך

זאָל נישט אַריינגעמען אין דעם אַ פולע אָפּשפּיגלונג פון הרב ציוויאַקס ביאָגראַפיע, געשטאַלט און פונקציעס. צום גליק, האָב איך סיי דורך פּער־זענלעכער באַקאַנטשאַפט (זינט 1974), סיי דורך די אָפּשאַצונגען וואָס זיינע חשובסטע בני־עיר האָבן וועגן אים געמאַכט שריפטלעך און בעל־פּה, געקענט באַקומען אַ שלימותדיק בילד פון זיין פּילזייטיקער און קאָליר־פולער פיגור.

הרב ציוויאַק איז געבוירן געוואָרן אין ווישקאָוו, אין אַ משפּחה פון דורות כּלי־קודש און רבנים. זיין פאָטער, הרב ברוך ציוויאַק זצ״ל, איז געווען איינער פון די גרינדערס פון „אַגודת ישראל" אין פּוילן; אַ גרויסער תּלמיד־חכם, אַ מאַסן־רעדנער און אויך אַ שרייבער.

שמואל ציוויאַק האָט געלערנט אין די גרעסטע ישיבות פון פּוילן און ליטע (לאָמזשע, באַראַנאָוויטש). די ערשטע סמיכה אויף רבנות האָט ער געקראָגן פון באַראַנאָוויטשער ראש־ישיבה אין יאָר 1941.

די וועלט־מלחמה האָט אים פאַרשלעפּט קיין רוסלאַנד, ווי אויך זיין כּלה און לאַנדסמאַנקע, מלכּה, מיט וועמען ער האָט חתונה געהאַט אין 1943. אין 1947 קומט ער מיט אַ גרופּע רבנים קיין אַמעריקע. ער טרעט אַריין אין דער לאָמזשער ישיבה פון ברוקלין און לערנט זיך דאָרט חזנות, שחיטה און מילה. די גדולי־התּורה אין אַמעריקע באַשטעטיקן זיין סמיכה אויף רבנות. דאַן באַקומט ער אַ רבנישע שטעלע אין לויסוויל (קענטאַקי), וווּ ער איז טעטיק זיבן יאָר. זיין צווייטן אַמט פאַרנעמט ער אין משך פון זעקס יאָר אין דזשערסי־סיטי. די קאַראַקאַסער קהילה (דעמאָלט די אוניאָן איסראַעליטאַ) אַנגאַזשירט אים אין 1960, און גאָר גיך ווערט ער באַליבט, רעספּעקטירט און ממש נישט צום פאַרטרעטן אין אַלע געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

הרב ציוויאַק איז היינט אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ מענטש וואָס פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינטלעכע ענערגיע און ווענדט זי אָן אויף אַ געלאַסענעם, בנעימותדיקן אופן כּדי אויסצופירן אויפן בעסטן אופן זיין קאָמפּליצירטע און פּילזייטיקע שליחות. ווי ס׳גיט איבער מאַקס פריליך אין אַ צייטונג־אַרטיקל וועגן דעם קאַראַקאַסער רב, איז הרב ציוויאַק, אַ חוץ הויפּט־רב, אויך „אַ גוטער חזן, אַ שוחט, אַ מוהל, בעל־קורא און בעל־תּוקע. זעקס פונקציעס פירט־אויס הרב ציוויאַק, מיט אַזעלכע זעקס פּראָפעסיאָנעלע מעלות, איז נישט לייכט זיך צו פאַרשאַפן פריינד..." און נאָך, ווי ס׳דערציילט אַ צווייטער גרויסער קאַראַקאַסער ייד, ד״ר יוסף גאָלדשטיין, ווידער אין אַ צייטונג־אַרטיקל, „איז הרב ציוויאַק פון די באַליבטסטע און סימפּאַטישסטע מענטשן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין דער יידישער קהילה. ער איז מיט יעדן גוט און פריינדלעך, שטענדיק מיט אַ

פריילעך פּנים. איר וועט פון אים נישט הערן אַ הויך וואָרט. אַ מענטש ממש אָן אַ גאַל. איך גלויב, אַז הרב ציוויאַק פאַרמאָגט נישט קיין איין איינציקן שונא״.

ד״ר גאָלדשטיין גיט נאָך צו, אַז אַ חוץ אַלע זיינע פּראָפעסיאָנעלע אויפגאַבעס, איז נאָך הרב ציוויאַק אויך אַ... דאָקטער. יאָ, אַ נשמות־דאָקטער, וואָס היילט דעם מענטשן פון די מחלות פון אומגלויבן, פון נידעריקן מאַטעריאַליזם און פון עגאָיזם.

די אַ לעצטע פּראָפעסיע פון אַ נשמות־היילער ווייזט אונדז, אַז הרב ציוויאַק איז ווייט נישט קיין געוויינטלעכער רב. ווייל ליידער זענען מיר שוין צוגעוווינט אַז רבנים ביי יידן פירן זיך אין די לעצטע צייטן, בדרך־כלל, ווי רעליגיע־באַאַמטע, וואָס טראָגן אַן אַחריות נאָר לגבי די קהל־פאַרזאָרגערס וואָס האָבן זיי אַנגאַזשירט, און פון וועמען ס׳איז אָפּהענגיק דאָס באַנייען זייער קאָנטראַקט. פונעם פאָלק, וואָס פון אים אייגנטלעך שטאַמען די געלטער און וואָס אים דאַרף אַ רב באַדינען כסדר, האַלט מען זיך דווקאָ דערווייטערט און אָפּגעזונדערט. נישט דאָס איז דער פאַל מיט הרב ציוויאַק. ער שטייט כסדר צו דינסט זיין עדה און איז אַלע מאָל צוטריטלעך פאַר יעדן איינעם; דערפאַר האָט ער זיך עס פאַרדינט וואָס ד״ר יוסף גאָלדשטיין האָט אים געקרוינט מיטן בכבודיקן טיטל פון נשמות־דאָקטער.

הרב ציוויאַק האָט אַריינגעבראַכט אַן אויפלעבונג, אַ נייעם אָטעם אינעם רעליגיעזן לעבן פון יידן אין קאַראַקאַס. און ווען איך זאָג רעליגיעז לעבן מיין איך נישט בלויז די ענגע ראַמען פון ריין־ריטואַליסטישע צע־רעמאָניעס און פּירונגען, אין וועלכע דער רב באַווייזט טאַקע זיין גבורה, נאָר איך מיין דאָס ברייטע פעלד פון העכערער, רעליגיעזער עמאָציע בכלל, וואָס איז אין ווענעסועלאַ געוועזן אַזוי פאַרוואָרלאָזט און האָט איצט אויפ־געבליט. אַריינברענגען עכטע יום־טובדיקע האַרציקייט אין אַ קאָלעקטיווער פּסח־פייערונג אינעם קולטור־צענטער שלום עליכם; פאַרוואַנדלען יעדע יידישע מסיבה אויף וועלכער ער נעמט אָנטייל אין אַ דערהויבענעם, תפילהדיקן צוזאַמענקום — אין דעם באַשטייט הרב ציוויאַקס אויפטו, וואָס רייסט מיט דעם עולם, פרומע און פרייע, ווייל אַלע פילן אַז דורך אים קומט זיי צו דאָס ביסל נשמה־יתירה, וואָס אָן דעם איז גאָר נישט כדאַי צו זיין אַ ייד.

אַ צווייטער פאַקטאָר פון הרב ציוויאַקס אויסערגעוויינטלעכער פּאָפּו־לאַריטעט ליגט אין דעם, וואָס ער איז אַזאַ נוח לבריות, און ווייס ווי אויסצוקומען אויף אַ בכבודיקן אופן מיט אַזאַ געמישטן עלעמענט יידן, ווי מען טרעפט אינעם קאַראַקאַסער ישוב: יידן פון עלטערן דור, וואָס

האָבן נאָך ליב צו לערנען אַ בלאַט גמרא, און ייִנגערע עסקנים וואָס ווילן אויך האָבן אַ דעה אין קהל־זאַכן, אָבער וואָס גמרא מיינט הייבן זיי נישט אָן צו וויסן; און ווייטער: ייִדן פון פוילן, בעסאַראַביע, דייטשלאַנד, בוקאָווינע, ליטוואַקעס און אַנדערע שבטי ישראל, יעדערער מיט זיין באַזונדערער מענטאַליטעט, אויסשפּראַך און נוסח אין דאַווענען ווי אין לעבן. און הרב ציוויאַק ווייס ווי אַזוי אַלעמען איינצונעמען, מיט אַלעמען זיין בשלום, אַלעמען ווירקלעך צו באַדינען, און אַלע זאָלן טאַקע פילן אַז ער איז דאָס זייער פאַרשטייער און גייסטיקער מנהיג.

אַזאַ פערזענלעכקייט ווי ס׳איז הרב ציוויאַק האָט נישט געקענט פאַרבייגיין אומבאַמערקט אויך מחוץ די ראַמען פון ייִדישן ישוב.

אמת, אויב עס גייט וועגן כּבוד און ליבשאַפט, דאַרף הרב ציוויאַק גאָרנישט גיין זוכן מחוץ זיין עדה, ווייל ייִדן האָבן אים און זיין משפּחה אַרומגערינגלט מיט דער גרעסטער וואַרעמקייט און לאָזן נישט דורך קיין שום געלעגנהייט — אַ זילבערנע חתונה, אַ חמישים יובילײ אאַז״וו — אויסצודריקן זייער התפּעלות און שטאָלץ וואָס זיי פאַרמאָגן אַזאַ רב.

אָבער נישט זוכנדיק, האָט הרב ציוויאַק זיך אויך דערוואָרבן פריינדשאַפט און אָנערקענונג אין דער נישט ייִדישער סביבה, סיי מצד קאַטוילישע גייסטלעכע, וואָס רעספּעקטירן אין אים דעם גייסטמענטש, עדה־מנהיג און באַזיצער פון אַ גרינטלעכער טעאָלאָגישער בילדונג, סיי אַפילו פון די העכסטע מלוכה־אינסטאַנצן פון ווענעסועלאַ; מיט אַ צייט צוריק האָט אים דער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, ביי דער אָנוועזנהייט פון גאַנצן מיניסטאָרן־קאַבינעט, אויסגעצייכנט מיטן אָרדן פון „פראַנציסקאָ מיראַנדאָ״.

אין די לעצטע צייטן איז הרב ציוויאַק געוואָרן אַ שותּף אין דעם גרויסן און נאָבעלן פאַרמעסט וואָס עס האָט אונטערגענומען אין קאַראַקאַס דער עסקן בהא הידיעה ר׳ יוסף לערנער: אויסלייזן דעם בית־התּפילה פון ראַבינאַט, ראַטעווען דאָס ייִדישע מקום־קודש פון אַריינפאַלן אין פרעמדע הענט, און אויפבויען אויפן יסוד פון צוריקגעקראָגענעם בנין אַ גרויסן פיזישן און גייסטיקן יש: אַ שלימותדיקן ייִדישן גייסטיקן און געזעלשאַפטלעכן צענטער, וואָס האַלט איצט אין אויסוואַקסן אונטערן נאָמען „קהילה־ראַבינאַט״. צוליב דעם דאָזיקן הייליקן צוועק, וואָס האָט אַרויסגערופן חילוקי־דעות אין ייִדישן קאַראַקאַס, האָט הרב ציוויאַק געמוזט פאַרבייגן זיין איינגעבוירענעם כאַראַקטער פון אַ רודף־שלום, און האָט געמוזט באַשטיין צו ווערן אַ טייל אין דער מחלוקת. דאָך, מיינען מיר, איז אין דעם פאַל אַבסאָלוט באַרעכטיקט, וואָס ער האָט אָנגענומען אַ דעפינירטע שטעלונג, זייט ביי זייט מיט ר׳ יוסף לערנערן, מיט וועמען ער פירט אַ

גאָט־געבענטשטע מיטאַרבעט. דאָס זענען מענטשן וואָס זענען נישט אויסן קיין שום זאַך אויסער טובֿת־הכּלל, און איך בין זיכער אַז מיט דער צייט וועלן זייערע היינטיקע אָרנטלעכע קריטיקערס זיי דאַנקען פֿאַרן נישט צו־הערן זיך צו זייער קריטיק.

הרב מאיר ראָזענבוים

צווישן די עטלעכע רבנישע פּערזענלעכקייטן, וואָס באַדינען דאָס גאַנץ אַקטיווע רעליגיעזע לעבן פונעם קאַראַקאַסער ישוב, שיינט־אַרויס מיט אַן אייגן ליכט די פיגור פון הרב מאיר ראָזענבוים; אַ פיגור וואָס פאַרקער־פּערט די בעסטע שטריכן און טראַדיציעס פון דער דאָזיקער אַלטער יידישער געזעלשאַפטלעכער פונקציע, וואָס הייסט רבנות.

מיר, יידן פון עלטערן דור, וואָס האָבן נאָך געקענט דאָס רבנות און זיינע פּאָנען־טרעגערס אין אונדזערע אַמאָליקע שטעט און שטעטלעך פון דער אַלטער היים, פילן אָפט מאָל, אַז ווען עס קומט צו קאָמענטירן וועגן היינטיקן רבנות און רבנים אין אונדזערע מאָדערנע ישובים, כאַפּט זיך נישט ווילנדיק אַרויס אַ קרעכץ. אפשר נאָך מער ווי אויף אַלע אַנדערע פעלדער פון אונדזער שטאַרק איבערגעביטן לעבן, האָבן די גרויסע ענדע־רונגען פון אונדזער צייט געווירקט אויפן פעלד פון דער רעליגיעזער גייסטיקער אַנפירערשאַפט, און צום ווייטיק מוז מען מודה זיין, אַז די שינויים זענען בדרך כלל נישט געווען לטובה.

אַ מאָל איז אַ רב געווען אַן אַלגעמיין רעספּעקטירטע פיגור, צו וועלכער עס האָבן אַרויפגעקוקט מיט דרך־ארץ און אָפשיי נישט נאָר פרומע יידן, נאָר אויך די אַזוי גערופענע פרייע. און דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך אויך: דאָס אַמאָליקע רבנות האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ טיפער אויס־געהאַלטנקייט, אַ מיטשטימונג צווישן די טעאָרעטיש־עטישע פּרינציפּן פון יידישן דת, און די פירונגען פון רבנים און כלי־קודש אין פּריוואַטן, טאָג־טעגלעכן לעבן. אַוודאי זענען געווען אויסנאַמען, וועלכע זענען שטאַרק קריטיקירט געוואָרן, און וועגן זיי זאָגן עדות די געשיכטלעכע כראָניק און די ליטעראַטור. אָבער די אויסנאַמען האָבן נאָר געקענט באַשטעטיקן און אונטערשטרייכן דעם כלל.

היינט האָט זיך, צום באַדויערן, אין גאַנצן איבערגעדרייט די פּראָ־פּאָרציע: אַנשטאָט אַ כלל, איז קאָנסעקווענטקייט און גראַדליניקייט אין יידישן לעבן געוואָרן אַן אויסנאַם, און דאָס פאַרקערטע: מען טרעפט זיך אָן, מיט מוראדיקער אָפטקייט, אויף פירונגען וועלכע ווייזן אַז מענטשן מיינען נישט זייער רעליגיעזן באַרוף מיטן גאַנצן האַרצן, און זענען אין בעסטן פאַל נאָר גרייט אים צו באַדינען אַזוי ווי מען באַדינט יעדן אַנדער

פּאָסטן; וואָס פאַר אַ גייסטיק־אָנפירערישן אַמט איז דאָס לחלוטין אומ־געגוג און אומפּאַסיק.

פונקט ווי ס׳זענען פאָרגעקומען גרויסע שינויים אינעם אינהאַלט פון דער רבנישער פונקציע, האָבן זיך אויך שטאַרק געביטן די פאָרעמס: אַמאָל איז אַ רב געווען אַ סטאַבילער פאַקטאָר אין זיין אָרט, און אויב ער איז אַריבער אין אַ צווייטער קהילה, האָט דאָס געקענט געשען איין מאָל אָדער צוויי אין זיין גאַנצן לעבן. דערפאַר האָט דער כתב־רבנות געטראָגן אַ פייערלעכן כאַראַקטער, אַזש ס׳האָט געשמעקט כמעט מיט הייליקייט... היינט האַלט מען אין דער רבנישער וועלט זייער שטאַרק פונעם משנה־מקום, און ממילא איז דער כתב־רבנות אויך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָנטראַקט, אַ פּראָסטער קאָנטראַקט וועלכן מען קען אויס־פירן, באַנייען אָדער גאָר בטל מאַכן אויב עס קומט אונטער אַ בעסערע אַרבעטס־געלעגנהייט. דאָך מוז מען צוגעבן, אַז די דאָזיקע לעצטע ענדע־רונג איז גאָרנישט אַזוי נעגאַטיוו, ווייל ערשטנס, איז געוווּנטשן אַז יעדער מענטש זאָל טאַקע האָבן די שאַנסן צו געפינען די סביבה ווו ער וועט זיך בעסער אַריינפּאַסן און ווירקזאַמער דורכפירן זיין אויפגאַבע; צווייטנס, שאַפט זיך אַזוי אַרום די מעגלעכקייט אַז אַ יידישער ישוב וועלכער וויל און קען גייסטיק פּראָגרעסירן, זאָל ביסלעכווייז צובאַקומען די דאָזיקע, היינט זעלטענע עלעמענטן, וואָס קענען אים העלפן אויפן וועג פון יידי־שער דערהייבונג.

זעען מיר טאַקע, אַז דאָס יידישע קאַראַקאַס האָט קלוג אויסגענוצט די דאָזיקע געביטענע דינאַמיק פון היינטצייטיקן רבנות, און האָט דורך די יאָרן אָפּגעשפּאָרט אַ קליינע אָבער ווערטיקע גרופּע גייסטיקע מנהיגים, וואָס שיינען־אַרויס מיט זייער אינטעלעקטועלן און מאָראַלישן ניוואָ, ווי אַ מוסטער פאַר אַ סך אַנדערע ישובים. איינער פון די אָנגעזעענסטע צווישן זיי איז, ווי געזאָגט, הרב ראָזענבוים.

וועגן די מעלות און מידות טובות פון הרב ראָזענבוים האָב איך דאָס ערשטע מאָל געהערט פונעם עסקן יאָסל לערנער. ער האָט אים פאַר מיר אויסגעלויבט און געגעבן זיין עצה, אַז אַזאַ רב טאָר נישט פעלן אין אַ בוך וואָס האָט אַ שייכות מיטן יידישן קאַראַקאַס. איך האָב דעם נאָמען גוט אויפגעהיט אין זכרון, און ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט, דורך דער „פאַרמיטלונג" פון מיין פריינד מאַקס פריילינכס טעלעפאָן־אַפּאַראַט, האָב איך אים פאָרגעלייגט אַ טרעפונג, צו וועלכער ער האָט תיכף צוגעשטימט. אַגב, ס׳איז שוין אפשר איבעריק, אָבער דאָך ווילט זיך מיר נאָך אַ מאָל אונטערשטרייכן וויפל מיין שליחות אין ווענעסועלאַ האָט צו פאַרדאַנקען דער פריינדשאַפט פון רבקהלע און מאַקס פריילינך:

זייער טעלעפאָן־פונקט ווי זייער שטוב, און זייער שטוב פונקט ווי זייער האַרץ, זענען כסדר מיר בייגעשטאַנען און מיר געגעבן די שענסטע ראָם פאַר אַ סך פון מיינע ווערטפולסטע אינטערוויוען. אין דעם פאַל, פאַר אַ נחתדיקן שמועס מיט הרב מאיר ראָזענבוים, וואָס כ׳האָלט פאַר אַ באַזונדערער זכיה אים צו האָבן איינגעגלידערט צווישן די זייטלעך פון מיין בוך.

ס׳איז שוין אַ יאָר צען ווי הרב ראָזענבוים לעבט אין קאַראַקאַס. טאַקע די חברה שומרי־שבת האָבן אים געברענגט פון ניו־יאָרק, וווּ ער האָט פריִער געוווינט. די שליחים צו ברענגען הרב ראָזענבוימען קיין קאַראַקאַס זענען געווען: דער דעמאָלטיקער פרעזידענט ה׳ יעקב יוסף מאָרגענשטערן, אין דער באַגלייטונג פון די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער ר׳ אפרים שטיינמעץ, ר׳ בנימין קראָוז, ר׳ יצחק אייזיק קאַרפּעל און ר׳ יעקב־יוסף לאַבאָוויטש ע״ה. זיי האָבן אים געבראַכט צו פאַרנעמען די רבנות־שטעלע אין דער שול שומרי־שבת; באַזונדער איז ער ערן־רב פון ראַבינאַט, און ביי געלעגנהייטן באַדינט ער אויך זיין עדה ווי אַ שוחט.

פון זיינע רייד קען מען דויינגען, אַז ער איז באמת צופרידן מיט דער שטאָט וווהין דער גורל האָט אים געפירט, וווּ מען ווייסט אָפּצושאַצן זיין ווערט און מען ווייזט צו אים אַרויס דעם טיפסטן דרך־ארץ און באַציונג. און פונקט ווי הרב ראָזענבוים האָט אַ גרונט צו זיין צופרידן מיט דער שטאָט, האָט קאַראַקאַס אַ גרונט צו שטאָלצירן מיט אָט דעם רב, וועלכער האָט באַוויזן אויפצוטאָן אַ סך און גאָר וויכטיקע דערגרייכונגען, וואָס ער שרייבט זיי באַשיידן צו צו זיינע מקורבים פון דער חברה שומרי־שבת. ער האָט, צווישן פיל אַנדערע זאַכן, באַוויזן אַריינצוברענגען אַ שטימונג פון אינעווייניקסטן שלום אין ישוב, וווּ די שפּיצן פון מחלוקת זענען אין די לעצטע צען יאָר אָפּגעטעמפּט געוואָרן.

ר׳ מאיר ראָזענבוים איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טשערנאָוויץ. ער שטאַמט פון אַ באַרימטער גזע, פון דעם וועלט־באַרימטן גאַליציאַנער גדול בתורה ר׳ מרדכילע נאַדוואָרנע, און זיין גאַנצע יחוס־קייט באַשטייט פון סאַמע רבנים און אָנגעזעענע פיגורן אין דער רעליגיעזער וועלט.

בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט הרב ראָזענבוים געמוזט פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון די גרויליקע נאַצישע רדיפות אינעם טרויעריק באַרימטן טראַנסניסטריע־לאַגער. ווען די טויערן פון טראַנסניסטריע האָבן זיך ענדלעך געעפנט, איז ער אַוועק קיין בוקאַרעשט (רומעניע), וווּ ער איז אָפּגעווען צוויי יאָר צייט. נאָך דעם איז ער אַריבער קיין פראַג (טשעכיע) און סוף־כל־סוף, אין 1948, האָט ער זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער ביז 1957 פאַרנומען די רבנות־שטול אין בית הכנסת אַנשי־ספרד, אין

דער בראָנקס. דאָרט וואָלט ער זיכער פאַרבליבן אַ לעבן־לאַנג, ווען דער גורל רופט אים נישט אויספרווון זיין כּוח אין אַ חשובער, אָבער ווייטער קהילה, ווו ער האָט געהאָפט צו ברענגען גייסטיקע דערהייבונג פאַר אַ גרעסערע צאָל יידן. די דאָזיקע קהילה איז געווען מעקסיקע, וווהין ס׳האָט אים פאַרבעטן דער ווטעראַן — ראש הקהל פון דער קהילה „נדחי־ישראל״, דער אומדערמידלעכער און פון אַלעמען באַליבטער עסקן ר׳ שמשון פעלדמאַן.

פינף מיט אַ האַלב יאָר האָט הרב ראָזענבוים געדינט דער קהילה נדחי־ישראל, און ער וואָלט עס מסתמא ווייטער געטאָן, צו דער צופרידנקייט פון ביידע צדדים; אָבער דאָ האָט שוין דעצידירט אַן ענין פון געוויסנדיקייט: עס האָט זיך אונטערגערוקט די צייט ווען דער חשובער הרב ראָזענבוים האָט געדאַרפט באַזאָרגן די אויסבילדונג פון זיינע אייגענע קינדער, און פאַר זיי האָט ער געוואָלט האָבן די עכט־פרומע סביבה וואָס אין מעקסיקע איז זי נישט בנמצא, נייערט אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדאַ, און אַהין האָבן די ראָזענבוימס זיך אַריבערגעצויגן אויף עטלעכע יאָר. ס׳איז געווען זייער אַ נאַטירלעכער און פאַרשטענדלעכער באַשלוס, ווייל הרב ראָזענבוים האָלט טאַקע פון אַלע יידישע דרכים, אָבער זיינע אייגענע קינדער איז ער מחויב געווען צו דערציִען פולשטענדיק לויט זיין געוויסן, אינעם גייסט און אין דער סביבה וואָס ער האַלט פאַר די ריכטיקסטע. און נישט אומזיסט איז געווען זיין קפּדנות: היינט זענען שוין זיינע דריי קינדער אויף אַ דרך, אויף דעם דרך, וואָס דער פאָטער האָט זיי אָנגעוויזן: די טאָכטער האָט פיין חתונה געהאַט, און וואָס שייך די זין, ווווינען זיי אין ניו־יאָרק: דער עלטערער, ר׳ ברוך ראָזענבוים, נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט, איז שוין ראש פון דער מונקאַטשער ישיבה, און דער צווייטער, יעקב, זיצט נאָך אין כּולל, דאָס הייסט, ער לערנט נאָך אין דער ישיבה און וועט אי״ה אויך באַקומען סמיכות אויף רבנות.

אין 1968, נאָכן באַזאָרגן אויפן בעסטן אופן די יידישע אויסבילדונג פון זיינע נאָכקומערס, האָט הרב ראָזענבוים ווידער גענומען דעם וואַנדער־שטעקן אין האַנט און האָט מזכּה געווען מיט זיין אַרבעט אַ נייע קהילה אויפן דרום־אַמעריקאַנער קאָנטינענט: קאַראַקאַס. דאָ האָט ער זיך אַריינ־געלאָזט אין זיין געבענטשטער טעטיקייט, האָט מקרב געווען פיל מענטשן צום רעליגיעזן לעבן און איז געוואָרן אַ פון אַלעמען רעספּעקטירטע פיגור. זיין שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַלקסהויז, ווו יידן מארבע פינות העולם קומען אַריין, אַלע מאָל אין שליחות פון די העכערע אינ־טערעסן פון יידישן גייסט. ממילא ציט דאָס שוין אויך אַריין אין דער אַרבעט זיין לעבנס־באַגלייטערין, די רביצין הינדע, וועלכע פאַרמאָגט אויך אַ גאַנץ פיינעם אייגענעם יחוס: זי שטאַמט פון אַ רבנישער גזע פון אונגאַרן,

און איר משפּחה פּירט נאָך היינט צו טאָג אָן מיט דער טעטיקייט פון אַ בית־הכּנסת אין וויליאַמסבורג, ניו־יאָרק.

הרב מאיר ראָזענבוים און פרוי ה׳אָבן זיך אין קאַראַקאַס דערוואָרבן אַ חשובע פּאָזיציע, ווי איבערגעגעבענע מענטשן וועלכע קומען מיט אַ גרויסער שליחות, און שטראַלן אַרויס אמונה און בטחון מיט וואָס זיי באַטיילן זייערע ברידער אין ווענעסועלאַ.

ר׳ משה זילבערבערג
אַן אָאַזיס פון פרומקייט

די שטאָט קאַראַקאַס פאַרמאָגט גאַנצע פיר כשרע יאַטקעס, און אויך קראָמען ווו מען קען קריגן פונעם סאָמע בעסטן און שענסטן אין אימ־פּאָרטירטע, הונדערט פּראָצענטיק כשרע פּראָדוקטן. אָבער אין זאַך פעלט אין שטאָט, און דאָס איז אַ כשרער רעסטאָראַן. פרומע געסט, יידן שומרי־מצוות פון דער גאַנצער וועלט, וואָס קומען אין דער וועגעסועלער הויפט־שטאָט, סיי אין פּריוואַטע באַזוכן, סיי צוליב ציבורדיקע שליחותן, פילן גאַנץ שאַרף דעם דאָזיקן חסרון, ווייל פאַר אַזעלכע יידן איז כשרות אַ תנאַי צום לעבן, און אויב נישט קיין כשרס, איז ביי זיי רעכט נישט צו עסן אין גאַנצן, אויסצוקומען מיט אַ טרונק טיי און אַ כזית, וכדומה.

איז דאָס טאַקע אַ חסרון, אָבער אַנטקעגן דעם האָט די שטאָט אַ גרויסע מעלה. קיין כשרן רעסטאָראַן פאַרמאָגט זי נישט, פאַרמאָגט זי אָבער יאָ כשרע יידן, און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זענען כשר וישר אין קיך פונקט ווי אין זייער פּרנסה, אין זייער געזעלשאַפטלעך לעבן, אין זייער באַציונג צו מענטשן, און אין אַלע פּרטים פון זייער פּריוואַטער און עפנטלעכער אויפפירונג.

צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע יידן געהערט, אויף אַ פּראָמינענטער פּאָזיציע, דער וואַרשעווער ייד, ר׳ משה זילבערבערג. זיין היים איז די כמעט אומפאַרמיידלעכע אַכסניא פאַר רבנים און אַנדערע יידן פון דער רעליגיעזער וועלט, וועלכע קומען צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון קיין קאַראַ־קאַס. כאָטש ער איז ווייט פון צו זיין אַ גביר, נעמט ער אָן ווי אַ נאַטירלעכע זאַך — און דאָס אייגענע טוט זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין — אַז מען זאָל ביי אים איינשטיין פראַנק און פריי, ממש ווי אין אַ האָטעל־רעסטאָראַן. ביידע, מאַן און ווייב, זענען צופרידן מיטן שכר וואָס זיי נעמען פאַר דער מצווה: די מצווה אַליין...

ר׳ משה זילבערבערג איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע. זיין פאָטער איז געווען ר׳ איטשע זילבערבערג, אַליין אויך אַ וואַרשעווער, אַ ייד אַ סוחר, האָט אָנגעהערט צו דער גערער גזע, און געווען אַ נאָנטער קרוב פונעם באַרימטן שׂפת־אמת. די מוטער, פייגע, איז געווען אַ מיטגליד פון דער יחוסדיקער וואַרשעווער אַקסענבערג־משפּחה. וואָס שייך ר׳ משהן אַליין, איז ער געווען אַ תלמיד פונעם באַרימטן וואַרשעווער רב און מזרחי

מנהיג ר׳ יצחק ניסענבוים. לעבן דעם דאָזיקן רבין זיינעם האָט ר׳ משה, נאָך זייענדיק אַ קינד אויף דער שולבאַנק, איינגעזאַפּט אין זיך די מידה פון עסקנות, וואָס ער טראָגט אין זיין בלוט ביז צום היינטיקן טאָג.

אין 1929 איז די משפחה אַריבערגעפאָרן קיין בעלגיע. משה זילבער־בערג האָט דאָרט אָפּגעלעבט אַ קיימא־לן פון 30 יאָר, זינט 1959, ווען ער איז געקומען קיין קאַראַקאַס. אָבער דער לייענער פאַרשטייט שוין אַליין, אַז דאָס זענען נישט געווען קיין רויִקע, אידילישע דרייסיק יאָר. קיין בעלגיע האָט דאָך אויך דערגרייכט די מערדערישע האַנט פון היט־לעריזם. ר׳ משהס עלטערן און אַ ריי משפחה מיטגלידער זענען אומ־געקומען על קידוש השם: די דייטשע גזלנים האָבן זיי דעפּאָרטירט אינעם לאַגער דראַנסי, אין פראַנקרייך, פון וואַנען קיין איינציק לעבעדיק נפש האָט זיך נישט צוריקגעקערט. אין דער זעלבער צייט זענען אַנדערע קרובים, גאַנצע צווייגן פון זיין משפחה־בוים, געפאַלן אין וואַרשעווער געטאָ.

משה זילבערבערג האָט זיך אָבער מיט ניסים געראַטעוועט. נישט נאָר זיך, נאָר ער האָט זוכה געווען צו איינער פון די העכסטע מצוות: ראַטעווען יידישע לעבנס אין אַ מוראדיקער עת־צרה. אין בעלגיע ווייס מען גאַנץ גוט פון זיינע אויפטוען, וועגן וועלכע מיר וועלן דאָ נישט מאַריך זיין.

אין קאַראַקאַס, ווו ער איז שוין אַ תושב קנאַפּע צוואַנציק יאָר, האָט ר׳ משה זילבערבערג אויך באַוויזן דעם כּוח פון זיין איינגעבוירענעם, עסקנישן אימפּולס. די בני עקיבא־אָרגאַניזאַציע, וואָס ציילט אַ 150 מיט־גלידער, כּן־ירבו, איז זיינס אַן אויפטו. ער איז געווען איר גרינדער, וואָס שטייט כּסדר ביי איר זייט ווי אַ בעל־יועץ און אַרויסהעלפער. ער האָט אויך געזאָרגט, אַז די אָרגאַניזאַציע זאָל באַקומען די נייטיקע הדרכה פון ישראל, דורך אַ באַרופענעם מענטשן וואָס אָריענטירט די יוגנטלעכע אויף די וועגן פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אינספּירירט אין תורה און פרומקייט.

די זילבערבערגס האָבן נאָך אַ שטיקל פאַרמעגן מיט וואָס זיך פאַר־צושטעלן אויף אַ באַזונדערס ווירדיקן און נחתדיקן אופן. מיר מיינען דאָ זייער טעכטערל, שרהלע, וועלכע וווינט אין מאָנטרעאָל, קאַנאַדע. בסך־הכּל באַזיצט זי אַ צען שפּראַכן, אַזוי אין וואָרט ווי אין שריפט. איר מאַן, ר׳ משהס איידעם, איז ד״ר באורער, אַ געבוירענער אין פּאַריז, און טאַקע אַ זון פונעם באַרימטן פּאַריזער הרב באורער. דאָס איז אַ משפחה, וואָס איר יחוס־פּאָדעם אויף דער פראַנצויזישער ערד ציט זיך שוין אין משך פון אַ 200 יאָר. אַ משפחה, ווו איר וועט נישט טרעפן קיין איין סוחר, נאָר לויטער גייסט־מענטשן און געלערנטע: ראַבינערס, דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן. ר׳ משהס איידעם איז אָנפירער פון אַ קאַטעדרע פאַר פּאָליטישע וויסנ־שאַפטן אין מאָנטרעאָל. און דאָס וויכטיקסטע פון דער גאַנצער זאַך: די

הויכע בילדונג, די פילשפּראַכיקייט און די דערהויבענע אַקאַדעמישע פּאָזיציעס, שטערן לחלוטין נישט, אַז די היים פון זילבערבערגס קינדער אין מאָנטרעאָל זאָל זיין אַ העכסט־כשרע היים מיט אַלע כללים, און אַז זייערע צוויי קינדערלעך, זאָלן דערצויגן ווערן שפּאַן ביי שפּאַן אינעם גייסט פון זייערע זיידעס.

כ׳וואָלט נאָך געקענט צוגעבן פיל פּרטים וועגן דער ווילטעטיקער אַרבעט פון דעם פּאָרפּאָלק זילבערבערג, נאָר כ׳רעכן זיך מיט זייער באַשיידנקייט, וואָס פירט זיך שטרענג אויפן דרך פון מתן־בסתר. בעיקר מוז איך זיך רעכענען מיט פרוי זילבערבערגס רעזערווירטקייט: אָט די אויסגעצייכנטע גאַליציאַנער אשת־חיל האָט בכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין נייגונג „באַשריבן צו ווערן” ד׳רך מיר, ווען כ׳האָב באַזוכט איר היים. איין גליק וואָס כ׳האָב זיך דערוואַרט אויפן באַלעבאָס אַליין, וועלכער איז גראָד צוריקגעקומען פון מנחה־מעריב דאַוו ענען אין דער שול שומרי־שבת, ווי געווייינטלעך, אין דער באַגלייטונג פון אַן אורח: דער חשובער הרב מאיר לאַנדונסקי, ראַדינער ראש־ישיבה פון נתניה. נאָר אַזוי אַרום איז מיר געראָטן אָנצוקלייבן די פּאָר קאַרגע שטריכן מיט וועלכע כ׳האָב געצייכנט דעם פּאָרטרעט פון אָט דער זעלטענער משפּחה.

כ׳פריי זיך גאָר באַזונדערס, וואָס כ׳קריג אַריין אין מיין העלדןגאַלעריע די פיגור פון אָט דעם טייערן שארית־הפליטה־ייד, וועמען איך ווינטש אַל דאָס בעסטע, צוזאַמען מיט זיין געטרייער באַגלייטערין.

אַ ריי אַספּעקטן פון דער דערעפענונג פון דעם טעמפּל „בית אל יוסף ורחל" אין קאַראַקאַס.

דער נייער דור אינטעלעקטואַלן אין וועגעסועלאַ

אַ מענטש, צי ס׳געפעלט אים יאָ, צי נישט, האָט ער זיך זיינע באַ־גרענעצונגען, באַשטימטע דורך דער עלטער, דער סביבה און דער מענ־טאַליטעט, אאַז״וו. פאַראַן געביטן ווו ער איז נאַטירלעך היימיש; ער האָט

אַליסיאַ פריילין דע סעגאַל, די עלטערע טאָכטער פון די פרייליכס.

אַ וועלט אין וועלכער ער איז באַהאַוונט, און קען אין איר גרינג אויפכאַפּן און פאַרשטיין אַפילו די פרטים, וואָס זענען אים פון פריִער נישט באַקאַנט.

אויף אַנדערע געביטן, אָבער, איז ער דורכויס פרעמד, און איז אַפילו נישט מסוגל אין זיי אַריינצוטרעטן, ווייל ער איז בטבע ווייט פון דעם פעלד און פון אַלע זיינע שייכותן. דערפאַר איז געוווּנטשן, ווען אַ מענטש איז באַוווּסטזיניק וועגן זיינע מעגלעכקייטן און ווייס צו זאָגן: עד כאן — ביז אַהער מעג איך רעדן, און דאָס מוז איך שוין אָפּטרעטן דאָס וואָרט אַן אַנדערן.

דער שרייבער פון די שורות ווייס קלאָר, און האָט עס שוין אָפּט אַרויסגעבראַכט, אין וועלכע שיכטן פון יידישן לעבן ער איז אַ בן־בית, אַ היימישער, און אין וועלכע ער דאַרף זיך ערשט נאָכפרעגן כּדי זיך עפּעס צו דערוויסן. צו די איינגעפונדעוועטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט אין ווענעסועלאַ, ווי צו זייערע קהלשע, קולטורעלע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, האָב איך קיין וועגווייזער נישט באַדאַרפט. ס׳איז מיר גענוג געווען די איבערגעגעבענע, חברישע מיטבאַגלייטונג פון מיין טייערן פריינד מאַקס פריילִיך, וועלכער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מי מיר צו פאַרגרינגערן אַלע קאָנטאַקטן און אַפילו דעם פיזישן טייל, די פאָרענישן, וואָס זענען נייטיק זיך צו קענען טרעפן מיט אַזאַ גרויסער צאָל מענטשן. אָבער צום תּוך פון די דאָזיקע מענטשן האָב איך געהאַט אַן אייגענעם נאַטירלעכן שליסל, ווייל מיר שטאַמען דאָך אָפּ פון אַ גע־מיינזאַמער סביבה אין דער אַלטער היים, פאַרמאָגן אַ בשותּפותדיקע שפּראַך, האָבן דורכגעמאַכט ענלעכע גילגולים אויפן אַמעריקאַנער באָדן און אָנ־געקליבן אַן ענלעכע דערפאַרונג אויפן פעלד פון ציבורדיקן לעבן.

גאָר אַנדערש איז אָבער ווען עס קומט אויס צו באַהאַנדלען דעם נייעם יידישן דור אין ווענעסועלאַ, זיינע הויפּט־פאָרשטייערס און זיינע יחידישע און קאָלעקטיווע אויפטוען. דאָ שטייט צווישן אונדז אַ וואַנט: מיר, אַביטוריענטן פון שטעטלשן „אוניווערסיטעט״, גראַדויִרטע אויף פּעדלעריי אין די „גרינע״ יאָרן, און מיט אונדזער אייגענעם לעבנסוועג סיי אין דער עקאָנאָמישער, סיי אין דער געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג, זענען גאָר נישט באַרופן אַריינצודרינגען אין דער וועלט פון הי־געבוירענע, שפּאַניש־רעדנדיקע מענטשן, ריכטיקע אוניווערסיטאַריער, ספּעציאַליסטן אויף די פאַרשיידנסטע געביטן פון דער מאָדערנער וויסנשאַפט און טעכניק, אָדער גאָר אָנגעזעענע אינטעלעקטואַלן, קינסטלערס, זשורנאַליסטן און מומחים אין סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראַגעס. וועגן דעם אָ עלעמענט, וועלכער פאַרנעמט אין ווענעסועלאַ אַ חשוב אָרט און שפּילט אויך אַ וויכטיקע ראָלע אינעם יידישן עפנטלעכן לעבן, איז געוווּנטשן אַז ס׳זאָל שרייבן איינער פון זייערע אייגענע מענטשן. אַזוי האָב איך נישט איין מאָל זיך אַרויסגעזאָגט, און כ׳בין גליקלעך וואָס דאָס מזל האָט מיר צו־

גטייטלט די פּאַסיקע פּאַרטרעטערס אָנצושרייבן דאָס איצטיקע קאַפּיטל. די ווייטערדיקע שורות זענען רעדאַגירט געוואָרן אויפן סמך פון אינפאָר־מאַציעס, וואָס עס האָבן מיר צוגעשטעלט די זשורנאַליסטקע אַליסיאַ

מרים פריילין דע אַבאַדי, די צווייטע טאָכטער פון די פריילינכס.

פריילין־סעגאַל פון איין זייט, און דער „ק.א.י.וו." (קאָנפעדעראַציע פון יידישע פאַרבאַנדן אין ווענעסועלאַ) פון דער צווייטער זייט.

אַליסיאַ פריילין־סעגאַל, ווי דער לייענער געדענקט אָדער שטויסט זיך אָן, איז די טאָכטער פון דעם ליבן פריינד מאַקס פריילין. לויטן באַרוף אַ פּעדאַגאָגין, איז זי נאָך דעם אַריבערגעגאַנגען צו דער זשורנאַליסטישער טעטיקייט, און שרייבט אַ פּערמאַנענטע רובריק אין די צייטונגען „על

נאַסיאָנאַל" און „על אוניווערסאַל". זי האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אינעם זשאַנער פון זשורנאַליסטישן אינטערוויו, און האָט גאָר לעצטנס, אין מאַי 1977, אַרויסגעגעבן אַ בוך א"נ „אינטערוויואירטע פון בלוט און פלייש". אויב איר פאָטער איז געווען מיין רעכטע האַנט ביים שרייבן די אַרטיקלען וועגן עלטערן דור עסקנים און שרייבער, איז די טאָכטער ממש געווען מיין אויג און מיין אויער אין די קרייזן פון יונגן, שפּאַניש־רעדנדיקן, אינטעלעקטועלן דור. ווי געזאָגט, איז אַליסיאַ פרייליך־סעגאַלס באַריכט דערגאַנצט געוואָרן דורך אינפאָרמאַציעס, וואָס עס האָט מיר צוגעשטעלט די צענטראַלע דאַך־אינסטיטוציע פון ווענעסועלער יידנטום. איך דאַנק אַלע אינפאָרמאַנטן פאַר דער טרחה וואָס זיי האָבן אין דעם אַריינגעלייגט מיט זייער בעסטן ווילן.

☆

אַ ריי יידן האָבן זיך אויסגעצייכנט אין ווענעסועלאַ אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער קאָמוניקאַציע, וואָס נעמט־אַרום דאָס פעלד פון גע־שריבענעם זשורנאַליזם, ווי אויך פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע. צווישן זיי, קען מען דערמאָנען דעם פּיאָנער פון ווענעסועלער ראַדיאָ־וועזן, אַמאַדאָר בענדייאַן. דער נאָמען איז משמעות פון אַ ספרדישן יידן. כאָטש „טעכניש" קען מען אים נישט צורעכענען צום יונגן דור, ווייל ער האָט הינטער זיך אַ סטאַזש פון 40 יאָר ווי אַ קאָמעדיע־אַקטיאָר אין ראַדיאָ, קינאָסטאַר אין ווענעסועלער־מעקסיקאַנער פילמען און ערשטער דיקטאָר פון דער ווענעסועלער טעלעוויזיע, דאַך זענען מיר גענויגט אים צו דערמאָנען צווישן די יונגע, צוליב דעם וואָס ער פאַרנעמט זיך מיט די דאָזיקע היינטצייטיקע קאָמוניקאַציע־מיטלען, וואָס זענען פאַר זיך אַליין אַ סימבאָל פון דער מאָדערנער וועלט. ס'איז וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז במשך זיין גאַנצער לאַנגער קאַריערע האָט אַמאַדאָר בענדייאַן קיין מאָל נישט אָנגעווענדט זיין חשובע פּאָזיציע אין ראַדיאָ און טעלעוויזיע כדי צו מאַכן קאָמער־ציעלע פּראָפּאַגאַנדע, נאָר בלויז לטובת סאָציאַלע צוועקן און הומאַניטאַרע קאַמפּיינען.

גלאָריאַ מיראַס (גאָלדשמיד) איז אַ זשורנאַליסטקע, וואָס גיט זיך אָפּ מיט טעלעוויזיע־פּראָדוקציעס. היינט צו טאָג פּראָדוצירט זי די וויכטיקסטע אינטערוויו־פּראָגראַם, אונטערן נאָמען „פּרימער פּלאַנאָ", אויפן צווייטן קאַנאַל פון דער קאַראַקאַסער טעלעוויזיע. איר קאָלעגע, סאָפיאַ אימבער, פּראָדוצירט און פירט אַליין אָן מיט דער פּראָגראַם „בוענאָס דיאַס" אויפן 4טן קאַנאַל, וואָס האַלט זיך שוין דאָס נייַנטע יאָר אויף די ערשטע פּאָ־זיציעס וואָס שייך דער צאָל צושויערס. זי רעדאַגירט אויך דעם וואָכנ־

זשורנאַל „אוטענטיקאַ״, שרייבט אַ כּסדרדיקן קאַלום אין דער צייטונג „על אוניווערסאַל״ און איז די דירעקטאָרשע פון מוזיי פאַר היינטצייטיקער קונסט. זי איז אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער נאַציאָנאַלער פּרעמיע פאַר זשורנאַליזם.

אַגב, אַז מען רעדט שוין וועגן קאָלומס אין צייטונגען, איז כּדאַי אָפּצומערקן, אַז דאָס איז אין וועגעסועלאַ אַ ביז גאָר פאַרשפּרייטער נוסח אין זשורנאַליזם, און יידן זענען שטאַרק פאַרטראָטן צווישן די שרייבערס פון שטענדיקע רובריקן אין די פּאָפּולערסטע פּרעסע־אָרגאַנען. צווישן זיי וועל איך דערמאָנען: פּאַולינאַ גאַמוס־אַלמאָסני; גוסטאַוואָ אַרנשטיין, וועלכער איז גלייכצייטיק אויך אַ הויכער באַאַמטער אין דער קולטור־לייטונג פון צענטראַלן וועגעסועלער אוניווערסיטעט; מרים פריילין־אַבאַדי, וואָס האָט געאַרבעט פאַר די זשורנאַלן „אימאַכען״, „סעמאַנאַ״ און „על נאַסיאָנאַל״; אַגלייאַ קינזבורונער; זיאַנאַ הירשביין; סענטאַ עסענפעלד־ברויער און קאַרלאָס גערען, וועלכער שרייבט די פּאָליטישע רובריק פון זשורנאַל „רעסומען״ און איז אויך דירעקטאָר פון דער שול פאַר אינטערנאַציאָנאַלע פאָרשונגען ביים פאַקולטעט פאַר עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין צענטראַלן וועגעסועלער אוניווערסיטעט.

אויפן געביט פון ראַדיאָ און טעלעוויזיע צייכענען זיך אויך אויס: דער פּראָגראַמען־אַנפירער פאַקאָ בענאַמאַן, און דער פּרסום־ (פּובליציטעט עָדער פּראָפּאַגאַנדע) ספּעציאַליסט זשאַק ברוינשטיין, וועלכער איז גלייכצייטיק דער ערשטער מומחה אין לאַנד אויף דזשאַז־מוזיק, און פירט אָן מיט אַ פּאָפּולערער ראַדיאָ־שעה פון דער דאָזיקער מוזיק.

זעלבפאַרשטענדלעך, פעלן נישט אין וועגעסועלאַ קיין יידישע פאַר־שטייערס אויף די פעלדער פון מחשבה און וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, וואָס זענען תּמיד און אומעטום געווען אַ „שוואַכקייט״ פון אַחינו בני ישראל, אַבי מען האָט זיי נאָר צוגעלאָזט צו די אוניווערסיטעטן. יידן צייכענען זיך אויס אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. אין פילאָסאָפיע, האָבן מיר פרוי ד״ר מאַריאַנאַ קאָהן־בעקער; אין אינזשעניעריע, ד״ר משה שפּאַנקאַ; מאַנועל ריעבער פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג אויפן פעלד פון כעמיע און מיגעל לאַופער טוט דאָס אייגענע אויפן פעלד פון נעוראָ־פיזיאָלאָגיע, ביידע אין די ראַמען פונעם „איוויק״ (וועגעסועלער אינסטיטוט פאַר וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען).

ווי ס׳איז צו דערוואַרטן, טרעפט מען די העכסטע יידישע באַטייליקונג אינעם תּחום פון מעדיצין, אין אירע פאַרשיידענע אָפּצווייגן און ספּעציאַ־ליטעטן. דאָס פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַזעלכע רופאים ווי דער רמב״ם און ד״ר סאַבין (כּדי נישט צו דערמאָנען מער ווי דעם עלטסטן

און דעם נייסטן רינג פון אַ לאַנגער, נישט־איבערגעריסענער קייט), האָט אויך ווענעסועלאַ נישט פאַרפעלט צו געבן דעם ערשטראַנגיקן, אָפט מאָל פּיאָנערישן בייטראַג, פאַר דער וויסנשאַפט און קונסט פון היילן מענטשן. פאַרצייכענען מיר טאַקע אַ ריי וויכטיקסטע נעמען, כאָטש מיר וויסן אַליין, אַז די רשימה איז ווייט נישט קיין פולע: ד״ר עליאַס בענאַראָטש, מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט וויכטיקע לייסטונגען ווי אַ סאַניטאַריסט; די דאָקטוירים הענריקע בענאַים־פינטאָ, חיים סעגאַל, סימאָן בעקער, סאַמועל בראָנפנמאַכער, איסידאָראַ זיידמאַן, עליאַס שיזמאַן, אַברהם און שאול קריוואָי, קאַרלאָס גאָלדשטיין, עדי קאַסוואַן, עדואַרדאָ הירשהויט, און די דאָקטערשע עלאַ בערגער, אַ ספּעציאַליסטקע אויף גינעקאָלאָגיע און משפּחה־פּלאַנירונג. אַ באַזונדער בכּבודיק אָרט פאַרדינט אין אונדזער צעטל דאָקטערשע ליאַ אימבער, ערשטע פרוי אין גאַנץ ווענעסועלאַ וואָס האָט דערגרייכט דעם טיטל ד״ר מעדיצין, און איז יאָרנלאַנג געשטאַנען בראש פונעם קינדער־שפּיטאָל.

אין דער וועלט פון ליטעראַטור און קונסט שיינען־אַרויס די נעמען פון צוויי דראַמאַטורגן, וואָס זייער שם דערגייט שוין איבער די גרענעצן פון ווענעסועלאַ און ווערט באַקאַנט אויף די ברייטע געמאַרקן פון שפּאַניש אַמעריקע: איסאַק טשאָקראָן, דער מחבר פון די פּיעסעס „אַנימאַלעס פעראָסעס״ (ווילדע חיות), „לאַ רעוואָלוסיאָן״, „טריק־טראַק״ און אַנדערע, און עליסאַ לערנער, וואָס האָט אָנגעשריבן „לאַ בעליאַ דע אינטעליכענסיאַ״ (די שיינע בעל־שׂכלטע), „ען על וואַסטאָ סילענסיאָ דע מאַנהעטן״ (אין דער רחבֿותדיקער שטילקייט פון מאַנהעטן) און „ווידאַ קאָן מאַמאַ״ (דאָס לעבן מיט דער מאַמען). די לעצטע איז אויך אַן עסייִסטקע, און האָט אין דעם זשאַנער פאַרעפנטלעכט דאָס בוך „אונאַ סאָנריסאַ דעטראַס דע לאַ מעטאַ־פאָראַ״ (אַ שמייכל הינטערן מעטאַפאָר). צווישן די פּראָזאַיִקער, צייכענען זיך אויס מיט זייערע קורצע דערציילונגען בן־עמי פיכמאַן און זשאָלאַנדאַ קאַפּרילעס.

אַ גיכער איבערבליק איבער די אָנגעזעענסטע פיגורן פון דער פּלאַס־טישער קונסט ווייזט אונדז אויך באַדייטנדיקע יידישע נעמען: די מאָלערינס סוסי דעמבאָ און סוסי איגליצקי; לאַמיס פעלדמאַן, גאולה (זילבערמאַן), עלענאַ לאַופער, מאַריעט אַבאַדי פוטערמאַן, דער סקולפּטאָר האַרי אַבענד, און אַחרון־אַחרון, אַן ערשטראַנגיקע פיגור אין מאָדערנער אַרכיטעקטו־ראַלער מאָלעריי און סקולפּטור: גערטרודיס גאָלדשטיין (געגאָ), וועלכע האָט פאַרדינט אינטערנאַציאָנאַלע אָנערקענונג און אויך אַ ריי פּרעמיעס.

אויפן געביט פון געזאַנג פאַרמאָגן מיר די אויסערגעוויינטלעכע אויס־טייטשערין פון ספרדישן פאָלקלאָר אסתר ראָפּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן

צוויי לאַנגשפּיליקע פלאַטן, מיט אַ גרויסן אָפּקלאַנג אין לאַנד. צוויי יידישע קאָמפּאָזיטאָרן, פּאַבלאָ שניידער און בעלען ראָזענבערג דע לאַפּשער, האָבן באַקומען וויכטיקע פּרעמיעס. ס׳פאַרדינען אויך פאַרצייכנט צו ווערן קלאַראַ דיאַמענט און ראַקעל אַדלער,ביידע דירעקטאָרשעס פון קונסט־גאַלעריעס, און צוויי יונגע פרויען קינאָ־קריטיקערס: עלאַ דינעס און סוסי ראָטקער.

ס׳איז זייער שווער, אָדער טאַקע אוממעגלעך, אויסצושעפּן אַלע תּחומים פון גייסטיקער און עפנטלעכער טעטיקייט אין וועלכע יידן זענען פאַרטראָטן, און נאָך שווערער איז אָנצוגעבן די נעמען פון אַלע באַטייליקטע אויף יעדן געביט. איך וויל נישט איינשטעלן און זאָגן אַז מיט די אַלע נעמען באַקומט זיך שוין אַ בילד פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ווענעסועלאַ, בפרט נאָך ווען עס פעלן מיר דאַטן פון דער עפנטלעכער טעטיקייט אינעם אַלגעמיינעם לעבן. פון דעם פעלד פאַרמאָג איך נאָר געציילטע, אָפּגעריסענע ידיעות. ביי מיר איז פאַרצייכנט, אַ שטייגער, אַז די איצטיקע פאָרזיצערין פון וויצאָ־אַוויוו, פרוי ענאַ ראָטקאָפּף, געהערט צו די בולטע פיגורן פון אַ ריי ווילטעטיקע איניציאַטיוון פון אַלגעמיינעם כאַראַקטער; אַז דער ייד ראובן מערענפעלד איז איצט פּרעזידענט פון דער קעגן־קאַנסער־געזעלשאַפט אין פעדעראַלן דיסטריקט; אַז די יידן סאול מאַמאַן און קלעמענטע קאַהען שפּילן וויכטיקע ראָלעס אויפן פעלד פון אינפאָרמאַציע און טוריזם, און אויך אַז עס זענען פאַראַן יידן אויף וויכטיקע פּאָזיציעס אין דער צענטראַלער רעגירונג, ווי דער וווינונג־מיניסטער ד״ר סאול שוואַרץ און די געוועזענע וויצע־מיניסטאָרשע פאַר דערציִונג, און איצט דירעקטאָרשע פון דער בעקאַס־פונדאַציע „גראַן מאַריסקאַל דע אַזשאַקוטשאַ״, רות לערנער. איך ווייס אָבער לחלוטין נישט צי מיט זיי ווערט פולשטענדיק געדעקט דער יידישער אָנטייל אויף אַלע אַספּעקטן פון אַלגעמיינעם קולטורעלן און עפנטלעכן לעבן פון ווענעסועלאַ. פּערזענלעך בין איך גענייגט צו דער מיינונג, אַז דאָס איז נישט אַזוי; אַז די אויס־גערעכנטע זענען טאַקע די פּראָמינענטסטע פאָרשטייערס, אָבער ווי אַזעלכע שטעלן זיי נאָר פאָר דעם אָנזעעוודיקן שפּיץ פונעם אייזבאַרג, אונטער וועלכן עס באַהאַלט זיך נאָך זיכער אַ גרעסערע צאָל יידן אין מיטעלן אָדער יונגגן עלטער, וועלכע טראָגן ביי שטילערהייט זייער אינטעליגענץ, פלייס און טאַלאַנט, פאַר דעם פאָרשריט און גרויסקייט פונעם לאַנד ווענעסועלאַ.

אינטערעסאַנט איז אויך צו באַמערקן, אַז דער יונגער אינטעלעקטועלער שיכט פונעם יידישן ישוב באַשטייט אין אַ גרויסער מאָס פון פרויען. לויט די אויסגערעכנטע נעמען, קענען מיר זען אַז די יידישע פרוי איז ברייט פאַרטראָטן אין קונסט און אין ליטעראַטור, אין וויסנשאַפט און אין זשור־נאַליזם, און אַפילו אין דער פּאָליטישער וועלט. אין דעם זינען, שפּילט די

יידישע אינטעליגענץ אַ באמת פּיאָנערישע ראָלע אין דער וועגעסועלער געזעלשאַפט, ווו די ראָלע פון דער פּרוי איז נאָך ווייט הינטערשטעליק לגבי דעם מאַן אויף די אַלע דערמאָנטע געביטן. דאָס הייסט, אַז נישט נאָר ווי יחידים, אינדיווידועל, זענען יידן אַ גרויסער פאַקטאָר אינעם פאַרשריט פונעם לאַנד, נאָר אויך קאָלעקטיוו שטעלן זיי מיט זיך פאָר אַ פּראָגרע־סיווע גרופּע, וואָס קען אין אַ סך אַספּעקטן זיין דער הייוון, וואָס מאַכט יערן די געזעלשאַפט אין אַלגעמיין. איך מיין אַז מיר, יידן פון עלטערן דור, וועלכע האָבן אַוודאי אַ חלק, אַ גרויסן חלק, אין דער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון אונדזער נאָכקום, מעגן שטאָלצירן מיט דער דאָזיקער דערשיינונג.

פון אייגענער דערפאַרונג, ווי אויך לויט עס האָבן מיר איבערגעגעבן מיינע עלטערע און יינגערע אינפאָרמאַנטן אין קאַראַקאַס, ווייס איך, אַז אַ באַטייטנדיקער טייל פון דער יונגער יידישער אינטעליגענץ זענען אויך אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. פאַראַן אַ ריי פּראָפעסיאָנאַלן כלל־טוערס; אַנדערע האַלטן אָן די פאַרבינדונג מיטן יידישן ציבור אויף אַ קולטורעלן אָדער געזעלשאַפטלעכן אופן. פאַרן צוקונפטיקן היסטאָריקער פון וועגעסועלער יידנטום בלייבט פעסטצושטעלן געגנוי, וועלכע איז די באַציונג פון נייעם דור אינטעלעקטואַלן צום אָרגאַניזירטן יידישן לעבן, אין וואָס באַשטייט זייער ביישטייער פאַר דעם, און ווי עס וועט זיך אַנט־וויקלען אין דער צוקונפט זייער באַטייליקונג אין אַלע יידישע ענינים.

לאָמיר לסוף פרווון אָפּמאָלן בקיצור ווי ס׳האָט אויסגעזען דורך דער צייט די אַנטוויקלונג פון דער יידישער אינטעלעקטואַליטעט אין וועגעסועלאַ. דער באַלאַנס וואָס מיר האָבן דאָ אונטערגעשטראָכן איז מער אָדער וויניקער פאַרבונדן מיט די ערשטע דורות, מיטן ערשטן האַלבן יאָרהונדערט פון אונדזער זיין אין וועגעסועלאַ. ס׳איז בפירוש אַ פיינער באַלאַנס. איך וויל אָבער באַטאָנען, אַז מיר האַלטן דאָס נאָר פאַר אַן אָנהייב. מיר האָבן שוין אַזוי פיל מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז אַ יידישער ישוב אָן אינטעלעקטואַלן איז ווי אַ בוים אָן וואַסער. דער דורכשניטלעכער אימיגראַנט, דער געוויינט־לעכער מענטש, באַשטייערט פאַר דער עקאָנאָמיע און ווילזיין פון לאַנד, אָבער דער גייסטיקער ביישטייער איז נישט וויניקער וויכטיק. און אפשר נאָך וויכטיקער, ווייל אַ ישוב קען זיך נאָר דערהייבן און צִיען דרך־ארץ מצד די באַלעבאַטים פון לאַנד, ווען ער זעט זיך אָן אויפן פעלד פון קולטור. דעריבער איז ממש אַ ברכה וואָס דער ישוב וועגעסועלאַ דער־גאַנצט זיך אויףביידע פראָנטן. אפשר אַ סך מער ווי ס׳איז געווען צו דערוואַרטן לויט אַ נאַטירלעכן חשבון, אָדער אין פאַרגלײַך מיט אַנדערע ישובים.

ס׳איז אויך כּדאַי צו נעמען אין באַטראַכט אַז אַזאַ מין מזל־ברכהדיקע דערשיינונג, אַזאַ בכּבודיקע און צאָלרייכע פּלעיאַדע פֿון נייע אינטעלעקטואַלן, וועט מסתּמא נישט בלייבן אָן אַ נאָכפאָלגערשאַפט: מען טאָר נישט בלייבן סטאַגנירט. דאָס לעבן האָט זיך זיינע פּרינציפּן און געזעצן. פּונקט ווי דער עלטערער דור האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך די פּיאָנערן צו העלפֿן אויסבויען אַ רייכע און געזונטע ווירטשאַפט אין וועניעסועלאַ, אַזוי איז אויך צו דערוואַרטן אַז דער נייער דור אינטעלעקטואַלן וועט מיטברענגען מיט זיך נייע קאַדרען, נאָכפאָלגערס, סיי גייסטיק, סיי פּאָליטיש. נאָר אַזוי אַרום וועט אונדזער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אייגנאַרטיקייט באַווייזן זיך איינצוגלידערן ווי אַ לעבעדיקער טייל אינעם גייסטיקן לעבן פֿון דעם לאַנד, וווּ דער גורל האָט געבראַכט און איינגעפלאַנצט אַזאַ געטרייען און טאַלאַנטירטן יידישן ישוב.

סוסי איגליצקי

איך האָב זיך מיט איר באַקענט אין די פופציקער יאָרן: אַ יונג, פּרעכטיק־שיין מיידל. זי האָט גערעדט שפּאַניש און דייטש, ווייל געשטאַמט האָט זי פון עסטרייך. מיינעם אַ לאַנדסמאַנס אַ זון, חיים איגליצקי, האָט

סוסי איגליצקי אויף איר בילדער־אויסשטעלונג, מיטן ישראל־אַמבאַסאַדאָר אין קאָלאָמביע — שלמה באַוויליאַ

זיך אין איר פאַרליבט. אַז איך האָב געזען דאָס ווינער מיידל, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אַז דער חיים איז שוין גאָר נישט קיין נאַר...

ווי דער שטייגער איז: זיי זענען געוואָרן חתן־כּלה, האָבן חתונה געהאַט, און היינט האַלטן זיי אַליין שוין ערב פירן צו דער חופּה זייער זון. איז מילאָ אַזאַ איז שוין דער דרך־העולם זינט אָדם־הראשונען, און אַזוי מוז

אויף אַ בילדער־אויסשטעלונג אין באָגאָטאַ פון דער קאַראַקאַסער יידישער קינסטלערין סוסי איגליצקי. רעכטס: שמעון גובערעק, סאַראַ גאַניטסקי, לאָלאַ גובערעק, יִגאל כאַווילאָ, אַ קונסט־מאַלער פון ישראל. די קינסטלערין סוסי און וויקטאָר שאַיע

אויך ווייטער זיין. אָבער וועגן סוסי איגליצקין איז פאַראַן וואָס צו דער־ציילן.

מיר האָבן שוין אַ סך שורות אָפּגעגעבן דעם יידישן קאַראַקאַס, מיט זיין מעכטיקן עקאָנאָמישן לעבן און מיט די גייסטיקע און קולטורעלע גאָר וויכטיקע פאַרמעסטן. טאַקע אויפן קולטורעלן געביט, צייכנט זיך אויס די נאָך יונגע און זייער שיינע סוסי, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט אין דער היים פון אירע שווער און שוויגער, מיינע בני־עיר די איגליצקיס, ווי אַן אויסערגעוויינטלעכע קינסטלערין אויפן געביט פון מאַלעריי.

סוסי איגליצקי געניסט איצט פון גרויס אַנערקענונג אין די קינסט־לערישע קרייזן פון איר לאַנד, און איר שם דערגייט שוין אויך ביז אויס־לאַנד. אָט האָבן מיר זי געהאַט צו גאַסט אין באָגאָטאַ, וווּ מען האָט איר אָפּגעגעבן פּלאַץ אינעם רחבותדיקן נייעם בנין, וואָס די מוניציפּאַליטעט האָט אויפגעבויט, דער עיקר טאַקע פאַר בילדער־אויסשטעלונגען.

איר סטיל אין מאַלעריי איז דער נייער, כאָטש שוין גאַנץ איינגע־פונדעוועטער, דרך פון דער אַבסטראַקטער קונסט. דער עולם האָט ליב

זיך צו ווערטלען וועגן די בילדער פון דעם דאָזיקן מין, און צו זאָגן אַז אַ פּשוטער בשר־ודם פאַרשטייט אין זיי ווי אַ האָן אין בני־אָדם. דאָס איז אָבער נישט אין גאַנצן אַזוי: עסטעטיק ווירקט אויף יעדן, און אויך דער דורכשניטלעכער מענטש קען אויפכאַפּן די פּלאַסטישקייט פון ליניעס, די איידעלע שאַטירונג פון קאָלירן, דעם טעמפּעראַמענט וואָס קוקט־אַרויס פון דער טאַלאַנטפולער קאָמבינאַציע פון פאָרעם און מאָס. שוין אָפּגערעדט פון די יודעי־חן, די קענערס און פאַרשטייערס, וועלכע קוקן מיט אָפענע אויגן אויף די בילדער. זיי ווייסן שוין אַקוראַט וואָס פאַר אַ קינסטלערישע חכמה עס שטעקט אין סוסי איגליצקיס שאַפונגען.

אירע ווערק האָבן שוין באַקומען אַ ריי אויסצייכענונגען. דאָ אין באָגאָטאַ האָבן באַזוכט איר אויסשטעלונג אַ ריי הויכע לאַנד־פּערזענלעכקייטן, שרייבער, ליטעראַטור־קריטיקער און פאַרשטענדלעך, אַז בעיקר די גרויסע קונסט־מאַלערישע משפּחה. איר שלאַנקע יוגנטלעכע פיגור און איר דינאַמישע פּערזענלעכקייט האָבן אויף אַלעמען געמאַכט נישט קיין קלענערן רושם, ווי איר שטייגנדיקער טאַלאַנט.

דריי פּעסטע פּעדעם בינדן מיך, דעם פּשוטן זשעלעכאָווער ייד, סוחר, עסקן און אימפּראָוויזירטן שרייבער פון באָגאָטאַ מיט דער יונגער און שוין באַרימטער ווינערין.

ראשית־כל איז סוסי איגליצקי אַ יידישע קינסטלערין, און אויב מען קען דעם דאָזיקן שטריך נישט דערקענען אויף אירע אַבסטראַקטע לייוונטן, איז דערפאַר גרינג אים אַרויסצולייענען פון אירע יידישע אויגן און פון איר גאַנצן לעבנסוועג.

צווייטנס, בין איך דאָך עפּעס, ווי געזאָגט, אַ זשעלעכאָווער, און אַז אַזאַ סוסי איגליצקי ווערט אַ שנור פון מיינע בני־עיר, איז עס דאָך אַזוי גוט ווי באַקומען אַ בירגער־קאַרטע פון אונדזער ליבער, אויסגעבענקטער אַלטער היים.

און דריטנס, פאַרבינדט אונדז די אינטימע פריינדשאַפט וואָס האָט זיך איינגעשטעלט צווישן דער קינסטלערין און מיין טאָכטער. מיין לאה, אַ גרויסע קונסט־ליבהאָבערין, און בעיקר אַ גרויסע קונסט־זאַמלערין, אַ קאָלעקציאָניסטקע מיט אייפער און פאַכקענטעניש. סוסי פון קאַראַקאַס און לאה פון באָגאָטאַ זענען פאַרשוועסטערט — און מאַכן מיך אויך פאַר אַ שטיקל קרוב — אין דער גרויסער משפּחה פון קולטור, פון קונסט, פון אייביקן מענטשלעכן באַגער נאָך שיינקייט.

נעטי באַרגראַסער — אַ מוסטער פון קולטור־פּלוראַליזם

ביים אָנהייב איז מיר נישט איין גאַנצן קלאָר געווען, פאַרוואָס מיין ליבן פריינד, ר׳ יאָסל לערנער, גייט אַזוי אין לעבן, אַז אינעם בוך וועגן ווענעסועלער יידנטום זאָלן נישט פעלן די געשטאַלטן פונעם פּאָרפּאָלק נעטי און סימאָן באַרגראַסער. געטראַכט האָב איך אין פלוג, אַז אפשר מיינט ער פּשוט נישט צו באַעוולען אַ לאַנדסמאַן — פ׳ סימאָן באַרגראַסער שטאַמט, פונקט ווי די לערנערס, פון בעסאַראַבישן שטעטל נאָוויסילעץ, — צי ער איז גאָר פאַראינטערעסירט, מען זאָל נישט דורכלאָזן זיינעם אַ נאָענטן פריינד...

נאָך דעם האָב איך זיך אָבער איבערצייגט, אַז ר׳ יאָסלס רעקאָמענדאַציע איז בשום אופן נישט געווען פון יוצא וועגן. נאָר דאָס האָט ער צוליב דער טובה פון מיין אַרבעט געזאָרגט, איך זאָל קומען אין קאָנטאַקט מיט אַן אויסערגעוויינטלעך אינטערעסאַנט יידיש פּאָרפּאָלק פון קאַראַקאַס, בפרט מיט איינער פון די קאָלירפולסטע, אינהאַלטסרייכסטע פרויען־פיגורן, וואָס מיר איז ווען נישט איז אויסגעקומען צו באַגעגענען אין אונדזערע ישובים אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

ווען אַן אימיגראַנט גלידערט זיך איין אויף אַלע הונדערט פּראָצענט אינעם קולטור־לעבן פון זיין נייער סביבה, איז דאָס פאַר זיך אַליין אַ גאַנץ גרויסער חידוש. פון דער אייגענער דערפאַרונג געדענקען מיר גוט, וואָס פאַר אַ מוראדיקן מכשול עס האָט פאַרגעשטעלט די שפּאַנישע שפּראַך פאַר אונדז, ווען מיר זענען געווען נאָך גרינע, ערשט־איינגעוואַנדערטע אין די דאָזיקע שפּאַניש־אַמעריקאַנער לענדער. און נאָך היינט צו טאָג, נאָך פופציק יאָר, און נאָך צענדלינגער יאָרן ווי מען לייענט טאָג־טעגלעך אַ שפּאַנישע צייטונג, מען לייענט ביכער, און מען שרייבט אַפילו אַליין אויף שפּאַניש — צי קען זיך ווער פון אונדז באַרימען, אַז ער האָט באמת און אין גאַנצן באַהערשט די שפּראַך, און איז אויך געוואָרן היימיש מיט איר קולטור? — אָסור!

אַוודאי איז דער דאָזיקער פּראָצעס לייכטער פאַר מענטשן מיט העכערער בילדונג, אוניווערסיטעטאַריער, וועלכע זענען שוין יאָרן־לאַנג איינגעוווינט אין דער דיסציפּלין און סיסטעם פון דערוווערבן זיך פרישע קענטעניש. אָבער אַפילו אַן אַקאַדעמיקער דאַרף פאַרמאָגן, אַ חוץ דעם טיטל, אַ גרויסע איינגעבוירענע אינטעליגענץ, ער זאָל זיך קענען אויסגלייכן אין לשון און קולטור־באַגאַזש מיט מענטשן, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן און האָבן שטודירט אין דער דאָזיקער סביבה.

און דווקא אַ יידישע פרוי, נעטי באַרגראַסער, אַ געבוירענע אינעם בוקאָווינער שטעטל נוראַמאַבע (רומעניע), האָט באַוויזן אָט די גבורה, זיך אַריינצופּאַסן ווי אַן אייגענע אינעם אַלגעמיינעם קולטור־לעבן פון ווענע־סועלאַ. איך רעד שוין נישט וועגן סתּם זיך אויסלערנען פּערפעקט די שפּאַנישע שפּראַך: וואָס דען האָט מען געקענט דערוואַרטן פון אַ פרוי, וואָס איז געקומען אין לאַנד מיט אַ טיטל אויף פילאָסאָפיע און ליטעראַטור פון טשערנאָוויצער אוניווערסיטעט? אָבער איין זאַך איז אויסלערנען אַ שפּראַך, און גאָר אַן אַנדערע און פיל שווערערע זאַך, איז צו ווערן אַן אמתער קולטור־שעפער אויף דער דאָזיקער שפּראַך, אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם נוסח און מיט אַן אייגן פּלאַץ אין דער שעפערישער וועלט פונעם אימיגראַציע־לאַנד. דער־אָ צווייטער געביט איז דער שווערסטער, און מען קען פעסטשטעלן אַז נאָר אין זייער זעלטענע פאַלן קען טרעפן, אַז אַ מענטש וואָס קומט פון אַן אַנדער שפּראַך און סביבה זאָל זיך דער־הייבן אויף אַ שרייבערישער מדרגה אין אַ ניי, אויסגעלערנט לשון.

נעטי באַרגראַסער האָט דאָס אויסגעפירט, און אויף אַזאַ אופן, וואָס האָט פאַרדינט די ברייטסטע אָנערקענונג. דערצו, האָט זי זיך נישט באַ־נוגנט מיט אינדיווידואַליסטישער, אָפּגעזונדערטער שרייבעריי, נאָר האָט זיך אַריינגעוואָרפן דווקא אין זשורנאַליסטיק, אַ זשאַנער אין וועלכן מען דאַרף טאָג־טעגלעך אויף ס׳ניי אויסהאַלטן דעם עקזאַמען אויף אַלע פראָנטן: לייכטער באַנוץ מיט דער שפּראַך, היימישקייט מיט אַלע אַספּעקטן פון קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, קאָנטאַקט מיט מענטשן פון די פאַרשיידנסטע סביבות, ספּעציעל מיט שעפערישע מענטשן: שרייבערס, קינסטלערס, דענקערס — כדי צו קענען איינשטעלן מיט זיי אַ קאָמוני־קאַציע, דאַרף מען אַליין קענען שטיין אויף אַ גאַנץ הויכער מדרגה!

נעטי באַרגראַסער איז אַלע מאָל געשטאַנען אויף דער נייטיקער הייך. און מען האָט דאָס אָפּגעשאַצט. איינע פון די גרעסטע טאָג־צייטונגען אין לאַנד, „על אוניווערסאַל", האָט פאַר איר געעפנט אירע זייטן, ווו זי איז געוואָרן אַ כּסדרדיקע מיטאַרבעטערין, מיט אַן אייגענער רובריק, אין משך פון אַ לענגערער צייט. זי האָט אויך מיטגעאַרבעט אין פאַרשיידענע אַנדערע

לאַנד־אויסגאַבעס. אָבער איר גרויסער אויפטו אויפֿן פעלד פון זשורנאַ־ליסטיק געפינט זיך בלי שום ספק אינעם זשורנאַל „ווידאַ אי לעטראַס" — לעבן און ליטעראַטור, וואָס זי אַליין איז איר גרינדערין, אַרויסגעבערין און רעדאַקטאָרין.

„ווידאַ אי לעטראַס", וואָס האָט אין 1977 אָפּגעשלאָסן דעם 25סטן יאָרגאַנג, איז אַ זשורנאַל פון אַ פּאַרנעם, אַ פּראַכט־אויסגאַבע, פון 50 זייטן אַ נומער. דער נאָמען אַליין זאָגט שוין אַ סך: ליטעראַטור און לעבן, דאָס הייסט, קונסט, שעפערישקייט, ווי אַ טייל פון לעבן, אין פאַרבינדונג מיט אַלע קאָנקרעטע פּראַגעס פונעם פּראַקטישן און גייסטיקן לעבן. דער זשורנאַל ווערט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלט אין אַ גענויעם פּאָרטרעט פון זיין רעדאַקטאָרין, ווייזט אונדז די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון אירע פאַראינטערע־סירונגען, געדאַנקען און סענסיטיווקייט. מיר טרעפן דאָרט אַרטיקלען וועגן אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דערציִונג און סאָציאַלן וווילשטאַנד אין ווענעסועלאַ, רעצענזיעס און אָפּשאַצונגען איבער שרייבערס, מאָלערס, סקולפּטאָרן, קורצע שאַפונגען סיי פון פּאָעזיע, סיי פון פּראָזע און אַפילו קליינע עסייען, ווי אויך אַ ים מיט אינפאָרמאַציע וועגן אויסשטעלונגען, נייע אויסגאַבעס, וועלט־געשעענישן, אאַז"וו, אאַז"וו.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט ווערט געשאָנקען אַלע טעמעס, וואָס זענען פאַרבונדן מיט דער פרוי און איר מעמד אין דער מאָדערנער וועלט. און דווקא ווייל דאָס איז אַן אוניווערסאַלער זשורנאַל, וואָס גיט־אָפּ דאָס פאַרדינטע אָרט אַלע גרופּעס און שטרעמונגען, און שפּיגלט ברייט אָפּ אויך די קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער קאַטוילישער וועלט — דווקא דערפאַר, איז אין אים אויך אָפּט און ברייט פאַרטראָטן די יידישע און ישראלדיקע טעמאַטיק: יידישע שרייבערס און דענקערס ווערן אָפּט דערמאָנט און אַנאַליזירט אין אַרטיקלען פון באַקאַנטע און טאַלאַנטירטע מחברים.

דער זשורנאַל האָט פאַר נעטי באַרגראַסערן געעפנט אַלע טירן פון אָנערקענונג אין דער זשורנאַליסטישער, שרייבעריש־קינסטלערישער און אַפילו אין דער אַקאַדעמישער וועלט. איר ביישטייערונג צו דער ווענעסו־עלער קולטור איז נישט נאָר אָפּגעשאַצט געוואָרן, נאָר מען האָט זי דער־פאַר אויך אויסגעצייכנט מיט באַזונדערע פּרעמיעס. דער ווענעסועלער זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד האָט אין 1967, ביים פייערן זיין 25־יאָריקן יובילײ, איר אויסגעטיילט אַ דיפּלאָם און אַ מעדאַל. פרויען־אָרגאַניזאַציעס, סיי לאַנדישע, סיי אינטערנאַציאָנאַלע, האָבן זי מער ווי איין מאָל אויסגעצייכנט, בפרט דער ווענעסועלער פרויען־אינסטיטוט, וואָס האָט זי נאָך אין 1966 פּרעמירט פאַר איר אויסנאָמלעכער טעטיקייט.

אָן קיין שום ספק, איז דער הויפּט־פאַקטאָר אין נעטי באַרגראַסערס גלענצנדיקער שרייבערישער קאַריערע, איר אויסערגעווייניטלעכער טאַלאַנט, איר ענערגישע פּערזענלעכקייט, איר פעיִקייט צו געווינען מענטשן פאַר העכערע, גייסטיקע אינטערעסן. אָבער נישט קיין קליינעם צושטייער האָט דאָ געגעבן דאָס וועגעסועלער פאָלק גופא, וואָס האָט צו איר, ווי צו אַלע אַנדערע, אַרויסגעוויזן זיין עכטן גייסט פון טאָלעראַנץ, פון אויפריכטיקער גרייטקייט אַריינצונעמען און איינצוגלידערן אין זיינע רייען יעדן מענטשן, נישט קוקנדיק אויף אָפּשטאַם און רעליגיע, און אָנהאַלטנדיק דעם פולסטן דרך־ארץ פאַר יענעמס אַנדערשקייטן, איבערצייגונגען און אמונה — אַבי דער מענטש איז נאָר וויליק ערלעך בייצוטראָגן זיינע פעיִקייטן פאַר דער פאַרבעסערונג און פאַרשענערונג פון וועגעסועלער לעבן. דאָס איז אַ גייסט פון אמתער פרייהייט, גלייכקייט און ברידערלעכקייט, ווי מען וועט מן הסתּם נישט אָנטרעפן אין קיין אַנדער לאַטיין־אַמעריקאַנער לאַנד, נאָר בלויז אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועלכע זענען טאַקע געוואָרן די רייכסטע און מאַכטיקסטע מדינה אויף דער וועלט אַ דאַנק די פּרינציפּן וואָס זייערע ראשונים, די וואַשינגטאָנס, דזשעפערסאָנס און לינקאָלנס, האָבן אַריינגעהויכט אין זייער גייסט.

אין דער דאָזיקער אַרומרינגלונג פון אמתדיקער פריינדשאַפט און דרך־ארץ, וווּ מען אָנערקענט זי און ליבט זי פון אַלע זייטן ווי אַ מוסטער פון אַ וועגעסועלער־שפּאַנישער קולטור־פרוי, האָט זיך נעטי באַרגראַסער בשום אופן נישט אָפּגעריסן און נישט דערווייטערט, אויף קיין האָר, פון אירע יידישע וואָרצלען. להיפך, זי האָט אַלע מאָל אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע, אַקטיווע געטריישאַפט צו די לעבנסוויכטיקע אינטערעסן פון איר פאָלק. אין די גורלדיקע יאָרן צווישן 1946 און 1948, די יאָרן פון דער „מדינה אונטערוועגנס", ווען דאָס יידישע פאָלק האָט אָנגעשטרענגט זיינע בעסטע כּוחות אין אַלע זיינע תּפוצות, און אומעטום זענען געשאַפן געוואָרן געמיינזאַמע קאָמיטעטן פון יידן און נישט־יידן, וועלכע האָבן זיך באַמיט צו ווירקן אין אַלע קרייזן און אינסטאַנצן לטובת דער פאַרווירקלעכונג פון צוויי טויזנט־יאָריקן יידישן אומאָפּהענגיקייטס־חלום — איז נעטי באַרגראַסער געשטאַנען אין שפּיץ פון וועגעסועלער קאָמיטעט, פון וועלכן זי איז געווען די קאָאָרדינירערין, און פאַר איר איבערגעגעבענער טעטיקייט איז זי, נאָכן אויפקום פון דער מדינה, פּרעמירט געוואָרן מיטן בכבודיקן טיטל פון ערן־קאָנסול פון ישראל.

און פּונקט ווי אויף דער היסטאָרישער קאַנווע, אַזוי דריקט זיך אויך אויס איר אינטימע איינוואָרצלונג אין יידישקייט אויפן פּאַן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. כ׳דערמאָן זיך מיט פאַרגעניגן אין אונדזער צוזאַמענטרעף ביי אַ

קאַווע־טישל אין האָטעל „אַווילאַ‟, ווו מיר זענען געזעסן זאַלבע פינפט: די באַרגראַסערס, די אײדעלע פרוי סורצע לערנער, און מיר, די גובערעקס. דאַן האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז פאַקטיש איז דאָס נישט אונדזער ערשט באַגעגעניש, נאָר מיר האָבן זיך שוין מיט יאָרן צוריק געהאַט געטראָפן אין קאַראַקאַס אין דער היים פון אַן אָנגעזעענער כלל־טוערין. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן, נייערט צו דערמאָנען, אַז כאָטש דעם שמועס האָבן מיר געפירט אויף שפּאַניש, האָט גאַנץ גיך אויפגעטויכט דאָס האַרציקע יידישע לשון, וואָס נעטי באַרגראַסער רעדט זאַפטיק און פריי, און ס'שטערט איר נישט דערצו איר אוניווערסיטעט־בילדונג און איר אַבסאָלוטע היימישקייט אין שפּאַניש.

מיר באַגריסן אין נעטי באַרגראַסערן אַ פרוי, וואָס ווייזט אַן עכטןביישפּיל פון אמתן, פּרוכטיקן קולטור־סינטעז אין אונדזערע קרייזן.

ווענעסועלער ישוב באַערט דעם שרייבער לויִס וויליאַלבאָ־וויליאַלבאָ

רעדע פון ל. וויליאַלבאָ־וויליאַלבאָ ביים באַקומען די „פרעמיע פאַר מענטשנרעכט״ פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן וועלט־קאָנגרעס

צווישן די פּראָמינענטסטע פיגורן פון דער ווענעסועלער אינטעליגענץ, שיינט אַרויס מיט אַ באַזונדער ליכט די געשטאַלט פונעם שרייבער, פאָרשער און הומאַניסט, דאָן לויִס וויליאַלבאָ־וויליאַלבאָ, איצטיקער פּאַרזיצער פונעם ווענעסועלער־ישראלדיקן אינסטיטוט. דער דאָזיקער ליבעראַל און יידנפריינד איז אין 1975 אויסגעצייכנט געוואָרן מיט דער „פרעמיע פאַר מענטשנרעכט״ ביים לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. ביי דער געלעגנהייט, האָט אים די קאָנפעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן אין ווענעסועלאַ באַערט מיט אַ באַנקעט. איך האַלט פאַר וויכטיק איבערצוגעבן דאָ זיינע רייד אויף יענער מסיבה, ווייל זיי דערציילן אונדז אַ סך וועגן דער פּאָזיציע, וואָס ווענעסועלער יידן האָבן זיך דערוואָרבן אין דער אָפּשאַצונג פון די אָנגעזעענסטע לאַנד־פיגורן:

די קאָנפעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן — וועלכע האָט אַלע מאָל ענטוזיאַסטיש סטימולירט אַלע קולטור־אויסדרוקן אין לאַנד — האָט היינט פאַרזאַמלט אַרום דעם דאָזיקן טיש, אַ צאָלרייכע גרופּע מיט ווערטיקע מענטשן פון אונדזער ליטעראַטור, וויסנשאַפט, פּאָליטיק און דערציונג, כדי אונדז צו באַקענען מיט אַן ענין, וואָס איז נוגע די סאַמע טיפסטע אינטערעסן פון די פעלקער: צו דערגרייכן דעם דערהויבענעם ציל פון זייער פרייהייט, און פון זיין פולשטענדיקע באַלעבאַטים איבער זיך אַליין.

איך בין דאָ נישט מער ווי אַן אויסרייד פאַר דעם דאָזיקן הויכן צוזאַמענקום, ווייל די „פרעמיע פאַר מענטשנרעכט״ האָבן פאַר מיר באַקומען די אַלע בעלי־מדרגות פון דער קולטור אויף אונדזער קאָנטינענט, אויף דער גאַנצער גאַמע פון אירע אויסדרוקן: ליטעראַטור, רעליגיע, וויסנשאַפט, פּאָליטיק — די אַלע וואָס האָבן צום גליק זיך שוין דערוואָרבן אַ פּלאַץ צווישן די דאָן־קיכאָטישע ריטערס, און נישט צווישן די געלט־זוכערס. דאָס איז אַ פרעמיע וואָס פּאַסט זיך גוט צו צו די ליבלינגען פון די מוזעס, די טריבונע־וועטעראַנען, וואָס האָבן געמאַכט פון דער פּאָליטיק

דאָס, וואָס זי דאַרף זיין, אַ וויסנשאַפט און אַ קונסט, ווייט פון דער נידע־ריקער פּאָליטיקעריי, דרייערס און אָפּאָרטוניסטן. אַ פּרעמיע וואָס איז ווי אַנגעמאָסטן פֿאַר עקשנותדיקע פֿאָרשערס פֿון דער וויסנשאַפֿט, פֿאַר די וואָס קלאַמערן זיך מיט ליבשאַפֿט אין דער מיסיע פֿון זייער אמונה, פֿאַר דערציִערס וואָס האַנדלען לויט זייער באַרוף, און ווילן גאָר נישט הערן פֿון קיין אַנדערע חשבונות. מיט איין וואָרט, אַן אויסצייכענונג וואָס איז געצילט פֿאַר די וואָס זענען באַשאַנקען מיט טאַלאַנט און מיט די אידעאַלן, וואָס האָבן ביי דאָן־קיכאָטן צוגערויבט דעם שלאָף אין זיין ווונדערשיין דערפֿל פֿון לאַ מאַנטשאַ.

איך האַלט אַז די דאָזיקע אויסצייכענונג, מיט וועלכער עס הייבט מיך אַרויס דער לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס — די קערפּערשאַפֿט וואָס האָט די פּרעמיע געשאַפֿן מיט ניין יאָר צוריק, אין 1966, און וואָס ווערט געלונגען אָנגעפֿירט דורך איר פּאָרזיצער אינזש׳ גרעגאָריאָ פֿייגאָן און איר סעקרעטאַר מאַרק טורקאָוו — איז מער נישט ווי אַ ווערדיקע אָפּשאַצונג פֿון פֿאַקט, אַז איך האָב מיין לעבן געהייליקט צו דער אַרבעט פֿאַר קולטור, דערציִונג, דרך־ארץ פֿאַר יעדן פֿאָלק און פֿרידלעך צוזאַמענ־לעבן צווישן מענטשן. יאָ, מיינע חשובע פֿריינד! איך האָב פֿיינט אַלץ וואָס פֿאַרמינערט דעם כבוד פֿון מענטשן: סיי דאָס באַרויבן אים פֿון זיין פֿריי־הייט, סיי דאָס צונעמען זיינע רעכט, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט די יידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, וועמען מען זאָגט אָפּ, אומברחמנותדיק, דאָס דער־לויבעניש אַרויסצופֿאָרן קיין ישראל; סיי דאָס אונטערדריקן אָפּאָזיציאָ־נערע אינטעלעקטואַלן דורך פֿאַרשיידענע שיקאַנעס: גלות, פֿאַרשפּאַרן אין משוגעים־הויז, אָדער גאָר נישט לאָזן אָפּנעמען דעם נאָבל־פּרייז, ווי דאָס איז געשען מיט סאָלזשעניצינען און סאַכאַראָוון. אין קעגנטייל, בין איך אַן ענטוזיאַסטישער אָנהענגער פֿון אַלץ וואָס ווערט געטאָן, ווו דאָס זאָל נישט זיין, אויסצושמידן אַ בעסערע, יושרדיקערע געזעלשאַפֿט, אָן עקס־פּלואַטאַטערס און עקספּלואַטירטע, אָן אַליינהערשערס און דעספּאָטן, אָן „סיא״ און אָן „קגב״.

די פּרעמיע איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אין אַ צייט וואָס פֿאַלט זיך צונויף מיט אַ ריי פֿאַר מיר פֿילבאַדייטנדיקע דאַטעס. מיר האַלטן פּונקט ערב די פֿייערונגען צו די 150 יאָר נאָכן קאָנגרעס אין פּאַנאַמאַ, דער צענטראַלער אויפֿטו פֿונעם באַפֿרייער באָליוואַר, דורך וועלכן ער האָט געלייגט דעם יסוד פֿאַר אַ פֿעסטן שפּאַניש־אַמעריקאַנער באַוווסטזיין. אָט האָבן מיר נעכטן דערמאָנט דעם אַזשאַקוטשאָ־נצחון, די שלאַכט וואָס סוקרע האָט ג׳עוווּנען און וואָס דער באַפֿרייער האָט באַצייכנט ווי „דער העכסטער שפּיץ פֿון אַמעריקאַנער רום״. און דאָס זעלביקע איז אינעם

תחום פון מיין פריוואַטן לעבן: דער באַשלוס וועגן מיר, אָנגענומען אויף דער פּלענאַר־זיצונג אין בוענאָס־איירעס צווישן 5טן און 7טן אויגוסט 1975, איז אויסגעפאַלן פּונקט אין דער געבוירנטאָג־דאַטע פון מיין לעבנס־באַגלייטערין, מיין בריליאַנטענע קלאַראַ פּימענטעל, דער ליכטיקסטער שטערן אויפן הימל פון מיין לעבן.

מיט געשמאַקפולן טאַקט, האָט מען אויסגעקליבן פאַר דער דאָזיקער צערעמאָניע פון איבערגעבן די פּרעמיע דווקא דעם אוניווערסאַלן טאָג פאַר מענטשנרעכט. וויפל עליות און ירידות! וויפל פאַרשיידנאַרטיקע מחשבות מיר וואָלטן געקענט פאַרפלעכטן אַרום די קאַמפן, בלוטיקע אָדער זעלטן־ווען נישט בלוטיקע, וואָס די פעלקער פון דער וועלט פירן נאָך אַרויסצורייסן ביי די מאַכטהאָבערס דעם פולן באַנוץ פון די יסודותדיקע, אייגנטלעכע רעכט פון מענטשן. וויפל פּיינען, וויפל ראַנגלענישן, וויפל קרבנות די וועלט האָט צוגעזען זינט יענע ווייטע טעג פון 13־טן יאָר־הונדערט, ווען דער ענגלישער קעניג האָט באַוויליקט די ערשטע כמו־קאָנסטיטוציע, און שפּעטער מיט דער ווירגיניאַ־פּראָקלאַמאַציע, מיט וועל־כער אונדזערע עלטערע שוועסטער פון צפון איז פאַראויסגעלאָפן אויף אַ דעם וועג, און ווייטער אין פראַנקרייך, אין 1789, מיט די רעכט פונעם בירגער. גראָד דאָס זעלביקע פראַנקרייך, וואָס אונדזער פּאָעט כואַן וויסענטע גאָנסאַלעס האָט באַזונגען, און וואָס היינט כאַפּט זי פאַרדינסטלעך ביים פאַרקויפן סיי דעם צד, סיי יענעם צד, די צעשטערערישע מיראַזש־אַוויאָ־נען, און וואָס אונטערן שלייער פון מענטשנרעכט האָט זי זיך איצט אַריינ־געלאָזט אין אַ וואַקכאַנאַליע פון עגאָיִזם, געוואַלט און צביעות. און לאָמיר שוין נישט רעדן וועגן דער דעקלאַראַציע פון מענטשנרעכט פון 10טן דעצעמבער 1948, ווייל דער היינטיקער ספּעקטאַקל פון „די נישט־פאַר־אייניקטע פעלקער" ברענגט קיין שום טובה נישט, נישט פאַרן שלום, נישט פאַר דער אַליינבאַשטימונג פון די פעלקער, נישט פאַר דער שטרעבונג צו באַזייטיקן דעם דעספּאָטיזם, נישט פאַר קיין איינעם פון די דערהויבענע אידעאַלן וואָס שטייען הימל־ווייט פון די איצט אָנגענומענע פאָרטלעך און אָפּנאַרערייען.

איר, יידן וואָס איר געפינט זיך דאָ, ווייסט פון רומפולע מאַרטירער־שאַפטן. איך קען די געשיכטע פון אייער גלות, דעם ליידן־וועג אייערן, פון אומבאַשרייבלעכע פּייניקונגען און באַליידיקונגען. מיר אַליין האָבן אויך, אין אונדזערע עפּישע קאַמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט, דערפילט אויפן אייגענעם לייב רדיפות, אַכזריותדיקע מעשים, חייהשע אימפּולסן. אָט זענען צווישן אונדז געווען אַזעלכע פאַרשווינדלעך ווי באַוועס, אַ מין פאָרויסגייער פון היטלער, סטאַלין און מוסאָליני, וואָס האָט געבראַכט צום

גיהנומדיקן אויסוואַנדער איבער וועלכן קאַראַקאַס האָט פאַרלוירן צוואַנציק טויזנט מענטשלעכע לעבנס, און סוקרע, די לויטערסטע פיגור פון דער רעוואָלוציע, האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפחה. און דאָך זענען נאָך היינט צו טאָג פאַראַן אַזעלכע וואָס ווינטשן זיך, מען זאָל דעם דאָזיקן אַנטי־באָליוואַר באַוווּנדערן און אַוועקשטעלן ווי אַ טעמע צו שטודירן פאַר דער יוגנט פון אונדזער פאָלק. רוף איך טאַקע פון דער דאָזיקער טריבונע, און בעט אַלע מיינע פריינד אין ציטונגען, ראַדיאָ און טעלעוויזיע, זיי זאָלן זיך מער נישט אָפּגעבן מיט די יעניקע וואָס האָבן געצונדן שייטער־הויפנס פאַר די פּאַטריאָטן, נאָר מיט די משהס און די פראַנסיסקאָס דע אָסיס, די געטעס, לעאָנאַרדעס און באָליוואַרס, די סוקרעס און אורדאָ־נעטאָס, בעליאַס און גואַל. דער שכל קען גאָר נישט משיג זיין ווי איז דאָס מעגלעך, אין צייטן ווען מען זוכט אַוועקצושטעלן די באַציונגען אין דער נייער וועלט אויף אַ באַזיס פון כּבוד און קולטור, אַז מען זאָל נאָך אַרומדיסקוטירן צי דער דיקטאַטאָר כּואַן־וויסענטע גאָמעס איז געווען אַ דערשיינונג וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אונדזער פאָלק.

און טאַקע ווייל מיר זענען באַקאַנט אייערע קאַמפן און ראַנגלענישן, די ביטערע בזיונות אין די פאַראייניקטע פעלקער, וווּ מען פאַרשווערט דעם נאָמען פון ציוניזם, די יאָרטויזנטער־אַלטע נאַציאָנאַלע באַפרייונגס־באַוועגונג און וווּ אַפילו די „אונעסקאָ" איזדיעקעוועט זיך איבער ישראל, כאָטש זי איז די אמתע פאַנען־טרעגערין פון דערציונג, וויסנשאַפט און קולטור — ווייל דאָס אַלץ איז מיר באַקאַנט, שטיי איך אויף אייער זייט, און בין תּמיד געווען מיט אייך אינעם קאַמף פאַר אייער קיום און זיכערקייט, פּונקט ווי ס'זענען געשטאַנען כאָסע נוסעטע־נאַרדי און מאַריאַנאָ פּיקאָן־סאַלאַס און אַנדרעס עלוי־בלאַנקאָ. דעם לעצטן פאַרטרעט דאָ זיין אַלמנה, ליליאַנאַ איטורבע, די סעקרעטאַרשע פון אָט דער וווּנדערלעכער פרויען־אַרמיי ווו ס'געפינען זיך אַנאַ, אַליסיאַ, כעאַרכיאַנאַ, פּאַולינאַ — פרויען וואָס פאַר־קערפּערן דעם גייסט פון דער פאַרצייטיקער רות, וועלכע האָט פון די זאַנגען צוזאַמענגעשטעלט אַ בינטל וואָס איז נישט איבערצוברעכן. נאָר ווייל ישראל פאַרמאָגט פרויען מיט אַזאַ כאַראַקטער, וואָס זייער נשמה איז אויסגעקאָוועט אין דער נשמה פון זייער פאָלק, ווי גאָלדע מאיר, איז דער וועג פון יידישן לאַנד געווען אַזוי ניסימדיק. נאָר אַ דאַנק דער פרוי איז מעגלעך צו באַגרייפן דעם אוניווערס ווי אַ ליכטיקן, הערלעכן סדר.

ווייל מיר געפינען זיך אין דעצעמבער, אינעם חודש פון ווונטשן און האָפענונגען, ערב די ניטל־פייערונגען, ווינטש איך דאָ אַז ס'זאָל פאַרשווינדן דאָס געשפּענסט פון מלחמה צווישן ישראל און די אַראַבער; עס זאָלן פאַרשווינדן די וואָפן־פאַבריקן, וואָס זייער גאָט שטעקט אין די מיליאָנען

וואָס זיי קנעטן אויס מיט פרעמדע טרערן און בלוט; אַז די יידישע קהילות זאָלן ווייטער פאַרדינען, דורך זייער געדאַנק און מעשים־טובים, די סימ־פּאַטיע און אָפּשאַצונג פונעם ווענעסועלער פאָלק; און, אַחרון־אַחרון, אַז אַלע אומות זאָלן סוף־כּל־סוף זיך איבערצייגן, אַז נישט אין די אַטאָמישע וואָפן־אַרסענאַלן צייטיקט זיך די נייע מענטשהייט, נאָר אין די טעמפּלען און לערן־אַנשטאַלטן. ס'איז אַ ממשותדיקער פאַקט, און נישט קיין דעמאַ־גאָגישער לאָזונג, אַז נישט די אַוויאָנען, די האַרמאַטן, די טאַנקען, די דאָלאַרן אָדער די רובלס שטעלן פאַר דעם שטאָלץ פון דער מענטשהייט, נאָר די געדאַנקען, די אידעאַלן און די ריינע, דערהויבענע געפילן. אָט דאָס מיינט, און דאָס איז מחדש אונדזער קאָנסטיטוציע ווען זי באַשטימט אַז „די דערציִונג וועט האָבן פאַר אַ ציל אויסצובילדן פאַסיקע בירגערס אויף צו לעבן און פירן זיך מיט דעמאָקראַטיע, און אַנטוויקלען די קולטור און דעם גייסט פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט". פון דעם איז געדרונגען אַז די לערערס, די אמתע לערערס, די וואָס פאַרמאָגן אַ מאָראַלישע און פּעדאַגאָגישע שפּירעוודיקייט, דאַרפן דאָס זיין די ממונים איבערן גורל פון די אומות. דערפאַר האָט אונדזער באַפרייער, אַפילו אין סאַמע האַוועניש פון זיינע העלדישע מלחמות, נישט פאַרפעלט צו זאָגן דאָס לויב פונעם לערער, און קודם־כּל פונעם העכסטן לערער וואָס שטייט העכער איבער דער וועלט, יעזוס.

צונויפּרופערס פון דעם דאָזיקן פלאַטאָנישן סימפּאָזיום!

אויסגערופענע געסט און חברים!

איך נעם־צו די דאָזיקע באַערונג, ביי דער געלעגנהייט פון קריגן צוגעטיילט די „פּרעמיע פאַר מענטשנרעכט 1975", אינעם יאָרטאָג נאָך דער אוניווערסאַלער פּראָקלאַמירונג פון מענטשנרעכט, נישט ווי אַ פּער־זענלעכע אויסצייכענונג, נאָר ווי אַ כּבוד וואָס מען טוט־אָן, דורך מיין פאַרמיטלונג, דעם צענטראַלן אוניווערסיטעט פון ווענעסועלאַ, דער באַ־ליוואַריאַנער געזעלשאַפט און דעם וועגעסועלער־ישראלדיקן צענטער. די פּרעמיע פאַרמאָגט די אויסערגעוויינטלעכע מעלה, וואָס זי איז צוגעטיילט געוואָרן ספּאָנטאַן, מיט ריכטיקער פריינדשאַפט און מיט אַ טיפן גייסטיקן און מאָראַלישן באַטייט. דאָס איז אַ רוף, מיר זאָלן ווייטער אָנהאַלטן דעם אני־מאמין וואָס מיר האָבן אָנגענומען פאַר אַ ריכטיקן, פאַר אַ צוגעפּאַסטן צום גורל פון מענטשלעכען מין, און ווי אַ פּועל־יוצא פון סימאָן באָליוואַרס מחשבה און לערע, ווי אַ רעזולטאַט פון דער וויזיע פונעם באַפרייער וועל־כער האָט געזוכט גלייכוואָג אינעם אוניווערס, ווייל ער האָט געשטרעבט צו גוטס. מיר, די באָליוואַריאַנער, זענען געטריי זיין געדאַנק, און מיר שטרעבן צו אַ וועלט אָן מלחמות, אָן עקספּלואַטאַציע, אָן שינאה, אָן דער

שאַנד פון אַנטיסעמיטיזם, אָן אַטאָמישע באָמבעס, אָן פאַרכאַפּונגען, אָן דולע רדיפות. דער באַפרייער האָט געחלומט וועגן אַ נייער וועלט, דאָס הייסט, וועגן אַ וועלט וואָס זאָל יושרדיק טיילן איין גורל, ווי דאָס האָט איך געוואָלט אונדזער לערער גאַליעגאָס: אַ וועלט וואָס זאָל פאַרזיכערן פאַר יעדן פאָלק נישט נאָר די מיטלען אויסצונוצן די עשירותן און געניסן פונעם ווילטאָג וואָס נעמט זיך פון פאַרקויפן גוט און קויפן אַ סך, נאָר וואָס זאָל פאַר די פעלקער פאַרזיכערן מנוחה, פולן באַנוץ מיט זייערע רעכט און די פולסטע מאָס ווירדיקייט און דרך־ארץ פאַר דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

טייערע באָליוואַריאַנער פריינד! כ׳האָב קיין מאָל נישט געהאַט געזען אַזוי באַשיימפּערלעך פאַר מיינע אויגן די וויזיע פון דער דאָזיקער נייער וועלט, ווי ווען איך בין מיט מיין טייערן פריינד דעם געוועזענעם פרעזי־דענט קאַלדעראַ, געפלויגן קיין באָליוויע, נאָך דעם ווי מיר האָבן דורכ־געקרייצט דעם שיינענדיקן שמאַראַגדן־גרין פון די אַרגענטינער פּאַמפּעס און זיך געשלענגלט אין פלי איבער דעם שאַפירן־שפּיגל פון דער טיטי־קאַקאַ־אָזערע. כ׳האָב דאַן געטראַכט ווי אַזוי באָליוואַר איז דערגאַנגען, אָן יאוש, רייטנדיק אויף אַ פערד איבער ריזיקע מרחקים, פון די אָרינאָקאָ־אויספלוסן ביז דעם פּאָטאָסי־געבערג, און זיך אַפילו קיין קרים נישט געטאָן ווען ער האָט געדאַרפט זיך דורכקריגן דורך דעם זומפּיקן פלאַכ־לאַנד, אַ געטלעכער אונטער די שוואַרצע הימלען און איבער די פינצטערע תהומען, ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צום אַרויפגאַנג פון די מלכותדיקע אַנדן, אַ פאַרפייניקטער פון פראָסט וואָס גליווערט דעם גוף און בייסט זיך איין מיט נעגל אינעם פלייש.

און פונקט אויפן זעלבן אופן האָב איך לעצטנס זיך פלוצלונג דער־פילט ווען איך בין צוזאַמען מיט מיין חשובן פריינד סענאַטאָר ראַמאַן כ. וועלאַסקעס, געפירט געוואָרן דורך דער איידלמוטיקער און חברישער האַנט פון פריינד דאַן כאַסע לערנער, אַנצוקוקן דעם פאַרריסענעם סיני, וווּ משה האָט געגעבן דעם פאָלק די עשרת הדברות. דאַן האָבן מיר געזען ווי ס׳שטייט, אונטער דעם הויכן הימל, אין דער אויף אייביק פאַראייניק־טער ירושלים, דער מאָנומענט לזכר סימאָן באָליוואַר, דעם באַפרייער. און אויך האָט אונדז לערנער געפירט מיר זאָלן זען מיט די אייגענע אויגן די לאַנדשאַפט פונעם העכסטן פּאָעט פון דער באַרג־דרשה, דאָרט ווו דער ים־כינרת איז אַנומלט געוואָרן גרויס ווי דער אָקעאַן כדי אַריינ־צונעמען אין זיך דאָס האַרץ פונעם באַשאַף.

ביי דער געלעגנהייט פון איבערנעמען די פרעמיע פאַר מענטשנרעכט פון 1975, און ווי דער פרעזידענט פון דער באָליוואַריאַנער געזעלשאַפט

אין ווענעסועלאַ, האַלט איך אַז ס׳איז מער ווי ריכטיק איך זאָל באַ־דאַנקען די אַלע וואָס האָבן פאָרגעלייגט מיין נאָמען דעם פּרעזידענט און מיטגלידער פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, און שליסן מיינע ווערטער מיט די זעלביקע רייד וואָס ס׳האָט געזאָגט דער מענטש, וועמען די משפּחה פון זשאָרזש וואַשינגטאָן האָט אָנגעטרויט די שליחות איבער־צוגעבן דעם באַפרייער אַ מעדאַל און אַ לאָק פון די האָר פונעם פאָטער פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט. און אָט זענען די רייד פון מ. דע לאַפאַיעט: הלוואַי זאָל דער דאָזיקער דענקמאָל פון דער פרייהייט דינען ווי אַן אָנלערנונג פאַר דעם אונטערדריקטן.

סאַן־בערנאַרדינאָ

אַלץ איז אָפּהענגיק פון מזל, אַפילו אַ ספר־תורה אינעם היכל. אַזוי האָט מען אונדז אונדז געלערנט נאָך אין גאָר אַלטע צייטן. און דאָך, ווער וואָלט זיך פאַרגעשטעלט מיט דרייסיק יאָר צוריק, אַז עס וועט באַשערט זיין אַ באַרגיק ווינקל פון דער שטאָט קאַראַקאַס באַוווסט צו ווערן כמעט בכל תפוצות ישראל, און גאָר באַזונדערס אינעם לאַנד ישראל?

אַזאַ איז געווען דער גורל פון סאַן־בערנאַרדינאָ, די באַקאַנטע יידישע געגנט פון דער וועניעסועלער הויפּטשטאָט. ווען דער שרייבער פון די שורות האָט זיך באַקענט מיט סאַן־בערנאַרדינאָ, מיט אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, האָט זיך שוין געמערקט די טענדענץ: יידן האָבן געהאַט זייערע קליטן אין צענטער פון שטאָט, אין דעם קאָמערציעלן קוואַרטאַל „על סילענסיאָ״, און די היימען זייערע האָבן זיי אויפגעבויט אין סאַן־בערנאַר־דינאָ. אָבער נישט זיי און נישט קיינער האָט דעמאָלט זיך געקענט פאַר־שטעלן, אויף וויפל דאָס מקום וועט זיך מיט דער צייט פאַרייִדישן.

סאַן־בערנאַרדינאָ פאַרמאָגט נישט קיין ספּעציעל רייצנדיקע נאַטירלעכע לאַנדשאַפט, כאָטש זי איז בפירוש אַ פיינע, אַנגענעמע געגנט. זי האָט אויך נישט קיין אַרכיטעקטאָנישע וווּנדיירים, וואָס מענטשן זאָלן קומען צו פאָרן פון העט־ווייט זיי אָנצוקוקן. אָבער פאָרט, שטעקט עפּעס אין סאַן־בער־נאַרדינאָ, וואָס שטויסט מיך און צווינגט מיך ממש, איך זאָל דעם דאָזיקן קוואַרטאַל אָפּגעבן אַ קאַפּיטל פון מיין בוך. דער סוד איז אַ פּשוטער: אויב מיין טעמע איז באַשרייבן די יידן פון קאַראַקאַס, איז שרייבן וועגן סאַן־בערנאַרדינאָ דאָס אייגענע ווי שרייבן וועגן נאָך איינעם פון זיי, אָדער ריכטיקער: וועגן זיי אַלע צוזאַמען. פון אַן ערך 20.000 יידן וואָס וווינען, לויט ווי מען שאַצט, אין קאַראַקאַס, זענען אַ זיבעציק פּראָצענט, און לכל הפחות נישט ווייניקער ווי צוועלף טויזנט, קאָנצענטרירט אין סאַן־בער־נאַרדינאָ.

מען האָט סאַן־בערנאַרדינאָ נישט איין מאָל אָנגערופן „דאָס תל־אביב פון וועניעסועלאַ״. אַוודאי איז דאָס איבערגעטריבן. ביידע ערטער זענען טאַקע אויפגעקומען אין דעם יאָרהונדערט אַ דאַנק יידישער איניציאַטיוו, אָבער די אַמתע תל־אביב, אויף דער ערד פון אונדזערע אָבות, איז אויך אויפגעקומען אַ דאַנק דער פּראַצע פון יידישע הענט און דעם שוויס פון



ספּאָרטלער פון דער רמב״ם־שול אין קאַראַקאַס

יידישע שטערנס, און דאָס קען מען וועגן סאַן־בערנאַרדינאָ נישט זאָגן.
בכל אופן האָבן מיר צו טאָן מיט אַ צענטער פון עכטער, קאָמפּאַקטער יידישקייט. אַלע הויפּט־אינסטיטוציעס: די „אוניאָן איסראַעליטאַ" און דער ראַבינאַט, מיט זייערע שולן, ווי אויך די שול פון די „שומרי־שבת" און די ספרדישע בתי־כנסיות, געפינען זיך דאָ. דאָ שטייט דער גרויסער

ר"ר בנימין שאַמשיין — דירעקטאָר פון די הערצל־ביאַליק שולן

קולטור־צענטער א"נ „שלום־עליכם". אַ ריי יידישע שפּייזקלייטן, די פיר כשרע יאַטקעס פון שטאָט, און אַלץ וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר יידיש לעבן, געפינט זיך אויף די גאַסן פון סאַן־בערנאַרדינאָ. דאָ טרעפט מען אויך די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, מיטן אויסנאַם פון „העבראַיקאַ", וואָס האָט זיך מחמת אירע פאַרצווייגטע ספּאָרט־טעטיקייטן אַוועקגעצויגן ווייט. אָט

איז „האָטעל אַווילאַ״, דאָס קלאַסישע אָרט פאַר יידישע מסיבות, וואָס זיינע ווענט האָבן זיך מיטגעפרייט מיט אָן אַ שיעור יידישע חתונות און גלאַט שמחות, און ווו עס שטייען איין יידן פון אויסלאַנד, וועלכע קומען מיט זייערע שליחותן גלייך צום האַרץ פון יידישן קאַראַקאַס.

די שיפּועדיקע הויפּטגאַס, „אַווענידאַ דע לאָס פּראָסערעס״, וואָס

מיגעל און עטטי מיילעכזאָן, ביים קינדער־שפּיטאָל אין תל־אביב. גרויסער בעל־נדבן, פילאַנטראָפּ

פּאַראייביקט די נאַציאָנאַלע העלדן, שניידט דורך די געגנט. איך שפּאַציר איבער אירע באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּן, און טראַכט מיר אַז ס׳וועט קומען אַ טאָג ווען נישט איך, דער גאַסט, נאָר איינער פון די יידישע פּענמענטשן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין סאַן־בערנאַרדינאָ, וועט

באַשרייבן און באַזינגען די יידישלעכע שיינקייט פון אָט דעם געבענטשטן ווינקל.

דערווייל שפּאַציר איך מיר איבער סאַן־בערנאַרדינער גאַסן, פּונקט ווי פיל אַנדערע יידן פון דער פרעמד וואָס קומען אַהער מיט אַ שליחות — אַ חלום, און גייען אַוועק געשטאַרקטע און דערמוטיקטע אַ דאַנק דער הילף וואָס דאָס יידישע סאַן־בערנאַרדינאָ האָט זיי ברידערלעך אַנטקעגנגעטראָגן. הלוואַי זאָל אָט דער זכות אַלע מאָל ביישטיין די תושבים פון סאַן־בערנאַר־דינאָ, און מיר זאָלן זיי תמיד דערמאָנען צום גוטן.

סימאַ איידעלמאַן,
אַ וועטעראַנין פון מצוות
און מעשים טובים.

דער נייער בנין פון שפיטאָל „שערי־צדק" אין ירושלים.

אַ שפּאַציר איבער
דער נייער און אַלטער היים

מאַרק טורקאָוו — מנהיג און פאָלקסמענטש



אין מיין בוך „אַ ייד אין קאָלאָמביע״ האָב איך, אין די לעצטע קאַפּיטלען, ווו איך גיב אַ בקיצורדיקן איבערבליק פון יידישן לעבן אין אַנדערע לאַטיין־אַמעריקאַנער ישובים און בוענאָס־איירעס בתוכם, זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל אויף דער אַרבעט פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און אויף דער פּערזאָן פון לאַנגיאָריקן דירעקטאָר פון זיין צענטראַלער ביוראָ אין בוענאָס־איירעס, מאַרק טורקאָוו.

איך ווייס אָבער גאַנץ גוט, אַז מיט יענע געציילטע זייטלעך האָב איך קוים אָפּגעדעקט אַ קליינעם טייל פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און צווישן אונדז ממש איינציקער פּערזענלעכקייט. זאָגט דאָך אַ שפּאַניש ווערטל, אַז „נישט די סוטאַנע מאַכט דעם מאָנאַך״, דאָס הייסט, אַז נישט די דרויסנדיקע טיטלען וואָס מען הענגט־אָן אַ מענטשן באַשטימען זיין מהות און ווערט, נאָר דאָס איז אַ רעזולטאַט פון זיין אייגענער, טיפער מענטשלעכער עשירות.

דער בעסטער ביישפּיל פון דעם איז מאַרק טורקאָוו. דער גרעסטער טיטל און דער חשובסטער „טשין״ אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, קענען נישט פאַרענטפערן דאָס רעטעניש, פאַר וואָס דער דאָזיקער סימ־פּאַטישער און פאָלקסטימלעכער ייד איז אַ גאַנצער... מאַרק טורקאָוו, און נישט סתם נאָך איינער אין דער געדיכטער ריי פון די הויפּט־באַאַמטע פון יידישע אָרגאַניזאַציעס. דעם באַשייד פון דעם דאַרף מען זוכן אין דער וועלט פון וועלכער מאַרק טורקאָוו איז אַרויסגעוואַקסן, אין וועלכער זיין טעמפּעראַמענט האָט זיך אויסגעשמידט און ווו זיינע זעלטענע יחידישע פעיִקייטן האָבן זיך אָנגעפילט מיט ממשותדיקן אינהאַלט און אָנגעטאָן דעם קאָנקרעטן לבוש פון אַן אייגנאַרטיקן נוסח אין יידישן לעבן.

מיט דער פאַמיליע טורקאָוו פאַרבינדט מיך אַ פריינדשאַפט פון אַ סך יאָרן. אַ פאַמיליע — אַ שם־דבר אין פּוילן פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות. די עלטערן, יחוסדיקע יידן, האָבן געהאַט דעם אָנבליק פון אַ פירשטלעכער פּאָר. און די פיר זין — זיי האָבן פון דער פריִסטער יוגנט פאַרקלונגען דאָס דעמאָלטיקע רייכע יידיש־פּוילישע לעבן מיטן אָפּקלאַנג פון זייער טאַלאַנט: אין טעאַטער, אין שרייבעריי, אין עסקנות, בכלל אין געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

דער יינגסטער פון זיי, יצחק, איז געווען מיין יוגנט־חבר. באַקענט האָב איך זיך מיט אים אין אַ הכשרה ביים שטעטעלע מישעוו, אין פּוילן, אין יאָר 1921. איך געדענק עס פּונקט ווי עס וואָלט געווען נעכטן. דאָרט האָב איך אויך בעת אַן עלטערן־באַזוך זיך באַקענט מיט זיינע טאַטע־מאַמע. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער איז אין ישראל — ביז צו זיין פּטירה — געווען באַשעפטיקט ווי דער דירעקטאָר פון שלום אַש־מוזיי און רעדאַקטאָר

פון דער צייטשריפט „פאָלקסבלאַט״, אָרגאַן פון דער פועלי־ציון פּאַרטיי, פלעגט ער מיר שיקן דעם זשורנאַל און מיר האָבן אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקע בריוולעכע פאַרבינדונג.

מיט זיגמונטן, דעם טאַלאַנטירטן אַקטיאָר און „בלאָנדזשענדיקן שטערן״ איבער דער יידישער וועלט, בין איך געשטאַנען אין כסדרדיקן שריפטלעכן

פון רעכטס צו לינקס:
יאַנאַס טורקאָוו, בעאַטריץ טורקאָוו, סאָניע טורקאָוו און מאַרק טורקאָוו.

קאָנטאַקט, באַזונדערס אין דער צייט ווען ער איז געווען אויף אונדזער קאָנטינענט. אין יאָר 1936 האָב איך אָרגאַניזירט פאַר אים דריי פאָרשטע־לונגען אין באָגאָטאַ, און כאָטש ער איז איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל, איז ער פון מיין שטוב נישט אַרויסגעטראָטן. ער איז געווען די איידלקייט אַליין. אין אַ טאָג, מיט אַ זיבן־אַכט יאָר צוריק, האָב איך באַקומען פון אים אַ בריוו, אַז ער פאָרט דרינגענדיק קיין ישראל. זיין יינגערער ברודער, יצחק, איז ערנסט קראַנק, און זיין אָנוועזנהייט, שרייבט ער, וועט זיין פאַרן קראַנקן אַ טרייסט און אַ דערלייכטערונג. ער איז געווען ביים ברודערס קראַנקן־בעט אַ פּאָר וואָכן און האָט באַקומען אַ האַרצשלאַג... אין עטלעכע חדשים אַרום איז אויך יצחק נפטר געוואָרן...

ביידע טורקאָווס, און דאָס אייגענע יאָנאָס — אים צו לענגערע יאָר, האָבן זיך אויסגעצייכנט ווי אינטערעסאַנטע שרייבערס. צו וואָס זיי האָבן צוגעלייגט די פען — צו מעמואַריסטיק, פובליציסטיק, אָדער ליטעראַרישער עסיי — איז דאָס געווען פול מיט לעבן, מיט גייסט, מיט דער עלעגאַנטער שטימונג, און גלייכצייטיק מיט טיפער דורכדרינגלעכקייט מיט וועלכער עס כאַראַקטעריזירט זיך זייער גערעטענער געמיש פון יידישער וואָרצל־דיקייט און ברייטער וועלטקולטור.

☆

מאַרק טורקאָוו איז, פון דער פריִסטער יוגנט אָן, געשטאַנען אונטערן טאָפּעלן צייכן פון צוויי דערהויבענע נייגונגען: דאָס יידישע וואָרט און דער אינטערעס פאַר די פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק אין זיין צע־שפּרייטקייט. אינעם פאַר־מלחמהדיקן פוילן האָט ער שוין, נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט, געשמט ווי אַ שאַרפער קענער פון דער יידישערווירקלעכקייט, אַ טיפער אַנאַליטיקער פון די היינטצייטיקע פאַרוויקלטע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען פון זיין אומה. נישט ווינציקער וואָגיק איז געווען זיין אַקטואַציע אין די ליטעראַרישע קרייזן, ווו מען האָט אים שנעל דערקענט ווי אַ מענטש מיט אויסערגעוויינטלעכע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעיִקייטן, שרייבערישן און פובליציסטישן טאַלאַנט, פעסטע איבערצייגונגען און אַן אייגענעם פּראָפיל, וואָס האָט געקענט אַרויסרופן מיטשטימונג אָדער קעגנערשאַפט, אָבער ער איז קיין מאָל נישט אַדורך אומבאַמערקט.

די אויפטרייסלונג פון די מלחמה־יאָרן האָט מאַרק טורקאָוון געבראַכט קיין אַרגענטינע. ער איז אָבער דאָ נישט אָנגעקומען ווי אַן אויסגעוואָרצל־טער, וועלכער דאַרף זיך ערשט אַרומקוקן אויף וואָסער וועלט ער שטייט. ווי אַ גוט־מושטרירטער זעלנער אינעם קאַמף פאַר יידישן קיום, איז ער אָנגעקומען מיט אַ קלאָרן באַוווסטזיין פון זיין צוקונפטיקער שליחות און אויפגאַבע. אַוודאי האָט דער ווייטיק פון שרעקלעכן חורבן אים נישט געמיטן; אָבער ער האָט אַרויסגעוויזן די גבורה, זיך נישט צו לאָזן איינ־ברעכן ביז די שלאַכט וועט זיך ענדיקן. און זיין שלאַכט איז נאָך דאַן נישט געווען געענדיקט; פונקט קאַפּויער, זי האָט זיך ערשט צעפלאַקערט, און גייט־אָן נאָך ביזן היינטיקן טאָג, ווייל טורקאָוו האָט פון דעמאָלט ביז איצט, נאָך קיין מאָל נישט פאַרלאָזט דעם פראָנט אינעם געראַנגל פאַר דער אויפהאַלטונג און חשיבות פון עם־ישראל.

דאָ, אין אַרגענטינע, האָט אויף אים געוואַרט אַ טאָפּעלע עובדה, וואָס האָט אַרומגענומען אין סימבאָלישער פאַראייניקונג דעם נאָענטן אַמאָל און די סכנותפולע צוקונפט. פון איין זייט, האָט געוואַרט אויף אים די ריזיקע

אַרבעט פון פּאַראייניקן לדורות דעם כּאַראַקטער און די דערגרייכונגען פון פּוילישן יידנטום, פון וועלכן ער איז געווען איינער פון די שענסטע ניצול־געוואָרענע פּאַרשטייערס. פון דער צווייטער זייט, איז אים באַשערט געווען צו שפּילן אַ צענטראַלע ראָלע אין דער גרינדונג פון לאַטיין־אַמעריקאַנער אָפּטייל פון יידישן וועלטקאָנגרעס, וואָס ד״ר יעקב העלמאַן האָט מיסד־געווען און טורקאָוו האָט אַנטוויקלט און אָוועקגעשטעלט אויף זיין איצטיקן מעמד, אונטערן נאָמען לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס. איך האַלט אַז ביידע שליחותן טורקאָווס — סיי די וואָס האָט זיך באַצויגן צום עבר, סיי די וואָס האָט געבויט פאַר דער צוקונפט — פאַרדינען מען זאָל זיך וועגן זיי באַזונדער אָפּשטעלן.

דער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום״ ביים צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, האָט אונטער טורקאָווס רעדאַקציע גענומען אַרויסגעבן, נאָך אין די פערציקער יאָרן, אַ סעריע ביכער וואָס שטעלט־פאַר אַן איינציקאַרטיקן דענקמאָל נאָכן פאַרשניטענעם יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. מיט זיין ברייטער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו און וויזיע פאַר יידישן לעבן, האָט טורקאָוו פאַרברייטערט די דאָזיקע איניציאַטיוו ווייט איבער די ראַמען פון אַ לאַנדסמאַנשאַפטלעכער יזכּור־סעריע. לעבן די אויפציטערנדיקע גבית־עדותן פון פּליטים און די כּראָניקעס פון קרבנות, האָט ער אַרויסגעגעבן די וויכטיקסטע היסטאָריאָגראַפישע פאַרשאַרבעטן וועגן דעם דריטן חורבן, וואָס שטייען נאָך ביז היינטיקן טאָג ווי מוטיקע באַשולדיקערס קעגן פאַרברעכערישן נאַציזם און דערלאָזן נישט, די וועלט זאָל פאַרגעסן אָדער פאַרווישן די שפּורן פון יענע אומגעהייערע רציחות. ווייטער האָט ער פאַרעפנטלעכט בעלעטריסטישע ווערק, וועלכע מאָלן אָפּ אין די לעבעדיקסטע פאַרבן די טויזנט יאָר יידיש לעבן אין אַשכּנז, און עסייען וואָס האָבן אויף דער העכסטער מדרגה פון נאַציאָנאַלער און איני־טעלעקטועלער אַחריות זיך פאַרנומען מיט אויסקלאָרן דעם וועג פון יידישן המשך אין אַ צעררודערטער און פאַרבלוטיקטער וועלט. די קרוב צו 180 ביכער פון דער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ זענען, אין אַ גרויסער מאָס, טורקאָווס גרויסער בייטראָג פאַר דער קאָנטינויִטעט פון דער יידישער גייסטיקייט נאָכן לעצטן חורבן.

אין דער זעלביקער ליניע פון המשכדיקייט שרייבט זיך אַריין טורקאָווס אַקטואַציע בראש פון וועלטקאָנגרעס אין דרום־אַמעריקע. אין יענע יאָרן איז דאָס יידישע פאָלק קוים צו זיך געקומען נאָך די מוראדיקע היטלערישע קלעפּ. דאָס זענען געווען צייטן פון גרויסן יאוש און פון ציטערדיקער האָפענונג בשעת דעם אומרויִקן בראשית פון דער יידישער מדינה. ס׳איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צו רעאָרגאַניזירן דאָס פאָלק, צוזאַמענפירן די

צעוואָרפענע גלידער און אַריינגעמען די נייע, ביז דעמאָלט מאַרגינאַלע ישובים, אין אַן אָרגאַנישער ראַם, אין איינקלאַנג מיט די נייע אַחריותן וואָס די ענדערונגען אין יידישן לעבן האָבן אויף זיי אַרויפגעלייגט.

מאַרק טורקאָוו איז דאָס געווען דער מענטש, וואָס האָט דעצידירנדיק געווירקט כּדי די אַלע נייטיקע אויפגאַבעס זאָלן דורכגעפירט ווערן. דורך דעם אויטאָריטעט וואָס זיין פּערזענלעכקייט און זיין פאַרגאַנגענהייט האָבן אים געגעבן, דורך זיין אומאויסשעפּלעכער ענערגיע, דורך אָנגעשטרענגטע נסיעות אין אַלע ווינקלען פונעם קאָנטינענט און אין דער וועלט, ווו מ׳האָט עס נאָר באַדאַרפט, האָט ער אין משך פון עטלעכע יאָר באַוויזן איינצור־פעדעמען אַלע לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישע קיבוצים אין איין סאָלידאַרי־שער גאַנצקייט. ער האָט איינגעפלאַנצט אין דער אָנפירערשאַפט דאָס געפיל פון אַחריות, אַז אַלע אין איינעם מוזן זוכן לייזונגען פאַר די לויערנדיקע פראַגעס פון אידענטיטעט, אַסימילאַציע, אַנטיסעמיטיזם, סאָלידאַריטעט מיט ישראל און אַלע אַנדערע קאָמפּליצירטע ענינים, וואָס באַשעפטיקן היינט צו טאָג די יידישע גייסטיקע און פיזישע פּאָטענצן אין אונדזער תפוצה.

נאָך היינט לעבט אין מיין זכרון פריש דאָס בילד, ווי איך האָב אים געזען בעת מיין פריערדיקן באַזוך אין בוענאָס־איירעס, אין זיין קאַבינעט, אינעם פריערדיקן הויז פון וועלטקאָנגרעס אויף דער גאַס קאָריענטעס. די אויגן — פאַרחלומט; דער באַזילבערטער קאָפּ אַריינגעטאָן אין וואָגיקע פּראָבלעמען; דאָס אייביקע דינינקע ציגאַרל, זיין פאַרטרויונגס־חבר, העגגט אַראָפּ פון מויל.

דער טעלעפאָן רוט נישט אַ רגע. עס רופט אָן אויפהער דאָס פאַר־צווייגטע געזעלשאַפטלעכע לעבן פון דער גרויסער שטאָט, ווי אויך פון דער אַרגענטינער פּראָווינץ. אויך פון אויסלאַנד רייסט זיך אַריין אַ רוף. און טורקאָוו איז אומעטום דאָ: ביים טעלעפאָן, ביים שרייבטיש, אין די דער־בייאיקע צימערן, ווו זיינע מיטאַרבעטערס האַלטן אין איין אויספירן זיינע אָנווייזונגען, אויפנעמען און אַרויסשיקן קאָרעספּאָנדענץ: צירקולאַרן, ווענ־דונגען, אָנפראַגעס, בקשות, און אַלץ ווערט געטאָן טיכטיק, ענערגיש, מיט קאָפּ און צו דער צייט.

טורקאָווס ווירקעוודיקייט באַגרענעצט זיך נישט צו די ד׳ אַמות פון זיין ביוראָ, ווו אַ וויכטיקע זיצונג צי באַראַטונג פון די צענטראַלע יידישע אינסטאַנצן אין בוענאָס־איירעס, פוילט ער זיך נישט. ער איז דאָ, נישטאָ ביי אים קיין מינדערוויכטיקע ענינים ווען עס גייט אין טאָן פאַר דער פאַר־בעסערונג פון דער מערכה פון יידן און יידישקייט. זיין וואָרט, פּרעציז און אויך פלאַמיק, ערנסט, אָבער באַווירצט מיט חכמהדיקן הומאָר, פאַרפעלט קיין מאָל נישט צו באַלייכטן יעדן פּראָבלעמאַטישן פּונקט. אַזוי יאָר־איין

יאָר־אויס, בעת די אינעווייניקסטע באַראַטונגען פונעם ישוב ווי ווען עס קומט צו רעפּרעזענטירן דאָס אַרגענטינער יידנטום כלפּי־חוץ.

טורקאָוו זאָרגט זיך טיף פּאַר דער אויסבילדונג פון נייעם יידישן דור. ער ווייס, אַז פון פריידיקן אַליין וועלן נישט אָנוואַקסן קיין יידישע וואָרצלען אין אַ מדברדיקן באָדן. פאַרטראַכט ער אויף ס'ניי אַ מאָנומענטאַלן פּאַר־לעגערישן פּראָיעקט: די בראָשורן־סעריע „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" אויף שפּאַניש, מיט אירע צוויי געלונגענע ציקלען: פאַקטן פון דער יידישער געשיכטע און פּערזענלעכקייטן פון דער יידישער געשיכטע. ער שפּאַנט איין אינעם פּראָיעקט די בעסטע פאָרשערס, שטודירערס, היסטאָריקערס און אַנאַליטיקערס פון יידישן לעבן, פון אַרגענטינע און פון דער וועלט, וואָס שרייבן אָריגינעל שפּאַניש אָדער וואָס מען דאַרף זיי איבערזעצן. און צענדלינגער טיטלען נעמען דערגיין צו דער יוגנט, און צו די פּאַר־וואָרלאָזטע קלענערע ישובים אויפן קאָנטינענט, ווו מען לעכצט נאָך סיג־טעטישער, צוגענגלעכער און קוואַליפיצירטער אינפאָרמאַציע וועגן טעמעס און פיגורן פון יידישן אַמאָל און היינט. צוויי הונדערט אַזעלכע ביכלעך זענען דורך טורקאָווס אימפּולס אַרויסגעקומען אויף דער ליכטיקער שיין און זיך צוגאַנגען אומעטום, ווו מען האָט זיי געדאַרפט האָבן.

און די יוגנט פילט אויך טורקאָווס אידענטיפיקאַציע מיט אירע נויטן, און קוקט צו אים אַרויף מיט דרך־ארץ. אַנדערע וועטעראַנען פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט ווערן דורך איר אָפּגעוואָרפן, אומגערעכט, אַוודאי, אָבער: וואָס זאָל מען טאָן, ווען דער אָפּגרונט צווישן מענטאַלי־טעטן איז פּאָרט נישט אַריבערצושפּאַנען? אַנדערש איז מיט טורקאָוון, נישט נאָר פאַרן עלטערן עולם איז ער דער באַליבטער טריבון, דער ניי־טיקער אויפקלערער פון דער יידישער ווירקלעכקייט. אויך די יוגנט גייט צו צו אים, אמת, מיט איר שטענדיקן קריטישן חוש און מיט איר גרייטקייט אָפּצופרעגן און זיך קעגנצושטעלן, אָבער מיט דער פולער אָנערקענונג, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ מענטשן, וואָס צאַפּלט מיטן פולס פונעם יידישן היינט און פונעם יידישן מאָרגן.

✡

איצט לעבן מיר איבער מאָמענטן פון טיפע ענדערונגען אין דעם צו־זאַמענשטעל פון דער וועלט־אָנפירערשאַפט פון יידישן פאָלק. שוין אָפּ־געראַמט פון דער געביטענער פּאַנאָראַמע אין ישראל, לעבט דער גלות איבער דעם שווערן דורות איבערגאַנג צווישן זיינע מנהיגים. דער לעגענ־דאַרער נחום גאָלדמאַן, סטיפען ווייזס רעכטע האַנט ביי דער גרינדונג פון יידישן וועלטקאָנגרעס, הערצלס און וואָלפסאָנס יורש בראש פון דער

ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, דער לעצטער פון דער פּלעיאַדע גרויסע נאַציאָנאַלע מנהיגים וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן פאָלק אין דעם לעצטן, גורלדיקן יאָרהונדערט, ציט זיך צוריק.

טורקאָוו, וועלכער געהערט אויך, כאָטש ער איז אַ סך ייִנגער, צו יענעם טיפּ אָנפירערס פון אַ וועלט־מאַסשטאַב, וואָס אַזעלכע קומען שוין היינט נישט אויף, און איז געווען גאָלדמאַנס רעכטע האַנט אין לאַטייַן־אַמעריקע, גייט אַריבער אויף אַנדערע, חשובע פונקציעס, אין ווייטע מקומות פון אונדז. ווי אַ לאַטייַן־אַמעריקאַנער ייִד און קהילה־עסקן וואָס שטאָלצירט מיט אים און מיט זיין טעטיקייט, האָף איך אַז דער גייסט וואָס ער האָט דאָ איינגעפלאַנצט זאָל זיך אויפהאַלטן און זאָל ברענגען פרוכט; פונקט ווי איך ווינטש אים אַז ער זאָל מיט זיין נאָך יוגנטלעכן ברען אַריינברענגען זיין באַזונדערן גייסט אין די נייע אויפגאַבעס וואָס ער וועט אונטערנעמען.

חיים באַרילקאָ — דער אַרגענטינער חתן־התורה

מיט אַ פינף־זעקס יאָר צוריק, איז דער נאָמען מיר געווען באַקאַנט בלויז דורך דער פּאָפּולערער ביבליאָטעק אין שפּאַניש, וואָס עס גיט אַרויס די צענטראַלע פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, וועלכע געפינט זיך אין בוענאָס־איירעס. לויט מיין אָפּשאַצונג, איז יענע פּאָפּולערע ביבליאָטעק פון אַן אומגעהייערער וויכטיקייט פאַר די נייע דורות, וועמען זי באַקענט מיט פאַקטן און פיגורן פון יידישן אַמאָל און היינט, וואָס אַן דעם וואָלטן די יונגע צו דעם אַלעם קיין צוטריט נישט געהאַט. איך האַלט אויך — און דאָס איז שוין געווען מיין מיינונג מיט אַ האַלבן יאָרצענדלינג צוריק — אַז פון יענער גאַנצער קאָלעקציע, זענען דאָס נוצלעכסטע די צענדלינגער בראָשורן וואָס טראָגן די חתימה: חיים באַרילקאָ. נביאים, אַנדערע תנכישע פיגורן, יידישע יום־טובים און צענטראַלע טעמעס פון אונדזער נאַציאָנאַלער טראַדיציע און מחשבה, זענען די טעמעס איבער וועלכע באַרילקאָ האָט אָנגעשריבן זיינע פיינע, דידאַקטישע בראָשורן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר, אין זייער אייגענעם זכות, אַ מין קליינע פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע פון יידישקייט פאַר דער שפּאַניש־רעדנדיקער יוגנט.

און דעמאָלט, ווען דער נאָמען איז מיר שוין געווען באַקאַנט און באַליבט דורך די דערמאָנטע בראָשורן, איז מיר אויסגעקומען מיט אים זיך צו באַקענען פּערזענלעך. דאָס איז געווען בעת אַ פּלענאַר־באַראַטונג, צונויפגערופן אין בוענאָס־איירעס דורך דער ביוראָ פון לאַטיין־אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. מיר זענען געזעסן אַרום דעם זעלבן טיש, אונטער איין דאַך, און אַרום דער טעמאַטיק וועלכע איז תמיד אַקטועל פאַר אונדזער יידישן פאָלק אומעטום. דאַן האָב איך באַמערקט ווי די בליקן פון אַלע באַטייליקטע זענען געווענדט צו דעם אָרט, ווו ס'איז געזעסן דער יונגער באַרילקאָ, וועלכער האָט ערשט געהאַט איבערגעשפּאַנט זיינע ערשטע דריי צענדלינג יאָר. אַלע האָבן געוווסט וועגן זיין פּערזענלעכקייט, און וועגן דעם גרויסן ליטעראַרישן באַגאַזש וואָס ער האָט שוין געהאַט אָנגעקליבן, נישט געקוקט אויף זיין יונגשאַפט.

באַרילקאָס אָנוועזנהייט אויפן צוזאַמענפאָר איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רעפעראַט וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן אויף דער פאַרזאַמלונג, צו וועלכער ער איז ספּעציעל פאַרבעטן געוואָרן. כ'געדענק נישט די טעמע,

און ס׳איז אויך נישט וויכטיק איצטער. כ׳דערמאָן זיך אָבער יאָ גאַנץ גוט, וואָס פּאַר אַן אויפמערקזאַמקייט אַלע אָנוועזנדיקע האָבן געשענקט דעם פּראָפעסאָר באַרילקאַ. די סצענע האָט געמאַכט אויפטויכן אין מיין זכרון יענע גאָלדענע צייטן פון יידישן לעבן אין פּוילן, ווען מען האָט צו אַ גייסטיקן מנהיג אַזוי אַרויפגעקוקט, און ממש געטרונקען יעדעס וואָרט זיינס, ווי מען טרינקט אַ טייערן לעבנס־עליקסיר. זיין רעדע האָט זיך געצויגן מער ווייניקער אַ שעה צייט, און קיינער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן אַפילו איין רגע פון זיין לעקציע. כ׳האָב זיך דעמאָלט איבער־געצייגט, אַז נישט נאָר קען ער האַלטן אַ פיינע פען אין האַנט, נאָר אַז זיין רעדנערישער טאַלאַנט שטייט גאָר נישט אָפּ פון דעם שרייבערישן. און נאָך וויכטיקער: כ׳האָב געקענט אָפּשאַצן אויף וויפל דער דאָזיקער יונגער מענטש דערגרייכט שוין, מיט זיין גייסטיקער הייך, צו גאָר דער־הויבענע מדרגות אין יידישן דענקען. אָט, האָב איך מיר געטראַכט, אָט איז אַ מענטש וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַרן בוך און פאַר דער קאַטעדרע, אַ געהייליקטער פון געבוירן אָן צו דער ערנסטער וויסנשאַפט בכלל, און בפרט צו אונדזער וויסנשאַפט, וואָס וואָרצלט אין די הייליקע ספרים זייט מיר זענען אַ פאָלק אויף גאָטס וועלט.

אין אַנדערע צייטן וואָלט אַזאַ געשטאַלט ווי באַרילקאַ, געקענט לייכטן אין דער פּאַסנדיקער באַגלייטונג פון תּלמידי־חכמים און גייסטמענטשן וואָס האָבן ביי יידן קיין מאָל נישט געפעלט. אָבער אין אונדזערע טעג, כאָטש עס פעלן נישט קיין שעפערישע מענטשן מיט אַ באַגאַזש יידיש וויסן, טיילט ער זיך אויס ווי איינער פון די געציילטע יידישע דענקערס וואָס דער לאַטיין־אַמעריקאַנער באָדן האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבן. זאָל מען אָבער נישט מיינען, אַז דאָס זיין אַ יחיד־במינו אויף דעם געביט איז אַזאַ געוואָלדיקער פאַרגעניגן. ס׳איז גיכער אַ שטראָף, ווייל אין אונדזערע פאַראָרעמטע רייען טרעפט נישט איין מאָל: לאַ־די וואָס אַ מענטש ווי באַרילקאַ בלייבט פאַראיינזאַמט איבער זיין הויכן ניוואָ, ווערט ער נאָך איזאָלירט און אַפילו אָנגעגריפן דורך מענטשן, וואָס שטייען גאָר נישט אויף דער מדרגה אים צו קענען משפטן. וועגן דעם וועט אָבער זיין די רייד שפּעטער. לאָמיר פריִער זיך באַקענען מיט דעם ווינקל פון דער יידישער וועלט וווּ פּראָפ׳ באַרילקאַ איז אויפגעוואַקסן.

חיים באַרילקאַ איז אַ יליד פון די אַרגענטינער „פּאַמפּאַס", די ברייטע, אומענדלעכע שטחים פעטע ערד, וווּ יידן האָבן זיך באַזעצט מיט אַ קנאַפּן יאָרהונדערט צוריק, אַ דאַנק אַ פילאַנטראָפּישן פּלאַן פון דעם גרויסן וווילטוער, באַראָן הירש, אַנטלויפנדיק אַזוי אַרום פון זייערע היימען אין צאַרישן רוסלאַנד: טאָקע איינגעפונדעוועטע היימען פון הונדערטער יאָרן,

אָבער פֿאַרוואַנדלטע אין אַ גיהנום דורכן גיפֿט פֿון יידן־שינאה. יידן האָבן זיך איינגעוואָרצלט אין דעם נייעם לאַנד מיט אַ געפֿיל פֿון דאַנקשאַפֿט פֿאַר דער ברייטהאַרציקער נאַטור און אויך פֿאַר דער מענטשלעכער באַ־פֿעלקערונג, וואָס האָט זיי אויפֿגענומען אָן האַס און אָן אַנטיסעמיטישע פֿאַראורטיילן. פֿאַרשטענדלעך זענען די ערשטע יאָרן, און אַפֿילו די ערשטע יאָרצענדלינגער, נישט געווען גרינג. דאָך איז אויפֿגעקומען אַ נייער מין לעבנסשטייגער, ווו יידן זענען טאַקע געווען פּויערים און גלייכצייטיק באַוווסטזיניקע יידן, וועלכע האָבן אין זייערע קאָלאָניעס געשאַפֿן חדרים, בתּי־מדרשים און אויך מאָדערנע שולן, אויפֿצוהיטן און צו פֿאַרשטאַרקן מיט אַלע כּוחות דאָס ליכט פֿון יידישקייט. די פּירות פֿון אָט דעם נייעם לעבן האָבן נישט אַנטוישט. אַ סך פֿון די שענסטע פֿיגורן פֿון יידישן לעבן אין אַרגענטינע: געזעלשאַפֿטלעכע טוערס, זשורנאַליסטן, שרייבערס און אינטעלעקטואַלן, זענען אַרויסגעקומען פֿון די קאָלאָניעס. קינדער און אייניקלעך פֿון יידישע קאָלאָניסטן זענען אויך אַ גרויסער צד אין מדינת ישׂראל, און זיי זעען זיך אָן אויף אַלע געביטן פֿון דאָרטיקן לעבן. מיר טרעפֿן זיי אויך אָפֿט איבערן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט, ווו זיי באַדינען און באַרייכערן דאָס יידישע לעבן ווי לערערס, רבנים, חזנים און שוחטים.

אין די רייען פֿון דעם דאָזיקן ישוב איז אויפֿגעקומען און אויסגע־וואַקסן פּראָפֿ׳ חיים באַרילקאָ, דער יונגער וויסנשאַפֿטלער און פֿילאָסאָף, מיט דער הילף פֿון וועלכן איך האָב געחלומט צו ראַטעווען די מערכה פֿון יידישן חינוך אין קאָלאָמביע, אַ זאַך וואָס האָט זיך מיר, צום גרויסן ווייטיק, נישט איינגעגעבן.

יאָ, ס׳איז געווען אַן אויסערגעוויינטלעך שווערע אויפֿגאַבע, ממש ווי דורכברעכן די כינעזישע וואַנט. אָבער ביים אָנהייב האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס מזל שפּילט אונדז צו: פֿון דעם גרויסן יידישן אַרגענטינע האָט באַרילקאָ באַוויליקט צו אונדז קומען, און אָט שטייגט ער אויס, מיט ווייב און קינד, אויפֿן באָגאָטאַנער לופֿטפֿאַרט. ישובים האָבן אונדז מקנא געווען: ווי איז דאָס מעגלעך אַז דאָס כּמו „דאָרף״, קאָלאָמביע, האָט זיך צוגעשריבן אַזאַ דערפֿאָלג. אַ קליינינקייט — חיים באַרילקאָ, דאָקטאָר אויף פֿילאָסאָפֿיע, מחבר פֿון אומצאָליקע ביכער, צווישן זיי אויך גרעסערע אַרבעטן פֿון אָריגינעלער מחשבה וואָס וויכטיקע פֿאַרלאַגן און וויסנשאַפֿטלעכע אינסטי־טוטן האָבן אַרויסגעגעבן... קומט ער גאָר קיין באָגאָטאַ. ביי אַלטוואַרג איז דאָס געשעעניש אויפֿגענומען געוואָרן מיט גרויס פֿרייד. מיר האָבן אַלע געפֿילט אַז אַ נייער גייסט האָט זיך אין אונדזער ישוב באַוויזן. מיר האָבן געהאָט דעם פֿולן באַוווסטזיין, וואָס באַרילקאָס אָנוועזנהייט צווישן אונדז

באַטייט, סיי פאַרן ישוב און אויך פאַר די באַלעבאַטים פון לאַנד, ווייל אַ דאַנק אים וועלן מיר האָבן מיט וועמען זיך פאָרצושטעלן. ווייל מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז דער גורל האָט אונדז געשטראָפט מיט אונדזער פאַריתומטקייט בנוגע אינטעלעקטואַלן, און דאָ האָבן מיר צוגעקראָגן אַזאַ כּוח, אַ מענטשן וואָס קען רעפּרעזענטירן ווירדיק דעם ישוב אַזוי אין אַ רעדאַקציע ווי אין אַן אוניווערסיטעט, אָדער אין אַ מלוכהשער אינסטאַנץ.

כ׳מוז אָבער באַמערקן, כאָטש דאָס מיינט אַרויסטראָגן אַן אורטייל קעגן זיך אַליין, אַז איך בין ווייזט אויס נישט קיין מזלדיקער שליח, נאָר אַ שלימזלדיקער. אָט האָב איך אין 47סטן יאָר געברענגט דעם ערשטן דערציִער, וואָס האָט געזאָלט אָנפירן מיט אַ פּולער טאָגשול אין באָגאָטאַ: פּראָפעסאָר אַברהם סטעמפּעל. ער האָט באַוויזן אַפילו אין אַ קורצער צייט איינצוואָרדענען און איינריכטן די שול, אָבער טראָץ אַלעם האָט ער, נאָך אַ געווויסן צייטאָפּשניט, געמוזט, בעל־כּרחו, פאַרלאָזן דעם פּאָסטן. מיר איז ממש נישט ניחאָ צו פאַרצייכענען די מאָטיוון פון סטעמפּעלס פאַר־לאָזן די שול אין באָגאָטאַ. דעמאָלט איז געקומען אויף דער שול אַזאַ ירידה, וואָס מען קען גאָר פון דער בלאָטע נישט אַרויס. און צום צווייטן מאָל, ווען כ׳האָב מיט גרויס אָנשטרענג אַראָפּגעבראַכט נישט ווייניקער ווי חיים באַרילקאָ פאַר דירעקטאָר פונעם „קאַלעכיאָ קאָלאָמבאָ העברעאָ״ האָבן זיך אויך געפונען עלעמענטן אין ישוב, וואָס האָבן געפונען חסרונות אויף דער צו שיינער כּלה... כ׳האָב געפילט אַז דאָס איבערחזרן זיך צום צווייטן מאָל פון דעם זעלביקן שפּיל האָט אין זיך עפּעס אַ פאַטאַלן חותם, וואָס ס׳איז אומזיסט קעגן דעם צו קעמפן. כ׳האָב ממילאָ געטאָן וויפל ס׳איז נאָר געווען אין מיינע כּוחות, אָבער דאָס איז שוין געווען באַשטימט פון גורל. נאָך אַנדערהאַלבן יאָר אָפּזיין צווישן אונדז, איז באַרילקאָ אַהיים־געפאָרן קיין אַרגענטינע.

מיינע זשעלעכאָווער בני־עיר איז נישט געפעלן געוואָרן, מיט אַ הונ־דערט אַכציק יאָר צוריק, דער באַרדיטשעווער ר׳ לוי־יצחק, און ער האָט געמוזט פאַרלאָזן מיין שטעטל. יענע לאַנדסלייט מיינע זענען לאַנג שוין אויף גאָטס וועלט נישטאָ. זאָל זיי אַזאַ חטא נישט גערעכנט ווערן. דאָס זעלבע ווינטש איך אונדזערע יורשים, די קינדער און אייניקלעך, וואָס זיי פירן אָן מיט אונדזער שול: זאָל זיי דער באַרילקאָ־חטא נישט גערעכנט ווערן. ווייל ווען מען וואָלט דאַרפן באַצאָלן דעם פּרייז פאַר אַזאַ חטא, וואָלט דער פּרייז געווען אַ שרעקלעכער, אַזוי שרעקלעך ווי עס איז דאָס פאַרלירן פאַרן ישוב פּראָפ׳ באַרילקאָ. ווייל איז צו די שוטים וואָס פאַר־שטייען דאָס נישט.

פֿאַרשטענדלעך, נאָר באָגאָטאַ האָט געליטן איבער דער פֿאַרריסנקייט פֿון אירע שול־תּקיפֿים. באַרילקאָן האָט עס נישט געשאַדט, ווייל נישט פֿון זייער אָנערקענונג איז אָפּהענגיק זיין חשיבות און גוטער נאָמען. אַרגענטינע האָט אים צוריק אויפֿגענומען מיט פֿרייד און מיט אָפֿענע אָרעמס. ער איז באַלד אַנגאַזשירט געוואָרן ווי דער דירעקטאָר פֿון יידישע לימודים אין איינעם פֿון די גרעסטע בוענאָס־איירעסער מיטלשול־אַנשטאַלטן, און קורץ נאָך דעם האָט ער, מיט זיינע טיטלען און אַנטעצעדענטן, געוווּנען דעם קאָנקורס צו פֿאַרנעמען דעם אַמט פֿון גענעראַל־דירעקטאָר פֿון ועד־החינוך־המרכּזי, די צענטראַלע חינוך־אינסטאַנץ פֿון אַרגענטינער יידנטום, וועלכע האָט צו שאַפֿן איבער צענדלינגער שולן און אַרום 20.000 תּלמידים.

אויך זיין שרייבערישע טעטיקייט איז נישט געבליבן פֿאַריתומט, נאָר ער האָט זי באַרייכערט מיט אַ גאָר וויכטיקער שאַפֿונג אויף שפּאַניש, אַ ווערק וואָס איז פֿיל וואָגיקער ווי די פֿריִער דערמאָנטע אויפֿקלערונגס־בראָשורן, ווייל דאָס איז אַ גרונט־אָפּהאַנדלונג און אַן אַלגעמיינער אַריינפֿיר צו דער טעמאַטיק פֿון יידישקייט. דאָס בוך איז דערשינען אין בוענאָס־איירעס, און האָט פֿאַרדינט ענטוזיאַסטישע רעצענזיעס מצד חשובע אינ־טעלעקטואַלן.

פֿון דער פּרשה באַרילקאָ אין באָגאָטאַ האָב איך, ווי אַן עסקן געהאַט פֿיל ביטערנישן און האַרצווייטיק, וואָס ביז היינט קען איך זיך נישט טרייסטן, ווייל איך זע כּסדר דעם שאָדן פֿאַר מיינע אויגן. פּערזענלעך, אָבער, האָב איך פֿון דעם אָפּגעשפּאַרט אַ פֿריידיקן באַלאַנס: די פֿריינד־שאַפֿט פֿון דעם דאָזיקן הויכן אינטעלעקטואַל, פֿון זיין ליבער פֿרוי חיהקע, אַליין אויך אַ יידישע דערציִעריך, און פֿון זייערע קינדער. דאָס איז אַן אומגעריכטע מתּנה פֿאַר וועלכער איך בין פֿול מיט דאַנקשאַפֿט און צוליב וועלכער איך טראַכט אַ מאָל, צי אפֿשר איז פֿאַר דעם אַליין נישט כּדאַי געווען דער גאַנצער עגמת־נפֿש.

חנא ווייסבראָד

אַלע ווייסן מיר, אַז אויף גאָטס וועלטל דרייען זיך אַרום מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן און נייגונגען. פאַראַן מענטשן וועלכע זענען גע־בוירן געוואָרן צו טומלען זייער גאַנץ לעבן, „אָנמאַכן אַ ווינט”, זיך נישט לאָזן פאַרזען אָדער דורכגיין אומבאַמערקט. אַנדערע, להיפוך, זענען מענטשן וואָס שפּאַנען פאַרביי דורכן לעבן מיט שטילע טריט, אָן קיין שום הו־האַ, אָן עלנבויגנס, אָן אַמביציעס, און די וועלט קרוינט זיי אָפט מאָל מיטן טיטל פון שלימזלען.

ווער ס׳האָט זיך אָבער צוגעקוקט מיט אַ קריטיש אויג צו דער ווירק־לעכקייט פון אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן, דער וועט זיכער נישט מסכים זיין מיט דער דאָזיקער ביטולדיקער באַצייכענונג, וואָס מען הענגט אָן מענטשן מחמת זייער באַשיידנקייט און געלאַסנקייט. פּונקט קאַפּויער: ער וועט לייכט קענען אָנווייזן אין וויפל פאַלן איז שטילקייט און באַשיידנקייט דער דרויסנדיקער אויסדרוק פון גייסטיקער טיפקייט, אַחריות און געטריי־שאַפט צו אידעאַלן, וועלכע די דאָזיקע מענטשן דינען מיט מעשים, אָבער זיי האָבן נישט קיין דראַנג זיך צו באַווייזן, בפרט ווען זיי קומען שוין אויף די עלטערע יאָרן.

על־כן דאַרף איך, ווי אַ שרייבער און כראָניקער פון יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן, זיין תמיד זייער נזהר, זייער פאָרזיכטיק און באַוואָרנט, נישט צו פאַרזען מענטשן וועלכע שטופּן זיך נישט צום אויבנאָן, נאָר דאָך פאַרנעמען זיי אַן איינגעפונדעוועטע פּאָזיציע פון דרך־ארץ און ליבשאַפט אין די הערצער פון די אַלע, וואָס קענען זיי. דורכלאָזן אַזעלכע מענטשן וואָלט געווען אַ שווערע עוולה, און זי וואָלט מיר שפּעטער שטאַרק ווי געטאָן, ווען עס וועט שוין נישט מעגלעך זיין זי צו פאַרריכטן.

בין איך גאָר באַזונדערס צופרידן וואָס איך באַווייז נאָך, ווען מיין בוך שליסט זיך שוין אין דער תל־אביבער דרוקעריי, צו געבן דאָ אַ גיכן פּען־פּראָפיל פון אַזאַ מענטש ווי עס איז ר׳ חנא ווייסבראָד. ר׳ חנא איז אונדזערער אַן אַלטער תושב, אַ מענטש פון מיין דור, מיט וועמען מיר זענען שוין מיט יאָרן צוריק געזעסן ביי איין טיש, אַ מאָל אין דער קהילה, אַ מאָל אין די רעכטע פּועלי־ציון. ער געהערט נישט צו די וועלכע זאָגן זיך אָפּ פון מיטאַרבעטן ביי געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ער האָט פאַר־

שטענדלעך אויך זיך אַרויסגעזאָגט וועגן יעדער זאַך זיין מיינונג, אָבער תּמיד רויִק, פול מיט דרך־ארץ און טאָלעראַנץ פאַר יענעמס פּאָזיציע, אַזוי אַרום אַז זיין אָנוועזנהייט ביים טיש איז ממש געווען אַ נחת־רוח. ליידער מוז מען אין דעם זאָץ זאָגן אונטערשטרייכן דעם „געווען״, ווייל זינט יאָרן איז שוין דער טייערער ר׳ חנא דערווייטערט פון געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, פון וועלכער עס האָבן אים אָפּגעריסן טרויעריקע און אומפאַרדינטע משפּחה־פּראָבלעמען. סיי ווי, אַפילו אין ליכט פון פּריוואַטן לעבן און שוין אויף די עלטערע יאָרן, שיינט זיין געשטאַלט ווייטער אַרויס ווי די פיגור פון אַ יידן אַ יודע־ספר, אַ טיף־דורכגעדרונגענער מיט די געפילן פון פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט פאַרן יידישן לעבן, אַ באַשיידענער און אַ שטילער, וועלכער וואַרפט זיך נישט מיט קיין רייד, כאָטש אַלע וואָס האָבן מיט אים אַ מאָל געשמועסט וויסן, אַז דווקא זיינע ווערטער איז כדאַי צו הערן און זיך צוצוהערן.

פון באַשיידנקייט וועגן, דערציילט ר׳ חנא זייער ווינציק וועגן זיך. אָט האָט ער מיר קיין מאָל נישט געזאָגט, אַז זיינס אַ לייבלעכער שוועס־טערקינד פאַרנעמט אַ חשובע פּאָזיציע אין דער רעדאַקציע פון דער בוענאָס־איירעסער „די אידישע צייטונג״. ווען נישט וואָס מיין טייערער פריינד מאַרק טורקאָוו האָט בעת מיינעם אַ באַזוך אין בוענאָס־איירעס אונדז צונויפגעפירט, וואָלט איך זיך גאָר נישט דערוווּסט, אַז דער גוט־באַקאַנ־טער זשורנאַליסט יעקב צודיקער איז אַזאַ נאָענטער קרוב מיט אונדזער ליבן מיט־תּושב.

אַגב, טראַכט איך אָפּט אַריין אין דער מערכה פון אַזאַ יעקב צודיקער, אַ טאַלאַנטירטער זשורנאַליסט, וואָס צייכנט זיך גלייכצייטיק אויס מיט זיין פּשטות און פריינדלעכקייט. איך קען זיין לעבנסוועג. אין דער יוגנט געמוזט פאַרלאָזן דאָס רעאַקציאָנערע פּוילן, ווו די טירן פון טורמעס און תּפיסות זענען פאַר אים געווען ברייט צעעפנט און אָנגעגרייט. געקומען אין די אַמעריקעס, איז זיין ערשטע סטאַנציע געווען מאָנטעווידעאָ. צו גלייך מיט פיל אַנדערע יידישע אינטעלעקטואַלן און דענקערס איבער גאָר דער וועלט, האָט ער דורכגעמאַכט די ווייטיקלעכע אַנטוישונג וואָס די סאָוועטישע רעוואָלוציע האָט געבראַכט פאַר די אַלע, וועלכע האָבן אויף איר לכתּחילה געלייגט אויפריכטיקע האָפענונגען אויף באַפרייונג און גערעכטיקייט. אין זשורנאַליזם איז זיין טעמע געווען די אַלגעמיינע לאַטיין־אַמעריקאַנער פּאָליטיק. ער איז אַ פאַרליבטער אין לאַטיין־אַמעריקע, אַ קענער פון איר ווירקלעכקייט. און איז געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג מיט אַ גרויסער צאָל וויכטיקע פיגורן, דיפּלאָמאַטן, שרייבערס, פּאָליטיקערס און מלוכה־

ליט. צודיקערס אַנטייל אין „די אידישע צייטונג״ איז געווען פון העכסטן אינפאָרמאַטיוון און אויפקלערערישן ווערט.

היינט אָבער, איז שוין אַ 5 יאָר ווי „די אידישע צייטונג״ געפינט זיך אויפן עולם־האמת.ליידער, איז דאָס וואָס די פיאָנערן האָבן געגרינ־דעט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און אידעאַליזם, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די אויגן פון די יורשים אין סתם אַ געשעפט, און אויב שוין אַ געשעפט, זענען אַוודאי פאַראַן בעסערע אינוועסטיציעס...

פילן זיך צודיקער און זיינס גלייכן ווי פאַריתומט. נישטאָ היינט צו טאָג קיין שפע פון יידישע פובליקאַציעס, ווו זייער וואָרט און אומרו זאָל געפינען אַן אַכסניא. פאַר אַ שרייבער, פאַר אַ זשורנאַליסט, איז דאָס אַ ביטער און שווער אָפּקומעניש. ווייל שרייבן איז פאַר אַזעלכע מענטשן — לעבן.

אָט זענען מיר צוויי טייערע יידן, דערוויטערטע אין שטח אָבער נאָנטע אין בלוט און אין געמיט, וואָסביידן האָט דער גורל צו ערשט געשטויסן און דערנאָך געשטערט צו געבן זייער געבענטשטן ביטראָג פאַרן יידישן לעבן, יעדער איינער אויף זיין אָרט: חנא וויסבראָד ביי אונדז, יעקב צודיקער אין אַרגענטינע.

☆

צווישן די אַלע לויבווערטער וועלכע זענען געגאַנגען אויף מיין חשבון נאָכן דערשיינען פון מיינע צוויי ערשטע ביכער, דאָס שפּאַנישע און דאָס יידישע, האָב איך אויך געלייענט אַ זאַץ: באשר דער שרייבער, פילט מען, האָט זיך באַדאַרפט אַ ביסל אויסלאָדן פון זיין שווער געמיט. אויב מיין איצטיק קאַפּיטל קען אַזוי אַרום באַצייכנט ווערן, נעם איך עס אָן פאַר ליב און טייער.

ענריקע מינסקי ע״ה

איך האָב זיך באַקענט מיט ענריקע מינסקין מיט איבער 40 יאָר צוריק, אין באַראַנקיליאַ. ער איז געװען אַ קרוב פון דער משפחה גילינסקי־סאַראַגאָװיטש, און דער געשװוירענער שותּף פון די גילינסקיס. צוזאַמען מיט זיי אַלעמען װיל איך אויך אים פאָרשטעלן, װייל ער שטעלט פאָר אַ געהויבענעם מוסטער פון די מעלות־טובות, װאָס כאַראַקטעריזירן די דאָזיקע אויסגעצייכנטע פאַמיליע.

אַ גאַנץ לעבן האָט ענריקע מינסקי זיך געהאַלטן װייט פון יעדן מין כבוד־זוכעריי; דאָך איז ער געװען פון די ערשטע אין באַציִען זיך מיט כבוד צו אונדזער קהילה־לעבן און צו די כּלל־באַדערפענישן: געװען אַ ביישפּיל פון אַ יידן, אינעם פולסטן זינען פונעם װאָרט.

געקומען איז ער פון דער ליטע און ער האָט אין באַראַנקיליאַ זיך דערװאָרבן אַ פיינע פּאָזיציע װי דער באַלעבאָס פון אַ גאַרבעריי. סיי ביים אָנפירן מיט דער אַרבעט, סיי אין אַלע אַנדערע מאָמענטן פון זיין לעבן, האָט ער געװוּסט אָנצוהאַלטן אַ טאָן פון העפלעכקייט און האַרציקייט לגבי יעדן מענטשן, אַזוי אַרום אַז שמועסן מיט אים איז געװען אַ פאַרגעניגן. ער האָט פאַרמאָגט עכטן מאַגנעטיזם: די דאָזיקע אייגנשאַפט װאָס שמידט־צו דעם מיטשמועסער און רופט אַרויס ביי אַלעמען אַ באַציִונג פון דרך־ארץ, אַ מין אינסטינקטיװ אַרויפקוקן; דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מענטשן פון אַ העכערער מדרגה. אָבער פונקט װי ער איז געװען פון דער נאַטור אַן אַריסטאָקראַט, אַזוי איז ער אויך געװען בטבע אַ דעמאָקראַט, אַ מענטש, װאָס האָט יענעם נישט געמאָסטן לויט דער קעשענע און בכלל נישט געזוכט ביי יענעם קיין חסרונות, נאָר קאַפּויער: אַלעמען צוגעשריבן זיין אייגענע, הונדערט־פּראָצענטיקע אָרנטלעכקייט.

דערפאַר זענען זיינע מענטשן, די װאָס האָבן געאַרבעט אונטער זיין השגחה, געװען אים אַזוי טריי. נאָר דװקא אין זיין גאַרבעריי, װוּ ער האָט זיך געהאַט פאַרדינט אַזאַ גוטן שם, און װוּ ער האָט דערלעבט ביז קרוב צו די זיבעציק, איז אים באַשערט געװען צו פאַלן אַ קרבן פון איינעם פון די פיל אויסדרוקן פון אוממענטשלעכקייט װעלכע מערן זיך, ליידער, אין דער היינטצייטיקער געזעלשאַפט: איבערפאַלערס האָבן זיך אַריינגע־ריסן אין זיין אונטערנעמונג און אין איין רגע, אומזיסט און אומנישט,

גזלניש איבערגעריסן אַזאַ טייער לעבן. דער יידישער ישוב, און בכלל די געזעלשאַפט אין באַראַנקיליאַ, איז געווען טיף דערשיטערט פון אומגליק, און ביז היינט צו טאָג געדענקט מען מיט פאַרביטערונג דעם טרויעריקן עפּיזאָד.

ענריקיע מינסקיס געדעכעניש היט זיך אויף, צווישן אונדז, ווי אַ מוסטער פון מענטשלעכער איידלקייט, אונטערנעמערישן גייסט און לעבנס־חכמה וואָס באַשיינט אי זיך, אי יענעם.

ענריקעס ברודער, אַברהם מינסקי, איז אין קעגנזאַץ צו זיין ברודער, אַקטיוו אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ער איז געווען פאָרזיצער פון זיין קהילה, און דער אַמט איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן.

איך געדענק פריינד אַברהמען נאָך פון דער יוגנט, ווען כ׳האָב זיך מיט אים באַקענט, אין די פערציקער יאָרן, אינעם לעדער־מאַגאַזין פון זייער משפחה־פאַבריק. פון יענעם ערשטן קאָנטאַקט איז מיר קיין באַזונדער רושם נישט געבליבן. ס׳איז נייטיק געווען צוצוואַרטן ביז דער בוים האָט זיך צעצווייגט, און האָט גענומען געבן פירות; פירות וואָס פאַרשאַפן כבוד דער משפחה מינסקי, איינע פון די יחוסדיקסטע און גלייכצייטיק דעמאָקראַטישסטע פאַמיליעס אין דער „הויפּטשטאָט ביים אַטלאַנטיק״. צוזאַמען מיט די וואַטעמבערגס און מיט די פאַנצערס און אַנדערע, רעכענען זיך די מינסקיס — ענריקע, און אים צו לענגערע יאָר, אַברהם — צווישן די משפחות, וואָס האָבן אַ גרויסן חלק אינעם אַלגעמיינעם און אינעם יידישן אויפבלי פון דער שטאָט באַראַנקיליאַ. זיי האָבן דאָרטן געשאַפן איינגעפונדעוועטע היימען, אַריינגעבראַכט שפע דורך זייער מי און פלייסיקייט, אויפגעבויט אַ שיין יידיש לעבן און געגעבן אַ תיקון די שענסטע מידות פון ערלעכקייט, פריינדשאַפט און מענטשלעכקייט.

סאַלאָמאָן זונדעל

בעת איך נעם זיך צו דער אַרבעט אָנצושרייבן די ווייטערדיקע שורות, דערמאָן איך זיך תיכף אין די ערשטע פערזן פון פרצעס פּאָעמע „מאָניש״: „איר ווייסט מן הסתם / די וועלט איז אַ ים, / מיר זענען פיש!״... און אַזוי גלייך ווי אין ים זענען בנמצא זייער פאַרשיידענע סאָרטן פיש און אַנדערע באַשעפענישן, איז מעגלעך צו געפינען אין אונדזער וועלטל אויך פון כל המינים מענטשן־עלעמענטן. יעדער איינער איז אַ וועלט פאַר זיך און איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע פיזיש אָדער גייסטיק, אָדער ביידע אין איינעם; עס טרעפט זיך אַפילו אַז ווען עס ווערט געבוירן אַ צווילינג, אַ דריילינג אָדער גאָר אַ פיפטלינג, זאָלן אַלע ברידער זיין פיזיש ענלעך צווישן זיך ווי טראָפּנס וואַסער, אָבער גייסטיק זענען זיי קיינמאָל נישט גלייך: אַנדערש זענען זייערע כאַראַקטערן און מענטאַליטעטן.

די דאָזיקע פאָררעדע איז אָנגעוויזן צו דינען ווי אַן אַריינפיר צו שילדערן די אייגנאַרטיקע פערזענלעכקייט פון פריינד סאַלאָמאָן זונדעל, וועלכער איז אַ תושב אין קאָלאָמביע שוין קנאַפּע 45 יאָר. גאָר יונג איז ער אַוועקגעפאָרן פון דער אַלטער היים און זיך געלאָזט אויפן וועג צום אַמעריקאַנער באָדן; זיין ערשטע סטאַנציע איז געווען מעקסיקע, אָבער דאָס דאָזיקע לאַנד איז אים נישט געווען צום האַרצן, און ער האָט אויסגעקליבן די שיינע קאָלאָמביאַנער שטאָט קאַלי ווי אַ צווייטן מקום־מקלט. דאָרט האָט ער איינגעאָרדנט אַ בעקעריי און שפּעטער אַ רעסטאָראַן, אָבער דאָס מזל האָט אים נישט צוגעשפּילט; אייגנטלעך איז ער פון באַרוף געווען אַן עלעקטריקער, אָבער אין יענער צייט איז נישט געווען קיין גרויסע נאָכפראַגע אויף די דאָזיקע פאַכלייט ווייל די בוי־אינדוסטריע איז נאָך געווען אין איר בראשית־צייט.

פון קאַלי איז ער אַריבער אין דער הויפּטשטאָט באָגאָטאַ, וווּ איך האָב זיך באַקענט מיט אים אין די דרייסיקער יאָרן. אין דער גרויסער מעטראָפּאָליע איז ער אויך נישט אַריין תיכף מיטן רעכטן פוס. ער האָט געמוזט בייקומען אַ סך שוועריקייטן ביז עס האָבן זיך אים איינגעגעבן די „ביזנעס״; עס וואָלט געווען אַ צו לאַנגער צעטל אויסצורעכענען אַלץ וואָס אונדזער סאַלאָמאָן זונדעל האָט דורכגעמאַכט, ביז ער האָט זיך דער־שלאָגן צו זיין איצטיקן מעמד. ס'איז אָבער אַ פאַקט, אַז דעם ריכטיקן

דערפֿאָלג האָט ער געהאַט ערשט דעמאָלט ווען ער האָט זיך גענומען צו זיין אמתן פֿאַך: עלעקטריק־אַרבעט. פֿון יענעם מאָמענט אָן איז אים גע־גאַנגען דורך טיר און דורך טויער; הלוואַי אויף ווייטער נישט ערגער...

זיין עקאָנאָמישער שטאַנד איז ביים היינטיקן טאָג אַ פֿעסטער, אָבער פֿון דעסט וועגן האָט ער ליב שטענדיק צו באַצייכענען זיך ווי אַן אַרבעטער: „איך בין אַ פּשוטער אַרבעטער", דריקט ער זיך אויס ביי פֿאַרשיידענע געלעגנהייטן, נישט געקוקט דערויף וואָס זיין באַטריב אין פּאַנטיבאָן באַ־שעפֿטיקט העכער הונדערט אָנגעשטעלטע. ער פֿילט זיך שטאָלץ מיט זיין האָרעפּאַשנער פֿאַרגאַנגענהייט, און דערפֿאַר איז ער גליקלעך וואָס ער גייט־אָן פֿאַר אַן אַרבעטער, און וואָס עס פֿליסט דורך זיינע אָדערן אַרבע־טער־בלוט.

אָבער ס'איז געווען נאָך אַ סיבה וואָס האָט גורם געווען אַז פֿריינד סאַלאָמאָן זונדעל זאָל אַזוי געשאַצט ווערן צווישן דער אַרבעטערשאַפֿט: ווי נאָר ער האָט אַליין פֿאַרמאָגט אַן איבעריקע פּעזע, האָט ער זי געשטעלט צו דיספּאָזיציע פֿון זיינע נויטבאַדערפֿטיקע חברים, גרינדנדיק אַ מין „גמילות חסדים־קאַסע". קיינער פֿון די יעניקע וואָס האָבן זיך געווענדט צו אים נאָך אַ הלוואָה, פֿלעגט נישט אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט; זיין ביוראָ אויף אַווענידאַ כימענעס און קאַררעראַ 12 איז געוואָרן אַ שם־דבר פֿון יידישער ברייטהאַרציקייט — אַ באַוווּסטער אַדרעס, ווו עס קומט צום אויסדרוק די טייערע יידיש־עטישע מידה פֿון גמילות חסדים. גליקלעכער־ווייז, איז די דאָזיקע מידה טיף איינגעוואָרצלט אין אונדזערע געזעלשאַפֿט־לעכע קרייזן, אָבער פֿריינד זונדעלס ביישפּיל אויפֿן דאָזיקן געביט איז באמת אַ מוסטערהאַפֿטער. דאָס איז אַן עכטער באַווייז פֿון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט און פֿאַרשטענדעניש פֿאַר יענעמס פּראָבלעמען. ס'איז נישט גענוג צו באַזיצן דעם סוד פֿון מאַטעריעלן וווילשטאַנד, אויב מען ווייסט נישט גלייכצייטיק ווי אַזוי אָנצוווענדן דאָס אָפּגעשפּאָרטע פֿאַרמעגן לטובת הכלל.

די ברייטהאַרציקייט פֿון אונדזער טייערן חבר סאַלאָמאָן, שטייגט־אַריבער ווייט די מאָס פֿון אַ געוויינטלעכן בעל־צדקה, ווייל ער דערפֿילט זיין שליחות מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן וואָס שטראַלט אַרויס פֿון זיין פּנים; ער איז גליקלעך ווען ער האָט די מעגלעכקייט צו טאָן עמעצן אַ טובה, אונטערקומען מיט הילף אין אַ שווערן מאָמענט, און דאַנקט גאָט וואָס ער איז ביכולת צו לינדערן די מענטשלעכע נויט.

☆

איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן צו באַגעגענען פון דאָס ניי מיין גוטן פריינד סאַלאָמאָן זונדעל אין סאַנטאַ מאַרטאַ, סוף 1975 און אָנהייב 1976. מיר האָבן געשמועסט וועגן אַלץ צו ביסלעך, און תוך כדי דיבור האָב איך אים געפרעגט וואָס עס הערט זיך מיט זיין „גמילות חסדים־קאַסע״; האָט ער מיר געענטפערט אַז זי איז — גאָט צו דאַנקען — געזונט און שטאַרק, און געניסט פון טעגלעכע קאַנדידאַטן אויף הלוואות. בקיצור, ס׳איז פאַראַן אַ ברייט פעלד וואָס גיט אָן אַ שיעור געלעגנהייטן מקיים צו זיין די מצווה פון גמילות חסדים, אויף וועלכער מען זאָגט אַז זי איז די הויפּט־סגולה פאַר עולם הבא. און וועלכער ייד וויל זיך נישט פאַר־זיכערן כאָטש מיט אַ שטיקל עולם הבא, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר?

סאַנטאַ מאַרטאַ, די פּרעכטיקע זומערשטאָט ביים ים־ברעג וואָס שמט מיט איר געזונטער לופט און הערלעכע פּייזאַזשן, וועלכע פאַרכאַפּן דאָס אויג פונעם באַזוכער, איז געווען דאָס פּאַסיקסטע אָרט פאַר אונדזערע גע־מיטלעכע שמועסן. איך האָב געהאַט באַזוכט סאַנטאַ מאַרטאַ מיט אַ היפּש ביסל יאָרן צוריק, ווען די שטאָט איז נאָך געווען אַ שטעטל; ס׳איז נאָך נישט געווען קיין סימן פונעם באַצויבערנדיקן פּלאַץ וואָס רופט זיך „ראָדאַדעראַ״. אָבער היינט־צו־טאָג איז סאַנטאַ מאַרטאַ אַן אמתער גן־עדן אויף דער ערד: די נייע האָטעלן, מיט זייערע פּילשטאָקיקע בנינים, וועלכע דערמעגלעכן צו באַוואונדערן פון דער הויך די נאַטור־שיינקייטן פון די פּליאַזשעס ביים פּאַציפיק, זאָגן עדות אויפן גרויסן פּאָרשריט וואָס די שטאָט האָט דערגרייכט אויף אַלע געביטן.

אין סאַנטאַ מאַרטאַ פאַרגעסט איר אין גאַנצן, אַז עס איז דאָ אַזאַ רוישנדיקע און פאַריאָגטע סביבה ווי אין באָגאָטאַ, וווּ ס׳איז נישטאָ קיין צייט צו אָטעמען אַפילו, שוין אָפּגערעדט פון פאַרבינדן אַ זייטיקן געשפּרעך צווישן באַקאַנטע אָדער חברים. בעת דאָ, ביים פרישן ים־ברעג, אינערהאַלב דער מחיידיקער לופט פון סאַנטאַ מאַרטאַ, קאָנט איר זיך דערקוויקן מיט די פּרעכטיקע נאַטור־בילדער און איינצייטיק זיך דורכריידן געמיטלעך מיט אַזעלכע געטרייע און צוגעלאָזענע פריינד ווי סאַלאָמאָן זונדעל. איך זע אים געענוי ווי מיט 32 יאָר צוריק, נישט געמינערט אַ האָר, הגם ער האָט שוין איצט אַריבערגעשפּאַנט די זיבעציק. גאָט האָט אים מזכּה געווען מיט געזונטע שעפערישע יאָרן, מיט אַ ווילער און בכּבודיקער עלטער, אין זכות פון זיינע מעשׂים טובים. אין איינעם מיט זיין פרוי סאָניאַ און זיינע זעקס קינדער, קאָן ער איצט דערציילן אין פריידן די שווערע איבער־לעבונגען פון די גרינע יאָרן, ווען עס האָט צומאָל אויסגעפעלט אַפילו ברויט צו דער זעט. היינט איז שוין די מערכה גאָר אַן אַנדערע, אָבער היות אונדזער פריינד סאַלאָמאָן זונדעל פאַרמאָגט אַ גוטן זכרון און גע־

דענקט יענע האָרעפּאַשנע צייטן פון אַרבעט און נויט זייער גוט, איז ער מסוגל צו פאַרשטיין אויך איצט דאָס האַרץ פונעם אומפאַרמעגלעכן יידן, וועמען אַ וואַרעמע הילפסגרייטע האַנט איז אימשטאַנד צו ראַטעווען פון פאַרצווייפלונג און אַנגסט.

די משפחה קאַפּלאַן

ווען מיין מחותן ר׳ משה קאַפּלאַן איז געקומען פון מעקסיקע קיין באָגאָטאַ, האָבן אים באַגלייט פיר זין און אַ טאָכטער. דער עלטסטער זון, גרעגאָריאָ, האָט ביי זיין אָנקומען קוים אָנגעשפּאַרט ביי די אָנהייב דריי־סיקער יאָרן; אַ צאַרטער יונגער מאַן, אמתע יידישע אויגן און יידיש געזיכט דורך און דורך. אויב דער זכּרון פאַרפירט מיך נישט, זענען ר׳ משה קאַפּלאַנס אַלע קינדער געבוירענע אין מעקסיקע, אָבער גרעגאָריאָ האָט פאַרמאָגט אַזעלכע יידישע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן דערמאָנט אין דער אַלטער היים ווו יידיש לעבן האָט געשפּרודלט אויף אַלע געביטן.

וואָס שייך דער צייט וואָס גרעגאָריאָ קאַפּלאַן האָט געוווינט אין מעקסיקע, איז דאָס אויך געווען אַ פּרוכטבאַרע און שעפערישע תקופה אין זיין לעבן, וואָס איז צום גרויסן באַדויערן אויסגעלאָשן געוואָרן פרי־צייטיק. מען דערציילט אַז אין זיין געבוירן־לאַנד האָט ער מיטגעאַרבעט מיטן באַוווסטן מנהיג פון די אַלגעמיינע ציוניסטן אריה לייב דולצין — ביים היינטיקן טאָג יו״ר פון דער סוכנות, — אין די יאָרן ווען דולצין האָט געוווינט אין מעקסיקע ערב זיין עליה. אין יענע שטורמישע יאָרן פאַר דער אַנטשטייונג פון מדינת ישראל, האָבן יידישע יונגע לייט אויף דער גאָרער וועלט באַוויזן ווונדער דורך צוזאַמענאַרבעטן מיט אונדזערע העלדישע ברידער אין ישראל, אין זייער קאַמף פאַר אומאָפּהענגיקייט און נאַציאָנאַלן קיום. די איבערגעגליבענע מסירות־נפשדיקע אַרבעט פון יונג־פאַרשטאָרבענעם גרעגאָריאָ קאַפּלאַן, אויפן ציוניסטיש־נאַציאָנאַלן פראָנט, איז בלי ספק אַ וועזנטלעכער פונקט אינעם מאַרשרוט פון זיין לעבן.

אָבער דאָס אַלץ האָט אַ שייכות צו מעקסיקע, און מיין כּוונה איז איבערצוגעבן פאַר אייך זכרונות פון זיין טעטיקייט און אויפטוען אין אונדזער היימישן קאָלאָמביע.

אַ מענטש ווי ער, וועלכער איז כסדר געווען דורכגעדרונגען מיט יידישן אומרו און זאָרג פאַר געזעלשאַפטלעכע ענינים, און האָט מיטגע־לעבט מיט אַלע נאַציאָנאַלע און כּלל־פּראָבלעמען, האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן בלויז דעם עגל הזהב. אמת: ער איז געווען די טרייבקראַפט פון זיין משפחה ביים אויפשטעלן אינדוסטריעס, וועלכע ער האָט אַנטוויקלט אין אַ ריזן־פאַרנעם. מיר האָבן שוין דערמאָנט אַז די מיטגלידער פון דער

קאַפּלאַן־משפּחה זענען געווען אין קאָלאָמביע די פּיאָנערן פון דער עלעקטראָנישער בראַנזשע, און דאָס איז געווען אין דער גרעסטער מאָס גרעגאָריאָס אויפטו. ער האָט אָבער גלייכצייטיק געאָטעמט מיט קהלישער פּריוויליקייט און דראַנג צו כלל־טוערישקייט; ער איז אַריין אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג, און תיכף האָט מען אים דערזען דעם פּאַסיקסטן סעקרעטאַר פאַר דער אינסטיטוציע. ס'איז כדאַי צו באַטאָנען אַז בעת זיין קאַדענץ האָט די קהילה ממש אויפגעלעבט אַ דאַנק זיין זאָרגפעליקער און ענערגישער אַדמיניסטראַציע. קודם־כל האָט ער אַריינגעפירט אָרדענונג אין דער קרוין־אינסטיטוציע פונעם יידישן באָגאָטאָ, און דאָס האָט זייער געהאָלפן צו איר אַנטוויקלונג. ער פלעגט איבערלאָזן זיינע פּריוואַטע געשעפטן און זיך אַריבערכאַפּן אינעם קהילה־בנין אַכטונג געבן צי אַלצדינג איז בסדר, צי מען דאַרף נישט טאָן עפּעס, צי עמעצער דאַרף נישט עפּעס פון אים...

דאָס איז געווען אַ באמת בליִענדיקע תקופה פאַרן ישוב, עקאָנאָמיש און געזעלשאַפטלעך. און אויך די עלעקטראָניק־אונטערנעמונג פון די ברידער קאַפּלאַן איז געוואַקסן פון טאָג־צו־טאָג און זיך אויסגעטיילט מיט איר קאָלאָסאַלן פאָרשריט. אָבער דער גרויזאַמער שיקזאַל האָט אָנגעשאַרפט זיינע נעגל אויף דער טייערער משפּחה קאַפּלאַן און דער איידעלער גרעגאָריאָ איז געווען דער קרבן. נישט אַנדערש ווי אַן „עין הרע“, ווייל ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? אַ מענטש קערט זיך אום אַהיים געזונט און שטאַרק צו זיין פרוי, אין דער גרויסאַרטיקער וווינונג וואָס ער האָט נאָר וואָס געהאַט אויסגעבויט אינעם נייעם שטאָטישן צפון־קוואַרטאַל „על טשיקאָ“, לייגט זיך שלאָפן און וועקט זיך איבער מיט אַ פּיק ביים האַרץ. דאָס איז געווען אַרום דריי אַ זייגער פאַרטאָג, און ס'איז אַפילו נישט געווען קיין צייט צו רופן אַ דאָקטער — גרעגאָריאָ קאַפּלאַן האָט שוין נישט געלעבט. עס זענען שוין אַריבער קאַרגע 15 יאָר זינט יענעם טאָג, ווען דורך אַ טעלעפאָן־רוף פון אונדזער טאָכטער אסתּר, זעקס אַ זייגער פרי, האָב איך זיך דערוווּסט אַז גרעגאָריאָ איז נישטאָ מער; און דאָך איז אַזוי שווער צו געפינען אַ טרייסט...

☆

אַברהם קאַפּלאַן, גרעגאָריאָס אַ ברודער, האָט אַ פעסטן גרונט צו זיין צופרידן מיטן גורל וואָס האָט אים געבראַכט קיין קאָלאָמביע. ער האָט דערגרייכט אין אַ פאַרהעלטנישמעסיק־יונגן עלטער אַ סאָלידע עקאָנאָמישע פּאָזיציע, אַלס אייגנטימער פון אַ גרויסער אונטערנעמונג. אַברהם איז אַ שוואָגער פונעם באַקאַנטן גרעגאָריאָ ביבלאָוויטש ע״ה, און צוזאַמען האָבן

זיי אָנגעהויבן אויסצואַרבעטן קליינע נאַפטקיכן אין אַ באַגרענעצטן מאָס־שטאַב. היינט איז דאָס אַמאָליקע קליינע פאַבריקל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריזן־באַטריב ווו עס ווערן אויסגעאַרבעט די פיינסטע גאַזקיכן, און עס זענען באַשעפטיקט העכער טויזנט אַרבעטער. אַברהם קאַפּלאַן איז גלייכצייטיק אַ שותּף צו בערך אַ האַלבן טוץ וויכטיקע אינדוסטריעס וועלכע העלפן אַנטוויקלען דאָס לאַנד אויף די פאַרשיידנסטע געביטן. געוויס איז ער נישט קיין יחיד במינו אין דעם הינזיכט: עס איז ווויל באַקאַנט אַז אחינו בני ישראל האָבן דערגרייכט אויפן באַדן פונעם גרעסטן טייל לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער, אַ גאַר דערהויבענע עקאָנאָמישע מדרגה. אָבער ס׳איז אויך באַוווּסט אַז זיי האָבן דאָ אָנגעהויבן זייער אַרבעט ממש מיט די הוילע הענט, באַגלייט מיט פלייסיקייט און מיט אַ קאַפּיטשקע חוש און אַמביציע. ר׳ אַברהם קאַפּלאַן איז איינער פון די דאָזיקע פּיאָנערן אויפן סוחריש־אינדוסטריעלן געביט.

אָבער ר׳ אַברהם איז צו דער זעלבער צייט אַ האַרציקער ייד מיט וואַרעמע יידישע געפילן צו אַלע געזעלשאַפטלעכע הצטרכותן פון אונדזער ישוב; ער צייכנט זיך אויס מיט פיינע יידישע מידות און מעשים טובים וועלכע האָבן אים געשאַפן אַן ערלעך־פאַרדינטן נאָמען אַלס מוסטערהאַפטן עסקן בצרכי ציבור. ער איז אין פוילן זין פון וואָרט אַ ווירדיקער יורש פון זיין פאַרערטן פאָטער ר׳ משה קאַפּלאַן ע״ה.

„הבורח מן הגדולה, גדולה מחזרת אחריו״ שטייט ערגעץ געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים. אַזעלכע ווילע יידן ווי ר׳ אַברהם, זענען בטבע נישט גאָר שטאַרק צופרידן ווען מען שרייבט אָדער מען רעדט וועגן זיי אין דער עפנטלעכקייט, אָבער — איז דען מעגלעך נישט צו דערמאָנען מיט ליבשאַפט זייערע נעמען און באַדייטונגספולע מעשים פאַר אַלע אונדזערע אינסטיטוציעס? זיי דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר גאַנץ קהל ווי אַזוי צו דערפילן נאַציאָנאַלע, פילאַנטראָפּישע און סאָציאַלע פליכטן מיט אַ ברייטער האַנט. צום באַדויערן זענען פאַראַן אַזעלכע וואָס פאַרגעסן אַז אויף דער דאָזיקער זינדיקער וועלט איז הכּל הבל, און עס קאָסט זיי אַ שטיק געזונט אונטערצוקומען מיט זייער בייטראַג; דערפאַר איז באַזונדערס וויכטיק אַרויסצוהייבן דעם ביישפּיל פון אַזעלכע טייערע יידן ווי אַברהם קאַפּלאַן, מיט אַכטונג און אָנערקענונג. זיי דערמוטיקן די יידישע עסקנים פאָרצוזעצן זייער הייליקע אַרבעט מיט אַ פעסטער אמונה אין דער גוטסקייט פון דער מענטשלעכער נאַטור.

☆

דאָס געזאָגטע וועגן אַברהם קאַפּלאַן איז אויך גילטיק אויף זיין ברודער

לעאָנאַרדאָ. עס באַקומט זיך אַז דער אָפּשטאַם פון ר׳ משה קאַפּלאַן, דער ייד וועלכער איז מיט רעכט פאַררעכנט פאַר אַ צדיק, האָט פון זיין בוים קיין איין שלעכטע פרוכט נישט געקאָנט אַרויסגעבן. דער קאַפּלאַן־בוים איז אָנגעלאָדן מיט זיסע און זאַפטיקע פרוכטן. מיין איידעם אַבעל איז שוין אויך דאָ דערמאָנט געוואָרן אין אַ פּאַראַלעלן ניוואָ מיט זיינע ברידער, און וואָס שייך זייער מוטער, אונדזער מחותנתטע דאָניאַ בערטאָ — אַ גע־בוירענע אין דער ליטע, — אַז מען וועט וועגן איר אָנווענדן אַזאַ פאַר־אַנטוואָרטלעכן אויסדרוק ווי צדקת וועלן מיר גאָרנישט איבערטרייבן. פאַר קינדער איז אַ שטאָלץ אַזאַ מאַמע, און פאַר אונדזער ישוב איז זי אַ באַשיינונג.

אַזוי אַרום, אויב דורך אַ צופאַל האָט דער גורל צו אונדז געבראַכט די משפחה קאַפּלאַן, האָט דאָס מאָל דער „הער גורל״ זייער שיין באַפרי־דיקט דעם ישוב.

ד״ר סאַמועל פינקעלשטיין

אין די גערעטעניש, וואָס זענען פּאַרזייט געוואָרן דורך די ייִדישע אימיגראַנטן־פּיאָנערן אין קאָלאָמביע, זע איך גרויסע פּערזענלעכקייטן אויף פאַרשידענע געביטן. און דער עיקר אויפן געביט פון אונדזער נאָכוווקס, פון אונדזערע יורשים. דאָס איז דער מאָטיוו צוליב וועלכן איך מוז שרייבן וועגן זיי, אויב איך וויל זיין יושרדיק אין מיינע פאַרשריבענע איבערלעבונגען און זכרונות. זיי, די זכרונות און איבערלעבונגען, זענען געקניפּט און געבונדן מיט אונדזער עדה, וועלכע איז פּאַראַקערט און פּאַרזייט געוואָרן דורך דעם אַזוי־גערופענעם „עלטערן־דור". די דאָזיקע זכרונות האָבן אַ דירעקטן שייכות צו די נייע דורות, צו די, וואָס גרייטן זיך צו ירשענען דאָס גרויסע מאַטעריעלע און גייסטיקע אייגנטום פון פּיאָנערן־דור, און ממשיך זיין דאָס ייִדישע לעבן אויפן אָרט און אויך זאָרגן פאַר מדינת ישראל.

צווישן אָט די נייע היגורן האָבן מיינע אויגן איינציקע מאָל זיך אָפּגעשטעלט צו באַטראַכטן די פּערזאָן פון דאָקטאָר סאַמועל פינקעלשטיין. היינט צו טאָג דאַרף ער זיין קרוב צו זיין ערשטער פערציק־יאָריקייט. אויב מיר זאָלן אָננעמען דאָס וואָס עס האָט געזאָגט אַ באַרימטער ראָמאַניסט, אַז „דאָס לעבן הויבט זיך אָן ביים 40־יאָריקן עלטער", איז דאָס ווי אָנגעמאָסטן אויף דעם דאָזיקן טאַלאַנטפולן, יונגן און שוין רעספּעקטירטן מנהיג פון אונדזער ייִדישער קהילה אין קאָלאָמביע.

ד״ר פינקעלשטיין איז אַ דערפאָלגרייכער פּראָפעסיאָנאַל, אָבער ער איז נישט באַגרענעצט אין די ענגע ראַמען פון זיין פּראָפעסיע. ער פאַרמאָגט צופיל גייסטיקן אומרו, און האָט דורכגעמאַכט אַ שטרענגע, דיסציפּלינירטע קולטור־געשטאַלטיקונג, און האָט אַליין אַ סך געלייענט און געלערנט. עס קומט מיר אויפן זינען ווען שמואליקל איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר. צווישן די ייִדן פון די נייע דורות ווערט די דרייצן־יאָריקייט געיומטובט מיט צו־זאָגנדיקע פייערונגען, וועלכע זענען אַ מין אַדערויף אויפן ווייטערדיקן לעבן פון דעם בר־מצווה־בחורל.

„שמואליקל וועט אויסוואַקסן אַ גאון", דאָס איז געווען דער אַלגעמיינער קאָמענטאַר צווישן די נאָענטע פריינד. די דאָזיקע נבואה איז טאַקע מקוים געוואָרן ווען ער האָט גלענצנדיק פאַרענדיקט זיין לערנען יורידישע וויסנשאַפט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז זיינע עלטערן, שטאָלצע מיט אַזאַ

גערעכטפערטיקטן זון, זאָלן אים אַוועקשיקן קיין פראַנקרייך, ער זאָל זיך דאָרט פערפעקציאָנירן אויף זיין געביט. אין אונדזער געמיינדע זענען דאָ אַזוי ווייניק יוריסטן, אַז מען קען זיי ציילן אויף די פינגער פון איין האַנט. אָבער אַזעלכע אַדוואָקאַטן פון ד״ר פינקעלשטיינס פאַרנעם האָבן מיר נישט קיין סך. נישט איך בין באַרופן דאָ אָנצוווייזן אויף די חסרונות, וואָס מען וואַרפט פאָר דער יוסטיץ אין אונדזער לאַנד. די דאָזיקע פעלערן רופן אַרויס גענוג בייז בלוט ביי מער ווי איין מענטשן, וואָס זעט די זאַכן מיט אַ געהעריקן גייסטיקן גלייכגעוויכט. מיט אַט דער טעמע האָט זיך שוין צו פיל באַשעפטיקט די פרעסע און די איבעריקע קאָמוניקאַציע־מיטלען. וואָס איך דאַרף יאָ זאָגן איז אַז, ווי אין אַלץ, טרעפט אַז אויך אויפן שטח פון דער יוריספרודענץ לייכטן נאָך ווי דימענטן, ראַפינירטע, פּילבאַרע און זעלטענע גייסטער. נישטאָ ביי מיר דער מינדסטער ספק, אַז צווישן זיי דאַרף מען אָנווייזן אויפן ד״ר פינקעלשטיין.

טראַכטנדיק וועגן דער דאָזיקער רייכער אין מעלות און אויסגעצייכנטער געשטאַלט פון די יונגע יידישע דורות אין קאָלאָמביע — אַ זון פון פּיאָנערן־אימיגראַנטן און אַ פאָרויסגייער פון זיין דור — פאַרשטיי איך ערשט, אַז דער גייסט פון אונדזער גאַנצן ישוב האַלט זיך הויך, ווייל ער פילט זיך געשיצט דורך דער ווייטערדיקער געדייונג און פאָרזעצונג פון די גרויסע ווערטן וואָס אונדזער פאָלק האָט געשאַפן. ווייל ד״ר פינקעלשטיין האָט שוין באַוויזן, אַז ער פאַרמאָגט די גוטע אייגנשאַפטן, ווען ער איז גערופן געוואָרן צו פאַרנעמען אויסנאַמלעך פאַראַנטוואָרטלעכע אַמטן לטובת דעם ישוב אין לאַנד. נישט אומזיסט האָבן זיינע עלטערן געלייגט אַ סך אַכט אויף זיין צוקונפט ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, און אין זינען געהאַט אָנצוהויבן זיין אויסבילדונג אויף די געביטן פון גייסט און יידישן באַוווסטזיין. די דאָזיקע מצווה איז טאַקע אויסגעפאַלן אויפן אַלטן רב מענדל ליליענטאַל ע״ה, ביי די פינקעלשטיינס אין הויז. דערפאַר טאַקע איז געשען, אַז ווען שמואליקל איז אַריין אין די אָנפאַנג־שולן און שפּעטער אין די אוניווערסיטעטן, האָט ער שוין פאַרמאָגט אַ יסודותדיקן און נויטיקן באַגאַזש פון יידישן וויסן. מען טאָר אויך נישט פאַרגעסן די רעליגיעזע דערציונג, וואָס ער האָט באַקומען אין דער היים פון ה׳ יעקב פינקעלשטיין ע״ה, וועלכער האָט אים דערצויגן אין טראַדיציאָנעלן גייסט, און פלעגט אים כסדר מיטנעמען אין בית מדרש אַריין.

ווי געזאָגט, איז דער ד״ר פינקעלשטיין אַ דערפאָלגרייכער פּראָפעסיאָנאַל, צו אים ווענדן זיך אונטערנעמונגען פון גרויסן פאַרנעם. זיינע קליענטן זענען דורכויס זיכער, אַז זיי האָבן געשאָנקען זייער צוטרוי אַ מענטשן פון אַ העכערער קאַטעגאָריע. אַנדערש געזאָגט: דאָס זענען קליענטן וואָס קענען

„שלאָפן רויִק״, מיט דער פולער זיכערקייט אַז אַלצדינג וועט פאַר זיי געלייזט ווערן אויף אַ צופרידנשטעלנדיקן אופן. דאָס געזאָגטע איז פאַרבונדן מיטן פּראָפעסיאָנעלן אַספּעקט. גאָר עפּעס אַנדערש איז, ווען מען זעט דעם ד״ר פינקעלשטיין אויפן געביט פון געזעלשאַפטלעכער און קולטורעלער אַרבעט. מיט פופצן יאָר צוריק האָט דאָקטאָר סאַמועל פינקעלשטיין פאַרנומען דעם אַמט פון פאָרזיצער פון יידישן צענטער אין באָגאָטאַ און דערנאָך, ווי אַ באַרעכטיקטער שריט, איז ער געשטיגן געזעלשאַפטלעך און פאַרנומען די פאָרזיצערשאַפט פון אונדזערע יידישע קהילות אין גאַנצן לאַנד. אַזאַ כבוד גיט מען אָפּ זייער ווייניק מענטשן, און פון די נייע דורות האָט זיך נאָר ד״ר פינקעלשטיין פאַרדינט דערצו. דאָס באַווייזט זיינע פאַרדינסטן, זיין ברייטע צוגרייטונג און דאָס לעבן זיינס, וואָס שטייט צו דינסט דעם קאָלאָמביאַנער יידנטום.

נאָך אַ ריי יאָרן ווי ער האָט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקן אַמט, האָט דאָקטאָר פינקעלשטיין געוואָלט אָפּכאַפּן דעם אָטעם און פאַרלייכטערן זיך די לאַסט פון אַזאַ שווערער אַחריות. דאָס האָט ער כשר פאַרדינט און איבעריקנס, איז עס פאַר אים געווען זייער נויטיק. אָבער דער מענטש, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און פיל אַחריות פאַרן יידישן כלל, קאָן נישט בלייבן מן הצד, מחוץ למחנה, און זיך אויסלעבן רויִק אין די ד׳ אַמות פון זיין פּראָפעסיע און פון זיין היים. און אַזוי איז עס טאַקע געשען מיטן ד״ר סאַמועל פינקעלשטיין. בעת מיר האָבן געגרייט די וואַלן צו דער פאַרוואַלטונג פון יידישן צענטער, האָט מען געפרעגט זיין מיינונג, צי וואָלט ער געווען גרייט אַרויפצושטעלן זיין נאָמען אויף דער וואַל־רשימה. ער האָט זיך גענומען 24 שעה צייט כדי וועגן דעם צו באַשליסן. און צו אַלעמענס גרויסער סאַטיספאַקציע האָט ער נישט אָפּגעשלעפּט מער מיט זיין „יאָ״.

זיין אָרט איז ווירקלעך צווישן די, וואָס זענען באַרופן צו שטיין בראש פון זייער געמיינדע. ער פאַרמאָגט צו דעם די געהעריקע קולטור, די פעיִקייטן און דער עיקר — דעם גוטן יידישן ווילן. די וואָס פאַרשטייען זיך אויף אַזעלכע מעלות, דערהויבן אַזאַ פערזענלעכקייט. אַזוי איז געשען מיטן ד״ר פינקעלשטיין. ער איז דער בעסטער אויסטייטשער און פאַרשטייער פון אָט דעם סובטעלן אַספּעקט, ווי אַן עסקן פון די נייע דורות.

פון מיין זייט, זינט דער רגע ווען איך האָב דערפילט די נויטיקייט איינצושליסן די נייע דורות אינעם בוך וועגן דער געשיכטע פון אונדזערע קהילות אין לאַנד, האָב איך אויף קיין מאָמענט זיך נישט געקווענקלט אָנצוהויבן דאָס דערמאָנען די הויפּט־פאַרטרעטער פון אָט די דורות אין קאָלאָמביע מיט דער פערזאָן פון ד״ר פינקעלשטיין. ער איז אַ ווירדיקער

יורש פונעם בעסטן צושטייער צו דער שאַפונג פון יידישן ישוב אין קאָ־
לאָמביע. ער איז דער יורש פון די קיינמאָל נישט גענוג דערמאָנטע, און
נישט ווי געהעריק אָפּגעשאַצטע פּיאָנערן, עסקנים פון עלטערן דור.

איבער דרום־קאָלאָמביע

מיין לאַנדסמאַן און גוטער פריינד דאָן ישראל בראַנדוויין, האָט געוווינט, — דאָס איז שוין אַ געשיכטע פון קרוב פערציק יאָר, — אין דער שטאָט מאַניסאַלעס. דאָרט האָט ער געהאַט איינגעאָרדנט זיין טעקסטיל־פאַבריקל, און מיין פאַבריק האָב איך געהאַט אין באָגאָטאַ. מיר זענען

פון רעכטס צו לינקס : סאַמועל ראַבינאָוויטש ע״ה, מנחם בעגין, משה פאַרבאַקאָוו, בעת מנחם בעגינס אַ באַזוך אין קאָלאָמביע, אין די 50ער יאָרן

אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד אָפּצוזעצן אונדזערע פּראָדוקטן, און מיר פלעגן צווישן זיך אויסקאָמבינירן, אַז מיר זאָלן צוזאַמען דורכפירן אונדזערע נסיעות.

געניסנדיק פון זיין אָנגענעמער געזעלשאַפט און פון זיין אויטאָ, וואָס ער פלעגט אָנטרייבן מיט אַ זיכערער האַנט, פלעג איך אַריינפאַלן אָפט אין אַ דרימל, ווי אַ פאַרשיכורטער פון די געשמאַקע ריחות, וואָס האָבן אָנגעפילט די לופט אין דעם גרין־צעבליטן טאָל. עס פלעגט מיר נאָך אויס־

ניכטערן זיין געמיטלעכער שמועס. פון איינעם אַזאַ אַרויספאָר מיט מיין פריינד, איז מיר געבליבן אין זכרון אַן איינדרוק פון פאַפּאַיאַן, און עס ברויזט נאָך אין מיינע אָדערן דער מחיה־נפשותדיקער געטראַנק פון יענעם פלעשעלע, וואָס מיר האָבן איינגעהאַנדלט ווי אַ מוסטער פון דעם גוטן אָרטיקן ליקער. אַ גוטער פריינד, אַ גוטער אויטאָ, אַ גלענצנדיקע משקה און דער עיקר — אַן אומפאַרגלייכלעכע טראָפּיקאַלישע פּאַנאָראַמע, וואָס נאָך האָב איך געדאַרפט אין יענעם ליכטיקן טאָג?

דער געבענטשטער קלימאַט פון טאָל, די נייע וועגן און האָריזאָנטן, די זאַנפטע בערגלעך, וואָס ציִען זיך פון סאַנטאַנדער קיין פּיענדאַמאַ, אַלץ האָט זיך פאַרצוויבערט אָפּגעזעצט אין מיין געמיט. אין פּיענדאַמאַ, כמעט ווי צופוסנס פון דעם מאָנומענט פאַר אָלאַזשע הערעראַן, דעם ליבעראַלן פּרעזידענט פון די יאָרן 1930—35, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין מאַ־העמעד בולטייפס לאָקאַל. זיין וווינונג איז געווען דאָס איינציקע געמויערטע הויז אין שטעטל. געהאַט האָט עס צוויי שטאָק און אַ פּרעכטיקן באַלקאָן. פון דאָרטן האָט זיך געהאַט געווענדט צו דער באַפעלקערונג ד״ר עדואַרדאָ סאַנטאָס, בשעת דעם קאַמפּיין צו די פּרעזידענט־וואַלן. פאַר מאַהעמעד בולטייפן, דעם מענטשן פון ווייטע־ווייטע לענדער, האָט יענער עפּיזאָד אַ גאָר גרויסן ווערט. ער קאָן אים גאָרנישט פאַרגעסן, און ווער עס וויל אים נאָר אויסהערן וועט ער גאָרנישט מיד ווערן צו דערציילן וועגן דעם גרויסן כבוד, וואָס דער באַרימטער מאַן האָט זיין שטוב פאַרשאַפט.

☆

פון פאַפּאַיאַן זענען מיר אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַרויסגעפאָרן אויף אַ לאַנגער און אויסמאַטערנדיקער רייזע פון צען צי צוועלף שעה צייט. אויף געוויסע שטרעקעס האָט די באַוועגונג אויפן שאָסיי אונדז פאַרהאַלטן. עס זענען היין און צוריק געלאָפן קאָטשן פון פּאָסטאָ און פון אַנדערע ערטער. דער אויטאָ וויגט זיך אויף די שיפּועים פון באָדן און וואָרפט אָן אַ דרימל. שוואַכע האַלב־דרימלענישן דערוויטערן מיך פון מיין פריינד, און צווישן איין דרימל און דעם צווייטן ברענגען זיי מיך צוריק צו אים. אין אַזוינע פאַלן רעדן מיר אַרום, אין קורצע ווערטער, וואָס עס ווייזט זיך פאַר אונדזערע אויגן, ביז מיר פאָרן דורך די בערגלעך פון לאַ אוניאָן.

דאָ אויף דער הויכקייט, האָבן עס די שפּאַניער געגרינדעט דאָס דאָ־זיקע שטעטל כדי צו באַהערשן די אינדיער, וואָס האָבן געלאַגערט אין דער נידער פון דעם פּייכטן טאָל. פון ביידע זייטן ליגט דער אָפּגרונט, און אַז מען הערט זיך גוט איין דערגייט דער געמורמל פון וואַסער, דאָרט אין דער נידער. און פון ביידע זייטן, ווי אַ טעפּעך, ביזן שפּיץ באַרג, שפּרייט זיך

אַ גן־עדן פון בלעטער, פון מילי־מיליאָסן בלעטער, אין אַ געפלעכט פון פאַרשיידענע פאַרבן. דער אויטאָ שלינגט קילאָמעטערס, ווי ער וואָלט זיך אַריינגעשניטן אין די מרחקים, ביז מיר הייבן אָן צו זען די בלייכע קאָנטורן פון פאַסטאַ. דערנאָך גיבן מיר זיך אַ שטויס אָן שטאָט און אויטאָ; די שטאָט צוימט דעם וועג און וואָרנט: — פאָרזיכטיק רייטער, דאָ גייען מענטשן... און אַזוי ביזן פּאַציפיק־האָטעל.

☆

דער האָטעל איז ווערט אַ באַזונדער קאַפּיטל. נישט דערפאַר וואָס ער זאָל האָבן געווען אַזוינס און אַזעלכעס; כאָטש געווען איז ער אַ זייער גוטער האָטעל, נאָר אין זכות פון זיינע אייגנטימערס. ס׳איז אַן אַלט פּאָרל, וואָס האָט געהאַט אַריבערגעשפּאַנט די שבעים. דאָס זענען די קאָהאַנס, אַרומגערינגלט פון אַ צאָלרייכער משפּחה — זין, טעכטער, אייניקלעך — אַ גאַנץ מענטשלעך גערעטעניש, ווי זי וואָלט דאָס געהאַט אויפגעקומען כּדי פאַסטאָ זאָל זיך דערוויסן וועגן היטלעריסטישן חורבן, וואָס האָט אַהער פון אייראָפּע, פאַרטריבן אָט די מענטשן, צופוסנס פון קאָלאָמביאַנער גאַלעראַס. וואָס האָבן זיי געקאָנט טאָן, אָט די קאָהאַנס און טויזנטער ענלעכע צו זיי, אויב נישט זוכן שוץ ביי געזונטע און גוטע מענטשן אויף דעם ווייטן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס? ביידע באַלאַנגען שוין נישט צו אונדזער וועלט. זאָל זיי די קאָלאָמביאַנער ערד גרינג זיין.

וואָלטער קאָהאַן, דער זון, האָט אויפגעשטעלט אַ שיינע אינדוסטריע פון הילצערנע אַרטיקלען פאַר טוריסטן, אָנגייענדיק מיט דעם פאָלקסטימלעכן סטיל, וואָס הערשט ביי אָט די אויסאַרבעטונגען אין דער געגנט. און אַ דאַנק זיין איניציאַטיוו און דערפינדערישן גייסט, פאַרנעמט די אינדוסטריע אַ גאַנץ חשובן פּלאַץ אין דער עקאָנאָמיק פון דער געגנט. אויסער דעם, האַלט אויך אָן די פאַמיליע דעם האָטעל ווי אַ ירושה, וואָס פאַרבינדט זיי מיטן זכרון פון גרינדער פון דער משפּחה.

עס הערשט אַן אַלט־היימישע אַטמאָספער אין דעם פּאַציפיק־האָטעל. אין אונטערשטן גאָרן באַקומט איר אַ היימישע גלאָז טיי מיט קעזקוכן, מיט שטרודל, און מיט וואָסער נישט איז אַנדער אייראָפּעיִש געבעקס. אין די שבתים און יום־טובים פאַרווײלט די געסט אַ גוטער אָרקעסטער, און דער עולם לאָזט זיך וווילגיין.

אויסער די קאָהאַנס האָב איך אין יענע ערטער געטראָפן גאַנץ ווייניק יידן. משה יעדוואַבניק און זיין פרוי נעטאַ; די משפּחה סאַראַגאָוויטש,

וואָס האָט געהאַט אויפגעבויט אַ גאַרבעריי אין איפּיאַלעס און פּאַסטאָ, און דאָן כוליאָ זוכין.

ווי זאָל מען נישט געדענקען אָט דעם מיטלוווקסיקן מענטשן מיטן רויטלעכן פּנים, וואָס זיין איינדרוק בלייבט אין אונדז איינגעקריצט אויף לאַנגע יאָרן ? אַ בעסאַראַבער ייד, איז ער געקומען פון זיין לאַנד פריִער קיין באָגאָטאָ און דערנאָך קיין פּאַסטאָ. ווי דער גורל וואָלט אים געהאַט באַשערט דערצו. דאָרט איז ער געבליבן ווי עמעץ וואָלט אים געוועזן געזאָגט : — „אָט דאָ איז דיין פּלאַץ, דיין שטאָט, און צו איר ביסטו פאַרקנסט". און דאָרט איז ער, אַ רויִקער, אַ באַפריינדטער מיט דער גאַנצער וועלט, אַ הייטערער ווי ער איז, אַ שפּרודלדיקער מיט אָפּטימיזים.

ווי נאָר מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ יידישלעכן שלום עליכם, האָט ער איבערגעלאָזט די קראָם, און אָט זיצן מיר פאַר צוויי טעפּעלעך שוואַרצער קאַווע. און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז ווען מען זופּט שוואַרצע קאַווע אין דאָן כוליאָס געזעלשאַפט האָט זי גאָר אַן אַנדער טעם, דעם טעם פון אַ האַרציקן שמועס.

דאָן כוליאָ איז אַ גוטער פריינד מיטן גובערנאַטאָר, מיטן בירגערמייסטער, מיט די פּאָליטישע פיגורן פון ביידע פּאַרטייען. נישטאָ קיין וויכטיקער מענטש, וואָס זאָל נישט קענען דאָן כוליאָן, און וואָס זאָל אים נישט שעצן אין דער צויבערפולער שטאָט, וואָס גיט אַ צינד אין די פאַרנאַכטן די בליציקע לולקע פון איר היימישן ווולקאַן, און וואָס אין די נעכט בורטשעט זי אונטער דער ערד גלייך ווי אַ ריז וואָלט דאָרט געכאָרכלט.

פאַרשטייט זיך, די אומשטענדן פון לעבן האָבן אים פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט אַ סך מענטשן פון שטאָט. זיינע בני־בית האָבן זיך אַ שפּרייט געטאָן איבערן גאַנצן לאַנד. אָבער ער איז נישט איינזאַם. ער האָט זיך זיינע פריינד און זיין סביבה, און זיין „קאַפעטעריע", ווו ער פאַרברענגט מיט זיי אין די פרייע שעהען. צווישן זיי אַ פּאָר יידן מיט וועלכע מען רעדט וועגן ישראל, און וועגן די לעצטע נייעס, וועלכע מען האָט געלייענט אין דער יידישער צייטונג. — עס פעלט מיר דאָ גאָרנישט, זאָגט דאָן כוליאָ, דאָך וואָלט איך געוואָלט אויסלעבן מיין רעשט ביסל יאָרן אין ישראל...

✡

אַ געוויסן אָוונט האָט אַן אייז־קאַלטער ווינט אַ בלאָז געטאָן שאַרפער ווי אין פריִערדיקע טעג, און האָט זיך אויף לאַנג באַזעצט אין שטאָט ווי אַן אורח פון דער פרעמד. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער „פאַרשוין" איז אַ שכן פון פּאַסטאָ. דורך די לופטוועגן פון טוקערעס און איפּיאַ־

לעס, ווו עס הויזן אומדערטרעגלעכע קעלטן, איינגענעסטיקטע אויף איבער דריי טויזנט מעטער די הייך, קומען זיי אַריין קיין פּאַסטאָ און לייגן זיך אויס ווי ביי זיך אין דער היים. די לופט שטורעמט און די מענטשן לויפן וואָס גיכער אַהיים, פאַרטריבענע פון גאַסן און גערטנער דורכן אומגעוווּנטשענעם קאַלטן גאַסט. און מיר, פאַרשטייט זיך, זענען אַריינגעפאַלן אין פּאַציפיק־האָטעל. אַ געשמאַקער גולאַש וואַרט אויף אונדז, און דערנאָך פאַרבינדט זיך אַ לעבעדיקער שמועס אין באַר, צווישן די רויכיקע גלעזער טיי.

אָבער מען דאַרף נישט מגזים זיין מיט אָט דעם פראָסט. אַ גלעזל שאַרפע „טשירינטשאַ" און אַ „קוי" מאַכן אַזוי, אַז מען זאָל אים קענען פאַרטראָגן. און נאָך מער פאַרטרייבט אים די אינטעלעקטועלע אַטמאָספער פון דער שטאָט. פּאַסטאָ איז אַ דענקענדיקע שטאָט. גאַנץ מעגלעך, אַז נישטאָ נאָך אַזאַ שטאָט אין לאַנד ווו די מחשבה זאָל זיין אַזוי לויטער. זי דענקט טיף. דאָרט פילט מען די וואָג פון דאָן ראַפאַעל סאַניודאָ, דעם מחבר פונעם ווערק, אויף וועלכע עס האָט זיך דערצויגן די יוגנט פון לאַנד. מען פילט דאָרט דעם הומאַניטאַרן אָטעם פון דאָקטער אַלוואַרעז, וואָס האָט געהאַט ביי זיך אין דער היים אַ גריכישע דרוקעריי פאַר זיינע ווערק. מען פילט דאָרט די אָנוועזנהייט פון די היסטאָריקערס סערכיאָ עליִאַס אָרטיז און וויקטאָר סאַנטשעז מאָנטענעגראָ, פון איגנאַסיאָ ראָדריגעז גערעראָ, איינע פון די חשובסטע קולטור־פּערזענלעכקייטן צווישן די קאָלאָמביאַנער אינטעלעקטואַלן.

און פאַראַן דאָרט נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס האָבן געשאַפן אַ דיקן שיכט גייסטמענטשן און אַ ליבעראַלן גייסט אין דער דרום־געגנט פון לאַנד.

איז נישט אומזיסט וואָס צווישן הויך־קוואַליפיצירטע מענטשן, און אַפילו צווישן פּערזענלעכקייטן פון אייבערשטן קלער, קרעפּטיקט זיך דער געדאַנק וועגן דער פאַרטיידיקונג פון די אָרעמע און באַעוולטע אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט, און באַזונדערס פון די אינדיאַנער. אַזוי איז זי, פּאַסטאָ, אַ פעסטונג פון דער קאָלאָמביאַנער קולטור, אַ דיסקרעטע, עטוואָס אַ צוריקגעצויגענע, ווי אַ פּועל יוצא פון הונדערטער יאָרן איזאָלאַציע אין וועלכער זי האָט זיך געפונען, אָבער וואָס קען נאָך אַ בליץ טאָן מיט סורפּריזן אין דער וויטערדיקער אַנטוויקלונג פון קאָלאָמביע.

☆

געווען איז עס אין מיטן די 40ער יאָרן, בעת איך בין געפאָרן קיין פּאַסטאָ ווי אַ רייזנדער אינדוסטריאַל. די וואָס וועלן אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון דער קאָלאָמביאַנער עקאָנאָמיק, וועלן אָט די רייזעס געוויס

אין זינען האָבן אין זייערע אַנאַלן. אין אַ גרויס געוועלב, וואָס האָט געהערט צו מיינעם אַ קליענט, האָט אויף מיר געוואַרט אַן איבערראַשונג. דער אַלטער אַדמיניסטראַטאָר איז נעלם געוואָרן. אויף זיין אָרט האָב איך געטראָפן אַ יונגן מאַן, נישט עלטער פון אַ יאָר דרייסיק, וואָס האָט גלייך געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, פון אַ פיש אויף דער יבשה, מעג ער האָבן אַפילו געשטאַנען הינטערן קלייטיש. זיין קאָמערציעלע דערפאַרונג איז געווען אַ גענוג צווייפלהאַפטע. דער אויסזען זיינער, זיין אַרט רעדן און די פיינקייט פון זיינע מאַניערן, דאָס אַלץ האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז דאָ איז עפּעס נישט גלאַטיק. גערעדט האָט ער דווקא ווי אַן אינטעלעקטואַל. מיר האָבן געשמועסט, נאַטירלעך, וועגן סחורות, ווייל דערצו בין איך דאָך געהאַט געקומען אין שטאָט אַריין. און מיין חשד איז געוואַקסן. דער דזשענטלמאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר מיר האָט געקענט זיין וואָס איר ווילט נאָר אַליין, אָבער נישט קיין סוחר.

די נייגעריקייט האָט מיך געמאַטערט. האָב איך אַ פרעג געטאָן וועגן אים. האָט מען מיר דערציילט, אַז דער יונגער מאַן איז געהאַט געווען אַ גובערנאַטאָר אין זיין פּראָווינץ; ער איז אַ היסטאָריקער און שרייבער, און נאָך אויך היינט זינדיקט ער מיט דער פען. דער געוועזענער אַדמיניסטראַטאָר פון דעם גרויסן געשעפט איז זיין פעטער, — פאַרנעמט ער דעם פעטערס אַמט „פּראָוויזאָריש". און אָט אַזוי פּראָוויזאָריש איז ער שוין דאָרט פאַרבליבן אויף דעם אַמט צוויי יאָר.

איך האָב זיך באַפריינדט מיט אָט דעם געמיטלעכן לירישן „סוחר", וואָס האָט מיך געוואַלדיק פאַראינטערעסירט. און זינט דעמאָלט האָב איך צו אים אַ געפיל פון סימפּאַטיע און פאַרערונג. ווער איז ער געווען? אפשר איז עס גאָר איבעריק צו זאָגן, אַז געהאַנדלט האָט זיך עס אין אַלבערטאָ מאָנטעסומאַ הורטאַדאָ. היינט שטייט ער בראש פון דער קאָלאָמביאַנער אַמבאַסאַדע אין פּאַראַגווײַ, ווי אַ פולער אַמבאַסאַדאָר פון זיין לאַנדגייסט און אינטעלעקט, און ווי אַ פאָרשטייער פון אַ ליבעראַלן פּאָליטישן רעזשים. אויך אויף דעם געביט איז ער הויך געשטיגן, אַלץ איינס ווי אין פאַרלאַמענט. אָבער וואָס ס'איז מיר באַזונדערס צום האַרצן איז זיין ליבשאַפט צו דער אַלטער יידישער קולטור, זיין פאַרערונג צו דער ביבל, און זיין עלעגאַנטער פילפאַרביקער ליטעראַרישער סטיל.

אַ גרוס פון זיין פיינעם געשמאַק האָט ער אונדז שוין געהאַט געשיקט פון גוואַטעמאַלאַ דורך אַ פּרעכטיק בוך און די צייטשריפט, וואָס ער גיט דאָרט אַרויס. איצט, בעת עס טויכט אויף אין מיין זכרון יענע ערשטע באַגעגעניש מיטן אינטעלעקטועלן פריינד וואָלט איך נישט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ מינדערוועדטיקע דערמאָנונג, ווייל פאַר מיר איז זי וויכטיק,

פונקט ווי איך וואָלט אין אָט דעם בוך נישט געקענט רעדן וועגן פאָסטאַ נישט דערמאָנענדיק דעם, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט איינעם פון די אָנגענעמסטע איינדרוקן אויף מיין מאַרשרוט איבער יענע ווייטע קאָלאָמ־ביאַנער קאַנטן.

☆

טוקערעס און איפיאַלעס זענען ווי די פאָדערזאַלן פון פאָסטאַ, און אַהינצו האָב איך געריכט מיינע טריט. אַ געשלאָגענע דורך ערד־ציטערנישן און דורך קעלט איז אין טוקערעס נישט געווען איבעריק אָנגענעם צו נעכטיקן. איך האָב געקוקט אויף אירע איינוווינערס ווי אויף העלדן, און אַן אומעט איז מיך באַפאַלן ביים טראַכטן, אַז דער גורל האָט זיי געהאַט פאַרוואָרפן אין אַזאַ העק, נישט אַזוי אין איפיאַלעס. אין איפיאַלעס איז קאַלט, אָבער אין רעאַל־האָטעל האָט מען זיך נישט געפילט שלעכט, כאָטש ביי מיר אין דער פאַנטאַזיע האָט זיך איר פראָסט נישט געגראַמט מיט איר נאָנטקייט צו דער עקוואַדאָר־ליניע.

אָט דאָס, און דער פאַקט וואָס דער מסחר אַרבעט אויך אין אָוונט, האָט זיך ביי מיר נישט געלייגט אויפן שכל. די מענער זענען פאַרביי־געגאַנגען איינגענורעטע אין דיקע קאַפאָטעס, און די פרויען זענען געווען איינגעהילט אין וואָלענע דעקעס, און די לעבהאַפטיקייט פון האַנדל איז אין די אָוונטן נישט שוואַכער געוואָרן.

דאָס וואָס איפיאַלעס ליגט ביי דער גרענעץ גיט איר צו אַזאַ באַוועגונג, וואָס מאַכט פון איר אַ וויכטיקן האַנדלס־צענטער פאַר די נאַציאָנאַלע פראָדוקטן, מיט אַ גוטן עקוואַדאָרער מאַרק. דער גרעסטער טייל פון דער באַפעלקערונג איז אַן אינדיאַנישע, אַ קורץ־וווקסיקע. ערשט פון דער דאָ־זיקער באַפעלקערונג האָט זיך אין מיינע אויגן אַרויסגעזען די פיגור פון דאָן לויס פעליפע מאָנטענעגראָ, וואָס איז געווען געגליכן צו אַ ראַדיאָ־טורעם, וואָס שפאַרט אַרויס איבער אַ קייט נידעריקע בערגלעך. זיין אויס־שפראַך, עפעס ווי אַ געזאַנג, האָט דעם געדאַנק מיינעם אַוועקגעפירט אין לענדערייען פרעמדע צום אָרטיקן באָדן, ווייל עס איז אויסער יעדן ספק, אַז די געשיכטע האָט במשך פון יאָרהונדערטע מער באַעוולט עקוואַדאָר ווי קאָלאָמביע.

אָבער שיין און אָנגענעם זענען די דאָזיקע זכרונות. און ביים פאַרלאָזן איפיאַלעס, צי ביים אומקערן זיך אַהין, זינגט אין מיר אַ פאָעטישע שורה: „דאָ האָט געוווינט דאָן כואַן מאָנטאַלוואָ דער גרויסער, וואָס האָט אָנגע־

שריבן די קאַפּיטלעך, וועלכע סערוואַנטעס האָט געהאַט פאַרגעסן". און איך צי אַראָפּ דעם הוט מיט דרך־ארץ.

☆

סומאַקאַ איז גאָר עפּעס אַנדערש. ס'איז עפּעס אייגנאַרטיקס אין קאָ־לאָמביע און אין דער גאַנצער וועלט. געזען האָב איך זי צום ערשטן מאָל אין 1946, אַ שבת מיטיקצייט, ווען דער אַוויאָן האָט מיך דאָרט אַראָפּ־געלאָזט פון קאַלי'ר לופטפּאָרט. — איך זאָג נישט ריכטיק. דער אַוויאָן האָט מיך נישט אַראָפּגעלאָזט, ווייל דעם אמת געזאָגט, איז נייטיק געווען אַ שיפל צום לאַנדן, כדי פון איסלאַ דעל מאַראַ אָנצוקומען צום פעסטן באָדן. די רייזע האָט געדויערט פופצן מינוט. ביים אָפּשטייגן האָבן מיר זיך אָנגעטראָפן אויף אַן אָנווורף פון הילצערנע הייזקעס, וואָס האָבן גע־מאַכט דעם סאַמע טרויעריקסטן איינדרוק. ווו נאָר דער בליק פון די אויגן איז געפאַלן, האָט זיך אַרויסגעזען אַן אָפּשטויסנדיקע מיזעריע...

געערירט פון יענעם ספּעקטאַקל האָב איך גאָר חרטה געהאַט, וואָס איך האָט אונטערגענומען אָט די אַוואַנטורע. ווער האָט מיך געהאַט געבעטן אַריינצוטריפן נאָך עטלעכע טראָפּנס צער אין מיין לעבן ביים באַטראַכטן יענע ביטערע נויט. אין האָטעל ווו איך בין אָנגעקומען האָט מען מיר געהאַט אָפּגעגעבן אַ צימער, וואָס האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ תּפיסה־צעל, אָן דער מינדסטער היגיענע.

די גאַס האָט געפּאַסט געגנוי צום אויסזען פון צימער. לענג־אויס איר זענען בעטלערס געווען אויסגעזעצט אויף דער ערד, וויייזנדיק זייערע געשוואָלענע פיס און די קרעציקע הענט, כדי צו דערוועקן רחמנות און אויסבעטלען אַ נדבה ביי די פאַרבייגייערס. איך האָב זיך געפילט ווי אַ געפאַנגענער, אָן חשק אַרויסצוגיין פון די ד' אַמות. אָבער אַן אַוויאָן אויף אַ צוריקרייזע ווועט ערשט אַרויספליִען קומענדיקן דינסטיק. כ'האָב גע־נומען ציילן: שבת, זונטיק, מאָנטיק, און אַ שטיק אין דינסטיק און לסוף, ווי עס טרעפט אין לעבן, האָב איך שלום געמאַכט מיטן געדאַנק. שוין נישט געווען קיין מעגלעכקייטן באַלד צוריקפאָרן. און בעל כּרחה האָב איך זיך געמוזט באַרויקן.

אויף מיינע געשעפטן האָב איך דווקא זיך נישט געקענט קלאָגן. אַדרבא: זיי זענען געגאַנגען באַרג־אַרויף ביזן זונטיקדיקן האַלבן טאָג. דעמאָלט האָב איך אויסגענוצט די צייט אויף צו מאַכן אַ שפּאַציר צום פּאָרט, אַ געגנט באַפעלקערט מיט שרעקלעכער אָרעמקייט פון נעגער, אינדיאַנער און ווייסע, וועמען די מיזעריע פאַראייניקט אָן קיין שום דיס־קרימינאַציעס. די קלאָרע לופט, דאָס ים־ווינטל, און די מילדקייט פון

קלימאַט האָבן עטוואָס פאַרזיסט דאָס טרויעריקע בילד, וואָס אויב ס'איז נישט געווען קיין גיהנום התחתון, איז עס געווען נישט ווייט דערפון.

— ס'איז לייכטער, האָב איך לסוף צו זיך געזאָגט, צו משפטן דאָס געזעענע און אַרויסצוזאָגן מיינונגען, ווי לינדערן מיט באַלדיקע און ממשות־דיקע מעשים די ליידן פון מענטשן. און פאַרענדיקט דעם געדאַנק האָב איך דערמיט, וואָס ס'וועט שוין קומען אַ צייט ווען אַלץ וועט ווערן אַנדערש. איך גלייב, אַז אַזאַ צייט וועט קומען, ווייל עס גייט אין לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן אויך אַ רעכט אויף עפּעס בעסערס אין לעבן, ווי אונדזערע נביאים האָבן פאָרויסגעזאָגט — אין באַחרית הימים...

אין גאַס האָב איך זיך נאָך דעם דערוווּסט, אַז די „אַוויאַנקאַ״ וועט האָבן אַן אומדערוואַרטן פליצוג מיט אַ טאָג פריִער, — דאָס הייסט מאָנטיק. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די געאָלאָגן, וואָס פאַרנעמען זיך מיט ערדפאָרשונג, האָבן פעסטגעשטעלט, אַז די געגנט פון טומאַקאַ געהערט צו די סאַמע עלטסטע, און גאָר זעלטענע פאָרמאַציעס פון באָדן אויף אונדזער פּלאַנעט, וואָס האָט עקסיסטירט מיט הונדערטער טויזנט יאָרן צוריק. איז ווען איך בין מאָנטיק אין דער פרי אַרויס פון דאָרטן, האָב איך זיך געפרעגט, צי די מענטשן וואָס האָבן אין יענער ווייטער תקופה באַפעלקערט די דאָזיקע ערד, זענען געווען אַזוי אויסגאַנגסלאָז ווי די, וואָס איך האָב געהאַט געזען פאַר מיינע אויגן אין דער העלפט פון צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט...

☆

מיט אַ סך יאָרן צוריק האָט מען קיין פּאַסטאָ נישט געקענט אָנקומען אָן אַן אייזל אָדער מיט אַן אָקסן־פור. אַזוי איז געווען אין דער צייט פון דער דעראָבערונג. מען האָט אויך געקענט פאָרן, ווי איך האָב דאָס געטאָן מיט מיין פריינד ישראל בראַנדוויין, אין אַן אויטאָ, אויף אַ חוצפהדיק געשניטענעם וועג, וואָס האָט פאַרבונדן נאַרינאָ מיטן לאַנד, ווי עמעץ וואָלט אין אַ שוין לאַנג פאַרשלאָסענעם הויז געהאַט געעפנט אַ פענצטער. אָבער דעם ערשטן כבוד צו האָבן אַ לופטפּאָרט האָט געהאַט איפּיאַלעס. אויף אַריינצוקומען קיין פּאַסטאָ אָדער אַרויסצופאָרן פון איר מיטן אַוויאָן, איז מען געווען געצוווּנגען דורכצומאַכן אַ שווערן וועג, וואָס האָט געדויערט שעהען־לאַנג. נאָר בויען אַ לופטפּאָרט אין די אַנדינער באַרגקייטן איז געווען נישט פון די לייכטע זאַכן.

סוף־כל־סוף האָט מען די טאָפּאָגראַפיע איינגעבראָכן און זי האָט אויס־געטיילט אַ פלאַכן באָדן אויף אַ מהלך פון דרייסיק קילאָמעטער פון דער

שטאָט. און דאָרט האָט מען אויפגעשטעלט אַ ווונדער פון דער מאָדערנער טעכניק: דער לופטפּאָרט פון קאַנאָ. ס׳איז אַ ווונדערלעך געבוי, נישט אין פאָרנעם, אויך נישט לויט די אָרנאַמענטן זיינע, ווי און נאָר איבער דער באַזוימונג און באַפּוצונג, וואָס די נאַטור האָט דאָרט געמאַכט, וואָס שיינט מיט דער אומפאַרגלייכלעכסטער הערלעכקייט וואָס מען קען זיך נאָר פאָר־שטעלן. אונטן שפּרייט זיך אַ פאַנטאַסטיש בילד פון ריזנבערג, וואָס זייערע שפּיצן, ווי ים־שוים, רייסן זיך צו די בלויע הימלען. אויף די בערג־שיפּועים שפּרייט זיך אַ געדיכטער טעפּעך פון געוויקסן אין אַלע רעגנבויגנדיקע קאָלירן.

ווער האָט עס אַזוי רעגולער אויסגעפּורעמט, באַאַרבעט און פאַרזייט יענעם צעשויבערטן באָדן? ווער האָט עס דאָרט אויסגעלייגט די דאָזיקע ווונדערלעכע איבערדעק? אָרעמקייט קען מען זען אונטן, אין דער מיני־פונדיע. אָבער אויבן, געוויגט אין דעם הימלבלוי דורכן צווייפליגלדיקן אַוויאָנדל, וואָס הייבט זיך און דרינגט אַריין ווי אַן אַרויסרוף צווישן די בערגיקע שפּיצן, ווייזט זיך פאַר די אויגן אַ ספּעקטאַקל פון אַ טויזנט־און־איין נאַכטיקער עשירות.

און שוין ביים אַראָפּנידערן, צווישן אָפּגרונטן, צעשווימט זיך דער פּחד צוזאַמען מיטן נסימדיקן אָנקום אויף אַ פלאַכער הויכקייט מיט אַ גרינעם טישטעך... און ווי אַ נאָכשפּייז נאָך אָט דעם באַנקעט, קומט צו דאָס פאָרן איבער אַ דרייסיק קילאָמעטערדיקן וועג, אַן איינגעטונקטער אין אַזאַ פּאַנאָראַמע, פון וועלכער מען קען נישט אָפּרייסן די אויגן. אָט אַזוי האָט פּאַסטאָ סוף־כל־סוף באַהערשט די פּריִערדיקע אומגעהייערע דיסטאַנצן, און האָט זיך איינגעגלידערט אינעם לעבעדיקן אָרגאַניזם פון דעם וויטן קאָלאָמביאַנער לאַנד, וווּ אויך אַ ייד פון זשעליכאָוו האָט אין אַ ביטערער צייט געפונען אַ זיכערן באָדן...

✡

אָבער מיינע צופעליקע און ליבלעכע לייענערס וועלן זיך פרעגן: וועגן וואָס רעדן עס צוויי יידן אין אַן אויטאָ, גאַנצע טעג, במשך זייערע יאָרנלאַנגע געמיינזאַמע רייזעס? נו, נישט נאָר מיט באַוווּנדערן שיינע פּאַנאָראַמעס קען זיך צופרידנשטעלן דער מענטש. אַלץ וואָס ער זעט, די מענטשן וואָס ער באַגעגנט, די שטעט און שטעטלעך, דורך וועלכע ער גייט דורך, פאַראַנקערן אין זיין עמאָציע און לאָזן איבער אין געמיט אַן אַראָמאַט, וואָס האַלט אָן דאָרט לאַנגע יאָרן.

אָבער צוויי פריינד, וואָס טראָגן זיך איבער לאַנגע וועגן, האָבן אויך אַנדערע זאַכן וועגן וואָס צו רעדן; און ווי באַלד זיי זענען יידן הערן זיי

אין זיך דעם אומרו פון אַן אינערלעכן לעבן, וואָס איז נישט שטענדיק אויסגעלייגט מיט פריידן און דערפאָלגן. און אָט דאָס פלעגן מיר טאָן, ישראל בראַנדוויין און איך, אין יענע אַנגסטיקע יאָרן פאַר אונדזער פאָלק בעת דעם דריטן חורבן. געבוירענע אין פוילן, האָט די מלחמה, וואָס היטלער האָט פונאַנדערגעפלאַקערט אונדז אַלעמען אָפּגעשניטן פון אונדזערע טייערע און ליבע, פון גרויסן קרייז פון אונדזערע משפחות, פון אונדזערע קינדהייט־ און יוגנט־פריינד. מיר פלעגן דערמאָנען אונדזערע פאַרזאַמלונגען, אונדזערע גרויסע ימים־טובים, און אויך די יוגנטלעכע שעהען פון אונדזערע צעפלאַקערטע דיסקוסיעס, אויף וועלכע מיר פלעגן פאַרטיידיקן אונדזערע ליטעראַרישע, פּאָליטישע, רעליגיעזע איבערצייגונגען, און אַלץ האָט דערהיצט נאָר די מענטשלעכע פאַנטאַזיע ביזן ליידנשאַפטלעכן שגעון.

עס האָט זיך אונדז אויסגעוויזן, אַז טויזנטער אויגן ווענדן זיך צו אונדז פון דער אַלטער היים, און מיר האָבן געהערט זייערע אַנגסטיקע קולות און מיר זענען געווען אוממעכטיק זיי צו העלפן...

אייראָפּע איז געווען אין פלאַמען, און דער געוויי פון דער היינע קעגן גאָטס פאָלק האָט זיך געטראָגן איבער אַלע ווינקלען פון ערדקוגל. און מיר דאָ, מיר געפינען זיך אין אַ רויִק לאַנד, מיר זענען פאַרוויגט פון די זיסע ווינטן פון דער דעמאָקראַטיע, מיר פאָרן צוטרוילעך אַרום איבער די וועגן, זוכנדיק אַרויסצוקריגן די פּאַרדינטע באַלוינונג פאַר אונדזער אינדוסטריעלער פּראַצע. מיר פאָרן אַזוי איבער דער פּרעכטיקער ערד פון קאַלדאַס, פון וואַזשע, פון קאַוקאַ, פון נאַרינייאַ, פון אַנטלאַנטישן ברעג, פון מעטאַ אָדער אין דער איינציקאַרטיקער און ווונדערלעכער אַנטיאָקיאַ...

און שמועסנדיק איבער די אומענדלעכע וועגן האָט זיך אין אונדז געוועקט דאָס געפיל, אַז מיר זענען עגאָיִסטן, אַז אונדז אינטערעסירט דער פּערזענלעכער פּראָגרעס, ווי נאָר דאָס וואָלט אויסגעפילט דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. און נישט געקוקט דערויף, וואָס אָפט מאָל האָבן מיר נישט איבערגעגעבן מינדלעך אונדזערע פאַרבאָרגענע געפילן, און נישט געפונען קיין אויסדרוק פאַר אונדזערע געדאַנקען, האָבן מיר זיך געפילט שולדיק; שולדיק וואָס מיר לעבן דורך די טעג און נעכט ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען, וואָס מיר האָבן אַ געזיכערטן אָוונטברויט און אַ בעט פאַרן אויסרוענדיקן שלאָף, וואָס מיר ווייסן, אַז צו מאָרגנס וועט אויף אונדז וואַרטן די באַקוועמע באָד, ריינע וועש און דער געוויינטלעכער פרישטיק. אָבער זיי?... מיזעריע, הונגער און טויט, איז געווען דאָס איינציקע זיכערע אין זייער גורל. באָמבעס, גאַז־קאַמערן, קרעמאַטאָריעס...

מיר האָבן געוווסט וועגן די מאַסן־מאָרדן, וועגן די לעבעדיק באַגראָבענע אין די היטלעריסטישע גריבער; וועגן מיליאָנען מענטשן וואָס

זענען געוו׳ען קרבנות פונעם אויסוורף, וואָס האָט געוואָלט פאַרוואַנדלען גאַנצע קינדער, צוזאַמען מיט זייערע נשמות, אין זייף, אין קעמלעך און כעמישע סובסטאַנצן. און אָט אַזוי האָט דער גרויסער מטורף געפּלאַנט צו באַהערשן די וועלט אויף אַ צייט פון „טויזנט יאָר״, זיך שטיצנדיק אויפן רעכט פון די שטאַרקע, וואָס האָבן מיט דער שווערד פאַרזייט זייער מאַכט אין פאַרשיידענע טיילן פון ערדקיילעך, פון זינט די עלטסטע מענטשלעכע צייטן.

✡

אָט אַזוי האָבן מיר געחקירהעט אויף די אומענדלעכע וועגן פון קאַ־לאַמביע, אַרומפּאַרנדיק מיט אונדזערע פּעקלעך מוסטערן. יידן האָבן שוין לאַנג געדאַרפט אַוועק פון יענער פאַרשאָלטענער ערד. אָט זענען דאָך געווען אָפן די טירן צו דער אַמעריקאַנער וועלט; אָט האָט זיך דאָך געעפנט אַ שפּאַלט צו ארץ־ישראל... אָבער וואָס האָבן זיי געוווּסט וועגן דעם גורל וואָס איז זיי געווען באַשערט? די צייט פון די נביאים איז שוין לאַנג אַריבער, גלייך ווי די לערע וואָס זיי האָבן אונדז געלאָזט, וואָלט גענוג געווען פאַר אונדזער פאַרשטאַנד: וואָס קיינער האָט, דעם אמת געזאָגט, נישט פאַרמאָגט. מיר האָבן פאַרגעסן די גרויסע שעפערס פון אונדזער הייליקן און אייביקן ספר. און דער בלוטזויגער איז באַפאַלן די שאָף און טייכן בלוט האָבן באַדעקט די וועלט...

מיר האָבן נאָך נישט אין גאַנצן געגלייבט, אָדער נישט געוואָלט גלייבן די ערשטע צייט, אין די געשיכטעס וועגן די קרעמאַטאָריעס פון טרעבלינקע, פון מיידאַנעק, פון אָשוויענטשים, פון פּאָנאַר און פון די וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער אַלע אייראָפּעישע לענדער, אין דער אייראָפּע פון 20סטן יאָרהונדערט.

מיר האָבן געחלומט און געחלומט. אַ זשעסט פון גורל, עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אָפּשטעלן די שחיטה איידער עס וועלן געפירט ווערן אין שעכט־הויז אַריין אַזוי פיל אומשולדיקע וועזנס, אַזוי פיל לויטערע, ערלעכע מענטשן, אַזוי פיל מענטשן־קינדער וואָס זענען געווען דער גאָלדשטויב פון דעם וועלטגייסט, פון דער קולטור, פון דער וויסנשאַפט, פון דער חכמה, פונעם דערפינדערישן אימפּעט, פון דער מאָראַל... עפּעס וואָס זאָל באַ־צייטנס אָפּשטעלן די משוגענע חיה. אָבער אַלץ איז געשען איידער מען האָט באַוויזן אַ סוף מאַכן צו דער בלוט־אָרגיע און צוויי יידן, וואָס האָבן געטראַכט וועגן אָט די מאָוימדיקע געשעענישן, וואָס האָבן זיך געפונען אויף אַמעריקאַנער ערד, וואָס זענען געפאָרן אין אַן אויטאָ איבער די וועגן

פון דער פרייער קאָלאָמביע, האָבן נישט געוווּסט, אַז היטלער האָט, ווי עס געשעט אין שעקספּירס אַ דראַמע, געהאַט דערמאָרדעט דעם חלום פון דער וועלט...

אויף אַ פּייערונג צום באַזוך פון וויצע־מיניסטער ד״ר פלומין אין באָגאָטאַ. רעכטס: דער מחבר. לינקס: פּראָפיל פון ערשטן סעקרעטאַר יצחק לבנון, פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע

קאַפּל גרושקע — קעמפער קעגן היטלעריזם

עס קומט אַ דאַנק מיינע פריינד פון קאַראַקאַס, וואָס זיי האָבן מיך אָריענטירט נישט דורכצולאָזן דעם דאָזיקן טייערן ייד, כאָטש ער ווייזט זיך נישט אין די ערשטע רייען פון עסקנות, און אַ פרעמדער איז עלול אים אין גאַנצן נישט צו באַמערקן.

פאַר איך טאָקע איצט, צוזאַמען מיט מיינע וועגווייזערס, צום פריינד קאַפּל גרושקע אין שטוב. דאָס הויז געפינט זיך גאַנץ ווייט פונעם יידישן סאַן־בערנאַרדינאָ, און איך קום אַהינצו אַ פאַרבעטענער אויף אַ טאָפּעלן פּראָגראַם: אַ פרישטיק און אַן אינטערוויו. לעבן מיר פאָרט מיין געטרייער מיטאַרבעטער, מיין שרייבמאַשין, וואָס נאָר אין איר זכות בין איך פאַקטיש געוואָרן אַ שטיקל שרייבער...

אָט קומען מיר אָן, און פריינד קאַפּל קומט אונדז אַנטקעגן מיט אַ ברייטן שלום־עליכם. ער פירט אונדז אַריין אין דער רחבותדיקער וווינונג, ווו די ווענט זענען באַהאַנגען מיט אַ רייכער קאָלעקציע קונסטבילדער און קינסטלערישע טאַפּעטן. נישט נאָר זענען דאָס ווערטפולע ווערק, נאָר זיי זענען איבערהויפּט עדות פון אַן עסטעטישן חוש, פון אַ גייסטיקן דאָרשט נאָך שיינקייט, וואָס דער באַלעבאָס זעטיקט מיט די דאָזיקע ערשטקלאַסיקע אַרטיסטישע שאַפונגען.

אַלץ האַרמאָנירט אין פריינד גרושקעס הויז. נאָר איינס איז נישטאָ: די באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיך צום גרויסן ווייטיק פריצייטיק געפּעלט. אַ דינער אומעט שוועבט אין דער לופט פון דער ברייטער און באַקוועמער דירה.

מיר הייבן־אָן אונדזער שמועס, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז הינטער דער פאַסאַדע פון געמיטלעכקייט און פּראָספּעריטעט באַהאַלט זיך אַ דראַמאַטישער לעבנסוועג, פול מיט יסורים, סכנות, איינשטעלענישן און נסיונות, וואָס מאַכן פון ר׳ קאַפּל גרושקען אַן אויסנאַם־פיגור אין יידישן קאַראַקאַס. כדאַי זיך צו באַקענען נעענטער מיט זיין זעלטענער ביאָגראַפיע.

☆

פריינד קאַפּל איז געבוירן געוואָרן אין פּוילישן שטעטל זשיראַם, ביי אַ משפחה אין וועלכער ס׳האָבן זיך פאַראייניקט טראַדיציאָנעל יידיש וויסן

און מאָדערנע קולטור אויף דער פּוילישער שפּראַך. דער פֿאָטער, ר׳ יעקב, האָט געהאַט געענדיקט די מאַקאָווער ישיבה און איז אויך געווען אַ קענער פֿון פּויליש. די מאַמע, מלכּה, איז געווען אַן אָפּשטאַמיקע פֿון פּלוינסק, ווו איר פֿאָטער, פּריינד גרושקעס זיידע, איז באַקאַנט געווען ווי אַ בן־תּורה און אַ סאָלידער געשעפֿטס־מאַן, וועלכער האָט אויך געטאָן פֿיל צדקה און מעשׂים־טובֿים. פֿוןביידע צדדים, סיי פֿונעם טאַטנס ווי פֿון דער מאַמעס, האָט קאָפּל גרושקע פֿון די פֿריסטע יאָרן זיינע איינגעזאַפּט דעם גוטן ביישפּיל פֿון די פֿיינסטע יידישע מידות און פֿירונגען.

פֿון זשיראַם איז די משפּחה אַריבערגעפּאָרן קיין וואַרשע בעת קאָפּל איז נאָך געווען אַ קליין קינד. דער קליינער קאָפּל האָט דאָן גענומען לערנען אין די אַנשטאַלטן ווו ס׳פֿלעגן גיין די קינדער פֿון יחוסדיקע יידישע פֿאַמיליעס, און גלייכצייטיק נישט פֿאַרפֿעלט צו באַזוכן דעם חדר. סוף־כּל־סוף, איז ער דאָך פֿון דער מאַמעס צד געווען פֿאַרבונדן מיט די רעליגיעזע קרייזן: דער אגודה־מנהיג פּיזשיק, גוט־באַקאַנט אין פּוילן אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, איז געווען מרת מלכּהס אַ לייבלעכער קוזין.

אַזוי האָבן זיך געצויגן די יאָרן פֿון זיין קינדהייט און פֿון זיין פֿריִער יוגנט, ווען ער האָט געלערנט אין דער פּרעסטיזשפֿולער קרינסקי־גימנאַזיע. ווייטער אָבער, אין סאַמע בלי פֿון זיין לעבן, האָט אים פֿאַרכאַפּט די בלוטיקע פֿאַרפֿלייצונג פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה.

✡

קאָפּל גרושקע האָט דאָן געדינט אין פּוילישן מיליטער און איז געווען אונטעראָפֿיציר. ווען די היטלעריסטישע חיילות האָבן זיך אַריינגעריסן אין פּוילן אין 1939, איז ער גלייך מאָביליזירט געוואָרן, דאָס אייגענע ווי זיינע צוויי ברידער.

ס׳איז גוט באַקאַנט וואָס פֿאַר אַ סך־הכּל די דייטשן האָבן געמאַכט פֿון דער ריטערלעכער און גאַוודיקער פּוילישער אַרמיי, וואָס אירע אָנ־פֿירערס האָבן קעגן דעם בלוטיקן שונא אַרויסגעוויזן פֿיל ווינציקער העל־דישקייט ווי ווען ס׳איז נאָר געגאַנגען אין רודפֿן די יידישע מיטבירגער. נאָך געציילטע וואָכן, איז פּוילן געפֿאַלן. די דריי ברידער גרושקע זענען, אין זייער צוריקצי, אַריינגעפֿאַלן אין די הענט פֿון דער רוסישער רויטער אַרמיי, און ס׳האָט זיך פֿאַר זיי געעפֿנט אַ לאַנגער יסורים־וועג, אויף וועלכן די איינציקע טרייסט איז געווען דער פֿאַקט, וואָס דער גורל האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען און זיי נישט פֿונאַנדערגעשיידט.

צוויי יאָר האָט קאָפּל גרושקע פֿאַרבראַכט אויף „פּענסיאָנאַט" אין

רוסישן סיביר. צוויי יאָר וואָס וואָלטן געקלעקט אָנצושרייבן אַ גאַנץ בוך פון פּיין און טרערן. דאָס זענען געווען טאַקע די פּאָר יאָר פונעם נאַציש־סאָוויעטישן האָניק־חודש, נאָכן אונטערשרייבן דעם מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־אָפּמאַך, וואָס געוויינטלעך רופט מען אים מיט רעכט היטלער־סטאַלין־אָפּמאַך, וואָרעם וואָס פאַר אַ חילוק איז דען געווען צווישןביידע בלוטיקע דיקטאַטאָרן? נאָר איינער: וואָס בעת דער ערשטער האָט זיך געוויזן פאַר דער וועלט אָן אַ מאַסקע, האָט דער צווייטער די זעלביקע כּוונות און פּירונגען אויסבאַהאַלטן אונטער אַ מאַסקע פון שיין־קלינגענדיקער פּראָ־פּאַגאַנדע.

ווען די דייטשן האָבן זיך לסוף אַ וואָרף געטאָן אויך אויף סאָוויעטן־רוסלאַנד, און ס'איז דערגאַנגען דער קלאַנג אַז עס אָרגאַניזירט זיך אַ פּוילישע אַרמיי אויף דער רוסישער ערד, אונטער דער אָנפירונג פון גענעראַל שיקאָרסקי, האָט קאָפּל גרושקע נישט געצווייפלט איין רגע: צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער פּליטים פון דער צעקלאַפּטער פּוילישער אַרמיי האָט ער פאַרלאָזט סיביר, נאָקעט און באָרוועס, מיט דעם איינציקן, הייליקן ציל: טרעפן צום מאָביליזאַציע־פּונקט און פון דאָרט — צום קאַמף מיטן דייטש.

דאָס איז זייער לייכט אַרויסצורעדן, אָבער געווען גאָר נישט אַזוי גרינג אויסצופירן. דער מענטש איז שטאַרקער פון אייזן און שטאָל — גיט גרושקע צו — אַז ער קען דורכמאַכן אַזעלכע גיהנומס און מאַרטירערײַ. דער זאַמלפּונקט איז געווען אין מיטלאַזיע. נאָך פיל אָנשטרענגונגען, זענען זיי בשלום אָנגעקומען. ווען דער דייטש האָט באָמבאַרדירט מאָסקווע, איז קאָפּל מיט זיינע ברידער געווען 160 קילאָמעטער פון דער הויפּט־שטאָט. אַלע דריי האָבן זיך אָנגעטאָן אין די אָפּגעבליאַקעוועטע מיליטערישע מונדירן און האָבן זיך אָנגעשלאָסן אינעם קאַמף, מיט איין איינציקן ווונטש און באַגער: דערלעבן נקמה נעמען אין די פאַרשאָלטענע נאַצישע רוצחים.

די נקמה איז אָבער נאָך ווייט נישט געווען אונטער דער האַנט. ביז דעם מאָמענט פון נקמה, האָט זיך נאָך אַ סך בלוט געגאָסן: דער קאַמף און די שלאַכטן האָבן זיך ביטער געצויגן אומענדלעכע דריי יאָר צייט. די האָפענונג איז אָבער געווען שטאַרק, און דער גלויבן נאָך שטאַרקער, און דאָס קעמפן איז נישט געווען אומזיסט. ענדלעך האָבן די ברידער גרושקע געהאַט די זכיה אָנטייל צו נעמען, ווי אָנגעשלאָסענע אין די אַלייִרטע אַרמייען, אין דער ענדגילטיקער שלאַכט ביי ברעסלאַו און הינטער בערלין, וואָס איז געוואָרן דער קבר פון דער „אומבאַזיגלעכער טויזנט־יאָריקער מאַכט".

— „יאָ" — זיפצט אָפּ פריינד גרושקע, — „מיר האָבן זיך נוקם

געװען אַ פּאָר טעג צײַט. אָבער, װאָס באַטײַט דאָס לגבי אונדזער בלוטיקן פֿאָלקס־חורבן?״

אַוודאי איז קאַפּל גרושקע גערעכט מיט דער דאָזיקער פֿראַגע. קײן שום נצחון, אַפֿילו די גרױסע ייִדישע נאַציאָנאַלע נצחונות פֿון אונדזערע טעג, קען נישט פֿאַרװישן דעם זכר פֿון מוראדיקן אומקום. מען טאָר אָבער נישט גרינגשאַצן דעם העלדישן קאַפּיטל פֿון ייִדישן װידערשטאַנד און אַקטיװן קאַמף אױף אַלע פֿראָנטן, אין די שװערסטע אומשטאַנדן און בעת די שװערסטע פֿיזישע און גײַסטיקע יסורים — אַ קאַפּיטל װאָס דער מוטיקער קאַפּל גרושקע האָט געהאָלפֿן אַרײַנשרײַבן אין דער נסיונותדיקער ייִדישער געשיכטע פֿון אונדזערע טעג.

☆

איצט איז שױן פֿרײַנד גרושקע דרײַסיק יאָר אַ װענעסועלער תּושב. דאָס גאַסטפֿרײַנדלעכע לאַנד האָט געהאָלפֿן פֿאַרהײלן די װוּנדן פֿונעם שװער געפּרוּװטן פּליט. דער ישוב האָט זיך גלײַך אומגעקוקט אױף זײַן זעלטענער פּערזענלעכקײט. און גרושקעס אײגענער טאַלאַנט און אינטע־ליגענץ האָבן אים געהאָלפֿן שנעל בײַצוקומען די ערשטע שװעריקײטן און שפּראַך־מכשולים, און זיך דערשלאָגן גיך צו אַ פֿײַנער עקאָנאָמישער פּאָזיציע. ער האָט זיך געמאַכט אַ גוטן נאָמען אין שטאָט מיט זײַן גאַסט־פֿרײַנדלעכקײט, פֿײַנער קולטורעלער באַנעמונג און הױכן עסטעטישן גע־שמאַק. כאָטש ער האַלט זיך װײַט פֿון עסקנות, פֿאַרמאָגט ער אַלע אידעאַלע אַטריבוטן פֿון אַן אמתן עסקן: נאַציאָנאַלע און געזעלשאַפֿטלעכע אַחריות, ערלעכקײט, איבערגעגעבנקײט, און אַ טיפֿן אינטערעס פֿאַרן ציבורדיקן לעבן, װאָס זעט זיך בולט אַרױס אינעם אופֿן, װי ער איז מקבל־פּנים עסקנים װען זײ באַזוכן אים.

איך בין אַװעק פֿון קאַפּל גרושקעס הײם אונטערן טיפֿן אײַנדרוק פֿון זײַן פּערזענלעכקײט און פֿון זײַנע איבערלעבונגען, און מיט אױפֿריכטיקער דאַנקשאַפֿט אין האַרצן פֿאַר מײַנע באַגלײטערס, װעלכע האָבן מיך צו־נױפֿגעפֿירט מיט דעם דאָזיקן ייִד, און מיך געלאָזט אַרײַנבליקן אין זײַן העראָישן נעכטן און אין זײַן שײנעם הײַנט.

די ברידער ווישניצער

דער יידישער ישוב אין באָגאָטאַ קען זיך באַרימען, אַז אין זיין געזעלשאַפטלעך לעבן זענען פאַרטראַטן די הויפּטשטראָמען פון דעם יידישן לעבן, דורך ווערטיקע, בכבודיקע פאָרשטייערס. אַזוי אַרום אַז אַ קהילה, וואָס איז קליין אין צאָל, איז פּאָרט אַ פולע מאָזאַיק, ווו יידן מיט פאַרשיידענע איבערצייגונגען, אָבער פאַראייניקטע דורך דער געמיינזאַמער ליבשאַפט און זאָרג פאַרן יידישן קיום, טראָגן־ביי יעדערער זיין גלויבן און זיינע פּערזענלעכע מעלות, גרעסער און שענער צו מאַכן דעם בנין פון יידישקייט.

אויפן געביט פון רעליגיעזן לעבן, למשל, צייכענען זיך אויס ווי אויסנאַמעלכע עסקנים, די ברידער מאַקס און מילאָ ווישניצער, וואָס וועגן זיי וויל איך געבן אַ כאַראַקטעריסטיק, אַ קורצע, כאָטש וואָס צו שרייבן איז דווקא פאַראַן זייער אַ סך.

שוין דער פאַמיליע־נאָמען זאָגט אונדז עפּעס. איך ווייס נישט אַקוראַט פון וועלכע קאַנטן עס שטאַמען די ווישניצערס, און צו וועלכן יחוס זיי קערן זיך אָן. אָבער אַז איך הער זייער נאָמען, קען איך נישט אַנדערש ווי זיך דערמאָנען אין ווישניץ, דעם באַרימטן צענטער פון בוקאָווינער חסידות, וואָס איז ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אַ באַקאַנט מקום פון פרומקייט און תורה, צו וועלכן טויזנטער און טויזנטער יידן האָבן אַרויפגעקוקט מיט יראת־הכבוד און שטאָלץ. צי די ווישניצערס פון באָגאָטאַ האָבן יאָ צו טאָן מיט יענע פאַרהייליקטע קאַנטן, צי נישט — סיי ווי איז די אַסאָציאַציע פאַר זיי אָנגעמאָסטן, ווייל מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט יידן, וועלכע זענען טאַקע נישט קיין פאַנאַטיקערס פון דער רעליגיע, אָבער יאָ פעסטע זיילן פון יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן, וואָס טוען זייער געבענטשטע אַרבעט מיט אמונה און מיט חסידישן ברען.

אויב דער ווייטער יחוס פון די ברידער ווישניצער איז מיר נישט באַקאַנט, ווייס איך אָבער יאָ וועגן זייער נאָנטן יחוס און אויך ער פּאַסט זיך פאַר זייערע איבערצייגונגען און זייער דרך אין לעבן. דעם פאָטער זייערן, ע״ה, האָבן מיר געקענט, ווי אויך די מוטער, עד מאה ועשרים, און ס׳איז נישט מער ווי נאַטירלעך אַז פון אַזאַ טייערער יידישער היים זאָלן האָבן אַרויסגעקומען אַזעלכע באַוווסטזיניקע יידישע מענטשן, איבערגעגעבענע בלב ונפש די אינטערעסן פון יידישקייט.

ברידער האָבן נישט אַלע מאָל דעם זעלבן כאַראַקטער, נישט דעם זעלביקן אויסזען, כאָטש פּיזישע ענלעכקייטן זענען פאַראַן צווישן זיי און זייערע עלטערן. די ווישניצערס, מוז מען זאָגן, זענען פאַרשיידן נישט נאָר פּיזיש, נאָר אויך אין כאַראַקטער זייערן. מאַקס, דער עלטערער, איז אַ מענטש אַ רויִקער, אַ שטילער, אַ באַזאָכטער. ער האָט ליב מער צו הערן ווי צו רעדן. און נעמט ער אַ וואָרט, איז יעדער געדאַנק גוט דורכגעטראַכט און געמאָסטן. דער יינגערער ברודער, מילאָ, איז גאָר אַנדערש. אַ מענטש מיט טעמפּעראַמענט, מיט אומגעדולד, און ווי נאָר ער קוקט אָן זיין מיט־שמועסער, האָט ער שוין עפּעס וואָס צו זאָגן, און איר וועט מיט פאַרגעניגן אים אויסהערן. אָבער ווי אַנדערש זיי זאָלן נישט זיין פּיזיש און אין טעמ־פּעראַמענט האָבן זיי בשותּפותדיקע טיפע שטריכן, ועל־כּולם — זייער ברייטהאַרציקייט, וואָס איז אַ וויכטיקע מעלה אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן.

דאָס זענען מענטשן וואָס טראָגן מיט פאַרשטענדעניש און אַפילו מיט פאַרגעניגן דעם עול פון אַחריות פאַר ציבורדיקע אינטערעסן. נישט געקוקט וואָס זיי זענען שטאַרק פאַרטיפט אין די גרויסע ביזנעס זייערע, טראָגן זיי אין זיך אַ געזונטן געזעלשאַפטלעכן אומרו, און ווייזן אַרויס אויף דעם געביט דעם בעסטן גוטן ווילן. זיי זענען געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן בייגעטראָגן פאַרן אויפבוי פון דער נייער שול אין דער געגנט טשיקאָ. זיי העלפן אויך אַרויס מיט דער ברייטער האַנט אין אַלע אַנדערע באַדער־פעניש פונעם ישוב.

אַ באַזונדער קאַפּיטל פאַרנעמט זייער זאָרג און מי פאַר דער יידישער מדינה. מילאָ, בעיקר, איז שטאַרק אַקטיוו אין מגבית, גיט אַליין דעם ביישפּיל און לאָזט אויס נישט איין מאָל זיין ענערגישן טעמפּעראַמענט קעגן די יעניקע, וועלכע זענען בכּוח צו געבן אַ סך, נאָר געבן גיבן זיי אויפן שפּיץ מעסער, און אַ מאָל דאָס אויך נישט (אַ צרה וואָס איז יעדן כּלל־טוער גוט באַקאַנט). אין אַזעלכע פאַלן טאָר מען זיין כּעס נישט באַצייכענען ווי עבודה־זרה, נאָר פּונקט פאַרקערט: דאָס ווערט ער אויפ־געבראַכט וואָס נישט אַלע יידן פאַרשטייען זייער אַחריות פאַר דער יידישער מדינה, און אַזאַ כּעס איז געזונט, ווייל ער קען אויפוועקן יענעמס געוויסן און אים פירן אויסצובעסערן זיינע מעשים.

פאַרשטענדלעך, אַז דאָס פּריוואַטע לעבן פון אַזעלכע גאַנצע יידן ווי די ווישניצערס, איז אין איינקלאַנג מיט דעם אני־מאמין וואָס זיי ווייזן אין דער עפנטלעכקייט. דער בית־מדרש און דאָס דאַווענען בציבור זענען אָרגאַנישע טיילן פון זייער לעבן. ביי זיי איז שבת — שבת, און מען דערפילט אין זייער היים דעם עונג־שבת און דעם עונג־יום־טוב. אין אַלעמען ווייזן זיי אַ שיינעם מוסטער פון יידישן באַוווסטזיין און שלימות.

איך קען נישט געגוג נאָנט די דאָזיקע צוויי געטרייע יידן, און דער־פאַר מוז איך זיך באַנוגענען מיט דערציילן די לויב פון יענע מעשים־טובים זייערע וואָס זענען צו מיר דערגאַנגען, און וואָס זענען גאָר נישט צו פאַרזינדיקן. זיכער איז פאַראַן נאָך אַ סך צו דערציילן, און פיל צו דערוואַרטן נאָך פון די צוויי ברידער ווישניצער — צוויי געזונטע צווייגן פון אַלטן יידישן שטאַם.

אַ פאַרגעניגן צו דינען כלל־אינטערעסן

אַזוי גוט ווי איך האָב הנאה פון באַשרייבן יחידים־פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן פאַרדינסטן פאַרן יידישן לעבן אין אונדזער ישוב, וועט אַוודאי און אַוודאי זיין פאַר מיר אַ פאַרגעניגן דאָ פאָרצושטעלן אַ קאָלעקטיוו: די חשובע פאַרוואַלטונג פון דער יידישער קהילה אין באָגאָטאָ. טייל פון אירע מיטגלידער באַגלייטן מיך — ווי אַ ראש הקהל — שוין אין משך פון אַכט יאָר, און זיי האָבן דורך דער צייט אַרויסגעוויזן, צווישן אַנדערע מעלות, אַן אויסדויער און גוטן ווילן אין זייער באַציונג מיט מיר, דעם איינציקן וועטעראַן. די אַנדערע זענען ערשט צוגעקומענע, נאָך די וואַלן פון דעצעמבער 1975. דאָס מיינט, אַז יונגע זענען זיי אַלע, סיי די „אַלטע", סיי די „נייע" חברים מיינע ביי דער קהילה־אָנפירונג. און אויב איך בין מסכים ווייטער צו שטיין ביי דער אַרבעט מיט אַ גרופע מענטשן פון וועלכע עס טיילט מיך אָפּ מער ווי אַ דור לעבנס־יאָרן, און איך נעם אויף זיך די דאָזיקע גאָר בכבודיקע, אָבער אויך נישט לייכטע לעבנסלענגלעכ־קייט, ווי אַ פאָרשטייער פון דער אַלטער פיאָנערן־גוואַרדיע אינעם קרייז פון די יינגערע, איז דאָס נאָר דערפאַר, ווייל איך האָב צו טאָן מיט מענטשן, ביי וועלכע די כלל־אינטערעסן שטייען העכער ווי אַלע צווייטראַנגיקע אונטערשיידן אין עלטער אָדער אין טעמפעראַמענט. זיי פאַרמאָגן די איידלקייט אַלצדינג צו טאָן, כדי איך זאָל זיך פילן באַקוועם אין מיין ראָלע, און איך פיל בחוש, אַז די זאָרג פאַר ציבורדיקע נויטן איז די בשותפותדיקע שפראַך, וואָס פאַרוואָרפט בריקן איבער אַלע תהומען, וואָס וואָלטן אונדז געקענט צעשיידן.

אַ סימן — די באַשלוסן פון דער קהילה־פאַרוואַלטונג ווערן בדרך־כלל אָנגענומען פה־אחד, איינשטימיק, מען דאַרף אַפילו נישט אָנקומען צו קיין אָפשטימונג. און דאָס הייסט נישט, אַז אין פרינציפ זענען נישט פאַראַן צווישן אונדז קיין חילוקי־דעות. נישט נאָר זענען זיי פאַראַן, נאָר זיי זענען אַפילו אַ נייטיקער עלעמענט פאַר אונדזער אייניקייט, פונקט ווי אַ פריינד־לעכע קריגעריי איז צו מאָל אַ געזונטע דערשיינונג ביי אַ גוט צוזאַמענ־געלעבט פאָרפאָלק; ממש אַ תנאַי פאַרן שלום־בית. ס'איז פאַראַן צווישן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער די נייטיקע מאָס טאַקט און פאַרשטענדעניש, אַז מען זאָל אַלע מאָל קענען קומען צו אַן אויסגלייך, וועלכער שפיגלט כמעט

אַלע מאָל אָפּ דאָס בעסטע פון אַלע פּאָזיציעס און ווייזט אונדז דעם דרך־המלך פון אמתן צוזאַמענלעבן, פריי פון די שטרויכלונגען פון אינדיווידו־אַליזם, פּאַרטייִישקייט און אַנדערע פאָרמען פון אייגנזיניקייט. בלויז אַזוי אַרום פיל איך זיך בכּוח ווייטער צו טאָן און צו ווירקן מיט אַן ענערגיע, וואָס באַלאַנגט שוין מער צו מיין אַמאָל ווי צו מיין היינט. און איך פיל און דריק־אויס דערפאַר מיין טיפסטע דאַנקשאַפט די אַלע יינגערע עסקנים, וואָס באַווייזן מיט זייער מענטשלעכקייט און וואַרעמקייט צו פאַרלייכטערן און פאַרשענערן מיין כּלל־טועריש לעבן.

מיין לאַנגע דערפאַרונג ווי אַן עסקן האָט מיך געלערנט, אַז ווען אַ יונגער מענטש ווערט אַ מיטגליד אין אַ פאַרוואַלטונג פון אַן אינסטיטוציע, טרעט ער דורך דעם אַריין אין אַן אמתן לעבנס־אוניווערסיטעט, דער איינציקער וואָס איז מסוגל אים אויסצובילדן ווי אַ פּאָזיטיוון עלעמענט פאַרן לעבן פון זיין ציבור. די פאָדערונגען וואָס זיין אויפגאַבע שטעלט אים אַרויס זענען געגליכן — כאָטש אין אַנדערע פאָרמען — צו די פאָ־דערונגען, וואָס עס דאַרף נאָכקומען דער דאָצענט אין קלאַס און דער פּאָליטיקער אויף דער עפנטלעכער טריבונע. אויך דער עסקן דאַרף און מוז אַרומנעמען די פולע אינפאָרמאַציע וועגן כּלל־פּראָבלעמען; ער מוז זיך אויסלערנען אָפּשאַצן אויפן אויג כּל־המינים סיטואַציעס, און קענען באַנעמען טויזנטער אַקטועלע פּראָבלעמען, וועלכע האַלטן אין איין אַרויפ־וואַרפן אַ גרעסערע אַחריות אויף זיינע פּלייצעס. און וואָס טיפער ער לעבט זיך אַריין אין די אַלע פראַגעס, אַלץ מער טיילט ער זיך אויס פון דער מאַסע און עס צעוואַקסט זיך אין אים דאָס פלעמל פון פירערשאַפט.

ס'איז נישט מער ווי נאַטירלעך, אָבער דאָך איז אַ שאָד, אַז נאָר אַ מיעוט, אַ באַגרענעצטע צאָל מענטשן אינעם ישוב האָבן דעם גוטן ווילן צו וואַקסן אויפן וועג פון עסקנות. דאָס רוב פאָלגן נאָך זייערע יחידישע, פּערזענלעכע אינטערעסן און פילן נישט וואָס פאַר אַ גרויסער חסרון דאָס איז, סיי לגבי דעם ישוב, סיי לגבי זיך אַליין, סיי אין די אויגן פון זייערע אייגענע משפּחות און קינדער. גאָר באַזונדערס מיינען מיר מיט דעם די יידן, וועלכע האָבן זיך עקאָנאָמיש פיין אַרויפגעאַרבעט און זענען אַלע מאָל גרייט צו געניסן פון דער מאַכט און די כּיבודים וואָס דאָס געלט גיט זיי, אָבער אַליין צוליינגן אַ האַנט צו ציבורדיקער אַרבעט — דאָס זאָלן אַנדערע טאָן!

נאָר איך בין דאָ נישט אויסן צו פילאָסאָפירן וועגן געלט־גבירים, נאָר דווקא פאָרצושטעלן אַ ריי האָרץ־ און גייסט־גבירים, יידן וואָס גיבן יאָ זיך אָפּ בלב ונפש מיט טובת הכּלל, אַ גאַנצן טאָג און אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר.

לאַמיר זיי דערמאָנען מיט אַ סדר. כאָסע קאַרנס און זיין שוואָגער דאַניעל ראָזענבאַום זענען ס׳ערשטע מאָל אַריין אין דער פאַרוואַלטונג מיט אַכט יאָר צוריק. נישט נאָר האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו זייערע אויפגאַבעס, נאָר זיי זענען גאָר גיך געוואָרן אמתע עקספּערטן אין די קהילה־ענינים. דווקאָ ווייל זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם מאַמר פון אונדזערע אַלטע חכמים „כל התחלות קשות״ — יעדער אָנהייב איז שווער — האָבן זיי אַרויסגעוויזן די גרעסטע התמדה אַריינצוגיין וואָס גיכער אין זייער ראָלע און אַרויסגיין פון דער קאַטעגאָריע פון אָנהייבערס. זיי זענען פּינקטלעכע באַזוכערס אויף אַלע זיצונגען, באַטייליקן זיך מיט ישוב־הדעת, ווייסן זיך איינצושטעלן פאַר אַ מיינונג, אָבער גלייכצייטיק נישט צו בלייבן פאַרעקשנט ביי אַ פּאָזיציע, נאָר טאָן אַלע מאָל דאָס נייטיקסטע כדי בעסער צו באַדינען דעם כלל. ביידע מעגן פאַררעכנט ווערן צווישן די נייע דורות, נישט געקוקט אויף דעם וואָס פריינד כאָסע איז אַ ביסל עלטער: סיי ווי האָלט ער נאָך פאַר די פופציק, אַזוי אַרום אַז פוןביידן האָט אונדזער ישוב צו דערוואַרטן אַן ערשטראַנגיקע באַטייליקונג אין זיין צוקונפטיקער אָנפירער־שאַפט. דערפאַר זענען זיי ווייטער פאַרבליבן אויפן צעטל בשעת די לעצטע וואַלן. ביידע זענען זיי אינדוסטריאַלן. קיין גרויס געלט־עשירות האָבן זיי נישט אָפּגעשפּאָרט, אָבער יאָ אַ גוטן נאָמען סיי אין זייער באַשעפטיקונג, סיי אין די קרייזן פון ישוב. ווען מיר טראַכטן וועגן זיי פאַרשטייען מיר, אַז ווי שווער עס זאָל נישט אָנקומען דאָס איינגלידערן נייע מענטשן אין דער קהילה־אָנפירונג, איז יעדער אָנשטרענג כדאַי, ווען מען האָט דאָס מזל צוצוטרעפן מיט מענטשן, ביי וועמען דאָס עסקנות איז אַ באַרוף פון וועלכן זיי וועלן זיך שוין נישט אָפּרייסן.

אַז מיר רעכענען שוין אויס די אָנפירנדיקע פיגורן פון אונדזער קהילה זינט דעם 70סטן יאָר, ווילן מיר אויך דערמאָנען עטלעכע טייערע חברים, וועלכע שטייען שוין נישט ביי אָט דער אַרבעט, אין איין פאַל מחמת פּטירה, אין אַנדערע פאַלן — זאָלן אָפּגעשיידט ווערן צו אַ לאַנג לעבן — איבער כל־המינים סיבות. איך מיין קודם כל דעם פריינד ענריקע לאַם ע״ה, וועלכער איז פון אונדז אַוועקגעריסן געוואָרן דעם 27סטן מאַי 1975; אים האָב איך אויף אַ צווייט אָרט אָפּגעגעבן אַ פול קאַפּיטל, ווי ער האָט זיך פאַרדינט. מיר האָבן אויך דערמאָנט אין באַזונדערע קאַפּיטלען די דאָק־טוירים בערנאַרדאָ אַקערמאַן און בערנאַרדאָ שאַפּיראָ, וועלכע זענען געווען מיינע אויסגעצייכנטע מיטאַרבעטערס אין משך פון אַכט יאָר.

נאָך אַ באַליבטער געוועזענער פאַרוואַלטונגס־מיטגליד: דער קאָ־לאָמביאַנער געבוירענער פריינד בענאָ באָרענשטיין. זיין פאָטער, בערל באָרענשטיין ע״ה, איז געווען איינער פון די ערשטע שטריקער־פאַבריקאַנטן

אין לאַנד. ער האָט געוואָלט געבן זיין זון אַ רעליגיעזע דערציונג און מיט דעם ציל האָט ער אים אין 1946 געשיקט, צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון צען יידישע יונגע לייט, אין אַ ישיבה אין ברוקלין, ניו־יאָרק. נאָכן פאַר־ענדיקן דאָרט זיינע לימודים איז ער צוריקגעקומען אין קאָלאָמביע, אַ באַלאָדענער מיט תורה און מיט פרומקייט, פון וועלכע ער האָט זיך עד־היום נישט אָפּגעקערט. אַ שומר־שבת און שומר־כשרות, אַ געטרייער מתפלל, פירט ער זיינע קינדער אויפן אייגענעם דרך. איבער מאָטיוון וואָס זענען נישט געווען אָפּהענגיק פון זיין ווילן האָט ער געמוזט אַרויסטרעטן פון דער פאַרוואַלטונג. מיר אַלע האָבן עס אויפריכטיק באַדויערט.

פּערזענלעכער טאַלאַנט, ערלעכקייט, סימפּאַטיע און פריינדלעכקייט זענען וויכטיקע פאַקטאָרן אין ציבורדיקער אַרבעט, אָבער זיי זענען נישט גענוג: צו זיי מוז צוקומען דער פאַקטאָר פון מעסיקייט, עלאַסטישקייט, פעיִקייט צוזאַמענצואַרבעטן און איינצוגיין אויף קאָנסטרוקטיווע פּשרות. די בעסטע ראיה פאַר דעם האָבן מיר אינעם פאַל פון צוויי פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער, וועלכע זענען פרייוויליק אַוועק פון די אַמטן אַ פּאָר חדשים נאָכן אויסגעקליבן ווערן אין 1970. איך מיין די פריינד ניקאָ מומבלאַט — אַ וווילער בוקאַרעשטער ייד — און כוליאָ גובערעק.ביידע האָבן אַרויס־געוויזן אינטערעס און פילבאַרקייט פאַר דער קהילה־אַרבעט, אָבער נישט פאַרמאָגט די צופּאַסונג־פעיִקייט זיך איינצוגלידערן אין אַ סטיל ווו אַלץ איז קאָלעקטיוו: די פּלאַנירונג, די אויספירונג און אויך די אַחריות פאַר דעם דורכגעפירטן. זייער צוריקציִען האָט אונדז אַוודאי ווי געטאָן, ווייל אונדזער שטרעבונג איז אַלע מאָל געווען אָנצוהאַלטן די האַרמאָניע אינעם פאַרוואַלטונג־קרייז, אַפילו אין פאַל פון דיסקוסיעס און חילוקי־דעות, וועלכע מיר האַלטן בפירוש פאַר געזונטע און נייטיקע דערשיינונגען. אָבער אַז ס׳איז נישט מעגלעך געווען אָנצוהאַלטן אַזאַ האַרמאָניע, איז מסתמא געווען צום גוטן וואָס דער קריזיס האָט קלאָר געמאַכט דאָס בילד און אונדז דערמעגלעכט אָנצוגיין ווייטער מיט דער אַרבעט, וואָס איז און דאַרף זיין דער איינציקער ציל פון אַלע אונדזערע אינטערעסן.

לאָמיר שוין פאַר איין וועגס דערציילן דעם לייענער עפּעס פון די הינטערקוליסן פונעם צוזאַמענשטעלן דאָס וואַלצעטל אין 1970. מיר האָבן זיך דעמאָלט אָנגעטראָפן אויף אַ סיטואַציע, וואָס איז צום באַדויערן כאַ־ראַקטעריסטיש אינעם לעבן פון אונדזערע אינסטיטוציעס: מיר האָבן נישט געקענט קריגן די נייטיקע צאָל מענטשן מיט דער גרייטקייט מיטצואַרבעטן. אין די חדשים פאַר די וואַלן האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט צענדלינגער מענטשן; כמעט אַלע האָבן געהאַט אַ פול מויל מיט לויב פאַרן גרויסן אויפטו און חשיבות פון דער קהילה, אָבער ווי נאָר מ׳האָט זיי פאָרגעלייגט

אַנצוּנעמען בפועל־ממש אַן אַמט און אַן אויפגאַבע, האָבן זיי זיך אַרויס־געדרייט: „עס איז מיר ליידער דורכויס אוממעגלעך". און קיין 11 קאַנ־דידאַטן האָבן מיר אַלץ נישט געהאַט: צוויי האָבן אונדז צוגעפּעלט. ביז איך בין געפאַלן אויפן געדאַנק: געפינען צוויי פריינד, צוויי פאַרטרויונגס־מענטשן, וועלכע זאָלן אונדז אויסלייען זייערע נעמען צו דערגאַנצן ס׳צעטל און זיך מתחייב זיין צו פאַרבלייבן בלויז נעמען, אָן קיין שום קאָנקרעטער באַטייליקונג. דער דאָזיקער פּאַטענט האָט געווירקט. מיר האָבן אַזוי אַרום צוגענומען די פריינד אַברהם גרינבערג (מיינער אַ קרוב, אַ געבוירענער אין קאַרטאַכענאַ, אַ זון פון ה׳ פעליפּע גרינבערג ע״ה, וועגן וועמען מיר האָבן געשריבן אין ערשטן בוך) און מיין אַלטער פריינד, דער אינדוסטריאַל כאַסע גוטמאַן. זיי האָבן צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט: אונטערגעשריבן דאָס צעטל, אָבער ווייטער פאַרבליבן אין דער מדרגה פון אינו נראהס, פון חשובע געשפּענסטער, אפשר ווי ריכטיקע פאַרויסגייערס פון די מאָ־דערנע פּאַראַפּסיכאָלאָגישע וויסנשאַפטן.

אַגב, אַז מיר דערמאָנען שוין כאַסע גוטמאַנען, וועלן מיר אים באַלד אין גאַנצן פאָרשטעלן, ווייל דאָס איז ממילאַ אַ פיגור וואָס טאָר נישט בלייבן מחוץ אונדזער באַשרייבונג. ער איז אַ לעבנגעבליבענער פון היטלער־חורבן. אַ פּוילישער ייד וואָס איז אָנגעקומען אין קאָלאָמביע אין 1946. אַ קוואַליפיצירטער טעכניקער אויפן געביט פון שטריקעריי. אַ שלאַנקער מענטש, זיין פיגור האָט זיך דורך די אָפּגעלאָפענע דרייסיק יאָר גאָרנישט געענדערט. אַ בלייכער, מיט אויסדרוקפולע אויגן, וואָס שטראַלן אַרויס אַ נאַטירלעכע גוטסקייט. ער האָט אַ סך בייגעטראָגן, מיט זיין טעכנישער צוגרייטונג, צום פּראָגרעס פון דער שטריקעריי־בראַנזשע דאָ אין לאַנד. אָבער נאָך גרעסער איז געווען זיין גייסטיקער ביישטייער פאַר אונדזער ישוב. ער האָט אָן אַן אויסגעהאַלטענע מאָראַלישע ליניע, אין געשעפטלעכן ווי אין ציבורדיקן לעבן. זיין נאָמען רופט אומעטום אַרויס דרך־ארץ. אַ מאָל טוט זיך אַ טראַכט: ווי וואָלטן מיר אויסגעזען ווען אונדזער סביבה באַ־שטייט בלויז און נאָר פון אַזעלכע פּערזענלעכקייטן ווי דאָס איז פריינד גוטמאַן? דאָס וואָלט געווען אידיליש, משיחס צייטן. דער פאַקט איז אָבער, אַז מיר זענען און וועלן אויך ווייטער זיין מענטשן מיט באַשיידענע מעג־לעכקייטן, באַלאָדענע מיט די פאַרשידנסטע פּראָבלעמען פון פּערזענלעכן כאַראַקטער, וואָס באַווייזן דאָך צו געפינען צייט און גוטן ווילן צו אַרבעטן לטובת הכלל, און אויפהאַלטן דאָס יידישע לעבן אין ישוב און אויך זאָרגן פאַר דער מדינה.

אויף די וועגן פון די האַנדלס־רייזנדער

מיין לעצטער באַזוך אין בוקאַראַמאַנגאַ האָט מיר געגעבן אַ געלעגנהייט צו פאַרגלייכן די שטאָט פון היינט מיט דער וואָס איך האָב געזען מיט אַ 35 יאָר צוריק, אויף דעם זעלבן פּלאַץ. איך מיין, אַז דער פאַך פון אַ רייזנדיקן אַגענט, פון אַ קאָמיוואָיאַזשאָר, ווי מיר פלעגן עס רופן אין דער אַלטער היים, איז דאָס בעסטע כּדי צו באַרייכערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די אייגענע באַאָבאַכטונגען און אָפּשאַצונג וועגן מענטשן, פאַקטן און לאַנדשאַפטן; אַזעלכע איינצלהייטן זענען נישט אַנגעגעבן אין די קאָמערציעלע באַשטעלונג־רשימות, נאָר געהערן צו יעדן איינעמס פּערזענלעכער דערפאַרונג.

די באַשעפטיקונג פונעם רייזנדיקן אַגענט, וואָס האָט נישט איינגעאָרדנט זיין קלייט צווישן פיר ווענט, נאָר אויף דער גאַנצער לענג און ברייט פונעם לאַנד, איז די פּאַסיקסטע כּדי אויפצוזאַמלען די פאַרשיידנסטע איינדרוקן, וואָס שייך מענטשן פון די וויטסטע מקומות, שיינע פּייזאַזשן פון בערג, טייכן און פלאַכלענדער פון דער רחבותדיקער קאָלאָמביע.

די פּרעכטיקע שטאָט בוקאַראַמאַנגאַ אַנטפּלעקט זיך איצט פאַר מיר מיט אירע אימפּאַזאַנטע געביידעס, אַלייען, רעזידענציעלע געגנטן, פאַבריקן, אוניווערסיטעטן און פּאַרקן, אויף אַ פּלאַץ ווו ס'איז פריִער בלויז געווען אַ פאַרוואָרפן און קבצנסקע שטעטל. די אויסערגעוויינטלעכע ענדערונג, וואָס זאָגט עדות אויפן אויפטו פון אירע איינוווינערס, האָט פאַרוואַנדלט די שטאָט אין אַ פאָרגעשריטענעם און דינאַמישן באַשטאַנדטייל פונעם לאַנד, און עס בלייבט שוין נישט קיין זכר פון איר אַמאָליקן בראשיתדיקן פּרצוף, וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטן אין אונדזער געדעכעניש.

אין יענער צייט, מיט קנאַפּע פערציק יאָר צוריק, ווען די טאַבאַקבלעטער זענען געווען כּמעט דער איינציקער קענצייכן פון בוקאַראַמאַנגאַ אין איינעם מיטן נאָמען פונעם „גאָלדענעם טייך", איז דאָס פאַך פונעם רייזנדיקן אַגענט געווען ערשט אין די ווינקעלעך. די סוחרים זענען נישט געווען געוווינט, אַז מען זאָל זיי צושטעלן פאַרטיקע סחורה, אָדער מען זאָל זי אָנבאָטן דורך מוסטערן. די דאָזיקע איינפירונג האָט מיט זיך פאַר־

געשטעלט אַן אמתע רעוואָלוציע אויף וועלכער מען לייגט נישט קיין אַכט. אויב מען וועט אַ מאָל שרייבן די געשיכטע פון דער קאָלאָמביאַנער אינדוסטריע און האַנדל, וועט מען דעמאָלט אָפּשאַצן ווי געהעריק דעם פּאַרנעם און די ווירקונג וואָס אָט דער נייער באַרוף האָט געהאַט אויפן פּראָגרעס פונעם דאָזיקן וועלטטייל.

✡

איך קאָן נישט צושרייבן דעם זכות פאַררעכנט צו ווערן ווי אַ פּיאָנער פון די רייזנדיקע אַגענטן אין לאַנד. מיינער אַ לאַנדסמאַן האָט זיך געפּעדערט אין דער דאָזיקער אַרבעט; דאָס איז געווען איסאַק (יצחק) בראַנדווייַן, וועלכער איז אָנגעקומען קיין קאָלאָמביע אין 1928, מיט פיר חדשים פאַר מיר. און אויב איך האָב נישט געלעקט קיין האָניק אין די דאָזיקע „ביזנעס", האָט ער נישט גענאַשט קיין צוקער.

אויב איך מאַך נישט קיין טעות, איז דאָן איסאַק געווען דער ערשטער וואָס האָט אַרומגערייזט דאָס לאַנד, אָנווענדנדיק אָט־דעם נייעם פאַרקויף־סיסטעם לויטן כּלל אַז „אויב דער באַרג קומט נישט צו מאַכמעדן, דאַרף מאַכמעד גיין צום באַרג". לכל הדעות, זענען אויף דעם אופן פאַרקויפט געוואָרן די ערשטע געשטריקטע פּראָדוקטן, און אַזוי האָט זיך אַנטוויקלט אין לאַנד די דאָזיקע היינט־צו־טאָג פאַרצווייגטע אינדוסטריע פון טריקאָטאַזש.

בראַנדווייַן האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פעיִקייט און איניציאַטיוו צו די דאָזיקע זאַכן, און האָט געבראַכט פון וואַרשע עטלעכע פאַכלייט: כוליאַ פאַרביאַזש, אַברהם טשאָסנעק און מאַקס (מאיר־וואָלף), וועלכער איז שוין געהאַט געווען אין לאַנד. מיט דער הילף פון די דערמאָנטע פאַכלייט, האָט ער אויפגעשטעלט די ערשטע שטריקעריי־פאַבריק אינעם בנין „ליוואַנאַ", וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער היינט באַרימטער פאַבריק „טריקאָט". זיי האָבן קודם כּל אויסגעשולט דעם פּערסאָנאַל, אָנהייבנדיק פון סאַמע בראשית, און ענדלעך האָבן זיך באַוויזן אין גאַס די ערשטע פּראָדוקטן.

ס'איז אָבער נייטיק געווען זיך איינצושאַפן קונים צווישן דעם קאָלאָמביאַנער פּובליקום, און דאָן איסאַק האָט זיך גענומען דערצו, און האָט עס דערגרייכט מיט אַ געשיקטקייט וואָס דאַרף אָנערקענט ווערן. דערנאָך איז געקומען די ריי אויף מיר; ווען כ'האָב זיך גענומען צום זעלבן געשעפט, האָט מען מיך געהאַלטן פאַר אַ מסיג גבול, מיינענדיק אַז אין קאָלאָמביע איז נישטאָ קיין פּלאַץ מער ווי פאַר איין טריקאָטאַזש־פאַבריק. הגם איך האָב נישט געפירט קיין גענויע סטאַטיסטיק, ווייס איך אַז פון יענעם ערשטן קערן זענען אויפגעקומען הונדערטער פאַבריקן, נישט רעכענענדיק די

צענדלינגער טויזנטער היימישע שטריקמאַשינען „פּיסאַל״, וועלכע פּראָ־דוצירן סחורה פאַר דער דאָזיקער אינדוסטריע. און ס׳איז דאָ אַ פעלד פאַר אַלעמען.

איסאַק בראַנדווײַן איז געווען אַן ענערגישער און טיכטיקער מענטש, מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אונטערנעמונגס־גייסט. ער איז געווען אַן אויפטוער, וועלכער האָט אויסגעוויזן צו זיין ווי אַ ספּעציעל באַרופענער, כּדי אויפצושטעלן גרויסע אונטערנעמונגען. צו דעם האָט ער גלייכצייטיק פאַרמאָגט אַ טיפע מענטשלעכע סענסיביליטעט, און דאָס דאַרף באַזונדער באַטאָנט ווערן, ווייל נישט שטענדיק געפינט מען אין איינעם די אונטער־נעמונגס־פעיִקייטן מיט אַ געפיל פון מענטשלעכקייט. פאַר אים איז די געשעפטלעכע טעטיקייט געווען אַ מיטל אָבער נישט קיין ציל. אַזוי זענען אויך געווען געאייניקט ביי אים תּורה און סחורה, און די ווענדונג פון זיין געדאַנקענגאַנג צו רעכטס, איז נישט געווען קיין שטערונג פאַר זיין וואַרעמער באַציונג צו מיטמענטשן, צו עמך, און צו דערווייטערן זיך פון דער פראָזאַישער אַטמאָספער פון דער פאַבריק. ער איז געווען אַ מענטש פון הויכן וווּקס און שטאַרקן טעמפּעראַמענט. פון זיינע פריִסטע יאָרן אין זשעלעכאָוו, שפּעטער אין קאָלאָמביע ביז זיין פּטירה אין ישראל, האָט ער געקעמפט מיט אייפער פאַר זיינע אידעאַלן.

✡

ווען מען וואַרפט אַ בליק אויף צוריקצו, און מען פאַרגלייכט דאָס אַמאָליקע קאָלאָמביע מיט איר פרימיטיווער אינדוסטריע, מיט דער היינ־טיקער פאַרגעשריטענער מדינה, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אין די אָפּגעלאָפענע פערציק יאָר איז דערפילט געוואָרן דער ערשטער עטאַפּ, אויף וועלכן עס וועט געבויט ווערן די קאָלאָמביע פון די קומענדיקע יאָר־צענדלינגער. דאָס איינגעדרימלטע לאַנד, פאַרזונקען אינעם שלאָף פון יאָרהונדערטער, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן כּמעט ווי דורך אַ כּישוף, אין אַ מאָדערנעם און פּראָגרעסיוון שטאַט, מיט אַ ברייטער דערפאַרונג אויף אַלע געביטן, און איבערהויפּט מיט אַ ווערזנטלעכער שליחות: צו זאָרגן פאַרן וווילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג, וואָס אַרבעט און באַטייליקט זיך אינעם אויפבוי פונעם לאַנד. די דאָזיקע דרינגענדיקע סאָציאַלע נויטווענ־דיקייט, ענדערט אין אַ ווייטגייענדיקער מאָס דאָס גאַנצע קאָלאָמביאַנער לעבן: די פּאָליטיק, די רעגירונגס־סיסטעמען, טעכנישע אַנטוויקלונג און שטייגערונג פון די קלאַסן און סאָציאַלע שיכטן פון אונטן אויף אַרויף. די דאָזיקע נייע ווירקלעכקייט וועט פאַרוואַנדלען קאָלאָמביע אין אַ וווּנ־

דערלעכן לאַנד, וואָס וועט זיין אין שטאַנד גובר צו זיין אַלע שוועריקייטן אויפן וועג צו אַ בלי̈ענדיקער צוקונפט.

די רייזנדער־אַגענטן, וועלכע פלי̈ען היינט־צו־טאָג מיט „דזשעטן" אין געציילטע מינוטן אין אַלע ריכטונגען פון לאַנד, קאָנען זיך אַפילו נישט פאָרשטעלן ווי אַזוי ס׳איז געווען אַמאָל די רייזע פון איין אָרט צום אַנדערן אין דער פאַרצייטיקער קאָלאָמביע, מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק, אין סאַמע ברען פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז די באַשרייבונג פון די רייזעס איבער קאָלאָמביע נישט געווען מיט אַ סך אַנדערש ווי די פאַרצייטיקע שילדערונג פונעם שרייבער מאַנועל אַנסיסאַר, אין זיין בוך „פּערעגרי־נאַסיאָן דע אַלפּאַ", אָדער פון די באַשרייבונגען פון אַנדערע אַנגעזעענע רייזנדער פונעם 19טן יאָרהונדערט. אַזוי ווי דאָס לאַנד איז געווען אָפּ־הענגיק פונעם אימפּאָרט פון גומי־רעדער, און מחמת דער מלחמה איז איבערגעריסן געוואָרן דער צושטעל, האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, וואָס האָט כמעט ווי פאַרבאָטן די רייזעס מיט אויטאָס כדי צו פאַרשפּאָרן גומי־רעדער, און ס׳איז נישט געווען קיין אַנדערע ברירה ווי שלעפּן זיך מיט דער באַן, אָדער — נאָך ערגער — מיט מויל־אייזלען, וואָס האָט געמיינט צו פאָרן אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. אַמאָל האָט מען זיך געקאָנט אַרויפכאַפּן אויפן וואָגן פונעם מילך־טרעגער אָדער פונעם שפּייז־קרעמער, און מען האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט. דער מאַרשרוט סואַטאַ־קאַפּי־טאַנעכאַ־מאַלאַגאַ האָט געדויערט אַכט שעה, וועלכע זענען בפירוש אַן אָפּקומעניש, איבערן שרעקלעכן שטויב, וואָס האָט געצוווּנגען צו האַלטן אַ טיכל ביים מויל, און אויב דאָס האָט טיילווייז אויסגעמיטן אַז דער שטויב זאָל פאַרקריכן אין האַלדז, האָט ער אָבער פאַרהאַקט דעם אָטעם, אַזוי אַז מען איז שיעור נישט דערשטיקט געוואָרן.

ווען דער וואָגן האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט אַרום ניין אַ זייגער אָוונט אין מאַלאַגאַ, איז דער פּאַסאַזשיר געווען מער טויט ווי לעבעדיק. און ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן צוריק צו קומען אינעם האָטעל „מאַנריקע" מיטן נאַכטמאָל און גוטן געלעגער, האָט מען אים אויפגעוועקט 2 מיט אַ האַלבן אַ זייגער פאַרטאָג כדי צו פאָרצוזעצן די רייזע קיין פּאַמפּלאָנאַ. אין אַ קאַפע־הויז אויפן הויפּטפּלאַץ קאָן דער רייזנדער זיך דערקוויקן מיט אַ טעפּל גוטע קאַווע, וואָס האָט אַ שם אין דער וועלט, און שוין דאַרף ער פאָרן ווייטער — קיין קוקוטאַ, — וואָס מיינט צו זאָגן קרוב צו צוויי טעג אַרומשלעפּן זיך אין שטויב, וואָגלענישן פון איין האָטעל אינעם אַנדערן און נאָך אַזעלכע חבלי נסיעה. דער וועג באַרבאַסאַ־בוקאַראַמאַנגאַ איז נישט געווען קיין סך בעסער.

✡

אין וועלכער ריכטונג מען האָט נישט געזאָלט וועלן פאָרן, האָט מען זיך כסדר אָנגעשטויסן אויף די פאַרשיידנסטע שוועריקייטן. דערפאַר קאָן מען פאַרזיכערן — אויב דער פאָרשריט אין די טראַנספּאָרט־מיטלען קאָן דינען אַלס דערקען־צייכן פונעם אַלגעמיינעם פאָרשריט פון לאַנד — אַז די רייזנדיקע אַגענטן זענען די פּאַסיקסטע מענטשן צו זאָגן עדות אויף דער עוואָלוציע, וואָס דאָס לאַנד האָט דורכגעמאַכט בערך אַ פערטל יאָר־הונדערט. אינעם דאָזיקן צייטאָפּשניט, האָט דאָס לאַנד געלאָזט הינטער זיך עטלעכע יאָרהונדערטער פון אָרעמקייט, צוריקגעשטאַנענקייט און פאַר־וואָרלאָזיקייט. דער „פאַרבאַנד פון די רייזנדיקע אַגענטן" האָט מיט אייגענע אויגן צוגעזען די דאָזיקע פאַרענדערונג, און האָט זי אויסגעטראָגן „אויף די אייגענע פּלייצעס".

אַפּקלאַנגען פון צווייטן וועלטקריג

בעת איך גיב איבער פּאָר מיינע לייענערס פּרטים און דאַטן וועגן דער אַנטשטייונג פון דער יידישער געמיינדע אין קאָלאָמביע, קאָן איך נישט דורכלאָזן אַן אַנגעווייטיקט קאַפּיטל אין דער דאָזיקער געשיכטע, אין דער צייט פון צווייטן וועלטקריג.

אין 1938 איז אויסגעוויילט געוואָרן ווי אַ מלוכה־פּרעזידענט אין קאָלאָמביע דער לעצטנס פאַרשטאָרבענער שטאַטסמאַן עדואַרדאָ סאַנטאָס מאָנטעכאָ; פּראָפ׳ לויס לאָפּעז דע מעסאָ איז באַשטימט געוואָרן ווי אַן אויסערן־מיניסטער, און אויפן אַמט פון סעקרעטאַר פון אויסערן־מיניס־טעריום איז באַשטימט געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער פּרעסטיזשפולער קאָלאָמביאַנער צייטונג „על טיעמפּאָ״, ראָבערטאָ גאַרסיאַ פּעניאַ.

דער יידישער ישוב אין לאַנד האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די דאָזיקע דריי שיינגייסטער פון דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק, וועלכע זענען געווען באַוווּסט מיט זייערע דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען. די צייט איז געווען אַ ביטערע ביז גאָר פאַרן אייראָפּעיִשן יידנטום, מחמת די היטלער־רדיפות, און מיר זענען געווען זיכער אַז גאַרסיאַ פּעניאַ איז דער ריכטיקער מענטש אויף צו ווירקן — פון זיין הויכן אַמט, — לטובת דער רעטונג פון די פאַרפאָלגטע יידן אין אייראָפּע, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין קאָלאָמביע. מיר האָבן טאַקע נישט געמאַכט קיין טעות אין דער הינזיכט; גאַרסיאַ פּעניאַ האָט געטאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע מעגלעכקייטן, כדי צו ראַטעווען פון אומקום אונדזערע ברידער אינעם נאַציסטיש־אייראָפּעיִשן גיהנום — כל זמן דאָס באַשטימונג־רעכט אויף דעם געביט איז געלעגן אין זיינע הענט — און למען האמת דאַרף מען זאָגן, אַז אַלע צוגעשטעלטע בקשות צום אויסערן־מיניסטעריום, זענען פּאָזיטיוו גוטגעהייסן געוואָרן דורכן ליבעראַלן און רעכטדענקענדיקן פּובליציסט און שטאַטסמאַן. אַ גרויסע צאָל יידן, וועלכע פירן היינט אַ נאָרמאַל לעבן און אַנטוויקלען אַ פּראָדוקטיווע טעטיקייט אין לאַנד, האָבן אים צו פאַרדאַנקען וואָס זיי זענען געבליבן לעבן.

✡

אָבער אין איינעם אַ טאָג, נישט אין אַ שיינעם טאָג, נאָר אין אַ פינצ־

טערן טאָג, האָט די שטימונג זיך פולשטענדיק געענדערט אינעם אויסערן־מיניסטעריום. עס האָט אויסגעזען, אַז די פּאָליטיק פון די רעגירונג־באַהערדן צו דער ברענעדיקער פּראָבלעם פונעם אייראָפּעיִשן יידנטום אויפן ראַנד פון אומקום, האָט אָנגענומען גאָר אַן אַנדער ווענדונג: נעמלעך, אויף דער פאָדערונג פונעם דעמאָלטיקן אויסערן־מיניסטער, האָט יעדע ביטע אויף אַן אַריינפאָר־דערלויבעניש געדאַרפט באַטראַכט ווערן דורך אים פערזענלעך, און זינט דעמאָלט — דאָס איז געווען נאָך פאַרן אויסברוך פון צווייטן וועלטקריג — איז געצוימט געוואָרן דער אימיגראַציע־שטראָם פון יידן, וואָס האָבן פאַרצווייפלט געזוכט אַ רעטונג פון דער נאַציסטישער געפאַר. דער אומגעריכטער קער אין דער אָפיציעלער פּאָליטיק, און די אומפאַרשטענדניש מצד די באַטרעפנדיקע אויטאָריטעטן פון יענער צייט, איז פאַר אונדז, יידן, געווען אַ שווערע אַנטוישונג. דער צוקונפטיקער קאָלאָמביאַנער היסטאָריקער וועט געוויס אַ מאָל זיך אָפּשטעלן אויפן דאָזיקן עפּיזאָד, וואָס איז נישט אַדורך אומבאַמערקט אין לאַנד, און האָט אַרויסגערופן אַ שטורמישע פּאָלעמיק.

זאָל דאָ באַטאָנט ווערן, און זאָל עס בלייבן שוואַרץ אויף ווייס, צום כבוד און שבח פון דער קאָלאָמביאַנער עפנטלעכער מיינונג, פּרעסעוועזן און קולטור־קרייזן, אַז דער אומבייט אין דער מלוכהשער באַציִונג צו דער יידישער טראַגעדיע, איז אויפגענומען געוואָרן מיט העפטיקע פּראָטעסטן און אומצופרידנקייט דורך דער עפנטלעכער מיינונג און דורך דעם פּרעסעוועזן. דער פּרעסטיזשפולער קאָלומניסט פון „על טיעמפּאָ", קאַליבאַן ענריקע סאַנטאָס מאָנטעראָ, דער עלטערער ברודער פונעם דעמאָלטיקן פּרעזידענט, האָט געטאַדלט די אָפיציעלע האַנדלונג אין זיין רובריק „לאַ דאַנסאַ דע לאָס האָראַס", און געזאָגט צווישן אַנדערן, אַז ס'איז ווייט נישט אויסגעהאַלטן אַזאַ אומברחמנותדיקייט מצד אַ מענטשן, וועלכער איז גענעאַלאָגיש פאַרבונדן מיט דעם פאָלק וועמענס מיטגלידער ער זאָגט איצט אָפּ אַזיל־רעכט.

ער האָט געזאָגט, אַז פון דער פּראָווינץ אַנטיאָקיאַ, ווו דער דערמאָנטער אויסערן־מיניסטער איז געבוירן געוואָרן, האָבן געשטאַמט נישט ווינציקער ווי 26 קאָלאָמביאַנער פּרעזידענטן, זינט דער אומאָפּהענגיקייט־תקופה, און האָט געפאָדערט נישט צו פאַרשוועכן זייער אָנדענק און זייערע אידעאַלן מיט דער שנאת ישראל־פּאָליטיק. אַנטיאָקיאַ, ווי באַוווּסט, איז קאָלאָניזירט געוואָרן דורך די מאַראַנען, און ס'איז נישטאָ דאָרט קיין אַדעליקע פאַמיליע, אין וועלכער עס רינט נישט קיין יידיש בלוט.

בעת עס זענען אַנטשטאַנען די האַרבע דיסקוסיעס אינערהאַלב דער פּאָליטיש־אינטעלעקטועלער סביבה, וואָס איז געווען אַמנאָנטסטן צו מלכות,

וועגן דער צוועקמעסיקייט צו באַזעצן אימיגראַנטן־גרופּעס — ספּעציעל יידישע — אין לאַנד, זענען שטענדיק געווען אַנגעזעענע פאַרשטייערס פון דער קולטורוועלט, פּאַרלאַמענט און פּרעסעוועזן, וועלכע האָבן אָנ־גענומען אַ פּאָזיטיווע שטעלונג און געלאָזט הערן זייער וואָרט לטובת די יידן־פּליטים.

☆

די סענאַטאָרן אַלפאָנסאָ קאַסטראָ און אַבראַהאַם אַטשאַ האָבן אַפּעלירט פון דער פּאַרלאַמענט־טריבונע; די שרייבערס גיזשערמאָ וואַלענסיאַ און באַלדאַמעראָ סאַנין קאַנאָ, זענען געשטאַנען כסדר אויף דער זייט פונעם היגן יידנטום מיט ראַט און טאַט, און צווישן די זשורנאַליסטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער הומאַניטאַרער שטאַנדהאַפטיקייט אַרמאַנדאָ סאַ־לאַנאַ און עדואַרדאָ סאַלאַמעאַ באָרדאַ (באַקאַנט מיטן פּסעוודאָנים „אולי־סעס"), די רעפערענטן און פען־מענטשן לויִס ווידאַלעס, דאַיאָ סאַמפּער און פעליפּע ליעראַס קאַמאַרגאָ, כּדי צו דערמאָנען בלויז די סאַמע פּרעס־טיזשפולע פאַרשטייערס פון דער קאָלאָמביאַנער אינטעליגענץ, און וואָס שייך די פּאָליטישע פיגורן, האָבן מיר געהאַט אויף אונדזער זייט נישט מער און נישט ווייניקער ווי דעם גרויסן פאָלקס־פירער, קאַרלאָס עליעזער גאַיטאַן.

בקיצור, די „שמנא וסלתא" פונעם קאָלאָמביאַנער נאַציאָנאַלן לעבן אויף אַלע געביטן, האָט זיך אָנגענומען פאַרן אַריינלאָז פון די געראודפטע און פון טויט־באַדראָטע אייראָפּעיִשע יידן. די אַנטיסעמיטישע דערשיי־נונגען, זייער זעלטענע און איזאָלירטע, ווייל דאָס איז נישט אין גייסט פון דער קאָלאָמביאַנער אומה, האָבן נישט געווירקט אויף אַ דראָענדיקן אופן אויף אונדזער ציבורדיקן לעבן. ס'איז פאַר אונדז שטענדיק געווען אַ דערמוטיקונג און אַ סטימול, וואָס האָט אַריינגעגעבן אין אונדזערע הערצער אַ זיכערקייט־געפיל, די איבערצייגונג אַז די שיינגייסטער פון לאַנד מיט וועלכע מען רעכנט זיך אויף שריט און טריט, זענען אויף אונדזער זייט.

זאָל דער חשובער לייענער נישט מיינען, אַז די כוונה פון אַט־דעם קאַפּיטל איז אַרויסצורופן אַ שוין פון לאַנג פאַרגעסענעם פּאַרדרוס אויף די דעמאָלטיקע פירערס, אויף דער קאָלאָמביאַנער שטאַטלעכקייט; ס'איז אָבער אויך נישט מיין שטייגער צו פאַרשווייגן אַזעלכע היסטאָרישע פאַקטן, ווייל די געשיכטע ברענגט זיי אַרויס פריִער אָדער שפּעטער אויף דער ליכטיקער שיין, און אויב איך וועל זיי נישט פאַרעפנטלעכן — וועט עס טאָן אַן אַנדערער. אַט־דאָס וויל איך באַטאָנען, ווי אויך פעסטשטעלן מיט

אינטימער צופרידנקייט, אַז אין קאָלאָמביע איז אוממעגלעך, אַז ראַסיס־טישע און גענאָסיד־פּראָפּאַגאַנדע, ווי די באַוויזענע אין נאַצי־דייטשלאַנד, זאָלן האָבן אַ פּעולה. אַגב, דאַרפן מיר מיט באַדויערן צוגעבן, אַז די גאַנצע „קאַשע איז פאַרקאָכט געוואָרן" דורך אַ היימישער מסירהלע, וועלכע דער ריכטער און די עפנטלעכע קאָלאָמביאַנער מיינונג, האָט אָפּגעוואָרפן.

למען האמת דאַרף פאַרצייכנט ווערן אין דער כראָניק פונעם יידישן לעבן אין קאָלאָמביע, דער דאָזיקער אָנגעוויטיקטער עפּיזאָד, כדי ער זאָל נישט פאַרגעסן ווערן. זאָלן אַלע וויסן מיט וויפל מוט און פאַרשטענדעניש האָבן די בעסטע קאָלאָמביאַנער זיך געמאַכט דעם שווערן און העלדישן געראַנגל פאַר דער רעטונג פון די פאַרפאָלגטע יידן אין איראָפּע. דאָס וועט זיין אַן אייגנאַרטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פונעם קאָלאָמביאַנער יידנטום.

די יאָרן לויפֿן, אָבער זיי בלייבן אין אונדז...

מיין שרייבערישער גייסט לאָזט מיך נישט רוען, און מאָנט ביי מיר צו סילוקן אַ לאַנגסטיקן חוב, וואָס איז שוין אַלט צענדלינגער יאָרן. שוין טאַקע קרוב צו 50 יאָר ווי איך ווין אויף קאָלאָמביאַנער באָדן, כמעט די גאַנצע צייט אין דער הויפּטשטאָט באָגאָטאַ, און איך האַלט פֿאַר אַ מאָראַלישער פֿליכט צו דערציילן עפּעס וועגן דער פֿאַרגאַנגענהייט און וועגן דער שפּרודלדיקער אַנטוויקלונג פֿון דער גרויסער שטאָט. אַ ספּעציעלן נאָסטאַלגיע־געפֿיל רופֿט אַרויס ביי מיר די אַלטע באָגאָטאַנער געגנט סאַן דיעגאָ, מיט אירע אָרעמע הייזקעס ווי שטייגן, דאָס ביסל דלות צונויפֿגעדריקט צווישן שמאָלע און ברודיקע געסלעך, און די איינוווינערשאַפֿט, וואָס איז באַשטאַנען פֿון לוסטיקע קבצנים און אַלע מינים פּראָטאַטיפּן פֿון מענטשלעכער מיזעריע.

סאַן דיעגאָ האָט זיך זייער שטאַרק געענדערט אין פֿאַרלויף פֿון די עטלעכע יאָרצענדלינגער. ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד האָב איך די ערשטע עטלעכע מאָנאַטן געוווינט אין דער געגנט „לאָס קרוסעס"; שפּעטער האָב איך געטוישט מיין וווינפּלאַץ און זיך אַריבערגעקליבן אין דער געגנט „לאָס ניעוועס" — אַקוראַט אויף „קאַרערא נאָוועגאַ" און די 19טע גאַס. דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון דער אויסברייטערונג פֿון די שטאָטישע קוואַרטאַלן אין צפֿון־טייל פֿון באָגאָטאַ; און געוויסע געגנטן, וועלכע זענען פֿריִער געווען פֿאַרגעסן פֿון גאָט און פֿון לייט, זענען דעראָבערט געוואָרן פֿאַרן אָנקומענדיקן פּראָגרעס.

ס'איז נישט דאָס זעלבע צו וווינען אין „לאָס ניעוועס" ווי אין „לאָס קרוסעס"; פֿאַראַן צוויי אונטערשיידן: די ערשטע איז אין סאַמע צפֿון פֿון באָגאָטאַ און די צווייטע אין אַן אַנדערן עק — אין סאַמע דרום, און אַ חוץ דעם (און דאָס איז אפֿשר דער עיקר־אונטערשייד), איז „לאָס ניעוועס" באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אַריסטאָקראַטישע געגנט, בעת „לאָס קרוסעס" איז געווען דאָס קאָלאָמביאַנער קבצנסק, און איך בין זיך משער, אַז מיינע פֿריינד פֿון דער 4טער גאַס, פֿון מאַקס שאַפּיראָס רעסטאָראַן, זענען מיך מקנא געווען און געוויס געגנוג אויסגערעדט אויף מיר אין יענער צייט. איך בין נישט בכּוח דאָ פֿעסטצושטעלן אויף זיכער, אָבער ס'איז גאַנץ וואַרשיינלעך אַז די צוויי גרופּעס, וועלכע האָבן זיך דעמאָלט געשאַפֿן

לויט זייערע וווינערטער, זענען געווען די פּאַרגייערס פון אַזוי־באַקאַנטע צווייפליגלען אין אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן: די „לאָרדן" און די „באָרוועסע", וואָס מיינט צו זאָגן די אַרויפגעאַרבעטע נגידים, און די „לא עליכמניקעס"... די אביונים, דלפונים, די אָרעמע־לייט פון אַלע מינים.

☆

מען האָט מיר דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ צייט ווען די זיווגים אין קאָלאָמביע פלעגן דורכגעפירט ווערן דורך די עלטערן פון חתן־כלה, וועלכע האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער צוקונפט פון זייערע קינדער. משמעות, נישט מער און נישט ווייניקער אַזוי איז עס געווען די טראַדיציע פון דער יידישלעכער שדכנים־אינסטיטוציע, וועלכע איז געווען אַזוי איינגעוואָרצלט אינעם פאָלקסטימלעכן לעבן־שטייגער פון די אַלטע יידישע קהילות. אָבער היות אַלצדינג ענדערט זיך מיט דער צייט, און אויפן ערשטן אָרט די סאָציאַלע פּירונגען, איז דער דאָזיקער מנהג פאַרשוווּנדן סיי אין קאָלאָמביע און סיי צווישן אַחינו בני ישראל אין אַלע אַנדערע מקומות. בחורים און מיידלעך היינט־צו־טאָג ווערן באַלד זעלבשטענדיק, און די מיינונג פון עלטערן גייט זיי אָן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי. ווען עס קומט צו ממתקים דאַרפן זיי שוין גראָד יאָ אָנקומען צו די עלטערן, און דעמאָלט ווייסן טאַטע־מאַמע נישט צו זאָגן „ניין"; אַלץ גיט מען נאָך די צעפּיעשטשעטע קינדער. ווען זיי אַנטוישן זיך אין זייער „היפּיס" (עיפּוש)־לעבן, און קומען צום שכל — מערסטן נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין געזנוג אָנגעליטן און זיך אַנטוישט אין די „דערפאַלגן" פון זייער זעלבשטענדיקייט, — דערמאָנען זיי זיך, אַז זיי האָבן עלטערן (אויב ס'איז נאָך נישט צו שפּעט), און האָרכן אַ מיינונג פון אַ דערפאַרענעם טאַטן אָדער מאַמען.

☆

דער אונטערגאַנג פון די „גערעדטע שידוכים" האָט פון דעסט וועגן עפּעס בייגעטראָגן צו בעסערן די באַציִונגען צווישן די פאַרשיידענע שיכטן פון דער קאָלאָמביאַנער יידישער און נישט־יידישער געזעלשאַפט. עס זענען ביסלעכווייז פאַרשווּנדן די שפּאַלטונגען און צעטיילונגען צווישן „לאָרדן" און באָרוועסע", און אַלע האָבן זיך געאייניקט אין דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט אונטערן צייכן פון פּראָגרעס, און מיטן בליק צו דער צוקונפט, ווייל דעם אמת געזאָגט, האָט די יוגנט ווייניקער מקפּיד געווען אויפן „אַריסטאָקראַטישן" יחוס, און ס'איז פאָרגעקומען אַ „מאַסן־אַסימילאַציע" —

אַ שמעלצטאָפּ — פון „לאָרדן" מיט „באָרוועסע", וואָס האָט פאַרשאַפט נישט ווייניק „חרפות" אַ סך עלטערן פון דעם „לאָרדן" קלאַס...

ווי האָט געזאָגט דער זיידע ר' מענדעלע: לאָמיר אָפּלאָזן דעם בן־מלך און זיך נעמען צו דער בת־מלכה. מיינע ערשטע יאָרן אויף קאָלומבוסעס ערד זענען געווען גאָר נישט קיין גרינגע; אין אַן אַנדער קאַפּיטל האָב איך שוין דערציילט וועגן מיין אַריינטריט אין די היגע מסחר־קרייזן דורך דער באַשיידענער באַשעפטיקונג פון פּעדלעריי. טאָג־טעגלעך פלעג איך אַרויסגיין פון שטוב גלייך מיטן מאָרגנשטערן, דורך דער 27סטער גאַס (ווו ס'איז שפּעטער איינגעשטעלט געוואָרן דער „סאַנטאַ מאַריִאַ"־צירק), ביז „קאַררעראַ קינטאַ"; פון דאָרט פלעג איך זיך פאַרנעמען צו קלעטערן ווייטער דורך דער 32סטער אָדער 33סטער גאַס ביז „קאַררעראַ פּרימעראַ". אין דער אומגעגנט פונעם באָליוואַר־פּלאַץ און אַגואַנועוואַ איז געווען מיין „שלאַכטפעלד"; אָפט מאָל, פלעג איך מיט מיין קלאַפּ אין דער טיר אויפוועקן די באַלעבאָסטעס, און מערער מאָל פלעג איך זיי שוין טרעפן ביי דער אַרבעט פון מאַכן פייער, צוגרייטן פרישטיק, וואַשן וועש, אויפרוימען די אָרעמע וווינונג אָדער גאָר צערעווען זאַקן. דאָס זעלבע אין די וואָכנטעג און דאָס זעלבע זונטיק. איין זאַך איז כּדאַי צו באַטאָנען: די „מאַריִעס" — ווי מיר פלעגן זיי רופן — האָבן נישט געלאָזט אַוועקגיין מיט קיין ליידיקע הענט, און פלעגן צאָלן זייערע חובות צו פּופּציק סענט אָדער אַ פּעזע, און דערצו נאָך מיט אַ העפלעכן שמייכל. זונטיק, דער אָפיציעלער רוטאָג, פלעג איך, ווי אַלע „קלאַפּערס", באַזוכן מיינע קליִענטן, כּדי צו אויפמאָנען די וועכנטלעכע קוואָטעס.

☆

סאַן דיעגאָ איז געווען אין יענער צייט די אָרעמסטע געגנט פון באָגאָטאַ; מענטשן דאָרט האָבן פּשוט נישט געהאַט מיט וואָס דעם טאָג איבערצוקומען, געלעבט אין שטענדיקער נויט און שוצלאָזיקייט. און דאָך הערט און שטוינט! אָט־די אומגליקלעכע לייט, וועלכע האָבן נישט געוווּסט פון קיין לעבן אויף דער וועלט, ביי וועלכע דער דלות איז געווען זייער טאָג־טעגלעך ברויט, האָבן געהאַט די בעסטע פריינדלעכע באַציִונג צום וואַנדערנדיקן סוחר, און אים געעפנט ברייט די טירן פון זייערע אָרעמע וווינונגען. דאַקעגן פלעגן דווקא די איינוווינערס פון די בעסערע שטאָט־ראַיאָנען (נישט קיין רייכע חלילה, נאָר אַ ביסל אַרויפגעאַרבעטע), קוקן אויף אונדז מיט אומצוטרוי און חשד, ווי זיי זאָלן מורא האָבן מען זאָל זיי נישט קומען צונישט מאַכן זייערע שטרעבונגען אַרויפצוקלעטערן מיט אַ שטאַפּל העכער אויפן סאָציאַלן לייטער. זיי האָבן וואַרשיינלעך געמיינט,

אַז מען פֿאַרגינט זיי נישט, אַז מ׳איז זיי מקנא זייער ווילשטאַנד, מ׳שטיינס געזאָגט. אָבער אין די סאַמע קבצנסקע געגנטן סאַן דיעגאָ און פּערסעווע־ראַנסיאַ, זענען די מענטשן געווען געקנאָטן פֿון אַן אַנדער טייג; מען האָט פֿאַרבעטן דעם פֿעדלער אין שטוב אַריין, כאָטש אינעווייניק האָט די נויט אַראָפּגעווײנט פֿון אַלע ווענט, און גאַנץ אָפט פֿלעגט די באַלעבאָסטע אַפילו מכבד זיין מיט אַ שוואַרצער קאַווע בעת זי אַליין האָט צו מאָל נישט געהאַט קיין שפּייז פֿאַר זייערע קינדער. און ווען מ׳איז שוין געוואָרן צווישן זיך היימיש, פֿלעגן די דאָזיקע פּשוטע פֿאָלקסמענטשן זיך צערעדן וועגן זייער ביטערער דאָליע און זייערע דאַגות־פּרנסה, מיט אַ ווייטיק אין האַרצן וואָס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין.

☆

דאָס אַמאָליקע סאַן דיעגאָ איז שוין היינט בלויז אַ דערינערונג; נישטאָ כמעט קיין זכר פֿון די פּיינלעכע בילדער, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צוצוזען מיט עטלעכע יאָרצענדליגער צוריק. די גאַנצע שטאָט פֿראָגרעסירט מיטן לויף פֿון דער צייט, און מיט איר אויך סאַן דיעגאָ. דאָס איז נישט קיין איזאָלירטע דערשיינונג; די אָרעמע געגנטן אינעם גרעסטן טייל פֿון די ריזיקע וועלט־מעטראָפּאָליעס ווערן ביסלעכווייז אַראָפּגענומען פֿון דער מאַפּע, און אויף זייער אָרט קומען מאָדערנע בנינים.

געוויס איז נאָך פֿאַראַן ביזן היינטיקן טאָג אַ קאָלאָסאַלער מהלך צווישן דעם עקאָנאָמיש־סאָציאַלן מצב פֿון די גבירישע אַריסטאָקראַטישע פֿאַמיליעס, און די נויטבאַדערפטיקע שיכטן פֿון דער באָגאָטאַנער באַפעלקערונג, אָבער ס׳איז קענטיק, אַז אויך פֿאַר די לעצטע דערנענטערט זיך מיט גרויסע טריט דער פּראָגרעס. באָגאָטאַ האָט מיט פֿערציק יאָר צוריק געהאַט דריי הונדערט טויזנט איינוווינערס, און היינט איז זי אַ כּרך פֿון אַ גאַנצע דריי מיליאָן, און די בויונג קאָן אַזוי גיך נישט נאָכלויפֿן דעם וווּקס פֿון דער באַפעלקערונג. אין דעם זעלבן סאַן דיעגאָ, וואָס איז דעמאָלט געווען באַוווּסט מיט די שמוציקע געסלעך און אָרעמאַנסקע כאַטעס, געפֿינען זיך ביים היינטיקן טאָג ריזיקע האָטעל־געביידעס, קינאָזאַלן, נאַכט־געשעפֿטן, אַלייען, פֿאַרקן און מאָדערנע בויווערק, וועלכע האָבן בכלל געענדערט דעם אויסזען פֿונעם אַמאָליקן באָגאָטאַנער קבצנסק. דער ריזיקער האָטעל „הילטאָן״, מיט זיינע 40 שטאָק, רייסט זיך פֿאַרשייט צו גאָטס הימלען. פֿאַראַן נאָך אויך אַנדערע 30 און 40 שטאָקיקע געביידעס.

די אַלטע פֿאַרקן „אינדעפּענדענסיאַ״ און „סענטענאַריאָ״ האָבן היפּש געענדערט זייער אַמאָליקן פּרצוף און ס׳איז שווער זיי צו דערקענען. ברייטע גאַסן פֿון אַלע זייטן און מאָנומענטאַלע וואָלקנקראַצערס זאָגן עדות אויפֿן

גאַנג פון די יאָרן; די צייט לויפט נישט פאַרביי אומזיסט: זי לאָזט נאָך זיך שפורן. עס זענען פאַרשווונדן די כאַראַקטעריסטישע עוקאַליפּטוס־ביימער פונעם פּאַרק „סענטענאַריאָ", און פונעם באַליוואַר־פּלאַץ זענען נעלם געוואָרן די נויט־וווינונגען. דאָס זעלבע וועט האָפנטלעך געשען בקרוב אין די איבעריקע געגנטן, וועלכע זענען פון היגיענישן און אַרכי־טעקטאָנישן שטאַנדפּונקט, נישט אין איינקלאַנג מיט דער תקופה אין וועלכער מיר לעבן.

מיט דער מאָדערניזאַציע פונעם שטאָטישן בויוועזן און די דערהייבונג פונעם לעבנסניוואָ פון דער נויטבאַדערפטיקער מענטשן־מאַסע, וואָס בילדעט נאָך ליידער אַ גרויסן פּראָצענט פון דער היגער באַפעלקערונג, וועט גע־לייזט ווערן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די סאָציאַלע פּראָבלעם פון פאַר־ברעכערישקייט, וואָס איז אַן אָפטע דערשיינונג ביי דער אָרעמער איינ־ווינערשאַפט. די קינדער פון די דאָזיקע היימען, ווו זיי ליידן כסדר הונגער און דחקות, גייען אַראָפּ גאָר יונג פונעם גלייכן וועג. מינדעריאָריקע ייִנגלעך ווערן גנבים און רויבערס — ווען נישט קיין מערדערס, — און מיידלעך ווערן אַריינגעצויגן אין דער נעץ פון זנות. די אויפריכטונג און ווילשטאַנד פון די דאָזיקע שיכטן וואָלט אומגעהייער מיטגעהאָלפן לייזן די דערמאָנטע מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען אין לאַנד. גלייכ־צייטיק וואָלט באַזייטיקט געוואָרן דאָס אומהיימלעכע בילד פון די נויט־געגנטן, ווו טויזנטער מענטשלעכע וועזנס פירן אַ פיינלעך און אומווירדיק לעבן, שטאַרבן אויס פון קראַנקייטן און אונטערדערנערונג. די אויסגע־רעכנטע פאַקטן זענען געוויס נישט קיין כבוד פאַרן לאַנד; לאָמיר האָפן, אַז דער שטראָם פונעם פאָרשריט וועט אויך באַזייטיקן די דאָזיקע פּלאָג.

☆

איין זאַך וועט אָבער בלייבן אומגעענדערט: דאָס אַמאָליקע סאַן דיעגאָ אין די דערינערונגען פונעם אימיגראַנטישן פּעדלער, וועלכער האָט דאָרט געשטעלט זיינע ערשטע טריט און געפונען אַ פריינטלעך־צוגעלאָזענע באַ־ציִונג ביי זיינע קונים — די אָרעמע אומבאַמיטלטע מאַסע. איצט וועל איך שוין נישט באַגעגענען מערער די אַלטע כאַטעס פון דער סאַן דיעגאָ־אָרעמשאַפט, און ווען כ'וועל אויף זייער אָרט געפינען די פּילשטאָקיקע געביידעס און די פּראַכטפולע שפּאַציר־פּלעצער, וועט מיך דורכנעמען אַ בענקשאַפט. איך וועל האָבן פאַר זיך נאָך אַ באַווייז, אַז די יאָרן לויפן, און מען ווערט נישט ייִנגער, נאָר עלטער. ווי ס'זאָגט אַ שפּאַניש שפּריכ־וואָרט: „די יאָרן לויפן, אָבער זיי בלייבן אין אונדז"...

„פּאַרקע גאַיטאַן", אַמאָל און היינט

ערשט דאָ נישט לאַנג בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ כאַראַקטעריסטישן פּלאַץ אין דער קאָלאָמביאַנער הויפּטשטאָט, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט זינט אַ סך יאָרן, און כ'האָב אים אומגעריכט געטראָפן אַזוי פאַרענדערט, אַז עס האָט מיר עפּעס ווי אַ שטאָך געטאָן אין די אויגן. ס'טייטש? — האָב איך געפרעגט אַליין ביי זיך, — איך בין שוין אַן אַלטער ייד; איז ווי קומט עס איך זאָל זיך נעמען אַזוי צום האַרצן, וואָס מען האָט געענדערט די פיזיאָנאָמיע פונעם טראַדיציאָנעלן „פּאַרקע גאַיטאַן"?

מיר לעבן דאָך אין אַ צייט ווען אַלצדינג ווערט געטאָן מעכאַניש, דאָס הייסט מיטן ריטעם און שווונג פון אַ מאַשין; קיינער האָט נישט קיין צייט פאַר אַ ביסל רוחניות. איבער אַלץ און אַלעמען הערשט אויף אַ דעספּאָטישן אופן דער זייגער. יעדער איינער איז פאַריאָגט, מען לויפט, מען האָט קיין צייט נישט, מ'איז אונטערגעוואָרפן די שעהען און מינוטן, און עס בלייבט נישט קיין צייט זיך אַרומצוקוקן אַ ביסל אויף דער שיינקייט פון גאָטס וועלט.

שוין גאָרנישט געבליבן פונעם אַמאָליקן שטייגער, ווען ס'איז געווען אַ פרייע שעה פאַר זיך און פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועקן, און ערשט דערנאָך האָט מען אַפילו געהאַט צייט צו פאַרברענגען ביי אַ קאַפע־טישל מיט חברים און נאָך דעם זיך אַריינכאַפּן אין פּאַרק. אָבער היינט איז דער גאַנצער לעבנסאַרט אַן אַנדערער; קודם־כל, איז דער טאָג אומגעהייער קורץ; איידער מען גיט זיך אַ ריר איז ער שוין אַריבער, און אַזוי אויך דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן. די זאָרגלאָזע געמיטלעכקייט, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט דעם מענטשן, ביז מיט עטלעכע יאָרצענדלינגער צוריק, איז פולשטענדיק נעלם געוואָרן. דאָס איז אויך אַ רעזולטאַט פון דער טיפער פאַרענדערונג אין די ווערטן און מאָראַלישע מאָסשטאַבן. אין אַמאָ־ליקע צייטן, ווער עס האָט געוואָלט זיך אַרויפאַרבעטן און דערגרייכן אַ בעסערע פּאָזיציע אויפן סאָציאַלן לייטער פאַר זיך און זיין משפחה, האָט ער זיך גענומען אין די הענט אַריין און לאַנג געהאָרעוועט ביז ער האָט עס דערגרייכט. אָבער היינט איז אין גאַנצן אַנדערש; מענטשן זענען געוואָרן „קליגער": וואָס דאַרף מען יאָרן־לאַנג פאַרשוואַרצט ווערן, כּדי צו מאַכן אַ שטיקל פאַרמעגן, אַז מען קאָן ווערן אַ גביר פון איין טאָג אויפן אַנדערן? מענטשן זענען נערוועז, האָבן נישט קיין צייט און קיין געדולד, און ווילן

וואָס גיכער אַריינכאַפּן. יאָ ערלעך, נישט ערלעך, דאָס איז שוין היינט־צו־טאָג אַ קנאַפּער חילוק. אין דעם מאָמענט איז וויכטיק בלויז דער ציל: — עשירות, און נישט די מיטלען. ס'איז אַזוי ווייט דערגאַנגען די גרינג־שעצונג פון עטישע פּרינציפּן און מידות טובות, אַז דער וואָס גייט בלויז אויפן גלייכן וועג און פירט זיך אָרנטלעך, ווערט באַטראַכט פאַר אַ „יאָלד".

☆

וועט איר דאָך פרעגן, און מיט רעכט, מה ענין שמיטה אצל הר סיני? ווי קומט איינס צום אַנדערן, ווי קומען אָט־די אַלע פילאָסאָפישע דיגרע־סיעס צו דער מעשה מיטן „פּאַרקע גאַיטאַן"? איז דער ענטפער אַ פּשוטער: באַטראַכטנדיק די פאַרענדערטקייט פונעם דאָזיקן פּאַרק, וואָס איז מיר געווען היימיש זינט מיינע ערשטע יאָרן אויף דער קאָלאָמביאַנער ערד, איז מיר געקומען אויפן געדאַנק, אַז דער פּאַרק איז גאָר אין גאַנצן אומשולדיק; ער האָט געביטן זיין אויסזען פּראָסט און פּשוט ווייל ער מאַכט דורך די ענדערונגען פון דער צייט, ער „גייט מיטן שטראָם". האָב איך דעריבער באַשלאָסן צו דערציילן פאַר מיינע אייניקלעך די געשיכטע פונעם „פּאַרקע גאַיטאַן", געמישט מיט מיינע פּערזענלעכע דערינערונגען, מיט דער האָ־פענונג, אַז דאָס וועט זיי דינען ווי אַ דערמאָנונג אין זייער זיידן.

☆

אין יענער ווייטער תקופה פלעגן די היגע רייכע פאַמיליעס נישט אַרויספאָרן אויף דאַטשע קיין מיאַמי, אַקאַפּולקאָ אָדער דזשאַמייקאַ. זיי פלעגן זיך באַגנוגענען מיט דעם וואַרעמען טראָפּישן קלימאַט פון קאָלאָמביאַ־נער דאַטשע־שטעטלעך: וויליעטאַ, אוטיקאַ, קאַטשיפּאַי, לאַ עספּעראַנסאַ, טאָקאַימאַ, אַפּולאַ אָדער זשיראַרדאָט. יענע זענען געווען די זומער־פלעצער פאַר די גוטשטייענדיקע אַריסטאָקראַטישע משפחות. וואָס האָבן אָבער געטאָן די אומפאַרמעגלעכע מאַסן, וועלכע האָבן זיך נישט געקאָנט דער־לויבן אַרויסצופאָרן יאָר־יערלעך צו די אויסגערעכנטע וואַקאַציע־שטעט, אין די נידעריקע קאָלאָמביאַנער געגנטן? זיי פלעגן זיך אַריבערכאַפּן צום „פּאַרקע גאַיטאַן", וואָס האָט מיט דעמאָקראַטישער גוטוויליקייט אויפגע־נומען מיטגלידער פון אַלע באַגאָטאַנער סאָציאַלע שיכטן, אָרעם און רייך, וואָס פלעגן פאַרברענגען אַ טאָג אויף דער פרייער לופט.

דער פּאַרק האָט געטראָגן דעם נאָמען „גאַיטאַן" נישט אין אָנדענק פונעם רומפולן פּאָליטישן פירער כאָרכע עליעזער גאַיטאַן, נאָר ווייל דער אורשפּרינגלעכער אייגנטימער פונעם דאָזיקן באָדן האָט אַזוי געהייסן. דער גוטבאַזיצער גאַיטאַן האָט דעמאָלט מנדב געווען אַ טייל פון זיינע

גיטער ווי אַ פֿאַרוויילונג־פּלאַץ פֿאַר דער שטאָטישער איינוווינערשאַפֿט, וואָס האָט נישט אויסגעלאָזן די געלעגנהייט און געקומען צו פֿאָרן מיט טראַמווייען און אָמניבוסן, אין די זונטיקן אָדער פֿרייע טעג. גאַנצע מאַסן „דאַטשניקעס״ זענען געשטאַנען אין דער ריי צו באַקומען אַן איינטריט־בילעט, און אַריבערגעשפּאַנט דעם ברייטן טויער מיט בייטלעך עסנוואַרג, לייוונטן אויסצושפּרייטן אויפֿן גראָז, און אַפֿילו צומאָל אַ גראַמאַפֿאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען שטאַרק אין דער מאָדע.

ס׳איז מיר שווער איבערצוגעבן מיינע אייניקלעך אין וואָס ס׳איז אייגנטלעך באַשטאַנען דער צויבער און שאַרם פֿונעם „גאַיטאַן״־פּאַרק. סוף־כּל־סוף איז דאָס געווען אַ פֿאַרוויילונג־אָרט פֿאַרן פּשוטן פֿאָלקס־מענטש, פֿאַרן „פּעבל״ אַזוי צו זאָגן, און פֿון דעסט וועגן איז עס געוואָרן אויף אַ לאַנגער צייט דער טראַדיציאָנעלער מקום־מנוחה, ווו דער גרעסטער טייל פֿון די דריי הונדערט טויזנט איינוווינערס פֿונעם דעמאָלטיקן באַגאָטאַ, פֿלעגן קומען פֿאַרברענגען אויף דער פֿרייער לופֿט זייערע רוטעג. אפֿשר האָט געווירקט דערצו די אייגנאַרטיקייט פֿונעם פּלאַץ מיט זיין נאַטור־פּראַכט: גרינע לאָנקעס אונטערן בלויען הימל, און דער קילער שאָטן אונטער די געדיכטעביימער; און מעגלעך אַז אויך די צוגענגלעכע פּרייזן פֿונעם איינטריט־בילעט און די פֿאַרשיידענע פֿאַרוויילונגען; דאָס איז אַ וויכטיקער פּרט ווען עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן, וועלכע מוזן זיך שטרענג רעכענען מיט זייערע טעגלעכע הוצאות. בלויז אין די רעגנדיקע טעג, וועלכע זענען גאָרנישט קיין זעלטנהייט אין אונדזער הויפּטשטאָט, איז דער פּאַרק געשטאַנען אַ ליידיקער, ווי פֿאַריתומט פֿון זיינע שטענדיקע באַזוכערס. אין בעסטן פֿאַל, האָט געקאָנט טרעפֿן, אַז אַ חתן־כּלה־פּאָרל זאָל דווקא אויסנוצן די איינזאַמקייט כּדי צו מאַכן אַ געוואַגטן שפּאַציר איבער די אַלייען פֿונעם פּאַרק.

☆

ווער ס׳האָט אָבער נישט געזען דעם „פּאַרקע גאַיטאַן״ אין אַ זוניקן אויסגעלייטערטן זונטיק, ווייסט נישט דעם עכטן זין פֿונעם מאָדערנעם באַגריף „מיניטוריזם״. מיט דעם וויל איך באַטאָנען, אַז מען קאָן פֿראַווען דאַטשע אויפֿן שענסטן און ברייטסטן אופֿן, און גלייכצייטיק נישט אַרויס־גיין פֿון דער גרויסער מעטראָפּאָליע; ס׳איז נאָר אַ פֿראַגע פֿון געפֿינען דאָס ריכטיקע פּלאַץ צו פֿאַרברענגען, און אַזוי שפּאָרט מען זיך איין אויס־מאַטערנדיקע רייזעס מיט באַנען אָדער אויטאָבוסן. עס איז בפּירוש אַ נחת צו זען די פֿאַמיליעס אין די הונדערטער, סיי די ווייסע טישטעכער אויס־געשפּרייט אויפֿן גראָז און באַדעקטע מיט כּל טוב. אָפֿט מאָל הערט מען

אויך די קלאַנגען פון אַ גיטאַרע, אויף וועלכער עס דרימפּלט אַ מוזיק־ליבהאָבער פון צווישן די דאַטשניקעס. טאַקע אמת, אַז דער דאָזיקער פּאַרק האָט זיך נישט געקאָנט גלייכן צו די גאָר גרויסע שפּילפּלעצער מיט זייערע אַטראַקציעס, אָבער פאַרן פּשוטן אַרבעטער און אובאַמיטלטן פּאָלקסמענטש איז עס געווען אַ גן־עדן אויף דער ערד. אַ חוץ דעם האָט „פּאַרקע גאַיטאַן" געהאַט אַ באַזונדערן חן, אַזאַ מין „היימישע" נשמה, און נאָך דעם האָב איך זיך פאַרבענקט אַצינד, ווען מיין צופעליקער שפּאַציר האָט דערוועקט אין מיר אַ שלל מיט דערינערונגען פון דער יוגנט.

דער יידישער ישוב אין באָגאָטאַ איז דעמאָלט געווען אין זיינע בראשית־יאָרן. דער גרעסטער טייל פון זיינע מיטגלידער זענען נאָך דאַן געווען וואַנדערנדיקע סוחרים, — „קלאַפּער" אויף מאַמע־לשון, — וועלכע האָבן פאַרקויפט אויף באָרג — איך בתוכם, — און אין די זונטיקדיקע פאַר־נאַכטן, (ווייל אין די פרימאָרגנס זענען די „קלאַפּערס" געווען פאַרנומען ביים איינקאַסירן די וועכנטלעכע, אָדער מאָנאַטלעכע קוואָטעס), האָט זיך געגלוסט אַרויסצופאַרן „כאַפּן" אַ ביסל פרישע לופט כדי אויסצורוען די מידע ביינער פון אַ גאַנצער וואָך שווערער האָרעוואַניע. וווהין־זשע פאָרט מען כדי צו געניסן פון אַ טאָג אויפן שויס פון דער נאַטור, און נישט דאַרפן דורכמאַכן דאָס אָפּקומעניש פון לאַנגע רייזעס? געוויינטלעך, צום „פּאַרקע גאַיטאַן". גאַנצע יידישע משפחות פלעגן זיך באַטייליקן אין די זונטיק־אויספלוגן, מיטנעמען קוישלעך מיט געשמאַקע יידישע מאכלים, פלעגט מען פאַרברענגען אין אַ היימישער סביבה און שמועסן וועגן געמיינזאַמע פּראָבלעמען, ביז די זון האָט געזאָגט: „סטאָפּ, עד כאן", און האָט אָנגע־הויבן צו פאַרגיין.

מיר זענען דעמאָלט געווען יונג, און אַט־די עולם הזהדיקע פאַרגע־ניגנס האָבן נישט געשטילט אונדזער אומרו. ס'האָט געטליעט אין אונדז נישט בלויז דער ווילן צו שטייגן אין מאַטעריעלער הינזיכט, נאָר אויך דער דורשט נאָך גייסטיקער יניקה, היות אַ גרויסער טייל פון אונדז האָט געשטאַמט פון היימען וווּ יידישע און אַלגעמיינע קולטור זענען געווען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט. פאָלגלעך, האָבן מיר געהאַט ביי זיך אַ צאָל יידישע ביכער, און מיר פלעגן זיי שטענדיק מיטנעמען אויף אונדזערע אויספלוגן אין „פּאַרקע גאַיטאַן", ווו אַ קורצע דערציילונג פון רייזען, פּרץ אָדער וויסענבערג, צי אַ ליד פון נאָמבערג אָדער ליעסין, האָט דערפרישט און אַריינגעבראַכט אַ גאַנץ אַנדער שטימונג. פלעגט איינער פאָרלייענען און דער עולם פלעגט מיט שפּאַנונג אויסהערן, און אָפט פלעגט מען דאָס געלייענטע קאָמענטירן.

✡

די דאָזיקע אימפּראָוויזירטע „ליטעראַרישע צוזאַמענקונפטן" האָבן דער־וועקט אין אונדז זכרונות פון דער אַלטער היים, און צווישן אַנדערן איז אויך אויפגעקומען דער געדאַנק ביי דער יוגנט — און אַ גרויסער טייל פון אונדז, ווי געזאָגט, איז נאָך אין יענער צייט געווען יונג — צו באַנייען אין מדינת קאָלאָמביע אַ ספּאָרט, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרשפּרייט אין די יידישע שטעטלעך פון דער אַלטער היים: פוטבאָל. דאָס האָט גלייכ־צייטיק באַצוועקט איינצושטעלן ענגערע פריינדשאַפט־באַציִונגען מיט דער אָרטיקער קאָלאָמביאַנער יוגנט, און היות מיר האָבן געהאַט געזונטע יונגע ספּאָרטלערס, וועלכע האָבן אין אייראָפּע געשפּילט פוטבאָל, האָבן מיר באַ־שלאָסן צו גרינדן אַ ספּאָרטקלוב אויפן נאָמען פונעם נאַציאָנאַלן יידישן העלד „בר כוכבא". און אין אַ שיינעם טאָג, אין יאָר 1937, איז דער פּאַרק „גאַיטאַן" געוואָרן אַן עדות פונעם ערשטן פוטבאָל־פאַרמעסט מיטן אָנטייל פונעם קלוב „בר כוכבא". די בחורים האָבן געטראָגן בלויע לייבלעך מיט אַ מגן־דוד, און כאָטש די טאָפּאָגראַפיע פונעם פּאַרק איז נישט געווען אַזוי פּאַסיק פאַרן פוטבאָלשפּיל (עס זענען געווען גענוג גריבער), האָט די יוגנטלעכע פרייד נישט געמאַכט קיין ווערן דערפון און מ'האָט זיך היפּש פאַרווילט. איבערהויפּט, אַזוי לאַנג ווי ס'איז געמאַכט געוואָרן נישט מער ווי צוליבן צייטפאַרטרייב, און עס זענען נישט געווען קיין „אָפיציעלע" פאַרמעסטן. מיר פלעגן פראַקטיצירן שבת ביי טאָג, זונטיק, און אַנדערע פרייע טעג, און אין משך פון אַ קורצער צייט האָט דער קלוב „בר כוכבא" שוין געשמט אין באָגאָטאַ.

ס'איז אַ באַוווסטע זאַך אַז אין קאָלאָמביע, אַזוי ווי אינעם גרעסטן טייל אַמעריקאַנער לענדער, איז פוטבאָל אַ נאַציאָנאַלער ספּאָרט. קינדער פון די עלעמענטאַר־שולן ווערן שוין איינגעאיבט אינעם שפּיל, און אין דער פרייער צייט פראַקטיצירן זיי דאָס אַליין אויף אייגענער איניציאַטיוו; מען דאַרף זיי נישט צורעדן. דאָס איז די סיבה וואָס די פאַרשיידענע פוטבאָל־קלובן גרופּירן אַרום זיך מיליאָנען סימפּאַטיזירערס; גאַנץ פּשוט: די מערהייט פונעם פאָלק טראָגט עס אין בלוט, און די יידישע יוגנטלעכע זענען אויף דעם געביט נישט געבליבן מחוץ למחנה. אַ סך זענען אַריינ־געטראָטן אינעם „בר כוכבא"־קלוב, און זענען נישט געבליבן הינטער־שטעליק לגבי זייערע נישט־יידישע קאָלעגן.

אַ דיאַלאָג צווישן הימל און ערד

חסידים זענען אַ מאָל געקומען צו זייער רבין מיט דער איבער־ראַשנדיקער נייעס, אַז די באַן, וואָס איז פאַרביגעגאַנגען נישט ווייט פון שטעטל, וועט פאַרבייטן די פערד; דער גוואַלדיקער אויפטו פון דער באַן באַשטייט אין דעם, וואָס אַ סך וויאָרסטן ווערן איינגעשרומפּן אונטער אירע רעדער, און עס ווערט אַ קפיצת־הדרך. דער רבי האָט נאָכגעטראַכט אַ ווײַלע און דערנאָך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „און וואָס איז דער געאייל?"

ווען יענער רבי זאָל דערזען די היינטיקע זשעט־אַוויאָנען וואָלט ער זיכער צעטומלט געוואָרן. די וויאָרסטן האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין סעקונדעס אויף אונדזערע האַנטזייגערס, און די דיסטאַנצן האָבן זיך פאַרבונדן אין אַ פאַרפּלאָנטערטן קנופּ. אַלצדינג ווערט געטאָן פאַרן מענטשן, פאַר דער אינדוסטריע, פאַרן טוריזם און, צום אומגליק, אויך פאַרן קריג און פאַרן חורבן.

אַ דאַנק דער עקספּאַנסיע פון דער אינדוסטריע האָב איך מיט יאָרן צוריק, געהאַט אויסגענוצט אָט די נייע ווערסיע פון „צויבערטעפּעך". דאָס מיינט, אַז פון די אַוויאָנען וואָס זענען געפלויגן שעהען, בין איך אַריבער צו די וואָס פליִען מינוטן. איך האָב דאָס געטאָן אַ געשטויסענער פונעם ווירוואַר פון דער היינטיקער וועלט, נישט באַנעמענדיק גענוי צו וואָס דער דאָזיקער „געאייל", וועגן וועלכן עס האָט גערעדט דער רבי.

דער זשעט־אַוויאָן האָט זיך ביי מיר פאַרוואַנדלט אין עפּעס אַזוינס, ווי אַ דרויסנדיק טייל פון מיין פאַבריק און פון מיין הויז. דאָס הייסט נישט, אַז איך בין געוואָרן היימישער מיט זיינע צייטווייליקע מיטפאַרערס. אַמאָל פלעג איך אויסטוישן אַ וואָרט מיטן פּאַסאַזשיר וואָס איז געזעסן לעבן מיר. נאָר בעת מיין לעצטער רייזע האָב איך געהאַט אַן אומדערוואַרטע איבערלעבונג.

ווען דער אַוויאָן איז אָפּגעפלויגן האָט די שיינע סטואַרדעסע — די אַוויאָן־באַדינערין — זיך געזעצט ביי מיין זייט. זי האָט זיך צוגעבונדן דעם פּאַס, און קורץ נאָך דעם, האָט זיך צווישן אונדז פאַרבונדן אַ דיאַלאָג. קודם, האָבן מיר גערעדט וועגן נאַרישקייטן, וועגן שלעכטן וועטער, וועגן דער פאַרשפּעטיקונג אויף די לופטפּאָרטן, וועגן די פּרייזן וואָס שטייגן ביז די וואָלקנס, אאַז"וו. אָבער מענטשן האָבן שטענדיק עפּעס טיפערס צו

זאָגן, עפּעס אַזוינס וואָס זיי דאַרפן טיילן מיט אַנדערע. און די זאַך באַשטייט נאָר אין דעם, אַז מען זאָל זיי געבן אַ מעגלעכקייט זיך אַראָפּצורעדן פון האַרצן. איך פרעג זי צי שוין לאַנג אַז זי איז באַשעפטיקט ביי דער אַרבעט, און זי ענטפערט מיר, אַז עפּעס מער ווי צוויי יאָר. צי איז זי צופרידן מיט איר פאַרדינסט? דער ענטפער אירער איז אַ דיפּלאָמאַטישער. דאָס לעבן איז טייער, און וויפל מען פאַרדינט איז ווייניק. זי וואָלט געקענט בלייבן אין דער היים, זי וווינט ערגעץ אין סאַבאַנאַ, נאָנט פון באָגאָטאַ. דער פאָטער אירער איז אַ פּראָפעסיאָנאַל, אָבער זי לאַנגווייליקט זיך אין שטוב. היינטיקע צייטן וויל יעדער איינער זיין זעלבשטענדיק, יעדער וויל אויסשמידן זיין לעבן בהסכם מיט זיין געשמאַק, מיט זיין אייגענער אָנשטרענגונג. אָבער כּדי דאָס דאָזיקע צו דערגרייכן שטויסט מען זיך אָן אויף אַ סך שוועריקייטן.

בשעת זי דערציילט מיר די דאָזיקע פּשוטע און געוויינטלעכע זאַכן, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער נייער קאָלאָמביאַנער גענעראַציע, ווייזט זי מיר אָן אויף איר חברטע. ס׳האַנדלט זיך אין אַ מיידל פון איר עלטער, צווישן צוואַנציק און עטלעכע און צוואַנציק יאָר אַלט. זי איז מאַיעסטעטיש שיין און אויגן האָט זי ליכטיקע ווי די זון. דער שטערן איז הערלעך לויטער, און דאָס קערפּערל איז אויסגעטאָקט געוואָרן דורך דער נאַטור מיט דער גרעסטער פּרעציזקייט, אַזוי אַז אַלצדינג זאָל באַצויבערן דאָס מענערישע אויג. ווען דאָס דאָזיקע מיידל זאָל אָפּשטייגן פון אַוויאָן אין ניו־יאָרק, פּאַריז, רוים אָדער וווּ עס זאָל נישט זיין אין דער גרויסער וועלט, וואָלטן מענטשן זיכער געזאָגט: „ווי שיין זענען די קאָלאָמביאַנער פרויען״.

אָבער ניין. כּדי עפּעס צו דערגרייכן דאַרף מען איבערקומען אַ סך באַריערן. די פּאַסאַזשירן מיינען, אַז אָט די מיידלעך וואָס באַגייען זיך העפלעך מיט זיי, און גייען דורך גראַציעז דורכן שמאָלן דורכגאַנג פון אַוויאָן, האָבן שוין פאַרווירקלעכט זייער שטרעבונג, און אַז זיי האָבן שוין נישט וואָס צו פאַרלאַנגען פונעם גורל. ווען איך פרעג איר צי זי פאָרט קיין אויסלאַנד, דערציילט זי מיר, אַז זי פונקט ווי איר חברטע, פליִען ביידע אַרום אין אינערן פון לאַנד. אייניקע מיידלעך, ווי אָט די, זענען גוט צוגעגרייט, זיי האָבן דורכגעמאַכט שפּראַכקורסן, און האָבן געלערנט מענטשלעכע באַציִונגען. אָבער סוף־כּל־סוף האָבן זיי רעזיגנירט, ווייל אויף צו פליִען איבער דער גרויסער וועלט, זענען דאָ אָן אַ שיעור מניעות. און דער עיקר: — פאַראַן אויסלענדישע מיידלעך מיט ווייניקער מעלות, וואָס האָבן די פּרעפערענץ!... דאָס געהער זיך אָן צו דער לאַנד־פּראָבלעמאַטיק, טראַכט איך ביי זיך!

ס׳איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס אַ יונגע און שיינע פרוי טראַכט וועגן פאַמיליע־לעבן. און אַז מיר הערן אַראָפּ פון די פּרעכטיקע ליפּן, אין אַ שיינער שפּראַך, ווי די פונעם מיידל, אַז מען באַטראַכט די פרוי ווי אַ שוואַך און דעליקאַט וועזן, — אַזוינס וואָס איז אַמאָל געווען נאָרמאַל און געזונט — און היינט איז דאָס שוין נישט אַזוי אין הסכּם מיט דער צייט, היינט דאַרף די פרוי זיין מוטיק און שטאַרק. הערט איר עס, ווערט איר איבערראַשט, מען פילט אַ מאָדנעם אומרו, ווי פאַר אַ צונישט געוואָרענעם כּישוף. ביי די נייע פרוייִשע דורות איז אויפגעקומען דער דאָזיקער נייער געפיל פון זעלבשטענדיקייט אין קאַמף פאַרן לעבן, וועגן וועלכן מיר האָבן גאָר ווייניק געטראַכט. אויף אַ רגע האָב איך באַטראַכט מיט זאָרג אָט דעם טיפן אומרו פון דער היינטצייטיקער יוגנט. ווען איך האָב זיך געזעגנט אויף די טרעפּ פון אַוויאָן, און האָב דערפילט די וואַרעמ־קייט פון איר ווייכער האַנט, האָב איך געהאַט דאָס געפיל ווי מיט איר וואָלט איך מיט זיך מיטגענומען אַ שטיק פון דעם היינטיקן מאָדערנעם לעבן.

אייניקע געשטאַלטן פון מיינע
זשעלעכאָווער לאַנדסלייט אין ישראל

מרדכי שפּייזמאַן

ס׳זענען פאַראַן געביטן פון מענטשלעכן זכרון און באַוווסטזיין, וועלכע זענען באַזונדערס סענסיטיוו און אָנגעלאָדן מיט עמאָציעס. אין פלוג, אויב מען גריבלט זיך נישט דווקא אין יענע טעמעס, מיינט מען אַז ס׳איז גאָר נישט. טוט מען דאָרט אָבער דעם מינדסטן קראַץ, הייבן זיך אָן באַוויזן באַהאַלטענע אוצרות: זכרונות, געשטאַלטן, פּאַסירונגען — און דער מענטש קען שוין נישט באַהערשן דעם דראַנג אַרויסצובערענגען די פּלוצלינג אויפגעוואַכטע וועלט פון זיינע געפילן.

אַזוי איז מיט מיר געשען ווען כ׳האָב זיך צוגערירט צו דער טעמע פון מיין היימשטאָט זשעלעכאָוו. תחילת האָט עס ביי מיר געהייסן, אַז איך וויל נאָר געבן אַ קורץ בילד פון מיין אַלטער היים, מען זאָל נישט מיינען אַז איך שעם זיך, חלילה, מיט מיין אָפּשטאַם. נאָך דעם האָב איך שוין אַריינגעבראַכט אַ פּאָר זשעלעכאָווער געשטאַלטן פון פאַרשיידענע צייטן און ערטער, און בפרט מיין טייערן ישראלדיקן לאַנדסמאַן און פריינד יהודה בן־שלום, ווייל כ׳האָב געפילט אַז ס׳איז פאַר מיר אַ מוז, אַ גייסטיקע נויטווענדיקייט, אים צו ווידמען אַ קאַפּיטל. און איצט איז — מיצווה גוררת מיצווה — איין זאַך שלעפּט־מיט מיט זיך אַ צווייטע, און כ׳פּיל שוין ווידער אַז כ׳טאָר נישט שליסן מיין בוך אָן דער באַשרייבונג כאָטש פון נאָך אַ פּאָר זשעלעכאָווער געשטאַלטן פון ישראל.

געקומען קיין ישראל בין איך אין 25סטן יאָר, מיט דער פּערטער עליה. פאַרלאָזט דאָס לאַנד האָב איך אין יאָר 1928. קאַרגע דריי יאָר האָב איך געדינט דעם לאַנד. דעמאָלט האָט נאָך די אַלענבי־גאַס געשטעלט אירע ערשטע טריט; ס׳איז אויך געווען אַ קליינע הערצל־גאַס און אַ נחלת בנימין־גאַס. אַלענבי האָט נאָך אויסגעזען ווי די מאַמע נאַטור האָט זי באַשאַפן: זאַמדיק, מיט גאָר ווייניק אויפגעבויטע הייזער. מיר האָבן שוין געהאַט דעמאָלט די הערצל־גימנאַזיע, פון וועלכער עס איז בלויז דער אָנדענק געבליבן, ווייל היינט פאַרנעמט איר אָרט דער העכסטער בנין אין תל־אָביב, אַ 32־שטאָקיקער ריז, וואָס געהערט צו די ברידער מאיר. אַגב, די ברידער מאיר זענען מיר באַקאַנט נאָך פון מיינע צייטן. ווען איך האָב געגרינדעט די פוטבאָל־אָפּטיילונג פון הפועל־תל־אָביב, זענען די צוויי ברידער מאיר געווען פון די הויפּט־שפּילערס, אמתע טשעמפּיאָנען אין עלטער פון זעכצן־

זיבעצן יאָר. די עיריה האָט שוין עקסיסטירט אויפן איצטיקן רחוב ביאַליק, ווו ס׳איז אויך געשטאַנען ביאַליקס וווינונג.

די אַלע גאַסן, וועלכע געפינען זיך היינט אין שכנות מיט רחוב בן־יהודה זענען נאָך געווען באַדעקט מיט זאַמד און מיט רייען צריפים, הילצערנע הייזקעס, ווו די ערשטע אַרבעטער האָבן אויפגעבויט זייערע געצעלטן. אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. באַשרייבן תל־אָביב פון מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק, ווען די הונדערט פּראָצענטיקסטע ייִדישע שטאָט אויף דער וועלט האָט קוים געציילט 30.000 איינוווינערס, איז אַן אויפגאַבע וואָס איך וועל איבערלאָזן פאַר אַנדערע, מער באַרופענע דאָס צו טאָן, וועלכע האָבן געפּאָקט און געמאָזלט ביי אַלע אומשטאַנדן און נישט פאַרלאָזט דאָס לאַנד, אַזוי ווי דער גורל האָט עס פון מיר יאָ געפאָדערט. כ׳וועל אויך נישט אַריינגיין אין קיין פּלפּול מיטן הער „גורל״ הלמאַי ער האָט מיך אַזוי געקריוודעט און אין עלטער פון 25 יאָר מיך געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס זיין ערד האָב איך געקושט ביים אָנקומען מיט דריי יאָר פריִער, ווען אַ קליין שיפל האָט מיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פעסטן באָדן אין יפוער פּאָרט.

מיין כוונה איז דאָ צו באַשרייבן אַ פּאָר געשטאַלטן פון מיינע זשעלע־כאָווער בני־עיר אין ישראל. די גרעסטע עמיגראַציע פון מיין שטעטל אין דעמאָלטיקן פּאַלעסטינע האָט זיך אָנגעהויבן אין 1931, ווען איך בין שוין געווען אַוועק פון לאַנד. פון די דאָזיקע עולים זענען אַלע פאַרבליבן פעסטע תּושבים. מיך, האָט דער גורל פאַרטראָגן אין דער העט־ווייטקייט, אין שפּאַניש־רעדנדיקן קאָלאָמביע, „הינטער די הרי־חושך״, ווי זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אויסגעדריקט, מיינענדיק אַוודאי די הויכע בערג וואָס רינגלען אַרום דאָס לאַנד. דערפאַר קען איך לײַדער נישט קיין סך שרייבן וועגן מיינע לאַנדסלייט אין ישראל, וואָס ערשט נאָך 45 יאָר אָפּוועזנהייט, האָב איך זיי ווידער געזען, בעת אַ קורצן באַזוך. נאָר כ׳האָב כסדר געוווּסט, אַז אין ארץ־ישראל לעבט אַ וויכטיקער קערן פון חשובע זשעלעכאָווער, וועלכע דערמאָנען מיט שטאָלץ דעם נאָמען פון אונדזער אַכזריותדיק אומגעקומען שטעטל.

דער פּיאָנער פון אַלע זשעלעכאָווער עולים איז געווען מרדכי איש־טוב (גוטעוויזנע), דעם זשעלעכאָווער שוחטס זון. אים האָט קיין שום שטרויכלונג נישט געריִרט פון אָרט; נאָר דער טויט האָט געקענט איבעררייסן זיין צוגעבונדנקייט צום ארץ־ישראלדיקן לעבן. ער האָט אויסגעלעבט זיינע יאָרן אויף אונדזער הייליקער ערד, דורכגעמאַכט אַלע גילגולים און אויסגעהאַלטן. נישט געלעבט בלויז פאַר זיך אַליין. שטענדיק געטראָגן אין זיך צאַרטע און נאָבעלע געפילן צו זיינע בני־עיר, דער עיקר געזאָרגט פאַר ניי־געקו־

אין בני־ברית. פון רעכטס צו לינקס: קרייז־ריכטער שלום קאַסאַן, הויפּט־רב פון תל־אביב הרב
י. פרענקעל, מרדכי שפּייזמאַן (באַגריסט), פּאָליציי־מיניסטער שלמה הלל, פּרעזידענט פון בני־ברית
אין ישראל שלמה גרוס, עקזעקוטיוו־פּאָרזיצער פון בני־ברית יצחק אלפסי.

מענע, און מיט דער צייט איז ער באַטיטלט געוואָרן ווי די „מאַמע" פון די זשעלעכאָווער. אַ לאַנדסמאַן אַ יודע־ספר, אַריינגעטאָן אין דער העברעיִשער און יידישער ליטעראַטור. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַלע מעלות טובות. זיין גוף און זיין איידעלע נשמה האָבן זוכה געווען צו געפינען די אייביקע רו אין דער פאַרהייליקטער ערד פון אונדזערע אָבות.

פון דער ווייטנס און דורך דעם זשעלעכאָווער בולעטין האָט כּסדר אַרויסגעשיינט מיט אַ באַזונדער ליכט די געשטאַלט פון אַ בן־עיר מיטן נאָמען מרדכי שפייזמאַן. וועגן אים וויל איך זיך איצט ברייטער אָפּשטעלן.

מרדכי איז געווען יינגער פון מיר. אין דער יוגנט, אַז עס טיילט־אָפּ איינעם פון אַנדערן פינף יאָר, מיינט דאָס זייער אַ סך. אויף דער עלטער, שפּילט שוין אַזאַ אונטערשייד אין די יאָרן קיין גרויסע ראָלע נישט. דעריבער האָב איך מיט מרדכין נישט אָנגעהאַלטן אַזאַ נאָענטע באַציִונג ווי מיט זיין ברודער יאַנקל, וועלכער איז געווען נאָר מיט אַ פּאָר יאָר עלטער פאַר מיר. אָבער אויך די געשטאַלט פון מרדכין היט זיך אויף פריש אין מיין זכּרון: סיי זיין הולך, סיי זיין אויסזען, סיי זיינע פּאָליטישע אָנשויונגען. ער איז געווען קורץ געקליידט, מיטן טראַדיציאָנעלן יידישן היטעלע, וואָס פּוילישע יידן האָבן געטראָגן, ציכטיק, ריין, שפּאַצירט ער איבער זשעלעכאָווער גאַסן. איך ווייס אַז ער פאַרקערט אין די ציוניסטישע קרייזן; דער עיקר, אין די בירגערלעכע יוגנט־קרייזן. יאָרן שטייען נישט אויף קיין אָרט און מרדכי דערגייט צו דער מדרגה פון אַ „מדריך", הייבט אָן פאַרנעמען אַ וויכטיקע פּאָזיציע. פאָרט שוין קיין וואַרשע צו ציוניסטישע אַסיפות.

הגם אונדז האָט אין דער יוגנט פאַרבונדן דער זעלביקער ציוניסטישער אידעאַל, זענען מיר נאָך דעם זיך צוגאַנגען אויף פאַרשיידענע וועגן: איך בין מיט מיין משפּחה אַוועק פונעם געבוירן־שטעטל און מגולגל געוואָרן, צו ערשט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע, נאָך דעם קיין ארץ־ישראל און סוף־כּל־סוף קיין קאָלאָמביע. אומעטום, אויף וויפל כ'האָב דערהאַלטן נייעס פון דער אַלטער היים, האָב איך געהאַט פּאָזיטיווע גרוסן פון מרדכיס ציוניסטישער טעטיקייט. אין 31סטן יאָר, ווען איך בין שוין געווען דאָס צווייטע יאָר אין דער ווייטער קאָלאָמביע, האָב איך זיך דערוווסט, אַז אַ גאַנצע גרופּע זשעלעכאָווער יוגנטלעכע, מיט אים בראש, האָבן זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל.

זשעלעכאָוו האָט פאַר אים אויסגעטראָטן דעם וועג, איז געווען זיין מורה־דרך אין דער ווייטערדיקער געשטאַלטיקונג פון זיין פּערזענלעכקייט און פונעם לעבן וואָס ער האָט, עד מאה ועשרים, געצומען פירן אין הייליקן לאַנד.

מיר האָבן אין זשעלעכאָוו קיין אוניווערסיטעטן נישט געהאַט. מיר האָבן אָבער יאָ געהאַט אַ טיפע נייגונג צו וויסן. און כּדי דאָס צו דער־גרייכן האָבן פאַרגייערס געשאַפן ספּעציפישע אוניווערסיטעטן, צוגענגלעכע פאַר יעדן בשר־ודם, דורך די גרויסע ווערק וואָס זיי האָבן געשאַפן אין משך פון דורות. יעדער פּשוטער מענטש קען ווערן אַ כּמו־אוניווערסיטעט־מענטש; מען דאַרף נאָר בלויז באַקומען אַ ליבשאַפט צו די דאָזיקע ווערק און מיט זיי אָנהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט. דאָס איז דער וועג זיך צו קענען דערהייבן צו הויכע מדרגות: דער וועג פון אַן אויטאָדידאַקט. מרדכי איז געווען אַן אמתער אויטאָדידאַקט. פון שטעטל האָט ער אַרויסגעפירט אַ שמץ רעליגיעזן וויסן, אַ נייגונג צו דער וועלט פון תּורה. זשעלעכאָווער בעסערע מלמדים האָבן אים געגעבן אַ באַזע; דאָס רעשט האָט ער אַליין זיך דערוואָרבן דורך זיין אומבאַגרענעצטן אויסדויער און ווילן זיך איינ־צוגלידערן אין דער וועלט פון תּורה. ער האָט זיין ציל דערגרייכט.

☆

ער האָט יונג אָנגעהויבן זיין געזעלשאַפטלעכן לעבנסוועג, און דער גורל האָט אים יונג געבראַכט קיין ישראל. מרדכי האָט גלייך דערפילט אין זיך די גייסטיקע רייכקייט פון דער נייער סביבה. איך אַליין געדענק נאָך יענע צייטן, ווען מען האָט דאָרטן אַן אַ בוך נישט געקענט לעבן. דאָס איז געווען ס׳צווייטע ברויט. מרדכי האָט מיט דאָרשט געגומען טרינקען פון יענע גייסטיקע קוואַלן. מאָדערנע ליטעראַטור איז ביי אים געגאַנגען האַנט־אין־האַנט מיט זיין ליבלינג — די רעליגיעזע ליטעראַטור. און אויף דעם וועג גייט ער שוין די 45 יאָר פון זיין לעבן אין ישראל. ער איז פאַר־שטייט זיך אַ קענער פון יידיש אויך, נאָר גיט זיך אָפּ דער עיקר מיט העברעיִשער קולטור און ליטעראַטור. זיי וווינונג אויף רחוב שילה, אין תּל־אָביב, איז אין דער שכנות מיט דער שול פונעם הויפּט־רב, גורן, וועלכער קען און שאַצט זייער אָפּ מרדכין, דעם תּלמיד־חכם און דעם בעל־מידות, און איז אים באַזונדער מקרב אינעם קרייז פון זיינע נאָענטע מענטשן. ער איז אָפּט באַטייליקט אין מסיבות פון מענטשן מיט הויכן וויסן, ווו זיין וואָרט, סיי דברי־תּורה, סיי שיחת־חולין, ווערט אויסגעהערט מיט דרך־ארץ.

זיין לעבנס־באַגלייטערין, שרהלע איגליצקי־שפּייזמאַן, ווייסט אָפּצושאַצן דעם ווערט פון איר מאַן און זי קומט אים אַנטקעגן נישט ווי אַ דרויסנדיקע, נאָר זי איז זיך אַליין מטפּל מיטן בוך און מיט קולטור בכלל. מרדכיס קאַפּיטל לטובת די זשעלעכאָווער איז אומגעהייער גרויס, סיי אין די יאָרן ווען ס׳פלעגט דערשיינען דער זשעלעכאָווער בולעטין, סיי איצט, אַן דעם בולעטין. אַ דאַנק זיין אויסדויער און איבערגעגעבנקייט, צוזאַמען מיט אַ גרויסן

טייל פון דער זשעלעכאָווער משפחה אין ישראל און אין דער וועלט־צעשפּרייטקייט, איז געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע צען יאָר אַ דערהויבן ווערק: אַ סטיפּענדיע־פאָנד צו דערמעגלעכן די בילדונג פאַר קינדער פון זשעלעכאָווער אָפּשטאַמיקע, פאַר די אייניקלעך פון די זשעלעכאָווער פּיאָנערן. מיר שיינט, אַז מרדכי איז דער יושב־ראש פונעם קאָמיטעט, וואָס טיילט אַלע יאָר אויס די סטיפּענדיע אויף אַ פייערלעכן אַקט.

שרייבן וועגן מרדכיס אויפטוען פאַר דער זשעלעכאָווער אַרבעט, וואָלט פאַרנומען אַ סך זייטן. אַלע שבחים אויף זיין אַדרעס זענען אויף קיין האָר נישט איבערגעטריבן, ווי איך און מיין פרוי האָבן זיך געקענט איבערצייגן ווען מיר האָבן אין 73סטן יאָר באַזוכט דאָס לאַנד, 45 יאָר נאָך מיין אַוועקפאָרן. מיר וועלן זיך אָבער דאָ באַנוגענען מיט אונטערשטרייכן זיין גוטמוטיקייט, זיין קלוגשאַפט און זיין פריינדלעכקייט, וואָס פאַרבינדט אים מיט אַלע זשעלעכאָווער אָן אויסנאַם. אַ ביישפּיל פון דעם איז זיין באַציִונג צו יצחק בראַנדווין ע״ה, אונדזער בן־עיר, וואָס האָט די לעצטע 10 יאָר געלעבט אין ישראל. יצחק איז מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. ער האָט זיין אייביקע רו געפונען אויפן בית־עולם אין תל־אָביב. אָבער די פריינדשאַפט גייט ווייטער אָן: סיי צו יצחקן, אין דער טיף פון מרדכיס נשמה, סיי צו יצחקס יורשים, ביי וועמען מרדכי איז ממש אַ סימבאָל פון פאָטערלעכער איבערגעגעבנקייט. אַזאַ עפּיזאָד באַווייזט אונדז קלאָר און בולט, אַז אַפילו אין דער היינטיקער עגאָיִסטישער וועלט איז נאָך פריינדשאַפט נישט קיין זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אַ פלאַם וואָס ברענט אין די דערהויבענע נשמות און שטראַלט־אויס וואַרעמקייט און ליכט פאַרן מענטשן.

יהודה בן־שלום

ווען אַ שרייב־מאַשינקע זאָל קענען רעדן, וואָלט איך זיכער פון מיינער געדאַרפט אויסהערן שאַרפע טענות און פּראָטעסטן, און אויף מיין וואָרט, זי וואָלט געווען גערעכט אויך. קודם כל, האָב איך דאָך שוין געזאָגט „עד־כאַן": 400 זייטלעך וועט מיין בוך האַלטן, און ווייטער קיין איינס נישט. און צו אָט דער אָנגעצייכנטער גרענעץ זענען מיר שוין ברוך־השם דערגאַנגען. אויב אַזוי, פאַר וואָס זאָל איך נישט האַלטן קיין וואָרט? פון קיין וואַקאַציעס האָט דאָך מיין שרייב־מאַשינקע ביי מיר קיין מאָל נישט געוווסט. און דאָ קום איך ווידער אַ מאָל מיטן אומגעריכטן באַפעל — איינשפּאַנען זי אין וואָגן. די כּלי וואָלט גאָר נישט איבערגעטריבן ווען זי קומט אַרויס מיט אַ שטרייק קעגן מיר, מיין עקספּלואַטאַציע און מיין אומגעזעטיקטן שרייבערישן אַפּעטיט. ווען זי טוט עס היינט, וואָלט איר נאָך צוגעשפּילט דער סימבאָל פון דער דאַטע: איר באַלעבאָס און אַרבעט־געבער ווערט היינט פינף און זיבעציק יאָר... וואָלט דאָך אַוודאי געווען שוין די העכסטע צייט זי און זיך אַליין אַרויסצולאָזן אויף פּענסיע. וויפל דען איז דער שיעור? און נאָך עפּעס: דער פאַרשקלאַפער פון דער מאַשין האָט אין משך פון די דאָזיקע פינף און זיבעציק יאָר זיך אַליין אויך פאַר־שקלאָפט, נישט ווינציקער ווי זיין געטרייען שרייב־מכשיר. ער איז דאָך סוף כּל סוף נישט קיין שרייבער, נאָר גלאַט אַ זשעלעכאָוועיר ייד וועלכן עס ציט געוואַלדיק צום יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן און צום יידישן וואָרט, וואָס פאַר זיין וועלטבאַנעם, זענען זיי איינס פונעם אַנדערן נישט אָפּצושיידן. האָט ער טאַקע כּל־ימיו — אַלע זיינע יאָרן — אי געשלעפּט דעם עול פּרנסה, אי געטאָן זיין געזעלשאַפטלעכע און באַשיידן־שרייבערישע שליחות אין דער פולער מאָס פון זיינע כּוחות, און אפשר נאָך צו מאָל איבערגעכאַפּט די מאָס. איז נישט וואָס די שרייב־מאַשינקע קען זיך איינ־ברעכן, נאָר אַפילו דער זינדיקער מענטש אויך.

וואָס העלפן אָבער די אַלע באַרעכנטע מחשבות און רייד, אַז עס הערן נישט אויף זיך צו יאָווען אינעם פאַרעקשנטן זכרון אַלץ פרישע נעמען און געשטאַלטן פון טייערע יידן — סיי ניי באַקאַנטע, מיט וועלכע איך קום בכיוון אין קאָנטאַקט ביים צייכענען דעם פּראָפיל פון ישובים, סיי

אַלטע חברים, וועלכע זענען ממש אַ טייל פון מיין אייגן לעבן. ווי קענען זיי פעלן אין מיין בוך?

טאַקע וועגן איינעם פון דער לעצטער קאַטעגאָריע, דאָס הייסט, פון די אַלטע באַקאַנטע, וועלכע זענען מיר איינגעבאַקן טיף אין האַרצן, קלייב איך זיך שרייבן די ווייטערדיקע שורות. דאָס איז אַ חבר און נאָך דערצו אַ בן־עיר, יהודה בן־שלום, אַ ישראל־תּושב אין די לעצטע 45 יאָר, מיט וועלכן מיר זשעלעכאָווער האָבן באַזונדערע סיבות צו שטאָלצירן. אָט האָב איך נישט לאַנג צוריק פון אים דערהאַלטן איינעם פון זיינע האַרציקע בריוו: דריי לאַנגע זייטלעך אָנגעפּיקעוועטע מיט געדיכטע שורות פון אַ שרייב־מאַשינקע מיט גאָר קליינע בוכשטאַבן, דאָס הייסט, אַז פּאַקטיש זענען זיי זעקס זייטן, צי נאָך מער. און ווי געוויינטלעך, איז אין דעם לאַנגן בריוו נישטאָ קיין איין איבעריק וואָרט, קיין איין לאַנגווייליקע שורה. ס׳איז אַ בריוו, ווי אַלע זיינע בריוו, פול מיט חברישער ליבשאַפט, מיט דינעם הומאָר און גוטמוטיקייט, מיט אויסדרוקן און בילדער וואָס זאָגן עדות אויף אַ מענטשן מיט הויכער קולטור און רייך יידיש וויסן. מיט איין וואָרט, אמתע פּערל פון עפּיסטאָלאַרן זשאַנער. נו, ווי קען איך שליסן מיין בוך און נישט דערמאָנען דעם דאָזיקן ליבן פריינד און ערשטקלאַסיקן קאָרעספּאָנדענט? זיין אָפּוועזנהייט וואָלט מיך לאַחר המעשה פּשוט געמאַ־טערט.

און נאָך עפּעס. אין דעם דאָזיקן פאַרליגנדיקן בוך, וועט דער ליבער לייענער דאָך טרעפן אַזוי פיל דערמאָנטע שטעט און שטעטלעך, שטעטלעך וואָס וועגן אַ סך פון זיי הערן מיר ביידע, דער לייענער און איך, צום ערשטן מאָל. שטעט און שטעטלעך וועלכע האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן אַזוי פיל שיינע, טייערע יידן, מענער און פרויען, וואָס זענען ממש אַ ברכה און אַ גליק פאַר אונדזער יידישער משפּחה. און איצט, אַז כ׳האָב די געלעגנהייט אויך מיינעם אַ בן־עיר אַריינצוּוועבן אין דער גאַלעריע, אַ זשעלעכאָווער, און נאָך פון אַזאַ קאַליבער ווי ס׳איז יהודה בן־שלום, זאָל איך די געלעגנהייט דורכלאָזן? ס׳וואָלט דאָך געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אויב כ׳האָב מיין געבוירן־שטעטל נישט דערמאָנט, איז זיכער נישט געווען מיט וואָס צו דערמאָנען. און יידן פון עלטערן דור ווייסן גראָד אַז דאָס אָרעמע שטעטעלע זשעלעכאָוו האָט נישט קיין מאָטיוו זיך צו פאַרשטעלן דאָס פּנים.

געווען אַ מאָל צייטן, אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט אונדזערן, בעת זשעלעכאָוו איז אַרויף, מיט גרויס פּאַראַד, אויף דער וועלט־סצענע פון אונדזער יידישער ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ טומל עס האָט דעמאָלט אַרויס־גערופן דער זשעלעכאָווער איטשע־מאיר ווייסענבערג, מיט זיין אומ־

שטערבלעכן „שטעטל", און שפּעטער, אין 1937, שוין ביים פינצטערן ראַנד פונעם חורבן, יחיאל לערער מיט זיין „היים"! די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט דעמאָלט זיך געשטעלט אויף די פיס מיטן דערשיינען פון דער פּאָעמע. און דאָס זענען ווייט נישט די איינציקע בייטראָגן פון מיין שטעטל צו אונדזער ליטעראַריש שאַפן. דאָ, אין באַגאַטאַ גופא, איז דאָך איבערגע־האַקט געוואָרן אין זיין סאַמע בליִענדיקסטער תקופה דאָס לעבן פון מיין טייערן חבר, שלמה ברײנסקי, וועלכער איז טיף אַריינגעדרונגען אינעם פעלד פון דער לאַנד־ליטעראַטור און ממש איבערראַשט די קאָלאָמביאַנער שרייבערישע וועלט. היינט ווי איז וואָלף יאַסני, אויך אַ זשעלעכאָווער נאָמען, וואָס האָט געגעבן אַן אינטערעסאַנטן ביישטייער דעם יידישן וואָרט.

אַנדערע זשעלעכאָווער זין האָבן זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין ארץ־ישראל און שפּעטער אין מדינת ישראל. אָט איז משה צדוק ע"ה געווען איינער פון די ערשטע גענעראַלן פון דער נייער ישראל־אַרמיי, און שלום זוסמאַן ע"ה איז דערגאַנגען צו דער הויכער פּאָזיציע פון וויצע־בירגער־מייסטער פון רמת־גן. זשעלעכאָוו האָט אויך געהאַט די זכיה, אַז ביי איר זאָל אַ שטיקל צייט זיין רב נישט מער און נישט ווייניקער ווי דער באַר־דיטשעווער צדיק ר' אליעזר לייב טרייסטמאַן, וואָס נאָך זשעלעכאָוו האָט אים אַנגאַזשירט די צווייט־גרעסטע קהילה אין פּוילן נאָך וואַרשע — לאָדזש.

אָט איז קוים אַ שמץ דערמאָנט געוואָרן וועגן מיין שטעטעלע, ווו איך בין געקומען אויף דער וועלט און מיינע זיסע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט. ווו מען האָט אין דער יוגנט שיינע חלומות געשפּונען וועגן אַ ליכטיקער, שיינער און פרייער וועלט, ווו ס'וועט הערשן גלייכקייט, פרייהייט און יושר, אָן שינאה און מלחמות. לאָמיר זיך אָבער נישט אַריינלאָזן אין די שווערע מחשבות וואָס קומען־אויף ביים פאַרגלייכן יענע, אפשר נאַיִווע, יוגנט־אידעאַלן, מיט דעם וואָס מיר האָבן צוגעזען אין די רייפערע יאָרן און אויף דער עלטער, און מיט דעם וואָס אונדזערע קינדער און קינדס־קינדער וועלן אפשר נאָך דאַרפן אויסשטיין.

לאָמיר זיך בעסער צוריקקערן צו דער טעמע: יהודה בן־שלום. מיין ליבער חבר וועט זיכער אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן הלמאַי כ'בין פאַרקראָכן אין אַזעלכע ווייטע באַטראַכטונגען. ער פאַרשטייט גאַנץ גוט אַז מען קען דאָס נישט אויסמיידן, ווען מען נעמט זיך גריבלען אין זכרונות און מען דערמאָנט זיך דאָס באַזונדערע ליכט פון דעם דור פון וועלכן ער און איך זענען קינדער. און איבעריקנס איז ער סתם אַ געשווירענער מלמד זכות, און ער וועט נישט נעמען פאַר אומגוט וואָס זיין לאַנדסמאַן און אימפּראָוויזירטער שרייבער לאָזט זיך אַ ביסל ווילגיין מיט זיינע שטימונגען דווקא אין דעם קאַפּיטל וואָס איז אים אָפּגעגעבן.

יהודה בן־שלום איז אַ זון פון אַ זשעלעכאָווער באַלעבאַטישער היים. די לאַנדסלייט געדענקען נאָך אַלע זייער גוט ר׳ שלום באַרכאַוויטש, ע״ה. אין זשעלעכאָוו האָט מען דעם נאָמען אַרויסגעברענגט מיט דרך־ארץ. אַ חסידיש הויז מיט פיינע מידות־טובות. פון יענער שטוב האָט יהודה אַרויסגעטראָגן זיין גייסטיקן באַגאַזש אויף גאָטס וועלט. קיין ישראל איז ער אָנגעקומען ווי אַ יונגער בחור, מיט 45 יאָר צוריק, צי אפשר נאָך פריִער (איצט איז ער סך הכּל אַלט 65 יאָר, עד מאה ועשרים). דאָרט האָט ער געבויט זיין לעבן, פאַרמירט אַ היים, אויף זיך געאַרבעט גייסטיק און זייער הויך זיך דערהויבן. צושטייער געגעבן אַ זון אין די ישראל־מלחמות. און ביים גאַנצן צער און ווייטיק, נעמט ער עס פאַר נאַטירלעך. אַט אַזוי האָט דער קאַמף פאַר אַן אייגן ווינקל צעמענטירט די נשמות פון יידישע עלטערן, וועלכע גיבן אַוועק פאַרן קיום פון אונדזער מדינה דאָס שענסטע פון זייער לעבן: קינדער, יונגע קינדער.

יהודה בן־שלום האָט פאַר דער צייט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטאָלץ פאַר דער משפחה זשעלעכאָווער, קודם כּל אין ישראל, און נאָך ווייטער, אומעטום ווו זשעלעכאָווער לעבן, איבער אַרבע פּינות העולם. בעת מיר האָבן געהאַט, אין משך פון 20 יאָר צייט, דעם זשעלעכאָווער בולעטין, איז ממש געווען אַ נחת־רוח אים צו לייענען. אַ מענטש פון תּורה און חכמה. קען פיין זיך באַנוצן מיט דער פעדער. וועגן זיין צוגעבונדנקייט צום ספר איז אָפגערעדט. יעדע מינוט, יעדע פרייע רגע וואָס ער פאַרמאָגט, לאָזט ער דעם ספר נישט אַרויס פון האַנט. ער איז אַ מיטגליד אין דער פאַר־וואַלטונג פון זשעלעכאָווער פאַרבאַנד אין ישראל, וואָס טוט אַל דאָס מעג־לעכע לטובת די בני־עיר. זיין חלק איז ביז גאָר חשוב, ווייל אַזוי איז שוין דער סדר־העולם, אַז מענטשן ווענדן זייערע בליקן צו די וואָס שטייען בראש, און אויב זיי דערוועקן צוטרוי און דרך־ארץ, איז שוין די הצלחה אַ געזיכערטע. און יהודה, מיט זיינע צוגעקליבענע חברים, זענען בפירוש באַרופן אַרויסצורופן אמונה און רעספעקט; דעריבער טאַקע איז זייער שליחות געווען און וועט ווייטער זיין דערפאָלגרייך.

ווען מען טוט אַ קוק אויפן שיינעם קרייז וואָס די זשעלעכאָווער אין ישראל האָבן באַוויזן צו בילדן, כאַפּט זיך אַרויס אַ קרעכץ פון האַרצן, הלמאַי האָב איך נישט זוכה געווען דעם דאָזיקן קרייז אויסצוברייטערן. דאָס לעבן האָט מיך פון דאָרט דערווייטערט. אָבער דאָס שטערט מיר נישט צו וויסן, אַז מיר פאַרמאָגן אַ גאָר יחוסדיקע משפחה זשעלעכאָווער אין יידישן לאַנד: אפרים פרידמאַן, פעלהענדלער, פּרץ ליסטעק און נאָך און נאָך, וואָס מיין שוואַכער זכרון פאַראַט מיך ווען כ׳וויל דערמאָנען זייערע נעמען. זיי אַלע זענען מענטשן פון אַ גאָר הויכער קולטורעלער און מאָראַ־

לישער מדרגה. זיי האָבן מיט יאָרן צוריק געגרינדעט אַ לייקאָסע מיטן אַנטייל פון לאַנדסלייט פון דער גאַנצער וועלט, אַז בני־עיר אין ישראל זאָלן האָבן מיט וואָס זיך אַרויסצוהעלפן בשעת־הנויט. דער הויפּטגרינדער איז שוין ליידער נישטאָ. דאָס איז געווען אַ לאַנדסמאַן אַן אידעאַליסט, וואָס האָט דעם דראַנג צו אַרבעט לטובת הכלל געטראָגן אין בלוט. לייביש ווייסלעדער ע״ה איז געווען זיין נאָמען. דאָס וואָס ער האָט געטאָן פאַר זשעלעכאָווער שארית־הפליטה בשעת דער טונקעלער פאַרהאַנג האָט זיך סוף־כּל־סוף פאַרהויבן, איז ממש נישט צום באַשרייבן. אים, לייבישן, קומט אַ גאַנץ בוך, כּדי צו פאַראייביקן אין די העלסטע פאַרבן זיין נאָמען. דער אויפטו פון דער לייקאָסע איז דערגאַנצט געוואָרן מיט אַ פאָנד, אַז קינדער פון זשעלעכאָווער זאָלן קענען פאָרזעצן אָן שטערונגען זייערע לימודים.

אומעטום טראָגט־צו זיין ביישטייער יהודה בן־שלום. דער עלטערער ברודער יהודהס, משה באָרכאָוויטש, לעבט אין ניו־יאָרק. ער האָט זיך על־פּי נס אָפּגעראַטעוועט פון אומקום בשעת דעם לעצטן חורבן. גלייך נאָך דער באַפרייונג איז ער באַרימט געוואָרן אין דער יידישער וועלט מיט זיין סידור, וועלכן ער האָט אין די פינצטערע בונקערס, ווו ער האָט זיך באַהאַלטן, אָנגעשריבן מיט דער האַנט, פון אויסנווייניק. משהס צוויי זין, די פּלימעניקעס פון יהודה בן־שלום, לעבן אין צענטראַל־אַמעריקע, אין קאָסטאַ־ריקאַ. דאָס זענען צוויי ביז גאָר גערעכטענע זין. דער ישוב פון סאַן כאָסע שאַצט זיי ביז גאָר. בערנאַרדאָ, דער עלטערער, האָט אין אָנהייב און יאָרן דורכאַנאַנד געאַרבעט ביי מיסחר, צוזאַמען מיט זיין ברודער הערשל, און זיי האָבן שטאַרק מצליח געווען. איז אָבער אין בערנאַרדאָן געוואַקסן אַ פאַרלאַנג זיך אָפּצוטאָן פון האַנדל און צוטרעטן צו אַן אַקאַדעמישער פּראָפעסיע. ער האָט גענומען שטאַרק אַרבעטן איבער זיך, און היינט לעבט ער אין דער וועלט פון די יורידישע ענינים: ער איז אַן אָנערקענטער אַדוואָקאַט אין סאַן כאָסע, ווו ער געניסט פון גרויס אַכטונג מצד דער רעגירונג און דער עפנטלעכער מיינונג. אַזוי טרעפט עס ווען עס האַנדלט זיך אין בלעטער פון אַ געזונטן בוים — פון דעם שיינעם בוים וועלכן מיר האָבן געקענט אין זשעלעכאָוו און וואָס האָט געהייסן שלום באָרכאָוויטש.

יהודה בן־שלום האָט צוויי מאָל באַזוכט אונדזער קאָנטינענט. זיין גייס־טיקער דאָרשט האָט אים געצויגן נישט נאָר צו ביכער, נאָר אויך — צו דער וועלט. ער האָט דעמאָלט אויך אין זיינע זשעלעכאָווער פון באָגאָטאָ נישט פאַרגעסן: ער איז געקומען זען זיינע בני־עיר און זיך פרייען מיט זיי. זיינע נסיעות האָבן אים געקאָסט גרויסע אָנשטרענגונגען, אָבער — ער איז געפאָרן. ישראל איז פון די געציילטע לענדער ווו אויך דער אַרבעטסמענטש קען זיך פאַרגינען דעם תענוג פון אַרויספאָרן אַ ביסל איבער דער ברייטער

וועלט, וואָס פּאַר אַ גייסטמענטש איז דאָס ממש אַ נויטוועגדיקייט. קען דאָס אַ ישראל־בירגער אויספירן, אַוודאי, נישט מיט אַזאַ רחבות ווי די גבירים, אָבער אויך אויף אַ שיינעם אופן. און ווער פון אונדז עס געדענקט וויפל יומטובדיקייט יהודה בן־שלום האָט אַריינגעברענגט צו זיינע פריינד אין באָגאָטאַ, און וויפל עכטן נחת ער האָט זיך פון זיי אָנגעשעפּט, דער וועט זיכער זיין, אַז די שיינקייט פון אַ נסיעה שטעקט נישט אין די שווילטאָגן פון די „הילטאָנס" למיניהם, נאָר אין דער מענטשלעכער עשירות וואָס דער אַרומפאָרער איז מסוגל צו צעטיילן און גלייכצייטיק איינצוזאַמלען.

בעתן שרייבן ליגט מיר פאַר די אויגן יהודהס בריוו מיט די דראָבנע אותיהלעך. למאַי זאָל איך לייקענען, עס טוט מיר הנאה וואָס אים טוט הנאה מיין בוך „אַ יידיש אינדזועלע אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט", וואָס איך האָב אים צוגעשיקט. אַזוי טוט ער מיר בפירוש שרייבן, און מוסרט מיך, איך זאָל זיינע לויברייד נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. צו פיל עניוות, שרייבט ער מיר, — טויג אויך נישט; און ער אילוסטרירט עס מיט אַ פיינער יידישער מעשה, וואָס כ'קען זיך נישט איינהאַלטן און מוז זי איבערדערציילן:

ס'איז אַ מעשה מיטן ראַדינער רב, דער באַרימטער חפץ־חיים; דער האַרציקער, גוטמוטיקער, עניוותדיקער, אָרעמער רב פון ראַדין. די גאַנצע יידישע וועלט האָט פון אים געוווּסט און האָט אים ליב געהאַט, אַזוי די לומדי־תורה ווי די פּראָסטע פּאָלקסמענטשן. מאַכט זיך אַ מאָל, דער חפץ־חיים פאָרט קיין ווילנע דערליידיקן פאַרשיידענע ענינים. אָוונטצייט לאָזט ער זיך צוריק אַהיים. קיין „דזשעטן" און קיין אויטאָס זענען נאָך נישט געווען, און מיט קיין באַן איז דער רב אויך נישט געפאָרן, נייערט ער האָט זיך דערפרעגט אויף אַ וועגעלע קיין ראַדין. דער בעל־עגלה האָט אים אין דער טונקל נישט דערקענט, און דער חפץ־חיים האָט זיך פאַרשטענדלעך פאַר אים נישט פאָרגעשטעלט. האָט אים דער ייד געהייסן זיך „אַרויפדראַפּען" אויפן וואָגן, און איז נאָך געבליבן וואַרטן אויף אַנדערע „פאַרשוינען".

דערווייל האָט ער, ווי דער יידישער שטייגער איז, זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיטן פאַסאַזשיר. און איין זאַך האָט דער בעל־עגלה ביי אים ממש געפּאָדערט: אַז ער וועט שוין זיין אין ראַדין, זאָל ער למען־השם נישט דורכלאָזן און אַריינגיין באַזוכן דעם גרעסטן גאון־הדור, דעם למדן מופלג און צניעותדיקן מענטשן, וואָס ער איז די גאַנצע גדולה פונעם שטעטל ראַדין. פרעגט אים דער חפץ־חיים, מיט אמתער תמימות: „ווער איז דאָס דער ייד וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע ווונדערלעכע מעלות?" מאַכט דער בעל־עגלה, שוין אַ ביסל אַן אויפגעקאָכטער: „ס'טייטש? נאָך קיין מאָל נישט געהערט פון דעם... חפץ־חיים?" ענטפערט דער פאַסאַזשיר: „כ'ווייס... גע־

הערט, געהערט!... אָבער מ׳דאַרף נישט, מ׳טאָר נישט מגזים זיין! דער חפץ־חיים קען טאַקע אַ ביסל לערנען, ער לערנט און איז אויך אַ מתמיד. אָבער צוטיילן אים אַ כבוד ווי דעם גרעסטן למדן, דעם גרעסטן גאון? פע, פע! דאָס איז נישט יידיש!״...

דער בעל־עגלה קען עס שוין מער נישט אויסהאַלטן, דרייט ער אויס די בייטש מיט דער גראָבער זייט און נעמט „פיצקעווען״ דעם פּאַסאַזשיר זיינעם, און ווי אַ ווילדער אָקס רעוועט ער: „אַט נאַ דיר! אַראָפּ פון מיין וואָגן! קריך צופוס קיין ראַדין, איך וועל אַזאַ פּאַרשוין אויף מיין וואָגן נישט אַרויפלאָזן! געהערט אַ חוצפה?! לייקענען אַז דער חפץ־חיים איז דער גרעסטער למדן און דער גרעסטער גאון?! אַנטלויף, ווייל איך וועל דיך ממיתן!!!״

אַ צעקלאַפּטער און צעשלאָגענער איז דער חפץ־חיים קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן, און זיך טאַקע געלאָזט גיין צופוס קיין ראַדין. און גייענדיק האָט ער געמורמלט צו זיך: „זייער אַ גרויסע תורה האָט מיך געלערנט דער בעל־עגלה. ער האָט מיך געלערנט אַז אַ מענטש טאָר נישט מזלזל זיין אינעם כבוד, נישט נאָר פון יענעם, נאָר אויך נישט פון זיך אַליין... און היות ס׳איז מעגלעך אַז איך וואָלט די דאָזיקע תורה נישט געוועזן אָנגענומען בדרכי־נועם, אויף אַ ליבלעכן אופן, האָט ער זי אין מיר אַריינגעקלאַפּט...״

אָט דאָס איז די מעשה וואָס מיין חבר יהודה בן־שלום שרייבט מיר, און ווייל איך זאָל זיך פון איר אָפּלערנען אַ מוסר־השכל. דאַנק איך אים, קודם־כל, פאַר מהנה זיין מיך — און דורך מיר, מיינע לייענערס — מיט אַזאַ טייערן אַנעקדאָט. וואָס שייך דעם מוסר־השכל, בין איך דאָך נישט דער חפץ־חיים, און מען דאַרף מיך ערשט נישט שלאָגן כדי צו דערוועקן אין מיר דעם יצר־הרע צו די שבחים פון אַ טייערן פריינד, מעגן זיי זיין נאָר האַלב פאַרדינטע.

נאָר זאָל שוין מיינס איבערגיין: אָבי פריינד יהודה האַלט, אַז די געשטאַלטן וואָס איך צייכן אין מיינע ביכער האָבן אַ האַפט און רופן־אַרויס אַן אינטערעס, בין איך שוין זייער צופרידן. און אויב ער טרייבט אַ ביסל איבער זיין לויב, כדי צוגעבן מוט אַ זשעלעכאָווער בן־עיר, דאַרף מען עס אים פאַרגעבן... אָדער אָפּלייגן דאָס „אָפּרעכענען זיך״ אויף אַ פּאָר חדשים אַרום, ווען איך וועל אם־ירצה־השם זיין אין ישראל צום דערשיינען פון איצטיקן בוך. דעמאָלט וועט מיין שימחה זיין אין־לשער, ווייל איך וועל האָבן דערלעבט דורכצופירן די שליחות פון אַ כראָניקער פון יידישן לעבן, וואָס איך האָב אויף זיך גענומען, און כ׳וועל ווידער געניסן פון דער האַרציקער נאָנטשאַפט פון יהודה בן־שלום און זיינס גלייכן, און כ׳וועל האָבן

זוכה געווען, כאָטש נאָך איין מאָל צו באַטרעטן דעם הייליקן באָדן, וואָס מיט 52 יאָר צוריק האָב איך מסתמא נישט פאַרדינט, אַז ער זאָל ווערן מיין באַשטענדיקע היים.

נעמי אַבראַמאָוויטש (בן־שלום) ע״ה

ס׳וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה נישט צו דערמאָנען צווישן די טייערע זשעלעכאָווער פרויען אין ישראל, דעם נאָמען פון נעמי בן־שלום. צום גרויסן ווייטיק דאַרף מען שוין צו דעם נאָמען צוגעבן די צוויי אותיות ז״ל: שוין ניין יאָר ווי זי פעלט צווישן די לעבעדיקע, און זי פעלט באמת אויס, נישט נאָר איר מאַן יהודה בן־שלום, און זייער גאַנצער משפחה, נאָר דער זשעלעכאָווער משפחה פון ישראל און פון דער וועלט פעלט זי כסדר אויס. די ערשטע צוויי־דריי בולעטינען אונדזערע נאָך איר פטירה זענען געווען פול מיט בלעטער און עמודים געווידמעט איר געשטאַלט, און ווען דער בולעטין דערשיינט נאָך היינט, וואָלט ער ווייטער געווען פול מיט איר נאָמען און דערינערונג, ווייל געשעענישן און טרעפונגען ברענגען אַלע מאָל אַרויס פון דאָס ניי איר גערעכעניש אויף דער אייבערפלאַך פון אונדזער בענקשאַפט.

נעמי איז אָנגעקומען קיין ישראל אָנהייב 1934, צוזאַמען מיט פסח וואַז׳אָווסקי, אַ לאַנדסמאַן וועלכער האָט זי געברענגט „אויף זיין פאַס" גלייך קיין דגניה ב׳, צו איר יוגנט־פריינד און שפעטערדיקן מאַן יהודה בן־שלום. נישט געקוקט וואָס דער קלימאַט פון ירדן־טאָל איז געווען אַ שווערער פאַר איר צאַרטן געזונט, האָט נעמי דאָ מיט פרייד גענומען בויען די נייע היים, וואָס איז גלייך פון אָנהייב געוואָרן אַ צוזיונגס־פונקט פאַר לאַנדסלייט פון אומעטום, אויף אַזוי פיל אַז דער דעמאָלטיקער קיבוץ־חבר און שפעטערדיקער כנסת־פרעזידענט קדיש לוז, פלעגט זיך וויצלען: — וויפל מיליאָן יידן זענען דאָס געווען אין זשעלעכאָוו? און ער איז נישט געווען דער איינציקער. אַנדערע באַקאַנטע האָבן אויך, זעענדיק די באַוועגונג פון זשעלעכאָווער אין נעמיס באַשיידענער, איין־צימערדיקער וווינונג אין דגניה ב׳ געטראַכט, אַז זשעלעכאָוו איז מסתמא געווען נישט ווינציקער ווי די הויפטשטאָט פון פוילן.

עס זענען אונטערגעקומען די „געשעענישן" (אַזוי האָט מען אין ארץ־ישראל אָנגערופן די אומרועןצווישן אַראַבער און יידן) פון 1936—1939. נעמי איז שוין דאַן געווען אַ מאַמע פון אַ קליין זונעלע, עוזי (היינט דירעקטאָר פון דער קרייזשול אין עמק־הירדן); דאָס האָט איר אַבער נישט געשטערט זיך צו באַטייליקן מוטיק אין דער אונטערערדישער אַרבעט פון

דער „הגנה", סיי ווי אַ פאַרבינדלעריןֹ, סיי ווי אַ „רעזערוו־כוח", וואָס האָט זיך אַפילו אויסגעלערנט שיסן מיט אַ רעוואָלווער און האָט דאָס געווער געהאַלטן ביי זיך, כאָטש פאַר דעם אַליין האָט דעמאָלט געדראָט מיט טויטשטראָף מצד דער ענגלישער מאַנדאַטאָרישער מאַכט. איר שיס־אינסטרוקטאָר איז געווען דער אייגענער מאַן, יהודה בן־שלום, וואָס איז געווען אינסטרוקטאָר פאַר אומגיין מיט געווער ביי דער „הגנה".

נאָך דעם הייבט זיך אָן די פינצטערע תקופה פון צווייטן וועלטקריג. נאָך פאַר דער מלחמה דערגייט די ידיעה וועגן דער פטירה פון נעמיס מוטער, גאָלדע; נאָך דעם טוען זיך אַ שאָט פינצטערע בשורות וועגן אומ־קום פון פוילישן יידנטום. דאָס אַלץ ווירקט זייער שלעכט אויף נעמיס שוואַכן געזונט, און די פאַמיליע באַשליסט דווקא אין יענע עקאָנאָמיש אויך שווערע מאָמענטן, נאָך מיט דעם ערשט־געבוירענעם צווייטן זונדעלע חנן, זיך אַריבערצוציִען קיין חיפה. שווערע צייטן; קיין דירות קריגט מען נישט. צעווייטיקטע נאָכן פאַרלאָזן דעם קיבוץ, וואַנדערן די בן־שלומס חדשים לאַנג איבער צייטווייליקע ווינערטער, ביז זיי קריגן קוים אָן אַנדערהאַלבן צימערדיקע וווינונג אין נוה שאנן, אַ קליינע פאַרשטאָט פון חיפה. אין דער ענגשאַפט, ווו די קיך איז נאָך געווען אַ בשותפותדיקע מיט עטלעכע שכנות, האָט נעמי בן־שלום אַרויסגעוויזן די אויסערגעוויינט־לעכע גבורה איינצופירן אַ גוט צוזאַמענלעבן מיט שכנות און איינצופירן אַ באַלעבאַטישקייט אויפן שענסטן אופן, ווי מען וואָלט געזעסן אין אַן אייגענעם פאַלאַץ און נישט אין דער גרעסטער ענגשאַפט און אומבאַקוועמ־קייט. ביי איר שבתדיקן טיש האָבן קיין מאָל נישט געפעלט קיין אורחים, סיי אין יענע שווערע יאָרן, און אַוודאי שפּעטער, ווען דער מאַטעריעלער מצב האָט זיך פאַרבעסערט. לאַנדסלייט און קרובים פון גאָר דער וועלט זענען ביי איר איינגעשטאַנען ווי לאַנג זיי האָבן נאָר געוואָלט, און זיך נישט געקענט אָפּליבן פון אירע מאכלים און פּאָטראַוועס. אַ ניו־יאָרקער לאַנדסמאַן האָט איר אַ מאָל פאַרזיכערט אַז ווען זי עפנט אין ניו־יאָרק אַ יידישן רעסטאָראַן, וואָלט פאַר דער טיר געשטאַנען אַ ריי פון ברוקלין ביז מאַנהעטן. אַ פאַריזער קרובה האָט ביי אַ געלעגנהייט פאַרגעלייגט מען זאָל איבער איר טיר אויפהענגען אַ גרויסן שילד מיט גאָלדענע אותיות: „האָטעל דע בן־שלום". אַזעלכע אָנערקענונג־אויסדרוקן האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן, סיי בעל־פה, סיי דורך בריוו, סיי אויף די שפּאַלטן פון זשעלעכאָווער בולעטין.

נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ווערט ביי נעמין געבוירן אַ מיידעלע אין וועלכער די מאַמע שפּיגלט זיך. אָבער די משפחה בן־שלום האָט נאָך געדאַרפט אויסשטיין אַ סך נסיונות, און נעמין איז נישט באַשערט געווען,

דעמאָלט און אויך שפּעטער נישט, קיין לאַנגע נחת־פּעריאָדן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די קאַמפן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט פון ישראל. איר מאַן יהודה איז געווען אַן אָפיציר אין דער „הגנה" און גלייכצייטיק אַ שאָפער פון אַ לאַסטאויטאָ, וואָס איז טאָג־טעגלעך אַרויסגעפאָרן, אויף צו להכעיס די אַראַבישע אָנגריפן, וועלכע האָבן געצילט אָפּצושטעלן די יידישע קאָמוני־קאַציע און באַוועגונג אין לאַנד, און דערפאַר האָבן זיי מער ווי אַלץ באַשאָסן טאַקע טראַנספּאָרט־מיטלען. נעמי איז כסדר געשטאַנען פעסט לעבן איר מאַן, אים געמוטיקט און דווקא נישט געפּרווט פאַרהאַלטן, נאָר פאַרקערט, צוגעגעבן קוראַזש ער זאָל ווייטער טאָן זיין פליכט און אַרויס־פאָרן, מיטן טיפן גלויבן אַז ער וועט תמיד צוריקקומען בשלום. דער דאָזיקער אָפּטימיזם און בטחון נעמיס האָט זי באַגלייט אַ גאַנץ לעבן, און אין דעם זכות איז טאַקע אין יענער צייט געראַטעוועט געוואָרן דאָס לעבן פון דער צוויי־יאָריקער טאָכטער. דאָס מיידעלע איז קראַנק געוואָרן אויף דיפטעריע. איבער דעם מלחמה־צושטאַנד האָט מען די קרענק נישט גע־קענט ריכטיק באַהאַנדלען, ביז מען האָט זי געמוזט אין אַ גסיסה־צושטאַנד ביינאַכט אָפּפירן אין שפּיטאָל. דאָס איז געווען אַ נאַכט פון אומאויפ־הערלעכע שיסערייען און שחיטות. מיט גרויס מסירת־נפש האָט אַ שאָפער זיך אונטערגענומען אין אַ באַוואַכטן לאַסטאויטאָ אַריבערצופירן די מאַמע און דאָס קינד פון דער ווייטער פאָרשטאָט אין איינעם פון די געציילטע חיפהר שפּיטעלער, וואָס איז געווען איבערגעפּולט מיט פאַרוווּנדעטע פון די קאַמפן. דאָרט זיצט נעמי אָפּ זעקס מעת־לעת, אָן איבעררייס, לעבן דעם מיידעלעס בעט, און ווער עס קומט זיך נאָכפרעגן פאַרזיכערט זי, אַז דאָס קינד וועט לעבן. און דער נס געשעט: דאָס קינד קומט צו זיך. איינער פון די דאָקטוירים האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָט אַ זאָג געטאָן: נישט יעדערער איז זוכה צו האָבן אַזאַ מאַמע...

מיט דער אַנטשטייונג פון דער מדינה איז נעמיס אַלע מאָל ענערגישער גייסט ווי פאַריינגערט און פאַרשטאַרקט געוואָרן. נאָר אַ דאַנק איר אונ־טערנעמערישן אימפּולס און ענערגיע האָט איר פאַמיליע באַשלאָסן אַריינ־צוטרעטן אין אַ גרויסער אונטערנעמונג: ווערן מיטגלידער אין דעם גרויסן טראַנספּאָרט־קאָאָפּעראַטיוו „שחר" (שפּעטער „אגד"), וואָס אין אָנהייב האָט דאָס אויסגעזען אַ ריזיקאַלישע פאַנטאַזיע, אָבער לסוף האָט עס דער משפּחה געגעבן אַ גוטע פּרנסה און אַ באַקוועמע וווינונג אויף ווייטער. דאָס זענען געווען די „זיבן גוטע יאָר" פון די בן־שלומס: אין 1957, צו די צען יאָר פון דער מדינה, האָבן זיי חתונה געמאַכט דעם בכור, עוזי, און ברידער און שוועסטער פון דער גאַנצער וועלט, אירע און איר מאַנס,

האָבן זיך פאַרזאַמלט אונטער איר גאַסטפריינדלעכן דאַך, זיך מיטצופרייען מיט איר גליק.

ס'איז נאָך אָבער נעמין און איר מאַן געווען באַשערט אויסצוטרינקען ביזן דנאָ דעם ביטערסטן בעכער וואָס טאַטע־מאַמע קענען אַ מאָל פאַרזוכן: זייער צווייטער זון, חנן, איז העלדיש געפאַלן אין פאַרטיידיקונג פון דער מדינה. ביי די צפון־גרענעצן, אין עלטער פון קוים ניינצן יאָר מיט אַ האַלבן. אַוודאי האָט נעמי אָפגעשאַצט דעם זכות וואָס עס מיינט פירן אַ זון אויף דער עקידה פאַר דער יידישער זעלבשטענדיקייט, אין קאַמף פאַר דער ערד ווו ער איז געבוירן־געוואָרן און געפאַלן, ווי דאָס האָט באַטאָנט אין זיין הספד דער כנסת־פאָרזיצער קדיש לוז. אָבער, צי קען דאָס זיין אַ טרייסט פאַר אַ מאַמען? זי האָט דעם גזר אויפגענומען מיט אומבויגזאַמער מאָראַלישער אויסגעהאַלטנקייט. נאָך אָפזיצן שבעה האָט זי זיך צוריקגעקערט צו איר באַלעבאַטישקייט און איז פאַר אַלעמען וויטער געווען די מכניס־אורחדיקע נעמי, וואָס האָט ליב דעם קאָנטאַקט מיט מענטשן און לעבט ממש אויף ווען זי קען אויפנעמען און פאַרברענגען אין דער געזעלשאַפט פון אַלטע אָדער נייע פריינד. אָבער דער ווייטיק האָט געגראָבן טיף אין האַרצן. אירע לעצטע ניין יאָר זענען געווען פון אינעווייניקסטע ליידן און פון פאָרויספילן, אַז דער סוף דערנענטערט זיך, כאָטש זי האָט אינעם זעלבן פעריאָד אויך געהאַט אַ סך נחתדיקע איבערלעבונגען: דערלעבט צו זען דאָס פערטע אייניקל, חתונה צו מאַכן די טאָכטער, אַרומצופאָרן מיט איר מאַן איבער אויסלאַנד, טרעפנדיק זיך אומעטום מיט לאַנדסלייט און פריינד, וואָס דאָס איז פאַר איר געווען דער העכסטער פאַרגעניגן: זיין מיט מענטשן און זיי אַרויסווייזן איר ליבשאַפט און האַרציקייט... אָבער דער אַכזריותדיקער טויט, נאָך אַ לאַנגער און שווערער קראַנקהייט, האָט זיך געפעדערט צו מאַכן אַ סוף אויך צו דער דאָזיקער, טרייסטנדיקער לעצטער צייט פון איר לעבן...

נעמי בן־שלום וועט אונדז שטענדיק אויספעלן, און מיר, זשעלעכאָווער פון דער גאָרער וועלט, וועלן נאָך איר בענקען ווי נאָך אַ ליבער, טייערער שוועסטער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אומפאַרגעסלעכע מאָמענטן פון שיינקייט און פרייד אין אונדזער אַלעמענס לעבן.

משה צדוק (לערער) ע״ה

מיטן נאָמען פון משה צדוק (פון דער היים: לערער) שטאָלצירן אַלע זשעלעכאָווער איבער גאַר דער וועלט: איינער פון די ערשטע און גרעסטע ישראלדיקע גענעראַלן, דער גרינדער פון צבא הגנה לישראל, איז אַרויס־געוואַקסן פון אונדזער שטאָט, און איז נאָך משפּחהדיק ענג געקניפּט און געבונדן מיט אַנדערע יחוסדיקע נעמען פון אונדזער זשעלעכאָווער גייס־טיקער אַריסטאָקראַטיע: משהס ברודער, יחיאל לערער, איז געווען דער מחבר פון דער גרויסער פּאָעמע „מיין היים״ וואָס האָט אין 1937 אויפ־געטרייסלט די יידיש־פּוילישע ליטעראַרישע וועלט; די שוועסטער, חנה־מלכּה, איז געוואָרן די פרוי פון אונדזער שלמה בריינסקי, דער יידישער שרייבער וואָס האָט זיך דערוואָרבן אַ פּראָמינענטע פּאָזיציע אין די רייען פון דער קאָלאָמביאַנער, פּונקט ווי פון דער יידישער ליטעראַטור.

כ׳געדענק נאָך גוט משה לערערן פון ווען מיר האָבן ביידע געשפּילט צוזאַמען פוטבאָל, איך אַ 20־יעריקער און ער אַ בר־מצווה־בחור. אַז פון אים וועט אַ מאָל ווערן אַ גענעראַל, האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט. אָבער כ׳האָב שוין דעמאָלט דערשפּירט אַז אין דעם קליין־געוויקסיקן בחור וואַקסט אַ גרויסע פעיִקייט צו וויכטיקע מעשים.

צען יאָר שפּעטער ווי מיר זענען געווען פוטבאָל־שותּפים, אין 1933, איז משה אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. ער איז אָנגעקומען מיט צוויי טייערע אייגנשאַפטן: אַ פּאַך (סטאָלעריי) און אַ ראַנג פון קאָרפּאָראַל אין דער פּוילישער אַרמיי. ווער עס געדענקט דעם פּאַסקודנעם אַנטיסעמיטיזם פון פּוילישן מיליטער, פאַרשטייט גלייך אַז אַ ייד וואָס איז דערגאַנגען אַפילו צו אַזאַ „הויכן״ ראַנג, האָט געמוזט זיין אַן אויסגעצייכנטער זעלנער. משה איז דאָס געווען. זענען אים די צוויי „ספּעציאַלנאָסטן״ זיינע בייגע־שטאַנען. תּחילת האָט ער זיך איינגעגלידערט אין אַ סטאָלעריי־קאָאָפּע־ראַטיוו און, ווי אַ גוטער בעל־מלאכה, האָט ער גענומען מאַכן עקאָנאָמישן פאָרשריט. באַלד אָבער האָט אים די „הגנה״ אַנטדעקט און אים געמאַכט פאַר אינסטרוקטאָר פון די חיפהער פייערלעשער, וואָס דאָס איז געווען די האַלב־אָפיציעלע מאַסקע, אונטער וועלכער עס האָט אָפּערירט די יידישע פאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע.

ביי משה צדוקן זענען נישט געווען קיין פּשרות. אויב אַ סטאָליער —

איז ער געווען דער בעסטער, דער פּינקטלעכסטער. אויב אַן אינסטרוק־טאָר — איז נאָר אויף צו דערגרייכן פולע הונדערט פּראָצענט אין אַלע הינזיכטן פון מיליטערישער צוגרייטונג. פאַרשטענדלעך, האָט דאָס זיך אויסגעלאָזט צו זיין מאַטעריעלן מצב, ווייל ער האָט זיך געמוזט צוריק־ציִען פון קאָאָפּעראַטיוו. די „הגנה"־אַרבעט האָט אים אין גאַנצן פאַר־שלונגען, אָבער די יידישע אַרמיי איז ווייט נישט געווען בכּוח צו באַצאָלן אירע אַקטיוויסטן...

ס'האָט אָבער נישט אויסגעמאַכט. טויזנטער יידישע יונגע לייט זענען אונטער משה צדוקס השגחה געוואָרן געניטע ישראל־זעלנערס; זיינעם אַ סאָלדאַט האָט מען געקענט דערקענען צווישן פיל אַנדערע... איז טאַקע משה צדוק געווען איינער פון די ערשטע ניין גענעראַלן פון צבא הגנה לישראל, און ער האָט אין דער ישראלדיקער אַרמיי דורכגעמאַכט אַלע ראַנגעס, וואָס אַ מיליטערמאַן קען נאָר דערגרייכן, אַ חוץ שעף פון גענע־ראַל־שטאַב...

ביי אַלע זיינע הויכע אַמטן און דעצידירנדיקע פּאָזיציעס, זייענדיק אין ענגן קאָנטאַקט מיט די העכסטע פיגורן פון ישראלס מיליטערישער און ציווילער אָפּירערשאַפט, בראש מיט דוד בן־גוריון, וועמענס ליבלינג ער איז געווען, האָט משה צדוק כּסדר אויפגעהיט די צוויי גרונטשטריכן פון זיין כאַראַקטער און אויפפירונג: אָרנטלעכקייט און פשטות. ער איז אַלע יאָרן געווען דער פּערפעקטער היפוך פון אַ „פּראָטעקציאָניסט", און אַלע זיינע באַקאַנטע האָבן עס געוווּסט: דער ליבלעכער, צוגעלאָזענער, היימישער משה פון פּריוואַטן לעבן, קען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן קיינעם נישט און וויל קיינעם נישט דערקענען. אַלע האָבן דאָס געוווּסט און עס אָנגענומען פאַר גוט, ווי אַביישפּיל פון ציווילן און יידישלעכן יושר־געפיל, וואָס וואָלט געדאַרפט זיין די נאָרמע ביי דער גאַנצער מדינה־אָנפירערשאַפט.

וואָס שייך פשטות — ווי פאַרנומען איז ער נישט געווען, אפשר איינער פון די באַשעפטיקסטע מענטשן אין לאַנד, האָט משה צדוק קיין מאָל נישט פאַרנאַכלעסיקט דעם קאָנטאַקט מיט זיינע לאַנדסלייט. אמת, אין קאָמיטעט און אויף די גענעראַל־פאַרזאַמלונגען האָט ער זיך נישט געקענט באַטיי־ליקן. ווו וואָלט ער גענומען צייט דערויף? דערפאַר אָבער האָט ער קיין מאָל נישט פאַרפעלט די יערלעכע אַזכּרה נאָך אונדזערע קדושים, וואָס דאָס איז דאָך דער הייליקסטער מאָמענט אין וועלכן ס'פאַרבינדן זיך אין עמאָציע און געפיל אַלע לעבן־געבליבענע פון אונדזער שטאָט. און אַחוץ דעם איז ער געווען אַן אָפטער אורח אין די היימען פון אייניקע לאַנדס־לייט: די גלאָזמאַנס פון הרצליה, די בן־שלומס פון נוה־שאַנן. זיי, זיינע לאַנדסלייט, האָט ער אַוועקגעגעבן אַ היפּשן חלק פון די געציילטע שעהען

וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין פּריוואַט לעבן. דאָס רעשט פון זיין צייט, פון זיין ענערגיע און פון זיין אומגעווייניטלעכער פעיִקייט און שאַרפ־קייט, האָט ער געשאָנקען דער יידישער מדינה, פאַר וועלכער ער האָט געטריי און גרינטלעך בייגעטראָגן אָן אַ שיעור וואָגיקע אויפטוען.

צום באַדויערן, האָט דער מלאך־המוות זיך צו פרי אומגעקוקט אויף אָט דעם זעלטענעם מענטש, איינער פון זשעלעכאָווס בעסטע זין, פּונקט ווי איינער פון די אמתע פּאַטערס פון מדינת־ישראל. אַ פאַרשאָלטענע קראַנקייט האָט גענומען אָפּשוואַכן דעם גוף פונעם מענטש וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן צו מאַכן פון ישראלס אַרמיי איינע פון די שטאַרקסטע אויף דער וועלט. מיין לאַנדסמאַן און חבר יהודה בן־שלום געדענקט גוט משה צדוקס לעצטן באַזוך ביי אים אין הויז, ווען ער האָט מיט העלדישער אַנטשלאָסנקייט געצוווּנגען זיין צעבראָכענעם גוף ווייטער אויסצופאָלגן דעם באַפעל פון זיין שטאָלענעם ווילן.

ס'איז אָבער משהן ליידער נישט באַשערט געווען צו באַזיגן אָט דעם לעצטן, אַכזריותדיקן שונא. ער האָט זיך העלדיש געראַנגלט מיטן טויט, אָבער צום סוף באַזיגט געוואָרן. צוזאַמען מיט כל־ישראל דערמאָנען מיר דעם געטרייען קעמפער און בויער פון דער אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה; ווי זשעלעכאָווער, פאַרערן מיר באַזונדער זיין נאָמען און שטאָל־צירן מיט דעם כבוד, וואָס ער איז געווען אַן אונדזעריקער.

זכרונות פון אַ... פוטבאָל־עסקן

זאָל דער ליבער לייענער מיר מוחל זיין וואָס איך פאַרפאָר דאָ אין מיטן מיט אַ קאַפּיטל, וואָס האָט גאָר קיין שייכות נישט צו׳ דער טעמע



80

PALESTINE POLICE FORCE.
CERTIFICATE OF APPOINTMENT.

No. 612 F.C. Simha Kainkas

having been duly attested in accordance with the Police Ordinance, is hereby appointed a member of the Palestine Police Force and is hereby vested with the powers, immunities and privileges of a Police Officer from this date.

Date 10/9/28

Dist. Supt. of Police
Southern District

قوة بوليس فلسطين
شهادة تعيين

משטרת פלשתינה (א״י)
תעודת מנוי

דער ישראל־העלד שמחה כינקיס

פון מיין איצטיקן בוך, ד״ה צו די יידישע ישובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט. דאָס איז אָבער אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל זכרונות, און זכרונות,

דאַרף מען וויסן, זענען מיין באַליבטער זשאַנער, וואָס איך לייען און שרייב תמיד מיט פאַרגעניגן, זינט איך געדענק זיך.

ווער־זשע איז דער פוטבאָל־עסקן, וואָס וועגן זיינע זכרונות וויל איך איצט שרייבן ? דאָס איז נישט מער און נישט ווינציקער ווי דער שרייבער פון די שורות, וואָס האָט ליב עסקנות ס׳חיות, און אין זיין יוגנט איז אים אויך פוטבאָל געלעגן אין בלוט, איז ער אין עלטער פון 22 יאָר געוואָרן אַ פוטבאָל־טוער, און דאָס — אויף דער פאַרהייליקטער ערד פון דעמאָל־טיקן ארץ־ישראל.

כאָטש איך האָב געלעבט אין ארץ־ישראל ווי אַ חלוץ גאַנצע דריי יאָר, אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, האָב איך אַ טבע נישט צו שרייבן וועגן יענעם פעריאָד, ווייל כ׳בין דאָך אַוועק פון ארץ־ישראל, כ׳בין פון יענע וואָס האָבן דעם עקזאָמען נישט אויסגעהאַלטן, שעם איך זיך... כ׳האַלט אָבער אַז איצטער, אויף די עלטערע יאָרן, מעג איך שוין אַרויסברענגען אַן עפּיזאָד פון יענע צייטן, וואָס איך האַלט אַז ער וועט אינטערעסירן דעם לייענער.

געקומען קיין ארץ־ישראל בין איך ווי אַן אַלגעמיינער ציוניסט. כ׳בין געווען, נאָך אין פוילן, אַ פאַרברענטער חסיד פון יצחק גרינבוימען. אָבער ארץ־ישראל האָט געבראַכט צו אַ רעוואָלוציע אין מיין אופן דענקען. קודם־כל, בין איך דאָך אַריין אין אַ נייעם סאָציאַלן קלאַס : פון אַ טאַטנס אַ קינד, וואָס כ׳בין געווען אין דער אַלטער היים, בין איך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַרבעטער, וואָס האָט געשמאַק געשוויצט ביים פלאַסטערן כבישים און בויען בנינים. צווייטנס, האָבן מיך חברים לאַנדסלייט מקרב געווען צו די קרייזן פון פועלי־ציון, בן־גוריונס פאַרטיי. כ׳האָב שוין דעמאָלט פאַר־שטאַנען געגוג העברעיש צו לייענען דעם „דבר״, די אַרבעטער־צייטונג, און ממילא צו גיין אויף פאַרזאַמלונגען, ווו בן־גוריון האָט גערעדט. זיינע פלאַמיקע דרשות האָבן מיך מיטגעריסן. הכלל, כ׳בין געוואָרן אַ סאָציאַ־ליסט, אַ מיליטאַנט אין דער מחנה ווו אַ חוץ בן־גוריונען האָבן זיך אויך געפונען בן־צבי, בערל כצנלסון, משה שערטאָק, זלמן רובאַשאָוו א״א. כ׳בין אַריינגעטראָטן ווי אַ מיטגליד אין דער הסתדרות און אינעם אַר־בעטער־קלוב „הפועל״.

ס׳האָט מיך דאַן געוואַלדיג ערגערן, הלמאַי דער „הפועל״ האָט נישט קיין פוטבאָל־מאַנשאַפט. די איינציקע פוטבאָל־מאַנשאַפט אין תל־אביב האָט געהערט צום באַלעבאַטישן „מכבי״; צוזאַמען מיט זיי האָט געשפּילט אַ גרופּע „קבוצה אלנבי״, וואָס זיי זענען יאָ און נישט געווען איינגעגלידערט אין מכבי. איך האָב באַמערקט אַז די דאָזיקע גרופּע, הגם זיי זענען 16 און 17יאָריקע בחורים, שפּילן זיי ווי פּראָפעסיאָנאַלן, און כ׳האָב אויך

דערשמעקט, אַז עפּעס זענען זיי נישט אין גאַנצן שווה־בשווה מיט זייער קלוב. דאָס איז פאַר מיר געווען געגנוג. כ׳בין אַוועק צו מיין באַקאַנטן יאָסעלע ווייסענבערג ע״ה, וואָס איז געווען אַ באַאַמטער אין „מכּבי״ און האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ממש מוטערלעכער זאָרג צו זיינע שפּילערס, און כ׳האָב אים געגומען צורעדן ער זאָל מיר העלפן די חברה אַריבער־פירן אין „הפּועל״. כ׳האָב אים אויפגעוויזן אַז ער אַליין (געווען אַ סטאָ־ליער) איז אַן אַרבעטער, און ס׳פּאַסט גאָר נישט ער זאָל דינען אַ בירגער־לעכער פוטבאָל־מאַנשאַפט. בקיצור: יאָסעלע ווייסענבערג האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, און די יונגע לייט אויך. תחילת האָבן זיי זיך געדונגען, אַז זיי ווילן נישט אָנטאָן די רויטע „הפּועל״־העמדלעך, אָבער דער סוף איז געווען אַז זיי זענען אַפילו געוואָרן הסתדרות־חברים. דער לייענער קען די גרופּע אָפּשאַצן דאָ אויפן בילד, און מיך בתוכם, ווי מיר שטייען קעגנאיבער דעם דעמאָלטיקן בני־ברק (קוים אַ פּאָר הייזקעס מיט ווינציק איינוווינערס), אונטער דער ברענענדיקער זון, און רייסן לעבעדיקע שטיקער פון דער שטיין־האַרטער ערד, איבער וועלכער מיר האָבן געדאַרפט עפּענען דעם שאָסיי פון יפו קיין פּתח־תקוה. איך האָב זיי אַריינגעצויגן פאַר איין וועגס אין דער אַרבעטער־באַוועגונג און אין ספּאָרט, און כ׳קען זאָגן אַז אַ דאַנק מיר האָט „הפּועל״ תל־אביב פאַרמאָגט אין 1926 די גרעסטע און בעסטע פוטבאָל־מאַנשאַפט וואָס איז בכלל געווען אין אַרץ־ישראלדיקן פוטבאָל.

מיין אויפטו איז שטאַרק געפעלן געוואָרן די אָנפירנדיקע חברים: חבר שיף, חבר בן־גד און חבר ישראל מינץ; דער לעצטער איז באַזונדערס געווען צופרידן, ווייל ער איז געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון „הפּועל״ תל־אביב.

✡

שטייען מיר איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט און מיר געניטן זיך, טרענירן זיך איין, אויף אַ פּלאַץ (מגרש) לעבן וועג יפו־תל־אביב. אין דעם, באַמערק איך אַ יונגן מאַן, אַ חנעוודיקן, מיט אַ ליכטיק פּנים, וואָס באַטייליקט זיך אין שפּילן, און גייט דווקא לאַנגע הויזן, וואָס ביי יענע צייטן איז דאָס געווען אַ זעלטנקייט: אַלע האָבן געטראָגן „מכנסים קצרות״ (קורצע הייזלעך). כ׳זע אַז דער בחור מאַכט עס זייער גוט, פאַרפיר איך מיט אים אַ שמועס. ער הייסט שמחה כינקיס. איז אַ ראָוונער. זיין באַשעפטיקונג האָט ער ווי אַ שוטר, אַ פּאָליציימאַן, און דינט אין יפוער אָפּטייל. כ׳האָב גלייך פאַרויסגעזאָגט אַז דער כינקיס וועט זיין ביי אונדז פון די גוטע שפּילערס, און כ׳האָב נישט געמאַכט קיין טעות. וואָס כ׳האָב נישט געקענט טרעפן, איז אַז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט דער זעלבער שמחה כינקיס

געדאַרפט אויפציטערן דעם ישוב און די יידישע וועלט, און אַז אַרום זיין נאָמען וועלן זיך יידישע הערצער פאַרקלעמען פאַר ווייטיק און זיך צאַפּלען פאַר האָפענונג.

געשען איז דאָס אַזוי: אין 28סטן יאָר האָב איך לייִדער פאַרלאָזט ארץ־ישראל, און דאָס מזל האָט מיך געפירט קיין קאָלאָמביע. אַ יאָר נאָך

די שפּילער פון דער פוטבאָל־ספּאָרטלער גרופּע פון „הפועל" ת״א, ישראל,

דעם, אין 29סטן, זענען אויסגעבראָכן פרישע אומרוען און צוזאַמענשטויסן מצד די אַראַבער אין יפו. און אָט דערגייט די ידיעה, אַז דער יידישער פּאָליציימאַן, שמחה כינקיס, ווערט פאַרמשפּט צום טויט, באשר ער האָט בשעת די אומרוען אומגעבראַכט צענדלינגער אַראַבער. ס׳האָט מיר אַ שניט געטאָן אין האַרצן; נאָר כ׳האָב זיך געטרייסט, אַז אפשר וועט נאָך געשען אַ נס. און ס׳איז ווירקלעך געשען: נאָך אַן אַפּעלאַציע, האָט מען פאַרביטן זיין שטראָף אויף לעבנסלענגלעכער טורמע, און נאָך דעם פאַרקלענערט אויף 15 יאָר. איך, פונקט ווי אַלע יידן אומעטום, און בפרט וואָס כ׳האָב כינקיסן אַזוי גוט געקענט און געשעצט, האָב פון דער ווייטנס נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן פּראָצעס, מיטגעליטן מיטן שווערן אורטייל און געפילט די גרויסע פאַרלייכטערונג ווען מען האָט אים אומגעביטן.

☆

אין 1973 האָט סוף־כל־סוף דער גורל מיר פאַרגיטיקט, איך זאָל ענדלעך זיך קענען אַרויסכאַפּן פון מיין באָגאָטאַ און צוזאַמען מיט מיין פרוי מאַכן אַ רייזע קיין ישראל. מיר שטייען איין אין דעם רחבותדיקן האָטעל „דן", און איך קען מיינע אויגן נישט גלייבן: צי זאָל דאָס זיין, ווי מיר דאַכט זיך, דאָס זעלביקע אָרט וואָס איך האָב געקענט מיט אַריבער פערציק יאָר צוריק, ווו אַ מענטשלעכער פוס האָט זעלטן באַטראָטן?

איך פרעג זיך נאָך אויף גאַס אַלענבי: לויט מיין חשבון, דאַרף זי אַריינפאַלן אין ים נישט מער ווי אַ פּאָר בלאָקן פון דאַנען. מען ווייזט מיר; ס'איז טאַקע מער נישט ווי אַ פּאָר בלאָקן צוצוגיין.

דאָ אויף אַלענבי פלעגן די יונגע באַוווינערס פון דער 30000 נפשות־דיקער תל־אביב זיך טרעפן אין אָוונט, נאָך אַ טאָג שווערער האַרעוואַניע. אויף אָט דעם שיינעם זאַמד, ווו ס'שטייען איצט תל־אביבס שענסטע טוריזם־האָטעלן, פלעגן יונגע פאַרלעך אַרומשפּאַצירן אין די פאַרנאַכטן, זיך אַוועקזעצן אין זאַמד אָדער זיך אַפילו אויסציִען איינער לעבן אַנדערן און איינרוימען זיך סודות, חלומות וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט... מען האָט פאַרזיכערט אַז דאָס זאַמד איז אַזוי ריין, אַז ווער ס'האָט זיך אויף אים אַוועקגעלייגט אינעם שענסטן אַנצוג, האָט זיין מלבוש נישט איבער־געפּירט... און דאָ פלעגט אַרויסקומען די פאָליציי־קאַפּעליע, וואָס דער בירגערמייסטער דיזענגאָף פלעגט אַרויסשיקן יעדן מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, אויפשפּילן פאַרן עולם חלוצים צום אָנהייב פון אַ נייער וואָך אַרבעט און האָפענונג. היינט קענט איר דאָרט טרעפן גאָר אַן אַנדער ספּעקטאַקל: אַ געדיכטער עולם, מענטשן אויסגעפּוצטע, ליכט פון קלייטן, געפּילדער פון נאַכטקלובן און דיסקאָטעקן...

☆

נאָר, וואָס טויג מיר דאָס בענקעניש? איך נעם זיך בעסער אָפּזוכן מיינע אַמאָליקע מענטשן, דעם „הפועל" פון תל־אביב. אין דער צענטראַלע פון לאַנד־„הפועל" קריג איך אַן אַדרעס אויף רחוב שענקין, ווו ס'זיצט דער שטאָטאָפּטייל פון קלוב. עס נעמט מיך אויף איינער אַ סימפּאַטישער יונגער מאַן, פּ' סעגאַל; ער הערט מיך אויס, אָבער צי ס'איז ריכטיק וואָס איך זאָג, צי נישט, דאָס קען ער נישט וויסן. גראָד גייט פאַרביי אַן עלטערער חבר, עפרון, און ער דערקענט מיך דאַכט זיך יאָ. איך רוף אָן פאַרשיידענע סימנים, צווישן זיי — די נעמען פון די שפּילערס אין 26סטן יאָר. אַז כ'טו אַ דערמאָן דעם נאָמען מרדכי מאיר, זאָגט מיר סעגאַל אַז אויב איך וויל,

קען ער זען מיך צו פֿאַרבינדן מיט זיין סעקרעטאַרשע. צו ערשט פֿאַרשטיי איך נישט: אַ געוועזענער פוטבאָליסט, און היינט — אַ סעקרעטאַרשע? ווייזט זיך אַרויס אַז די ברידער מאיר,ביידע געוועזענע שפּילערס אונדזערע, זענען היינט די באַלעבאַטים פונעם גרעסטן בנין אין תּל־אביב: 32 שטאָק, אויפן פּלאַץ ווו ס'איז געשטאַנען די היסטאָרישע הרצליה־גימנאַזיע.

מען פֿאַרבינדט מיך מיט מרדכי מאירן; ער גלייבט מיר נישט, נאָר פֿאָרט הייסט ער מיך קומען צו זיך, אין זיין קיסרלעכער ביוראָ, אויפן העכסטן שטאָק פֿון זיין בנין. דאָרט דערקענען מיר זיך שוין יאָ. מען שמועסט וועגן עפּיזאָדן פון אונדזער בשותּפֿותדיקן אַמאָל. כ'פֿרעג וועגן שמחה כינקיסן; ווי גרויס מיין פֿרייד ווערט, ווען כ'דערוויס זיך פון מאירן אַז כינקיס אַרבעט טאַקע דאָ גופֿא, אינעם זעלביקן בנין, אויפן 21סטן שטאָק, און באַלד וועל איך אים קענען זען!

די באַגעגעניש מט כינקיסן איז געווען באמת רירנדיק. נאָך 45 יאָר איז נאָך ווייזט אויס איןביידן פֿאַרבליבן עפּעס פון יוגנטלעכן אַמאָל, ווייל מיר האָבן זיך תּיכף דערקענט און זיך אַרומגעכאַפּט אַזוי האַרציק, אַז האַרציקער קאָן דאָס גראַד נישט געמאָלט זיין. ביי דער ערשטער באַגעגעניש שמועסן מיר קורץ, און רעדן זיך אָפּ אויף צו מאָרגנס אין אַ רעסטאָראַן. דאָרט האָט מיר שמחה איבערגעגעבן נאָך פּרטים פון דעם פּיינלעכן אינצידענט, וואָס האָט זיין נאָמען באַקאַנט געמאַכט איבער דער וועלט.

ווען די אַראַבישע כוליגאַנעס זענען דאַן אַרויס אויף דער גאַס מיט הייס געווער און מעסערס, האָבן זיי זיך גענומען אומברענגען יידן. כינקיס, ווי אַ פּאָליציסט, האָט דאָס צוגעזען. אויך זיין לעבן איז געווען אין געפֿאַר. ער איז אויפגעציטערט געוואָרן און גענומען שיסן פון זיין ביקס, דערשיסן איין אַנפֿאַלער נאָכן אַנדערן. נאָך דעם, ווען די ענגלענדער האָבן אים אַרעסטירט, האָט ער צו ערשט געלייקנט, נאָר שפּעטער, לויט דער עצה פון זיינע אַדוואָקאַטן, דערציילט דעם אמת: אַז ער האָט עס געשאָסן אויף די אַראַבער אונטערן איינדרוק פון דער שחיטה, און בשעת זיי האָבן געשטעלט אין געפֿאַר אויך זיין אייגן לעבן. נישט געקוקט אויפן אַראַבישן דרוק מען זאָל אָנהאַלטן דעם ערשטן אורטייל (טויטשטראָף), האָט דאָס געריכט נישט געהאַט קיין ברירה ווי אומצובייטן דעם פּסק־דין אויף אייביקער תּפֿיסה, וואָס איז שפּעטער נאָך אומגעביטן געוואָרן אויף 15 יאָר תּפֿיסה און ענדלעך אויף קנאַפּע אַכט יאָר, צוליב גוטער אויפפֿירונג. אינטערעסאַנט און רירנדיק איז אָבער דער פֿאַקט, וואָס סיי די ענגלישע מאַכטהאָבערס, סיי די „הגנה“, פון איר זייט, האָבן כינקיסן פֿאַרגעלייגט אַרויסצונעמען פון תּפֿיסה בתּנאַי ער זאָל פֿאַרלאָזן ארץ־ישראל, אָבער שמחה

האָט זיך העלדיש איינגעשפּאַרט און איז נישט אַוועק פון לאַנד, ווו איך האָב געהאַט די זכיה אים צוריק צו טרעפן נאָך אַזוי פיל אָפּגעלאָפענע יאָרן.

☆

פונעם דריילינג הסתדרות־אָנפירערס פון מיינע צייטן: שיף, אריה בן־גד און ישראל מינץ, דערוויס איך זיך אַז דער ערשטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, דער לעצטער האָט אין 30סטן יאָר זיך אומגעקערט אין ראַטן־פאַרבאַנד, און נאָר מיט בן־גדן קאָן איך זיך טרעפן. ער איז מיין עלטסטער און אינטימסטער חבר פון יענע צייטן. אָן אַ שיעור דערמאָנונגען, בענקשאַפטן, געמיינזאַמע פריינד, אויפטועך, ליידן און פריידן פון כמעט אַ האַלבן יאָרהונדערט, שווימען אויף אין אונדזער שמועס.

☆

מיט צוויי יאָר שפּעטער. מיר קומען ווידער, מיין פרוי און איך, קיין ישראל. דאָס לאַנד ציט, און כל־זמן מען קען נאָך באַוועגן... ווידער אַ מאָל אַ באַזוך ביי כינקיסן, ביי בן־גדן. עס ווערט געגרייט אַ פייערונג צו די 50 יאָר „הפועל״. חבר סעגאַל שיקט מיר צו אַן ערן־קאַרטל. דערווייל טרעף איך אַ נאָטיץ אין דער יידישער פרעסע, אַז אַ חבר וועלכער האָט פאַרלאָזט דאָס לאַנד מיט 45 יאָר צוריק, האָט זיך אָקערשט אומגעקערט... זיין נאָמען איז ישראל מינץ...

אויף דער דערעפענונג פון די יובל־פייערונגען פון „הפועל״ אויפן בלומפילד־סטאַדיום, קום איך פרי. לעבן מיר פאַרנעמט אַן אָרט אַ הויכער, פעסטער עלטערער מענטש, מיט אַ יונג קינד ביי זיין זייט. כ׳האָב באַלד דערקענט אַז דאָס איז מינץ, און נאָך איידער כ׳באַוויז אים צו פרעגן, זע איך אין זיין האַנט אַ קאָנווערט. ווירקלעך, דער בלינדער צופאַל האָט מיך געהאַט צוזאַמענגעפירט מיטן סעקרעטאַר פון „הפועל״ תל־אביב פון 1926, וועלכער האָט זיך אין 1930 אומגעקערט קיין רוסלאַנד אַן אַנטוישטער פון ציוניזם, און איז אָקערשט ווידער געקומען אין יידישן לאַנד. איך פאַרפיר מיט אים אַ שמועס און זאָג אים, וואָס פאַר אַ שייכות מיר ביידע האָבן צווישן זיך. ביים אָנהייב איז שווער צו גלייבן, אָבער גלייך צעוואַקסט זיך די שמחה, און מען מאַכט אָפּ זיך צו טרעפן. ווען מיר באַגעגענען זיך, שענק איך אים מיין בוך „אַ ייד אין קאָלאָמביע״. אויף צו מאָרגנס באַקום איך פון אים אַן ענטוזיאַסטישן טעלעפאָן־קלונג: ער האָט איבער נאַכט אויסגעלייענט דאָס בוך, און קען זיך נישט אָפּלויבן... מינץ דערציילט מיר אַגב וועגן זיך: די רעגירונג האָט אים גוט איינגעאָרדנט, אים צוגעטיילט אַן אַרבעט ווי אַן איבערזעצער פון רוסיש אויף העברעיש, מיט וואָס ער פאַרדינט אויף צו לעבן. ישראל מינץ אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר דאַן ווי

אַ רייכע מענטשלעכע געשטאַלט, גאָר אַנדערש ווי ווען כ׳האָב אין אים, מיט 45 יאָר צוריק, געזען נאָר דעם העכערן הסתדרות־באַאַמטן...

נאָר ווידער אַ מאָל די זעלבע מעשה: מיינע באַקאַנטע, אַפילו מינץ, וואָס איז אָקערשט צוריקגעקומען נאָך 45 יאָר נישט זיין אין לאַנד — זיי אַלע בלייבן שוין דאָ כסדר. נאָר איך איינער בין אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע און איידער וואָס־ווען זיצן מיר שוין ווידער אויפן אַוויאָן און פאָרן צוריק אין גלות. דערווייל זע איך נישט קיין אַנדער אויסוועג. אָבער די סאָטיס־פאַקציע איז אומגעהייער גרויס, דאַנקט מען דעם גורל פאַר דער דאָזיקער פּריווילעגיע.

ליידער איז אויך נישט באַשערט, זיצנדיק אין באָגאָטאַ, זיך צו פרייען לאַנג מיטן פריידיקן בילד פון מיינע פריינד, אַזוי ווי איך געדענק זיי בשעת דעם באַזוך אין ישראל. געציילטע מאָנאַטן לויפן אַריבער און אָט שרייבט מיר חבר כינקיס אַ טרויעריקע נייס: בן־גד איז שוין נישטאָ, און אויך מאָסטאָן פּאָלאַקאָוו, וואָס צוזאַמען מיט זיין ברודער שלמה ע״ה איז ער געווען פון אונדזערע בעסטע שפּילערס. עס ווערט טרויעריק אויף דער נשמה: קוים אויפגעזוכט חברים פון מיט 46 יאָר צוריק, נאָך אַזוי פיל וואָגלענישן און גילגולים — און שוין נעמט דער גורל זיי אַוועקרייסן פון מיר איינציקווייז, אַכזריותדיק און מוטווילליק, ווי דער גורל איז דאָס אַלע מאָל...

כאָרכע איסאַקס און „מאַריאַ״

דער באַשיידענער מחבר פון די דאָזיקע מעמואַרן קען נישט אויס־
מיידן צו רעדן וועגן די גרויסע מענטשן, וועלכע האָבן אינעם היסטאָרישן



כאָרכע איסאַקס

קאָנטעקסט הויך דערהויבן דעם יידישן נאָמען ביי דעם קאָלאָמביאַנער פאָלק. דאָס איז דער ביישפּילפּולער פאַל פון יענעם טאַלאַנטירטן מאַן פון דער ליטעראַטור און ביכורים־ברענגענדיקער געשטאַלט אויף עטלעכע לעבנס־געביטן, כאָרכע איסאַקס. זיין דערפינדערישקייט שיינט אַדורך דורך די בלעטער פונעם פּרעכטיקן בוך, וואָס איז אונדז אויסגעקומען צו לייענען



אַ היסטאָריש בילד פון באָגאָטאַ, פון ענדע 44סטן יאָר, בעת עס איז דערשינען דאָס ערשטע בוך פון שלמה בריינסקי ע״ה. ,,מענטשן אין שפּאַן״ צום ערשט אין שפּאַניש, שפּעטער אין יידיש. בעת אַ גרופּע פון די ערשטע באָגאָטאַנער פּראָפעסיאָנאַלן, דאָקטוירים און אינזשיניערן, און ערב פּראָפעסיאָנאַלן, האָבן איינגעאָרדנט אַ מסיבה לכבוד בריינסקין אין רעסטאָראַן ,,טעמעל״. ערשטע ריי רעכטס: עזריאל צעלניק, דוד דרעשער, ד״ר דאַרנבוזש. שלמה בריינסקי. דער נאַציאָנאַלער פּאָעט און בריינסקיס איבערזעצער, לויס ווידאַלעס, ד״ר מיגעל גרוטצהענדלער, גאָלדנבערג פון באַראַנקילא. אויבן רעכטס
דער דריטער: שמעון גובערעק, אַרטוראַ עלענבערג, ד״ר לעאָן קלאַר, ד״ר כאָסע וואָלף.
פאַרן לעצטן: ד״ר סאַמועל קלאַר

וועגן דער אידעאַלער פּרוי. אַ בוך אַ געשריבנס אין דער שיינער קאַסטי־לישער שפּראַך. אַ דאַנק דעם לירישן און צאַרטן לשון זיינס, איז דאָס ווערק באַצייכנט געוואָרן ווי אַ הימן צו דער ליבע אין דער גאַנצער שפּאַניש־ריידנדיקער וועלט. גלייכצייטיק האָט עס זוכה געווען דעם כּבוד איבערגעזעצט צו ווערן אויף כּמעט אַלע קולטורשפּראַכן. נאַטירלעך אַז דאָ איז די רייד וועגן „מאַריאַ״.

זינט די ערשטע שורות פון די דאָזיקע זכרונות, האָב איך שטענדיק געשריבן וועגן דעם שעפערישן יידישן איינפלוס אויף פאַרשיידענע אַס־פּעקטן פון דעם קאָלאָמביאַנער לעבן. טאַקע ווייל עס איז געווען אַ טעמע, וואָס האָט געפאָדערט אַ גאַר ברייטן שטודיום האָב איך נישט געוואָלט צוריקשפּאַנען פיר יאָרהונדערטער. דאָס הייסט, זינט עס האָבן זיך באַוויזן די שפּאַנישע דעראָבערערס און צוזאַמען מיט זיי די טרייע צום גלויבן פון זייערע אָבות, וואָס האָבן געהאַט יידיש בלוט אין די אָדערן. אָט די לעצטע זענען פאַרפאָלגט געוואָרן דורך די שפּאַנישע אינקוויזיטאָרן. צווישן זיי האָט זיך געפונען דער מאַרשאַל כאָרכע ראָבלעדאָ.

פילצאָליקע היסטאָרישע פאָרשונגען זענען טרעפלעך געמאַכט געוואָרן אויף דעם אָפּשניט פון דער אַמעריקאַנער געשיכטע. אָבער זיי געהערן צו אַזאַ זשאַנער, וואָס שטימט נישט מיט דער טעמע וועלכע איך האָב געוואָלט באַהאַנדלען. דאָס איז דערפאַר וואָס די טעמע וועגן וועלכער איך בין מרמז, וואָס איך ווייז אָן, איז נענטער צו מיין טעמפּעראַמענט.

דאָס יידישע בלוט האָט זיך שטאַרק און פּרוכטבאַר איבערגעגאָסן אין די הויפּט־שטאַמען פון די אָנגעזעענסטע קאָלאָמביאַנער משפּחות. דאָס זענען פאַמיליעס, וואָס האָבן דעם לאַנד געגעבן שטאַטסלייט, פינאַנסיסטן, יוריסטן, אַדוואָקאַטן און צאָלרייכע טאַלאַנטירטע און איינפלוסרייכע מענטשן.

אָבער מיט וועלכן רעכט קען איך זיך פאַרמעסטן אָנצוּוואַרפן ביאָ־גראַפישע שטריכן פון אַ שרייבער און פּאָעט פון כאָרכע איסאַקס׳עס פאַר־נעם? דאָס איז טאַקע אַן אַרבעט פאַר העכערע גייסטער. אַן אַרבעט פאַר אַזעלכע וואָס האָבן מיט אומגעווייִנטלעכער בקיאות, וויסן און רעסורסן גענומען אויף זיך אָט די אַחריות. צווישן זיי דאַרפן דערמאָנט ווערן ליכטיקע פיגורן פון דער קאָלאָמביאַנער ליטעראַטור וואָס שיינען ווי די שטערן אין דער קולטור פון דעם פאָלק. מען קען דערמאָנען די מייסטערס גילערמאָ וואַלענסיאַ, ראַפאַעל, מאַיאַ און דעם אָנגעזעענעם לירישער מאַריאָ קאַר־וואַכאַל. צו אונדזער אָנגענעמער איבערראַשונג האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דער איצטיקער פּרעזידענט פון די קאָלאָמביאַנער, ד״ר אַלפאָנסאָ לאָפּעז מיטשעלסען, פאַרמאָגט אין זיין ליטעראַרישן פאַרמעגן איינעם פון די פאַר־נעמפולסטע עסייען איבער איסאַקס׳עס אומשטערבלעך ווערק. אין מי־



אַ באַגאַטאַנער היסטאָריש בילד פון די 40־ער יאָרן. אונטן רעכטס: אברהם טשאַסנעק ע״ה. עדוואַרדאָ קוזשמינסקי ע״ה. מרדכי אייזענמאַן ע״ה. די מיטלסטע ריי, רעכטס: חיים גאָלדשטיין ע״ה. מאָריס מיימאני ע״ה. אַ פּוילישער מיניסטער אויף אַ באַזוך אין באָגאָטאַ. ד״ר יוסף גרוטצהענדלער ע״ה. יהודה פאַרביאַרזש. שמואל לובעלטשיק ע״ה. אויבן, רעכטס: מאיר וואָלף ע״ה. יצחק בראַנדוויין ע״ה. די אַנדערע 2 (כ׳געדענק נישט די נעמען). פאַרן לעצטן: ר׳ יעקב יוסף צעלניק ע״ה און משה ווייסבערג ע״ה

טשעלסענען פלעגט מען נאָר זען דעם פּאָליטיקער און טרעפלעכן שטאַטמאַן, אָבער נישט דעם אומרויִקן און שאַרפן אינטעלעקטואַל. זיין אַרבעט, וועלכע איך האָב דערמאָנט, רופט זיך „עסיי וועגן מאַריִאַס סעמיטישער השפעה״. זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן „זשורנאַל פון די אינדיען״.

נישטאָ ביי מיר די מינדסטע פּרעטענזיע זיך צו פאַרוואַנדלען פון אַ שטריקער־פאַבריקאַנט אין אַן עסייִסט אָדער אין עפּעס ענלעכס. עס קען מיר אָבער נישט פאַרבאָטן ווערן איבערצולאָזן אין מיין צווייט בוך אַ באַשטעטיקונג פון דעם איינדרוק, וואָס די דאָזיקע ראָמאַנטישע נאָוועלע האָט באַלד פון אָנהייב געמאַכט אויף מיר. טאַקע דערפאַר וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט אין אַ בוך פון אַ יידן, איז עס געווען פון די ערשטע ביכער וואָס מען האָט מיר רעקאָמענדירט צו לייענען ביים באַטרעטן דעם אַמע־ריקאַנער באָדן. ווען איך לייען פון דאָס ניי דאָס דאָזיקע בוך פיל איך אַלע מאָל יענע שיין פון אייביקייט און דערהויבונג, וואָס כאָרכע איסאַקס האָט אַריינגעהויכט אין זיין פּראָזע. ער איז אַן אומדיסקוטירבאַרע גלאָריע פון דער אַמעריקאַנער־שפּאַנישער ליטעראַטור.

איידער איך וועל ווייטער איבערגעבן אייניקע מיינונגען פון די גרויסע אַפּאָלאָגעטן פונעם ווערק וועגן וועלכן מיר רעדן, איז צייטמעסיק צו דער־מאָנען אָט־וואָס: דער אויטאָר פון „מאַריִאַ״ איז געבוירן געוואָרן אין קאַלי אין 1837 און געשטאָרבן איז ער אין איבאַגוע אין 1895. דער פאָטער זיינער איז אָנגעקומען קיין טשאָקאָ פון דער ווייטער ענגלאַנד. ער איז געוואָרן צוגעצויגן דורכן גאָלדפיבער, וואָס האָט אין יענער צייט דער־גרייכט דעם העכסטן גראַד. מען מיינט, אַז כאָטש ער האָט נישט דערגרייכט די עשירות, וועגן וועלכער ער האָט געחלומט, איז אים דאָך געלונגען זיך איינצושאַפן אַ באַדייטנדיקן קאַפּיטאַל. דער דאָזיקער קאַפּיטאַל האָט אים דערמעגלעכט איינצוקויפן אין דער קאַלי׳ר אומגעגנט אַ שטיל־דאָרפיש אייגנטום. דאָס דאָזיקע אייגנטום האָט שפּעטער געדינט ווי דאָס אָרט וווּ עס איז פאָרגעקומען די זיסע און דראַמאַטישע אידיליע צווישן אפרים און מאַריִאַ.

עס איז כדאַי צו באַמערקן, אַז מען האָט שוין גענוג קלאָר געמאַכט, אַז איסאַקס איז נישט געקומען אויף דער וועלט אין טשאָקאָ, ווי דאָס האָבן געפּרוווט טענהען אייניקע פאָרשער פון זיין לעבן. טראָץ דעם, וואָס זייער כוונה איז געווען אַ גוטע, האָבן זיי דאָס נישט געקענט באַווייזן מיט באַגלויבנסווערטע דאָקומענטן.

אַ מייסטערהאַפטער עסיי וועגן „מאַריִאַ״

פאַר אונדז איז געווען אַן אָנגענעמער סורפּריז ווען מיר האָבן אין 1937

געפונען די עסיי פון ד״ר אַלפאָנסאָ לאָפּעז מיטשעלסען וועגן איסאַקס׳עס ווערק. אין אָט דער געניער און אָנרעגנדער שטודיע ברענגט אַרויס דער איצטיקער פּרעזידענט פון קאָלאָמביע די השערה וועגן די סעמיטישע ווירקונגען וואָס איסאַקס האָט אַריינגעבראַכט אין דער קאָלאָמביאַנער ליטעראַטור. וועגן דעם גיט ער אונדז איבער דעפינירנדיקע אויספירן:

„מיר וואַגן צו דענקען, שרייבט ער, אַז אַ דעטערמינירנדיקער פאַקטאָר אין דער קיין מאָל נישט פאַרלייקנטער וויטאַליטעט פון „מאַריאַ״ איז געווען דאָס, וואָס פערנאַנדאָ דע לאַ וועגאַ האָט מיט יאָרן צוריק באַצייכנט ווי „איסאַקס׳עס סעמיטישע פאַנטאַזיע״. די דאָזיקע וויטאַליטעט פון דעם ווערק, וועט עס אויף שטענדיק אַרויסראַטעווען פון פאַרגעסונג״.

„מאַריאַ״, איסאַקס העלדין, איז די אידעאַלסטע פאַרקערפּערונג פון דער כּלה־שוועסטער „אחותי־כּלה״ פון שלמה המלכס ווונדערבאַרע פּאָעמע „שיר השירים״. איסאַקס האָט זי אַוועקגעשטעלט אויף דער קאָלאָמביאַנער שפּעדיקער און פּרוכטבאַרער ערד. זי איז דאָרט צווישן ווילדע גראָזן און ווילדע בלומען, צווישן בליִענדיקע ציטריך־ און מאַראַנצן־ביימער. זי גייט אַרום ווי שלמה המלכס געליבטע צווישן די לבנונער בערג, צווישן די ציגן פון גלעד און די רויזן פון עמק השרון. איסאַקס האָט זי אַזוי געשילדערט בכדי זי צו פילן און באַזינגען ווי אַ טייל פונעם פּייזאַזש״.

„אין איר טונקעלן פּראָווינצער לעבן, אין אירע לאַנגע שטיל־שווייגנס, מיט אירע צוויי שרונטן אין די האָר פון תּנכישן קאַשטאַן־קאָליר, איז זי נישט נאָר אפרימס כּלה: זי איז, איבערהויפּט, זיין חברטע פון דער קינדהייט אָן. זי איז זיין שוועסטער, די שפּחה פון די העברעערס, וואָס פּערפומירט מיט ווילדע בלומען דעם געליבטנס שלאָפצימער. וואָלט זיך עס געהאַנדלט אין אַנדערע מענטשן, וואָלט געקענט געזאָגט ווערן אַז זייער ליבע איז כּמעט אַ גילוי־עריות, אַ סעקסועל לעבן צווישן נאָנטע קרובים וואָס איז פאַרבאָטן דורכן געזעץ. אַזאַ ליבע ווי צווישן פּעדראָ און היפּאָליטן. אַזוי האָבן דאָס פאַרשטאַנען די אַנטיקע גריכן, מאַריאַ, וועלכע מישט זיך אויס מיטן כאָר פון די שוועסטער, מיט די מענטשן פון אפרימס בלוט, איז לאָגישערוויז זיין באַשערט ווייב לויט די באַגריפן פון אויסדערוויילטן פאָלק״.

„זי איז דער יידישער ראָמאַן לויט דער ראַסע, לויטן אויסזען און לויטן גורל. געבוירן איז זי אין זשאַמייקאָ ביי יידישע טאַטע־מאַמע און איר ערשטער נאָמען איז געווען אסתּר, ווי דער נאָמען פון דער נקמה־נעמערין פאַר גאָטס פאָלק. געווען איז זי אַ ברונעטין, האָט פאַרמאָגט אַ שוועבנדיקע שיינקייט און זי האָט אָנגעהאַלטן דעם פעסטן טראָט פון יענע פון איר ראַסע, וואָס האָבן זיך נישט געבויגן פאַר קיינעם פון זייערע

שונאים. צי האָט טאַקע אויף אַן אמת עקסיסטירט די דאָזיקע פרוי, אָדער איז זי נאָר געווען אַ קינד פון איסאַקס׳עס יצירה? דאָס האָט נישט קיין שום באַדייטונג. מיר האָבן זי אַלע געקענט אין זיסער רעזיגנאַציע, אַ באַרוישטע פונעם פּרוכבאַרן טאָל און פון שטראָמיקן טייך. מיר האָבן זי געקענט אַן איידעלע און אומגעהייער גרויסע אין איר ריינער און טרייער איבערגעגעבנקייט. אַזוי, פאַלט אונדז איין, האָבן געדאַרפט זיין די פרויען פון די נביאים און פון די שופטים פון אַלטן טעסטאַמענט״.

ד״ר לאַפּעז מיטשעלסען האַלט אַז „דער גלויבן אין באַשערטקייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ליטעראַטור וואָס יידן האָבן געשאַפן. מעגלעך אַז דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן דורך מאַנטיינען, דעם זון פון דער פאָרטוגעזיש־יידישער פרוי, טרופּעז. ער האָט דאָס פעסטגעשטעלט בעת ער האָט איינגעזען די אומפאַרמיידלעכקייט פון גורל. אָט דער גלויבן וועט נאָר קענען שניידן פּרוכטן פון זיך אַליין, כּדי גובר צו זיין דעם אייגענעם צווייפל״. „איבער דעם דאָזיקן אַספּעקט — גיט צו דער דער־מאָנטער עסייִסט — געהערט אויך איסאַקס צו די אָפּשטאַמיקע פון די, וואָס האָבן קולטיווירט דעם איך. די דאָזיקע קולטיווירונג הייבט זיך אָן מיט מאָנטייִן און רוסאָ. זיי זענען געווען פאַרשלאָסענע אין זיך, פון סע־מיטישן שטאַם. פאַר זיי איז דער בעסטער אָפּלייטער פון זייער אומצו־פרידנקייט געווען דאָס שילדערן זי, דאָס אויסלאָדן די אומצופרידנקייט, דאָס אַראָפּריידן זיך פון האַרץ״. און ד״ר לאַפּעז מיטשעלסען פאַרענדיקט זיין טיפזיניקע און גוט־באַגרינדעטע עסיי וועגן „מאַריאַ״ אָט־ווי: „ריכטיק פלעגט זאָגן ווערגאַראַ אי ווערגאַראַ אין 1867: די פּריווילעגיע צו רירן הערצער קען געקויפט ווערן פאַר אַ זייער טייערן פּרייז: פאַרן פּרייז פון אייגענעם האַרצן״.

ווי דאָס גאָלד, ווערט געבוירן אין אַ באַרג־טיפעניש...

„מאַריאַ׳ס געבורט איז ווידער אַ טעמע וואָס האָט אַרויסגערופן נאָך אַ שאַרפערן פרעגצייכן. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז איסאַקס זאָל האָבן פאַר־טראַכט זיין אומשטערבלעך ווערק ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער אין אַ הייל וואָס איז אויסגעהאַקט אין סאַמע באַרג? אָבער, צי איז דען דאָס גאָלד נישט פאַרבאָרגן אין איינעם פון די טונקלסטע פאַלדן פון געאָלאָגישן שיכט? אַנדערע שטעלן זיך פאַר אַז איסאַקס האָט אָנגעשריבן זיין ווערק שטייענדיק ווי אַ מאָלער מיט זיין וווּנדער־פאַרביקער פּאַליטרע, קעגן דער פאַרבליפנדיקער אידילישער פּאַנאָראַמע פונעם קאַוקאַ־טאָל.

ווי אַ דערגענצונג גיבן מיר צו, אַז ווען דאָס בוך וואָלט נישט געהאַט איסאַקס׳עס חתימה און נישט זיין ליטעראַרישן צויבער, וואָלט נישט ברייט

באַקאַנט געוואָרן איבער דער גאָרער וועלט די פּראַכט פון דעם קאָוקאַנער טאָל.

פאַראַן אַ צווייטע אינטערפּרעטאַציע וועגן דעם אופן ווי דער מחבר פון „מאַריאַ" האָט פאַרטראַכט די האַנדלונג פון זיין ווערק. זי געהערט דעם מייסטער ראַפאַעל מאַיאַ. ער באַנוצט זיך מיט אימאַזשן, וואָס מאַכן אויף אונדז אַן איינדרוק מיט זיין פאַנטאַסטישן געמעל און שאַרפקייט פון סטיל:

„אינעם גרונט פון יענעם שוואַרצן שלאַנגען־לאַנד, וואָס איז געווען איבערפולט מיט עקשנותדיק־זשומענדיקע ווערעם, וועלכע פלעגן ברענגען שלאָפלאָזיקייט און היץ, אָט דאָרט איז געשריבן געוואָרן די נאָוועלע. דאָרט איז מאַריאַ געקומען אויף דער וועלט. אַ מאָדנער גורל האָט באַ־גלייט אָט די אַלע אומשטערבלעכע באַשעפענישן! בעאַטריז איז געבוירן געוואָרן אין גלות; דולצינעאַ אין אַ קאַרצער; די אַמעריקאַנער בתולה אין אַן אָפּגרונט פון די אַנדן".

אינעם דאַגואַ'ר באַרגשפּאַלט

„מען דאַרף זיך אים פאָרשטעלן — זעצט פאָר מאַיאַ, אין זיין מייס־טערהאַפטער עסיי פון 1937 — אין יענעם באַרג־דורכגאַנג, וואָס שניידט זיך אַריין אינעם אָקעאַן. מיר דאַרפן אים זען אַ זיצנדיקן. עס איז נאַכט. ער זיצט ביי אַ פּראָסטן טיש; אַ דורכגעזומענער פון עמאַציע זיצט ער איבערן פּאַפּיר, אויף וועלכן עס פאַלן כסדר די שמעטערלינגען וואָס שטאַרבן אויס ביים נאַפטלאָמפּ. יענער וועג־אינספּעקטאָר און אָנפירער פון מענטשן־בריגאַדעס, צוגענאָגלטע צו דער באַנק און צום מכשיר צו ברעכן שטיינער, האָט זיך געקענט פאָרשטעלן אַז די דאָזיקע זייטלעך, וואָס זענען אָפּט מאָל געשריבן געוואָרן ביים געזאַנג פון די רודערערס און דער ניבול־פּה פון די שוואַרץ־אַרבעטערס, וועלן פאַרבלייבן אַן איי־ביקער מענטשלעכער דאָקומענט? זיי וועלן זיין דער אויסדרוק פונעם וועלטגעפיל פון אַ תקופה? ווי וואָלט אַרויסרופעריש געשמייכלט דער דעמאָלט טונקעלער ביוראָקראַט איסאַקס ביים דערבליקן אָט די צוקונפ־טיקע גלאָריע פון זיין נאָמען?"

דער פּראָפיל פונעם העלד

עפּעס ביי דער זייט פון דער שטרענגער שילדערונג פונעם ליריקערס ביאָגראַפישע שטריכן, אָבער אינערהאַלב דער דערמאָנונג פון איסאַקס'עס ווערק און פּערזענלעכקייט, לאָמיר אַ לייען טאָן נאָך אַן אָפּזאָץ פונעם מחבר פון „ביאָגראַפישע שטריכן פונעם מענטש און פון דער ערד", ראַפאַעל

מאַיאַ. מעגלעך אַז ער איז דער אויטאָר פון דער געלונגענסטער, אָמ־בעסטן דאָקומענטירטער עסיי וועגן דעם שעפער פון „מאַרִיאַ״. ריידנדיק וועגן פּראָפיל פון מענטשלעכן העלד, וואָס איז געווען אינעם קלעם פון אַ שווערן און האַרטן גורל, קעגן וועלכן ער האָט געפירט אַן עקשנותדיקן קאַמף, זאָגט ער: „ער האָט פּראַקטיצירט זשורנאַליזם, ער איז געווען אַ סוחר, אַ רייזנדער און פאָרשער אין אַ לאַנד אָן באַנען, אָן שאָסייען. ער האָט נאָר גענוצט די וועגן פון הימל, ווי דאָס האָט געזאָגט פיגאַראָ. אַלע זיינע וואַנדערונגען האָט ער דורכגעפירט אויפן רוקן פון אַ בעל־חיים. ער איז דורכגעגאַנגען דורך שפּאַלטן וואָס זענען געווען אוממעגלעך דורכ־צוגיין, דורך שרעקנדיקע בערג באַוווינטע דורך רויבערס. ער האָט איבער־געטראָגן סם־המוותדיקע קלימאַטן. די דאָזיקע קלימאַטן האָבן געמאַכט אַ סוף צו זיין אומגעוויינטלעכער פיזישער גבורה. אַן אומדערמידלעכער האָט ער געזוכט גאָלד, נישט צוליב קמצנות און לײדנשאַפט צו זאַמלען געלט. מעגלעך, אַז ער האָט דאָס געטאָן כדי אויסצוקויפן זיינע עלטערנס הויז, וואָס איז געהאַט אַריינגעפאַלן אין פרעמדע הענט. מעגלעך אַז ער האָט געוואָלט אויסגיין דאָרט ווו ער האָט געהאַט געליבט. אָבער דאָס געלט איז אַלע מאָל אַנטרונען פון זיינע הענט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין קאָמפּליצירטע קאָנפליקטן. פאַרמאַטערט פון זוכן געלט דורך קאָמערציאָנעלע קאָמבינאַציעס האָט ער געניִשטערט אין די אייגענע מינעס פונעם גייסטיקן גאָלד. אָט אַזוי זעען מיר אים אין לאַ גואַיִראַ ווי אַ מינען־אַרבעטער און פאָרשער. ער האָט דאָרט צוזאַמען געלעבט מיט די ווילדע. ער האָט דורכגעשפּאַנט די טרוקענע ברעגן און די פינצטערע זומפּן. ער האָט צו מאָל געציטערט פון היץ; ביים ראַנד פון טויט אין אַנדערע פאַלן, אָבער שטענדיק אַ באַזעסענער פון דער גאָלד־אָבסעסיע און פון די שטיינ־קוילן, וואָס האָבן אים געדאַרפט אויסלייזן פון עקאָנאָמישער נויט. דאָס איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, ווייל עס שטייט געשריבן, אַז דער זשעני דאַרף חתונה האָבן מיטן דלות און אַז די האַנט, וואָס איר איז באַשערט צו נעמען די מתנה פון דער אייביקייט זאָל נישט וויסן וויפל עס וועגט די מטבע, מיט וועלכער דער מענטש באַצאָלט די שקלאַפן פון דער צייט״.

ערדישע אַבסעסיע

לאָמיר נישט פאַרזעצן אָן דעם, אַז מיר זאָלן אונטערשטרייכן, למשל, די באַציִונג וואָס איז דאָ צווישן איסאַקס׳עס לעבן און די טייכן. דער וואַלעקאַוקאַנער פּאָעט, מאַריאָ קאַרוואַכאַל, וואָס האָט אָנגעשריבן „דאָס לעבן און די לײדנשאַפטן פון כאָרכע איסאַקס״, דערפילט אָט די אַנטפּלע־קערישע מיסיע: „אַ לאַנגזאַם שיפל פירט אים איבער דער פלאַך פון

מאַגדאַלענאַ־טייך צו די אַטלאַנטישע מדבריות. פריִער דאָס היימישע טייכל וואָס האָט אים דיקטירט די פערזן פון דער גליקלעכער צייט וואָס צווישן דער קינדהייט און דער יוגנט. דערנאָך דער מיסטעריעזער שטראָם וואָס לאָזט זיך אַראָפּ פון באַרג, דער מאַראַ־טייך, וועלכן ער האָט באַזונגען אין באַגינען פון זיין גלאָריע. שפּעטער דער ווילדער דאַגואַ, „אַ מוטנער און שווער־געמיטיקער״; אָט דער טייך האָט מיט אים געלערנט די פּאַסטאָ־ראַלע סימפאָניע פון דער אידיליע און די אבלות־געזאַנגען, טרויער־לידער, פון דער פאַרצווייפלונג און פונעם טויט. אַצינד ווידער, דער גרעסטער טייך, וואָס פאַרוויגט זיין האַרבסטיקן אומעט און ווייזט אים דעם וועג פון די נישט אויסגענוצטע ראַיאָנען, ווו עס דרעמלען, אינעם באַגראָבענעם אייל, די שאַרפע אוצרות פון דעם פּאָטערלאַנד״.

לסוף גיט דער מייסטער גיליערמאָ וואַלענסיאַ, אין זיין קאַלי׳ר רעדע בעתן פייערן דעם יאָרהונדערט פון „מאַריאַ״ס מחבר, אָט דעם גרויסן אויפקלערערישן סינטעז: „איסאַקס און זיין טיף אַלס באַשעפער פון שיינקייט לאָזט זיך נישט קלאַסיפיצירן ווי אַן אויסטייטשער פון אייגנאַרטיקע נאַציאָנאַלע אַטריבוטן. זיין וווּנדערבאַרע אידיליע איז נישט קיין פּרוכט פון אַ באַשטימטער שרייבקונסט, אַ קונסט וואָס מען קען עמעצן אויסלערנען און וועלכע קען אויסגעלערנט ווערן: דאָס איז די מיטאַמאָליקע מאַניפעסטאַציע און פונאַנדערבליִונג פון אַ גיגאַנטישן בוים. דער געדיכטער געצווייג און געבלעטער פון דאָזיקן בוים דערהייבט זיך ביז צו די הימלען פונעם בראשית און זיינע וואָרצלען, צעקרימטע און זאַפטיקע, באַהאַלטן זיך אין די טיפענישן פון די סאַמע ערשטע תקופות. מען מוז צוריקגיין צום חומש, צו די נביאים, צום מחבר פון „תהילים״, צום קעניג פון געטלעכן שיר־השירים, כדי אויסצוגעפינען דעם גאָלדענעם אָדער פון יענער הערלעכער אינספּיראַציע. בלויז אַ בראשיתדיקע הערשאַפט איבער דער לעבנס־אימפּעריע; נאָר די בליקן פון יאָרהונדערטער — בליקן נישט פינטלענדיק מיט קיין אויג — אויף דער פּראַכט פונעם וויטן מזרח; נאָר אַ דורשטיקער פיבער פון זאַמדן וועלכע אַנגעסטן נאָך לויטערע וואַסערן; נאָר אַן אומגעהייערע פאַרביטערונג — אַן אומגעהייערע ווי דער ים — אַן אָנגעזאַמלטע דורך טויזנטער יאָרן אין די שוואַרצע פאַרשיכטונגען פון אַ געפייניקטער ראַסע, האָבן געקענט באַשאַפן אָט די פּרימאַרגנדיקע פרישקייט, אָט די דירעקטע אַנטפּלעקונג פון דעם אויגנשיינלעכן וווּנדער; אָט דאָס שווערע אָטעמען נאָך דער גאַזעל פון דעם אַנטלויפנדיקן גליק; אָט די טיפע אינטערפּרעטאַציע פון די באַלעבטע שטראָמען; אָט די זיסע מעלאַנכאָליע, וואָס זעט זיך דורך פון די אין טאָלן איינגעהילטע סטאַטועס

און אָט די דימענטענע אויסקריסטאַליזירונג פון דעם ווייטיק, וואָס נעמט אָן אַלע מעגלעכע רעגנבויגנדיקע קאָלירן".

אַ קורצע אַנטאָלאָגיע

לסוף, פאַלט אונדז איין איבערצוגעבן אַ קורצן פראַגמענט פונעם ראָמאַן „מאַריאַ". די מינימאַלסטע זאַצן פונעם בוך באַווייזן ווי ווייט פילבאַר דער אויטאָר איז געווען. זיי ווייזן זיין פעיִקייט צו שילדערן די אין האַרצן איינגעבאַקענע פּאַנאָראַמע: „אַז עס זענען אַריבער זעקס יאָר, האָבן די לעצטע טעג פון אַ לוקסוסדיקן אויגוסט מיך מקבל פּנים געווען, אויפגענומען, ביי מיין אומקערן זיך צום טאָל ווו איך בין געבוירן. מיין האַרץ איז געווען איבערפולט מיט פּאַטערלענדישער ליבע. דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פון מיין רייזע און איך האָב גענאָסן פון דעם פּאַרפומירטן זומערדיקן פרימאָרגן. דער הימל האָט געהאַט אַ בלייך־בלויען קאָליר. צו מזרח־זייט, און אויף די גאָר הייכע שפּיצן פון די בערג, נאָך אַלץ איינגעהילטע אין אבלות, טרויער, האָבן אַרומגעוואַנדערט איינציקע גאָלדענע וואָלקנדלעך, ווי דער דורכזיכטיקער זיידגעוועב גאַזעס פון אַ טענצערינס איינהילונג, צעוואָרפענע דורך אַ ליבלעכן הויך. צו דער דרום־זייט האָבן געשוועבט די נעפּלען וואָס האָבן איבער נאַכט געהאַט איינגע־וויקלט די ווייטע בערגלעך. איך בין געווען דורכגעגאַנגען פּלאַכלענדער, אויסגעטעפּעכטע מיט גרינע גראָז־געוויקסן, אַנגעטרונקענע דורך טייכלעך. דער דורכפלוס פון די טייכלעך איז מיר פאַרשטעלט געוואָרן דורך פּרעכ־טיקע קי־טשערעדעס, וואָס האָבן פאַרלאָזט די אין שאָטן־באַהאַלטענע אָפּרו־ערטער זייערע. זיי האָבן דאָס געטאָן כּדי זיך טיף אַריינצולאָזן אין די אָזערעס אָדער זיך צו פאַרנעמען אויף סטעזשקעס באַדעקטע דורך צעבליטע פּיסאַן־ביימער אָדער דורך ברייט־צעצווייגטע פייגנביימער. מיינע אויגן האָבן אין יענע האַלב־פאַרבאָרגענע ערטער זיך געהאַט זשעדנע איינגעקוקט אינעם וואַנדערער, וואָס איז געגאַנגען צווישן די קרוינען פון די יאָרנאַלטע גוואַדואַל־ביימער; זיי האָבן זיך געהאַט איינגעקוקט אין יענע ערד־פּאָסעסיעס ווו איך האָב איבערגעלאָזט ברייטהאַרציקע און פריינד־לעכע מענטשן". (קאַפּיטל 2).

צו לעצט גיבן מיר צו אַ קורצע אָבער פּערפעקטע פּאָעמע פון כאָרכע איסאַקס, אַ ליטעראַרישע פּערל, וועלכע איז נישט גענוג באַקאַנט. מיר דערוואַרטן אַז דער לייענער וועט אָפּשאַצן די עסטעטישע קוואַליטעט פון „דער קבר פון סאָלדאַט":

די זיגערישע אַרמיי
איז איבערגעקומען דעם שפּיץ פון באַרג,
און אין דעם איינזאַמען לאַגער,
וואָס דער פאַרנאַכט פאַרשווענקט מיט בלייכער שיין
הילכט אָפּ דער געוויי
פון שוואַרצן טעראַנאָוואַ,
אַ גוטמוטיקער חבר פון רעגימענט,
און דער געוויי ווערט איבערגענומען דורך די עכאָס פונעם טאָל

קלאָגן קלאָגט ער איבערן קבר פונעם זעלנער,
און אונטער יענעם קרייץ פון פראָסט־פּראָסטן האָלץ,
לעקט ער אָפּ דאָס נאָך פאַרבלוטיקטע גראָז,
און קוקט זיך אויס די אויגן אויפן סוף פון אַזאַ טיפן חלום.

און אין חדשים אַרום האָבן די ראָבן פונעם נידעריקן געבערג
נאָך אַלץ אַרומגעקרייזט אין דער לופט
איבערן טאָל, וואָס איז אין איינעם אַ טאָג אַ שלאַכטפעלד געווען...
די קרייצן פון די קברים זענען שוין איינגעוואָלגערט אויף דער ערד!
אָן דעם מינדסטן אָנדענק, אָן דעם מינדסטן נאָמען!...

אָ, ניין! איבערן קבר פונעם זעלנער,
פון שוואַרצן טעראַנאָוואַ
איבערגעריסן האָט זיך דער געוויי,
אָבער פון דער נאָבעלער חיה זענען דאָרט די ביינער
פאַרבליבן צעשפּרייט איבערן גראָז!

קאָלומבוסעס מדינה

דער אויפקום פון נאָרד־אַמעריקע צו אַן אומאָפּהענגיקן לעבן, האָט אַרויסגערופן אַ געפיל פון באַוווּנדערונג ביים אַלטן אייראָפּעישן קאָנטינענט.

אַ היסטאָריש בילד: די פּרעזידענטין פון די „בני ברית" (פרויען) לאה גובערעק גאַניטסקי, גיט איבער אַלס מתנה אין נאָמען פון איר אָרגאַניזאַציע דעם מלוכה־פּרעזידענט, אַ שול־בנין פאַר קאָלאָמביאַנער אָרעמע קינדער. רעכטס: מאַטילדאַ גוט, אַלפאָנסאָ לאָפּעז מיכעלסאָן, דעמאָלט שוין אויסגעוויילטער פּרעזידענט. די פרוי פון פּרעזידענט און דער פּרעזידענט פאסטראנא באַררעראַ. לאה גובערעק גאַניטסקי, דער אינערן מיניסטער באַניללא, דער געוועזענער פּרעזידענט קאַרלאָס לעראַס רעסטרעפּא, און דער ראש העיר

די דאָזיקע געשעעניש איז אויפגענומען געוואָרן אין דער וועלט, ווי אַ נייע „אַנטדעקונג" פון אַמעריקע, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, געגעבן דער וועלט אַ ביישפּיל פון אַ מוסטערהאַפטער דעמאָקראַטיע, ווו מענטשן געקומענע פון אַלע עקן וועלט געניסן פון גלייכהייט לגבי דעם געזעץ. פון קינדווייז אָן, זייענדיק נאָך אין מיין געבוירן־שטעטל, האָבן די חלומות וועגן קאָלומבוסעס מדינה, וועגן דעם דאָזיקן מעכ־



אַ היסטאָריש בילד פון באָגאָטאַ. צווייטער רעכטס דער ליבער פּאַלקסייד און געלערנטער ד״ר אהרן בינטשעטריט ע״ה. דער בעל נדבן ר׳ אַבאָט שאַיע ע״ה. דער ערשטער ישראל אַמבאַסאַדאָר אין באָגאָטאַ.
דער 6טער ד״ר סאַלוואַדאָר ראָזענטאַל. דער לעצטער — חיים פיינבוים

טיקן און פרייען לאַנד, דורכגעדרונגען מיין גאַנץ וועזן. ווען ס׳איז אָנגעקומען צו אונדז אַ תּושב פון יענער גרויסער מדינה מעבר לים, האָט ממש דאָס גאַנצע שטעטל באַלאַגערט די שטוב פון גאַסט, און מיט שפּאַנונג אויסגע־הערט זיינע שילדערונגען און איינדרוקן, און נישט איינער איז אים מקנא געווען פון טיפסטן האַרצן. אפשר איז גאָר קיינעם נישט איינגעפאַלן, אַז אויך דאָרט דאַרף מען שווער האָרעווען כּדי צו פאַרדינען אויף ברויט, ווייל אַזוי איז דאָס געזעץ פון לעבן אומעטום ווו דער מענטש שטעלט זיין פוס. בזעת אַפּיך תאכל לחם — אינעם שוויס פון דיין פּנים וועסטו עסן ברויט, איז דאָ אַ געזעץ פון דער תּורה.

דער דאָזיקער געפיל האָט זיך פאַרשטאַרקט אין משך פון יאָרן, ווייל אין נאָרד־אַמעריקע זענען פאַרווירקלעכט געוואָרן אַ סך אַלטע שטרעבונגען פון מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט אַן אָרט ווו צו אַרבעטן פריי, און ווו מענטשן זאָלן אָפּגעשאַצט ווערן נישט לויט זייער אָפּשטאַם — נאָר לויט זייערע פעיִקייטן, אַרבעטזאַמקייט און מעגלעכקייט. מיטן אויסקוק אויף די דאָזיקע אידעאַלע באַדינגונגען, האָבן טויזנטער מענטשן פאַרלאָזט זייערע וווינ־ערטער און געשטראָמט צום גרויסן לאַנד, וואָס פאַרמאָגט ווי אַ סימבאָל די פרייהייט־סטאַטוע; דאָרט האָבן זיי געפונען אַ פּאַסיקן באָדן און אויפ־געשטעלט זייערע היימען אין יענעם גאָט־געבענטשטן טייל פון קאָלומבוסעס קאָנטינענט.

עס איז אַ סברא, אַז אין דער אַנטדעקונג פון אָט דער נייער וועלט האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק די יידן, וועלכע די אינקוויזיציע, די פאַר־פאָלגונגען און די שינאה פון דער אַלטער קריסטלעכער וועלט, האָט זיי געטריבן צו זוכן נייע האָריזאָנטן. עס איז נאָך נישט פאַרענטפערט געוואָרן די פראַגע פון יידישן אָפּשטאַם פון דעם אַנטדעקער, און ס׳איז גוט באַוווּסט, אַז אין זיין עקספּעדיציע האָבן זיך באַטייליקט אַ סך פאַרשטעלטע און נישט פאַרשטעלטע יידן.

קורץ נאָך דעם, האָט אַמעריקע זיך פאַרוואַנדלט אין אַ מקום מקלט פון אַ סך גערודפטע אויפן אַלטן קאָנטינענט, און באַזונדערס פאַר יידן, ווען אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער האָט די פרומע אינקוויזיציע, אויפגעשטעלט אירע הייליקע טריבונאַלן, און נישט ווייניק קרבנות זענען אומגעקומען על קידוש השם אויף די שייטער־הויפנס.

אָבער דאָס געהער צו דער ווייטער געשיכטע פון די ערשטע יאָרן „דעראָבערונג". נאָרד־אַמעריקע האָט איבערהויפּט פון אַזעלכע פאַרפאָל־גונגען נישט געוווּסט, און פון מזרח־אייראָפּע, איבערהויפּט פון רוסלאַנד און פּוילן, איז אין פאַרלויף פון די לעצטע הונדערט יאָר געפלאָסן קיין אַמעריקע אַ מאַסן־איינוואַנדערונג פון יידן. מען איז געלאָפן אויס עקאָנאָמישער נויט;

אָבער מער נאָך צוליב די אַנטי־יידישע עקסצעסן, צוליב די פּאָגראָמען און סיסטעמאַטישע פאַרפאָלגונגען אויף יידן.

אין די זיבעציקער יאָרן פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, זענען געווען אין נאָרד־אַמעריקע 275 טויזנט יידישע נפשות. פאַר די הונדערט

פון רעכטס צו לינקס:
גב' פלומין, דער מחבר, מיניסטער פלומין, כאַסע האַנליין און מאַרקוס ששון

יאָר איז די יידישע באַפעלקערונג אויסגעוואַקסן, דורך איינוואַנדערונג און נאַטירלעכן צוווּקס, און גרייכט היינט ביז אַ צאָל פון אַן־ערך זיבן מיליאָן.

נאָך אין זשעלעכאָוו האָב איך געחלומט וועגן „אַנטלויפן" קיין אַמעריקע. און אין יענער צייט האָט עס געמיינט נישט קיין אַנדער לאַנד ווי נאָרד־אַמעריקע. וועלכער יידישער יוגנטלעכער האָט עס נישט געטראַכט וועגן זיך אַרויסכאַפּן פון פוילן? עס האָט געטריבן די אויסגאַנגסלאָזע צוקונפט, דער אַנטיסעמיטיזם, דער מיליטער־דינסט... אָבער דער גורל האָט אין יענער צייט פאַר מיר געעפנט אַנדערע וועגן, איך בין אַוועק פון שטעטל אין דער ברייטער וועלט, און נאָך לאַנגע וואַנדערונגען פאַרבלאָנדזשעט אין קאָלאָמביע און דאָ אויפגעשטעלט מיין היים.

דאָס איז אויך נישט אַזוי לייכט, און נישט אַזוי גיך אָנגעקומען. די

ערשטע יאָרן האָב איך זיך בכלל נישט געקאָנט דערלויבן אַזאַ פאַרגעניגן ווי מאַכן אַ „לוסטרייזע" קיין נאָרד־אַמעריקע. און שפּעטער האָבן שוין די געשעפטן נישט געלאָזט; געוועזן בילכערע ערטער וווהין צו פאָרן, טאַקע צוליב געשעפט, טייל מאָל צוליב פאַמיליע־אָנגעלעגנהייטן, און יעדעס יאָר זיך אָפּרוען ערגעץ ווו אין אַ שטיל ווינקעלע אויף אַ פּאָר וואָכן.

און אַזוי זענען אַוועק יאָרן, און ווען מיין זון, יצחק, האָט פאַרענדיקט די מיטלשול אין באָגאָטאַ, האָט ער געוואָלט פאָרזעצן זיין שטודיום אין אַ נאָרד־אַמעריקאַנער אוניווערסיטעט, און איך האָב אים געשיקט אין דעם אוניווערסיטעט פון פילאַדעלפיע.

איז די ערשטע געלעגנהייט צו פאַרווירקלעכן מיינע קינדהייט־טרוימען און באַזוכן די פאַראייניקטע שטאַטן, האָב איך געהאַט ביי באַזונדער וויכ־טיקע אומשטענדן פאַר מיר און מיין משפחה. מיין זון האָט פאַרענדיקט זיין שטודיום, און איך בין געפאָרן צו דער צערעמאָניע פון גראַדויִרונג. מיין פרוי און מיין שנור, סאַריטאַ, זענען שוין דאָרט געווען. ס'איז אָבער געשען אַ מיספאַרשטענדעניש, און די וויזע וואָס איך האָב אַזוי דרינגענדיק באַ־דאַרפט, איז מיר נישט אָנגעקומען אין דער באַשטימטער צייט. דאָס איז געווען אין יוני 1957. יענעם יאָר איז, צוליב פאַרשיידענע סיבות, געווען באַגרענעצט די איינוואַנדערונג און מען האָט געדאַרפט אויספילן אַ גאַנצע ריי פאָרמאַליטעטן. בין איך אַוועק אין נאָרד־אַמעריקאַנער קאָנסולאַט, און דערקלערט, אַז איך פאָר צו דער גראַדויִרונג פון מיין זון, און גלייך אויפן מאָמענט האָב איך באַקומען די וויזע.

דער אַוויאָן „סופּער קאָנסטעליישאָן" פון „אַוויאַנקאַ" האָט מיך אַראָפּ־געלאָזט, נאָך אַ רייזע פון 12 שעה פליִען, אויפן אַלטן לופטפּאָרט היידעל־ווייל. אינעם צימער פונעם עלעגאַנטן האָטעל אויף דער 32סטער גאַס, ווו איך האָב מיך אויפגעהאַלטן, האָב איך געטראַכט וועגן דעם עגמת נפש, וואָס כ'האָב געהאַט ביז איך בין בשלום אָנגעקומען. ליג איך מיר אַזוי אין אָוונט און קלער, אַז דער גורל קען אַ מאָל אָפּטאָן אַ שפּיצל, און איך בין צופרידן וואָס כ'בין שוין אַלץ איבערגעקומען. אָבער הגם איך בין מיד פון דער רייזע, קאָן איך נישט צוטאָן קיין אויג; איך פאַרלעש דאָס ליכט און פּרוּוו איינ־שלאָפן, אָבער אומזיסט. כ'בין באַהערשט פון אַ טאָפּעלער עמאָציע: ערשטנס, וואָס איך וועל מאָרגן זיך שוין טרעפן מיט מיין משפחה אין פילאַדעלפיע, און צווייטנס — וואָס איך געפין זיך אין ניו־יאָרק; די שטאָט וואָס מען זעט זי פון אַלע וועלטפּונקטן, ווי אַ שפּאַנישער קעניג האָט אַ מאָל געזאָגט, אַז עס דאַרפן געזען ווערן פון זיין פּאַלאַץ די שטעט פון אויף יענער זייט ים.

גאַנץ פרי זענען מיר אַרויסגעפאָרן קיין פילאַדעלפיע. דעם ערשטן גוטן איינדרוק האָבן געמאַכט אויף מיר די אויסגעצייכנטע נאָרד־אַמעריקאַנער

שאָסייען, די פּייזאַזשן, די שיינע און ציכטיקע שטעטלעך, וועלכע מיר זענען דורכגעפאָרן, האָבן צעעפנט ווי אַ פּעכער די גרויסקייט פון אַ פּרעכטיק לאַנד. און צום סוף, איז געקומען די אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג ווען מיין זון האָט באַקומען אויף דער אוניווערסיטעט־טריבונע זיין אינזשיניער־דיפּלאָם. וואָס נאָך האָב איך געקאָנט פאַרלאַנגען נאָך אַזאַ נחת־רוח? ביי טאָג זענען מיר שוין געווען צוריק אין ניו־יאָרק.

עס האָבן געוואָרט אויף מיר אַנדערע פּראָגראַמען: די באַקאַנטשאַפט מיט דער גאַס, די מענטשן, פייערונגען, שמועסן און דאָס איינזאַפּן אין זיך דעם לעבנסשטייגער און כאַראַקטער פון אַ לאַנד, וואָס שמט מיט זיין הויכער ציוויליזאַציע. נישטאָ קיינער צווישן די נאָרד־אַמעריקאַנער תּושבים, וואָס זאָל זיך נישט רימען מיט זיין אַנגעהעריקייט צו דער דאָזיקער מדינה, און זאָל נישט זיין שטאָלץ צו שמידן זיין לעבן אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס איז פאַר אים טייער, און אַזוי יידן ווי נישט־יידן. פאַר מיר איז עס באמת געווען אַן איבעררעאַשונג. די מענטשן, וועלכע האַלטן אַזוי שטאָל און אייזן פאַר נאָרד־אַמעריקע, זענען נישט בלויז פון די פּריווילעגירטע קרייזן; דאָס זענען אויך די אַרבעטערס פון „שאָפּ", פון די גרויסע וואַרשטאַטן פון בראָד־ווי, פון בראָנקס און ברוקלין, וועלכע האָבן אַ העלפט פון זייער לעבן פאַר־ברענגט ביי עבודת פּרך און נישט געוווּסט פון קיין אַנדער טראַנספּאָרט־מיטל ווי די אונטערגרונט־באַן. עס האַנדלט זיך וועגן מענטשן — אַרבעטער און מיטלקלאַס, פאַר וועלכע ס׳איז נישט פאַראַן קיין העכערס ווי דער לעבנס־אַרט פון זייער לאַנד. איך, דער גאַסט, הער־אויס מיט אויפמערק זייערע מיינונגען, און געפין די באַשטעטיקונג פון יענע אַמאָליקע קינדהייט־חלומות אינעם וויטן זשעלעכאָוו.

ס׳איז כדאַי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג. וואָס אַזוינס פאַרמאָגט אָט־דאָס לאַנד וואָס באַגייסטערט אַזוי זיינע קינדער, און די וועלכע האָבן איינגעוואַנדערט אַהין? איך שטעל זיך די פראַגע און זוך אויף איר אַן ענטפער. מערסטנס, זענען מענטשן אומצופרידן מיט די לעבנס־באַדינגונגען אין זייערע לענדער; מען הערט אויף שריט און טריט אויס־זעצונגען קעגן דעם און יענעם; און די אומצופרידנקייט איז אַ גאָר געוויינט־לעכע דערשיינונג אין דער היינטיקער וועלט. יעדער איינער מיינט, אַז ערגעץ אַנדערש איז בעסער, און אַז אַלע צרות טרעפן זיך אין אייגענעם לאַנד. דערפאַר רופט אונדז צו אויפמערקזאַמקייט די באַציִונג פונעם נאָרד־אַמעריקאַנער בירגער צו זיין מדינה; מיר ווילן וויסן פון וואַנען דאָס נעמט זיך, איבערהויפּט ווען מען נעמט אין באַטראַכט, אַז דאָס איז אין גרעסטן טייל אַן אימיגראַנטן־פאָלק, וואָס איז אָנגעקומען פון די פאַרשיידנסטע לענ־דער, מיט אייגענע לשונות, פירונגען און זיטן, איז ממש אומגלויבלעך ווי

אַזוי ס׳האָט זיך געקאָנט באַקומען אַזאַ האַרמאָניע און איינִיקייט, ווי ס׳איז צו מערקן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן אויף אַלע געביטן. איז דאָס נישט קיין ווונדער?

דער סאָציאָלאָג, דער פּסיכאָלאָג און דער עקאָנאָמיסט, וועלן געוויס געפֿינען דערויף אַן ענטפֿער און אַן אויפֿקלערונג; אָבער איך וויל אויס־געפֿינען די סיבה אויפֿן סמך פֿון דירעקטער, פּאַקטישער און אייגענער באָאָבאַכטונג. און גאַנץ מעגלעך, אַז דער טייטש דערפֿון זאָל נישט זיין קיין אַנדערער ווי די צוגעבונדנקייט צו אַרבעט, צום טאָג־טעגלעכן שטייגער פֿון „בזעת אפיך״ אַזוי ווי אין חומש שטייט געשריבן. דאָס גאַנצע לאַנד איז אויפֿגעוואַקסן, און געשמידט זיין קעגנוואַרט און זיין צוקונפֿט אַ דאַנק דעם קולט צו אַרבעט, פֿרייע איניציאַטיוו, און אָפּשאַצונג פֿון יעדנס פֿעיִקייטן אויף דער באַזע פֿון רעספּעקט פֿאַרן מענטשלעכן ווערק. ס׳איז אַ לאַנד פֿון גרויסע מעגלעכקייטן און, ווער עס האָט ווילן, אויסדויער און פֿעיִקייטן, קען זייער ווייט גרייכן.

דער כינעזער, יאַפּאַנער, איטאַליענער, דייטש, אירלענדער, פּאָליאַק, פֿראַנצויז, רוס, ייִד, קאַטאָליק, פּראָטעסטאַנט, מוסולמענער, האָלענדער און אָפּשטאַמיקע פֿון אַלע אַנדערע פֿעלקער, אַנקומענדיק קיין נאָרד־אַמעריקע האָבן זיי איבערגעריסן מיט זייערע געבוירן־לענדער, אָפּגעשאַפֿט די מחיצות, און געוואָרן איין גרויסע אַרבעטער־משפּחה אויף דער גרויסער און פֿרייער אַמעריקאַנער ערד. דער פּשוטער רייזנדער, וועלכער גריבלט זיך נישט מיט קיין איבעריק וויסנשאַפֿטלעכן צוגאַנג און פֿאַרשערישן אינטערעס, פֿילט ווי עס צאַפּלט און קלאַפּט דאָס האַרץ פֿון אָט־דעם גרויסן פֿאָלק. דער כּוח פֿון דער נאָרד־אַמעריקאַנער אומה איז אַ פּראָדוקט פֿון דער סאָציאַלער טאָלעראַנץ, און די אומגעהייער גרויסע צאָל מעגלעכקייטן, וועלכע אַלע האָבן צוגלייך פֿאַר זיך, האָט סטימולירט דעם ווילן צו אַרבעט, צו שפּאָרן, צו פּראָגרעסירן, צו געבן די קינדער בילדונג. אויף דעם אוניווערסיטעט, האָט מיר דערציילט מיין זון, לערנען אַ סך קינדער פֿון אַרבעטערס.

היינט־צו־טאָג זענען פֿאַראַן 200 מיליאָן נפשות, אין דער גרעסטער אינדוסטריעלער לאַבאָראַטאָריע, וואָס די מענטשהייט פֿאַרמאָגט אויפֿן ערד־קיילעך, וועלכע פּראָדוצירן אַלץ וואָס ס׳איז נייטיק פֿאַרן מענטשלעכן לעבן, און נישט בלויז וואָס זיי דעקן זייערע אייגענע הצטרכותן, נאָר זיי אַפּראָ־ווייזירן מיט פֿאַרשיידענע פּראָדוקטן די גאַנצע וועלט. דער רייזנדער קאָן דערביי פֿעסטשטעלן, אַז אינערהאַלב דער דאָזיקער ריזיקער מענטשן־מאַסע הערשט אַ באַציִונג פֿון קעגנזייטיקער פֿריינדלעכקייט און אויסערלעכער גלייכהייט, אַן אַרבעטער גייט אַזוי אָנגעטאָן ווי זיין באַלעבאָס, און די מאָדע גלייכט אויס אַלע פּרויען. אָוודאי זענען פֿאַראַן טיפֿע קלאַסן־אונטערשיידן;

אָבער עס איז צו מערקן אויך ערנסטע געפילן פון דעמאָקראַטיע, און באַזונדערס אין דער געזעצגעבונג און אין דער באַציִונג פון די רעגירונגס־אינסטאַנצן צום פאָלקסמענטש.

דאָס מיינט נישט צו זאָגן, אַז די נאָרד־אַמעריקאַנער געזעלשאַפט איז אַ פּערפעקטע. עס פעלן נישט קיין אינערלעכע קאַמפן און שפּאַלטן, באַזונדערס צווישן ווייסע און שוואַרצע, אָבער איך האָב נישט געזען און נישט געהערט וועגן פאַלן פון אַנטיסעמיטיזם; אלנפאַלס אין יענע יאָרן. עס איז פאַראַן אַ נישט־געשריבענער כּלל, אַז דער ווילשטאַנד פון אַ פאָלק באַגינציקט אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן אַלע זיינע מיטגלידער, און די פאַראייניקטע שטאַטן זענען אַ לאַנד פון ווילשטאַנד. געוויס זענען פאַראַן עקאָנאָמישע מחיצות, פון פאַרמעגלעכע און אומפאַרמעגלעכע, אָבער דאָס איז נישט גורם אַזאַ טיפן ריס ווי אין אַנדערע לענדער, און דער וואָס האָט געאַרבעט דורכן טאָג אַלס פּשוטער אַרבעטער, קאָן אין די אָוונטן פאַרברענגען צוזאַמען מיט אַ זאָרגלאָזן מיטגליד פון די אַנדערע סאָציאַלע שיכטן. מיט דער צייט קאָן ער ווערן אַ גביר, און דערגיין אַפילו צו מלוכה־פּרעזידענט; אַלץ איז געווענדט אין אים — אין זיינע פעיִקייטן זיך אַרויסצוהייבן; פאַרקערט, דאָרטן איז אַ „סעלף מעיד מען" — אַ מענטש וואָס האָט זיך אַליין געמאַכט — אַ גאַנצער יחסן. נישטאָ קיין זכות אָבות! מען דאַרף האָבן זכות עצמו.

עס עקסיסטירט דאָרט אַ רעגירונגס־אינסטיטוציע די „סאָשעל סעקיוריטי", אַן אָפּטיילונג פון דער רעגירונגס־אַדמיניסטראַציע, וואָס זאָרגט פאַר דער אויסטיילונג פון פענסיעס פאַר די צוריקגעצויגענע אַרבעטערס און איינגעפירט אַן „עלטער־פאַרזיכערונג", וואָס טראָגט דעם כאַראַקטער פון אַ באַלוינונג פאַרן מענטש, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געאַרבעט. צו 64 יאָר פאַרלאָזט מען די אַרבעט. מען טרעט אָפּ דאָס פּלאַץ די ייִנגערע און מען געניסט פון אַ פענסיע, וואָס איז נישט קיין געשאַנק און קיין פאַטערנאַליזם־אויסדרוק, נאָר די ריכטיקע און יושרדיקע אָנערקענונג פאַר דער האָרעוואַניע פון אַ גאַנץ לעבן. געוויס זענען פאַראַן אַזעלכע איינפירונגען אויך אין אַנדערע לענדער. אָבער דאָ באַקומט עס אַ ספּעציעלע חשיבות, איבער דער שטרענגקייט און זאָרגפעליקייט מיט וועלכע עס ווערט דערפילט דער חוב לגבי דעם אַרבעטס־מענטשן.

גייט זיך אַזוי אַ זשעלעכאָוועך ייד איבער בראָדוויי, פינפטער עוועניו, ראָקפעלער־צענטער און טיימס־סקווער; אַ קליין ווען צווישן די ריזיקע וואָלקן־קראַצערס, וואָס לעבט איבער דעם גליקלעכן מאָמענט ווען ס'איז אים מקויים געוואָרן דער טרוים פון זיינע קינדער־יאָרן. דאָס קינד, וואָס איז אַמאָל דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון דער יידישער קולטור, האָט זיך געוואָלט באַקענען פון דער נאָענט מיט די אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן אין משך

פון צענדליגער יאָרן באַשיינט און באַלויכטן דאָס יידישע לעבן אויף דער גאָרער וועלט: די צוויי ניו־יאָרקער יידישע טאָג־צייטונגען און דעם זשורנאַל „די צוקונפט". איך האָב זינט אַ לאַנגער צייט געטראַכט צו באַזוכן די בנינים פון די יידישע צייטונגען אין איסט סאַיד, ווו כ'האָב גערעכנט צו טרעפן זיך פנים אל פנים מיט די גרויסע שעפערישע גייסטער פון אונדזער דור. שרייבערס, פּאָעטן און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון צענדליגער יאָרן אונדז אינפאָרמירט און אָריענטירט אין דער אויפפאַסונג פון די געשעענישן אינעם יידישן און אַלגעמיינעם לעבן. און ווען איך בין אָנגעקומען אין די רעדאַקציע־ביוראָען האָב איך געהאַט דעם זכות פערזענלעך צו באַקענען זיך מיט אַ סך פון אונדזערע בעסטע פען־מענטשן.

אַראָפּגייענדיק פון „פאָרווערטס"־בנין האָב איך געטראַכט, אַז אַ סך פון די גרינדערס און בויערס פון דעם אַזוי ברייטפאַרצווייגטן יידישן קולטור־לעבן אין נאָרד־אַמעריקע זענען שוין אויפן עולם האמת. שוין נישטאָ אייב קאַהאַן, אַברהם ליעסין, ד"ר זשיטלאָווסקי, ש. ניגער, טשאַרני, ווליאַדעק, אַברהם רייזען, יוסף אָפּאַטאָשו און פיל אַנדערע, וועלכע איך האָב פערזענלעך נישט געקענט, אָבער וואָס זענען מיר געווען אַזוי נאָנט צום האַרצן נאָך פון מיינע זשעלעכאָווער יאָרן, ווען איך פלעג יעדע וואָך בייטן אַ פּאָר ביכער אין דער ביבליאָטעק...

☆

אַ סך מענטשן האַלטן מיאַמי פאַר דעם וואָס עס איז טאַקע אין דערווירקלעכקייט: אַ גן־עדן, אָדער — ווי מען זאָגט אין נאָרד־אַמעריקע — דאָס אָרט „ווו מען קויפט לעבן". איך, וואָס האָב אויך הנאה געהאַט פון דער דאָזיקער וווּנדערלעכער נאַטור־שיינקייט, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אויף דער וועלט, קאָן אָבער נישט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס עס האָט געמאַכט אויף מיר אַ כמעט אומבאַמערקבאַרער פאַקט; אַ פאַקט וואָס פאַרמאָגט נישט דעם גלאַנץ, וואָס ציט דעם אויפמערק ביים גרעסטן טייל טוריסטן. צו די דאָזיקע קורערטער, באַשאַנקענע מיט אַ היילנדיקער ליבלעכער זון, פאָרן אַ סך פענסיאָנירטע אַרבעטערס פון די פאַבריקן און וואַרשטאַטן. די וועלכע האָבן אין זייערע אַרבעטער־יאָרן זיך נישט געקאָנט דערלויבן אַזאַ לוקסוס, פאָרן אויף די עלטערע יאָרן זיך אָפּנעמען פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן „געשקלאַפט" און נישט געוווּסט פון אַרויספאָרן אויף דאַטשע.

און ווער דעקט די הוצאות פון די דאָזיקע וואַקאַציע־רייזעס? טיילווייז די רעגירונג, און טיילווייז די „יוניאָן" אָדער אַרבעטער־פאַרבאַנד, ווו דער פענסיאָנירטער האָט געהערט אין זיינע יאָרן פון אַקטיוויטעט.

זינט מיין ערשטן קאָנטאַקט מיטן גרויסאַרטיקן נאָרד־אַמעריקע און

זיין ניו־יאָרקער ערב־רב, האָב איך געטראַכט וועגן אָנשרייבן מיינע איינ־דרוקן, אָבער ס׳האָט זיך מיר קיין מאָל נישט איינגעגעבן מחמת דעם גרויסן קאָנטראַסט צווישן די צאָלרייכע געפילן וואָס אָט די טעמע דערוועקט אין מיר, און די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען זיי מיט ווערטער פון אַ פשוטן יידן. מיין צווייטער באַזוך אין ניו־יאָרק מיט אַ יאָר שפּעטער, האָט פאַר־שטאַרקט מיין ענטוזיאַזם און כ׳האָב דערשפּירט אַז דער כוח פון וואָרט גייט אויף אין מיר. נישט קיין טיפע און דורכגעטראַכטע פאַרשאַרבעט וועגן דער גרויסער מדינה האָב איך גערעכנט צו מאַכן, ווייל אויף אַזאַ גרויסן פאַר־מעסט האָב איך זיך נישט געפילט בכוח. עס איז אויך נישט געווען מיין כוונה אָנצושרייבן קיין ליטעראַריש ווערק, וואָס זאָל באַרייכערן דעם אוצר, וואָס די יידישע קולטור האָט אויף דעם געביט געשאַפן. אַפילו נישט קיין איין וואָרט־קינסטלעריש קאַפּיטל. אָבער ס׳איז געווען מיין באַגער אַרויס־צוברענגען אויף אַ פשוטן אופן דאָס וואָס איך, אַ פּאָלקסמענטש אָן קינסט־לערישע פּרעטענזיעס, האָב געהאַט צו זאָגן וועגן מיינע געפילן און איבער־לעבונגען ביי יענער ערשטער געלעגנהייט.

איך האָב נישט געקאָנט פועלן ביי זיך, אַז די דאָזיקע ערשטע איינדרוקן אויף דער הייסער מינוט, זאָלן גיין לאיבוד. בכן, אָט זענען פאַר אייך די עטלעכע באַשיידענע שורות וועגן דעם לאַנד, וואָס האָט פאַרנומען אַן אָרט אין מיינע געדאַנקען און געפילן דאָס גאַנצע לעבן, און האָט מיט אַ מאָל זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אין דער ווירקלעכקייט מיט זיין גאַנצער פּראַכט. איך ווייס, אַז ס׳איז נישטאָ דערין קיין וועזנטלעכע אָפּשאַצונג פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן, אָבער אַזוי איז מיר מיין דערינערונג צום הארצן, און אַזוי סילוק איך דעם ערן־חוב וואָס איך האָב מיט נאָרד־אַמעריקע זינט מיין קינדהייט, חלומענדיק דאָרט אין מיין שטעטעלע זשעלעכאָוו וועגן אַ דמיונדיקער רייזע צום דאָזיקן גאָטגעבענטשטן לאַנד. ווויסנדיק אַז איך בין ווייט נישט קיין מייסטער אויפן געביט פון דורכדרינגען די נשמה פון די גרויסע פעלקער, בין איך זיך מודה, אַז איצט פיל איך אַ דערלייכטערונג און אַן אינטימע צופרידנקייט.

☆

וועגן דער יידישער אייגנאַרטיקייט, און יידישן לעבן אין דעם לאַנד וויל איך עפּעס צוגעבן. איך האָב אויבן דערמאָנט, אַז איך האָב אין יענע יאָרן, ביי מיין ערשטן באַזוך אין נאָרד־אַמעריקע, נישט אָנגעטראָפן און נישט געהערט וועגן אַנטי־יידישע עקסצעסן און דיסקרימינאַציעס קעגן יידן. פאַרקערט, מיט די אַלע יידן וואָס איך האָב זיך געטראָפן, צווישן זיי אַ סך לאַנדסלייט און פריינד, האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ טרייקייט צום לאַנד, אַז

אמתן פּאַטריאָטיזם, וואָס האָט מיך ממש איבערראַשט. אייניקע האָבן אַפילו געטענהעט, אַז אַמעריקע „איז נישט קיין גלות", דאָ לעבן יידן „ווי ביי זיך אין דער היים"..

פאַר דער קורצער צייט האָט זיך אָבער אַ סך געענדערט. אמת, יידן האָבן דערגרייכט זייער הויכע פּאָזיציעס — אין דער וויסנשאַפט, אין דער ליטעראַטור און אין די רעגירונגס־ספערן. ווען איך שרייב די ווערטער, איז אַ ייד דער אויסערן־מיניסטער פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אויך ענגלאַנד האָט געהאַט אַן אויסערן־מיניסטער, וואָס האָט גרויס געמאַכט די ענגלישע אימפּעריע. אמת, דיזראַעלי איז שוין נישט געווען קיין ייד, אָבער קיינער ווי ער האָט אַזוי נישט שטאָלצירט מיט זיין יידישן אָפּשטאַם ווי ער, און ווען אַ רעאַקציאָנערער דעפּוטאַט האָט זיך אַרויסגעכאַפּט קעגן אים מיט אַן אַנטיסעמיטישער פראַזע, האָט ער געענטפערט: — ווען דיינע עלטערן זענען נאָך אַרומגעגאַנגען ווי די ווילדע חיות אין וואַלד, האָבן מיינע — געשאַפן די ביבל...

דער גרעסטער טייל פון דער יידישער יוגנט אין די שטעט האָט אַן אַקאַדעמישע בילדונג; דאָך, און אפשר טאַקע דערפאַר, האָט די קנאה דאָרט אויפגעבלאָזן היינט, אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. זי איז געקומען פון די נידעריקסטע שיכטן, פון די שוואַרץ־הויטיקע, און פאַרכאַפּט וואָס ווייטער אַלץ ברייטערע קרייזן אויך פון ווייס־הויטיקע...

איך געדענק, אַז אַן אַמעריקאַנער ייד האָט מיר מיט שטאָלץ געזאָגט:
— ביי אונדז איז אַנטיסעמיטיזם פשוט אוממעגלעך, ווייל מיר זענען דאָ אַלע די זעלבע יחסנים, מיר זענען געקומען אין לאַנד כמעט ווי אין איינער און דער זעלבער צייט, נישטאָ דאָ קיין הערשנדיק פאָלק און נישט קיין הערשנדיקע רעליגיע. מיר האָבן אַלע די זעלבע היסטאָרישע רעכט. אין אייערע לענדער איז גאַנץ אַנדערש... מעגלעך אַז ער איז גערעכט. אָבער אַ פאַקט איז אַ פאַקט: עס פעלט היינט נישט אין נאָרד־אַמעריקע קיין אַנטי־סעמיטישע דיסקרימינאַציעס.

אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. אויסן בין איך צו באַמערקן, אַז מיר יידן, זענען „אַנדערש" פון די אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע גרופּעס, וועלכע האָבן באַפעלקערט קאָלומבוסעס מדינה. די אַלע אַנדערע, האָבן גאַנץ שנעל זיך צוזאַמענגעגאָסן אין גרויסן „שמעלצטאָפּ" פון דער נאָרד־אַמעריקאַנער קולטור. זיי האָבן אויפגעהיט נישט מער ווי אייניקע אויסערלעכע נאַציאָ־נאַלע שטריכן און רעשטלעך פון לעבנס־שטייגער. אַפילו דער דריטער דור איטאַליענער האָט אַ פּרעפערענץ פאַר „טאַליאַרינעס" און די אייניקלעך פון שפּאַניער וועלן נישט עסן אָן אַ גלעזל זויערן וויין. אויך יידן האָבן קולטורעל זיך אַסימילירט, אָבער זיי האָבן אויך אין נאָרד־אַמעריקע אַן

אייגענע יידישע קולטור געשאַפן, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פון זיך דענקערס, גרויסע קינסטלערס, שרייבערס און פּאָעטן. דער נאָרד־אַמעריקאַנער צווייג פון דער יידישער קולטור האָט באַרייכערט אונדזער נאַציאָנאַלן גייסטיקן פאַרמעגן מיט גרויסע ווערטן, און אין דעם זינען זענען מיר די איינציקע לגבי די אַלע אַנדערע גרופּעס.

דער יידישער אַרבעטער און פאָלקסמענטש, וואָס איז געקומען פון „יוראָפּ" האָט געבראַכט מיט זיך אַ גייסטיקן באַגאַזש, און ער האָט אים אין דער נייער היים גלייך אויסגעפּאַקט. די רעליגיעזע האָבן געבויט שולן און חדרים, דערצויגן זייערע קינדער אין יידישן גייסט, און די וועלטלעכע האָבן אויף זייער שטייגער אַרויסגעגעבן צייטשריפטן, געעפנט קלובן, גע־שאַפן שולן, געגרינדעט פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. די יידישע נאָדל־בראַנזשע איז געווען איינע פון די ערשטע און אַמבעסטן אָרגאַניזירטע פאַכן אין לאַנד, און אירע פאַראיינען אין די גרעסטע שטעט האָבן געדינט ווי אַ מוסטער פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין נאָרד־אַמעריקע.

אין יאָר 1890, ס'הייסט מיט פיל יאָרן צוריק, האָבן די יידישע אַרבעטער־פאַראיינען פון ניו־יאָרק, געגרינדעט די „אַרבעטער־צייטונג", דער רעדאַק־טאָר פון וועלכער איז געווען פיליפּ קראַנץ. צוויי יאָר שפּעטער, אין יאָר 1892, האָט די יידישע סעקציע ביי דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אויך אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל, ווי אַ צוגאָב צו דער טעגלעכער צייטונג, וואָס זאָל זיך פאַרנעמען מיט סאָציאַליסטישער אויפ־קלערונג, און פאַרעפנטלעכן גרינטלעכע שטודיעס וועגן פּראָבלעמען, וואָס אינטערעסירן דעם אַרבעטער־קלאַס.

אַזוי, אַז דער ערשטער חודש־זשורנאַל אין יידיש, איז געבוירן געוואָרן אין אַן אַרבעטער־היים, ווי אַ קינד פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין אַמעריקע, און מיטן ציל צו דערציִען דעם אַרבעטער־קלאַס אין גייסט פון סאָציאַליזם. די „רעדאַקציאָן" דערקלערט עס אין ערשטן נומער פון זשורנאַל, אין וועלכן עס ווערט פאַרעפנטלעכט אַ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון די גרינדערס, וואָס זאָגט בזה הלשון:

„וואָס סאָציאַל־דעמאָקראַטיע באַטייט ווערט טאָגטעגלעך באַלויכטעט אין אונדזער ,אַרבייטער־צייטונג'; מיר וועלען עס נאָך טיפער און אויספירלעכער דערקלערען אין ,די צוקונפט", וואָס איז דער ערשטער זשורנאַל אין זשאַר־גאָן — אַ נייעס אין דער אָרעמער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור, וואָס האָט ביז דער לעצטער צייט געשריבן בלויז באָבע־מעשיות און בדחנות. שאַפען מיר דעם זשורנאַל פאַר דיזע ערנסטע אַרבייטער, וואָס מעכטען צו וויסן און צו ווערן געבילדעטע מענטשען".

די משכּיליש־געשטימטע אינטעליגענטן פון יענער צייט, האָבן געשפּראָכן

דייטשמעריש, און עס ווערט ווייטער געזאָגט אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַ־ציע, אַז „מיר זיינען נישט נאָר אַ סאָציאַליסטישער אָרגאַן, אין ענגען זינען פון דיזען וואָרט", נאָר אַן אַלגעמיינער בילדונגס־זשורנאַל, געפינען מיר טאַקע אין דעם ערשטן נומער אַ סך בילדונגס־מאַטעריאַל, וואָס איז באַ־שטאַנען פון פּאָפּולאַריזאַציעס וועגן מאַרקסיזם, וועגן דאַרוויניזם, פון שפּע־טער באַרימטן אייב קאַהאַן און וועגן „רעליגיע און מאָראַל" פון פיליפּ קראַנץ, וואָס פאַרזיכערט, אַז אַלע רעליגיאָנען „זינד פּוסטע פאַנטאַזיעס".

איך ברענג די ציטאַטן פון ערשטן נומער „די צוקונפט", נישט כּדי צו ווייזן ווי גייסטיק אָרעם עס איז מיט עטלעכע און 80 יאָר צוריק געווען דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אין אַמעריקע, און ווי אומבאַהאָלפן עס איז געווען זייער שפּראַך; נאָר כּדי איר זאָלט זיך פאָרשטעלן, — אין דער פאַנטאַזיע — וואָס פאַר אַ גייסטיקן שפּרונג מיר האָבן געגעבן אין פאַרלויף פון דער קורצער צייט, בעת וועלכער עס זענען אין נאָרד־אַמעריקע אויפגעקומען אַ גאַנצע יידישע ציוויליזאַציע מיט גרויסע שעפערישע גייסטער, דיכטערס און פּראָזאַיִקערס, פּובליציסטן און דראַמאַטורגן, וואָס האָבן געשאַפן אַ רייכע ליטעראַטור, אַ טעאַטער, אַ פילפאַרביקע קולטור, מיט וועלכער עס וואָלטן געקאָנט שטאָלצירן פיל רייכערע און גרעסערע פעלקער.

איך וועל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנען אַ כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וועגן וועלכן איך האָב שוין געשריבן אין מיין ערשטן בוך „אַ ייד אין קאָ־לאָמביע". סוף פערציקער יאָרן האָט אונדז באַזוכט דער באַוווסטער יידישער שרייבער פון אַרגענטינע, יעקב באָטאָשאַנסקי, וועלכער האָט באַגייסטערט זיינע צוהערערס מיט זיינע גייסטרייכע רעפעראַטן. אין אַ צייט אַרום האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע איינדרוקן פון זיין באַזוך אין קאָלאָמביע אין דער צייטונג וועלכע ער האָט רעדאַגירט, „די פּרעסע" פון בוענאָס־איירעס. און אין 1941 האָט ער אין זשורנאַל „דער קאָנטינענט", וואָס איז דער־שינען אין מעקסיקע, צווישן אַנדערע געשריבן: „פאַראַן אין באָגאָטאַ אַ קולטור־טוער, וואָס הייסט סימאָן גובערעק; ער איז אַ גרויסער עקשן און אַ פאַנאַטישער קעמפער פאַרן יידישן וואָרט. ער פאַרשפּרייט זיבעציק צי אַכציק עקזעמפּלאַרן פון יעדן נומער „די צוקונפט" אין לאַנד. ווען עס וואָלטן געווען כאָטש אַ צען אַזעלכע גובערעקס אין דרום־אַמעריקע, וואָלט „די צוקונפט" געהאַט אַ זיכערע צוקונפט. און מיינט נישט אַז מען קויפט נאָר, מען לייענט אויך"...

אַזוי האָט באָטאָשאַנסקי ע"ה געשריבן מיט דריי און דרייסיק יאָר צוריק. פאַר דער צייט זענען שוין אַ סך פון די שטענדיקע אַבאָנענטן און לייענערס פון „די צוקונפט" אויפן עולם האמת אין באָסאָ, און קיין נייע זענען נישט צוגעקומען. וויפל לייענערס דער זשורנאַל האָט היינט אין קאָלאָמביע וועל

איך אייך נישט אויסזאָגן, אָבער איך בין איינער פון זיי, און איך האָב די גאַנצע קאָלעקציע פון זשורנאַל פון נומער איינס. און ווי אַ לייענער קאָן איך פעסטשטעלן, אַז „די צוקונפט" האָט געדינט ווי אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין נאָרד־אַמעריקע, און האָט אויך באַווירקט דעם אַלטן קאָנטינענט.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס מען האָט לכתחילה זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו קנעלן מיט דעם לייענער די תורה פון „סאָציאַליזמוס", האָבן גאָר גיך אָנגעהויבן זיך באַווייזן אויף די שפּאַלטן פון דעם זשורנאַל די נעמען פון די פּיאָנערן און פון די שעפער, פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. כמעט ווי צוגלייך מיט דער „צוקונפט", האָט זיך אויך באַוויזן אין אַמעריקע אַ שעפערישע פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געעפנט ברייטע פּערספּעקטיוון פאַרן יידישן טעאַטער — דאָס איז געווען דער שוין דעמאָלט באַרימטער, יעקב גאָרדין. ער איז געקומען אין לאַנד מיט אַ צענדליגג דראַמעס, מיט אַ ווייב און ניין קינדערלעך. אין ניו־יאָרק זענען אים צו־געקומען נאָך אַ צענדליגג דראַמעס און נאָך פינף קינדער. און מיט דער איינוואַנדערונג פון צענדליגגער הויך־טאַלענטירטע אַרטיסטן פון דער אַלטער היים, און מיט די דראַמאַטישע ווערק, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אויפן אָרט און וואָס מען האָט געבראַכט מעבר לים, איז אויפגעגאַנגען און זיך פאַרשפּרייט דאָס יידישע טעאַטער, ווי אַ מעכטיקער פאַקטאָר פון יידישער קולטור־ און מאַסן־דערציִונג.

צו יענער צייט איז אויך אויפגעקומען אַן עכטער פּאָעט: מאָריס ראָ־זענפעלד. אמת, ער האָט זיך שוין באַוויזן אין דער „אַרבעטער־צייטונג", אָבער דורך דער „צוקונפט" איז ער געקומען צו דער ברייטער יידישער וועלט, און איז אין אַמעריקע געווען כמעט ווי דער ערשטער, וואָס האָט פון פּראָפּאַגאַנדע — געשאַפן פּאָעזיע.

מיט אַכציק יאָר צוריק איז שוין אין אייראָפּע געווען אַ קינסטלערישע ליטעראַטור, און זייער אַ פיינע פּובליציסטיק. מענדעלע, פּרץ און שלום עליכם, זענען שוין געווען באַקאַנטע נעמען; אָבער צו די ברעגן פון אַמע־ריקע האָט זייער גייסט ערשט אָנגעהויבן דערגיין, טאַקע מיט די בלעטער פון דעם זשורנאַל „די צוקונפט".

פינף יאָר נאָך „די צוקונפט" איז אין ניו־יאָרק דערשינען נאָך אַ טעג־לעכע צייטונג „דער פאָרווערטס", וועלכע האָט אויך זיך אָריענטירט אויפן אַרבעטער, וועלכע האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט דעם רוב בנין פון ישוב און די מערהייט פון די יידיש־לייענערס. האָט אייב קאַהאַן, דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג געשריבן: „איינע פון די הויפּט־אויפגאַבעס פון דער יידישער פּרעסע, איז צו לערנען די יידישע מאַסע ווי זיך צו באַנוצן מיט

אַ נאָזטיכל״... אין פאַרלויף פון דער צייט האָט דער סאָציאַלער באַשטאַנד פון אָט דער יידישער „מאַסע״ ראַדיקאַל זיך געענדערט. די אַבסאָלוטע מער־הייט פון די געוועזענע יידישע אַרבעטער, זענען געשטיגן אויף די שטאַפּלען פון סאָציאַלן לייטער, און ביי היינטיקן טאָג איז די צאָל אַקאַדעמיקערס צווישן יידן, דריי מאָל אַזוי גרויס ווי דער דורכשניט אין גאַנץ אַמעריקע. יידן פאַרנעמען די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין דער ליטעראַטור, און אין די אַלע אַנדערע קינסטלערישע זשאַנערן, און עס איז גרויס די צאָל פון די, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו די העכסטע מדרגות אויפן געביט פון דער וויסנשאַפט.

און אין פאַרלויף פון די עטלעכע און אַכציק יאָר איז אויך דער יידישער „זשאַרגאָן״, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ווונדערלעכן לינגוויסטישן אינס־טרומענט, מיט וועלכן אונדזערע שרייבערס דריקן אויס אַלע שפּראַכלעכע ניואַנסן און שאַטירונגען פון טיפסטן מענטשלעכן געפיל און געדאַנק. אויך די קוואַליטעט פון דעם לייענשטאָף האָט זיך אַנטוויקלט און זיך דערהויבן. די יידישע צייטונג איז געוואָרן אַ מין קאָמבינאַציע פון אַ בלאַט און אַ זשורנאַל, וואָס דרוקט אַרטיקלען, עסייען, פאָרשונגען, לידער, נאָוועלן, ליטעראַטור־קריטיק פון אַזאַ קוואַליטעט, וואָס מען געפינט עס נאָר אין די בעסטע אַמעריקאַנער צייטשריפטן.

די הויכע קוואַליטעט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, האָבן דערוואָרבן אָנערקענונג מצד דער גרויסער ליטעראַרישער און אַקאַדעמישער וועלט. אַ גרויסע צאָל קינסטלערישע ווערק זענען איבערגעזעצט געוואָרן פון יידיש אויף ענגליש, און די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור האָבן זוכה געווען צו אַ צאָל קאַטעדרעס אין די אַמעריקאַנער אוניווערסיטעטן, ווו זיי ווערן שטודירט ווי אַ וויכטיקער טייל פון דער וועלט־קולטור.

און אָט איז אַ היסטאָרישער פאַקט, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פּסיכאָלאָגיע פון די יידישע „עדות״ — ווי מען רופט זיי היינט אין ישראל — וועלכע שטעלן צוזאַמען אונדזער פאָלק ישראל: אין 1882, פּונקט מיט צוויי און ניינציק יאָר צוריק, האָט די ניו־יאָרקער יידישע קהילה, בראש פון וועלכער עס זענען געשטאַנען די דייטשע יהודים, דרינגענ־דיק זיך געווענדט צו די יידישע הילפס־קאָמיטעטן אין לאָנדאָן, פּאַריז און בערלין מיט אַ וואָרענונג, וואָס זאָגט: „מיר קענען אַליין נישט אויפ־נעמען, און ס׳איז נישט אין די אינטערעסן פון דער אַמעריקאַנער יידישער קהילה, און מיר קענען נישט אויסהאַלטן אויף שטענדיק אַ שנאָרער־באַפעל־קערונג אין אַזאַ גרויסער צאָל, און וואָס וואַקסט אָן אויפהער״...

און פון די אייראָפּעישע שטעט איז גיך אָנגעקומען הילף אויס מורא, מען זאָל די „שנאָרער״ נישט צוריקשיקן... אָבער למען האמת דאַרף געזאָגט

ווערן, אַז די יהודים זענען אין דערווירקלעכקייט נישט געווען אַזוי גרויזאַם און געפיללאָז. עס זענען פאַראַן גענוג פאַקטן, וואָס דערציילן וועגן זייער ברייטהאַרציקייט און אַפילו אידעאַליזם. נאָר דער ברייטער שטראָם פון דער אימיגראַנטן־מאַסע, וואָס האָט די ערשטע צייט געמוזט אָנקומען צו געזעל־שאַפטלעכע הילף, און אַפילו די וואָס האָבן אין יענער צייט געאַרבעט, האָבן נישט גענוג פאַרדינט אויף דער חיונה. האָט אויף זיי אָנגעוואָרפן אַ פחד... און פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיי זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם ביטול צו די אָסט־יודען, וועלכע האָבן נישט געקענט זיך באַנוצן מיט אַ נאָזטיכל, און עסן מיט אַ מעסער־און־גאָפל, ווי אייב קאַהאַן האָט געשריבן.

און אין קורצע עטלעכע יאָר צענדלינג, איז פאַרשווונדן די „שנאָרעריי״ אין דער גרויסער אַמעריקע. מיטן שנעלן פּראָגרעס פון לאַנד, איז אויך פאַרבעסערט געוואָרן די עקאָנאָמישע לאַגע, און אויך פאַרפיינערט געוואָרן די זיטן פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט פאַקטן און ציפערן, אַז אין פּראָפּאָרץ איז דער סאָציאַל־עקאָ־נאָמישער צושטאַנד פון דער יידישער באַפעלקערונג, פיל העכער ווי פון אַלע אַנדערע עטנישע גרופּעס. פון נעמער זענען די אַמעריקאַנער יידן געוואָרן געבער, און עס ווערט געשאַצט, אַז ביי אַ מיליאָן יידן זענען שטענדיקע באַשטייערערס פון פאַרשיידענע הילפס־פאָנדן פאַר פילאַנטראָפּישע און נאַציאָנאַלע צוועקן, און אַז אַ ייד שרייבט אונטער אַ טשעק — און אַ מאָל אַ גאַנץ גרויסן טשעק — פאַר אַזעלכע פאָנדן, איז עס אַן אויסדרוק פון יידישן באַוווסטזיין, פון הומאַניטאַרע געפילן און פון פאַרשטענדעניש פאַר קהלשע באַדערפעניש.

אין די ערשטע צען יאָר האָט „די צוקונפט״ געהאַט ניין רעדאַקטאָרן, דער זשורנאַל האָט געזוכט דעם ריכטיקן רעדאַקטאָר, ווייל ער האָט נאָך נישט געפונען זיין וועג אין לעבן. ענדלעך איז געקומען אַברהם ליעסין, אַ טאַלענטירטער דיכטער און פובליציסט, וואָס האָט פעסטגעשטעלט דעם ריכטיקן דיאַגנאָז, אַז „דער זשורנאַל לעבט נישט מיט דער רעאַליטעט, אָן אינטערעס פאַר אַקטועלע ענינים און פאַר אָרטיקע פראַגן, פונקט ווי ער זאָל דערשיינען ערגעץ הינטער די ,הרי חושך׳.״

און פונקט ווי די געשיכטע וואָלט געוואָלט אָניאָגן די פאַרלאָרענע צייט, די אַלע הונדערטער יאָרן פון פאַרגליווערטן געטאָ־לעבן; און דאָס וואָס אַנדערע פעלקער האָבן ביי נאָרמאַלע באַדינגונגען דורכגעמאַכט אין משך פון הונדערטער יאָרן. האָבן עס די יידן אין אַמעריקע דורכגעמאַכט אין צענד־לינגער יאָרן. צום סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט האָבן יידישע אַרבעטער געהאַט זייער אַרבעטס־בירזשע אויפן אַזוי גערופענעם „חזיר־מאַרק״, וווּ עס פלעגן זיך פאַרזאַמלען טויזנטער אַרבעטער פון אַלע פאַכן, און באַלע־

באַטים פּלעגן קומען אויסקלייבן, און צאָלן 10 דאָלאַר אַ וואָך אַ מאַן און 5 דאָלאַר אַ וואָך אַ פרוי. אין קורצע עטלעכע צענדלינג יאָר שפּעטער, איז שוין געווען אַ גוט אָרגאַניזירטער אַרבעטער־קלאַס, מיט דיסציפּלינירטע פּאַראייניען, וואָס האָבן אויסגעקעמפט נישט נאָר העכערע לוינען, נאָר אויך מער חשיבות פאַרן אַרבעטס־מענטשן. ביי דער אָנפירונג פון אָט דעם קאַמף פאַר אַ ווירדיקן מענטשלעכן לעבן, זענען אין דער ערשטער ריי געשטאַנען די יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין די יידישע צייט־שריפטן, אַפילו אין „פאָרווערטס", געשעפּט סטימול און אָריענטאַציע, און וואָס האָבן אויסגענוצט די יידישע פּרעסע אויף צו באַווירקן די ברייטע אַרבעטער־מאַסן.

אונטער ליעסינס רעדאַקציע האָט „די צוקונפט" אַרויסגעוואָרפן דעם טייטל פון דרדקי־מלמד, וואָס פּאָפּולאַריזירט פאַרן אַרבעטער פאַרשיידענע וויסנשאַפטן, נאָר באַטראַכט דעם לייענער ווי אַ רייפן מענטשן, און געזוכט אים צו פאַרבינדן מיט דער אַלגעמיינער און יידישערווירקלעכקייט. ער עפנט ברייט די טירן פאַר אַלע גייסטיקע און קינסטלערישע טענדענצן אין יידישן לעבן, און דער זשורנאַל ווערט אַ מין קיבוץ־גלויות, אויף דער טריבונע פון וועלכן עס קומען צום וואָרט אונדזערע בעסטע קינסטלערישע קרעפטן פון אַלע וועלטטיילן, און מען לייענט אים מיט גרויס אינטערעס אין אַלע תפוצות פון דער יידישער וועלט.

ווי אַ צענטראַלע טריבונע, איז „די צוקונפט" געווען די הייבאַם, די געבורט־העלפערין, פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. זי האָט פּאָפּולער געמאַכט די נעמען פון יידישע שרייבערס און פון יידישע ביכער; האָט זיי אַרויסגעפירט פון די ענגע „ד' אַמות", און געמוטיקט צו שעפעריש־קייט. און מען דאַרף נישט זיין קיין אתה־בחרתנוניק אויף צו זאָגן: מי כמוך עמך ישראל גוי אחד בארץ — נישטאָ נאָך אַ פאָלק ווי יידן — וועלכע זענען די איינציקע אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וואָס האָבן באַוויזן צו שאַפן אַן אייגענע ליטעראַטור, אין זייער אייגענער גערעדטער שפּראַך: אין יידיש.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן זענען פאַראַן מיליאָנען איטאַליענער, פּאָליאַקן, און מענטשן פון צענדלינגער אַנדערע עטנישע גרופּעס, וועלכע האָבן מאַטעריעל, און אַפילו פּאָליטיש, זייער פיין זיך אַרויפגעאַרבעט. קיין אייגענע ליטעראַטור האָבן זיי דאָרט נישט געשאַפן. נאָר די יידן זענען געבליבן גייס־טיק טריי צו זיך, טריי צו זייער אייגענעם היסטאָריש־פּסיכישן וועזן. און אָן קיין שום דרוק פון דרויסן! אָן אַנטיסעמיטיזם און דיסקרימינאַציעס קעגן יידן! נאָר אויס אייגענעם פרייוויליקן אויסוואַל און ווילן — צו בלייבן יידן.

אָט די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער פאָלקס־נשמה און די אינערלעכע עמאָציאָנעלע וועלט פון מענטשן — קען אַרויסגעבראַכט ווערן

נאָר אין דער קינסטלערישער שאַפונג. מיר קענען, צ״ב, זייער גוט די געשיכטע פון יידישן לעבן אין נאָרד־אַמעריקע, און ווייסן ווי שווער די אימיגראַנטן האָבן, אין אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט, געאַרבעט ביי דער שוויץ־סיסטעם, 10, 11 און אַפילו צוועלף שעה אַ טאָג. אָבער די טראַגיק פון אָט דער סיטואַציע, אין איר פולן פאַרנעם, האָט אונדז געלאָזט פילן מאָריס ראָזענפעלד אין זיינע לידער. אין „מיין יינגעלע" אַנטפּלעקט ער די פאַרבאָרגענע וועלט פון פאָטערלעכן געפיל, וואָס קען נישט זען זיין קינד ווען ער וואַכט, „ווייל די אַרבעט טרייבט אים פרי אַרויס, און לאָזט אים שפּעט צוריק", און ער פאַרענדיקט מיט אַ טרויעריקן געדאַנק: „ווען דו דערוואַכסט אַ מאָל מיין קינד, געפינסטו מיך נישט מער"...

די קינסטלערישע ליטעראַטור אַנטפּלעקט דאָס טיפערע מענטשלעכע לעבן, זיין אינערלעכע וועלט, ווו עס ליגן באַהאַלטן די באַגערן פון דורות, ווו עס מאַנען אַ תּיקון אַ סך נישט פאַרווירקלעכטע טרוימען און חלומות פון מענטשן. די געשיכטע דערציילט אונדז געשעענישן, פאַקטן, די ליטעראַטור פירט אונדז אַריין אין דער מיסטעריעזער וועלט פון געפילן. אין אַ ליד „צום פייגעלע", געשריבן אין יידיש, פרעגט חיים־נחמן ביאַליק: „צי ברענגסטו אַ גרוס פון די ברידער אין ציון, פון נאָענט־וויטע ברידער אַ גרוס? גליקלעכע מענטשן, צי ווייסן זיי, פילן, וואָס דריקט און וואָס פייניקט מיין ברוסט?... צי ווייסן זיי וויפל עס זענען אונדז שונאים, און עס ווערן אַלץ שטאַרקער די פיינד"?... אָט די טענה צו דער וועלט און די בענקשאַפט צו גאולה, האָט אויך געשפּייזט די נאַציאָנאַלע סענטימענטן פון די אַמעריקאַנער יידן, און אין זיי אויפגעהאַלטן די ליבשאַפט און טרייהייט צו די אייגענע גייסטיקע ווערטן.

מיט דער קינסטלערישער ליטעראַטור האָט אויך דער שפּראַך־אינס־טרומענט פּראָגרעסירט און זיך אַנטוויקלט. אין מויל פון קינסטלער האָט די שפּראַך זיך אויסגעאיידלט און ראַפינירט, האָט אויסגעדריקט די נייסטע ניואַנסן און פיינסטע טענער, און איז געגאַנגען פון ווינטשעווסקין און ראָזענפעלדן צו די לידער פון משה־לייב האַלפּערין, מאַני לייב, לייוויק, יעקב גלאַטשטיין; און די טרוקענע פּראָזע פון ליבין און קאָברין, האָט זיך דערהויבן צו דער שפּראַך־ווירטואָזיטעט פון יוסף אָפּאַטאָשו, לאַמד שאַפּיראָ, משה נאַדיר, חיים גרינבערג, אַברהם קאָראַלניק, חיים זשיטלאָווסקי און פיל אַנדערע, וועלכע האָבן ווי אויף אַן עכטן סטראַדיוואַריוס, ווי אויפן איידלסטן און פילבאַרסטן אינסטרומענט, אַרויסגעכישופט די שענסטע מענטשלעכע מעלאָדיעס.

נאָרד־אַמעריקע איז געוואָרן אַ גרויסער יידיש־גייסטיקער צענטער, אויפן באָדן פון וועלכן עס האָט אויפגעבליט אַ געזונטער יידישער שבט, און עס

איז אַנטשטאַנען אַ קולטור־שפּראַך, וואָס האָט דערמעגלעכט די העכסטע קינסטלערישע דערגרייכונגען אין יידיש, די יהואָש איבערזעצונג פון תנ"ך.

און עס זענען אויפגעקומען פיל צענדלינגער דיכטערס, נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן, עסייִסטן און צווישן זיי דער בן הרב י. י. שוואַרץ, וואָס האָט אונדז געגעבן אין יידישער איבערזעצונג צוויי טויזנט יאָר העברעישע פּאָעזיע, פון די אַלטע צייטן ביז דער נייער צייט. אָנהייבנדיק פון שמעון בן סיראַס געזאַנג, וואָס איז געשריבן געוואָרן צוויי הונדערט יאָר פאַר קריסטוסן, ביז די לידער פון יהודה־לייב גאָרדאָן און חיים־נחמן ביאַליק, אין דער נייער צייט. יהואָש און י. י. שוואַרץ האָבן אַריינגעפירט די ירושה־אוצרות פון פיר טויזנט יאָר שעפערישקייט, אין דער נחלה פון דער קולטור אויף יידיש, און האָבן פאַרבונדן די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור מיט הונ־דערט דורות פון יידישער גייסטיקער שאַפונג אויף העברעיש און אַראַמיש.

אַ גאַנצע מחנה „יונגע" האָבן פאַראורזאַכט אַן אמתע רעוואָלוציע אין דער יידישער ליטעראַטור און זיי זענען נישט נאָר געווען יונג, נאָר אויך טאַלאַנטירט און געבילדעט. איגנאַטאָוו, זישע לאַנדוי, מאַני לייב, האַלפּערין, יוסף ראָלניק, חיימאָוויטש, און אַנדערע, האָבן אַריינגעבראַכט נייע טענער, אַ נייע מוזיק און אַ פּאָעטישע קולטור, וואָס די יידישע ליטעראַטור, האָט זי פריִער גאָרנישט פאַרמאָגט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאָלדענע עפּאָכע אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט געלאָזט ווייט הינטער זיך ווינ־טשעווסקין און ראָזענפעלדן, און אַפילו פינסקין און אַברהם רייזען...

אָבער די דינאַמיק פון מענטשלעכן לעבן איז ווי דער שטראָם פון ים, וואָס האָט זיין אומפאַרמיידלעכן אַפּפלוס און צופלוס. מיר לעבן היינט אין אַ פעריאָד ווען די גאַנצע וועלט שטייט פאַרציטערט אויף אַ פרשת הדרכים. די יידישע קולטור, דאָס יידישע לשון, לעבן איבער שווערע צייטן. מיר האָבן נאָר איין טרייסט: וואָס בעת אין די תפוצות הערשט אַ בין־השמשות, אַ זון־אונטערגאַנג, גייט־אויף אַ ניי לעבן אין מדינת ישראל — און אויך אויף יידיש! — אין דער גורלדיקער שעה זענען אונדזערע פליכטן און אַחריות נאָך גרעסער. די יידישע ליטעראַטור האָט געלייטערט דאָס יידישע וואָרט, האָט דערהויבן די חשיבות פון יידישן מענטשן, און האָט געהאָלפן צו אַנטפּלעקן דעם זשעני פון יידישן פאָלק. לאָמיר ממשיך זיי די דאָזיקע הייליקע טראַדיציע, און יעדער איינער זאָל מיט עפּעס בייטראָגן פאַר דער צוקונפט פון דער יידישער קולטור, און פאַר אַ הויך־קולטורעלן און גייסטיקן יידישן לעבן.

פון רעכטס: שמעון גובערעק, ישראל סטאָלאַרסקי, דער נשיא המדינה יצחק נבון, יצחק קאָרן

ענדערן די באַציונג צו יידיש!

אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידיש־קולטור

אַ לעגענדע דערציילט, אַז די שכינה פון גייסטיקייט, אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן, באַגלייט דאָס יידישע פאָלק דורך פיל פעלקער און שפּראַכן, און האָט אויסגעהיט זיין נאַציאָנאַלע אידענטיטעט פון אויסמישונג אין ים פון די אַרומיקע פעלקער.

דער גייסטיקער המשך אין פאַרלויף פון פינף טויזנט יאָר איז אונדזער שטאָלץ, ווי אַן אויסדרוק פון יידישן זשעני, פון נצח ישראל, וואָס מען געפינט גאָרנישט ביי קיין אַנדער אומה ולשון. יידן האָבן אין אַנהויב פון זייער געשיכטע גערעדט עברית, און האָבן אין דער שפּראַך געשאַפן דעם ספר הספרים. זיי האָבן נאָכדעם אין גלות פאַריידישט די אַראַמעיִשע שפּראַך און האָבן געשאַפן דעם תלמוד. אין פאַרלויף פון די לעצטע טויזנט יאָר האָבן זיי אין מזרח־אייראָפּע פאַראייגנט אַ פרעמדע שפּראַך, זי גע־הייליקט מיט אַ שטאַרקן צומיש פון עברית, און געשאַפן דאָס יידישע לשון. די גאָלדענע קייט פון דער יידישער גייסטיקייט איז קיין מאָל נישט איבער־געריסן געוואָרן, און דער המשך האָט געזיכערט דעם נאַציאָנאַלן קיום פון דער יידישער נאַציע. דער עם לבדד ישכון האָט אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין לעבן פון דער וועלט, אָבער האָט נישט אויפגעהערט צו לעבן פאַר זיך, באַזונדער...

די יידישע שפּראַך האָט אַריינגענומען אין זיך אַלע גייסטיקע ווערטן פון די פאַרגאַנגענע דורות, און אויף דער שפּראַך איז געשאַפן געוואָרן אַן אייגנאַרטיקע יידישע ציוויליזאַציע, אַ קולטור און ליטעראַטור, וואָס האָט אויסגעהיט דאָס פאָלק פון אַסימילאַציע. נאָך דער אָפּשוואַכונג פון רעליגיעזן איינפלוס איז, באַזונדערס אין מזרח־אייראָפּע, די יידישע ליטע־ראַטור געוואָרן די איינציקע גייסטיקע יניקה וואָס האָט געשפּייזט די נאַציאָ־נאַלע סענטימענטן, וואָס האָט דערוועקט דעם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין און אַ געפיל פון שטאָלץ, וואָס האָט נישט דערלאָזן מיר זאָלן ווערן ככל הגוים, און וואָס האָט איינגעהאַלטן די יוגנט אין די ראַמען פון יידישן לעבן.

אין יאָר 1921, איז חיים נחמן ביאַליק ז״ל אויפגעטראָטן אין בערלין אויף אַ באַערונג לכבוד אים. ער האָט אָנגעהויבן רעדן יידיש. דער ציוניס־טישער עולם, וואָס איז געווען דאָרט פאַרזאַמלט, האָט אָנגעהויבן שרייען:

אין בית־הנשיא, בעת דער אויפנאַמע פאַר די דעלעגאַטן פון וועלט ראַט פאַר יידיש און יידיש־קולטור, דעם 5־טן אויגוסט **1978.**
פון רעכטס צו לינקס: מיכאל ראָזענבערג, ראובן מאַנטשעמער, יצחק קאָרן, שמעון און לאָלאַ גובערעק, נשיא המדינה יצחק נבון

עברית! עברית! האָט ביאַליק אויסגערופן: — די יידישע שפּראַך האָט די לעצטע טויזנט יאָר דערהאַלטן דאָס יידישע פאָלק ביים לעבן... זי האָט אַפילו די העברעיִשע שפּראַך אויפגעהיט. איך וועל רעדן יידיש!... און ער האָט גערעדט יידיש!... זיינע שפּעטערדיקע נאָכפאָלגער און חסידים, האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם געניאַלן פּאָעט און גרויסן יידן.

איך וועל דערציילן אַ פּאָר פאַקטן, וועלכע מען האָט קיינמאָל נישט געבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט. זיי זענען איצטער אָבער זייער נויטיק און כאַראַקטעריסטיש: עפּעס דאַרפן מיר פון דעם לערנען פאַר דער צו־קונפט פון דער מדינה און פון יידישן לעבן אין די תפוצות.

איך האָב באַזוכט אַ סך ישובים אין דער יידישער וועלט. ווען איך בין געווען אין מעקסיקע, האָבן מיר חברים־ציוניסטן דערציילט, אַז ווען משה שרת איז דאָרט געווען, האָט ער צו איניקע חברים געזאָגט: — מען דאַרף באַפרייען דעם ישוב פון דער יידישער שפּראַך־אַנשיקעניש...

ווען בן־גוריון האָט באַזוכט בוענאָס־איירעס, האָט אים דער ישוב איינ־געאָרדנט אַ קעניגלעכע אויפנאַמע. קרוב צו 30 טויזנט מענטשן האָבן זיך פאַרזאַמלט אין ספּאָרט־סטאַדיאָן אויף אויסצוהערן דעם באַרימטן מנהיג. ער האָט אָנגעהויבן אין העברעיִש מיט די ווערטער: — איך באַדויער זייער, וואָס לאַדינאָ און די יידישע שפּראַך גייען אונטער... דער עולם, דער אַבסאָלוט גרעסטער טייל עמך־מענטשן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער שול ווי די יידישע צייטונג וואָס זיי האָבן געלייענט, האָבן געשריגן: יידיש! אָבער בן־גוריון האָט גערעדט עברית, און מען האָט אים איבער־זעצט אין שפּאַניש! די מאַסע האָט צום סוף אַפּלאָדירט, אָבער איז אַוועק מיט אַ שווער געמיט...

דאָס איז די ריכטיקסטע אילוסטראַציע פון דער באַציונג צו יידיש מצד די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער מדינה, וואָס האָט פאַרגרעסערט דעם תהום צווישן די דורות אין די תפוצות, און אויפגעשטעלט אַ וואַנט צווישן די תפוצות און דער מדינה. איניקע פון אַזעלכע אָנפירער האָבן מורא געהאַט פאַר דער „קאָמפּעטענץ" פון יידיש, וואָס וועט „אַרויסשטויסן די העברעיִשע שפּראַך". אַנדערע האָבן געגלויבט אַז דער כוח פון יידיש וועט איינהאַלטן די יידן אין גלות. און אַנדערע ווידער, זענען געווען זיכער, אַז ווי נאָר די קינדער וועלן זיך אויסלערנען אַ ביסל עברית, וועלן זיי מאַסנווייז עולה זיין קיין ישראל...

די אַלע אילוזיעס האָבן נישט דעם מינדסטן גרונט: קיינער פרעגט נישט אָפּ דעם פּרימאַט פון עברית ווי אַ שפּראַך פון דער מדינה, וואָס וועט פאַרבינדן דאָס פאָלק מיט די אורקוואַלן פון זיין גרויסער גייסטיקער ירושה, און יידיש וועט אויך נישט פאַרמינערן די אינטימע פאַרבינדונג,

פון רעכטס צו לינקס : גב׳ סאָניא טורקאָוו, יאָנאַס טורקאָוו, מיכאל ראָזענבערג, גב׳ פרידה חדש, גב׳ לאָלאַ גובערעק, שמעון גובערעק

וועלכע יעדער ייד פילט צו ישראל, און צו עליה פירט נישט די שפּראַך, נאָר דער געפיל פון נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און אַחריות!

איך בין ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן אַוועק פון ישראל ווען מען האָט באַוואָרפן מיט שטיינער אַ הויז, אין וועלכן ס'איז פאָרגעקומען אַ יידישע פאַרזאַמלונג. אָבער איך בין נישט געוואָרן אויס ציוניסט. איך האָב אין קאָלאָמביע אַקטיוו געהאָלפן בויען דאָס יידישע לעבן אויף ציוניס־טישע יסודות. מיר האָבן געשאַפן שולן אין וועלכע מען לערנט עברית, תנ"ך, ישראל־וויסנשאַפט, און אַלץ וואָס מען דאַרף לערנען אין אַ יידישער שול — נאָר אַ חוץ — יידיש... איך בין אַ מיט־פּיאָנער אין אויפבויען אַ נייעם יידישן קיבוץ, און אויך ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן געטראָגן די „קרוין" אַלס ראש הקהל פון באָגאָטאַ, און ווי אַזאַ קאָן איך עדות זאָגן, אַז די ישראל־שליחים האָבן פאַרטריבן דאָס יידישע לשון פון די שוקן, אין וועלכע עס לערנען דער רוב יידישע קינדער פון ישוב. און אַזאַ איז די מערכה פון יידיש כמעט אין אַלע ישובים פון לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט.

מיר האָבן אין גלות געלעבט צווישן פעלקער, וועלכע זענען דאָס רוב געשטאַנען אויף אַ קולטורעלער נידעריקערער מדרגה פון אונדז; האָבן מיר זיך נישט אויסגעמישט מיט זיי. אויך די רעליגיעס האָבן צעשיידט. היינט לעבן מיר צווישן קולטורעל־אַנטוויקלטע פעלקער און עס זענען נישטאָ מער קיין רעליגיעזע צוימען פון די אַמאָליקע יאָרן; אַסימילירט זיך די יוגנט שפּראַכלעך און נאַציאָנאַל: זי נעמט אויף פון קינדערווייז־אָן די שפּראַך פון גאַס, און נאָכדעם די קולטור פון אַרומיקן פאָלק, קעגן וועלכע די העברעיִשע שול איז אומבאַהאָלפן, און די געמישטע חתונות דערגרייכן וואָס ווייטער קאַטאַסטראָפאַלע פּראָפּאָרצן!

אָן דער מדינה האָט דאָס יידישע פאָלק נישט קיין קיום, און אָן די תפוצות וועט די מדינה נישט האָבן קיין צופלוס. שלאָג איך פאָר אָנצונעמען אַלע מיטלען אויף צו פאַרשטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין די תפוצות: עס דאַרף אָנערקענט ווערן, אַז די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור זענען פאַק־טאָרן פון נאַציאָנאַלער דערהויבונג, אַזוי אין די תפוצות ווי אין דער מדינה. די בעסערע שאַפונגען פון דער יידישער ליטעראַטור דאַרפן איבער־געזעצט ווערן אויף העברעיִש, די ישראל־יוגנט זאָל דערפילן דעם שעפע־רישן גייסט פון זיין פאָלק, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו שאַפן ביי די ערגסטע באַדינגונגען פון לעבן. עס זאָלן נישט געשיקט ווערן קיין שליחים אין די תפוצות, וואָס קאָנען נישט קיין יידיש, און וואָס באַטראַכטן זיך ווי „ישראלים" און נישט ווי יידן. אָן גוטע איבערצייגנדיקע ביישפּילן פון

איינע פון די באַראַטונגען אויפן וועלטראַט פאַר יידיש און יידיש־קולטור

דער מדינה, וועלן אין די תּפוצות גאַנץ גיך אויסגעטריקנט ווערן די קוואַלן וואָס שפּייזן די ציוניסטישע באַוועגונג!

בער באָראָכאָוו האָט געזאָגט, אַז „וועלן מיר האָבן אַן אייגענע מדינה ווי קליין זי זאָל נישט זיין — און שטאַרקע תּפוצות אַרום איר — וועלן מיר זיין איינע פון די שענסטע נאַציעס אין דער וועלט". אָבער נאָר שטאַרקע תּפוצות וועלן באַשפּייזן די מדינה מיט עליה, און מיט מאַטעריעלער הילף, און פון אָט דער באַוועגונג פאַר יידישער שפּראַך און קולטור פון וועלכע מיר שטייען בראש, איז אַ סך אָפּהענגיק דאָס יידישע לעבן אין די תּפוצות און אויך די צוקונפט פון מדינת ישראל.

רעדע פון מחבר געהאַלטן אין „בית סוקולוב" אויף אַ מסיבה פון יידישע און העברעיִשע שרייבערס

זייער חשובע קאָלעגן!

איך ווייס נישט צי איך האָב דאָס רעכט זיך פאָרצושטעלן ווי אַ קאָלעגע פון באַרופענע שרייבער, פּראָזאַיקער און פּאָעטן, מיט טאַלאַנט און מיט אַן אָנערקענטער פּאָזיציע און אַ נאָמען אין דער יידישער ליטע־ראַטור. איך בין אַלע מיינע יאָרן אַן אינדוסטריאַל, נישט קיין גרויסער אינדוסטריאַל. פאָרד האָט אַ גרעסערע פאַבריק פון מיר. און אפשר וואָלט איך זיך אויסגעגליכט מיט אים, ווען איך זאָל זיך נישט הברן מיט שרייבער און שרייבעריי. מאַכן „אַמעריקע" ווי אַנדערע, איז קיינמאָל נישט געווען מיין אידעאַל! דאַקעגן איז אָנשרייבן אַ בוך און עסיי, אַפילו אַ קאָרעס־פּאָנדענץ, געווען מיין חלום.

איך שטאַם פון אַ שטעטל פון גרויסן יידישן יחוס, פון זשעלעכאָוו. טאַלאַנטן זענען דאָרטן געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. טאַלאַנטן „סאַמאָראָדנע", נישט געשליפענע, און אַזוי זענען זיי אַריין אין לעבן. איטשע מאיר וויסענבערג האָט קוים פאַרזוכט דעם טעם פון אַ פּאָר יאָר חדר, און איז אַריין אין היכל פון דער יידישער ליטעראַטור. דער דיכטער יחיאל לערער און שלמה ברייננסקי, האָבן עפּעס מער געלערנט, האָט די ליטעראַרישע וועלט מיט זיי ווייניקער געטומלט. שרייבער ווי אַ סך אַנדערע שרייבערס! ווי האָט געזאָגט אַן אַמעריקאַנער טוריסט? — אַ כותל מערבי ווי אַלע כותל מערבית.

איך האָב שוין אַפילו פאַרזוכט די פּעטש פון גמרא־מלמד, אַ בייזער ייד געווען, בין איך טאַקע געוואָרן אַ „פאַבריקאַנט" און אַ... שרייבער ביי יידן. ריכטיקער געזאָגט, אַ שרייבער ביי גוים מער ווי ביי יידן. איך האָב אָנגעשריבן אַ בוך זכרונות פון מיינע „גרינע" יאָרן, ווי איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ פּעקל סחורה אויף די פּלייצעס, געווען אַ גאַסן־הענדלער, נאָך דעם געעפנט אַ קלייטל, נאָך דעם — געמאַכט אַ וואַרשטאַטל, און פון וואַרשטאַטל איז געוואָרן אַ פאַבריקל. די יידישע קריטיק האָט מיר למען האמת געשענקט אַ פּאָר וואַרעמע ווערטער, האָב איך איבערגעזעצט דאָס בוך אין שפּאַניש, און די גוים האָבן מיך אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב. מען האָט אויסגעפונען אין מיר נישט נאָר אַ טאַלאַנט, נאָר נאָך מער,



פרעזידיום פון דער מסיבה אין בית־סוקולוב לכבוד די אויסלענדישע געסט
מצד יידישע און העברעישע שרייבער אין תל־אביב. פון רעכטס צו לינקס:
קרוגער, יעקב פּאַלאַטיצקי, שמעון גובערעק, מיכאל אסף, משה רון.

מען האָט אויסגעפּונען אין מיר נישט נאָר אַ טאַלאַנט, נאָר נאָך מער, מצרף געווען צו מיין אויפּטו דאָס גאַנצע יידישע פאָלק. נישט קיין אַנדערער ווי אַלבערטאָ לערעס קאַמאַרגאָ, צוויי מאָל פּרעזידענט פון דער רעפּובליק, און רעדאַקטאָר פון דעם וויכטיקסטן זשורנאַל אין לאַטיין־אַמעריקע — „וויסיאָן", האָט געשריבן, אַז די יידן האָבן דורכגעפירט „אַ פרידלעכע רעוואָלוציע" אויפן קאָנטינענט, און האָבן פיל בייגעטראָגן פאַרן וווילשטאַנד פון די אַמעריקאַנער פעלקער.

דער אַרטיקל האָט געהאַט אַ ברייטן אָפּקלאַנג אין די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע קרייזן, — דער יידישער וועלטקאָנגרעס האָט באַערט דעם מחבר מיט דער פּרעמיע פאַר מענטשנרעכט, און ביי דעם פייערלעכן אַקט פון איבערגעבן די פּרעמיע איז בייגעווען דער מלוכה־פּרעזידענט, פּאַרלאַמענטאַריער, מיניסטאָרן, פאָרשטייער פון דער פּרעסע, פאַרטרעטער פון יידישע אינסטיטוציעס און אויך פון ישוב; אויף דער יידישער גאַס איז געווען ששון ושמחה, איך בין געווען דער העלד פון טאָג...

איך בין אַריין אין דער ליטעראַטור מיטן רעכטן פוס. די איינציקע וואָס האָט פון דעם געליטן איז טאַקע מיין פאַבריק, אָבער ס'איז אַלץ כדאַי, אַבי צו ווערן אַ שרייבער ביי יידן. און אַזוי איז געבוירן געוואָרן דאָס צווייטע בוך, און דאָס דריטע וועט בקרוב דערשיינען און טאַקע דאָ אין ישראל. אָבער איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך שרייב נאָר אויף נושא חן צו זיין ביי גויים, און אַרויסשטעלן פאַר צדיקים די יידן. ניין, ווי אַ כלל־טוער און ציוניסט, און איצט שוין ערן־פּרעזידענט פון מיין ישוב פון באָגאָטאַ, זוך איך מיט מיין וואָרט און שריפט צו סטימולירן דאָס יידישע לעבן, דערוועקן געזונטע נאַציאָנאַלע סענטימענטן, און פאַרבינדן וואָס ענגער דעם ישוב מיט דער מדינה און דערוועקן וואָס מער פאַרשטענדעניש פאַר אירע וויטאַלע אינטערעסן. דאַנק איך אייך פאַרן כבוד וואָס איר פאַר־שאַפט אַ זשעלעכאָווער יידן, און ווינטש אייך גוטע און פרידלעכע צייטן.

מיין היים

וועגן מיין געבוירן־שטעטל זשעלעכאָוו, האָב איך שוין דערמאָנט אין מיינע צוויי ביכער, „אַ ייד אין קאָלאָמביע״, אין יידיש, און „איך האָב געזען וואַקסן אַ לאַנד״, אין שפּאַניש. זינט דעמאָלט האָב איך ווייטער געשריבן; איך האָלט שוין קיין עין הרע ביים פינפטן בוך און האָב שוין אָנגעשריבן בסך־הכל צוויי טויזנט זייטן. דאָ און דאָרט קומט מיר אויס נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל צו דערמאָנען דעם נאָמען זשעלעכאָוו. אָבער מיין היים, מיין פריוואַטע סביבה פון עלטערן און משפחה, וואַרט נאָך אַלץ אין דער ריי באַשריבן צו ווערן.

פאַר וואָס דאָס איז אַזוי, בלייבט אַ קשיא. נישט איך האָב מיין היים פאַרגעסן, נישט כ׳האָב חלילה אַ גרונט זיך צו שעמען מיט איר. זאָל דאָס זיין צוליב באַשיידנקייט אפשר, אָבער אין דעם פאַל איז שוין די העכסטע צייט, אַז דער אימפּולס צו שרייבן זאָל בייקומען די באַשיידנקייט, ווייל אַט אַזוי ווי מען זעט נישט, וועט בקרוב דער מחבר פון די שורות דער־לעבן די 75, און אַזוי ווי דאָס שרייבן, פּונקט ווי דאָס לעבן, האָט זיך אַן אָנהייב און אַ סוף, איז אַ סברה אַז ער וועט מוזן אַרכיווירן זיין קאָ־לעקציע שרייב־מאַשינקעס... און פּונקט ווי כ׳האָב זיך נישט געלאָזט באַ־הערשן פון עניוות בשעת עס האָט מיך אַ צי געטאָן צו שרייבן וועגן מיין איצטיקער משפחה, מיין פרוי, קינדער און קינדס־קינדער, אין מיין בוך „אַ יידיש אינדזעלע אויפן לאַטיין־אַמעריקאַנער קאָנטינענט״, אַזוי דאַרף איך זיך אַנטשליסן און אָפּגעבן דאָס פאַרדינטע אָרט מיין פּשוטער, באַשיידענער היים. אין דער ריכטונג האָט מיך אויך געפירט אַברהם גאָלאָמבס אָפּרוף וועגן מיין ערשט בוך, „אַ ייד אין קאָלאָמביע״, ווו דער גרויסער שרייבער און לערער פרעגט מיט אַ טענה הלמאַי דער „שרייבער״ שרייבט וועגן אַ וועלט מיט מענטשן, נאָר וואָס שייך זיך אַליין, איז ווי ער וואָלט גאָר אויף דער שמחה נישט געוועזן... נו, כּל־זמן עס איז נאָך נישט צו שפּעט, נעמען מיר זיך צו דער עובדה פאַרצושטעלן דעם חשובן לייענער דאָס אָרט, ווו מיין וויגעלע האָט זיך געוויגט, מיט כּמעט פולע דריי פערטל יאָרהונדערט צוריק.

מיין היים איז געווען אַ באַשיידענע יידישע היים, כאָטש פאַר די השגות פון אונדזער שטעטל האָט עס געהייסן אַ גוטשטייענדיקע פאַמיליע.

ממילאָ האָט מען אין תחום פון שטעטל גוט געקענט מיין משפּחה, און מן הסתם אַ מאָל זי דערמאָנט ביים שמועסן אויך.

מיין טאַטן, איטשע־פּרץ, געדענק איך פון מיינע ערשטע יאָרן ווי אַ ייד מיט אַ שיינער פיזישער געשטאַלט: פון מיטעלן וווּקס, אַ שוואַרצע באָרד און ברייט מענעריש געזיכט. זיין אויסערלעכער אויסזען האָט געמאַכט אַן איינדרוק. ער איז אין דעם פּרט געווען גאָר אַנדערש ווי די יידן וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. יענע זענען געווען להיפוך — בלאַסע, אויס־געצערטע. די אָרעמקייט האָט פון זיי אַראָפּגערעדט...

זיי זענען געווען די האַרעפּאַשניקעס פון שטעטל. הגם די גרויסע מערהייט זענען שוין אַליין אויף די שוסטער־בענקלעך נישט געזעסן, און אין די גאַרבערייען האָבן שוין אויך אַנדערע געטאָן די שווערע מלאכה, וואָס האָט אָנגעפולט דאָס אָרט און דעם גאַנצן אַרום מיט נישט קיין פּאַרפומירטע ריחות... די יידישע בעל־מלאכות האָבן שוין אין יענע צייטן געטראָגן דעם ערנטיטל „מייסטערס". פּאַקטיש, איז זיי נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. פון עקאָנאָמישן ווילטאָג זענען זיי אַלע געשטאַנען גאַנץ ווייט... אָבער פּאָרט: מייסטערס, און נישט קיין פּשוטע אַרבעטערס. פּאַרן אויער האָט עס דאָך אַ שענערן און בעסערן קלאַנג...

אָט די בעל־מלאכות זענען דאָס געווען מיין טאַטנס סביבה, טאָג־טעגלעך. די סיבה איז געווען, וואָס דער טאַטע האָט געהאַנדלט מיט דעם דאָזיקן ברייטן שיכט פון די שטעטלשע יידן. ער איז געווען דער וויכ־טיקסטער אויפקויפער און אָפּנעמער פון זייער פּראַצע און פּראָדוקציע. דער טאַטע האָט געהאַט קאָנטאַקטן מיט דער גרויסער רוסיש־צאַרישער אימפּעריע, און דאָרט געהאַט קונים פאַר די דאָזיקע פּראָדוקטן, וועלכע זענען באַשטאַנען פון פויערשע שטיוול און פּרויענשיך.

☆

אָבער די צוגעבונדנקייט פון דעם שוסטערישן און גאַרבערישן צעך צו מיין טאַטן און צו זיין שטוב, האָט זיך געהאַט טיפערע וואָרצלען, אַ חוץ די עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען. מיינע עלטערן זענען בטבע געווען ברייט־האַרציק, מיט אָפענע הענט, און האָבן אָן קווענקלענישן מקיים געווען אַלע מאָל אויפן שענסטן אופן די מיצווה פון הכנסת אורחים. אַז יידן זענען אַריינגעקומען, צו שמועסן געשעפט אָדער איבער וואָס דאָס זאָל נישט געווען זיין, האָבן זיי זיך גלייך געפילט היימיש. דער סאַמאָוואַר האָט נישט אויפגעהערט צוצושטעלן הייסע, אויפגעפּאַרעטע טיי, און אַנדערע זענען נישט אָפּגעטראָטן פון וואַרעמען קאַכליעדיקן אויוון אין די ווינטער־נעכט. אַ דאָמינאָ־שפּיל האָט אויך נישט אויסגעפעלט, און דעם טאַטנס לעדערנע

אויפן באַנקעט לכבוד דעם גאַסט וויצע־מיניסטער פלומין, ביים מיקראָפאָן דער מחבר. פון רעכטס גב׳ לבנון, יצחק לבנון און גב׳ לאַלאַ גובערעק

פושקע, מיט די אַליין־געשטאָפּטע סיגאַרעטן, איז אַלע מאָל געשטאַנען אָפן פאַר די געסט.

צי איז דען אַ חידוש, אויב אַזוי, וואָס אונדזער שטוב איז פאַרוואַנדלט געוואָרן כמעט אין אַ פאָלקסהויז, וווּ ס׳איז נאַכט נאָך נאַכט געווען פול מיט האָרעפּאַשנע פאָלקס־מענטשן? סיידן דער בית־המדרש, וווּ אַ ייד

האָט זיך געקענט פריי אויסשמועסן מיט אַ צווייטן, אָדער צופעליקע באַגעגענישן אויף די גאַסראָגן צי הינטער שכנישע פענצטער, איז נישט געווען קיין אַנדער אָרט אין שטעטל, ווו עמך זאָל זיך קענען צוזאַמענטרעפן, אַ שמועס טאָן אי מכּוח עסק, אי אַ ביסל זיך פאַרווײַלן, אַרײַנכאַפּן אַ טראָפּעלע עולם־הזה. די דאָזיקע פאָלקישע סביבה אין מיין טאַטנס היים געדענק איך עד־היום, און אַפילו היינט בענק איך נאָך איר, פונקט ווי ס'האָט מיך צו איר געצויגן אין משך פון אַלע מיינע יאָרן.

איך ווייס נישט ווי ווייט מיין טאַטע האָט אָנגעשפּאַרט אין דעם ים פון תורה; כ'ווייס אָבער אויף זיכער אַז ער איז געווען אַ תּורה־ייִד. פון צייט צו צייט פלעגט ער גיין — און טאָקע מיט אַ שיינעם פּדיון אין האַנט — צום זשעלעכאָווער רבין, און אויך מיך צו מאָל מיטגענומען. באַזונדער האָט ער געהאַט זיין שטאָט אין דער גרויסער זשעלעכאָווער שול, אין סאַמע מזרח־וואַנט, און געהערט צו דער חברה הכנסת אורחים. אין דער חברה האָט ער געדאַוונט יעדן שבת, און אין דער גרויסער שול בעת די גרעסערע יום־טובים.

✡

אין דער צייט, ווען דער זשעלעכאָווער שמש האָט יידן אויפגעוועקט פאַרטאָג פון זיסן שלאָף — „מען דאַרף גיין צו סליחות!" — האָט דער טאַטע מיך, דעם קליינעם שמענדריק, אויך נישט געשאָנעוועט. כ'ווייס ביז היינט צו טאָג נישט וואָס דער רבונו־של־עולם האָט געוווּנען מיט מיין סליחות־זאָגן. כ'געדענק אָבער יאָ די פוילקייט וואָס פלעגט מיך דעמאָלט אַרומכאַפּן — אָן אַכט־ניין־יאָריקער יאַט, — וואָס כ'האָב אַזש נישט געקענט אויפרייסן די אויגן (הלוואַי אויף היינט געזאָגט געוואָרן)... אָבער אַזוי איז דעמאָלט געווען דער סדר פון לעבנס־שטייגער. טאַטע־מאַמע זענען געווען מחויב די קליינע קינדערלעך גלייך אַריינצופירן אין דער וועלט פון יידישקייט.

אין משך פון דער וואָך איז דער טאַטע געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. דערפאַר אָבער האָט ער יעדן שבת, נאָכן דרימל, תּמיד געעפנט אַ ספר און אַריינגעבליקט. דאָס האָב איך געזען, באַמערקט און פאַרשטאַנען. נאָר אַז ער האָט זיך אין מיר אַ דערמאָן געטאָן, און מיך גענומען אויף אַ פאַרהער פון דער וואָכעדיקער פּרשה, דעמאָלט האָב איך צום טאַטן קיין דאַנק נישט געפילט... מיך האָט גאָר געצויגן צו דער היימלעכער, לעבעדיקער גאַס, פול מיט חברה פון מיינס גלייכן... נאָר קעגן אַ באַפעל פון טאַטן האָבן דעמאָלט קיין שום ווערט נישט געהאַט די ביז גאָר אַנדערע קינדערשע געפילן... דערפאַר אָבער איז נאָכן „עקזאַמען" דער טאַטע גע־

וואָרן ברייטהאַרציק און האָט נישט געהאַט דאַקעגן, אַז קינדער זאָלן זיך אַרויסכאַפּן אויף גאָטס פרייער, ליכטיקער גאַס.

☆

מיין מאַמע, ע״ה, שרה איטשע פּרצעס, האָט אויפן מיידלשן נאָמען געהייסן שאַרפּמעסער. דאָס האָט מען אָבער אין שטעטל נישט געוווסט. דער סדר־העולם איז געווען אַז מען האָט געהייסן ווי דער ראש־המשפּחה, און קיינער האָט נישט געקענט די מאַמען ווי נאָר אונטער דעם נאָמען, וואָס כ׳האָב פריִער דערמאָנט. וואָס יאָ, דעם נאָמען שרה איטשע־פּרצעס האָט יעדער איינער אין שטעטל אַרויסגערעדט מיט דרך־ארץ. קודם־כּל, איז מיין מאַמע געווען אַן אמתע יידישע שיינהייט, און דערצו איז זי אויך געווען שיין מיט איר גוט, יידיש האַרץ. אמת, זי האָט זיך געקענט דער־לויבן צו זיין ברייטהאַרציק, ווייל אונדזער שטוב איז געווען אַ שטוב פון שפע, אין פאַרגליך מיט די שטעטלדיקע באַדינגונגען.

וואָס אַן אמת, זענען אין שטעטל געווען אַ ביסל יידן גרעסערע גבירים פון מיין טאַטן: אַ בער אייגער, אַ יאָסל גאָלדרייך, אַ בערישל פיינזילבער, אברהם־יצחק שאַרפּאַרץ און אפשר נאָך אַ צוויי יחידים. אַ חוץ זיי, האָבן פון ים אָרעמקייט זיך נאָך געקענט אויסטיילן געציילטע סוחרים, וועלכע האָבן געלעבט אַ ביסל בעסער. דאָס זענען געווען די פישערס, די קצבים, די טשעלענטניקעס (וועלכע האָבן געהאַנדלט מיט קעלבער, הינער און אייער, און זיי טראַנספּאָרטירט אויף פערד־און־וועגענער קיין וואַרשע), און נאָך געציילטע הענדלערס. אָבער אונדזער הויז האָט געשמט אַ סך מער ווי די דערמאָנטע גבירים. עס געדענקט זיך מיר אַ פּרט וואָס באַ־שטעטיקט עס. בעת דער זשעלעכאָווער רבי און דער רב זענען אַליין זיך מטריח געווען און אַרויס אין גאַס, כּדי צו שאַפן געלט פאַר אַ חשובן יורד, האָט מיין טאַטע געמוזט שטיין בראש אויפן צעטל געבערס. דאָס איז געווען אַ שטיקל סגולה לגבי די גרויסע גבירים.

אונדזער שטוב איז געווען גוט באַקאַנט אין שטעטל מיט איר גרויס רחבות און פאַרשטענדעניש פאַר אָרעמע־לייט. אין די יאַריד־טעג, אין די דינסטיקן, האָט מיין מאַמע געהאַט אַ גאַנצע קונימשאַפט, וועלכע זענען געקומען פרי, נעמען אַ הלוואה אויפן טאָג, צו קענען האַנדלען אויפן יאַריד, און פאַרנאַכט דאָס פאַרקויפן צו די הורטאָווניקעס. אויך פון מיין מאַמעס קאָכן האָבן אין שטעטל געגאָסן נישט ווייניק קראַנקע, וועלכע זי האָט אַלע מאָל אין זינען געהאַט צו דערקוויקן מיט אַ געשמאַקער, פרישער יויך, אָדער מיט אַנדערע פאַסיקע מאַכלים.

אַ פּנים, דער טאַטע איז אויך נישט געווען קיין נאַרישער ייד. אין שטעטל האָט מען געדענקט אַ סך פֿאַלן אין וועלכע ער האָט גראָד געהאַט די ריכטיקסטע עצה פֿאַר אַ שווערער פֿראַגע. אַ ביישפּיל: אין 15טן יאָר, ווען די דייטשן האָבן מאַרשירט פֿאָרויס מיט שנעלע טריט, האָט דער צאַרישער כוליגאַנישער אָקופּאַנט קודם כל פֿאַראָרדנט, אַז יידן מוזן פֿאַרלאָזן זייערע איינגעפֿונדעוועטע וווינערטער און צופֿוס אַוועקמאַרשירן העט ווייט, ערגעץ אין הינטערלאַנד. אַ בהלה האָט דעמאָלט אַרומגעכאַפּט אונדזער שטעטל: יידן האָבן זיך גענומען, בלית ברירה, פּאַקן אין וועג אַרייַן, געפּרוּווט ראַטעווען און מיטנעמען וואָס מער פֿון דער שווער פֿאַרהאָרעוועטער באַלעבאַטישקייט. נאָר דער טאַטע האָט צוליב עפּעס אויסגערעכנט, אַז מען דאַרף זיך נישט איבעראיילן, נאָר פֿאַרקערט, צוּוואַרטן מיטן איינפּאַקן זיך, אפֿשר וועט דער צאָרן אַריבערגיין. און ער האָט געטראָפֿן. ווען ס׳האָט שוין געהאַלטן האַרט ביים אָנגעגעבענעם טערמין, מיר זאָלן זיך דאַרפֿן אַוועקלאָזן פֿון אונדזער היים, זענען די היימישע גויים אָנגעקומען מיט דער פֿריידיקער בשורה, צו ערשט, אַז די גזירה איז אָפּגעלייגט געוואָרן, און נאָך דעם, אַז מען האָט זי אין גאַנצן בטל געמאַכט. דאָס שטעטל האָט דעמאָלט לעבעדיק קאָמענטירט און מקנא געווען איטשעפּרצעס חכמה.

☆

ס׳האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט, ביז איטשע־פּרצעס „אימפּעריע" האָט, אונטער דער מלחמה־אויפֿרודערונג, זיך אַ היפּשן טרייסל געטאָן. דאָ האָבן שוין געווירקט די שרעקלעכע היסטאָרישע און פּאָליטישע געשעענישן פֿון דער צייט, און נישט מיין טאַטנס רעלאַטיווע רייכקייט, נישט זיין גוטסקייט, נישט זיין קלוגשאַפֿט אַפֿילו, האָבן אונדז געקענט עפּעס העלפֿן...

די מעשה איז זיך אַזוי פֿאַרלאָפֿן: די מלחמה האָט געברענט; די דייטשן האָבן כּסדר מאַרשירט פֿאָרויס, און דאָס צאַרישע מיליטער, וואָס האָט ביז דעמאָלט געהערשט איבער גאַנץ פּוילן, האָט געהאַלטן אין איין צוריקציִען זיך צו זיך אַהיים, קיין רוסלאַנד. מיין טאַטע איז אין יענער צייט געווען אַ צושטעלער פֿון שטיוול פֿאַרן רוסישן מיליטער. ביז מען האָט אים געזאָגט, אַז אין זשעלעכאָוו קען מען מער נישט צונעמען די סחורה, אַז ער מוז זי פֿירן קיין ברעסט־ליטאָווסק (בריסק). אַזוי האָט דער טאַטע געטאָן, ווייל ס׳האָט זיך געהאַנדלט אין אַ ריזן־פֿאַרמעגן פֿון סחורה, ווייניק אייגנס און מער פֿרעמדס, די פּראַצע פֿון זשעלעכאָווער שוסטערס.

בעת דער טאַטע איז שוין געווען אין בריסק, איז אים פֿינצטער גע־

וואָרן אין די אויגן ווען ער האָט דערזען, אַז די סחורה זיינע איז נישטאָ. די וואַגאָנען זענען ערגעץ אונטערוועגנס נעלם געוואָרן. דער טאַטע האָט דעמאָלט דערפילט מיט אַלע חושים, אַז ער שטייט פאַר אַ גורלדיקן מאָ־מענט. אָדער ער לאָזט זיך זוכן די סחורה, אָדער ער פאַרלאָזט זי און לויפט אַהיים, ווייל מיט יעדער מינוט האָט געקענט ווערן „צו שפּעט״: דער דייטש האָט זיך שוין דערנענטערט צו אונדזער שטעטל, און די מאַמע מיט די אַכט לעבעדיקע יתומים זענען אים געשטאַנען פאַר די אויגן. אַהין אָדער אַהער? און ער האָט טאַקע באַשלאָסן — „אַהין״, דאָרט ווו די סחורה איז אַוועק. מיט יאָרן שפּעטער, ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין שטעטל, האָט ער זיין באַשלוס אַזוי פאַרענטפערט: ווען דאָס פאַרמעגנס וואָלט געווען זיינס אייגנס, וואָלט ער עס געלאָזט פאַרפאַלן ווערן, אַבי נישט צו לאָזן די פאַמיליע אויף הפקר. נאָר אַז אַ שטעטל פון האָרעפּאַשניקעס, אָרעמע־לייט, זאָלן אים יעדן טאָג פאַרוואַרפן הלמאַי ער האָט זיי „אומגליקלעך געמאַכט״, דאָס, האָט ער געפילט, וועט ער נישט איבערטראָגן. האָט ער באַשלאָסן מקריב צו זיין זיין פאַמיליע און האָט אָנגעהויבן אַ ביטערע וואָגלעניש, אויסצוזוכן די וואַגאָנען מיט די שטיוול. נאָך פיר מיט אַ האַלבן חודש האָט ער זיי אָפּגעפונען, די וואַגאָנען, גאַנצע, מיט דער סחורה. אָבער קיין וועג אויף צוריק איז שוין נישט געווען, ווייל די מלחמה איז געווען אין גאַנג.

האָט דער טאַטע זיך באַזעצט אין באַרדיטשעוו, אַ יידישע שטאָט ווו ער האָט געהאַט אַ סך פריינד — קונים, און האָט אָפּגעריכט גלות דריי יאָר צייט, ביז דער רעוואָלוציע, וואָס האָט געבראַכט צו דער מאַכט די קערענסקי־רעגירונג. דעמאָלט איז נאָך אַלץ נישט געווען קיין וועג אויף צוריק, נאָר דער טאַטע האָט באַשלאָסן אַז עס איז געקומען די צייט איינ־צושטעלן. דורך קאָנטראַבאַנד־וועגן האָט ער זיך געלאָזט אַהיים, און אים איז געראָטן זיך דורכצושמוגלען און ער איז אָנגעקומען.

✡

דאָס איז געשען אין אַ שיינעם, ליכטיקן זומערטאָג. די ידיעה וועגן דעם טאַטנס אָנקומען האָט אויפגערודערט און געמאַכט יובלען דאָס שטעטל. דריי יאָר איינער פון אַנדערן קיין וואָרט נישט געהערט. ביידע צדדים — דער טאַטע פון איין זייט — און מיר פון אונדזער זייט, האָבן געמיינט אַז דער צווייטער צד לעבט שוין נישט מער. היינט קען מען זיך פאָרשטעלן ווי דאָס שטעטל האָט זיך געפרייט, און ביי דער משפחה איז די שמחה געווען אָן אַ שיעור. יאָ, איך בין אַוודאי געווען מלא־גדולה, אָבער מיין האַרץ האָט זיך אי געפרייט, אי געטרויערט. כ׳האָב געוויינט מיט ביטערע טרערן, וואָס

מענטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען, אָבער מײַנע יונגע געפילן האָבן יאָ געװוסט דעם פאַרוואָס. יאָ, עס איז מײַן טאַטע, קײן שום ספק נישט. אָבער שױן נישט דאָס זעלבע אױסזען. די דרײַ יאָר האָבן געענדערט זײַן געשטאַלט, אים פאַרוואַנדלט אין אַ ייִדן, אַ זקן... נישט מײַן טאַטן האָב איך געזען, נאָר מײַן זיידן, מיטן אױסגעצערטן פּנים און די װײַסע באָרד... דערצו איז ער געקומען אַ קראַנקער: פון די דורכגעלעבטע צרות האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט אַ צוקער־קראַנקײט, פון װעלכער ער האָט קײן אָנונג נישט געהאַט, נאָר זי האָט אים כּסדר געפרעסן און פאַרצערט.

אין די זעלביקע מלחמה־יאָרן זענען מיר געטראָפן געוואָרן דורך אַ צווייט משפּחה־אומגליק, הגם אין דעם פאַל האָט עס זיך אָפּגעשפּילט זײער װײַט פון אונדזער זשעלעכאָװ. איך מײן דאָ דעם טרױעריקן סוף פון מײַנע זיידע־באָבע פון טאַטנס צד — דער זיידע אהרן און די באָבע אסתּר, עליהם השלום. איך האָב זײ װײניק געקענט: אין צוועלפטן יאָר, װען איך האָב זיך קױם אָנגעהױבן אױספּיקן פון מײַנע קינדער־יאָרן (געקומען אױף גאָטס װעלט בין איך אין 1903), האָבן זײ אױסגעפירט זײער לאַנגיאָריקן װוּנטש, און זענען אַװעקגעפאָרן קײן ארץ ישׂראל. דאָך שטײען זײערע בײדע געשטאַלטן װי לעבעדיק פאַר מײַנע אױגן. ביזן אַװעקפאָרן האָבן זײ געװוינט בײַ אונדז אין הויז, אױפן צװײטן שטאָק. דער זיידע האָט שױן דעמאָלט געלעבט אױפן טאַטנס קעסט. בײדן, און גאָר בפרט דער באָבע אסתּר, האָט גאָר שטאַרק געצױגן קײן ארץ־ישׂראל, כּדי דאָרט צו לעבן װיפל גאָט װעט געבן און צו רוען אין דער אײביקער רו אין יענער הײליקער ערד. און זײ האָבן זײער באַגער דערגרײכט. נאָר אין 17טן יאָר האָבן זײ זיך בײדע געשײדט מיט דער װעלט און געקומען צו קבורה אױפן באַרימטן בית־עולם, אױפן הר־הזיתים אין ירושלים. אַ פּנים אַז זײער טױט איז געקומען אױס הונגער, װײל די מלחמה האָט אָפּגעשאַפט אַלע מעגלעכקײטן זײ צו שיקן הילף. די פּושקעס פון רבי מאיר בעל־הנס האָבן דעמאָלט נישט געאַרבעט, און בכלל איז דער קאָנטאַקט געװען אָפּגעשניטן. און אױך דער טאַטע האָט אין יענער צײַט, פון זײַן גלות אין רוסלאַנד, גאָרנישט געקענט טאָן פאַר זײ. אַזױ אַרום האָט די מלחמה נישט נאָר צעטרײסלט מײַן משפּחה־פּאָזיציע, נאָר זי איז געװען דער דירעקטער גורם פון דער אבֿידה פון מײַנע זיידע־באָבע.

לאָמיר זיך אָבער צוריקקערן צו מײַן זשעלעכאָװער הײם. קײן סך בלײַבט שױן נישט צו דערצײלן, װײל גאָר אין גיכן האָבן מיר געמוזט אַװעקװאַנדערן פון שטעטל. דער טאַטע איז צוריקגעקומען אַ חרובֿער, און געטראָפן האָט ער די שטעטלשע עקאָנאָמיע דורכױס אַ צעשטערטע. אַלץ װאָס פריִער, איז געװען צעטרײסלט און צעבראָכן. דעם טאַטנס געשעפטן

בפרט, וועלכע זענען געווען אויסגעשטעלט אויפן צאַרישן רוסלאַנד, האָבן נישט געקענט אויפגעריכט ווערן נאָך דער איבערקערעניש. האָט דער טאַטע זיך אַנטשלאָסן אויפן משנה־מקום, און מען איז אַוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט, וואַרשע.

וואַרשע איז טאַקע נישט געווען זשעלעכאָוו, נאָר טאַקע אַ ריזן־שטאָט — דעמאָלט אַ מיליאָן איינוווינערס — אָבער אויך דאָרטן האָט זיך נישט געוואָלגערט קיין פרנסה אויף די גאַסן. דער פּראָצעס פון עפּעס געפינען איז נישט געווען לייכט. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען דעם טאַטנס קראַנקייט. און ווען ס'איז ענדלעך געקומען דער ריכטיקער דיאַגנאָז מצד די דאָקטוירים איז שוין געווען צו שפּעט. אין 21סטן יאָר האָט מען נאָך געהאַלטן ווייט, ווייט פון געפינען ווירקנדיקע מיטלען קעגן דער צוקער־קראַנקייט. און אַ טאָג פאַר ערב יום־כּיפּור האָבן מיר דעם טאַטן באַגלייט צו זיין אייביקער רו, אויפן גענשער בית־עולם, אין עלטער פון 58 יאָר.

✡

עד־כּאן — די פּרשה „מיין היים". ווייטער קומען שוין אַריין אין מיין ביאָגראַפיע די דערפאַרונגען פון אַ יידישן יונגן מאַן אין אונדזער צעשטורעמטן יאָרהונדערט. פּאָליטישע אומרוען, דראַנג נאָך עמיגראַציע, און נאָך דעם די עמיגראַציע גופא, צו ערשט קיין ארץ־ישראל, און לסוף אין דעם געבענטשטן קאָלאָמביע. אומעטום האָט דער גייסט פון מיין היים און פון מיין שטעטל מיך באַגלייט, ווי אַ טייערער שאָטן, אין וועלכן איך האָב אַלע מאָל דערקענט די שענסטע, דערהויבנסטע מאָמענטן פון מיין לעבן, פון וועלכע איך צי נאָך ביז היינט די יניקה.

היינט, ווען ס'זענען שוין מער ווי דריי יאָרצענדלינגער זינט די רוצחישע האַנט האָט פאַרווישט פון דער ערד דאָס יידישע לעבן אין יענע קאַנטן פון מיין קינדהייט, און בשעת מיין אייגן לעבן טרעט אַריין אין זיין באַשערטער שקיעה, ווענד איך צוריק דאָס בליק מיינס צום פאַרהייליקטן זכר פון מיין היים, און דערמאָן זי מיט בענקשאַפט און מיט יראת־הכבוד, און מיט דער שטילער האָפענונג, אַז אַ ניצוץ פון יענער פאַרגאַנגענער שיינקייט טליִעט נאָך אַלץ און וועט ווייטער לייכטן אין אונדזערע נייע ישובים, אונטער די באַנייטע לעבנס־פאָרמעס, וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען צו שילדערן אין די דאָזיקע ביכער מיינע.

אינהאַלט

אַריינפירוואָרט 9

דאָס לאַנד

די צווייטע אומאָפּהענגיקייט פון אַ נאַציע 15
דאָס הייליקטום פון פאַטערלאַנד 18
קאַראַקאַס דער ים־פּאָרט 24
פענצטער צו דער צוקונפט 28

יידישע אינסטיטוציעס

יידישע אינסטיטוציעס אין קאַראַקאַס 41
דער יידישער שולוועזן אין ווענעסועלאַ
ד״ר דוד גראָס, געניטער קאַפּיטאַן פון יידישן חינוך 66

געזעלשאַפטלעכע עסקנים

די משפחה מישקין 77
קלאַראַ שניידערמאַן 98
לעאָ שניידערמאַן 104
די לערנערס — היכגעשאַצטער נאָמען פון אַ יחוסדיקן שטאַם 111
עזרא לערנער 115
יוסף (כאַסע) לערנער 118
פרוי סורצע (שרהלע) לערנער 124

סימאָן באָליוואַר אין ירושלים

רעדע פון ווענעסועלער שרייבער מ. פּיגעראָאַ 128
רעדע פון יוסף לערנער 132
רעדע פונעם בירגערמייסטער פון ירושלים טעדי קאָלעק . . 137
באָליוואַר דער באַפרייער, אין ישראל —
רעדע פון ד״ר לויס ווילאַלבאַ־ווילאַלבאַ 139
הילאַ אָספעלד־אַקערמאַן 146
דער עסקן־וועטעראַן דאָן נ. גליזשיינסקי 151
ד״ר לעאָן וויזענפעלד אַן עסקן לשמה 157
סאַמועל מערענפעלד ע״ה 162
ד״ר ראובן מערענפעלד 165
די פאַמיליע יעגערמאַן — אַ ניי לעבן וואָס גייט אויף פון אַש
שמאי יעגערמאַן ע״ה 168

פרוי דאָראַ יעגערמאַן 171
ווילי יעגערמאַן 173
סאַמועל קולאַ־ראָזענבלאַט 177
„יוסף קריס פאָנד" פאַר אָרעמע סטודענטן אין ירושלים . . 184
ר' יוסף־דוד קריס ע"ה 187
ר' משה־פייוול קריס 194
דאַניעל דיינער 200
דאָס שיינדל פון אַ פּאַרצווייגטער משפּחה כלל־טוערס —
ד"ר לעאָן קלאַר 202
ר' ישראל קלאַר 203
חיים זיגעלבוים ע"ה 208
די משפחה עפּעלבוים 215
שלום עליכם — דער שרייבער און מענטש פון מאַקס עפּעלבוים 220
זאָלטאַן און ליאַ גאַספּאַר — אַ ברכה פאַרן ישוב . . . 222
סאַמועל מעלער — אַ פריינד אין קאַראַקאַס 229
העלאַ שלעזינגער — ווילנער גייסט אין קאַראַקאַסער השגות . 234
הערש קליינערמאַן 239
ר' משה לאַנדאַ 244
ר' קלמן לובאָווסקי 247
ישראל חדש צום 60סטן געבוירן־טאָג פון מאַקס פרייליך . 249
רבקהלע פרייליך 253
אלי אַבאַדי 259
מרים און דוד ווייס — אַ יחוסדיקע משפּחה 262
דוד ווייס 267
די טשעסטאָכאָווסקיס — פּעטער און זון 270
ד"ר יוסף גאָלדשטיין 274
פּראָפ' אברהם סטעמפּעל 277
ר' יצחק אַקערמאַן 280
ד"ר הלל איידעלמאַן ע"ה 283
ר' שלמה זאַבלאָדאָוויטש ע"ה 285
סימאָן (זישעלע) באַרגראַסער 289
אברהם הירשביין 292
חיהקע און מרדכי מאַרקוס 295
ראַקעל שמעלצער־קערן, אַ לאַנג און נוצלעך לעבן . . . 298
פעדעריקאָ שלעזינגער 302
דאָן כאַקאָבאָ שניידער 304
ר' אפרים שטיינמעץ 307
זאב דאַרער ע"ה 309
זשאַן קוסמוערש דער ביבליאָטעקאַר 312
רפאל ראָזענבערג 315
חיים רייף ע"ה — דער שרייבער און מענטש 317
דאָן עדואַרדאָ זאָנענשיין ע"ה 320
כאָסע (יוזי) קויפמאַן 323

רעליגיעזע און גייסטיקע מנהיגים

הרב פנחס ברענער פון דער קהילה אוניאָן 327
הרב שמואל ציוויאַק 333
הרב מאיר ראָזענבוים 338
ר׳ משה זילבערבערג — אַן אַאַזיס פון פרומקייט 343

דער נייער דור אינטעלעקטואַלן אין ווענעסועלאַ

דער נייער דור אינטעלעקטואַלן אין ווענעסועלאַ 349
סוסי איגליצקי 358
נעטי באַרגראַסער — אַ מוסטער פון קולטור־פלוראַליזם . . 361
ווענעסועלער ישוב טיילט צו די „פרעמיע פאַר מענטשנרעכט״
דעם שרייבער לויס ווילאַלבאַ־ווילאַלבאַ
רעדע פון שרייבער 366
סאַן־בערנאַרדינאַ 373

אַ שפּאַציר איבער דער נייער און אַלטער היים

מאַרק טורקאָוו — מנהיג און פאַלקסמענטש 381
חיים באַרילקאָ — דער אַרגענטינער חתן־התורה 389
תנא ווייסבראָד 394
ענריקע מינסקי ע״ה 397
סאַלאָמאָן זונדעל 399
די משפחה קאַפּלאַן 403
ד״ר סאַמועל פינקעלשטיין 407
איבער דרום־קאָלאָמביע 411
קאָפּל גרושקע — קעמפּער קעגן היטלעריזם 424
די ברידער ווישניצער 428
אַ פאַרגעניגן צו דינען כלל־אינטערעסן 431
אויף די וועגן פון די האַנדלס־רייזנדער 436
אָפּקלאַנגען פון צווייטן וועלטקריג 441
די יאָרן לויפן, אָבער זיי בלייבן אין אונדז... 445
„פאַרקע גאַיטאַן״, אַמאָל און היינט 450
אַ דיאַלאָג צווישן הימל און ערד 455

אייניקע געשטאַלטן פון מיינע זשעלעכאָווער לאַנדסלייט אין ישראל

מרדכי שפּייזמאַן 461
יהודה בן־שלום 467
נעמי אַבראַמאָוויטש (בן־שלום) ע״ה 475
משה צדוק (לערער) ע״ה 479
זכרונות פון אַ... פוטבאַל־עסקן 482

* * *

כאָרכע איסאַקס און „מאַריאַ" 490
קאָלומבוסעס מדינה 502
ענדערן די באַציונג צו יידיש !
אין שייכות מיט דער קאָנפערענץ פון וועלטראַט
פאַר יידיש און יידיש־קולטור 522
רעדע פון מחבר, געהאַלטן אין „בית סוקולוב" 529
מיין היים 531